מוזס ניגש במרץ לפעולה ויסד עם הרב ד״ר לנדסברג והמורה ז. פרויטהאל בקאטוביץ את האגודה לישוב ארץ ישראל „בני ברית״. גם בערים אחרות בשלאֶזיה נוסדו אגודות כאלה, שהיו מסונפות לאגודות בקאטוביץ. האגודה „בני ברית״ שמה לה למטרה לתמוך במושבות שיסדו היהודים הנרדפים על דתם [42]. בתקנון הרשמי, שאושר על־ידי המשטרה, לא צוין בפירוש שהכונה היא לישוב ארץ ישראל על־ידי היהודים. אולם ראש האגודה מ. מוזס פירש זאת במכתב מיוחד אל הרב ד״ר יצחק רילף [43]. מוזס ציין שיהודים הבאים בחשבון לעליה הם יהודי רומניה, רוסיה ומארוקו. ז. פרויטהאל כתב במכתבו אל ד״ר י. רילף מיום 4 לנובמבר 1883, שהוא כינס את הקבוצה הקטנה הראשונה ויסד את האגודה. זמן קצר לאחר יסודה, בחודש מאי 1882, היו לאגודה למעלה מחמישים חבר ובערים אחרות בשלאֶזיה — ששים חבר. האגודה התחילה מוציאה לאור בקאטוביץ שבועון (בגרמנית) מוקדש לעניני

40. המכתב מיום 6.3.1883 נמצא בארכיון הציוני המרכזי בירושלים.

41. „טמפלרים״ — אבירי ההיכל, מיסדר צבאי של נזירים אבירים שנוסד ב־1119. מושבו הראשי נמצא בארמון המלך בירושלים בסבי־בות המקדש (ההיכל). תעודתם היתה להגן על דרכי ההרים של עולי הרגל הנוצרים, הירבו להשתתף במסעי הצלב. המיסדר בטל במאה ה־14.

42. סעיף 1 של תקנון „בני ברית״ מיום 8 למאי 1882.

43. המכתב משנת 1882 נמצא בארכיון הציוני המרכזי. שם גם התקנון, שנדפס על טופס של כרטיס חבר. על הכרטיס רשומה ביד רשימת חברי הועד: מ. מוזס — יושב ראש, ז. פרויטהאל — מזכיר, אלכ. גולדשטיין — גזבר, יוסף שמידט ופ. קאמינה — חברים.

ארץ ישראל בשם „דאָר קאָלאָניסט". מ. מוזס סיפר מקץ 15 שנה לפי זכרונו[44], שהאגודה „בני ברית" בקאטוביץ נוסדה בהשפעת חברי הועד המרכזי בגאלאץ כבר בשנת 1880, וכן נוסדו בברלין והאללה לשכות של אגודות אחים „בני ברית" כדוגמת „בני ברית" בארצות הברית. הן פנו אל אגודות חובבי ציון „בני ברית" בקאטוביץ בהצעה להתאחד. ההצעה נתקבלה בתנאי שהעבודה למען ישוב ארץ ישראל תיעשה גם להבא. ובמכתבו הנ"ל של המורה ז. פרויטהאל אל הד"ר י. רילף מסופר, שהוא, פרויטהאל, היה מהמעוררים לייסד בגרמניה סניף של המיסדר „בני ברית" שמרכזו היה בארצות הברית. בקאטוביץ נוסד סניף של המיסדר במחצית חודש יוני 1883. פרויטהאל קיוה שמיסדר זה ישמש משענת לתנועה הלאומית. הוא רצה לייסד סניפים למיסדר גם ברוסיה[45]. האגודה עקבה בהתענינות רבה אחרי התפתחות התנועה ברומניה וברוסיה ועשתה לעזרתה ככל שיכלה.


באלול תרמ"ב (1882) עבר את קאטוביץ בדרך מסעו הרבי יצחק פרידמן מבוהוש. הוא נשאר שם ליום השבת. שלושה נציגים של האגודה „בני ברית" באו אליו, כדי לעוררו לפעולה למען ישוב א"י. אהרן מארקוס מקראקא, יהודי גרמני, איש מדע חשוב שהפך ל„חסיד" נלהב, עשה אז בקאטוביץ ושימש מתרגם בין הרבי לבין שלושת היהודים הגרמנים. השיחה נגמרה ללא תוצאות.

ב) הועידות למען ציון בקאטוביץ

האגודה לישוב א"י „בני ברית" בקאטוביץ, נטלה לידה את היוזמה להקים מרכז לתנועת חיבת-ציון בארצות השונות. רומניה היתה באותה תקופה הארץ היחידה שבה פעל ועד מרכזי. ברוסיה, שבה התחילו בשנת 1882 להיוסד אגודות של חובבי ציון, נתעורר אצל ראשי התנועה הרעיון שיש צורך במרכז. בספטמבר 1883 התקיימה באודיסה פגישה של מספר אישים, בתוכם ד"ר י. ל. פינסקר, מ. ל. לילינבלום, פרופסור צבי הרמן שפירא ופרופסור מ. מנדלשטאם, ובה הוחלט בדבר הצורך לכונן מרכז לתנועה. כן נקבע, שיש צורך לכנס בעוד שנה קונגרס, שיבחר בוועד-פועל. באוסטריה היו שתי אגודות בוינה, „אהבת ציון" ואגודת הסטודנטים „קדימה", ואגודה „אבן לראש פינה" בקראקא שבגאליציה. בשלאֶזיה עילית היו כמה אגודות בערים שמסביב לקאטוביץ, שהיו מסונפות לאגודה „בני ברית" בקאטוביץ.


האגודה בקאטוביץ החליטה לכנס ועידה של האגודות לישוב א"י בארצות השונות, כדי להקים ועד מרכזי עולמי ומוסד כספי לצרכי ההתישבות בא"י. הדאגה למושבות יהודי רומניה תפסה מקום בראש התכנון ובהקמת המוסד הכספי. בראשית ספטמבר 1883 שלחה „בני ברית" לאגודות חובבי־ציון בארצות, ואולי גם לאישים בודדים, הזמנות לועידה בקאטוביץ. בראשית פעולותיה במחצית החודש מאי 1882 עמדה האגודה „בני ברית" בקשרים עם וינה, וארשה, הרב שמואל מוהליבר בראדום, הד"ר מ. ליהמן במאינץ, הועד המרכזי בגאלאץ והד"ר סאלוונדי בדירקהיים. ביום 8 לנובמבר 1883, חודש וחצי אחרי הועידה המדוברת, עמדה כבר האגודה בקשרים עם הועד המרכזי בגאלאץ, „אהבת ציון" ו„קדימה" בוינה, הד"ר ר. בירר בלבוב, אגודות בוארשה, ביאליסטוק, אודיסה, רוסטוב ע"נ דון, מינסק, וילנה, ד"ר י. רילף, לייב קלישר,

44. במכתבו אל ד"ר מ. בודנהיימר מיום 12 ביוני 1897.
45. ראה „כתבים לתולדות חיבת ציון", כרך ג', מספר 1327.



קטוביץ — מרכז העיר

קאַטאָוויץ — שטאָט־צענטער



קטוביץ — באחד מרובעי העיר

קאַטאָוויץ — אין איינעם פון די שטאָט־קוואַרטאַלן

בנו של הרב צבי קלישר טהורן, וד"ר א. סלוונדי בדירקהיים, ד"ר רבינוביץ' ואליעזר לוי־בינג בצרפת.

מספר הצירים שבאו לועידה היה קטן. מחוץ־לארץ באו מלבד הד"ר ליפא ק., חבר הועד המרכזי בגאלאץ, רק עוד שני צירים מוארשה, עורך־הדין ישראל יאשינובסקי והסוחר ל. ב. מינץ; מקאטוביץ עצמה השתתפו חמישה אנשים, ועוד חמישה צירים באו מערים קטנות אחרות שבשלֶזיה העליונה. מ. מוזס, יושב־ראש „בני ברית" בקאטוביץ, הזמין אליו לארו־חת צהרים את ליפא ואת שני הצירים מוורשה. בזמן הארוחה נידונו כל הענינים העומדים על הפרק ונוסחו ההחלטות:

א) האגודות מגרמניה, פולין, רוסיה ורומניה חייבות לפעול ביחד.

ב) יוקם ועד־מרכזי לכל האגודות. מקום מושבו יהיה בקאטוביץ. לועד המרכזי תהיינה שלוש מחלקות (סקציות): 1) לגרמניה (ביחד עם אוסטריה); 2) לפולין ורוסיה; 3) לרומניה. בכל מחלקה יהיו 3 חברים (בידיעה על האסיפה הכוללת בקאטוביץ ב„המגיד" 1883, גל' 39, נמסרו גם החלטות הועידה. לפי הידיעה ב„המגיד" נבחר ועד מרכזי, שמקומו יהיה לעת עתה בקאטוביץ. מספר החברים 9, מהם 4 בקאטוביץ, 3 ברוסיה, 2 ברומניה.

ג) בענינים רגילים תפעל כל מחלקה באופן עצמאי. בענינים חשובים תבוא המחלקה בקאטוביץ במגע באמ־צעות חוזרים עם יתר המחלקות. בענינים חשובים ביותר תתכנס אסיפה של כל המחלקות.

ד) עשרה אחוזים מדמי החבר החדשיים של חברי אגודות חובבי־ציון יש להעביר לועד המרכזי בקאטוביץ.

ה) הועד המרכזי יוציא מניות על סך מיליון מארק, כל מניה בסך 10 מארק. כבסיס ישמש הלב היהודי.

ו) מכיון שבזמן הדיונים כבר היה ידוע, שנמצא נדיב המוכן לקבל על עצמו את התמיכה בשומרון ובראש־פינה, הוחלט שמטרת הועד המרכזי הוא לייסד מושבות חדשות. אם המושבות האמורות לא תקבלנה את התמיכה, יהיה מתפקידו הראשון של הועד המרכזי לתמוך בהן.

אחרי שהענינים נידונו בארוחת־צהרים בין ארבעת האנ־שים העיקריים שבועידה, נפתחה מליאת הועידה בשעה 2 אחה"צ על ידי מ. מוזס. ד"ר ליפא נבחר ליושב־ראש האסיפה. מברקי ברכה נתקבלו מוינה, מלבוב, מביאליסטוק וממו"ל „המגיד" דוד גורדון. נאמו באסיפה ד"ר ליפא, עורך־הדין ישראל יאשינובסקי וז. פרויטהאל. הוצע לשלוח ציר לארץ־ישראל. הועידה הקטנה עברה במצב־רוח מרומם. נידונו בה דרכים לקידום התנועה. ההחלטות בועידה היו בודאי ברוח ההחלטות שנוסחו לפני כן בביתו של מוזס. בפרוטוקול של האסיפה, שנשלח אח"כ בחוזר אל האגודות, נמסרו רק העיק־ריות שבהן: 1. יש לשאוף לכך, שכל האגודות ליישוב א"י תתאחדנה באיגוד אחד גדול; 2. לייסד חברה שתגייס הון לצרכי ההתישבות בא"י על ידי הפצת מניות או תעודות השתתפות. כל מניה בסך 10 מארק. הועידה בחרה בועדה, שעליה הוטל להכין הצעת תקנונים לאיגוד האגודות ולחברת המניות. בדעת המארגנים היה לכנס ועידה שניה בסוף שנת 1883. „חובבי ציון" ברוסיה דרשו לא להיחפז בכינוס ועידה שניה שתבחר בועד מרכזי. עמדה על כך בעיקר האגודה לישוב א"י באודיסה. היא סברה, שיש תחילה לייסד ברוסיה, הישוב היהודי הגדול ביותר, אגודות בעלות השפעה. על כן הציעה לחכות עד הסתיו של השנה הבאה. הועידה הגדולה של חובבי־ציון בארצות שונות נתכנסה כעבור שנה בקאטוביץ, ואז הונח היסוד למרכז התנועה כולה.

בימי י"ח—כ"ג מרחשון תרמ"ה, ביום יובל־המאה של משה מונטפיורי, נועדה לקאטוביץ הועידה של אגודות חובבי־ציון בארצות שונות. בועידה זו צריך היה לקום המרכז שעליו דובר לפני שנה בועידה הקטנה המוקדמת. תיאור מהלך הועידה נמסר בפרוטוקול של הועידה, שאינו אלא פרוטוקול מקוצר. היה בולט במהלך הועידה הניגוד בין הצירים מגרמניה לבין הצירים מרוסיה. פרויטהאל בא עם תכנית מודפסת ומחושבת יפה ורצה לנהל את הישיבה לפי הסדרים הנהוגים בגרמניה. כנגדו נטו הצירים מרוסיה לנהוג דרך „אסיפה" רועשת. הנהלת הישיבה נלקחה מידי פרויטהאל, ונבחרה ועדה שעליה הוטל



קטוביץ — כיכר השוק

קאַטאָוויץ — מאַרקפּלאַץ



קטוביץ — ארמון הנוער

קאַטאָוויץ — דער פּאַלאַץ פאַר דער יוגנט

לנסח את ההצעות שהוגשו. דוד גורדון מסר בועידה דין־וחשבון מביקורו בלונדון ובפאריס. הוא סיפר, שיהודים עשירים במערב אירופה רוצים לסייע לישוב א״י; אם המתישבים יוכיחו את כושרם להיות חקלאים, יבוא סיוע בקנה־מדה גדול ביותר. לחובבי־ציון לא היה כסף, ובפאריס יעצו להימנע לעת־עתה מיסוד מושבות חדשות. הציעו לועידה לבחור בועד שיוציא לפועל את הצעותיו של דוד גורדון. עם סיום הועידה נתקבלה הצעתו של ק. ז. ויסוצקי: יצירת קרן לקידום התעשיה בא״י.

ג) הציונים הראשונים בסוסנוביץ

בסוסנוביץ נוסדה האגודה הציונית הראשונה בשנת 1898 ויוזמה היה משוררנו ח. נ. ביאליק שישב אז בסוסנוביץ ועסק בהוראה. עם המייסדים נמנו גרשון סטבסקי (אחיו של הסופר הארץ־ישראלי משה סתוי) ויעקב וינברג וקמפינסקי (ציר ציוני סוסנוביץ לקונגרס הציוני הרביעי בלונדון), משה גרשון פלדשטיין (פליטוניסט „הצפירה״ ו„היינט״ בכינוי רבי משה), בריש פרגר, וילבושביץ, ורונצברג, פרנקל, ודובינסקי ואחרים. אחר כך נוסדה אגודה כזו גם בבאֶנדין. הציונים הראשונים בבאֶנדין היו ברובם יהודים ליטאים שישבו בעיר.


בחנוכה תרנ״ט נערך „נשף חנוכה״ ציוני ראשון במועדון הציוני הראשון בסוסנוביץ שאליו הוזמנו ציוני כל זאגלמביה. ביאליק הירצה את ההרצאה הציונית הראשונה בזאגלמביה, שהיתה עשירה בתוכן ובדמיון פיוטי. הפעולה הציונית העיקרית בשנים 1899—1900 היתה הפצת מניות של הקולוניאל־בנק היהודי בלונדון. באֶנדין הצטיינה בפעולה זו יותר מסוסנוביץ, והיא הפיצה את המספר הגדול ביותר של מניות. בסוסנוביץ נמכרו 25 מניות, בעוד שהפירמה הנדל נונברג בלבד בבאֶנדין חתמה על 50 מניות. תשלומי המניות היו בשיעורים. פעולה זו נעשתה בחשאי, ובכל זאת נודע הדבר למושל המחוז דנילצ׳יק. הוא הזמין אליו את ראשי האגודה, שהסבירו לו את הענין, והוא לא אחז נגדם בשום פעולה.

במשך הזמן נוספו כמה עסקנים צעירים לציונות, שהחשובים בהם היו הד״ר ויסמן וקליינינג. בשנת 1903 התקיים הקונגרס הציוני הששי בבזל, וגרשון סטבסקי נשלח כציר ציוני סוסנוביץ ונובורודומסק. באותו קונגרס הועלתה, כידוע, שאלת אוגנדה, וחובבי־ציון הותיקים התנגדו להצעה, ואף סטבסקי נימנה עם המתנגדים, בעוד שצירי באֶנדין וצ׳אֶנסטוכוב הצביעו בעד הצעת אוגנדה.

רושם עצום עשתה פטירתו של הד״ר הרצל בוינה ביום כ׳ תמוז תרס״ד (1904). בהלויתו השתתפה משלחת יהודי רוסיה־פולין בת 12 חברים, ובה שנים מזאגלמביה: סטבסקי מסוסנוביץ ושלמה פרנקל מבאֶנדין.


בשנים 1903־5 עבר משבר חמור על הציונות, ואף בזאגלמביה הורגש רפיון בפעולה הציונית. הנוער שנספח לאגודה בשנות 1899—1900 עזב את המחנה עם פרוץ המהפכה הרוסית בשנים 1904־5, שאז נוסדה מפלגת ס.ס. (ציונים סוציאליסטים). אכן במסגרת מפלגה זו לא נשארו, בהרחיקם לנדוד עד ה„בונד״. במיוחד הורגשה ירידה בפעולה הציונית בסוסנוביץ אחרי שבשנת 1905 עזבו את העיר שנים ממנהיגיה החשובים: הד״ר ויסמן ויעקב וינברג. במרוצת הימים נצטרפו לציונות בני־נוער מבתי התפילה של החסידים, ובהם תפס מקום ניכר העסקן ישראל משה וינרב, חסיד גור לשעבר. כן הצטרף לשורות הציונים בסוסנוביץ ר׳ מאיר פרענק מזאבירצ׳ה. בבאֶנדין עמד בראש הציונים העסקן אברהם ליוור. ציוני סוסנוביץ עמדו בקשרים הדוקים עם ארגוני הציונים בשלאֶזיה־עילית והיו מזמינים אותם לכל החגיגות הציוניות הלאומיות.

בקונגרס הציוני התשיעי שהתקיים בהאמבורג בדצמבר 1909 השתתפו שני צירים מזאגלמביה; וינרב מסוסנוביץ



התיאטרון ע״ש ויספיאַנסקי, נבנה בשנת 1907

טעאַטער־געביידע „וויספיאַנסקי״, געבויט אין 1907



מכרה־פחם הישן ביותר „קטוביצה״

די עלטסטע קוילן־גרובע „קאַטאָוויצע״ אין קאַטאָוויץ

ופראגר מבאַנדין. ברם, אז חל פילוג פוליטי בין הציונים: אגף ציוני גרמניה עם דוד וולפסון, היינריך לווה, פרופסור ווארבורג בראשם, ואגף ציוני רוסיה עם אוסישקין, ד״ר צ׳לנוב, טיומקין, כהן־ברנשטין, ועוד. האגף הגרמני השפיע על צירי זאגלמביה לעמוד לצדם ולהצביע אתם יחד בקונגרס. ברגע האחרון, אחרי מו״מ עם המרכז הציוני בווילנה, חל שינוי בעמדת צירי זאגלמביה.

עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה נשתנו התנאים והציונים יכלו לפעול בגלוי. אז החלה תקופה חדשה ופוריה בציונות של סוסנוביץ וזאגלמביה.

33. קאטוביץ — עיר כינוס־יסוד של אגודת־ישראל העולמית

הד״ר כהן מבאזל קורא לשיחרור מעול הציונות הכופרת... — אסיפת־יסוד של אגודת־ישראל בקאטוביץ ב־1911 — גדולי רבני רוסיה בקאטוביץ — צירים מערי זאגלמביה בכינוס — ב־1912 נוסדה בקאטוביץ הסתדרות החרדים — הרב גרויבארט מבנדין הרצה בועידה — פרשת פועלים יהודים במכרות שלזיה בדיון הועידה — השפעת זיגפריד וינר בכינוס — סטיית ה„אגודה״ מעליה לא״י ועיסוקה „בחיי שעה״ — מלחמת ה„אגודה״ בציונות ובלאומיות — הישגי ה„אגודה״ בזאגלמביה בחינוך ובארגון.

מאז ועידת חובבי ציון בקאטוביץ בחשון תרמ״ה (1884) נחשבה זו ל„עיר־ציון״, ומאז התנוסס שמה לתפארת בהיסטוריה הציונית. עברו 28 שנים, והחרדים של ארצות המערב, בשאיפתם להתארגן לשם פעולה מעשית, עם כל יחסם השלילי לציונות וללאומיות החילונית, למדו להוקיר את הטוב והמועיל שבהן. גם בנוגע לקביעת עיר הכינוס ליסוד תנועת אגודת־ישראל העולמית החרו־החזיקו אחרי הציונים ובחרו בקאטוביץ, במצאם אותה ראויה מכל הבחינות לכינוס רבנים וחרדים, נציגים ועסקנים מארצות שונות. קאטוביץ נחשבה לשער איזור זאגלמביה הרוסית, ובכל הכינוסים בקאטוביץ השתתפו נציגים לא־מעטים מערי זאגלמביה. טבעי הדבר שגם בכינוס של אגודת־ישראל השתתפו מסלתם ומשמנם של החרדים בזאגלמביה.

אילו היו הגורמים לכינוס החרדים? עוד כשנוסדה בפאריס לפני עשרות שנים הסתדרות „כל ישראל חברים״ התנגד הרה״ג שמשון רפאל הירש בתוקף לשאיפות ההסתדרות הזאת. בינתיים נוסדה הסתדרות יהודית עולמית אחרת, ההסתדרות הציונית, שחרתה על דגלה את סיסמת היהדות הלאומית, וכפי שאפשר היה לחזות מראש — כך מנסים להסביר ראשי היהדות החרדית בגרמניה — הכריזו כל גדולי התורה וכל הרבנים, פרט למעטים יוצאים מהכלל, על תנועה זו שהיא בבחינת „כפירה בעיקר״. הד״ר אברהם הירש, מראשי החרדים בגרמניה, מעיד שהוא כשלעצמו לא היסס לכנות בדרשותיו תנועה זו שיש בה כביכול משום „חילול השם״, כשם שלא היסס מלהאשים אפילו את היראים שהתארגנו בשם „מזרחי״ שהם מחזקים ידי עוברי עבירה. והוא שאל את עצמו: „האם עלינו למסור את הענינים החשובים ביותר של כלל ישראל לידי אנשים, שלצערנו — מבחינה דתית הלכתית — אין אנו יכולים ורשאים לרחוש להם אמון? האם עלינו להמשיך להשקיף מרחוק ולהשאיר בידי אחינו בעלי מגמות מנוגדות את תפקיד ,מושיעי ישראל׳? לא ולא. עלינו סוף סוף להגיע לעצמאות, לקחת בידינו את הנהלת ענינינו היקרים והקדושים ביותר. המטרה הראשונה והחשובה ביותר של אגודת ישראל צריכה להיות לעורר בלבב כל החרדים לדבר ה׳ את הכרת עצמאותנו״.

הגורם המעשי שנתן את הדחיפה להגשמת רעיון „אגודת־ישראל״ שימש הקונגרס הציוני העשירי, שהתכנס בבאזל באוגוסט 1911 (סוף תרע״א). כתוצאה מכשלונות הציונות ההרצלאית בשטח המדיני הכריז הקונגרס והבליט את אופיה הרוחני־התרבותי החילוני של התנועה הציונית וקיבל שורה שלמה של החלטות למען עבודת התרבות בעתיד, על אף ההתנגדות החריפה של „המזרחי״ שראה בהן התנקשות חמורה בתורה הקדושה ואיים לצאת מההסתדרות הציונית. המרכז העולמי של תנועת „המזרחי״ נמצא בימים ההם בפראנקפורט ואליו השתייכו אישים שהתיחסו בכובד־ראש להשקפתם הדתית וצידדו ביציאה קולקטיבית מההסתדרות הציונית של כל הנאמנים לדבר ה׳. באותם הימים פירסם הרב ד״ר כהן מבאזל מאמר ב„איזראליט״ בשם „צו השעה״ שעשה רושם עצום בכל החוגים הדתיים במערב אירופה.

„הגיעה השעה — כתב הד״ר כהן — להקים את הארגון העולמי של עם התורה, כפי שהוחלט בהמבורג על ידי איחוד עם אנשי ,המזרחי׳ לשעבר, המשתחררים מעול הציונות הכופרת״.

בלחץ דעת הקהל הזדרז „הועד הזמני״ של החרדים המערביים לעשות נסיון חדש. ארבעה עסקנים חשובים מראשי המזרחי: הד״ר יעקב פויכטוואנגר, הפרופסור אדולף ווייל, ברוך שטרן ויעקב יואל בראון, מזכיר המרכז העולמי של המזרחי, צורפו ל„ועד הזמני״ למרות שלא עלה בידם לשכנע את חבריהם מהנהלת „המזרחי״ שיעזבו אף הם את ההסתדרות הציונית. יעקב יואל בראון היה למזכירה הראשי של ה„אגודה״ וניגש לפעולה תוך התלהבות רבה. הישיבה בפראנקפורט בסוף אוקטובר 1911 (תרע״ב), שבה השתתפו 47 צירים מראשי היהדות

החרדית, הכינה את אסיפת היסוד בקאטוביץ. מאידך יש לציין שבחוגי גדולי התורה ברוסיה לא חשבו אז כלל וכלל לצאת במלחמה פוליטית גלויה נגד הציונות, כי טרם ראו אז שם בתנועה הציונית סכנה גדולה ביותר לטוהר האמונה. ממאות רבני רוסיה בעלי ההשפעה בימים ההם השתייכו בס״ה רק שלושה ל„מזרחי״ (הרב ריינס מלידא, רבי גדליה שמלקס מפשמישל והרב ש. י. רבינוביץ).

לאסיפת קאטוביץ הוזמנו נציגיה הנעלים ביותר של היהדות החרדית מרוסיה, גאליציה, הונגריה וארצות המערב. 228 איש נענו להזמנת הועד הזמני של אגודת ישראל והשתתפו בועידת מתוך כוונה טהורה, לשם שמים, כדי להקים מחדש את עם התורה, את אירגון עם ישראל שהתורה היא נשמתו. הלשכה של הועידה נמצאה בביתו של הד״ר זיגפריד וינר, אישיות ידועה ביהדות שלאֱזיה עילית. מרוסיה באו הטובים והמפורסמים בעולם הרבנים: רבי חיים סולובייצ׳יק מבריסק, רבי חיים עוזר גרודזנסקי מוילנה, רבי יצחק ראבינוביץ מפוניבז, רבי אליעזר רבינוביץ ממינסק, הרב יחזקאל ליפשיץ מקאליש, הרב יששכר בר גרויבארט מבאֶנדין, הרב פיינשטיין מפרוז׳אני, הרב אליהו עקיבא רבינוביץ מפולטאבה, וכל ועד האורתודוכ־סים מוארשה. מהיהדות החרדית בארצות המערב באו נציגים בעלי תואר רבנים ודוקטורים בעלי עבר במורשת התרבות ששמותיהם פורסמו מפעם לפעם בדפי כתבי־העת של היהדות המערבית. מזאגלמביה באו: פנחס לייב בוכוויץ מבאֶנדין, הרב פ. גרויבארט מבאֶנדין, בריש פרגר מבאֶנדין, מר ד. וולנרמן מבאֶנדין, א. לוונשטיין מסוסנוביץ, הרב ישעיה אנג־לארד ממונדזיוב, הרב ד״ר וינטר ממיסלוביץ. ואילו מקאטוביץ בלבד הופיעו כנציגים: יוסף אלטמאן, הרב ד״ר כהן, טוביאס דניאל, יצחק ארליך, א. פודלבסקי, האנס ק. קורנבלום, זיגמונט קורנבלום, יצחק מרכוס, הרב ד״ר ניכקובסקי, יוליוס גוטמן, מכס גוטמן, ד״ר יוסף אונה, שלמה וינר, ל. זיסלוצקי, מלבד נציגי הערים הסמוכות כמו קניגסהוטה, ניקולייו, זאבזשה ועוד.

היו שנבהלו מפני הכנסיה בקאטוביץ, הביטו עליה בעין רעה וכתבו עליה שטנה וקטרוג הן ממחנה המתבוללים והן ממחנה ציונים הראדיקלים. והיה מי שאמר, כי אי־אפשר שיהודים נאמנים ומצפים לישועה יתנגדו לתנועת הישוב בא״י, וכי אגודה הדשה זו צריכה להשלים עם הציונות ולמלא את החסרון שבה לפי דעת החרדים, ולא לראות בה צוררה ומתנג־דת. וכן צריך להיות גם יחס הציונות אליה. על הציונים להודות, שכשם שיש הסתדרויות ליהודים לאומיים (ציונות, יט״א, הסתדרות לשפה ולתרבות), כך נחוצה הסתדרות גם ליהודים הנאמנים למסורת. מה תהיה קאטוביץ לחרדים? חברי הועד המסדר ציפו כי העיר תהיה לחרדים מה שהיתה קאטוביץ לחובבי הישוב בארץ־ישראל, וכי כעבור כ״ה שנים יוחג גם בה חג לזכר היום שבו נאספו ראשונה בעיר זו העומדת על גבולן של שלוש ארצות המרובות אוכלוסי ישראל.

העדר אדמו״רים באסיפת קאטוביץ היה מורגש על כל צעד ושעל. לא היתה סמכות אחרת זולתי הסמכות של התרבות, של יסודות אירופיים זרים, לא סמכות פנימית, עברית, קדושה ונערצת. האדמו״רים לא באו.

על כל פנים, יום י״ג בסיון תרע״ב היה יום היסטורי גדול ורב ערך, שבו נוסדה בקאטוביץ הסתדרות החרדים, היא העיר שכבר תפסה מקום חשוב בדברי ימינו בדור האחרון. היא היתה ערשה גם של הציונות החדשה. והיו שהתפללו שקאטוביץ של החרדים לא תהיה שטן לקאטוביץ של הציונים, ולא תהיה ביניהן כל קטטה ושנאת־חינם או פגעים אחרים.

הפותח הרשמי של ועידת קאטוביץ היה ד״ר אברהם הירש, שהביע את שמחתו העמוקה על שזכה לראות את היום הזה שבו התכנסו במספר רב לוחמי התורה וביניהם גאונים מפורסמים, יחד עם אנשי מעשה, כדי לשתף עצה ופעולה ביסוד המפעל הגדול להרמת קרנה של היהדות המסורתית.

„מטרה גדולה מרחפת לעינינו. אנו רוצים להגשים גם בעניני כלל־ישראל את מה שכל אחד מקיים בחייו הפרטיים: חיים על יסוד התורה. התורה היא אידיאל חיינו, והיא תאיר לנו את דרכנו. אנו חיים לפי האידיאל שלנו בארצות שונות, במזרח או במערב, בצפון או בדרום. אבל למרות שצורת חיינו החיצונית שונה היא, אנו רוצים להתאחד סביב האידיאל שלנו, ועל ידי התאחדותנו אנו רוצים להגשים את האידיאל הישראלי, ולכן אנו קוראים להתאחדותנו בשם „אגודת ישראל״. מבחינה דתית אין אנו מבחינים בין יהודי גרמניה, גאליציה, רוסיה או הונגריה. אנו רוצים להדגיש את המאחד אותנו, את מה שממלא את תוכן חיינו, ואנו רוצים להרוס את המפריד בינינו. מאחורינו בכל ארצות הגולה עומדים מיליוני אחים שהם חברים לדעה לנו. דבר זה ממלא אותנו עוז ומגביר את כוחנו״.

ענין מיוחד לנו בזה למסור את הרצאת הרב מבאֶנדין הרב יששכר בר גרויבארט, שנחשב כרב הכללי של חבל זאגלמביה, וכה היו דבריו:

„בכינוס נציגי היהדות החרדית מכל ארצות תבל המתקיים היום הנני רואה אתחלתא דגאולה. אנו מתפללים יום יום: ,תקע בשופר גדול לחרותנו׳. לפי דברי הרמב״ם משמעותו של השופר היא גם ,עורו ישנים משנתכם והקיצו מתרדמתכם׳ וכו׳. וכך הוא גם עם אגודת־ישראל. אף אנו היינו מוטלים זמן רב בשנת תרדמה, באדישות מוחלטת. במו עינינו ראינו את בנינו ובנותינו בעזבם את שורותינו ושתקנו, כאילו אין הדבר נוגע לנו. ועכשיו בהגיע אלינו קריאתה של אגודת־ישראל קבלנו אותה כקול שופר המ־עורר אותנו למלא את יעודנו. אך טרם נשמע קול שופר גדול. טרם התעורר כלל ישראל כולו. רק התחלה נעשתה: המנהיגים נתעוררו, ובעקבותיהם תלך בעזה״י כל עדת יעקב, ואז נזכה לשמוע ,שופר גדול לחרותנו׳.

כשם שהחלטנו היום לנקוט צעדים לחיזוק חומת הדת, לשמירה על הנוער שלנו, כך עלינו גם להשתדל ליצור אמצעי עזרה כדי להקל מעל המצוקה הכלכלית בה מוטל כעת חלק גדול של היהדות החרדית, כי מחוץ לירידת קרן התורה, המצוקה הכלכלית, היא היא המשפי־עה על החוגים הרחבים של הנוער לזלזל במצוות הדת,

וביחוד לחתור תחת יסוד אמונתנו על־ידי חילול שבת קדשנו.

על־כן הנני מציע להכליל בתכניתנו, ליד הפעולות להשתדל ליצור תנאים כלכליים להמוני עמנו, בל יוכרחו להגר לארצות בהן יתחילו לחלל את השבת ולזלזל בכל מצוות התורה. עלינו לדאוג לספק עבודה לנוער העובד שלנו בצורה שתאפשר לו לשמור את השבת ולהיזהר ממאכלות אסורות. על ידי זה תתחזק האמונה ונחיש את היום בו נוכל לשמוע את ,השופר הגדול לחרותנו׳״.

גרוסברג מלודז׳ תיאר את מצבם החמור של הפועלים היהודים בפולין, בהדגישו את העובדה כי בין התעשיינים היהודים ישנם כאלה המחרימים את הפועל היהודי ומעבידים אותו בשכר עבודה נמוך של רעב, כך שאלפים מחוסרי עבודה ורעבים ללחם.

הוא העלה גם את פרשת הפועלים היהודים במכרות הפחם בשלֶזיה עילית, שלפי הידיעות הם מועסקים במכרות בתנאים טובים, שמספקים להם אוכל כשר ואינם עובדים בשבת. הנואם פנה ל„ועד הזמני״ בבקשה להתענין במצב הפועלים היהודים בפולין, והביע משאלתו שקהילת לודז׳ תש־תתף במימון התכנית והבטיח לשתף פעולה.

הד״ר פראנק מאלטונה, מחברי המרכז העולמי של ה„מז־רחי״, עזב אחרי הקונגרס הציוני העשירי את ההסתדרות הציונית יחד עם ארבעה חברי המרכז העולמי של „המזרחי״ בפראנקפורט, וכולם הצטרפו אליו בפעולות לקראת יסודה של „אגודת־ישראל״. אך הד״ר פראנק והצייר הידוע הרמן שטרוק לא הסיקו אח״כ כל מסקנה מיציאתם את ההסתדרות הציונית. הוא נשאר בהנהלת ה„מזרחי״, ובודאי היתה כוונתו לשם שמים, כי אין להטיל כל ספק באמונתו וביראתו הטהורה. בהתחלת נאומו דחה הד״ר פראנק את האשמה הבלתי נכונה שרבים מבין משתתפי הועידה הנאמנים על המחנה הציוני באו לקאטוביץ בכוונה לחבל ביסודה של „אגודת ישראל״; אנו קדמנו בברכה את הועידה הזאת, ונעמיד את כל מרצנו לרשות ה„אגודה״. עצם העובדה שה„ועד הזמני״ הזמין כמה מאנשי ה„מזרחי״ בתור יחידים מוכיחה שרוחשים להם אמון. יש על כן להצטער על שאחד הנואמים הביע חשד זה. ידידיו לא הת־כוונו להביא לדיון את הבעיה הציונית ואין הם אחראים לדיון זה. לדעת הנואם, האנשים הנאבקים בתוך ההסתדרות הציונית למען רעיון היהדות הדתית, עושים זאת מתוך הרגשה פנימית, ויש לראות בהם בני ברית המתווכים בין החרדים לדבר ה׳ לבין אחיהם שהתרחקו מהתורה. כל המגמות הארגוניות בתוך העם היהודי בתקופה החדשה הן פרי הפעולה הציונית. מבחינה זו למדו כולם מהציונים, ואין זה נכון להתקיף אותם. אנו רוצים לשתף פעולה בתור חברי ה„מזרחי״ ואנו מקווים שלא רחוק היום שבו „אגודת־ישראל״ תכלול באמת את כל אלה המתכנסים מסביב לדגל התורה.

לבסוף הביע הד״ר א. הירש את תודת הועידה לקהילה היהודית בקאטוביץ על מידת הכנסת האורחים היפה שנהגה בה ולועד המקומי בראשות מר זיגפריד וינר, שנחשב לאישיות מכובדת בקאטוביץ גם בקהילה היהודית וגם בשלטון הגרמני, שטרח ויגע הרבה להצלחת הועידה.

✡

למעלה מחמישים שנה עברו מאז הונחה בקאטוביץ, בגבול שבין יהדות המזרח והמערב, אבן הפינה לבנין הגדול של ארגון היהדות החרדית העולמית, בתור נושאת רעיון התורה. היה זה מעשה היסטורי רב, שבו בא לידי ביטוי הרצון להקים מחדש גוף אחיד, שכבר בתקופת התהוותו ימשוך אליו את כל התאים היהודים החיוניים הנפוצים בארבע כנפות הגולה ויחדיר בהם רוח לאומית הנובעת ממרכז הנפש של הכלל, מהתורה. אך אחרי שנתיים, בקיץ תרע״ד, פרצה מלחמת העולם הראשונה, ובשנת תרע״ז פירסמה הממשלה הבריטית את „הצ־הרת בלפור״ שפתחה את שערי ארץ־ישראל לפני יהודי כל הארצות. שוב לא הרגיש ה„מזרחי״ את עצמו קשור ל„אגודת־ישראל״ ששינתה את צביונה ותכניתה, ובמקום לעזור לעליה לארץ־ישראל ולכבוש עמדות כלכליות נקטה שיטת התנגדות לארץ־ישראל, וגם ל„מזרחי״ הציוני שהטיף לעליה רחבה ולכי־בוש עמדות בעבודה ובהתישבות על ידי ייסוד מושבים וקי־בוצים דתיים. ה„מזרחי״ הזניח את עבודתו הארגונית בגולה וריכז כל מאמציו בעליה ובכיבוש עמדות בארץ־ישראל. ואילו „אגודת־ישראל״ סטתה מהפרוגרמה שהציבה לה בקאטוביץ ועסקה „בחיי שעה״, בעבודה בגלות. לפני מלחמת העולם השניה היתה „אגודת ישראל״ אחד הכוחות הראשיים בציבו־ריות היהודית בעולם, היו לה סניפים בעשרות ארצות ומספר חבריה הגיע למחצית המיליון. ובעיקר היה כוחה גדול בקרב היהדות החסידית באירופה המזרחית. בתקופה ההיא נלחמה „אגודת־ישראל״ בציונות ובתנועה היהודית הלאומית בכללה.

גם באיזור זאגלמביה זכתה פעולתה החינוכית של „אגודת־ישראל״ להישגים ניכרים בהקמת רשת בתי־ספר עממיים ותי־כוניים לבנות בשם „בית יעקב״. התנועה עמדה לימין מוסדות „תלמוד תורה״ ופעלה למען ההכרה הרשמית במוסד זה מטעם רשויות החינוך. „אגודת־ישראל״ הקימה גם תנועת נשים „נשי אגודת ישראל״ ותנועת נוער „צעירי אגודת ישראל״, „נוער אגודתי״, „עזרא״, „פרחי אגודת ישראל״, „בנות אגודת ישראל״ ו„בתיה״.

אין גערא<U+05B7>נגל פון דורות

געשיכטע פון סאָסנאָוויץ און זאַגלעמביע

פון מ. ש. גשורי

1. אַ געמיש פון דאָרף און שטאָט

פון אַלע שטעט און דערפער אינעם זאַגלעמביער געביט איז סאָסנאָוויץ פאַררעכנט ווי די ייִנגסטע. זי האָט נישט אַזאַ רייכע פאַרגאַנגענהייט ווי בענדין, שעווער, טשעלאַדזש און מאַנדזיעוו און אפילו נישט ווי דאָס אַלטע שטעטל ניווקאַ. די סאָסנאָווצער ערד וואָלט געקענט אַ סך דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך אויף איר אָפּגעטאָן זינט זי איז נאָך פאַרן צענטן יאָרהונדערט אַריבער אינעם באַזיץ פון פוילן. פאַרשידענע אַרמייען זענען דאָ דורכגעגאַנגען, וויכטיקע געשעענישן האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט. דאָך האָט סאָסנאָוויץ באַוויזן אויסצומיידן אַ גאַנצע ריי פּאָליטישע געשעענישן.

סאָסנאָוויץ האָט אויסגעמיטן צו זען די זעלנער פון דזשינגיס־כאַן, וואָס האָבן אויף זייערע קליינע און געשיקטע פערדלעך גאַלאָפּירט אין אָנהויב פון דרייצנטן יאָרהונדערט פון ווייטן מאָנגאָליע ביז איבער דעם נידערשלעזישן ליגניץ, ביים צוגאַנג צו בערלין.

סאָסנאָוויץ האָט נישט דורכגעמאַכט די פּיין פונעם פּיאַסטישן בירגער־קריג און נישט די פּאָליטישע געשעענישן פון זעלבשטענדיקן פוילן ביז אירע דריי צעטיילונגען דורך אירע שכנים: עסטרייך, פּרייסן און רוסלאַנד.

סאָסנאָוויץ האָט זיך אויך נישט באַטייליקט אין פּוילנס אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד אונטער דער אָנפירונג פון קאָשטשושקאָ, איז אויך נישט אַנטקעגנגעגאַנגען די אַרמייען פון גרויסן נאַפּאָלעאָן, וואָס האָבן נאָכגעיאָגט די רוסישע אַרמייען ביז נאָך מאָסקווע.

די דאָזיקע און אַ סך אַנדערע פילפאַרביקע געשעענישן, וואָס זענען אַריבער איבער פוילן, האָבן נישט אָנגערירט סאָסנאָוויץ. ערשט אייניקע צענדליקער יאָרן פאַרן ערשטן וועלט־קריג אין 1914, האָט זיך סאָסנאָוויץ אויפגעוועקט ווי פון אַ לאַנגן שלאָף און ברייט געעפנט די אויגן. ערשט נאָך דעם ווי רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן צו רעזומירן די לאַנגיאָריקע אָקופּאַציע אין קאָנגרעס־פוילן, נאָך דעם ווי די סאָציאַליסטישע אויפרודערונג האָט אָנגעהויבן זאַמלען כוחות אויף צו פאַרמעסטן זיך קעגן דעם רוסישן אימפּעריאַליסטישן רעזשים, קעגן דער פעאָדאַלער אונטערדריקונג — ערשט דעמאָלט האָט סאָסנאָוויץ דערוואַכט, דערפילט דעם אָטעם פון די וויזיעס, וועלכע האָבן דורכגעשוועבט איבער דער שטאָט און זייט דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן פאַרנעמען אַן אָרט אין דער געאָגראַפישער אוןווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פונעם פרוכטבאַרן זאַגלעמביע.

פאַרוואַנדלט פון אַ דאָרף אין אַ שטאָט האָט זיך סאָסנאָוויץ נאָך אין די צייטן פון צאַרישן רוסלאַנד. דעמאָלט האָט די שטאָט אויך דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנג צו דער גרויס־אינדוסטריע, ווי אַ נייע שטאָט האָט סאָסנאָוויץ געצויגן נוצן פון דער עקאָנאָמישער דערוואַכונג אין דער לעצטער תקופה פונעם צאַריזם. עס זענען אַנטשטאַנען פאַבריקן, קוילן און אַרץ־גרובנס, עס האָט זיך אויסגעברייטערט די נעץ פון אייזנבאַן־ליניעס. סאָסנאָוויץ איז געוואָרן אַ צענטער פון צוויי צענטראַלע באַן־ליניעס אין רוסיש־פוילן און האָט געדינט אַלס קאָמוניקאַציע־פונקט פאַר די הויפּטשטעט פון עסטרייך און פּרייסן. דאָס אַלץ האָט געווירקט אויפן אַנטשטיין פון אינדוסטריעלן אַרבעטער־קלאַס אין שטאָט און סביבה און אים פאַרוואַנדלט אין אַ לעבנס־נערוו פאַרן גאַנצן ראַיאָן.

די צייטן פונעם צאַר ניקאָליי דעם 2־טן, האָבן אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג געהאַט אי גינסטיקע אי פאַטאַלע השפּעות. פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט האָט די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד געווירקט אויף די ייִדן אין דער ריכטונג צו ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אַלגעמיינער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. אַ באַשרענקטער העכערער קלאַס האָט דערוואָרבן גרויס עשירות און אַ שטאַרקע פּאָזיציע, געוועזן אינדוסטריעלער, אַלערליי אונטערנעמער, באַנקירן און הורט־סוחרים. אין דער זעלבער צייט זענען פאַר די ייִדישע אַרבעטער געוועזן פאַרמאַכט די טויערן פון דער אייזן־און קוילן־אינדוסטריע אין זאַגלעמביע. דער ייִדישער אַרבעטער האָט געקענט באַקומען באַשעפטיקונג נאָר אין די קלענערע ייִדישע פאַבריקן, וווּ די אַרבעטס־באַדינגונגען זענען נישט געווען קיין באַקוועמע.

אין יאָר 1827, ווען די רוסישע מאַכט האָט צוזאַמענגעשטעלט די רשימה פון די דערפער אין פוילן, איז נאָך דעמאָלט נישט דערשינען דער נאָמען סאָסנאָוויץ. דאָס ווייזט, אַז סאָסנאָוויץ האָט נאָך דעמאָלט נישט עקזיסטירט. אָבער מיטן מאָ־

מענט וואָס עס איז דאָרט אַנטשטאַנען דער ישוב, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען מיט אַ גרויסער שנעלקייט און געוואָרן אַ וויכטיקער פּונקט סיי אין דער קאָמוניקאַציע און סיי אין דער אינדוסטריע.

אַלס שטאָט איז סאָסנאָוויץ אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רוסישער מאַכט ערשט אין יאָר 1902. נאָך דעם ווי דער ישוב האָט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט עקזיסטירט אַלס דאָרף. עס האָט כסדר אָנגעהאַלטן דער צושטראָם פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג און אין דעם ווירטשאַפטלעכן אויפבוי, האָבן די יידן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל.

2. דער איבערגאַנג פון דאָרף צו שטאָט

אינעם קלין צווישן די טייכן שוואַרצע פּשעמשאַ און בריניצאַ ליגט סאָסנאָוויץ ווי די הויפּשטאָט פונעם דאָמבראָווער זאַגלעמביער ראַיאָן.

דער איצטיקער שטאָטישער צענטער, וואָס עקזיסטירט אינגאַנצן איינער צענדליקער יאָרן, נעמט אַרום צוועלף וווינונגס־קוואַרטאַלן און דערפער, ווי: אַלט־סאָסנאָוויץ, פּאָגאָן׳, שעלצע, שראָדולאַ, מילאָוויץ, מאָנדזשעוו, ראַדאָכאַ, קאָנסטאַנטינאָוו, אָסטראַ־גורקאַ, קוזשניצאַ, און דעם הויף זאַגוזשע.

מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָבן זיך אין די דאָזיקע ערטער געצויגן ריזיקע וועלדער, אין וועלכע עס האָט געווימלט מיט פאַרשידענע חיות. די געגנט איז געווען פול מיט טיפע בלאָטעס, וועלכע האָבן באַשוערט דעם צוגאַנג צו די וועלדער. אַרום די בלאָטעס האָט געראָיעט מיט מאַסן וואַסער־פייגל. קיינער האָט נישט געוואַגט, אַפילו אינמיטן העלן טאָג, אַריינצוגיין אין די פאַרפּלאָנטערטע וועלדלעך אויפן רעכטן ברעג פון דער פּשעמשע, ווו עס געפינען זיך היינט די וואַוועל־גאַס און דער קאָשטשושקע־פּלאַץ. דאָס אָרט האָט דעמאָלט אויסגעזען געוויס אָפשרעקנדיק, מיט אַלטע אויסגעריסענע ביימער פון די שטורעם־ווינטן, דערנער און פניאַקעס, וואָס האָבן געפוילט אין דעם זומפּיקן באָדן. ווינטער האָבן דאָ געהערשט די ווילדע חיות. אין די זומער־חדשים האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן פאַרשידענע רויבער־באַנדעס. אין יאָר 1840 האָט זיך דאָ אויפגעהאַלטן צוזאַמען מיט זיין באַנדע דער באַקאַנטער שלעזישער רויבער סידלאַ, וועמענס קאָפּ איז אָפּגעהאַקט געוואָרן דורך דער שווערד פונעם הענקער אין ראַטיבאָר.

נישט ווייניקער שרעקלעך איז געווען דער קלין, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען וויגוויזדאָוו, אַ פאַרוואָרפן ווינקל אויף די ברעגעס פון דער פּשעמשאַ, די געגנט פון די היינטיקע גאַסן שניעזשנאַ, גאָלעמביאַ, זשעטשנאַ, כעמיטשנאַ און קאָנסטאַנטינאָווסקאַ.

צווישן די דערמאָנטע קלינעס האָט אין די אַלטע צייטן געפירט אַ קליינער וועג, וועלכן מען האָט גערופן „דעם טייוולס וועג״. אין יאָר 1825 אין אויפן פּלאַץ פון דער וואַסער־דאָמבע געשטאַנען אַ מיל, קיינער האָט דאָרט נישט געוווינט, יאָרן לאַנג איז זי געשטאַנען וויסט.

דער דריטער קלין, צו וועלכן קיינער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו דערנעענטערן זיך, איז געווען דער וואַלד שטשיעניעץ, וואָס האָט זיך געפונען צווישן אַלט־סאָסנאָוויץ, מילאָוויץ און פּאָגאָן. דאָרט האָט אין יאָר 1870 זיך געפונען אַ רויבערבאַנדע, וואָס האָט געציילט אַן ערך 50 מיטגלידער, אונטער דער אָנפירונג פון פּיסטולקאַ און עליאַש, שלעזיער, וואָס האָבן אויף זייער געוויסן געהאַט אַ גאַנצע ריי מאָרדן, זיי זענען דורכן געריכט אין בויטן פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און געוואָרן באַגנעדיקט דורכן קיסר ווילהעלם דעם 1־טן.

אויף מזרח און צפון פון שעלצער פּאַלאַץ האָט נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט גערוישט אַן אַלטער וואַלד. לעגנויס דער בריניצע פון מילאָוויץ ביז מאָנדזיעוו, האָט אין יאָר 1845 נאָך עקזיסטירט אַן אָפּגרונט, מיט זומפּיקע וואַסערן, אָבער אַרום זענען געוואַקסן סאָסנע־ביימער. אויף דער צענטער פון סאָסנאָוויץ, ווו עס שטייט איצט די פּאַראַפיאַלע קירכע און דער רוסישער מאָנאַסטיר, איז אין יאָר 1870 נאָך געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן וואַלד און טיפע זומפּן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז יאָרן לאַנג פאַרן אַנטשטיין פון סאָסנאָוויץ, האָבן די דאָזיקע פאַרצייטיקע סטעפּעס און וועלדער געקאָכט מיט לעבן. עס האָבן דאָרט געוווינט לאָוזיצער־פעלקער און שבטים. דאָס איז געווען אין דער אייזן־עפּאָכע, פינף יאָר הונדערטער פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. די שבטים זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע ערטער דורך די גערמאַנער און זיך אויסבאַהאַלטן אין די דאָזיקע וועלדער.

ערשט אין יאָר 1902 האָט זיך אָנגעהויבן דער רעשיקער ווּקס, וואָס איז געקומען אַדאַנק די רייכע קוילן־שיכטן, וועלכע מען האָט געפונען אין דער געגנט.

פון די אַלע דערפער, וואָס זענען איינגעשלונגען געוואָרן אין דער שטאָט סאָסנאָוויץ האָט זיך געפונען אין גאַנצן איין דאָרף, וואָס האָט געטראָגן דעם דאָזיקן נאָמען, אָבער ביז היינט איז נישט קלאָר צי דאָס דאָרף האָט געהייסן סאָסנאָוויק, אָדער סאָסנאָווצאַ.

3. דער אָנהויב פון דער שטאָט

דאָס דאָרף סאָסנאָוויץ האָט זיך געפונען צווישן וועלדער און זומפּיקן באָדן. אויף צפון־זייט האָט זיך געפונען דאָס דאָרף פּאָגאָן'. דאָרט האָט אין יאָר 1815 אָנגעהויבן אַרבעטן דער קוילנגרובן „פּאָגאָן‟. אויף מזרח־זייט האָבן זיך שפּעטער געשאַפן די גאַסן: מאַלאַכאָווסקאַ, טאַרגאָוואַ און טעאַטראַלנאַ, ווערטיקאַל צום טייך וויניציאַ, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די דרומדיקע גרענעץ פונעם דאָרף.

די דאָזיקע געגנט איז געווען שוואַך באַפעלקערט. דער הויפּט־וועג האָט געפירט פון בענדין איבער פּאָגאָן' מיט אַ גלייכער ליניע קיין סאָסנאָוויץ, מאַנדזיעוו און ווייטער קיין שלעזיע. אין דער סאָסנאָווצער געגנט האָט זיך אָפּגעצווייגט אַ וועג איבער אָסטראַ־גורקאַ קיין מילאָוויץ און קיין שעלצע. די וועגן זענען דעמאָלט געווען זייער שלעכטע. דער וועג קיין מילאָוויץ האָט געהאַט צייטן טרוקענע און פייכטע. דער וועג קיין שעלצע אין געווען באַזונדערס שווער אין דער געגנט פון אָסטראַ־גורקאַ. ערשט ביים סוף פונעם יאָרהונדערט, האָט דער דאָזיקער וועג, וואָס האָט געפירט פון סאָסנאָוויץ צו דער מיל צום ברעג פון טייך פשעמשע, זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערט און האָט געדינט אַלס דער איינציקער קאָמוניקאַציע־וועג מיט שעלצע, וואָס איז געווען רייך אין שטיינער און ליים.

אין דער צייט פון דער רוסישער הערשאַפט, זענען דעמאָלט די ערשטע געביידעס געווען: דער באַנהויף, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1859. דער ערשטער דירעקטאָר פונעם וואָקזאַל איז געווען פרידריך אולקיס; דער גרענעץ־פּאָסטן, פון יאָר 1838; די געביידעס פונעם צאָל־אַמט, פון יאָר 1859. דער ערשטער אויפזעער איז געווען אַנאַפּרי קאַרפּאָוויטש, סעקרעטאַר — קאָנסטאַנטי פּראַגיר. אַלס ערשטער אַדמיניסטראַציע־שעף פון דאָרף ווערט דערמאָנט אבֿרהם בלומענפעלד, יאָר 1880, זיין ביוראָ, וווּ ער האָט אַמטירט, האָט זיך געפונען נעבן דער איצטיקער טאַרגאָווע־גאַס. דעמאָלט איז זי נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט בלאָטיקע זומפּן.

בלומענטאַל איז געווען אַ מאַנדזיעווער ייד, וואָס האָט צוזאַמען מיט האַמבורגערן פון בענדין, געקויפט פּלעצער אַרום דעם וואָקזאַל און אויפגעשטעלט די ערשטע גרעסערע הייזער. האַמבורגער האָט אויך אויפגעשטעלט די ערשטע האָטעלבנינים „וואַרשאַווסקי‟ און „וויקטאָריע‟, וואָס האָבן זיך געפונען קעגנאיבער דעם וואָקזאַל. בלומענטאַל האָט אויפגעשטעלט אַ גרויס הויז אויף טאַרגאָוואַ 11. דער נאָמען בלומענטאַל איז אַריין אין דער געשיכטע פון סאָסנאָוויץ אַלס דער ערשטער בירגערמייסטער פון שטאָט.

פאָלגנדיקע דערפער און ישובים האָבן געבילדעט דעם אָנהויב פון גרויסן סאָסנאָוויץ:

אָסטראַ־גורקאַ. דאָס דאָזיקע דאָרף, וועמענס געשיכטע הייבט זיך אָן ביים סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט, איז פריער געווען אַ ישוב פון סמאָליאַרעס, באַשטאַנען פון צוויי אָרעמע באַראַקן. ערשט אין יאָר 1822 האָט זיך דאָרט געעפנט אַ קוילנגרובן און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטוויקלונג פונעם ישוב, ביז ער איז געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון סאָסנאָוויץ. פון סאָסנאָוויצער וואָקזאַל האָט געפירט אַ גלייכער וועג איבער דער גאַנצער שטאָט ביז אָסטראַ־גורקאַ. פון דאָרט האָט דער וועג געפירט ווייטער איבער ראַדאָכאַ ביז מאַנדזיעוו, ביי די ברעגעס פון די טייכן בריניצאַ און שוואַרצע פשעמשאַ. כמעט דער גאַנצער וועג איז געווען דורכגעבויערט פון קוילן־אויסגראָבונגען און עס איז געווען אַ געפאַר דאָרט דורכצוגיין.

ראַדאָכאַ. דאָס דאָרף איז אַנטשטאַנען אויפן ברעג פון דער בריניצאַ, אויפן וועג צווישן סאָסנאָוויץ און מאַנדזיעוו. אין יאָר 1646 זענען דאָרט געשטאַנען נאָר פינף באַראַקן. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך צוויי. אין 1827 האָט דאָס דאָרף געציילט פיר הייזער, אין וועלכע עס האָבן געוווינט צוויי און צוואַנציק איינוווינער. ביזן יאָר 1845 האָט דאָס אָרט געהייסן „פּוסטקי ראַדאָכאַ‟. אין אָנהויב פון 17־טן יאָרהונדערט איז לויט די דאָקומענטן באַקאַנט נאָר איין נאָמען פון אַ דאָרטיקן איינוווינער. די דאָקומענטן דערציילן אויך וועגן אַ קרעטשמע, וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט ביים אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט.

אין יאָר 1896 האָט זיך דאָרט געגרינדעט אַ כעמישע פאַבריק מיטן נאָמען „ראַדאָכאַ‟, וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט מיט אַן אַקציע־קאַפּיטאַל פון 700,000 רובל אונטער דער אָנפירונג פון אַ יידישן דירעקטאָר מיטן נאָמען זאַקס. אין יאָר 1900 האָט די פּראָדוקציע באַטראָפן 300 וואַגאָנען ערד־וואַקס, פּאַראַפין, סטעאַרין, ווי אויך: אַנטיכלאָר, וואַקס מאַטעריאַל פאַר פּאָדלאָגעס, פאַר שוסטערס, שמיר־אייל, ווייך־ און לימאָנען־זויער, ניטריט, אַזאַקריט, אייל־צוקער א.א.

שראָדול. נאָך אין יאָר 1645 האָט אין שראָדול עקזיסטירט אַ קרעטשמע. אויסער דעם זענען דאָרט געשטאַנען צוויי באַראַקן. אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט איז דער ישוב אָפּגעקויפט געוואָרן דורך דער גרובן־געזעלשאַפט. ביים סאַמע ברעג פון דער פשעמשאַ זענען דאָרט געשטאַנען אייניקע באַראַקן. אין יאָר 1667 האָט דאָרט פיגורירט אַ נאָמען פון אַ פאַמיליע מיגדאַלקאַ, איינע פון די משפחות, וואָס האָבן געוווינט אין די דאָזיקע באַראַקן. אין יאָר 1883 האָט די „מיינצער געזעלשאַפט פאַר כעמישע אינדוסטריע‟ אין פראַנקפורט אַם מיין אויפגעשטעלט אין שראָדול אַ כעמישע פאַבריק מיטן נאָמען „גזשיכאָוו‟. די פאַבריק האָט באַשעפטיקט פינף און ניינציק אַרבעטער און פּראָדוצירט שוועבל־זויער, זאַלץ־זויער, עסענץ און קאַלך־כלאָר. אין יאָר 1900 האָט זיך דאָרט געשאַפן די כעמישע פאַבריק פון גוטמאַן עט קאָמפּאַני. שראָדול איז געוואָרן פאַרבונדן מיט דער באַן־ליניע וואַרשע—ווין און געהאַט אַ סטאַציע אויף צו פאַרלאָדן סחורות.

פּאָגאָניע. אַן אַלטער פּאַלאַץ, וועמענס אָנהויב דערגרייכט צו דער עפּאָכע פון דעם „שעמעווידיקן קעניג באָלעסלאַוו‟, ווען מען האָט אויפן באַרג אין בענדין אויפגעשטעלט די ערשטע האָלצערנע פעסטונג. דאָס איז געווען אין 13־טן יאָרהונדערט. געוווינט האָבן דאָרט די וואָס האָבן געדאַרפט דערליידיקן פאַרשידענע אַרבעטן פאַרן פירשט, דעם באַזיצער פונעם פּאַ־

לאַץ. צום ערשטן מאָל ווערט דער נאָמען פון דאָזיקן דאָרף דערמאָנט אין נאַרוטאָוויטשעס בוך „געשיכטע פון פוילישן פאָלק", 1345. ביים סוף פון 14־טן יאָרהונדערט האָט דאָס דאָרף געהאַט אַ שלעכטן נאָמען צוליב דער שלעכטער אויפפירונג פון די איינוווינער. דאָס דאָרף איז אייניקע מאָל אַריבער פון האַנט צו האַנט, פון קאָוואַטש צו טימינסקי, 1599, דערנאָך צו יאַראָצקי — 1636. פאָגאָניע ווערט אויך דערמאָנט אין דעם בוך פונעם היסטאָריקער דלוגאָש. עס זענען פאַראַן באַווייזן, אַז אין אָנהויב פון 18־טן יאָרהונדערט האָבן עקזיסטירט צוויי פאָגאָניעס, איינע ביי גזשיכאָוו און אַ צווייטע ביי שעלצע, יעדע פון זיי האָט געהאַט באַזונדערע הייף און פערמעס. אין יאָר 1902 איז שוין פאָגאָניע געווען אַ פאַבריק־ישוב אין בענדינער פאָוויאַט און גערעכנט זיך אַלס פאָרשטאָט פון נייעם סאָסנאָוויץ, געציילט 1500 נפשות. אין פאָגאָניע זענען געזעסן אויך יידן, וועמענס צאָל האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט.

שעלצע. דער דאָזיקער ישוב האָט עקזיסטירט נאָך אין 14־טן יאָרהונדערט, געהאַט פאַרשידענע נעמען ביז ער איז געבליבן ביים נאָמען שעלצע. די גרינדער האָבן דעם ישוב אויפגעשטעלט אויף אַ בערגל, ווי אַ שוץ קעגן פאַרפלייצונגען פון דער פשעמשאַ און קעגן אָנפאַלן פון רויבער. דאָס אָרט האָט געדינט אַלס ווין־אָרט פאַר העלדישע קאַמפס־גרופן. אויך שעלצע האָט פון צייט צו צייט געטוישט די באַלעבאַטים ביז עס האָט זיי אין יאָר 1902 אָפּגעקויפט די פראַנצויזישע געזעלשאַפט פון גרובנס און אייזן־גיסערייען. דאָס דאָרף האָט פאַרמאָגט פופצן מאָרגעס פעלד און אַ קרעטשמע.

אין שעלצע איז געשטאַנען אַ פאַלאַץ, געבויט פירקאַנטיק, אויף זומפיקן באָדן, צו וועלכן דער צוגאַנג איז געווען אַ שווערער. עס איז אָנגענומען, אַז די שעלצער פעסטונג האָבן די דייטשע טעמפלער־ריטער אויפגעשטעלט אַלס פאַרזיכערונגספונקט קעגן אָנפאַלן. אַ טייל פונעם פאַלאַץ האָט אויפגעשטעלט דער פירשט לודוויג אַנהאַלט קעטהען פאָן פלעס, וועלכער האָט אויך אין אים געוווינט.

נעבן פאַלאַץ, אין דער ריכטונג צו דער פשעמשע, האָט זיך געפונען אַ שפאַציר־גאָרטן. מיט יאָרן צוריק האָט ער געדינט אַלס עפנטלעכער גאָרטן פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג. ביים אַריינגאַנג איז געווען אַן אויפשריפט: „דער גאָרטן איז אָפן פאַרן פובליקום". אין דאָזיקן גאָרטן האָבן זיך געפונען אייניקע קברים פון זיינע געוועזענע באַלעבאַטים.

אין יאָר 1840 האָט מען אויפן שעלצער באָדן אַנטדעקט די ערשטע קוילנגרובנס. אין יאָר 1858, ווען שעלצע איז געוואָרן דאָס אייגנטום פונעם גראַף רענאַרד, האָט זיך דאָרט געגרינדעט דער גרובן „פאַני". אין יאָר 1884 האָבן גראַף רענאַרדס יורשים געגרינדעט די אַקציע־געזעלשאַפט „גראַף רענאַרד". אין יאָר 1902 איז שעלצע אַריבער צוזאַמען מיט די גרובנס צו פראַנצויזישע קאַפיטאַליסטן, וועמענס פירמע האָט געטראָגן דעם נאָמען „אינדוסטריע גרופע הוטאַ באַנקאָוואַ", צו וועלכער, עס האָבן אויך געהערט די מעטאַלורגישע אונטערנעמונגען אין ראַדאָם.

אין יאָר 1881 האָט די פרייסישע געזעלשאַפט „פאַראייניקטע קעניגס־און לאַוראַ־הוטע" געגרינדעט אין שעלצע די אייזן־גיסעריי, וואָס הייסט היינט „קאַטאַרינע הוטע". אין יאָר 1900 האָט די אייזן־פאַבריק אַרויסגעגעבן 3,548,583 פוד. דערנאָך איז די פאַבריק אַריבער צו דער מאָנדזיעווער־געזעלשאַפט פאַר גרובנס און אייזן־גיסערייען.

אין יאָר 1827 האָט שעלצע פאַרמאָגט דריי און דרייסיק הייזער און געציילט 279 נפשות. אין יאָר 1889 איז שעלצע געווען אַ דאָרף נעבן דער שוואַרצער פשעמשע, האָט פאַרמאָגט 39 הייזער, 365 נפשות. אין יאָר 1902 איז שוין שעלצע געווען אַ טייל פון סאָסנאָוויץ מיט אַ באַפעלקערונג פון 20,000 נפשות.

אין שעלצע האָבן געוווינט יידן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל. שעלצע האָט מען ביי די יידן גערופן „קליין ירושלים". נאָך אין יאָר 1870 האָבן שוין דאָרט געלעבט באַקאַנטע למדנים, ווי צביקע קאַליש, שמואל־משה יונגסטער, ראובן לאָודען, מיכאל לאַנדנער, נחום שאַרף, הענדל יונגסטער, שמעיה שאַיער, פון פאַך אַ שוסטער. די שוחטים זענען דעמאָלט געווען: מאָטל צווייגנהאַפט און אַלטער ווישניץ. חברים און חברה קדישא: לייבוש רעדערמאַן און יצחק זאַקס. בעריש שעלצער איז געווען אַ בעל תפילה אין די ימים נוראים ביים „תפארת שלמה" אין ראַדאָמסק. אייניקע שעלצער יידן האָבן זיך גערופן מיטן פאַמיליע־נאָמען „שעלצער".

נאָך אין אָנהויב פון 19־טן יאָרהונדערט זענען יידישע משפחות געזעסן אין די דערפער פאָגאָניע, וויגווידזאָוו, אַלטסאָסנאָוויץ, אָסטראַ־גורקאַ, און מילאָוויץ, וועלכע זענען שפּעטער צוקאָפּטירט געוואָרן צו דער שטאָט סאָסנאָוויץ. אַרום די דערמאָנטע דערפער זענען געווען קוילנגרובן און אייזן־גיסערייען און אַ ריי קלענערע פאַבריקן, וואָס האָבן צוגעצויגן יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט און געהאַט מער־ווייניקער פרנסה.

4. אַ צענטראַלע שטאָט פון אייזנבאַן־ליניעס

סאָסנאָוויץ האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען איר שנעלע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג, וואָס די שטאָט איז געווען אַ וויכטיקער געאָגראַפישער פאַרבינדונג־פּונקט נישט בלויז פאַרן לאַנד נאָר אויך פאַר די שכנותדיקע לענדער. די באַן־ליניע וואַרשע—ווין, וועלכע איז פאַרבייגעגאַנגען סאָסנאָוויץ, האָט מען אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1842. דעמאָלט האָט אין דעם גרויסן רוסלאַנד עקזיסטירט נאָר איין־און־איינציקע באַן־ליניע, מאָסקווע—צאַרסקאָיע סעלאָ. די באַן־ליניע וואַרשע—ווין איז אַלזאָ געווען די ערשטע ליניע אין רוסישן קעניגרייך.

אייגנטלעך דאַרף מען אַלס דעם אָנהייב פון דער שטאָט סאָסנאָוויץ רעכענען דאָס יאָר 1858. דעמאָלט איז אַרויס דער דעקרעט פון דער רעגירונגס־קאָמיסיע וועגן אויפבויען די באַן־ליניע. דער עקאָנאָמישער פאָרשטייער הילקע האָט אָפּגעקויפט דאָס געביט אויף אויפצובויען די באַן־ליניע פון דער סטאַציע זאָמבקאָוויץ ביז קאַטאָוויץ. דער אינזשיניער סאָקאָלסקי צוזאַמען מיט די ערד־מעסטערס אַדאָלף טאָמאַס און אַלעקסאַנדער קאַליש האָבן אָנגעהויבן בויען די באַן־ליניע מיט דער הילף פון עפּשטיינס אַקציע־געזעלשאַפט. די ליניע האָט זיך געצויגן פון זאָמבקאָוויץ קיין סאָסנאָוויץ מיט סטאַציעס אין דאָמבראָוואַ גורניטשאַ און בענדין. אַדאַנק דעם זענען פאַרביליקט געוואָרן די טראַנספּאָרט־קאָסטן און עס האָט זיך אַנטוויקלט די אינדוסטריע.

פאַר וואָס איז פריער געלייגט געוואָרן די באַן־ליניע פון וואַרשע קיין גראַניץ?

אין פּוילן האָט דעמאָלט געהערשט אין נאָמען פון רוסישן צאַר (ביים אָנהויב פון די פערציקער יאָרן) דער פירשט פּאַסקעוויטש־וואַרשאַווסקי. צווישן פּוילן און רוסלאַנד האָט ווי מיט אַנדערע אויסלענדישע מדינות געהערשט אַ הויכער צאָל, וואָס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן ערשט אין 1850. ביליקער ווי אין אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד איז געווען דער צאָל אויף אימפּאָרטירטע סחורות פון פּרייסן, עסטרייך און אַנדערע לענדער, און דערפאַר זענען די פּוילישע האַנדלס־באַציונגען מיט די דאָזיקע לענדער געווען פיל אינטענסיווער ווי מיט רוסלאַנד. פּוילן האָט דערפאַר שטאַרק געשטרעבט צו האָבן אַ באַן־ליניע צו דער עסטרייכישער און פּרייסישער גרענעץ, אָבער דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן אַ גאַנץ יאָר, ביז דער גובערנאַטאָר פון פּוילן האָט באַקומען די דערלויבעניש פונעם צאַר צו לייגן אַזאַ באַן־ליניע.

די געזעלשאַפט האָט צוגעפּאַסט די ברייט פון דער באַן־ליניע צו דער ברייט פון די עסטרייכישע און פּרייסישע ליניעס. די רוסישע באַן־ליניעס זענען געווען ברייטער. צוליב דעם האָבן די פּרייסישע און עסטרייכישע באַנען געמוזט פאָרן דירעקט ביז וואַרשע, פּוילנס הויפּטשטאָט, אין דער צייט וואָס די רוסישע באַנען האָבן נישט געקענט פאָרן אַפילו אויף דער וואַרשע—ווינער ליניע.

אין יאָר 1858 האָט אַן אַנדערע געזעלשאַפט באַקומען אַ קאָנצעסיע צו בויען די באַן־ליניע וואַרשע—בראָמבערג, היינט בידגאָשטש. דעם 1־טן יאַנואַר 1890 האָבן זיךביידע געזעלשאַפטן פאַראייניקט צו בויען די וואַרשע—ווינער ליניע. דאָס בויען די דאָזיקע ליניע איז נישט דורכגעפירט געוואָרן אויף איין מאָל. פריער האָט מען געבויט די ליניע וואַרשע—גראָדז'יסק—סקערניעוויץ (סוף 1846); דערנאָך טשענסטאָכאָוו—זאָמבקאָוויץ—גראַניצאַ (אַפּריל 1848). פאַראַן אַ מיינונג, אַז די באַן־ליניע צו דער פּרייסישער גרענעץ האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט אַ יאָר צוליב דער רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין פּרייסן אין מערץ 1848. דער רוסישער צאַר האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע זאָל זיך נישט אַריינכאַפּן אויך אין די רוסישע געביטן, אויב די באַן־ליניע וועט דערגיין צו דער פּרייסישער גרענעץ.

די ערשטע פאַבריקן, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין דער געגנט פון סאָסנאָוויץ אין אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט, האָבן נישט דעצידירט קעגן דעם פּרימיטיוון כאַראַקטער פון די דאָזיקע געביטן. די קוילנגרובנס „פּאָגאָן'", „אָסטראַ־גורקאָ" און „וויקטאָר" אין מילאָוויץ, האָבן נישט אַנטוויקלט די פּראָדוקציע אין גרויסן מאַסשטאַב. זיי האָבן באַשעפטיקט אַ קליינע צאָל אַרבעטער פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און האָבן נישט געווירקט אויף צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג און דורכצופירן ענדערונגען אינעם בוי־וועזן. אויך די אייזן־גיסעריי „אַנאַ" האָט נישט מיטגעווירקט פאַרן אַנטוויקלען די געגנט. ערשט דאָס בויען די באַן־ליניע האָט צונויפגעבונדן די געביטן אויף די ברעגעס פון דער שוואַרצער פּשעמשע דורך אַ נעץ פון מאָדערנער קאָמוניקאַציע און געשאַפן די באַדינגונגען פאַרן אַנטוויקלען די אינדוסטריע אין דאָזיקן ראַיאָן.

דער דאָזיקער דורכברוך איז געשען אין 1859, ווען דער אויפזיכטסראַט איבער דער באַן־ליניע וואַרשע—ווין האָט פאַרענדיקט זיין אַרבעט, דאָס בויען די ליניע פון דער סטאַציע זאָמבקאָוויץ, וואָס איז געלייגט געוואָרן אין דער זייט פונעם וועג, וואָס פירט פון סאָסנאָוויץ קיין פּאָגאָניע און פון דאָרט ווייטער קיין בענדין.

ביזן ערשטן פייף פונעם באַן־לאָקאָמאָטיוו אין יאָר 1859, האָבן די איינוווינער פון אַלט־סאָסנאָוויץ געפירט אַ רואיק און פאַרשלאָפן לעבן. אין יענעם שיינעם טאָג האָבן זיך די סאָסנאָווצער איינוווינער פאַרזאַמלט אין דער קרעטשמע „אונטער די שטערן" און אַרומגערעדט דאָס געשעעניש, וועגן דעם טייוולאָנישן כוח, וואָס שלעפּט און שטופּט וואַגאָנען אויפן אייזערנעם וועג. די קרעטשמע איז געווען פול געפּאַקט, עס האָט זיך דאָרט געטומלט און גערוישט. די מענטשן האָבן געהאַט טענות צום דז'עדז'יץ שימינסקי, פאַר וואָס ער האָט דערלויבט דורכצופירן דעם „טייוולאָנישן וועג". ער האָט די באַרואיקט מיט דער פאַרזיכערונג, אַז דער עקאָנאָם פון פּאָגאָן' האָט באַקומען אַן אינסטרוקציע אויף צו בויען אַ נייעם וועג, וואָס האָט געפירט דורכן זומפּיקן באָדן אינעם וואַלד, וועלכער איז געווען פול מיט אומגעוואָרפענע ביימער. דער וואַלד האָט

שפּעטער באַקומען די נעמען: 3־טער מאַי־גאַס און זשעראַמסקי־גאַס.

אינעם בויען די באַן־ליניע האָט מען אינוועסטירט 13,3 מיליאָן רובל. די הכנסות אין די ערשטע צוואַנציק יאָר זענען געקומען הויפּטזעכלעך פון קוילן־טראַנספּאָרט. אויך אין יאָר 1858 האָט די באַן געפירט נאָר 946,000 פּוד קוילן. אין יאָר 1864 איז דער פראַכט געשטיגן ביז 6,643,000 פּוד; אין יאָר 1870 — ביז 17,714,000 פּוד; אין יאָר 1875 — 25,365,000 פּוד; אין יאָר 1880 — 77,701,000 פּוד; אין יאָר 1885 — 88,323,000 פּוד; אין יאָר 1890 — 93,815,000 פּוד.

פיל מיטגעווירקט צום גונסטן האָט די קוילן־אינדוסטריע אין זאַגלעמביע. מען דאַרף געדענקען, אַז דער באָדן איז דאָרט געווען מאָגער און אומפּרוכטבאַר. די פּויערים אין דאָזיקן געביט האָבן דורות־לאַנג געאַרבעט אויפן דאָזיקן שלעכטן באָדן.

מיטן אויפבוי פון דער באַן־ליניע וואַרשע—ווין, וואָס איז דורכגעגאַנגען גאַנץ זאַגלעמביע, האָט זיך אויך אַנטוויקלט די קוילן־אינדוסטריע. אין דאָמבראָווע האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסע אייזן־גיסעריי א.ג. „הוטאַ באַנקאָוואַ", וואָס איז פינאַנסירט געוואָרן דורך דער „באַנק פּאָלסקי". דערנאָך, אין יאָר 1859 איז אַנטשטאַנען דער גרובן „טשיזשיקאָווסקי" און אין 1865 — די גרובנס „נאָוואַ", „היעראָנים" און „לאַבענזקי" — אַלע אין דאָמבראָווע.

5. סאָסנאָוויץ אין פּוילישן אויפשטאַנד קעגן די רוסן

די ידיעות וועגן די שלאַכטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין סאָסנאָוויץ האָבן עלעקטריזירט די לופט. די ידיעות האָבן דערציילט וועגן פּוילישן אויפשטאַנד קעגן רוסישן צאַר און אַז אין די אַרומיקע וועלדער זענען שוין פאַראַן פּוילישע אויפשטענדלער־באַטאַליאָנען. די ערשטע וואָס האָבן געבראַנגט די דאָזיקע ידיעות זענען געווען די באַן־באַאַמטע.

דאָס איז געווען דעם 26־טן יאַנואַר 1863. אין צוויי טעג אַרום האָבן אייניקע באַן־אַרבעטער אָנגעהויבן זיך אַרומדרייען צווישן די סאָסנאָוויצער הייזער. אין די אָוונטן זענען זיי זיך צונויפגעקומען אין געהיים מיט די אָרטיקע יוגנטלעכע. אין דאָרף האָט מען אָנגעהויבן זיך שושקען, זיך באַראַטן. די אַטמאָספער איז געווען אַ נערוועזע, אַן אויפגערודערטע. ביינאַכט האָבן געפינקלט ליכטער אין די באַראַקן, עס זענען פאָרגעקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען.

דעם 2־טן פעברואַר 1863 האָט מאַקסימיליאַן זדאַנאָוויטש, דער אויפזעער איבערן צאָל־אַמט איינגעלאַדן אין דער קרעטשמע „אונטער די שטערן" די פּוילישע באַאַמטע פון זיין אַמט און אָפּגעהאַלטן מיט זיי אין איינעם פון די זייטיקע צימערן אַ באַראַטונג. נאָך דער דאָזיקער זיצונג זענען מיט אַמאָל די אַלע, וואָס האָבן זיך אין איר באַטייליקט, קראַנק געוואָרן און זענען דעם 3־טן און 4־טן פעברואַר נישט געקומען צו דער אַרבעט. עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען אַרויסגעפאָרן, מכלומרשט אין דינסט־אָנגעלעגנהייטן. דעם 6־טן פעברואַר האָט די דאָזיקע „עפּידעמיע" זיך אויסגעשפּרייט אויך צווישן די פּוילישע גרענעץ־סאָלדאַטן. איינער פון די באַטאַליאָנען, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין לאַגער פון אויצאָוו, אונטער דער אָנפירונג פון טעאָדאָר טשיזשקאָווסקי, האָט דעם 7־טן פעברואַר, 4 אַזייגער אין דער פרי, אָנגעגריפן סאָסנאָוויץ און מיט דער הילף פון די באַן־אַרבעטער און דאָרף־איינוווינער האָט ער איינגענומען די באַן־סטאַציע, צוגענומען פון דער קאָסע פונעם צאָל־אַמט 90 טויזנט רובל. דערנאָך איז ער באַפאַלן דעם גרענעץ־פּאָסטן און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַן עקשנותדיקער קאַמף, אין וועלכן די רוסן זענען געצוווּנגען געוואָרן צו אַנטלויפן איבער דער גריניצע און די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען צענדליקער פערד, ביקסן און פאַרשידנערליי אַנדער געווער. נאָך דער שלאַכט האָט טעאָדאָר טשיזשקאָווסקי זיך באַזעצט אין דער געביידע פון דער באַן־סטאַציע און פון דאָרט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן עס האָט זיך גערעדט וועגן איבערנעמען די מאַכט דורך דער פאָלקס־רעגירונג און וועגן צעטיילן דעם באָדן צווישן די פּויערים. דעם זעלבן פאַרנאַכט איז ער אַוועק מיט זיין באַטאַליאָן אין דער ריכטונג פון דאָמבראָוואַ.

לויט אַ דייטשער מעלדונג האָט די 15שעהדיקע שלאַכט צווישן די אויפשטענדלער מיט די רוסישע גרענעץ־סאָלדאַטן געהאַט פאָלגנדיקן פאַרלויף: אַזייגער 3.20 האָט דער סטאַציע־דירעקטאָר באַקומען אַ מעלדונג פון דאָמבראָווע, אַז די באַן, וואָס איז דאָרט אָנגעקומען לויטן פּלאַן, איז אַרויס גאַנץ נאָרמאַל. דער גרענעץ־פּאָסטן, צוויי באַטאַליאָנען פּיעכאָטע און אַ סאָטניע קאָזאַקן, וואָס האָבן דאָרט סטאַציאָנירט, זענען געלעגן אין די ווינקעלעך איינגעדרימלטע, נישט געטראַכט און נישט דערוואַרט קיין אָנגריף. צווישן די סאָלדאַטן האָבן זיך אַרומגעדרייט אייניקע באַן־אַרבעטער, וועלכע האָבן פאָרגעשלאָגן די אונטעראָפיצירן פּאַפּיראָסן, בראָנפן, און יענע האָבן געטרונקען גלייך פון דער פלאַש. אייניקע מינוטן פאַר 4 אין דער פרי זענען די באַן־אַרבעטער פאַרשוווּנדן. די רוסישע סאָלדאַטן זענען איינגעשלאָפן און פּלוצלינג איז אָנגעלאָפן אויף דער סטאַציע אַ צוג, האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פון די וואַגאָנען זענען אַרויסגעשפּרונגען 500 אויפשטענדלער, וואָס האָבן גענומען שטורמען דעם סטאַציע־פּאָסטן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ מוראדיקע שלאַכט, אין וועלכער ס'זענען געלאָפן אין די פאָדערשטע רייען די פּויערים מיט זייערע קאָסעס. נישט־קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן פּלוצימדיקן אָנגריף, האָבן די רוסן אין אָנהויב באַקומען די איבערהאַנט איבער די אויפשטענדלער. דעמאָלט האָבן געאיילט מיט הילף די באַן־אַרבעטער און די סאָסנאָווצער איינ־

ווינער, וועלכע האָבן אָנגעגריפן די רוסן פון הינטן און די רוסן האָבן גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון דער בריניצע. די אויפשטענדלער האָבן זיי נאָכגעיאָגט און אין וואַלד זיך אָנגעשטויסן אויף אַ העפטיקן ווידערשטאַנד. טשיזשקאָווסקי האָט דאַן איינגעטיילט זיין באַטאַליאָן אין צוויי גרופן. איינע האָט ער געשיקט אָנצוגרייפן דעם שׂונא פון פראָנט און די אַנדערע — פון דער לינקער זייט. די באַן־אַרבעטער און אָרטיקע איינוווינער זענען אַריין אין געוויקסן־פלאָנטער לענגאויס דער איצטיקער טעאַטראַלנע־גאַס און האָבן געוואַרט אויפן פאַסיקן מאָמענט אָנצוגרייפן.

ווען די שלאַכט אין וואַלד האָט זיך שטאַרקער אַנטוויקלט, זענען די פּויערים אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן און שרייענדיק: „גאָט מיט אונדז!”, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף די רוסן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אויך אַרויסגעלאָזט אין גאַלאָפּ די באַן־אַרבעטער. די רוסן זענען געווען זיכער, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נייער באַטאַליאָן און זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצוטרעטן אין דער ריכטונג פון דער פּרייסישער גרענעץ. אָנקומענדיק קיין שאָפּיעניץ, זענען זיי געוואָרן אַנטוואָפנט דורך די צוויי פּרייסישע אולאַנער־באַטאַליאָנען וואָס זענען אָנגעקומען פון גלייוויץ.

נישט ווייניקער פון די פּויערישע העלדן מיט די קאָסעס, האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט די איינוווינער פון אַלט סאָסנאָוויץ, וואָס האָבן אָנגעגריפן די רוסן מיט העק און היי־גאָפּלען. דער דייטשער היסטאָריקער או. קלאַוסמאַן שרייבט אין זיין בוך „איבערשלעזיע פאַר 55 יאָר”: „דער אויסזען פון די פאַרוווּנדעטע רוסן איז געווען שרעקלעך. מיין גאַנץ לעבן האָב איך עס נישט געקאָנט פאַרגעסן. זיי זענען געווען צעקאַלעטשעט פון די קאָסעס אין פּנים און אויפן גאַנצן קערפּער”.

קוראָווסקי, דער קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדלער אין זאַגלעמביע, איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ דעם 7־טן פעברואַר 1863. אין סאָסנאָוויץ זענען געווען קאָנצענטרירט 300 רוסישע זעלנער. די אויפשטענדלער־גרופן זענען באַשטאַנען פון 50 רייטער, 50 פּיילן־שיסער און 50 קאָסעס־שניידער. נאָכן זיג פונעם באַטאַליאָן איבער די רוסן, ביי וועלכע עס איז גענומען געוואָרן פיל קריגס־רויב, איז דער באַטאַליאָן אַוועק קיין דאָמבראָווע און דאָרט גענומען אין געפאַנגענשאַפט 30 רוסישע זעלנער, וועלכע זענען אָבער גלייך באַפרייט געוואָרן. פון סאָסנאָוויץ גופא, האָט אין פעברואַר זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 100 מאַן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די אויפשטענדלער.

נאָך דער שלאַכט איז קיין סאָסנאָוויץ געקומען לאַנגעוויטש מיט זיין שטאַב, וועלכער האָט זיך איינקוואַרטירט אין איינעם פון די זאַלן אויפן וואָקזאַל, אָבער אין דער נאַכט פון 8־טן פעברואַר האָט ער פאַרלאָזט סאָסנאָוויץ, ווייל עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז דייטשע מיליטערישע באַטאַליאָנען קאָנצענטרירן זיך לענגאויס דער גרענעץ מיטן ציל אָנצוגרייפן די אויפשטענדלער.

נאָך אייניקע טעג האָט אין סאָסנאָוויץ געהערשט רו. די באַנען האָבן נישט פונקציאָנירט, ווייל די ליניע ביי זאָמבקאָוויץ איז געווען צעשטערט. עס איז אויך איבערגעריסן געוואָרן די באַן־באַוועגונג פון קאַטאָוויץ און דאָס גאַנצע לעבן איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ערשט דעם 15־טן פעברואַר האָבן זיך אומגעקערט רוסישע גרענעץ־פּאָסטנס, באַגלייט פון אייניקע פּיעכאָטע־גרופּעס און עטלעכע הונדערט קאָזאַקן. עס זענען פאָרגעקומען אַרעסטן צווישן די באַן־אַרבעטער און עס האָבן זיך לאַנג געצויגן די אויספאָרשונגען צווישן דער באַפעלקערונג. דער אָפּקלאַנג פונעם אויפשטאַנד האָט זיך געפילט אין שטאָט נאָך אַ לאַנגע צייט. די תּפיסות זענען געווען פול געפּאַקט און אין די געריכטן האָט מען געהאַט פולע הענט מיט אַרבעט.

נאָך די דאָזיקע געשעענישן זענען אָפּגעזאָגט געוואָרן אַלע פּאָליאַקן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די ביוראָען פון דער אייזנבאַן און פון צאָל־אַמט. זייער אָרט האָבן פאַרנומען רוסישע באַאַמטע.

נאָך דעם דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד זענען נאָך אַ לאַנגע צייט סאָסנאָוויץ און סאַנאָווצע געווען אָנגעשלאָסן אין פּאַגאָניע אַלס צוויי באַזונדערע איינהייטן. ערשט נאָכן יאָר 1864 איז סאַנאָווצע געווען די ערשטע וואָס האָט זיך באַפרייט פון דער דאָזיקער אויבערהערשאַפט, און אין יאָר 1880 איז געקומען די ריי אויף סאָסנאָוויץ. דער ערשטער סאָלטיס פון סאַנאָווצע איז געווען דער ייִד אברהם בלומענטאַל. נאָך זיין דימיסיע אין יאָר 1890 האָט דעם אַמט איבערגענומען כּאָדזשיפּסקי. די צאָל ווײלער איז דעמאָלט געווען 150. נאָך כּאָדזשיפּסקין איז געקומען יאַן מאַטשוקאָוו, און נאָך אים — יוזעף קאָניעטשני.

אין יאָר 1902 האָבן זיך די דערמאָנטע דערפער פאַראייניקט און אויפן סמך פון אַ צאַרישן דעקרעט איז סאָסנאָוויץ געוואָרן אָפיציעל אַ שטאָט, און עס זענען צו איר צוקאָפּטירט געוואָרן די ישובים: אָסטראַ־גורקאַ (וועמענס לעצטער סאָלטיס האָט געהייסן קאַווקאַ), שעלצע (דער לעצטער סאָלטיס איז געווען אַנטאָני דזשעדזשיץ), שראָדולאַ, קוזניצאַ, ראָדאָכאַ, און אין דער אָקופּאַציע־צייט אויך קאָנסטאַנטינאָוו, מילאָוויץ און מאָנדזיעוו.

6. די ערשטע הייזער, גיסערייען, פּאַבריקן און קוילנגרובנס

דער וואָקזאַל, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אין דאָרף סאָסנאָוויץ איז געווען כמעט דאָס איינציקע הויז אין דער גאַנצער געגנט, וואָס איז נאָך געווען שוואַך באַוווינט. ביסלעכווייז האָט אַרום דעם וואָקזאַל גענומען אַרויסשפּראָצן דער קערן פון דער צוקונפטיקער שטאָט.

די ערשטע הייזער־בלאָקן זענען אַנטשטאַנען ביי דער מאָנדזשיעווער גאַס, וואָס איז שפּעטער דורכגעשניטן געוואָרן דורך דער טאַרגאָווע־גאַס. פון דאָרטן האָט זיך ביז צום וואָקזאַל געצויגן אַ ליידיקער פּלאַץ, אַ זומפּיקער. דערנאָך איז אַנטשטאַנען אַ גאַס אויפן אָרט פון אויסגעהאַקטן וואַלד און באַקומען דעם נאָמען „איוואַן גראָדזקאַ” און איז שפּעטער געענדערט געוואָרן אויף „דעמבלינסקאַ”. אין דער זעלבער צייט איז אַנטשטאַנען די פּשעיאַזדאָווע־גאַס, געענדערט שפּעטער אויף וואַרשאַווסקאַ. ערשט דערנאָך איז אויפגעבויט געוואָרן די קאָלעיאָווע־גאַס, וואָס איז שפּעטער געענדערט געוואָרן אויף קאָלאָנטאַיאַ. אויף דער זייט פון דער מאָנדזשעיאָווער איז צוגעבויט געוואָרן די טאַרגאָוואַ־גאַס. די איינציקע גאַס, וואָס איז אין יאָר 1881 געווען געפּלאַסטערט, איז געווען די קאָלעיאָווע־גאַס.

דער ניי־אויפגעשטעלטער וואָקזאַל איז געווען אַ סטימול פאַר בויען נייע געביידעס אין דער געגנט פון די ישובים מילאָוויץ, פּאָגאָן', שעלצע, אָסטראַ־גורקאַ, דעמבאָוואַ־גוראַ אָדער ראַדאָכאַ. גרעסערע ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אין יענער געגנט ערשט ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען עס איז אַריינגעדרונגען דער דייטשער קאַפּיטאַל און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אינדוסטריאַליזאַציע אין דאָמבראָווער זאַגלעמביע.

די ישובים האָבן זיך אַנטוויקלט. אַרום יעדן קוילנגרובן האָבן זיך געבויט נייע הייזער און עס זענען געבויט געוואָרן נייע קאָמוניקאַציע־וועגן. די דאָזיקע ישובים האָבן געהאַט אייגענע שפּיטעלער, שולן, קלובן, און בופעטן, באָד־אַנשטאַלטן און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע בנינים. די אַמייסטן אַנטוויקלטע ישובים זענען געווען אַרום די גרובן־געזעלשאַפטן פון גראָף רענאַרד. די געביידעס האָבן זיך געצויגן אויף גרויסע שטרעקעס, איבער די גאַסן נאַרוטאָוויטשאַ, שפּיטאַלנאַ, קלימאַנטאָווסקאַ, שקאָלנאַ, פּיעקאַרסקאַ,, בראָוואַרנאַ. לויט דער איניציאַטיוו פון דעמאָלטיקן דירעקטאָר ל. מאַווּוע, זענען אינסטאַלירט געוואָרן די ערשטע טעלעפאָנען אין סאָסנאָוויץ, וואָס האָבן געדינט אַלס מוסטער פאַר אַנדערע שטעט אין פּוילן.

די אייגנטום־רעכט איבערן באָדן, אויף וועלכן עס האָבן זיך געבויט די פאַבריקן, פאָדערן אַ ברייטערע אויפקלערונג. דער גרעסטער טייל באָדן פון סאָסנאָוויץ האָט אין דער צייט פון אויפשטעלן די באַן־ליניע געהערט צו די גיטער פון מאָנדזשעוו—שעלצע, אָדער צו די גזשיכאָווער פעלדער. די גיטער מאָנדזשעוו—שעלצע האָבן איינגעשלאָסן אויך דעמבאָוואַ־גוראַ און ראַדאָכאַ, קוזניצע און שרודאָלאַ, ווי אויך געוויסע טיילן פון סאָסנאָוויץ. דער רוב באָדן אינעם צענטער פון דער איצטיקער שטאָט האָט געהערט צו די גזשיכאָווער גוטבאַזיצערס, צו וועלכע עס האָבן אויך געהערט די דערפער אָסטראַ־גורקאַ און אַ טייל פון פּאָגאָן', וואָס איז געווען געטיילט צווישן די צוויי מעכטיקע באָדן־מאַגנאַטן און מען האָט זיי טאַקע גערופן: פּאָגאָן' פון קראַמסטאַ און פּאָגאָן' פון רענאַרד.

די סאָסנאָוויצער אינדוסטריע, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָך אין יאָר 1877, האָט זיך געמוזט רעכענען מיטן סטאַטוס פאַר דאָרפישן באָדן. לויט אַ צאַרישן רעגירונגס־דעקרעט פון יאָר 1864, האָט מען נישט געטאָרט קויפן קיין פּויערים־באָדן. די אינדוסטריעלער האָבן געמוזט אַרומגיין די צאַרישע געזעצן און אַנשטאָט קויפן דירעקט דעם באָדן ביי די פּויערים, האָבן זיי דורכגעפירט טויש־טראַנזאַקציעס דורך פאַרמיטלער. אַזעלכע טויש־געשעפטן האָבן זיי געמאַכט מיט די פּאָגאָניער פּויערים. אין די יאָרן 1878—1881 האָט מען געמאַכט אַזעלכע טוישן אויף אויפצובויען אונטערנעמונגען. אין די יאָרן 1893—1902 האָט מען געקויפט דעם באָדן אויף צו בויען וווינונגס־הייזער.

אין קעגנזאַץ צו די געביידעס פון די פאַבריק־אונטערנעמונגען, זענען די וווינונגס־הייזער פאַר אַרבעטער געוואָרן שלעכט געבויט, אין אומאָרדנונג. דער צאַרישער פאַרבאָט האָט געבראַכט פאַרקערטע רעזולטאַטן. מען האָט געבויט הייזער אין געהיים, ביינאַכט, הינטער הויכע פּלויטן, אָן אַ בוי־פּלאַן און אָן טעכנישער אויפזיכט, אין קעגנזאַץ צו אַלע אַרכיטעקטאָנישע פאָדערונגען. די איין־שטאָקיקע הייזער זענען געווען צונויפגעשטעלט פון צופעליקן מאַטעריאַל, אָן באַקוועמלעכקייטן. נאָך אין יאָר 1921 זענען 18 פּראָצענט פון די סאָסנאָוויצער הייזער געווען נישט העכער פון איין שטאָק. חוץ דעם האָט געפעלט אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר, וואָס זאָל קאָאָרדינירן די בוי־אַרבעטן און אַריינפירן אַ געוויסע אָרדענונג. די גאַסן זענען געזונקען אין בלאָטע און אין פינצטערניש.

דער פּוילישער געזעלשאַפטלעכער טוער אַנדזשעי ניעמאָיעווסקי, וואָס האָט אין יענער צייט אין סאָסנאָוויץ געפירט אויך אַן אַנטיסעמיטישע טעטיקייט, האָט אין אָנבליק פון דער נייער שטאָט אויסגעשריגן: „מענטשן, איר זינקט אין זומפּ. אייערע קינדער וועלן שטאַרבן מיט אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. ווו שטעלט איר הייזער? ווו בויט איר וועגן? וואָס פאַראַ וואַסער טרינקט איר? וואָס פאַראַ לופט אָטעמט איר”?

אין רעזולטאַט פון דער אינטענסיווער אינדוסטריאַליזאַציע איז אין סאָסנאָוויץ און אין די נאָענטע דערפער געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער. עס האָט זיך פאַרצווייגט דער האַנדל. עס זענען אַנטשטאַנען נייע גאַסן: פּאָליצינאַ, דערנאָך דעקערטאָ, דיטלאָווסקאַ, פּאָלנאַ, צערקעוונאַ, קאָשטשעלנאַ, טאָוואַזשיסטוואָ סאָסנאָויעצקיע, שענאַווסקאַ און אָסטראַ־גורסקאַ. די באַפעלקערונג איז געשטיגן ביז 50 טויזנט נפשות.

אַרום דעם סאָסנאָווצער וואָקזאַל זענען אַנטשטאַנען געביידעס פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַדמיניסטראַציע. אין יאָר 1902 איז אַרויס אַ דעקרעט פון דער צאַרישער מאַכט וועגן

„דעם אָרט סאָסנאָוויץ, קרייז בענדין, פיעטריקאָווער גובערניע מיט די ישובים, וואָס געהערן צו אים און זענען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון די הייף גזשיכאָוו און שעלצע, אַלט־סאָסנאָוויץ, פּאָגאָן׳, אָסטראַ־גורקאַ, שעלצע, ראַדאָכאַ און בלומענטאַל — די ניווקער קאָלאָניע — מיטן צוגאָב פון די פעלד־טיילן פון דער אייזנבאַן וואַרשע—ווין — דאָס אַלץ צוזאַמען בילדעט די שטאָט סאָסנאָוויץ”.

די נייע שטאָט האָט געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 60 טויזנט נפשות.

די ערשטע הויז־באַזיצער אין דער מאָנדזשעווער־גאַס זענען געווען: היינקעס, ראָטשילד, פרימאָרגן, פלאַוונער, קעניגסבערג, וויינרעב, פאַכטער, פישהויף, גראַדשטיין, בינדער, אַבראַמטשיק, ענגלאַרד, מאַנגעלאַ, פעדערמאַן, פלאַנער; אין דער באַן־גאַס: רייכער, מאַיערהאָלד, פאָרעמבאָוויץ, פעליקס, פּאָטאָק, רוזשיצקי, נויפעלד, פריוועה, אָפּנהיים, טורסקי; אין דער פשעיאַזד־גאַס: מרוקאָווסקי, יערמאָלאָוויטש, בערגמאַן, זאַיאָנץ, קאָניעטשני, סטראָצקי, פאַמפּעלאָוו; אין דער אַפּטייק־גאַס: פּאָדלעווסקי, רוזשיצקי; אין דער דעמבלינסקאַ־גאַס: קוכאַרסקי, האַלאַמי, קלאָגע, ווילטאַס, קעמפּע און שעפער.

אין יאָר 1895 זענען די הייזער געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. עס זענען צוגעקומען נייע הויז־באַזיצער, פאַבריקאַנטן, סוחרים א.א. אין יאָר 1898, ווען סאָסנאָוויץ איז נאָך געווען אַ דאָרף, זענען שוין דאָרט געווען זעקס האָטעלן: וויקטאָריאַ, וואַרשאַווסקי, גראַנד, סאַסקי, דרעזדענסקי און ניעמיעצקי; צוויי טעאַטערס, אַ זומערדיקער און ווינטערדיקער.

די ערשטע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין סאָסנאָוויץ זענען געווען דריי קוילנגרובן: „לודוויגס האָפענונג”, געגרינדעט אין יאָר 1806 נעבן דער טשאַרנאַ־גאַס; „פּאָגאָן׳”, געעפנט אין יאָר 1815 אין אָסטראַ־גורקאַ, אַנטשטאַנען אין יאָר 1822. דערנאָך זענען אַנטשטאַנען די אייזן־גיסערייען: „אַננאַ” און „לודוויג”, אַנטשטאַנען אין יאָר 1822. אין יאָר 1853 איז אין סאָסנאָוויץ אַנטשטאַנען די פאַבריק פאַר כעמישן קאָמפּאָסט, וואָס איז דערנאָך אַריבער אין רשות פון פּאַול לאַמפּרעכט.

אין יאָר 1881 האָט קאַראָל גוסטאַוו דיטריך אָפּגעקויפט אַ שטיק באָדן ביי דער מאַלאַכאָווסקער גאַס און אויפגעשטעלט די פאַפּיר־פאַבריק. דערנאָך איז אַנטשטאַנען די גלאָז־פאַבריק וועמענס באַזיצער זענען געווען: פרינג סיים עט שלעזינגער. אין יאָר 1904 האָט די פאַבריק באַשעפטיקט 600 אַרבעטער. אין יאָר 1875 האָבן די יורשים פון דער פירמע שיין, אין דויטש־ווערדאו, אויפגעשטעלט אין סאָסנאָוויץ די וויגאָניעשפינערייי נעבן דער 1־שטער מאַי־גאַס. ביי דער שפינעריי האָבן זיי אויך אויפגעשטעלט אַ פאַרבעריי. דאָרט האָבן געאַרבעט 1200 אַרבעטער. עטלעכע יאָר שפעטער האָבן די שיינס אויפגעשטעלט אַ שפינעריי פון קאַמגאַרן, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין יאָר 1886 און גלייך באַשעפטיקט 2 טויזנט אַרבעטער.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן שיינס שפינערייען פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט צווישן אַלע שפינערייען אין גאַנץ רוסלאַנד. די דאָזיקע אונטערנעמונגען זענען געווען נישט נאָר די גרעסטע, נאָר אויך די עלטסטע אויפן דאָזיקן געביט אין פוילן.

7. דער אָנהויב פונעם יידישן ישוב אין סאָסנאָוויץ

פריער האָבן שוין עקזיסטירט יידישע ישובים אין די נאָענטע דערפער און קאָלאָניעס. איבער אַלע איז געווען דער גרויסער אַלטגעזעסענער יידישער ישוב אין בענדין, דער גרעסטער יידישער ישוב אין גאַנץ זאַגלעמביע, וועמענס אָנהויב האָט דערגרייכט די עפּאָכע פון דעם פוילישן קעניג באָלעסלאַוו כראָברי. דאָס יידישע בענדין האָט אַ לאַנגע צייט געדינט אַלס מוטער־קהילה פאַר די אַנדערע פאַרשידענע קהילות, וואָס זענען אויפגעקומען אין יענער געגנט. די בענדינער קהילה איז געווען אַן איינגעפונדעוועטע און איר נאָמען האָט געקלונגען איבער גאַנץ פוילן. בענדינער יידן האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פלאַץ אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון גאַנצן ראַיאָן, וואָס איז געווען רייך אין קוילן, אייזן און אַנדערע נאַטירלעכע אוצרות. די שטאָט האָט געברויזט מיט אַרבעט און שאַפן און האָט באַקומען דעם טיטל „ירושלים פון זאַגלעמביע”.

עס איז נישט געווען באַוווסט ווען די יידן זענען געקומען קיין בענדין. מען ווייסט אָבער, אַז שוין אין דרייצנטן יאָרהונדערט האָבן דאָרט געוווינט יידן און זענען געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן געעפנט סטראַגאַנעס צו טוישן געלט. די יידישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן, און בענדין האָט נישט געקענט מפרנס זיין אַלע יידן און אַ סך האָבן אָנגעהויבן זוכן פרנסה אין דער אַרומיקער געגנט, געראַנגלט זיך מיט גרויסע שוועריקייטן, מיט דער שנאה פון די פּאָליאַקן, וואָס זענען געווען אָנגערייצט פון די גלחים און עס איז אפילו דערגאַנגען צו בלוט־בילבולים.

אין די דערפער פּאָגאָן׳, וויגוויזדאָוו, מילאָוויץ, אָסטראַ־גורקאַ און שפעטער אויך אין אַלט־סאָסנאָוויץ האָבן שוין דעמאָלט געוווינט יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט זוכן אין די ערד־טיפענישן קוילן און אייזן, געבויט קלענערע פאַבריקן, אייזן־גיסערייען.

דאָס בויען די באַן־ליניע זאָמבקאָוויץ—קאַטאָוויץ און דאָס אַנטשטיין פון גרויסן וואָקזאַל אין סאָסנאָוויץ, האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַריאָגט די רויבער־באַנדעס, וואָס האָבן גראַסירט אין יענער געגנט, ביז זיי זענען אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. נאָך אין יאָר 1860 האָבן זיך יידן אָנגעהויבן באַזעצן אַרום דעם וואָקזאַל. פון דער באַן־סטאַציע האָט זיך געצויגן אַ גלייכער וועג, וואָס האָט דורכגעשניטן די גאַנצע שטאָט סאָסנאָוויץ,

פאַרבייגעגאַנגען די גאַנצע מאַנדזשיעווער־גאַס און ווייטער ביז אָסטראַ־גורקאַ, פון דאָרט האָט זיך דער וועג פאַרבויגן קיין ראַדאָכאַ און ווייטער קיין מאָנדזשעוו.

אויף דער מאָנדזעיעווער־גאַס איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אַ וואַלד, אין וועלכן עס זענען געווען קליינע פויערים־הייזלעך. די יידן האָבן אָפּגעקויפט די דאָזיקע הייזלעך און אויף זייער אָרט האָט מען אויפגעשטעלט גרויסע געביידעס. די ערשטע יידישע הויז־באַזיצער אין סאָסנאָוויץ זענען געווען: דער מאָנדזעיעווער אברהם יצחק בלומענטאַל, דער בענדינער האַמבורגער, לייבעלע בינדער, אייזיק יונגסטער א.א.

קיין דערלויבעניש צו בויען הייזער האָט די רוסישע מאַכט נישט געגעבן, האָט געקוקט קרום אויף דעם אויפשטעלן אַ שטאָט ממש אויף דער פּרייסישער גרענעץ. דאָך האָט מען זיך אַן עצה געגעבן מיט די באַאַמטע, וועלכע האָבן אַוועקגעקוקט, ווען אויף די פאַרבאָטענע פּלעצער זענען גיך אויפגעשטעלט געוואָרן הייזער, נישט אין קיין גלייכער ליניע, און אין אַ קורצער צייט זענען אויסגעוואַקסן גאַנצע גאַסן מיט גרויסע הייזער, וואָס זענען מערסטנס געבויט געוואָרן אין די נעכט, אָן באַלייכטונג.

צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט איז געוואַקסן דער יידישער ישוב. אין די זיבעציקער יאָרן פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך אין סאָסנאָוויץ געעפנט גרויסע עקספּאָרט־אונטערנעמונגען פון די ברידער גינסבורג, אַדאָלף אָפּענהיים, סטאַניסלאַוו רייכער א.א. פון טשענסטאָכאָוו איז אָנגעקומען אַ גרעסערער שטראָם אינטעליגענטע יידן, וואָס האָבן דאָ געבילדעט אַ קאָלאָניע פון אַסימילאַטאָרן און זיי האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויפן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין אָנהויב איז דער יידישער ישוב אין סאָסנאָוויץ באַשטאַנען פון אייניקע מנינים ראַדאָמסקער און אַלעקסאַנדרער חסידים, ווי אויך פשוטע מענטשן.

אין יאָר 1885 איז אויפגעבויט געוואָרן די איוואַנגראָדער באַן־ליניע און עס איז אַנטשטאַנען די פאַרבינדונג צווישן איוואַנגראָד (דעמבלין) און דעם זאַגלעמביער ראַיאָן. עס איז אויפגעבויט געוואָרן אויפן רוסישן שטייגער אַ גרויסער און ברייטער וואָקזאַל אין סאָסנאָוויץ. די פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד איז פאַרקירצט געוואָרן, מען האָט שוין נישט געדאַרפט פאָרן דורך וואַרשע. סאָסנאָוויץ איז געוואָרן אַ טראַנזיט־פּונקט פאַר רוסישע תבואות קיין דייטשלאַנד. דאָס האָט געהאָלפן פאַרגרע־סערן די באַפעלקערונג, און סאָסנאָוויץ איז גאָר גיך געוואָרן איינע פון די רוישיקסטע שטעט אין פּוילן.

עס האָבן געצויגן אַהער גרויסע תבואה־סוחרים, וואָס האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אינעם ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די סאָסנאָווצער יידן. עס זענען באַרימט געוואָרן די נעמען: וואָלפסאָן, קאַבאַק, הערץ, ליפּשיץ און אָרלאָווסקי. סאָסנאָוויץ האָט באַקומען דעם נאָמען „פּוילישׂ אַמעריקע". עס האָבן געשטראָמט אַהער מענטשן פון פּאַרוואָר־פענע שטעטלעך אין קעלצער גובערניע. פון כמיעלניק און פּינטשעוו, פון כענטשין, יענדזשיעוו, סטאַשעוו, זאַלאָשיץ, סלאָמניק, מיעכאָוו א.א. אָבער פון יורידישן שטאַנדפּונקט איז דער יידישער ישוב אין סאָסנאָוויץ נאָך דעמאָלט געווען אַ טייל פון דער יידישער קהילה אין בענדין. עס האָט געדויערט אַ צייט ביז חשובע עסקנים האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַ־טיוו אויפצושטעלן אַן אייגענע קהילה אין סאָסנאָוויץ.

8. די תקופה פון אינדוסטריאַליזאַציע

די תקופה פון אינדוסטריאַליזאַציע האָט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ געענדערט דאָס לעבן אין סאָסנאָוויץ. די פּויערים האָבן פאַרקויפט זייער באָדן, וואָס איז נישט געווען באַזונדערס פּרוכטבאַר און זיך איבערגעצויגן אין דער שטאָט, געוואָרן געדונגענע אַרבעטער. דעם דאָזיקן באָדן האָבן אָפּגעקויפט באַראָנען און גראַפן, דייטשע קאַפּיטאַליסטן. די שווערע אינ־דוסטריע אין סאָסנאָוויץ און אין גאַנץ זאַגלעמביע האָט זיך געפונען אין די הענט פון די גרויסע דייטשע אינדוסטריעלער נאָך אין די צייטן פון צאַרישער הערשאַפט. די יידן האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין וווקס פון די שטעט. געווען צייטן ווען די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז איבער־געשטיגן די נישט־יידישע. די דייטשע אינדוסטריעלער האָבן גערן מיטגעאַרבעט מיט די יידן.

נאָך אינטענסיווער איז די אַנטוויקלונג פון די אינדוס־טריעלע אונטערנעמונגען אין סאָסנאָוויץ געוואָרן זינט דעם יאָר 1879. דער געברויך פון קוילן איז כסדר פאַרשטאַרקט געוואָרן. די יורשים פונעם גראַף רענאַרד האָבן אויפגעשטעלט דעם גרויסן גרובן „רענאַרד", וואָס האָט אין יאָר 1910 באַשעפ־טיקט 2353 אַרבעטער. אינטענסיוו האָט זיך אַנטוויקלט די אייזן־גיסעריי, באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער. דאָס באַשטימען דעם אָפּצאָל אויף רוישטאָפן און דאָס פאַרמאַכן די גרענעץ פאַרן אימפּאָרט פון אייזן־אַרטיקלען פון שלעזיען, האָט געבראַכט דערצו, אַז די שלעזישע אינדוסטריעלער זאָלן עפע־נען פיליעס פון זייערע פאַבריקן אין סאָסנאָוויץ. אַזוי איז אין יאָר 1880 אַנטשטאַנען אין קאָנסטאַנטינאָוו די פאַבריק פיצ־נער—גאַמפּער פון דאַמף־קעסלען, מאַשינען, בריקן. אין יאָר 1910 האָט די פאַבריק שוין באַשעפטיקט 1200 אַרבעטער.

אין יאָר 1881 האָט דער דייטשער פאַבריקאַנט א. דייכסל פון זאַבזשע, שלעזיען, געלאָזט, אין דעמבאָוואַ־גוראַ נעבן מאָנדזשעוו, אין באַוועגונג די גרעסטע שטריק־און פאָדעם־פאַבריק אין גאַנץ פּוילן. די פאַבריק האָט באַשעפטיקט אַן ערך 300 אַרבעטער און די שטריק, וואָס זענען דאָרט אויסגעאַרבעט

געוואָרן, האָבן אַדאַנק זייער גוטער קוואַליטעט באַקומען אַ נאָמען איבערן גאַנצן לאַנד.

אין 1883 איז אין מילאָוויץ אַנטשטאַנען די גיסעריי „מילאָוויץ", וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דער דייטשער געזעלשאַפט „פרידריכס הוטע" און באַשעפטיקט 370 אַרבעטער. אין יאָר 1910 האָט זי באַשעפטיקט 1480 אַרבעטער. אינעם זעלבן יאָר האָט דער אויבערשלעזישער פאַבריקאַנט, דער גראַף הענקל פון דאָנערסמאַרק אויפגעשטעלט אין דעמבאָוואַ־גוראַ די גיסעריי „פּושקין" וואָס האָט באַשעפטיקט 350 אַרבעטער.

אין רעזולטאַט פונעם פאַרגרעסערטן גרענעץ־אָפּצאָל אין יאָר 1877 האָט אין סאָסנאָוויץ זיך געשאַפן אַ דריטער גרויסער פאַבריק־צווייג פון וואָל־גאַרן, וואָס האָט דאָ געפונען גוטע באַדינגונגען, דער עיקר צוליב די ביליקע אַרבעטס־הענט פון פרויען און קינדער.

די יורשים פונעם זאַקסישן פאַבריקאַנט צ.ג. שיין, האָבן נאָך אין 1878 אויפגעבויט אַ ביינוול־שפּינעריי און אַ פאַרבעריי און האָבן דערגרייכט די העכסטע קאַטעגאָריע פון דאָזיקן סאָרט אין גאַנץ רוסלאַנד. אין יאָר 1904 האָבן די שיינס אויפגעשטעלט אַ גרויסע טריקאָטאַזש און זאָקן־פאַבריק, וואָס האָט באַשעפטיקט איבער 1000 אַרבעטער. אויסער דעם האָבן זיך אין סאָסנאָוויץ געשאַפן נאָך קלענערע פאַבריקלעך פון פאַרשיידענע בראַנזשעס, צווישן זיי די פּאַפּיר־פאַבריק פון לאַמפּרעכט, די גלאָז־פאַבריק פון פרינקסהיים און שלעזינגער, די לייוונט־פאַבריק פון דייכסל און די כעמישע פאַבריקן „גזשיכאָוו" און „ראַדאָכאַ", די ליטאָגראַפיע יערמאָלאָוויטש (אַ ייד). עס האָבן אויך עקזיסטירט אין שטאָט פאַבריקן פון שטיקעריי, קופּער־באַאַרבעטונג, צינק־מעבל, פּאַפּע, ביר־ברייעריי, פּאַראָווע מעל־מילן און אַנדערע פאַבריקלעך. אין יאָר 1880 זענען אין סאָסנאָוויץ גופא, אויסער די פאָרשטעט, געווען 11 פאַבריקן. אין יאָר 1900 האָט סאָסנאָוויץ שוין פאַרמאָגט 23 גרויסע פאַבריקן, געהאַט עלעקטרישע באַלויכטונג אין די הייזער און גאַסן. דאָס אַלץ איז געווען אין דער צווייטער העלפט פונעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, איידער סאָסנאָוויץ איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס שטאָט.

9. אויסלעבונג פון האַנדל

דאָס צווייטע אָרט נאָך די דייטשן האָבן פאַרנומען די יידן, וואָס האָבן געבויט עלעקטרישע מילן, און אַרויסגעפירט מעל אויך אויף עקספּאָרט, ביז די ווייטסטע רוסישע געגנטן. צו די אָנגעזעענסטע מילנער האָבן געהערט: קלמן לאַנגער און מרדכי קליינבערג, מענדל קליינער און משה יעקל שאַרף פון מאָנדזשיעוו און דערנאָך אין סאָסנאָוויץ; איטשע מאיר שטאַרק, געבוירן אין וואָלבראָם. אַלע מילן זענען געווען קאָנצענטרירט אויף דער ספּולנע־גאַס. פון דער באַן־ליניע האָבן זיך געצויגן באַזונדערע באַן־ליניעס צו די מיל־הויפן און דאָס האָט פאַרגרינגערט די מעגלעכקייטן פאַר עקספּאָרט.

די קלייען פון די מילן האָט אָפּגעקויפט לייזער ברוקנער, אַן איידעם פון לאַנגער פון מאָנדזשיעוו. ער איז געווען דער הויפּט־אַגענט פון די מילנערס און האָט פאַרקויפט זייער סחורה אין די פאַרשידענע דייטשע שטעט, אין ברעסלאַו און בערלין. ר' לייזער ברוקנער האָט זיך געעפנט אַ פיליע אין מיסלאָוויץ און פון דאָרט אָנגעקניפּט האַנדלס־באַציונגען מיט זיינע קונים אין דייטשלאַנד. דערנאָך איז צוגעקומען אַ קאָנקורענט אין דער פּערזאָן פון נחום האַמבורגער, פון מאָנדזשיעוו.

די דינאַמישע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט מיט זיך געבראַכט אַן אויפלעבונג פון האַנדל. עס זענען אויפגעקומען אַ סך יידישע סוחרים, הענדלער, אַגענטן און קרעמער. ביים סוף פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זענען אין סאָסנאָוויץ געווען אַן ערך 300 שפּייז־געשעפטן, צענדליקער רעסטאָראַנען, ביר־שענקען, קאָנדיטאָריעס, 7 האָטעלן, 80 שניידער וואַרשטאַטן, 7 מאָדע־הייזער, 5 בוך־האַנדלונגען און 2 פּאָטאָאַנשטאַלטן. עס זענען אַנטשטאַנען נייע טעכנישע און פאַרמיטלונגס־ביוראָען, עקספּעדיציע־אונטערנעמונגען, בענק, לייקאַסעס, פאַרזיכערונג־טויש־ביוראָען. פּאַראַלעל צום לעגאַלן האַנדל האָט זיך אויך אַנטוויקלט דער שמוגל אין אַ גרויסן פאַרנעם. אין יאָר 1904 האָט סאָסנאָוויץ געציילט 57,190 איינוווינער, אין יאָר 1914 — 118,475, ד.ה. אַז אין די לעצטע צען יאָר פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך די צאָל איינוווינער מער ווי פאַרדאָפּלט. אין יאָר 1886 האָבן די סאָסנאָווצער פאַבריקן באַשעפטיקט 1051 אַרבעטער, בעת אין יאָר 1914 איז די צאָל באַשעפטיקטע דערגאַנגען ביז 19,876.

10. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע בעת דער דייטשער אָקופּאַציע

אין די יאָרן 1914—1918 אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון אינדוסטריע און האַנדל. אין די פאַבריקן פון די שטאָל־און לעדער־אויסאַרבעטונגען איז נישט פאַרבליבן קיין איינציקער מאָטאָר אָדער דינאַמאָ־מאַשין. דאָס וואָס די דייטשן האָבן נישט געקענט אַרויספירן, האָבן זיי פאַרניכטעט. אַממייסטן האָבן געליטן די מעטאַלורגישע און שפּינעריי־פאַבריקן.

די דייטשע מלחמה איז אויף די שיין־פאַבריקן אַראָפּגע־

פאַלן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. אַלץ איז צערויבט, צעשטערט אָדער אַרויסגעפירט געוואָרן. עס זענען פאַרבליבן נאַר רויִנען, סקעלעטן פון די טייערע איינריכטונגען. אין משך פון זעקס יאָר, זענען די פאַבריקן געשטאַנען הפקר, אָן האָפענונג אַרויסצוקריכן ווען עס איז פון די חורבות. ערשט נאָך לאַנגע יאָרן האָבן די שיינס מיט אַ סך עקשנות זיך געוואָרפן אויף צו באַנייען די אַרבעט און נאָך צוויי שווערע יאָרן פון עקשנותדיקע אָפּעראַציעס איז די פאַבריק ווידער געשטעלט געוואָרן אויף די פיס.

דאָס צעשטערן די אינדוסטריע אין סאָסנאָווצער ראַיאָן איז דורכגעפירט געוואָרן גענוי לויט דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט אין באַצוג צו דער אינדוסטריע אין דאָמבראָווער זאַגלעמביע. די הויפּט־ראָל האָבן דאָ געשפּילט די דייטשע פאַבריקאַנטן אין אויבערשלעזיע. אין דער ערשטער צייט פון דער מלחמה איז געפונען געוואָרן אַ געלעגנהייט אָפּצושטעלן די אַרבעט אין די זאַגלעמביער פאַבריקן און באַזאָרגן די אַרבעטסלאָזע אין די אויבערשלעזישע פאַבריקן, פון וואַנען די אַרבעטער זענען מאָביליזירט געוואָרן אין מיליטער. אין האַרבסט פון יאָר 1914 האָבן פונעם אָקופּירטן זאַגלעמביע אויסגעוואַנדערט קיין אויבערשלעזיע 15 טויזנט אַרבעטער, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס. די קרייזן בענדין, טשענסטאָכאָוו, וויעלון האָבן באַקומען די רעכט צו רעקרוטירן אַרבעטער פאַר די גרובנס פון קוילן ראַיאָן אין אויבערשלעזיע. פאַר די אַנדערע טיילן פון דייטשלאַנד, ווי פאַר די גרובנס אין ריינלאַנד און וועסטפאַל איז די אימיגראַציע פון אַרבעטער געווען פאַרבאָטן.

די אַלגעמיינע צעשטערונג־פּאָליטיק האָט נישט אָנגערירט די קוילנגרובנס. די נאָכפראַגע אויף הייץ־מאַטעריאַל איז געווען גרויס און עס האָבן זיך דעריבער געפאָדערט שריט צו העלפן דער קוילן־פּראָדוקציע. דער „בערגאַמט”, וואָס האָט זיך געפונט אין סאָסנאָוויץ אין אויגוסט 1914, האָט געהאַט די אויפגאַבע צו האָבן די השגחה איבער די קוילן־ענינים אין זאַגלעמביע, וואָס זענען געווען אין אינטערעס פון דייטשן אָקופּאַנט. אין יענער צייט איז סיסטעמאַטיש געשטיגן די זאָרג פון דער דייטשער מאַכט פאַר דער קוילן־פּראָדוקציע.

אין גאַנצן אַנדערש האָט אויסגעזען די לאַגע אין דער מעטאַל־אינדוסטריע. אין דער ערשטער ריי איז געפאַלן דער באַשלוס צו פאַרלעשן די גרויסע אויוונס. דערנאָך האָבן די דייטשן קאָנפיסקירט דעם רעזערוו פון אייזן־אַרץ, וואָס האָט צוו. אַנד. געשעדיקט אויך די גיסערייען „קאַטערינאַ”, „הולדשינסקי” און „מילאָוויץ”. עס זענען ליקווידירט געוואָרן די פראַנצויזישע געזעלשאַפטן „רענאַרד” און „טשעלאַדזש”. אין אַ ריי מעמאָריאַלן האָט די אויבערשלעזישע פאַבריקאַציע געפאָדערט צוקאָאָפּטירן דעם בענדינער קרייז צו דייטשלאַנד. אין די מעמאָריאַלן פון 1916 האָבן די שלעזישע פאַבריקאַנטן שוין געפאָדערט צוקאָאָפּטירן דעם גאַנצן זאַגלעמביער ראַיאָן צו דייטשלאַנד, אָנווייזנדיק אויף דער נויטווענדיקייט און לעבנסוויכטיקייט פונעם דאָזיקן ראַיאָן פאַר אויבערשלעזיע, סיי פון ווירטשאַפטלעכן און סיי פון סטראַטעגישן שטאַנדפּונקט. די דייטשע מפּלות האָבן געשטערט צו ליקווידירן די סאָסנאָווצער אינדוסטריע לויט די פּלענער פון די אויבערשלעזישע פאַבריקאַנטן.

11. די דעמאָגראַפישע אַנטוויקלונג פון סאָסנאָוויץ

די צאָל איינוווינער

אין די יאָרן 1878—1881 זענען געלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער סאָסנאָווצער באַפעלקערונג. פון דאַן אָן איז כסדר געשטיגן די צאָל איינוווינער.

יאָר	צאָל איינוווינער
1886	9,318
1897	36,289
1904	57,190
1905	61,000
1906	63,000
1907	67,000
1908	70,000
1909	80,710
1910	89,000
1911	98,748
1912	114,000
1914	118,475

סאָסנאָוויץ האָט מיט אַן איבעראַשנדיקער שנעלקייט איינגעשלונגען די אַרומיקע דערפער און אינדוסטריעלע ישובים. עס איבעראַשט די איבערוויגנדיקע צאָל מענער, 53.6% און נישט מער ווי 46.4% פרויען, ד.ה. 115 מענער אויף 100 פרויען.

נאָמען פון אָרט	גאַטונג פון אָרט	אײנװױנער־צאָל מענער	פרויען	צוזאַמען	פון דער צאָל זײנען קאַטאָליקן	יידן
קאָנסטאַנטין	זידלונג	1,837	1,295	3,132	2,701	316
קושניצאַ	זידלונג	963	685	1,648	1,275	—
מילאָוויץ	אַ קוילנגרוב	1,053	637	1,690	1,678	—
מאָנדזשיעוו	זידלונג	698	660	1,358	911	401
אָסטראָ־גורקאַ	אַ דאָרף	759	728	1,487	1,263	—
פּאָגאָניאַ	אַ דאָרף	2,143	2,031	4,174	3,943	—
שעלצע	אַ דאָרף	1,493	1,148	2,641	2,433	—
שעלצע (קאַטאַרינאַ)	אַ גיסערײ	869	853	1,722	1,618	—
שעלצע (שײן)	שפּינערײ װיגאָני	257	304	561	487	—
סאָסנאָוויץ	אַ דאָרף	4,694	4,354	9,048	5,271	2,921
סאָסנאָוויץ	באַנהויף פון די אײזנבאַן	588	501	1,089	988	—
סאָסנאָוויץ אַלט	אַ דאָרף	788	679	1,467	1,408	—
װיגוויזדאָוו	אַ דאָרף	3,562	2,970	6,532	6,087	—
צוזאַמען		19,684	16,845	36,529	30,063	3,638

עס איבערראַשט אויך דער גרויסער צוװוקס פון דער נישט־סטאַבילער באַפעלקערונג, פון די, װאָס זענען געבוירן געוואָרן אין אַנדערע שטעט און איצט פאָרגעשטעלט מיט זיך 4 פינפטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

פאַרשריבן אין די באַפעלקערונגס־ביכער: סטאַבילע מענער	נישט סטאַבילע	צוזאַמען	אין 1 יאַנואַר 1911 זיינען געווען: מענער	פרויען	צוזאַמען
20,028	79,437	99,465	57,342	41,406	98,748

אין די יאָרן 1914—1918 איז געפאַלן די צאָל פון דער סאָסנאָווצער באַפעלקערונג. אַ סך אַרבעטער האָבן עמיגרירט קיין דייטשלאַנד, בעיקר אין די אויבערשלעזישע פאַבריקן. דער הונגער אין די דערפער האָט אַרויסגעטריבן די מענטשן, גע־צוווּנגען זיי זוכן עסן אין אַנדערע געגנטן.

און אָט זיינען די ציפערן וואָס שילדערן די קוואַנטיטאַ־טיווע ענדערונגען ביי דער סאָסנאָווצער באַפעלקערונג אין די ערשטע קריגסיאָרן:

	צוזאַמען	מענער	פרויען
1 יאַנואַר 1914	118,475	71,934	46,541
1 אָקטאָבער 1914	51,854	24,579	27,275
1 סעפּטעמבער 1915	56,876	25,647	31,229
20 נאָװעמבער 1916	69,957	33,427	36,530

אמת, אַ גרויסער טייל האָט זיך נאָך אַ קורצער צייט אומגעקערט אין זייערע היימען, איז אָבער אַלץ די צאָל באַ־פעלקערונג מיט יעדן טאָג פאַרקלענערט געוואָרן. ערשט נאָכן אָנשליסן אין סאָסנאָוויץ די ערטער: קאָנסטאַנטין, פּעקין, שראָדאָלאַ, זאַגוזשע, מאָנדזשיעוו און מילאָוויץ, האָט זיך ווי־דער אָנגעהויבן אַ פאַרהעלטנישמעסיקער צוװוקס פון דער באַ־פעלקערונג.

אין יאָר 1921 איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאָלקס־ציילונג. די באַפעלקערונג אין סאָסנאָוויץ האָט דעמאָלט גע־ציילט 86,497 נפשות. פון דעמאָלט האַלט אָן דאָס שטייגן פון דער באַפעלקערונג. אין יאָר 1939 האָט די צאָל דערגרייכט 139,610 נפשות. די פאָלגנדיקע טאַבעלע ווייזט די אַנטוויקלונג אין דעם אָפּשניט 1921—1939:

יאָר	צאָל פון די נפשות	יאָר	צאָל פון די נפשות
1921	86,497	1931	102,000
1922	87,079	1932	102,959
1923	88,305	1933	112,000
1924	95,296	1934	114,000
1925	95,833	1935	116,000
1926	100,445	1936	119,000
1927	101,997	1937	121,000
1928	102,805	1938	124,536
1929	102,920	1939	129,610
1930	103,441		

דער צוװוקס פון דער סאָסנאָווצער באַפעלקערונג אין משך פון 8 יאָר (1922—1939) איז זייער באַמערקבאַר און דער־גרייכט אומגעפער 43,000. דער צוװוקס איז שטאַרק געשטיגן אין די צען יאָרן 1922—1931, דערגרייכנדיק אומגעפער 22,000. אָבער ער איז געווען מער אינטענסיוו אין די יאָרן 1932—1939, דערגרייכנדיק אין די אַכט יאָרן בערך ביז 21,000. צוליבן מאַנגל אין פעסטע ציפערן איבער דעם נאַטיר־לעכן צוװוקס פון סאָסנאָוויץ, איז שווער צו באַשטימען, וויפל

פון דעם באַפעלקערונגס־צוּוואוקס אין יענער צייט פאַלט אויס אויפן צושטראָם אין שטאָט. אינעם אויסגלייך איבערראַשט נאָר דער פּלוצימדיקער צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג אין די יאָרן 1923—1924 (6991) און 1925—1926 (4612), וואָס איז אַן צווייפל געקומען אַדאַנק דעם אינערלעכן צוּוואוקס.

די נאַצישע אָקופּאַציע (1939—1945) האָט פאַראורזאַכט גרינטלעכע דעמאָגראַפישע ענדערונגען, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש באַזונדערס אין די גרויסע ענדערונגען אין באַפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל פון סאָסנאָוויץ. די געשעענישן פונעם פאַרגאַנגענעם קריג — פאַרניכטונג פון יידן און פּאָליאַקן, איבערפירן און פאַרטיליקן פוןביידע פעלקער, אַ מאַסן־צושטראָם פון דייטשן פון דייטשלאַנד, האָט באַאיינפלוסט די ענדערונג פון די דריי הויפּט־פעלקער־גרופּן: די יידישע, פּוילישע און דייטשע. די דאָזיקע לאַגע ווערט געשילדערט אין דער טאַבעלע בעת דער אָקופּאַציע־צייט, לויטן צוזאַמענשטעל פון די פאָלקס־גרופּירונגען:

דאָס יאָר:	1939	1940	1941	1942	1943	1944	1945	1946
אַלגעמ. צאָל	*127,000	114,630	118,131	109,792	90,041	93,225	86,658	83,418
פּאָליאַקן	98,000	87,032	85,315	78,452	77,229	77,074	82,674	80,666
דייטשן	**	2,592	5,087	10,794	12,033	13,272	1,395	828
יידן	27,000	24,860	27,583	20,395	—	—	2,400	1,220
אַנדערע פעלקער	2,000	146	146	151	779	2,879	189	704

די סאָסנאָוויצער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרקלענערט אין 1940 מיט 12,000 צוליב דער פאַרקלענערונג פון דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז נישט געווען גלייכוואָגיק מיט דער פאַרמערונג פון דער דייטשער באַפעלקערונג. אין יאָר 1941 זעען מיר אַ פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג פון בערך 4,000, צוליב דער קאָנצענטראַציע פון די זאַגלעמביער יידן אין סאָסנאָוויץ און פאַרזעצונג פון דער דייטשער פאַרמערונג, מיט אַ נישט גרויסער פאַרמינדערונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג; דאָס יאָר 1942 ווייזט אויף אַ ווייטערדיקער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג, אַלס רעזולטאַט פון פאַרקלענערן די פּוילישע און יידישע גרופּן; אין יאָר 1943 קומט דאָס אויסמאָרדן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג; אַן אויפשטייג פון 3,000 אין 1944 קומט פון געפאַנגענע ענגלענדער, פראַנצויזישע און איטאַליענישע אַרבעטער.

נאָכן אָפּטרעטן פונעם נאַציש־דייטשן אָקופּאַנט, דעם 30 סעפּטעמבער, איז פאָרגעקומען אַ צייטווייליקע באַפעלקערונגס־ציילונג, לויט וועלכער עס זענען געבליבן אין סאָסנאָוויץ 86,658 נפשות.

באַוועגונג פון דער נאַטירלעכער באַפעלקערונג

(הייראַטן, געבורטן, טויט־פאַלן, נאַטירל. צוּוואוקס)

פאָלגענדע טאַבעלע ווייזט די באַוועגונג פון דער נאַטירלעכער באַפעלקערשאַפט פון סאָסנאָוויץ אין דער אָקופּאַציע־צייט נאָר אין באַציִונג צו יידן:

די פּרטים	אין די יאָרן							
	1939	1940	1941	1942	1943	1944	1945	1946
יידן:								
הייראַטן	236	407	283	72	—	—	1	3
געבורטן	588	724	488	109	—	—	2	6
לעבעדיקע געבורטן	578	724	488	109	—	—	2	6
טויט־פאַלן	242	256	599	297	—	—	32	—
〃 〃	26	16	49	48	—	—	—	—

לויט דעם דערקלערט זיך די לאַגע אין באַפעלקערשאַפט ביי די יידן אין שטאָט. אין 1940 זעען מיר נאָך אַ גרויסע איבערצאָל פון געבורטן איבער טויט־פאַלן. אָבער אין 1941 ווערט די געבורטן־צאָל וואָס ווייניקער, אין דער צייט וואָס עס שטייגן די טויט־פאַלן, וואָס שטייגט פיל מער אין 1942. דאָס זעלבע יאָר איז זייער גרויס דער פּראָצענט פון טויטע קינדער אין פאַרגלייך צו געבוירענע — 48 אויף 109 (44%). דער נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די יאָרן 1939—1942 איז געווען פאָלגענדער:

אין יאָר 1939	12.4
〃 〃 1940	18.8
〃 〃 1941	4.0
〃 〃 1942	9.2

* די דאָזיקע דאַטעס שטאַמען פון אַנדערע קוועלן איבערגעגעבן פאַרן יאָר 1939 — 129,610.

** אַ גאַנץ קליינע גרופּע דייטשן פאַרשטעקט זיך אין רובריק „אַנדערע פעלקער“.

דער בוי פון דער באַפעלקערונג

באַפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל לויטן געשלעכט און עלטער:

סאָסנאָוויץ האָט זיך פאַר 1914 אויסגעצייכנט מיט אַ גרע־סערער צאָל פון מענער איבער פרויען. די שטאָט וואָס איז געוואָרן אַן אינדוסטריע־צענטער אין אַ שנעלן טעמפּאָ ציט אין דער ערשטער ריי מענער, און ערשט נאָך אַ געוויסער פּויזע קומען די פרויען. דאָס איז געווען — ווי עס ווייזט זיך אַרויס — אין יאָר 1897, ווען אויף הונדערט פרויען זענען געווען 115 מענער, און אין 1904 זענען געווען 111 מענער אויף 100 פרויען. צו גרויסע מאָסן האָט דערגרייכט די אי־בערוועלטיקונג פון מענער איבער פרויען באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פאַרן ערשטן קריג. אין 1911 איז די פאַרהעלטע־ניש פון מענער צו פרויען געווען 138 : 100, און אין 1914 — 100 : 154. אין דער קריגסצייט זעען מיר אַ פאַרגרעסערונג פון דער צאָל פרויען איבער די מענער, איבערהויפּט צוליבן רע־קרוטירן די מענער צום מיליטער, אַנטלויפן אין די דערפער און עמיגרירן קיין דייטשלאַנד צוליב אַרבעט.

אין 1914 איז געווען אויף יעדע 100 מענער 110 פרויען,

1915 „ „ „ „ 100 „ 121 „

1916 „ „ „ „ 100 „ 109 „

לויט דער ציילונג פון 1921 איז געווען אויף יעדע 100 מענער 108 פרויען.

דער באַפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל לויט די פעלקער

די איינציקע קוועלע אויף צו קאָנטראָלירן די פעלקער־פאַרהעלטעניש אין סאָסנאָוויץ אין דער צייט פון פאַרן יאָר 1918 איז די איינוווינער־סטאַטיסטיק לויט זייער רעליגיע. דער אויסמעסט פון די דאַטן איז קלאָר. פאַר 1914 איז די פּויליש־קריסטלעכע באַפעלקערונג געווען רוימיש־קאַטויליש אין איר רעליגיע; די רוסן וואָס האָבן געשטראָמט קיין סאָסנאָוויץ אין דער רוסישער רעזשים־עפּאָכע זענען געווען פּראַוואָסלאַוון, די דייטשן — עוואַנגעליש, און יידן.

אין יאָר 1897, ד.ה. איידער סאָסנאָוויץ האָט באַקומען שטאָט־רעכט, זענען געווען אין איר:

קאַטאָליקן		30,063
יידן		3,802
אַנדערע		2,424
	צוזאַמען	36,289

און אָט זענען די רעליגיע־פאַרהעלטנישן אין 1911:

קאַטאָליקן		65,837
פּראַוואָסלאַוונע		2,137
עוואַנגעליש־אויגסבורגיש		10,752
מאַריאַוויטן		1,279
יידן		18,012
אַנדערע		81
	צוזאַמען	97,098

פון דער אויבּיקער טאַבעלע זעט מען, אַז די פּאָליאַקן האָבן געבילדעט די מערצאָל פון דער באַפעלקערונג (82.8%), די צאָל פון די יידן איז געווען גאַנץ סאָליד (10.4%). אין דערווירקלעכקייט איז זייער צאָל געווען גרעסער פון אַנדערע פעלקער — ד.ה. רוסן און דייטשן, וואָס זענען דאָ געווען פאַרטרעטן אין אַ נישט גרויסער צאָל (6.8%).

דער צוזאַמענשטעל פון דער סאָסנאָווצער באַפעלקערונג לויט די רעליגיעס האָט זיך גרונטלעך געענדערט אַלס רעזול־טאַט פונעם ערשטן וועלטקריג, ווי מען קען זעען אויף דער פאָלגנדער טאַבעלע אינעם פאַרגלייך פון די רעליגיעס אין יאָר 1921.

די באַפעלקערונג אינעם ציילונגסטאָג, דעם 30 אָקטאָבער 1921 (צוזאַמען) איז געווען 86,497.

קאַטאָליקן	71,485
יידן	13,646
עוואַנגעליקן	753
אַנדערע רעליגיעס	613

די צאָל פון די פּאָליאַקן האָט זיך פאַרגרעסערט בערך מיט 6,000, ווייל אין דער קריגס־צייט האָט מען צוקאָפּטירט צו סאָסנאָוויץ קוואַרטאַלן מיט 10,000 פּאָליאַקן. פאַרהעלטניס־מעסיק איז זייער צאָל געשטיגן פון 66.6% אויף 85.4%. פון דער שטאָט איז פאַרשוווּנדן די דייטשע גרופּע — פון דער עוואַנגעלישער רעליגיע, און די פּראַוואָסלאַווישע רוסן. עס האָט זיך אויך פאַרקלענערט די צאָל יידן. צו לעצט זענען געבליבן פון די פאַרשידענע רעליגיעזע גרופּן פון פאַר 1914 אין 20טן יאָרהונדערט נאָר צוויי: די פּאָליאַקן און די יידן.

לויט דער צווייטער ציילונג פון דער סאָסנאָוויצער באַפעל־קערונג דעם 9טן דעצעמבער 1931 זענען נישט געשעען קיין ענדערונגען אינעם באַפעלקערונגס־צוזאַמענשטעל אין די יאָרן 1921—1931; אויפן ערשטן פּלאַץ קומט די פּוילישע באַפעל־קערונג, און אויפן צווייטן פּלאַץ — די יידן, וואָס פאַרהעלט־ניסמעסיק איז זייער צאָל געשטיגן פון 15.8% אויף 17.6%.

יאָר	אַלג. צאָל פון דער באַפעלק.	קריסטן: די צאָל	קריסטן: %	יידן: די צאָל	יידן: %
1931	118,959	88,154	80.9	20,805	19.1
1937	124,536	97,632	79.3	26,904	20.7
1938	129,610	100,717	77.7	28,893	22.3

מיר שטעלן פעסט, אַז די צאָל יידן איז שטענדיק גע־וואַקסן. עס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש די אויפשטייג־ציפערן פון די קריסטן און יידן. דער אויפשטייג פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין די יאָרן 1931—1937 האָט באַטראָפן 9478 (אָדער 10.7%); אין דער זעלבער צייט איז די יידישע באַפעלקערונג געשטיגן אויף 6099, אָדער 32.5%. און אַזוי ווי דער אַלגעמיינער צוּוווּקס פון דער סאָסנאָווצער באַפעלקערונג אין יאָרן 1931—1937 האָט באַטראָפן 15,575 איינוווינער, אָדער 14.3%, ווערט קלאָר, אַז אייגנטלעך האָט דער יידישער צוּוווּקס דעצידירט אינעם גרויסן וווּקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

12. גרינדונג פון דער יידישער קהילה

די סאָסנאָווצער יידן האָבן ביזן יאָר 1899 געהערט צו דער יידישער קהילה אין בענדין. נישט געקוקט אויף דער קליינער צאָל יידן אין סאָסנאָוויץ, האָבן זיך שוין אָבער דאָרטן געפונען איבער 350 עטאַט־צאָלער. דאָס באַווייזט, אַז דיווירט־שאַפטלעכע לאַגע פון יידן אין סאָסנאָוויץ איז געווען אַ גוטע.

דער יידישער ישוב איז געווען אַ יונגער און איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער שטאָט. דער קערן פונעם ישוב איז באַ־שטאַנען פון די קלענערע יידישע ישובים אין די דערפער, אָבער מיט זיי האָט מען נאָך נישט געקענט שאַפן די קהילה. אויסער די אייניקע קליינע מנינים, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן באַזונדערס אין די שבתים און ימים־טובים, האָט מען דעם ערשטן מנין אין סאָסנאָוויץ געשאַפן און גערופן אים „דער שניידערשער מנין".

אין יאָר 1859 זענען אויך פון טשענסטאָכאָוו געקומען יידישע קאָמיסיאָנערן, ווי הענריק רייכער און שמואל גינס־בערג. אין 1862 זענען צוגעקומען אַדאָלף אָפּענהיים, וויליאַם בערגמאַן. ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פון די גרובנס, פון די פאַבריקן און האַנדל, האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַהער יידן פון אַלע עקן לאַנד. אין יאָר 1898 האָט סאָסנאָוויץ שוין גע־ציילט צוויי טויזנט יידישע פאַמיליעס. מערסטנס זענען זיי באַשטאַנען פון קאָנסערוואַטיווע און פון פאַרשידנערליי גרופּן חסידים. אַ קליינע גרופּע האָבן מיט זיך געבילדעט די אַסי־מילאַטאָרן, וואָס האָבן זיך גערופן פּאָרגעשריטענע.

צוליב דער אָנגעהעריקייט צו דער בענדינער קהילה זענען די סאָסנאָווצער יידן געווען געצוווּנגען צו פירן זייערע גע־שטאָרבענע אויפן בענדינער בית־עולם, וואָס איז געווען ווייט און איז דערפאַר געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. אין יאָר 1893 איז אויסגעבראָכן אַ שווערע כאָלערע־עפּידעמיע אין שטאָט, און דעמאָלט האָט מען צום ערשטן מאָל גענומען באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון אַ באַזונדערן בית־עולם, וואָס זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון דער בענדינער קהילה. לויט דער איניציאַטיווע פון לייב בענדזינסקי און מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון דער משפחה רייכער, איז געשאַפן געוואָרן דער באַ־זונדערער בית־עולם. עס איז דערביי אויך געווען די כוונה אויסצומיידן דאָס פאַרשפּרייטן זיך פון דער עפּידעמיע אין דער געגנט. דער נייער בית־עולם איז געוואָרן שטאַרק אונ־טערשטיצט דורך דער פאַמיליע רייכער, וואָס האָט אויף איי־גענער הוצאות אויפגעשטעלט אַ געביידע פון עטלעכע שטאָק אויף דורכצופירן די לוויה־פּראָצעדור. אַדאָלף אָפּענהיים האָט אויפגעשטעלט אַ געמויערטן פּאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן שטח פון בית־עולם. אַדאָם בערגמאַן האָט אויף זיין חשבון אויפגעבויט אַ וואַסער־ברונעם און אויסגעגליכן דעם באָדן.

אין יאָר 1897 איז געוויילט געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָ־מיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריין: אַדאָלף אָפּענהיים, אַדאַם בערגמאַן, מאָריץ גינצבערג, יערמאַלאָוויטש, פלאַנער, לעאָ־פּאָלד קאָן און פ. מיימאַן. פאָרזיצער איז געווען סטאַניסלאַוו רייכער. דער קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו רעגולירן די ענינים פון דער חברה קדישא. אין יענער צייט האָט די בענדינער קהילה געמאַכט געוויסע שטערונגען מיטן ציל צו פאַרמאַכן דעם צייטווייליקן בית־עולם, אָבער די אָר־טיקע מאַכט האָט מסכים געווען צו דעם באַזונדערן יידישן בית־עולם.

אין יאָר 1880 איז הרב אריה־לייב גיטלער געוואָרן מורה־הוראה אין סאָסנאָוויץ. ער האָט פריער אַמטירט אַלס ראש בית־דין אין קראָקע, נאָר זייענדיק אַ רוסישער בירגער האָט אים די עסטרייכישע רעגירונג אויסגעוויזן און ער האָט זיך באַזעצט אין בענדין. מיטן וווּקס פון יידישן ישוב אין סאָס־נאָוויץ איז ער אַהין איינגעלאַדן געוואָרן אַלס ראש בית־דין און האָט אַמטירט ביז צו זיין פּטירה אין יאָר 1888.

באַלד נאָך זיין פּטירה האָבן די חשובסטע באַלעבאַטים פון סאָסנאָוויץ, מיט דער הסכמה פון בענדינער רב, באַשטימט אַלס מורה־הוראה זיין זון, ר' אברהם מאיר גיטלער. ער איז אויפן דאָזיקן פּאָסטן געווען אין סאָסנאָוויץ זיבן־און־דרייסיק יאָר און נפטר געוואָרן ה' חשון תרפ"ו — 1925.

נאָכן אָנערקענען די זעלבשטענדיקייט פון דער סאָסנאָוו־צער קהילה האָט מילער, דער פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר, געפאָדערט, אַז די שטאָט זאָל זיך אויסוויילן אַ רב. אונטערן דרוק פונעם קהילה־ראַט, וועמענס מיטגלידער עס זענען גע־ווען די אַסימילאַטאָרן, איז אין יאָר 1900 אויסגעקליבן געוואָרן הרב דוד שטיינזאַלץ אַלס „קאַזיאָנני ראַבינער" און פּרעדיקער מיט אַ יערלעכן געהאַלט פון טויזנט רובל. הרב גיטלער איז געבליבן ביי זיינע פונקציעס אַלס אב בית־דין.

דער יידישער ישוב אין סאָסנאָוויץ איז געוואַקסן גאָר שנעל און אַנשטאָט די 120 יידן פון 1880, זענען שוין אין יאָר 1897 געווען 2,291 נפשות, אויף דער אַלגעמיינער צאָל 9,848.

אין יאָר 1898 האָט דער פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר באַ־פוילן, אַז די סאָסנאָווצער און בענדינער יידן דאַרפן זיך פאַר־זאַמלען און אויסאַרבעטן זייער שטעלונג בנוגע דער אָפּהענגי־קייט אין דער בענדינער קהילה. כמעט אַלע בענדינער יידן זענען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. פון סאָסנאָוויץ זענען גע־קומען עטלעכע צענדליק מענטשן, מערסטנס פון די פּאָרגע־שריטענע. די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דער שול. די בענדינער פאַרשטייער האָבן פאַרטיידיקט דעם שטאַנד־פונקט, אַז די סאָסנאָווצער יידן דאַרפן זיין אָפּהענגיק פון דער בענדינער קהילה, אָבער די מאָטיוון, וואָס זיי האָבן אָנגעגעבן, זענען אויסגעפאַלן זייער בלאַס. נאָך אייניקע טעג איז געקומען די דערקלערונג פון דער רעגירונג, אַז די סאָסנאָווצער קהילה איז אָנערקענט געוואָרן אַלס זעלבשטענדיקע רעליגיעזע אינ־סטיטוציע און איר אונטערליגן אויך די יידן פון דער געגנט: מילאָוויץ, דעמבאָווע גורא, פּאָגאָן', שעלצע, אָסטראַ גורקאַ און מאָנדזשעיעוו. דערביי איז אויך פאָראָרדנט געוואָרן, אַז נאָך פאַרן סוף יאָר דאַרף מען צוטרעטן צו וויילן פאַרשטייער צו דער קהילה, צום ראַבינאַט. די דאָזיקע דערקלערונג איז מצד די סאָסנאָווצער יידן אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס צופרידנקייט. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער טערמין

פון די וואַלן. צום ערשטן ועד הקהילה זענען אויסגעוויילט געוואָרן: סטאַניסלאַוו רייכער, ד״ר יעקב גויפעלד, אַדאָלף אָפּענהיים און אַדאַם בערגמאַן (קאַסירער).

די בענדינער קהילה האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן איר קאַמף פאַר אַרונטערנעמען אונטער איר שוץ די סאָסנאָווצער יידן. אין צווישן איז געשטאָרבן איינער פון די אַקטיווסטע פרנסים, אַדאָלף אָפּענהיים, אַ סאָסנאָווצער סוחר, וועלכער האָט פיל מיטגעווירקט פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אָפענער האַנט פאַר סאָציאַלער הילף. ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 51 יאָר און אין זיין צוואה האָט ער איבערגעלאָזט אַ גרויסע סומע געלט פאַר גרינדן יידישע אינסטיטוציעס אין סאָסנאָוויץ.

מיט דער צייט האָט זיך איינגעשטילט די מחלוקת צווישן די ביידע קהילות. דער טשענסטעכאָווער רב, ר׳ נחום אַש, האָט איינגעשטימט צו באַשווערן לויטן געזעץ דעם ערשטן סאָסנאָווצער ועד הקהילה. דאָס איז פאָרגעקומען מיט גרויס פייערלעכקייט אין דער סאָסנאָווצער שול און עס האָבן זיך דעמאָלט באַטייליקט אויך די רעגירונגס-באַאַמטע מיטן בירגערמייסטער בראש. עס זענען דערביי אָנוועזנד געווען אַלע יידישע איינוווינער פון סאָסנאָוויץ.

אין יאָר 1896 האָט מען, לויט דער איניציאַטיוו פון אייניקע רייכע יידן, אָנגעהויבן בויען די שול. עס איז שוין דעמאָלט געווען ענג אין די חסידים-שטיבלעך און אין דער געדונגענער שול, וואָס מען האָט גערופן „די דייטשע שול״, אויף דער טאַרגאָווע-גאַס. די הויפּט-עסקנים פון דער נייער שול זענען געווען: חיים-יוסף זאַלאַנץ, יהושע פאַכטער, יעקב וויינבערג און יוסף לידזבאַרסקי. אין שטאָט איז דעמאָלט געווען אַ פּראָספּעריטי און די פינאַנסיעלע פראַגע האָט מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שווער פּראָבלעם. אַדאַנק דעם זענען נישט געווען קיין שום שטערונגען פאַרן שנעלן אויפבויען די שול.

די נייע סאָסנאָווצער קהילה האָט זיך אַנטוויקלט לאַנגזאַם און סיסטעמאַטיש. דער ועד הקהילה און דער בודזשעט זענען געוואָרן אָפיציעל באַשטעטיקט און עס האָט זיך געפירט אַ נאָרמאַלע קהילה-טעטיקייט. מען דאַרף דערביי באַמערקן, אַז דער ערשטער ועד הקהילה איז באַשטאַנען פון אַסימילאַטאָרן און זיי זענען געווען איבערגעגעבן דער קהילה.

די רעליגיעזע יידן פון שטאָט זענען געווען צופרידן פון דער טעטיקייט און מיטגעהאָלפן ביים באַזיגן שוועריקייטן. בלויז די פאַנאַטיקער זענען פון צייט צו צייט אַרויסגעטרעטן און קריטיקירט די טעטיקייט פון ועד הקהילה אויף געוויסע אָפּשניטן. ערנסטע חילוקי דעות זענען אויסגעבראָכן ביים באַשטימען דעם רב. די אַסימילאַטאָרן האָבן פאָרגעשלאָגן אַלס רב ר׳ דוד זאַלצשטיין, וועלכער האָט אָבער געהאַט קעגן זיך די קנאים. געזיגט האָבן די אַסימילאַטאָרן און הרב דוד זאַלצשטיין איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער רעגירונג אַלס קאַזיאָנער ראַבינער.

הרב גיטלער האָט געהאַט די רעליגיעזע ענינים און איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. אין יענער צייט האָט זיך געוואָנדן צו די קהילה-טוער ר׳ יצחק גליקמאַן, אַן איידעם פונעם וואָלבראָמער רבין, ר׳ אַלטער ראָטענבערג, אַ גאון אין לערנען, און געבעטן מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ דיין אין שטאָט. הרב גיטלער האָט אים שריפטלעך מודיע געווען, אַז אָן זיין הסכמה טאָר די קהילה אים נישט אויפנעמען פאַר קיין דיין. עס איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. דער פאָרזיצער פון דער קהילה, ה׳ רייכער האָט מסכים געווען מיטן הרב גיטלער. דאַקעגן האָט אַ טייל פון די שטאָטישע חסידים געהאַלטן מיט ר׳ יצחק גליקמאַן און לסוף דורכגעפירט, אַז די קהילה זאָל באַשטעטיקן אים אַלס דיין.

נאָך דער פטירה פון הרב גיטלער, אין יאָר 1925, איז הרב גליקמאַן געבליבן ראש בית-דין און געווען אויפן דאָזיקן פאָסטן ביז צו זיין פטירה, ט״ז חשוון תר״ץ — 1929. ער איז געווען זייער באַליבט צווישן אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די יידישע קהילה אין סאָסנאָוויץ האָט אין די ערשטע יאָרן זיך געראַנגלט מיט פינאַנסיעלע שוועריקייטן. אין יאָר 1901 זענען אירע הכנסות געפאַלן אויף 3049 רובל. דער בודזשעט האָט געליטן פון אַ דעפיציט פון 2,137 רובל. אין יאָר 1902 זענען אירע הכנסות געווען 945 רובל און דער דעפיציט איז געוואַקסן אויף 3143 רובל. ערשט אין יאָר 1903 האָט זיך די פינאַנסיעלע לאַגע אָנגעהויבן פאַרבעסערן. דער מאַגיסטראַט האָט איבערגענומען אין זיינע הענט דאָס איינקאַסירן די חובות.

שוין אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ האָט די קהילה אויפגעשטעלט אין סאָסנאָוויץ אַ סינאַגאָגע פאַר פאַרגעשריטענע, אַ שפּיטאָל, אַ פאַכשול און אויך אַ מקוה מיט אַ באָד אויף אַ הויכן היגיענישן ניוואָ. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ גמילת חסדים-קאַסע, אַ פרויען קאָמיטעט צו העלפן קימפעטאָרינס. עס איז געגרינדעט געוואָרן די „תלמוד תורה״, אַ קאַסע פאַר געבן גיכע הילף אימיגראַנטן, פאַר פאַרשידנערליי נויטבאַדערפטיקע, ווי אויך מעדיצינישע הילף.

מיט באַזונדערע שוועריקייטן האָט זיך געראַנגלט די גמילת חסדים-קאַסע, צו וועלכע די פרומע יידן האָבן זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן אומצוטרוי. עס האָט אויך געווירקט די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע און זי האָט געציילט גאָר אַ קליינע צאָל מיטגלידער. די געזעלשאַפט האָט נישט געקענט אַנטקעגנקומען מיט דער נויטיקער מעדיצינישער הילף פאַר אָרעמע קראַנקע. די תלמוד תורה אַליין האָט פאַרשלונגען 2400 רובל אַ יאָר, אין דער צייט וואָס די הכנסה האָט באַטראָפן נישט מער ווי 3000 רובל.

די לעצטע וואַלן האָבן אַריינגעבערענגט נייע כוחות אין דער אָנפירונג. עס האָט זיך געשאַפן אַ ראַט פאַר די דערציונגס-ענינים און זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע, אַז דער שטייער פאַר חינוך (5000 רובל) זאָל דינען אויפצושטעלן אַ שול פאַר יידישע קינדער. דער ראַט האָט זיך באַמיט ביי דער רעגירונג צו באַשטעטיקן זיין פאָרשלאַג. אין צווישן איז באַשלאָסן געוואָרן צו געבן מעדיצינישע הילף אָרעמע קראַנקע דורך די אַמבולאַטאָריעס. די פּראָגרעסיווע קרייזן האָבן איבערגעגעבן צו דער דיספּאָזיציע פון ועד אַ סומע פון אייניקע טויזנט רובל אויפצובויען אַ שפּיטאָל.

13. רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס

דער ערשטער ועד הקהילה איז געווען טעטיק אַכט יאָר און האָט געהאַט צו פאַרצייכענען אויף זיין חשבון וויכטיקע פאַרדינסטן לטובת דער יידישער באַפעלקערונג. די מיטגלידער, אַסימילאַטאָרן, זענען געווען רייכע מענטשן און האָבן אַ סך געטאָן פאַרן שאַפן די נויטיקסטע אינסטיטוציעס.

דער צווייטער ועד הקהילה איז באַשטאַנען פון קאָנסערוואַטיווע און פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס האָבן אָבער געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין אַלע ענינים. דער נייער ועד האָט גענומען אין אַכט די אומצופרידנקייט פון דער באַפעלקערונג צוליב דער נישט רעגולערער פאַרטיילונג פון די קהילה־שטייערן. דאָס צוזאַמענשטעלן דעם בודזשעט איז דערפאַר איבערגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיסיע פון צוועלף מיטגלידער, וואָס האָבן גוט געקענט די מאַטעריעלע לאַגע פון יעדן איינציקן יידן אין סאָסנאָוויץ און אַזוי אַרום צוגעפּאַסט די הויך פון די שטייערן.

אַן ערנסט פּראָבלעם זענען אויך געווען די שולן פאַר יידישע קינדער. אויך דאָס איז געלייזט געוואָרן, און מיטן עפענען די דאָזיקע שולן האָט די גמילת חסדים־געזעלשאַפט באַשלאָסן צו פאַרמאַכן די תלמוד תורה און זיך באַנוצן מיטן פאָנד פאַר גרינדן פאַכשולן מיט וואַרשטאַטן און אָוונט־קורסן. די לייטונג האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יק״א וועגן שאַפן הילף פאַרן אויפבויען אַ געביידע פאַר דער שולע. צו דעם צוועק האָבן אויך געדינט די געלטער פון פאַרשידענע ירושות.

יהושע סלוטשעווסקי, מיטגליד פונעם ועד הקהילה, איז אויך געווען טעטיק אַלס גבאי אין דער חברה קדישא, צוזאַמען מיט לייב פעדערמאַן און יעקב שטאַהל. אינעם יאָר 1907 איז איינגעפלאָסן אין געריכט אַן אָנקלאַגע קעגן זיי. פישהאָף און פייכטער האָבן זיי באַשולדיקט אין אויספּרעסן קבורה־געלט. אינעם באַשולדיקונגס־אַקט איז אָנגעגעבן געוואָרן, אַז צוליב דעם מאָנאָפּאָל אויפן בית־הקברות, פּרעסן זיי אויס געלט ביי די קרובים פון די פאַרשטאָרבענע. עס זענען דאָרט אָנגעגעבן פאַקטן פון פאָדערן קבורה־געלט ביי אַן אלמנה, וואָס האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן און דעם טויטנס קערפּער איז איבערגעלאָזט געוואָרן אָן טיפּול צוויי טעג. דערנאָך האָבן די גבאים געהעכערט די סומע אויף צוויי טויזנט רובל און די קינדער פונעם געשטאָרבענעם האָבן דעם מת איבערגעפירט קובר צו זיין אויפן בית־עלמין אין מאָנדזשיעוו. סלוטשעווסקי האָט דאַן טעלעפאָנירט צו דער חברה קדישא אין מאָנדזשיעוו און געפאָדערט זיי זאָלן זיך נישט פאַרנעמען מיט דער קבורה. די קינדער האָבן דערפאַר געמוזט איבערפירן דעם מת צוריק קיין סאָסנאָוויץ. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען איז דערליידיקט געוואָרן די קבורה פאַר דער סומע פון 1200 רובל.

דער פּראָקוראָר האָט איבערגעשיקט דעם באַשולדיקונגס־אַקט צום גענעראַל־גובערנאַטאָר קיין וואַרשע און פון דאָרט איז געקומען די פאַראָרדענונג, אַז דער פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר זאָל גרינטלעך אויספאָרשן דעם ענין. די אויספאָרשונג האָט געפירט דער שעף פונעם סאָסנאָוויצער אויספאָרשונגס־אַמט. די אַרויסגערופענע עדות האָבן באַשטעטיקט די פאַקטן. די גבאים האָבן געטענהט, אַז זיי זענען נישט מחויב צו ענטפערן אויף אַלע פראַגן פונעם פאַרשטאָרבענעמס קרובים. דער באַשולדיקטער סלוטשעווסקי, וואָס איז אויך געווען אַ מיטגליד פון אויפזיכטס־ראַט, האָט דערקלערט, אַז דאָס געלט האָט ער אויסגעגעבן פאַר קהילה־צוועקן.

אויך די פאַמיליע פישהאָף האָט אָנגעקלאָגט די סאָסנאָווצער חברה קדישא פאַר נעמען פון איר 1500 רובל קבורה־געלט. דעם 2־טן סעפּטעמבער 1908 איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַשלוס איבערצופירן דעם גאַנצן ענין צום פּראָקוראָר פון פּיעטריקאָווער קרייז־געריכט. דער באַשלוס איז שפּעטער אַנולירט געוואָרן דורכן גענעראַל־גובערנאַטאָר אין וואַרשע. דער פּראָצעס האָט זיך אין אַ צייט אַרום געפירט אין פּעטערבורג און האָט זיך געצויגן ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה און לסוף האָבן די צדדים זיך איבערגעבעטן.

צו דער דריטער קאַדענץ זענען געוויילט געוואָרן אין ועד הקהילה: משה פישל, יהושע פאַכטער און משה קעניגסבערג. אין דער פערטער קאַדענץ: משה פישל, אַדאַם בראַניצקי און גרונם סאַפּיר. דאָס זענען געווען די לעצטע וואַלן אין דער תקופה פון צאַריזם.

די פינפטע קאַדענץ איז אויסגעפאַלן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, אין יאָר 1917. דעמאָלט זענען אַריין אין ועד פאָלגנדיקע מיטגלידער: ישראל־משה וויינרעב, חיים־יוסף זאַיאָנץ, מענדל שפּיראַ, הערץ ליפּשיץ און לייבוש זענדל. זיי האָבן אַמטירט ביז צו די וואַלן אין יאָר 1924.

אין יאָר 1924 זענען געוויילט געוואָרן פינף ציוניסטן און פינף אָרטאָדאָקסן. אַלס פאָרזיצער איז אויסגעוויילט געוואָרן אברהם פערלמאַן. לייביש זענדל איז געווען דער פאָרזיצער פון ועד. פאָרזיצער פונעם ראַט איז געווען ד״ר טוביה מעלאָדיסטאַ, זיין פאַרטרעטער — לייבוש שווייצער. אין יאָר 1928 ווען ד״ר פערלמאַן איז געשטאָרבן איז געוואָרן פאָרזיצער לייבוש זענדל, וועלכער איז געווען טעטיק ביזן יאָר 1935, ווען דער ראַט פונעם ועד הקהילה האָט זיך אויפגעלייזט צוליב דער שווערער פינאַנסיעלער לאַגע און אויך איבער שאַרפע סכסוכים, וואָס זענען אויסגעבראָכן צווישן דעם ראַט און דעם ועד הקהילה אין צוזאַמענהאַנג מיט די רבנות־וואַלן. די רעגירונג האָט דעמאָלט נאָמינירט אַ קאָמיסיע מיט ר׳ בעריש טענצער בראש, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די קהילה־ענינים.

אין סעפּטעמבער 1935 זענען ווידער פאָרגעקומען וואַלן צו דער קהילה און די באַזונדערע אינסטאַנצן. דער צוזאַמענשטעל פונעם לעצטן ועד הקהילה איז געווען: שלמה לייזעראָוויטש — פאָרזיצער (אַ ציוניסט), שמחה ווילטשיק, וויצע־פאָרזיצער — ראובן טשאַפּניק, אייזיק לייב פייערמאַן, שלמה־חיים וואַרמאַן (רעליגיעז־ווירטשאַפטלעכער בלאָק), דוד לעוואַרטאָווסקי, יצחק־לייבוש שטיינפעלד (מזרחי), שלום פּילץ (ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל), שלמה־נחום לאַנגער (האַנטווערקער), משה קייזער (אגודה). דער ראַט איז באַשטאַ־

נען פון פאָלגנדיקע חברים: יוסף מייטליס — פאָרזיצער (רעליגיעז־ווירטשאַפטלעכער בלאָק), בערנאַרד יאַסני — וויצע־פאָרזיצער (רעוויזיאָניסטן), שלמה דאַלעסמאַן, חיים דאַנציגער, דוד לענטשנער, אברהם ליבערמאַן (רעליגיעז־ווירטשאַפטלעכער בלאָק), ד״ר טוביה מעלאָדיסטאַ (ציוניסט), יוסף גאָלדבערג (ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל), ד״ר הערש ליבערמאַן (לינקע פועלי־ציון), ברוך זשעפּקאָוויטש (מזרחי), ברוך סעצעמסקי (אגודה), יואל דיאַמאַנט (האַנטווערקער), ברוך־דוד דודקעוויטש (קליינהענדלער) אברהם ראַטנער (אומפּאַרטייאיש רעליגיעזע). דעם 5־טן דעצעמבער 1938 איז ראובן טשאַפּניק אַרויס פון קהילה־ראַט און אויף זיין אָרט איז געקומען מענדל טשעכאָווסקי. דעם 18־טן יאַנואַר 1939 איז אויפן אָרט פון יצחק שטיינפעלד געקומען משה מערין.

דער יערלעכער בודזשעט פון דער קהילה איז געווען אַן ערך 200,000 זלאָטיס. אין יאָר 1938 זענען אין סאָסנאָוויץ געווען 2628 עטאַט־צאָלער (פון 5—1000 זלאָטיס). די הויפּט־הכנסות פון דער קהילה זענען געווען: עטאַט, שחיטה און דער בית־עלמין. די אַלגעמיינע סומע, וואָס איז געגאַנגען אויף סאָציאַלער הילף, רעליגיעזע און קולטור־אינסטיטוציעס, האָט אין יאָר 1938 באַטראָפן 50,000 זלאָטיס, ד.ה. 25 פּראָצענט פונעם גאַנצן בודזשעט.

די קהילה האָט באַשעפטיקט 25 באַאַמטע, פון דעם 5 אין ביוראָ. די שטאָט סאָסנאָוויץ און אומגעגנט האָט געציילט 125,000 איינוווינער, פון דעם 27,000 יידן, וואָס זענען געווען 22 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

14. רבנים און דיינים

סאָסנאָוויץ האָט נישט געהעאַט אונטער זיך קיין רייכע געשיכטע, האָט נישט געהאַט קיין אַלטן בית־עולם מיט אַלטע מצבות, עס זענען דאָרט נישט געבליבן קיין שפּורן פון אַלטע שולן, פון קעניגלעכע פּאַלאַצן. סאָסנאָוויץ איז געווען יונג און ניי, אַ נייע שטאָט, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו קאָכן מיט שטאָטיש לעבן. אין משך פון איניקע צענדליק יאָרן איז סאָסנאָוויץ געוואָרן אַ מאָדערנע שטאָט און איז אַדאַנק איר געאָגראַפישער לאַגע געוואָרן אַ סטראַטעגישער פונקט פון דער ערשטער מדרגה, אַ וויכטיקער האַנדל־און קאָמוניקאַציע־צענטער, האָט דורכגעמאַכט אַן אינטענסיוון וווקס און געצויגן צו זיך אַלץ נייע שטראָמען מענטשן.

דער יידישער ישוב אין סאָסנאָוויץ איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע שיכטן. עס זענען דאָרט געווען יידן פון פּוילן און ליטע, פון לאַטוויע און גאַליציע. עס האָבן דאָרט געבלאָזן די ווינטן פון מערב, געברענגט מיט זיך בילדונג און אַסימילאַציע. די קהילה־פּרנסים האָבן זיך גערופן „פּוילישע פאָלקס־קינדער פונעם אַלטן טעסטאַמענט״. געווען אויך פּשוטע פרומע יידן און חסידים. די רעליגיעזע און וועלטלעכע שטרעמונגען האָבן נישט געפירט צווישן זיך קיין קאַמפן. יעדע פון זיי האָט ממשיך געווען איר וועג און איר התנהגות.

איידער סאָסנאָוויץ איז געווען אַ זעלבשטענדיקע קהילה און געהערט צו דער אַלטער קהילה אין בענדין, איז די השפּעה פון בענדינער רב געווען דאָרט אַ שטאַרקע, פּונקט ווי איבערן גאַנצן זאַגלעמביער יידנטום. איבער אַלע יידישע ענינים האָט געהאַט די השגחה דער בענדינער ראַבינאַט. דער רב, ווי דער ראש בית־דין, האָט געגעבן רשות די דרשנים צו האַלטן דרשות אין שטאָט. אונטערן פאָרזיץ פון רב האָט מען געוויילט די פּרנסים.

מיט דער צייט איז די אויטאָריטעט פון רב געוואָרן עטוואָס באַגרענעצט לטובת די קהילה־פּרנסים. דער רב האָט געהאַט הכנסות פון חתונות און גטן און ברית־מילה, שכר טירחה פאַר באַשטעטיקן דאָקומענטן, ווי אויך פון דין־תורהס.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן נאָר אויף די רבנים, וואָס האָבן מיט זייער אויטאָריטעט געהאַט אַ השפּעה אויך אויף די סאָסנאָווצער יידן. דער ערשטער איז געווען הרב יצחק קימעלמאַן, וועלכן מען האָט גערופן „דער אַלטער רב״, איז געווען רב זינט דעם יאָר תרכ״ו — 1866, מיט אַ געהאַלט פון 360 רובל, אויסער דער דירה און אַנדערע הכנסות. הרב קימעלמאַן האָט זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיע פון די שטאָטישע יידן און איז געווען אָנגעזען אין אַלעמענס אויגן. צו אים האָבן זיך געוואָנדן אויך מיט דין־תורהס די יידן פון סאָסנאָוויץ און פון דער אומגעגנט, האָבן אים אויך איינגעלאַדן צו קומען קיין סאָסנאָוויץ אויפצוקלערן און אויסגלייכן פאַרשידענע ענינים. מיט זיין פּסק־דין האָבן זיך גערעכנט אויך יוריסטן. אין יענער צייט האָבן יידן זעלטן זיך געוואָנדן צום געריכט זוכן דאָרט גערעכטיקייט. דער רב איז געווען אַ ראַדאָמסקער חסיד. דער בעל „תפארת שלמה״ האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן צוליב זיין קלוגשאַפט. ער איז אויך געווען אָנגעזען צווישן די רוסישע באַאַמטע. זיין איידעם, הרב יצחק טוביה פרידע איז געווען רב אין מאָנדזשיעוו. הרב קימעלמאַן איז נפטר געוואָרן דעם 20־טן יוני 1893 — תרנ״ג.

אַלס צייטווייליקער פאַרטרעטער איז באַשטימט געוואָרן דער דאָרטיקער מו״צ רב יהושע טעלנער, וועלכן מען האָט גערופן: רב יהושעלע דיין. שוין אַלס בחור האָט ער געהאַט אַ נאָמען אַלס גרויסער עילוי, געבוירן אין בענדין און גוט געקענט אַלע יידישע ישובים אין זאַגלעמביע. די סאָסנאָווצער יידן האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס רעספּעקט. ער איז אָבער געווען רב נישט מער ווי דריי חדשים, ווייל די רעגירונג האָט געפאָדערט פון דער קהילה אויסצוויילן אַ נייעם שטענדיקן רב. דעם 2־טן סעפּטעמבער 1893 איז אַלס בענדינער רב

אויסגעוויילט געוואָרן רב ישכר בער גרויבאַרד, וואָס איז פריער געווען רב אין שעדלעץ. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, אַ גרויסער למדן מיט אַ סך חכמה און אַ וואַרעם יידיש האַרץ. אין דער יוגנט האָט מען אים גערופן „דער שרענסקער עילוי". ער איז געווען פון די גדולי הלכה אין פוילן.

ער האָט געשאַפן זיין באַרימט ספר „דברי ישכר" און ווי אַ גרויסער גאון געמיינט צו זיצן רויק, לערנען און פסקנען שאלות. אָבער עס האָט זיך אויף אים אָנגערוקט די רוגזה פונעם יידישן סאָסנאָוויץ, וואָס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען צו ווערן אַ זעלבשטענדיקע און אומאָפּהענגיקע קהילה. הרב גרויבאַרד האָט זיך געפילט באַוועלט דורך די סאָסנאָווצער יידן.

הרב גרויבאַרד איז געווען פון די איניציאַטאָרן פונעם ערשטן רבנישן קאָנגרעס אין דער גאַנצער פּיעטריקאָווער גובערניע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1909 און האָט באַהאַנדלט די ענינים פון חיזוק הדת און די לאַגע פון די רבנים אין יענער געגנט.

אין יאָר תרס"ט, פאַרן קאָנגרעס פון די רבנים אין פּוילן, האָט הרב גרויבאַרד אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו אַלע פּוילישע רבנים א.ד.ט. „אבל שמים אנחנו", אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן פאַרוואָס די רעגירונג דאַרף דערמאָנען די יידישע פאָרשטייער די אומאָרדענונג, וואָס עס הערשט אין דעם רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער רב האָט גערופן צו אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט פאַר תורה און יידישקייט.

אויף דעם זעלבן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער פאָדערונג פונעם רוסישן אינערן־מיניסטער, האָט דער רב אין זיין דערעפענונגס־רעדע באַטאָנט די נויטווענדיקייט איינצושליסן אינעם פּראָגראַם פון דער קומענדיקער אַרבעט אויך דאָס פּראָבלעם פון פאַרבעסערן דיווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די פּוילישע יידן. אין יאָר תר"ע — 1910, ווען ער איז דערשינען אַלס פאַרטרעטער פון דעם פּוילישן יידנטום אין דער רבנים־קאָמיסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ביים אינערן־מיניסטעריום אין פּעטערבורג, האָט ער אַ סך אויפגעטאָן פאַר פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן. צום סוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צאַרישע רעגירונג איז נישט פאַראינטערעסירט אין לינדערן איר פּאָליטיק צו די יידן און די רבנים־קאָמיסיע איז געווען געצוווּנגען צו רעדוצירן איר טעטיקייט.

דער רבנים־קאָנגרעס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון מיליאָנען יידן אין רוסלאַנד. רב ישכר־בער האָט ממש מקדש השם געווען מיט זיינע אויפטריטן און דערקלערונגען פאַר די רעגירונגס־לייט וועגן דעם מהות פון יידישער מאָראַל און יידישן חינוך. אויך נאָכן איבעררייסן די פאַרבינדונג צווישן דער סאָסנאָווצער און בענדינער יידישער קהילה איז הרב גרויבאַרד געבליבן דער פאָרשטייער פון גאַנצן יידישן זאַגלעמביע. אין יאָר 1965 זענען זיינע עצמות געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר המנוחות אין ירושלים. די זאַגלעמביער יידן אין ישראל זענען יעדעס יאָר עולה־רגל קיין ירושלים צו זיין יאָרצייט, כ"ה חשוון.

אין די יאָרן 1860—1865 האָבן אין סאָסנאָוויץ זיך באַזעצט אַ סך פּינטשעווער יידן. צווישן זיי איז אויך געווען הרב לייבוש גיטלער.

מיטן וווּקס פון יידישן ישוב האָט זיך געפילט די נויטווענדיקייט צו שאַפן אין סאָסנאָוויץ אַ בית־דין. מיט דער הסכמה פון בענדינער רב האָט זיך ר' אברהם גאַנצווייך פון זאַוויערטשע באַזעצט אין סאָסנאָוויץ און געוואָרן דאָרט דיין. אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס ער איז דאָרט געווען, איז נישט געווען קיין שלום צווישן אים און דעם דיין גיטלער, און ער איז דערפאַר אַוועק פון שטאָט. באַלד נאָך אים איז געקומען הרב יצחק גליקמאַן, וועלכן מען האָט אין אָנהויב אויך נישט אויפגענומען פריינדלעך. ער איז אָבער דאָך געוואָרן דיין און דערנאָך אַוואַנסירט אויף רב.

ר' יצחק גליקסמאַן, וועלכן מען האָט גערופן ר' איציקל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תרל"ו (1876) אינעם הויז פונעם זשולקעווער רבין, ר' אַלטער רוקח, אַ קרוב פונעם בעלזער רבין. שוין אין זיינע יוגנט־יאָרן האָט ער אַרויסגעוויזן גאונישע פעאיקייטן, אַלס צוועלף־יאָריק ייִנגל האָט ער שוין באַקומען סמיכות און איז געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „דער זשולקעווער עילוי". ער האָט חתונה געהאַט מיטן וואָלבראָמער רבינס טאָכטער און איז ביי זיין שווער געזעסן אויף קעסט על התורה ועל העבודה. נאָך זיין פּטירה האָט אים פאַרטרעטן זיין זון ר' יהושע.

אין דער צייט פון דער רוסישער הערשאַפט איז סאָסנאָוויץ געווען די איינציקע שטאָט אין זאַגלעמביער קרייז, וואָס האָט געהאַט אַ „קאַזיאָנער ראַבינער". דאָס איז געווען הרב דוד זאַלצשטיין, וועמענס איינציקע אויפגאַבע איז געווען צו פירן דעם רעגיסטער פון געבוירטן און טויטן, פון חתונות א.א. אין דער קהילה.

אין סאָסנאָוויץ איז אויך געווען דיין און ראש הישיבה הרב שלמה שטענצל, אַן איידעם פון ר' מאָטל שוחט (צווייגנהאַפט), וואָס איז פריער געווען ראש ישיבה אין אַלט סאָסנאָוויץ און דערנאָך אין שטאָטישן בית המדרש און איז געוואָרן איינער פון די גייסטיקע פירער אין שטאָט. געבוירן איז ער אין טשעלאַדזש (אב תרס"ו). שוין גאָר יונג האָט ער זיך אַרויסגעוויזן מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט חריפות און בקיאות און איז ווירקלעך אויסגעוואַקסן אַ גרויסער למדן. אין סאָסנאָוויץ, ווו ער איז געווען דיין אין משך פון צען יאָר, האָט מען זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס דרך־ארץ. זיינע חידושי תורה זענען געדרוקט געוואָרן אין די חשובסטע רעליגיעזע צייטשריפטן. הרב שטענצל האָט אין סאָסנאָוויץ געפירט אויך אַ ישיבה, ווו עס האָבן געלערנט פיל תלמידים. ער איז נפטר געוואָרן גאָר יונג, אַלט זייענדיק קוים 35 יאָר. נאָך זיין פּטירה האָבן זיינע קרובים פאַרעפנטלעכט זיינע כתובים אין ספר „קהילת שלמה".

הרב חנוך יונגסטער, וואָס איז געווען מורה־הוראה אין קאַטערינאַ, איז געווען באַרימט אין דער געגנט אַלס גרויסער למדן, אַ תלמיד פונעם סאָכאַטשעווער רבין און האָט זיך אויך באַטייליקט צוזאַמען מיטן סאָסנאָוויצער רב יצחק גליקמאַן אין שווערע דין־תורהס. אויך זיין ברודער ר' חיים יונגסטער איז

געווען אַ גרויסער למדן און אַ בעל מידות. האָט געהאַט א שם מיט זיין איידלקייט צווישן די בענדינער באַלעבאַטים. ר׳ חנוך־הענעך האָט צום סוף פאַרלאָזט דאָס רבנות און איז אַריבער וווינען אין בענדין. אויף זיין אָרט איז געקומען זיין איידעם אַלס מורה־הוראה אין קאַטערינאַ. ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1934 אין עלטער פון 63 יאָר.

זיין איידעם הרב יונתן שטאַרק איז געווען מוראה־הוראה אין קאַטערינע און דערנאָך איז ער געוואָרן רב אין סאָסנאָוויץ. ער האָט אַ סך אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען דער רעליגיעזער טעטיקייט אין שטאָט און די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. זיינע דרשות אין בית־המדרש האָבן מיטגעריסן די צוהערער. מיט זיינע מידות טובות האָט ער געדינט ווי אַ ביישפיל פאַר אַנדערע, האָט פיל געהאָלפן פאַרבאָרגענע אָרעמעלייט. ער איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

אין וויגוויזדאָוו האָט געוווינט ר׳ יעקב שוחט (מאַקאָווער), מיט וועלכן די רבנים האָבן זיך שטאַרק גערעכנט ביים פסקנען אַ קאָמפּליצירטע שאלה. זיין פרוי איז געווען דעם בענדינער רבס שוועסטער און מען האָט וועגן איר דערציילט, אַז זי האָט געקענט אויסנווייניק גאַנץ משניות און מדרש. מורה־הוראה אין וויגוויזדאָוו איז אויך געווען הרב מענדל הכהן שוואַרץ. יעדן שבת האָט ער אין שול געהאַלטן אַ דרשה צו וועלכער עס פלעגן קומען הערן מענטשן פון אַלע שיכטן, אויך פּראָסטע לייט, ביי וועלכע ער איז געווען שטאַרק פאַרערט און געליבט. צוליב זיין שטרענגקייט און טריפה מאַכן דעם רבס שאלות, מיט וועלכע מען פלעגט צו אים קומען, האָט מען אים גערופן „רבי טרפון״. אויף די עלטערע יאָרן איז ער אַריבער קיין סאָסנאָוויץ.

די אַלע רבנים און דיינים, וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט, האָבן אַמטירט אין סאָסנאָוויץ אין דער צייט פאַרן ערשטן וועלט־קריג.

15. חסידים און רביים

צווישן די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויץ, זענען אויך געווען חסידים. אינעם „שניידער מנין״, דאָס ערשטע שטיבל פון די סאָסנאָווצער יידן, האָבן געדאַווענט האַנטווערקער, מערסטנס שניידער און שוסטערס, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען חסידים פון פאַרשידענע הייף. די דאָזיקע חסידישע יידן האָבן אויך געהאָלפן צום וווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָסנאָוויץ. זיי האָבן אַראָפּגעברענגט קרובים און פריינד פון אַנדערע שטעטלעך און דאָ געהאָלפן זיי זיך איינאָרדענען, געשאַפן אַרום זיך אַן אַטמאָספער פון ברידערלעכקייט און הילפס־גרייטקייט.

אין סאָסנאָוויץ גופא זענען דעמאָלט נישט געווען קיין רביים, אָבער די חסידים האָבן זיך געפונען אונטערן איינפלוס פונעם אישפּיצינער רבין, ר׳ בעריש פּראַמער און רבי שלמה בוכנער אין קזשאַנעוו. נאָך דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין די זעכציקער יאָרן זענען שטרענגער אָפּגעהיטן געוואָרן די גרענעצן צווישן רוסיש פּוילן און עסטרייכישן גאַליציע און די אישפּיצינער און קזשאַנאָווער חסידים פון זאַגלעמביע האָבן נישט געקענט באַזוכן זייערע רביים. דער ראַדאָמסקער רבי, דער „תפארת שלמה״, האָט געפלעגט וואַרענען קעגן דער השפּעה „פון יענער זייט גרענעץ״, פון וואַנען עס האָבן געבלאָזן די השכלה־ווינטן.

מיט דער צייט איז דער „ערשטער מנין״ געוואָרן צו קליין און די אָרטיקע טוער האָבן אָפּגעדונגען אַ הויז אויף דער טאַרגאָווע־גאַס און דאָרט איז געוואָרן דער גרויסער בית־המדרש פאַר אַן ערך פופצן מנינים יידן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער, אין יאָר 1894, האָט מען אויפגעבויט די סינאַגאָגע. אין יענער צייט האָבן די חסידים אויך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן שאַפן אייגענע שטיבלעך.

דעם ערשטן חסידישן קלויז האָבן געעפנט די ראַדאָמסקער חסידים אין הויז פון נתן ווינער. אין דער זעלבער צייט האָבן אויך די סאָכאַטשעווער חסידים געעפנט אַן אייגענעם קלויז. דערנאָך האָבן זיך געעפנט שטיבלעך פון די גערער חסידים, פון די אַלעקסאַנדרער, אַמשינאָווער, ראַדאָשיצער, קרימילאָווער א.א. געווען אויך חסידים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אייגן שטיבל און זיך אויסגעמישט אין די אַנדערע חסידים־שטיבלעך. אַזוי איז ר׳ לייב ענגלאַרד, געווען אַ באַיאַנער חסיד, ר׳ מלך מילכיאַר — אַ גראָדזשיסקער חסיד, אָבער פּונקט ווי אַ סך אַנדערע האָבן זיי געדאַווענט אין שטיבלעך, וואָס האָבן געהערט צו אַנדערע חסידים.

דעם אויבנאַן צווישן די חסידים האָבן פאַרנומען די גערער און אַלעקסאַנדרער. נאָך זיי זענען געקומען די סאָכאַטשעווער און ראַדאָמסקער און שפּעטער אויך די קרימילאָווער.

ר׳ דודל לעלעווערס אייניקל, ר׳ אַלטער, האָט אין יאָר תרע״א, צוריקקומענדיק פון ארץ־ישראל, זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויץ און טויזנטער חסידים האָבן גענומען שטראָמען צו אים נאָך עצות און ברכות. מען האָט אים גערופן „דער ירושלימער רבי״ און ער איז געוואָרן שטאַרק באַרימט אַלס בעל מופת. אין אָנהויב האָבן אים די רוסישע באַאַמטע באַטראַכט אַלס פרעמדן בירגער און געמאַכט אים פאַרשידענערליי פאָרמעלע שוועריקייטן, אָבער מיט דער צייט איז זיין אָנזען צווישן די יידן שטאַרק געוואַקסן און אויך די פאָרמעלע שוועריקייטן זענען אַוועקגעפאַלן. ער איז נפטר געוואָרן כ״ה אלול תרצ״ג. זיין ארון האָט מען אַריבערגעפירט קיין ארץ־ישראל און מען האָט אים קובר געווען אין ירושלים. זיין אָרט אין סאָסנאָוויץ האָט פאַרנומען זיין איידעם און קרוב, רבי מרדכי־אליעזר־מנחם בידערמאַן. ער האָט אויך אַלע יאָרן געשטרעבט

עולה צו זיין קיין ירושלים, אָבער עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה און ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

נאָך אין יאָר תר״ס איז אַריבער קיין סאָסנאָוויץ איינער פון דער פּרדס־דינאַסטיע, וואָס האָט געוווינט אין סטאַשעוו, רבי דודל פּרדס. זיין הויז איז באַרימט געוואָרן ווי אַ טרערן־אינדזל וווהין עס פלעגן קומען הונדערטער און טויזנטער יידן, וואָס דער גורל האָט זיי געשלאָגן און זיי האָבן אין הויז פון ר׳ דודל פּרדס געפונען אַן אָנשפּאַר. ר׳ דודל איז געווען אַ דינאַמישע און שטורמישע פּערזענלעכקייט און האָט מיט־געריסן זיינע חסידים. נייע און אַלטע חסידישע ניגונים האָבן זיך געהערט אין זיין הויף טאָג און נאַכט, אין געוויינלעכע שבתים און אין ימים־טובים. יעדעס יאָר צו די ימים־נוראים האָט דער מנגן פון הויף געשאַפן נייע ניגונים, וואָס האָבן זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן די חסידים.

ר׳ דודל איז נפטר געוואָרן אין סאָסנאָוויץ ח׳ אייר תרפ״ב אין עלטער פון 78 יאָר. זיין אָרט האָט פאַרנומען איינער פון זיינע דריי זין ר׳ ישראל יעקב. זיין איידעם ר׳ יעקב־שמעון שטערנשוס האָט זיך באַזעצט אין ירושלים, ווו ער האָט אַרויס־געגעבן זיין ספר „שאגת ירושלים״. ר׳ ישראל־יעקב איז אומ־געקומען דורך די דייטשע נאַציס.

אין סאָסנאָוויץ האָט זיך אויך באַזעצט דער פּינטשעווער רבי, ר׳ אליעזר פּינקלער, דעם ראַדאָשיצערס אַן אייניקל, געבוירן אין תר״ך (1860). ר. אליעזר האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ גרויסער מנגן, וועמענס ניגונים האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף זיינע צוהערער און געוועקט צו תשובה און מע־שים טובים. ער איז פריער געווען אין קעלץ. ערשט ביים סוף פון יאָר תרפ״ט האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין סאָסנאָוויץ און זיין השפּעה אויף די זאַגלעמביער יידן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער, צוגעצויגן אַ סך חסידים און מיט דער צייט איז ער געוואָרן באַרימט ווי איינער פון די גרויסע פּוילישע רביים. צו אים האָבן געשטראָמט אַ סך פּשוטע יידן, שניידער, שוסטערס, מאַרק־סוחרים, דאָרפסגייער, קצבים א.א. מען האָט זיי גערופן „פּראָלעטאַרישע חסידים״. ער איז נפטר געוואָרן י׳ שבט תרצ״ז אין עלטער פון 77 יאָר. אַלס זיין פאַר־טרעטער איז געקרוינט געוואָרן זיין עלטסטער זון, ר׳ פּנחס־יששכר, וואָס האָט ממשיך געווען דעם וועג פון זיין גרויסן פאָטער. ער איז אומגעקומען דורך די דייטשע נאַציס.

דער ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה הענעך ראַבינאָוויטש האָט זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויץ ערשט נאָכן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען דער פערטער דור פור־נעם גרינדער פון דער ראַדאָמסקער דינאַסטיע, דער „תפארת שלמה״. געבוירן אין ראַדאָמסק אין יאָר תרמ״ב, אין די יונגע יאָרן געלערנט ביים אָמסטעוווער גאון און אַרויסגעוויזן אוי־סערגעוויינלעכע פעאיקייטן, חכמה און שאַרפזין, און איבער אַלעם אַ וווּנדערלעכן זכרון. זיינע חידושים אין הלכה זענען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשידענע שאלות און תשובות. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ דודל לעלעווערס הויז און האָט זיך גענומען צום מסחר, ביי וועלכן ער האָט מצליח געווען, האָט געהאַט פאַרצווייגטע האַנדלס־באַציונגען אין פאַרשידענע שטעט און לענדער. ערשט נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער ר׳ יחזקיאל (חשוון, תרע״א), האָט ער איבער־גענומען דאָס רביסטווע, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער ווייטער געפירט זיינע געשעפטן.

ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך געפונען אין האַמבורג און אַ געוויסע צייט געבליבן אין דייטשלאַנד, האָט געקויפט אייניקע גרויסע הייזער אין בערלין און געמאַכט גוטע געשעפטן, געהאַט טעקסטיל־אונטערנעמונ־גען אויך אין לאָדזש, אין סאָסנאָוויץ און אין בענדין, געהאַט אויך גלאָז־הוטעס און ציגעלניעס. ער האָט אויך געהאַט הייזער אין וואַרשע, קראָקע און אין סאָסנאָוויץ. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויץ. ער איז מאַטעריעל קיין מאָל נישט געווען אָפּהענגיק פון זיינע חסידים, נישט גענומען קיין פּדיונות, אַליין זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט אויף פירן ישיבות און אַנדערע צדקה־אינסטיטוציעס.

דער ראַדאָמסקער רבי האָט אויפגעשטעלט אַ ברייטע נעץ פון ישיבות אין פאַרשידענע שטעט פון פּוילן און גאַליציע, וואָס האָבן אומעטום געטראָגן דעם נאָמען „כתר תורה״. זיינע 36 ישיבות, אין וועלכע עס האָבן געלערנט טויזנטער תלמידים, האָבן געהאַט אַ שם איבער גאָר דער וועלט. געהאָלפן אים אין בויען די ישיבות און אַכטונג געבן, אַז דאָס לערנען זאָל שטיין אויף דער געהעריקער הויך, האָט זיין קרוב און איידעם ר׳ דוד הכהן ראַבינאָוויטש, דעם קרימילאָווער רבינס אַ זון, וואָס האָט חתונה געהאַט מיטן ראַדאָמסקער רבינס איינציקע טאָכטער. האָט שפּעטער אַליין געגעבן שיעורים די תלמידים דריי מאָל אין טאָג. באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט דעם „קיבוץ גבוה״ אין סאָסנאָוויץ, ווו עס האָבן געלערנט 150 תלמידים. אין קעגנזאַץ צו זיין שווער האָט ער נישט אַרויס־געוויזן קיין שום אינטערעס צו די גרויסע געשעפטן און נישט געקענט קיין צורת מטבע און איז געווען יומם ולילה פאַרנומען מיט לערנען תורה.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה האָט דער ראַדאָמסקער רבי מיט זיין משפחה זיך געפונען אויף זומער־וווינונג אין קריניצע. פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין לאָדזש און דערנאָך קיין וואַרשע. י״ח אב, תש״ב האָבן די דייטשן דערמאָרדעט דעם רבין מיט זיין גאַנצער משפחה.

אין סאָסנאָוויץ האָבן אויך געוווינט רבישע אייניקלעך, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער עלקישער רבי, ר׳ יהושע העשל האַראָוויץ־שטערנפעלד, דעם כענטשינער רבינס זון א.א.

16. חינוך

צוזאַמען מיטן אויפקום פון יידישן ישוב האָט זיך אויך אָנגעהויבן געשטאַלטיקן דער יידישער חינוך אין סאָסנאָוויץ. ס'איז אַנטשטאַנען דאָס חדר מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות.

די אַלטע סאָסנאָוצער געדענקען נאָך ביז היינט די נעמען פון די ערשטע מלמדים: ר' הילל מלמד פון בענדין, וועמענס חדר עס האָט זיך געפונען אין ר' שלמה פרימאָרגנס הויז אויף מאָנדזשיעווער־גאַס. ביי אים האָט מען געלערנט עברי און גמרא און צווישן זיינע תלמידים זענען געווען אויך קינדער פון פּאָגאָן', שעלצע און אַנדערע נאָענטע ישובים.

ביי ר' יעקב ליטוואַק האָט מען געלערנט גמרא און מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מומחה פאַר אויסלערנען אפילו פאַרשטאָפּטע קעפּ, שווערע סוגיות מיט תוספות.

בכלל האָבן ליטווישע מלמדים שטאַרק אויסגענומען אין סאָסנאָוויץ און אין די אַרומיקע שטעט פון זאַגלעמביע. אינעם נאָענטן דאָרף דיינדאָווקע, האָט געלערנט אַן אויסגעצייכנטער ליטווישער מלמד ה' יעקב צאַבאַן. ער האָט געשטאַמט פון אָרלע ביי בריסק און ביי אים האָבן געלערנט די בעסטע בחורים פונעם דאָרף. פון איינעם פון זיינע תלמידים איז ר' יעקב אַזוי שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער האָט אויף אים ממליץ געווען צו שיקן אים לערנען אין דער ישיבה פונעם בריסקער גאון, ר' חיים סאָלאָווייטשיק. דאָס איז געווען אַ זעלטענער פאַל, אַז מען זאָל שיקן פון זאַגלעמביע אין אַ ליטווישער ישיבה. די אַנדערע האָט מען געשיקט לערנען קיין ראַדאָמסק, קאַמינסק און אַמסטאָוו.

די חדרים זענען בדרך כלל נישט געווען באַשטעטיקט דורך דער רוסישער רעגירונג. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט האָט די רוסישע מאַכט באַשטימט אַן אויפזיכט איבער די יידישע חינוך־אינסטיטוציעס און די מלמדים האָבן געדאַרפט אָפּגעבן עקזאַמענס פון די העברעיִשע לימודים און אין דער רוסישער שפּראַך. זיי האָבן נישט געטאָרט לערנען אָן אַ באַשטעטיקונג. אָבער די אַלע געזעצן און באַפעלן האָבן געבראַנגט שוואַכע רעזולטאַטן און דאָס חדר איז געבליבן פונקט ווי פריער.

מיטן וווּקס פון יידישן ישוב אין סאָסנאָוויץ האָט זיך גענומען פילן אַ מאַנגל אין יידישע לערער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן איינגעלאַדן פּריוואַטע לערער. דער ערשטער קהילה־קאָמיטעט האָט געגרינדעט אַ תלמוד תורה. דעם 1־טן יולי 1907 זענען געעפנט געוואָרן צוויי שולן פאַר יידישע יינגלעך און באַזונדער פאַר מיידלעך. אינעם חינוך־קאָמיטעט זענען אַריין: אַדוואָקאַט לאַנדוי, ד"ר ליקערניק, ס. מיימון, ב. אָפּענהיים, ד"ר אברהם פערלמאַן, ד"ר מ. רייכער און נאָך איניקע מיטגלידער פונעם קהילה־פּרעזידיום.

די תלמוד־תורה אין סאָסנאָוויץ האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים. עס האָט זיך געפאָדערט אַ בודזשעט פון 2400 רובל אַ יאָר און עס האָט געדראָט, זי זאָל אונטערגיין, ביז עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וועלכע האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ראַטעווען די לאַגע. אין יאָר 1908 איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס בויען די שיינע געביידע פאַר דער תלמוד תורה, וועמענס גרינדער עס זענען געווען: לייב ענגלאַרד, גרונם סאַפּיר, הרב גיטלער, חיים־יוסף זאַלאַנץ, משה מאַריאַנקאַ, לייב אַבראַמטשיק, יעקב שטאַל, גרשון סטאַווסקי, משה קעניגסבערג א.א.

אין יאָר תרע"ח (1918) איז זי אונטער דער השפּעה פונעם ראַדאָמסקער רבין און „אגודת האורטודוקסים" געענדערט געוואָרן אויף „יסודי התורה". ווען עס איז אָנגעקומען דער עקאָנאָמישער קריזיס אין גאַנצן לאַנד איז אויך די דאָזיקע אינסטיטוציע געווען אין אַ שווערע לאַגע און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז צוליב די גרויסע חובות זאָל דאָס הויז פאַרקויפט ווערן אויף אַ ליציטאַציע. צו הילף זענען געקומען: שמעון מענדל טאָביאַש, חיים אונגער, לייבוש שווייצער און מאיר ראָטער און דעמאָלט האָט מען אויך צוריקגעענדערט דעם נאָמען אויף „תלמוד תורה". דער לייטער פון דער תלמוד תורה איז געווען ר' מיכאל פראַנצויז. אינעם לעצטן יאָר פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן דאָרט געלערנט 370 קינדער און דער יערלעכער בודזשעט האָט באַטראָפן 15 טויזנט זלאָטעס, וואָס האָט זיך געדעקט פון חודש געלט, נדרים און נדבות, בלימלטעג און באַזונדערע אַקציעס.

די ציוניסטישע טוער האָבן געשאַפן דעם „חדר מתוקן", אין וועלכן מען האָט געלערנט תנ"ך און עברית לויט מאָדערנע מעטאָדן, און שטאָט האָט מען עס גערופן „די ציוניסטישע תלמוד תורה".

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אין שטאָט זיך געשאַפן נייע חינוך־אַנשטאַלטן. אין יאָר 1918 האָט געשאַפן אַן אייגענע שול די „מזרחי" בראש מיט ר' לוי יצחק יונגסטער, מ.ש. קערנער, שבתאי ווייס, שמואל קרישטאַל, י. צווייגנהאַפט און ש. גליקסמאַן. די שול איז באַזוכט געוואָרן דורך דעם גרויסן דיכטער חיים נחמן ביאַליק, הרב שפּיראָ, דניאל פערסקי און נאָך אַנדערע גרויסע פערזענלעכקייטן.

אין יאָר תרפ"ו איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער אגודה געשאַפן געוואָרן די מיידל־שול „בית יעקב", וועמענס גרינדער עס זענען געווען: העניך נייפעלד, יצחק דאַפנער, יידל באָראָוויעצקי, אליעזר שקלאַרטשיק, חיים ליכטיק און יחיאל גרילאַק. דער לייטער איז געווען הערשל באָרנשטיין.

געווען אויך אין סאָסנאָוויץ אַ פּרויען־גימנאַזיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1915 און מען האָט דאָרט געלערנט אויך שבת און יום־טוב. ערשט נאָך אַ שטאַרקן דרוק פון די לערער האָט מען אויפגעהערט לערנען אין די שבתים און ימים־טובים.

אין יאָר 1922 איז מען צוגעטרעטן בויען אין סאָסנאָוויץ אַ יידישע גימנאַזיע. דער הויפּט־איניציאַטאָר איז געווען ד"ר אברהם פערלמאַן. אין יאָר 1933 האָט מען אָפּגעדונגען אַ ספּעציעלע געביידע פאַר דער גימנאַזיע אין צענטער שטאָט. זינט

דעם יאָר 1923 איז אין שפּיץ פון דער גימנאַזיע־לייטונג געשטאַנען ד״ר טוביה מעלאַדיסטאַ. אין אויגוסט 1937 איז מען צוגעטרעטן שאַפן אַ האַנדלס־שול אונטער דער לייטונג פון גוטוואָרט. די גימנאַזיע האָט זיך געפונען אויף פּשעיאַזד 1 אין אַ שיינער געביידע. סוף יאָר 1938 איז פאַרטיק געוואָרן די אייגענע געביידע פון דער האַנדלס־גימנאַזיע.

17. שרייבער און ליטעראַרישע אויסגאַבן

אין דער פּוילישער ליטעראַטור האָט זאַגלעמביע פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. דער אַנטייל פון די אַרבעטער אין פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863 האָט באַקומען זיין אָפּשפּיגלונג אין אַנדזשעי סטרוגס „אונדזערע פאַטערס״ און וויעלעפאַלסקאַס „קריאַקי״, אין זשעראָמסקיס „היימלאָזע מענטשן״ א.א. וועגן די זאַגלעמביער קוילנגרעבער האָט אויך געשריבן סטאַניסלאַוו וויגאַדסקי, געבוירן אין יאָר 1907 אין בענדין, אַ זון פון ציוניסטישן טוער יצחק וויגאַדסקי. ער האָט אין זיינע לידער און אין פּראָזע געשריבן וועגן די ליידן און קאַמף פון די זאַגלעמביער קוילנגרעבער. אַ סך אָרט אין זיינע שריפטן פאַרנעמט לעצטנס די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק. וויגאַדסקי האָט דורכגעמאַכט די היטלעריסטישע אָקופּאַציע און איז היינט איינער פון די אָנגעזעענע שרייבער אין פּוילן.

אין די ניינציקער יאָרן (תרנ״ז — תר״ס) האָט אין סאָסנאָוויץ געוווינט דער גרויסער העברעיִשער דיכטער ח.נ. ביאַליק, וועלכער האָט זיך מפרנס געווען מיט געבן העברעיִשע לעקציעס, האָט נישט שלעכט פאַרדינט, נאָר געליטן פון איינזאַמקייט, פון מאַנגל אין אַ העברעיִשער סביבה. דעמאָלט האָט ער אויך אָנגעשריבן זיין שטראָף־ליד „אכן חציר העם״. אין סאָסנאָוויץ האָט ביאַליק געשריבן אויך אַנדערע פון זיינע שירים, פון וועלכע נישט אַלע זענען שפּעטער אַריין אין זיינע בענדער. ער האָט אין סאָסנאָוויץ געשריבן אויך דאָס סאַטירישע ליד איבערן פּאָליטישן ציוניזם „רבי זרח״.

אין סאָסנאָוויץ האָט ביאַליק אויך אָנגעשריבן דעם שיר „על לבבכם ששמם״, ווי אויך „ילדות״, וואָס אחד העם האָט נישט געוואָלט אָפּדרוקן אין „השילוח״ און האָט עס כאַראַקטעריזירט אַלס „קלות ראש״. זומער תרנ״ז האָט ער פאַרענדיקט זיין „המתמיד״, אַ פּאָעמע, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק און אים באַרימט געמאַכט איבער דער גאַנצער יידישער וועלט. צווישן די אַנדערע פאָלקסטימלעכע לידער, וואָס ביאַליק האָט געשריבן אין סאָסנאָוויץ, זענען אויך געווען „רזי לילה״ און „בשל תפוח״.

אין גרשון סטאַווסקיס דירה אויף דער פּילסודסקי־גאַס 15 האָט ביאַליק געפּלעגט אָרגאַניזירן די ליטעראַרישע אָוונטן, אויף וועלכע עס זענען זיך צונויפגעקומען די משכילים, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום ביאַליקן. בעת זיין וויזיט אין סאָסנאָוויץ אין יאָר 1932 האָט ביאַליק געזאָגט, אַז יענע אָוונטן געהערן צו זיינע בעסטע יוגנט־זכרונות.

אין די יאָרן 1906—1908 האָט אין סאָסנאָוויץ געוווינט דער יידיש־העברעיִשער שרייבער משה סטאַווסקי (1884—1964). ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ סך דערציילונגען וועגן דעם לעבן פון די בעלי חיים, אָריענטאַלישע לעגענדעס, ווי אויך דעם לעבנסשטייגער פון יידישע אַרבעטס־מענטשן און פון די חלוצים אין ארץ־ישראל.

אין סאָסנאָוויץ האָט ער געוווינט ביי זיין ברודער גרשון סטאַווסקי און אַרום אים האָבן זיך קאָנצענטרירט יוגנטלעכע, וואָס האָבן געפילט אַ דורשט צו יידישער און העברעיִשער ליטעראַטור. אין יענער צייט האָט משה סטאַווסקי געשריבן אַ סך פון זיינע נאָוועלן, ווי אויך אַן אידיליע וועגן אַלטן שלאָס אין בענדין. מערסטנס האָט ער געשריבן אין עברית, אָבער עס זענען אויך דערשינען זיינע פיר בענדער דערציילונגען אין יידיש, אַ באַנד דערציילונגען אין רוסיש און צוויי בענדער אין פּויליש.

אין יאָר 1911 איז משה סטאַווסקי אַוועק קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אויף אייגענעם באָדן אין כפר טוביה. אין יאָר 1922 האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין תל־אביב.

געבוירן אין סאָסנאָוויץ איז אויך זלמן מערקין (1898—1937). אין די ערשטע מלחמה־יאָרן איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער קולטור־טעטיקייט אין סאָסנאָוויץ, איז אויפגעטרעטן מיט רעדעס אויף פאָלקס־פאַרזאַמלונגען און פּראָפּאַגירט דעם ציוניסטישן געדאַנק צווישן דער יוגנט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פאָרשן די יידישע שפּראַך און יידישע ליטעראַטור, איז געוואָרן איינער פון די אויסגעצייכנטסטע קריטיקער. זיינע אַרטיקלען און ביכער איבער דער יידישער ליטעראַטור האָט ער געשריבן א.נ. מאַקס עריק.

אין די יוגנט האָט מערקין געלערנט עברית ביי ביאַליקן, שפּעטער האָט ער צוזאַמען מיט זלמן רייזין געשאַפן אַ כרעסטאָמאַטיע פון דער אַלטער ליטעראַטור אין יידיש. אין יאָר 1929 איז ער אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, וווּ ער האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט ליטעראַטור־פאָרשונג אין גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערן: „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלע״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1926; „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די אַלטע צייטן ביז דער השכלה־עפּאָכע״, דערשינען אין וואַרשע, 1928. אין מינסק איז דערשינען זיין בוך „פאָרשונג אין דער השכלה־געשיכטע, 1789—1881״. ער איז געווען אַ לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור אויפן מינסקער אוניווערסיטעט. אין יאָר 1937 איז ער אַרעסטירט געוואָרן און געשטאָרבן אין תפיסה.

מאַנדזשיעוו. דאָס שטעטל נעבן סאָסנאָוויץ האָט אַרויס־

געגעבן דעם ד״ר יעקב מייטליס. אין יאָר 1921 איז ער אַרויס מיט זיין ערשטן גרויסן אַרטיקל אין דער „יידישער רונדשאו״ א.ג. „די ערשטע איבערקערונג״. זינט דעמאָלט האָט ער זיך סטאַביל באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע אין דייטשלאַנד מיט ליטעראַטור־קריטיק, היסטאָרישע פאָרשונגען און פאָלק־לאָריסטישע אַרבעטן. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַנ־דערע צייטשריפטן אין פאַרשידענע לענדער. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשאָנקען דער טעמע: „די אַלט יידישע ליטעראַטור און דער יידישער פאָלקלאָר״. אין יאָר 1932 האָט ער אַרויסגעגעבן אויף דייטש זיין בוך „מעשה בוך, זיין געשיכטע און מקורים״, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן איינ־דרוק אין דער ליטעראַרישער וועלט. ער האָט אויך אַרויסגע־געבן דאָס בוך „די שבחים פון רבי שמואל און רבי יהודה חסיד״, וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן אין יאָר 1961. ד״ר יעקב מייטליס וווינט היינט סטאַביל אין לאָנדאָן.

אין טשעלאַדזש איז געבוירן דער יידישער דיכטער אברהם נחום שטענצל (1897). זיין ערשט בוך לידער און פּאָעמעס איז דערשינען אין לייפּציג. דערנאָך זענען דערשינען אַ ריי אַנ־דערע לידער־זאַמלונגען. היינט וווינט ער אין לאָנדאָן, ווו ער רעדאַגירט דעם חודש זשורנאַל „לשון און לעבן״. ער טרעט אויך אַרויס מיט פאָרלעזונגען אין קלוב פון די ענגלישע שריי־בער אין לאָנדאָן.

ד״ר נפתלי נוסנבלאַט, געבוירן אין סטרי (1897—1943), געווען טעטיק צווישן דער ציוניסטישער יוגנט, אין דער ער־שטער וועלט־מלחמה געווען אַ לויטענאַנט אין עסטרייכישן מיליטער, דערנאָך שטודירט יורי אין ווין, ווו ער האָט באַ־קומען דעם טיטל דאָקטאָר, אָבער זיך אָפּגעגעבן בעיקר מיט ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרבעט, ספּעציעל מיטן פאָרשן ד״ר הערצלס לעבן און אַרבעט. אין יאָר 1938 איז ער געקומען קיין דאָמבראָוואַ גורניטשאַ, ווו ער האָט פאָרגעזעצט זיין פאָרשונגס־אַרבעט איבער ד״ר הערצל און זיך אויך פאַר־נומען מיט זאַמלען די נאַציאָנאַלע הימנען ביי יידן. ער איז אומגעברענגט געוואָרן דורך די היטלעריסטן.

צווישן די יוצאי סאָסנאָוויץ און אומגעגנט, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ישראל, זענען אויך פאַראַן שרייבער און פאָרשער: דוד מאַלעץ, מחבר פון די ספרים: מעגלות, חתחתים בדרך, השער נעול; ד״ר אַדאַם נוח בראַון, מחבר פון ספר ההרצאה וההזכרה, ספר ערוגת הבושם, תיכון מידת הנפש; שבתי ווייס, מחבר פון ספר „מאוצר המחשבה של החסידות״; ד״ר יהושע פּראַווער, מחבר פון: ממלכת ירושלים הצלבנית, אש־קלון ורצועת אשקלון במדיניות הצלבנים, ראשית החיים העי־רוניים באירופה בימי הבינים; ד״ר יעקב ליוועך, מחבר פון: בית דוד אחר חורבן הבית הראשון, תולדות בית דוד; ד״ר י. לוסטיג, מחבר פון בוך אין דער דייטשער שפּראַך „געשיכטע פון דער שטאָט מיסלאָוויץ״.

אין יאָר 1933 האָבן אייניקע יונגע שרייבער געשאַפן אַ קינסטלער־גרופּע מיטן נאָמען „יונג זאַגלעמביע״, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרשפּרייטן דאָס קינסטלערישע וואָרט צווישן די פאָלקס־מאַסן. עס זענען דערשינען צוויי זאַמלביכער א.ג. „גערנגגל״ (1933), „בייטשן״ (1935), און אַ בוך לידער „יונג זאַגלעמביע״ (1937). צווישן די מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע זענען געווען: טוביה בוים, זיגמונט ש. בוים, העשל דאַנציגער, אפרים קליינמאַן (היינט אין ישראל) לייזער שיקמאַן א.א.

פון זאַגלעמביע שטאַמט אויך דער טאַלאַנטירטער שריי־בער יחיאל פיינער־דינור, וואָס איז באַרימט אַלס ק. צעטניק מיט זיינע ביכער: „סלמנדרה״, דערשינען אין תל־אביב, תש״ז, „דאָס הויז פון די ליאַלקעס״ און אַ ריי אַנדערע ביכער, וואָס ווערן איבערזעצט אין צענדליקער שפּראַכן.

18. צייטונגען

די ערשטע צייטונג אין זאַגלעמביע האָבן אַרויסגעגעבן די דאָמבראָווער קוילנגרעבער א.ג. „גורניק״ אין דער פּויל־ישער שפּראַך. מיט דער צייט האָבן זיך אין אים באַטייליקט אויך יידן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די קוילנגרובנס און אין האַנדל מיט קוילן.

אין אַ צייט אַרום האָט אין סאָסנאָוויץ אָנגעהויבן צו דער־שיינען די פּוילישע צייטונג „קוריער סאָסנאָוויעצקי״. די אַר־טיקלען זענען געווען אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון דער רוסישער צענזור. צווישן די אַנאָנסן זענען אויך געווען אַ סך יידישע פירמעס פון סאָסנאָוויץ און אומגעגנט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט אין סאָסנאָוויץ אָנגעהויבן דערשיינען אַ חודש־בלאַט „עכאָ״ אין דער פּוילישער שפּראַך, ווו עס זענען אויך געווען ידיעות וועגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך די דאָזיקע צייטשריפט איז געווען אומפּאַרטייאיש און אָפּגעגעבן מער אָרט ליטעראַטור און קונסט, טעאַטער און מוזיק. ידיעות און אַרטיקלען וועגן סאָסנאָוויץ האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעצן אָרט אין דער פּרעסע, וואָס איז דערשינען אין שלעזיע.

די סאָסנאָווצער יידן האָבן נאָך דעמאָלט נישט געקענט טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אַן אייגענע צייטונג. די באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון אַ געמיש פון יידן, וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע געגנטן, פון ליטע און אוקראַינע, פון דייטשלאַנד און עסטרייך. די אַסימילאַטאָרן האָבן געלייענט די יידיש־פאַרדייטשטע צייטונג „דער באַאָבאַכטער אַן דער ווייכסל״, „יוטשענקאַ״ און „איזראַעליט״, אין דער פּוילישער שפּראַך, ווו עס זענען אויך דערשינען אַרטיקלען איבערן יידישן קהילה לעבן אין סאָסנאָוויץ. די משכילים און סתם נאַציאָנאַלע יידן האָבן אַבאָנירט די דעמאָלטדיקע העברעיִשע צייטונגען, ווי

„הצפירה״, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע און „המליץ״, דערשינען אין פּעטערבורג, און עס האָבן זיך דאָרט געדרוקט אויך ידיעות פון סאָסנאָוויץ און בענדין. אין סאָסנאָוויץ זענען מער ווי אין אַנדערע שטעט געווען משכילים, וואָס האָבן ליב געהאַט די העברעיִשע שפּראַך און זענען געווען אין קאָנפליקט מיט די אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן געשטרעבט צו פּאָלאָניזירן די יידישע מאַסן, רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן, עפענען דייטשע און פּוילישע שולן. איןביידע לאַגערן האָט געהערשט אַ זלזול צו יידיש, וואָס האָט ביי זיי געהייסן זשאַרגאָן.

לייבוש שפּיגלמאַן איז געווען דער ערשטער פּיאָנער ביים פאַרשפּרייטן העברעיִשע און יידישע ביכער און צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אין רוסלאַנד. אין יאָר 1911 האָט שפּיגלמאַן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וואָכן־שריפט א.נ. „אַנאָנסן־בלאַט״, וואָס איז דערשינען ביזן יאָר 1913, ווען דער נאָמען האָט זיך געענדערט אויף „אונדזער טעלעפאָן״. דער „אַנאָנסן־בלאַט״ איז דערשינען אַלס אומזיסטע ביילאַגע צו די וואַרשעווער צייטונגען. אַנדערש האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן פאַרשפּרייטן די צייטונג אַפילו אין געהיים. ערשט שפּעטער איז שפּיגלמאַנען געלונגען צו באַשטימען אַ פּרייז פאַר דער צייטונג און זי איז געוואָרן זעלבשטענדיק, פאַרשפּרייט אין סאָסנאָוויץ און אין פּיעטרקאָוו, האָט זיך גיך אַנטוויקלט און ס׳איז געעפנט געוואָרן אַ פיליע אין טשענסטאָכאָוו, אָנגעפירט דורך רפאל פעדערמאַן, איז געוואָרן פאַרשפּרייט אויך אין פּיעטרקאָוו, ראַדאָמסק, קעלץ, לובלין און אין אויבערשלעזיע.

עס איז געוואַקסן אויך די צאָל שרייבער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער צייטונג. צווישן זיי דאַרפן דערמאָנט ווערן די נעמען: ל. גאָלדשטיין, ישעיה לעווקאָוויטש, בעריש פּרעגער, פישל בימקאַ, י. פּסחזון, גרשון סטאַווסקי, משה פיינקינד, ישראל־משה וויינרעב א.א. די צייטונג האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן ביי שלמה בעלכאַטאָווסקי אין פּיעטרקאָוו און דערנאָך ביי אפרים זיידנער, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע דרוקעריי אין בענדין. עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה און די צייטונג האָט שוין נישט געקענט דערשיינען אַזוי רעגולער, ביז די דייטשן האָבן זי אין גאַנצן אָפּגעשטעלט.

דעם 11־טן נאָוועמבער 1918 זענען די דייטשן אַרויס פון זאַגלעמביע און פּוילן איז געוואָרן באַפרייט. שפּיגלמאַן האָט דעמאָלט באַנייט דאָס דערשיינען פון „אונדזער טעלעפאָן״. דעם 128טן יוני 1919 האָט די פּוילישע רעגירונג פאַרבאָטן צו דרוקן די צייטונג און ערשט דעם 18־טן יולי 1919 האָט זי ווידער אָנגעהויבן דערשיינען א.נ. „זאַגלעמביער צייטונג״ און איז דערשינען רעגולער ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. סטאַביל איז די זאַגלעמביער צייטונג דערשינען אין בענדין, אָבער איר נעץ איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אַלע ישובים פון זאַגלעמביע און באַזונדערס אין סאָסנאָוויץ, וואָס איז געווען באַטייליקט אין די פאַרשידענע רובריקן, לייט־אַרטיקלען און אַנאָנסן.

אין שבט תרפ״ה איז דערשינען דער ערשטער נומער פונעם „יידישן וואָכנבלאַט״, רעדאַגירט פון משה־חיים קאַמינער ז״ל און ליפּמאַן בערקאָוויטש און איז געווען באַשטימט פאַר דער רעליגיעזער באַפעלקערונג אין זאַגלעמביע און שלעזיע. די צייטונג איז געווען אַ שול פאַר זשורנאַליסטן און שרייבער, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן באַרימט, ווי: גרשון גורא (היינט אין ישראל), יחיאל פיינער, באַקאַנט אַלס ק. צעטניק (היינט אין ישראל), ב. מאַנדלבוים (היינט אין אַמעריקע) שטייער, יאַקובאָוויטש, י. גראַנאַטשטיין, דוד סקורניק, בערל רעכט, לייב שטשעקאַטש, זיידמאַן, ציזלער, קאַנער א.א. די דאָזיקע צייטונג איז דערשינען אין משך פון אַכט יאָר. דער רעדאַקטאָר בערקאָוויטש געפינט זיך היינט אין ישראל.

אין יאָר 1937 איז ש. לעווקאָוויטש (בן אמוץ) אַרויס פון דער רעדאַקציע „זאַגלעמביער צייטונג״, אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט יאָרן לאַנג און זיך געשאַפן אַ נייע צייטונג א.נ. „זאַגלעמביער לעבן״. לעווקאָוויטש האָט כמעט אַליין אויסגעפילט אַלע רובריקן אין זיין צייטונג מיט פאַרשידענע אונטערשריפטן. ער האָט געפירט אַ קאַמף פאַרן ציוניזם אין דער קהילה און אויך איינגעפירט אַ באַזונדערע רובריק פאַר ארץ־ישראל. דאָס איז געווען אַ לעבעדיקע צייטונג, וועמענס יעדער נומער האָט אַרויסגערופן אינטערעס צווישן די לייענער. די צייטונג איז דערשינען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אויסער דעם איז אין סאָסנאָוויץ דערשינען די צייטונג „זאַגלעמביער שלעזיש וואָרט״, רעדאַגירט דורך ישראל שווייצער.

19. סאָציאַליזם

סאָסנאָוויץ, דער יונגסטער פון די זאַגלעמביער ישובים איז אַנטשטאַנען אין דער ערשטער ליבעראַלער עפּאָכע פון אַלעקסאַנדער דעם 2־טן, וואָס האָט מיט זיך געבראַנגט אַ ריי וויכטיקע ענדערונגען צום גוטן אין דער יורידישער לאַגע פון די פּוילישע יידן. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן די יורידישע באַגרענעצונגען, ווי באַקאַנט האָבן יידן געמעגט וווינען נאָר אין 246 פּוילישע שטעט, אויף דער אַלגעמיינער צאָל 453 שטעט אין פּוילן. פון זיי האָבן אין 31 שטעט עקזיסטירט ספּעציעלע „יידישע סטרעפּעס״. אויסער דעם האָבן יידן נישט געטאָרט וווינען אין די גרענעץ־שטעטלעך, כדי זיי זאָלן זיך נישט באַשעפטיקן מיט שמוגל פון דייטשלאַנד און עסטרייך. אינעם זאַגלעמביער ראַיאָן האָבן יידן נישט געטאָרט וווינען אין שעווער, טשעלאַדזש, קאָזשעגלאָוו, סלאַווקאָוו א.א.

נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד, אין די יאָרן 1863—1864, ווען

עס האָט זיך אָנגעהויבן אין פוילן די רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק, האָבן די רוסישע באַאַמטע געקוקט קרום אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די פוילישע יידן. דער „אוקאַז" פון 11־טן יוני 1891 האָט שטאַרק באַגרענעצט די רעכט פון די יידן צו קויפן באָדן. אין סאָסנאָוויץ האָט זיך נישט געפילט קיין ענדערונג צום שלעכטן אין דער באַציונג פון דער רעגירונג צו די יידן. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס באַגרענעצן די יידן אין זייער באַטייליקן זיך אין דער ווירטשאַפט און האַנדל וועט זיין צום שאָדן פון דער שטאָט.

דאָס יידישע סאָסנאָוויץ איז מער ווי פונעם סאָציאַליזם געווען באַהערשט פון דער טראַדיציאָנעלער חיבת־ציון־באַוועגונג, אָבער ביסלעכווייז האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ביי יידן אַ סאָציאַליסטישער באַוווסטזיין. אין אָנהויב פון די ניינציקער יאָרן, נאָך דער חובבי־ציון קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ, האָט דער „יידישער אַרבעטער־פאַרבאַנד" אין וואַרשע אָנגעהויבן פירן אַן אַגיטאַציע צווישן די יידישע אַרבעטער. דאָס איז זיי נישט אָנגעקומען לייכט. די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געפעלט די נויטיקע אינטעלעקטועלע כוחות פאַר אַ ברייטער אויפקלערונג. אַלע וויכטיקע טוערס זענען געקומען פון ליטע אָדער דרום־רוסלאַנד, זענען געווען דורכגעדרונגען מיט רוסישער קולטור און נישט געקענט דעם באַזונדערן גייסט פון די יידן אין פוילן. די רוסיפיקאַציעטענדענצן האָבן געבראַכט פאַרקערטע רעזולטאַטן און אויך די יידישע אינטעליגענץ איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיטן פוילישן פּאַטריאָטיזם, שוין דאָס רעדן פויליש האָט זיך גערעכנט ווי אַ רעוואָלוציאָנערער טאַט. די יידישע אינטעליגענץ אין סאָסנאָוויץ, איז פונקט ווי אין אַנדערע שטעט אין פוילן, געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון קאַמף פאַר פרייהייט און מלוכהשער זעלבשטענדיקייט פון פוילן. די יידישע אינטעליגענץ איז געווען געשטימט אַסימילאַטאָריש און אָנגעשטעקט מיט די פוילישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען.

ביים אָנהויב פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט די יידישע אַרבעטערשאַפט אין סאָסנאָוויץ, ווי אין גאַנץ זאַגלעמביע, נישט געהאַט צו פאַרצייכענען קיין באַזונדערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַר די יידישע פירער פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פוילן איז געוואָרן קלאָר, אַז זיי מוזן צוציען פירנדיקע כוחות, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין די באַזונדערע געגנטן און זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די אָרטיקע פּראָבלעמען. צום דאָזיקן טיפּ טוער האָט אויך געהערט יצחק מרדכי פסחזון, וועלכער האָט געהערט צו די פעיִקסטע און שטאַרקסטע פערזענלעכקייטן אין אונדזער ראַיאָן.

דער סאָציאַליסטיש רעוואָלוציאָנערער געדאַנק איז אָנגעקומען אין זאַגלעמביע אין יאָר 1892 דורך די שילער פון דער שטייגער־שול אין דאָמבראָווע, וועלכע זענען געווען די קאָלפּאָרטערן פון אומלעגאַלער ליטעראַטור און האָבן אין די נעכט פונאַנדערגעקלעפּט אין די גרובנס און אין דער שטאָט פּראָקלאַמאַציעס און אויפרופן, אין וועלכע זיי האָבן גערופן צו אַ שענער און בעסער לעבן. עס האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן שטרייקן. דעם 8־טן מערץ 1894 איז אויסגעבראָכן דער ערשטער גרויסער שטרייק אין דער זאַוויערטשער אַקציען־געזעלשאַפט. אין דעם זעלבן יאָר, אין אַפּריל, איז אויסגעבראָכן דער שטרייק אין פּיאַסקער קוילנגרובן; דעם 23־טן אַפּריל איז אויסגעבראָכן אין דער סאָסנאָוויצער פאַבריק פון פּיצנערעט גאַמפּער. סוף סעפּטעמבער איז אויסגעבראָכן דער שטרייק אין דיטלס פאַבריק. אין די ערשטע חדשים פון 1895 האָט מען געשטרייקט אין דער דאָמבראָווער צינק־גיסעריי. ביסלעכווייז האָבן זיך אויסגעבעסערט די אַרבעטס־באַדינגונגען און עס איז געהעכערט געוואָרן דער לוין, נישט געקוקט דערויף, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געפּרוווט דערשטיקן די שטרייקן מיט אַ שטאַרקער האַנט. די קאָזאַקן האָבן געשלאָגן יעדן אַרבעטער וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן. דער פּיעטרקאָווער גובערנאַטאָר מילער האָט פונאַנדערגעקלעפּט מעלדונגען איבער גאַנץ זאַגלעמביע, אין וועלכע ער האָט ציטירט די פּאַראַגראַפן פונעם שטראָף־קאָדעקס פאַר שטרייקן, פאַרבאָטן פאַרזאַמלונגען, נישט דערלויבט צו דיסקוטירן איבער די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. די קרייז־געריכטן האָבן פאַראורטיילט שטרייקנדיקע אַרבעטער אויף צוויי חדשים תפיסה, אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, די שטרייקן זענען אויסגעבראָכן כמעט סטיכיש און די דירעקציעס אין די גרובנס און פאַבריקן זענען געווען געצוווּנגען צו העכערן די לוינען און פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען, פאַרקלענערן די דרייצן־שעהדיקע אַרבעטס־טעג.

אין רעזולטאַט פון דער פאַראייניקונג צווישן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע אין דעם פוילישן קעניגרייך מיט דער פּ.פּ.ס., האָט זיך ביים סוף 1895 באַוויזן דער ערשטער אויפרוף, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן דורכן קאָמיטעט פון די דאָמבראָווער אַרבעטער. דאָס איז געווען דער ערשטער שטאַפּל אין דער פאַרגיכערטער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין זאַגלעמביע. עס איז דאַן אָרגאַניזירט געוואָרן דער גרויסער שטרייק פון די אויוון־אַרבעטער אין דער דאָמבראָווער הוטאַ באַנקאָוואַ. שפּעטער דער שטרייק אין די „מאַרטימער"־גרובנס. עס איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דער קאָלפּאָרטאַזש פון אומלעגאַלער ליטעראַטור. דער „גורניק" איז אַ לענגערע צייט געווען די איינציקע צייטונג אין זאַגלעמביע און זיין אויפלאַגע איז כסדר געוואַקסן. דעם 13־טן מאַי 1897 האָבן פאַרשטרייקט די אַרבעטער אין די גרובנס „ערנסט מיכאל" אין טשעלאַדזש. אין אויגוסט 1897 האָבן 2380 אַרבעטער געשטרייקט אין די גרובנס „יעזשי" אין ניווקאַ, וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַ שווערן קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט און איז לסוף דורכגעפאַלן. די אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט נישט אויסקעמפנדיק קיין בעסערע באַדינגונגען.

דאָס יאָר 1899 האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין הויכער רעוואָלוציאָנערער שפּאַנונג. די אויסגעבראָכענע שטרייקן זענען געקרוינט געוואָרן מיט נצחונות. דעם 22־טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ שטרייק אין שיינס שפּינערייען אין שראָדול, סאָסנאָוויץ. דעם 2־טן מאַי האָבן געשטרייקט די 900 אַרבעטער פון דיטלס שפּינעריי. עס האָט זיך דעמאָלט אַריינגעמישט דער פּיעטרקאָווער גובערנאַטאָר מילער און יעדן טאָג זענען פאַר־

געקומען אַרעסטן. אין דער בענדינער תפיסה זענען דעמאָלט געזעסן אַכציק אַרבעטער, אָבער די כוואַליע פון שטרייקן איז ווייטער געשטיגן. עס האָבן געשטרייקט די אַרבעטער אין פּיאַסקי, גראָדזשיץ, קאָשעלעוו, מילאָוויץ, טשעלאַדזש א.א.

אין 1900 איז די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין זאַגלעמביע באַדייטנדיק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן די פּ.פּ.ס.־ישע פירער ווי יוזעף פּילסודסקי, וויטשעכאָווסקי א.א. נאָכן מאָרד פון מאַזור זענען פאָרגעקומען רעוויזיעס און מאַסן־אַרעסטן אין זאַגלעמביע און אַ סך זענען געשטעלט געוואָרן אונטער פּאָליציייִשער אויפזיכט. דעם 1־טן מאַי האָט מען אין ערגעץ נישט געפייערט אין יענעם יאָר. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן אַ סך אַרבעטער פון די גרובנס. די קאָזאַקן האָבן קוואַרטירט אין דאָמבראָווע און אין סאָסנאָוויץ. די צייטונג „גורניק" האָט אויפגעהערט צו דערשיינען. דער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטן אויך אין די קומענדיקע צוויי יאָר. אין מערץ 1902 האָט דער מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט לעאָן טשאַרקאָווסקי געשריבן: „די ענינים אין זאַגלעמביע האָבן זיך פאַרערגערט פיל מער ווי מען האָט זיך געקענט פאָרשטעלן". די גורניקעס אין נימצען זענען געווען די איינציקע, וואָס זענען געבליבן טריי דער רויטער פאָן און זענען געווען אַ פעסטונג פון דער פּ.פּ.ס. די צאַרישע רעגירונג האָט געטון אַלץ כדי צו דערשטיקן די וואַקסנדיקע פּ.פּ.ס.־באַוועגונג אין זאַגלעמביע. יעדער פאַרדעכטיקער אין אָנגעהעריקייט צו דער דאָזיקער באַוועגונג איז גלייך אַרעסטירט געוואָרן.

20. אָפּקלאַנג פון דער רעוואָלוציע אין 1905

דאָס יאָר 1905 איז געווען אַ ווענדפּונקט אין דער געשיכטע פון צאַרישן רוסלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 7־טן יאַנואַר מיט אַ שטרייק פון 150 טויזנט אַרבעטער אין דער הויפּטשטאָט פּעטערבורג. דאָס שיסן פונעם מיליטער אויף אומבאַוואָפנטע אַרבעטער, וואָס האָבן דעמאָנסטרירט פאַרן צאַרס פּאַלאַץ, האָט אויפגעשטורעמט דאָס פאָלק. די פּ.פּ.ס. אין זאַגלעמביע האָט גלייך דערויף אַנטוויקלט אַ ברייטע און פאַרטיפטע אויפקלערונגס־טעטיקייט. אין די פאַבריקן און גרובנס זענען פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען, באַגעגענישן מיט אַקטיוויסטן א.א.וו. דער זאַגלעמביער ראַיאָן האָט זיך שוין דעמאָלט גערעכנט אַלס וויכטיקער צענטער. אין אים זענען געווען קאָנצענטרירט קוילנגרובנס און אייזן־גיסערייען, אין וועלכע עס זענען געווען באַשעפטיקט צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. עס האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון תוהו ובוהו. די פּאָליטישע שטרייקן האָבן אַרויסגעפירט די אַרבעטער אין די גאַסן און פּלעצער, ווו עס זענען אַרויסגעטרעטן רעדנער און גערופן צום קאַמף קעגן דער טיראַניע פון צאַרישן רעזשים, קעגן אונטערדריקונג און עקספּלאָאַטאַציע.

צווישן די אַרבעטער אין די קוילנגרובנס און אייזן־גיסערייען האָט מען נאָך דעמאָלט כמעט נישט געזען קיין יידישע אַרבעטער. דאָקעגן זענען זיי געווען אין די אַנדערע פאַבריקן אין זאַוויערטשע און אין טשענסטאָכאָוו, אין בענדין און אין אַנדערע שטעט, און די יידישע אַרבעטער־אינטעליגענץ איז געווען אַקטיוו אין די רייען פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די פּ.פּ.ס. האָט אין איר פּראָגראַם אַריינגענומען אויך דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

אין סאָסנאָוויץ האָט שוין דעמאָלט אין אַ געוויסער מאָס עקזיסטירט אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט. עס זענען געווען באַאַמטע אין די דייטשע פאַבריקן. אַ סך יידישע האַנטווערקער, וואָס האָבן באַשעפטיקט יידישע געזעלן, וואָס האָבן געאַרבעט פערצן שעה אין מעת־לעת פאַר אַ קליינעם לוין. נאָכן יאָר 1905 האָט אין דעם ראַיאָן אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען דער „בונד". עס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ קליינער קערן פון פּועלי ציון. אַ דעלעגאַט פון בענדין, יהודה־לייב פיינער האָט זיך באַטייליקט אין דער פּועלי־ציון־קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע אין דעצעמבער 1905. צו די אַקטיוויסטע האָט זיך אויך גערעכנט משה מערקין.

אין זאַגלעמביע האָט מען אָבער נישט געהאַט קיין פול בילד פונעם גרויסן שטורעם, וואָס איז אין יאָר 1905 פאָרגעקומען אין גאַנץ רוסלאַנד. די צייטונגען זענען דורך אַ שטרענגע צענזור. די ידיעות פון זאַגלעמביער ראַיאָן זענען געווען זייער מאָגערע. דאָך איז דאָ געשטיגן דער אומרו. געוועלבער און פאַבריקן זענען געווען געשלאָסן און די קאָמוניקאַציע האָט נישט פונקציאָנירט, עס זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיטן מיליטער און פּאָליציי.

אַ ידיעה אין דער העברעישער „הצפירה", דערציילט, אַז דעם 27־טן יאַנואַר האָבן זיך אַרום דער פאַבריק אין קאַטערינאַ פאַרזאַמלט שטרייקנדיקע אַרבעטער, וואָס האָבן געוואָלט עפענען דאָס טויער פון דער אייזן־פאַבריק. פון דער מאַסע האָט מען געשאָסן צום בוטירקער־באַטאַליאָן, וואָס איז געשטאַנען אויפן פּלאַץ. אויף אַן אַנדער אָרט האָט זיך אַן אַרבעטער געוואָרפן מיט אַ מעסער אויף זעלנער און דאָס מיליטער איז געווען געצוווּנגען צו שיסן, עס זענען געפאַלן 21 טויטע און 20 פאַרוווּנדעטע. אין דער אויסלענדישער פּרעסע, אין שלעזיע און גאַליציע האָט מען געשריבן וועגן הונדערטער געהרגעטע און הונדערטער פאַרוווּנדעטע.

32 טעג האָט געדויערט דער אַלגעמיינער שטרייק און איז איבערגעריסן געוואָרן נישט ברענגענדיק קיין שום נוצן. דאָך איז די מאָראַל פון די שטרייקנדיקע געווען אַ הויכע, עס איז געשטיגן דער טיראַזש פון דער פּ.פּ.ס.־ישער צייטונג „גורניק".

✶

נאָך דעם מאַניפעסט, וואָס דער צאַר איז געווען געצוווּנגען

אַרויסצולאָזן דעם 7־טן אָקטאָבער, האָבן אין זעלבן חודש ווידער פאַרשטרייקט די אַרבעטער פון די סאָסנאָווצער פאַבריקן און גרובנס. אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון טויזנטער מענטשן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּ.פּ.ס. איז אַוועק אין דער ריכטונג פון בענדין, צו דער תפיסה. ביי שראָדולאַ זענען די קאָזאַקן באַפאַלן די דעמאָנסטראַנטן מיט נאַהייקעס, פּיקעס און שווערדן. עס זענען דעמאָלט געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע. אין אָוונט האָט מען אָפּגערופן די פאָרשטעלונג אין טעאַטער און אַנשטאָט דעם איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט דעמאָנסטראַטיוו צעריסן דעם צאַרישן מאַניפעסט און דערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. די ענדעקעס („נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַציאַ”) האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון צאַר און געקעמפט קעגן די סאָציאַליסטישע כוחות.

אויף צו מאָרגנס איז ווידער פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרזאַמלונג און אַ דעמאָנסטראַציע מיט פענער און טראַנספּאַרענטן. אין דער לעצטער מינוט איז אויסגעמיטן געוואָרן אַ צוזאַמענשטויס מיט די קאָזאַקן אַדאַנק דעם סאָסנאָווצער בירגערמייסטער קראָנענבערג. נאָך דער דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען אין טעאַטער אַ פאַרזאַמלונג אויף וועלכער קראָנענבערג איז אַרויסגעטרעטן און גערופן איבערצורייסן דעם שטרייק. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ דעלעגאַציע, אין וועלכער עס זענען אַריין: דעפּוטאַט פּערקאָווסקי, פיינשטיין — ס.ד., אַדוואָקאַט וויעזשבאָווסקי און רוקח פון בענדין. די דעלעגאַציע איז באַפולמעכטיקט געוואָרן צו פאָדערן פונעם גובערנאַטאָר מירבאַך איבערצוגעבן די מאַכט דער דעלעגאַציע. מירבאַכס ענטפער איז געווען, אַז עס קומט נישט פאָר קיין שום איבערקערעניש און אַדאַנק אים זענען די קאָזאַקן נישט באַפאַלן די דעמאָנסטראַנטן. ער האָט מסכים געווען בלויז אָפּצושאַפן די פאָליציי־קאָרדאָנען. אויף דער פאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ בירגערלעכער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריין פאָרשטייער פון פּ.פּ.ס., ס.ד.ק.פּ.ל. און אַנדערע. די שטאָט האָט מען איינגעטיילט אין רעווירן און די באַשטימטע רעוויר־עלטסטע פאַרזיכערט איבערצוגעבן זיי באַוואָפנטע פאָליציאַנטן, וואָס וועלן היטן די אָרדענונג אין שטאָט. עס זענען פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן פלאַקאַטן, וועלכע האָבן וועגן דעם געמאָלדן די בירגער און אַזוי איז אין אַ געוויסער מאָס די מאַכט אַריבער אין די הענט פון בירגער־קאָמיטעט און האָט אָנגעהאַלטן 9 טעג. בלויז דער באַנהויף איז ווייטער געווען באַהערשט דורך די זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן פאַרטריבן די פאָליציאַנטן ווען זיי זענען דורכן רעוויר־עלטסטן גאַיעווסקי געשיקט געוואָרן צו היטן דאָרט די אָרדענונג. דער בירגער־קאָמיטעט האָט זיך וועגן דעם געוואָנדן צו מירבאַכן, וועלכער האָט זיי דערקלערט, אַז דער וואָקזאַל אונטערליגט דער קאָמאַנדאָ פון דער זשאַנדאַרמעריע און דער בירגער־קאָמיטעט האָט נישט קיין רעכט אַריינצומישן זיך דאָרטן.

אַדאַנק דער קאָנסטיטוציע איז דער „גורניק” דערשינען טאָג־טעגלעך און איז פריי פאַרקויפט געוואָרן אין די גאַסן ביז די פאָליציי האָט באַקומען הילף פון מיליטער און האָט גענומען דורכפירן אַרעסטן. דער קאָמיטעט האָט דאַן איינגעלאַדן צו זיך דעם פאָליציי־קאָמענדאַנט און געפאָדערט פון אים אַן אויפקלערונג. נישט באַקומענדיק פון אים קיין געהעריקע תשובה האָט דער בירגער־קאָמיטעט גענומען זיך פאַרטראַכטן וועגן ווייטערדיקע שריט, אָבער אויף צו מאָרגנס זענען איבער די גאַסן פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן פלאַקאַטן, וואָס האָבן געמאָלדן וועגן קריגס־צושטאַנד און אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן פאַרשטאַרקטע פאָליציי־קאָרדאָנען און קאָזאַקן, עס האָבן זיך אָנגעהויבן רעוויזיעס און אַרעסטן. אַזוי האָבן זיך געענדיקט די „פרייהייטס־טעג”.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען מוראדיקע ידיעות וועגן פּאָגראָמען אויף יידן אין העכער 200 שטעט פון גאַנץ רוסלאַנד. אינעם זאַגלעמביער־ראַיאָן זענען דעמאָלט נישט פאָרגעקומען קיין פּאָגראָמען, אָבער די אַטמאָספער איז געווען אַ דערדריקנדיקע, אַ טייל רייכערע יידן זענען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און די איבעריקע האָבן געלעבט אין שרעק.

אין יענע טעג איז אין סאָסנאָוויץ פאָרגעקומען אַ קאָנצערט, אויף וועלכן דאָס 7־יאָריקע יינגל העניאָ סינקעוויטש איז אַרויסגעטרעטן אַלס דיריגענט. דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט, אָבער פלוצלינג האָט עמיץ אויסגעשריגן, אַז מען שלאָגט אין שטאָט און אַלע פאַרזאַמלטע זענען אַנטלאָפן. עס איז אויסגעבראָכן אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניק. אַלע זענען געווען זיכער, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט פאָרגעקומען דאָס מינדעסטע געשלעג און די פּאַניק איז געווען אַן אומזיסטע.

די געשעענישן אין זאַגלעמביע האָבן אויסגענוצט די קאַפּיטאַליסטן אין אויבערשלעזיע, פאַר וועלכע עס זענען געעפנט געוואָרן די גרענעצן קיין פּוילן דורכצופירן קוילן אָן אָפּצאָל. דער עקספּאָרט פון אויבערשלעזיע איז געשטיגן אויף 30 פּראָצענט, אָבער שפּעטער האָבן זיך אין אַלגעמיינעם שטרייק אָנגעשלאָסן אויך די גרובן־אַרבעטער פון די שלעזישע קוילנגרובנס. עס זענען פאָרגעקומען מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע עס איז אויסגעדריקט געוואָרן די סאָלידאַריטעט מיט די פּוילישע און רוסישע אַרבעטער. סוף יולי זענען קיין גלייוויץ אָנגעקומען 10 מאַטראָזן פון דער באַרימטער רעוואָלוציאָנערער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין”. דעם 13־טן נאָוועמבער האָבן פאַרשטרייקט די קוילנגרעבער און די הוטעס־אַרבעטער אין מיסלאָוויץ און עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי.

21. דאָמבראָווער זאַגלעמביע

חורבות פון פּאַלאַצן און פעסטונגען, פון טעמפּלען, פּרי־צישע הייף און אַלטע קירכעס דערציילן וועגן דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהייט פון דאָמבראָווער זאַגלעמביע. אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער פעלקער־וואַנדערונג, אין 4־טן און 5־טן יאָרהונדערט פאַר דער בירגערלעכער צייטרעכענונג, זענען די סלאַווען געקומען קיין אייראָפּע, דעראָבערט די ברייטע שטחים צווישן די טייכן דניעפּר און דניעסטער, אויף דער ווייסל אין מערב ביז צום טייך עלבע און האָבן זיך באַזעצט אויך אין שלעזיע און זאַגלעמביע. די סלאַווען, וואָס האָבן איינגענומען די דאָזיקע געגנטן, האָבן געשטאַמט פון די ווייסע כראָבאַטן, וועלכע האָבן פון קראָקע זיך צעשפּרייט אויך איבער אונדזערע געגנטן. דאָמבראָווער זאַגלעמביע איז געווען אַ טייל פון דער סלאַוויאַנישער אוראַלטער ווייסער כראָבאַציע, וועלכע מיעטשיסלאַוו דער 1־טער האָט צוקאָאָפּטירט צו זיין קעניגרייך.

די דאָזיקע געגנט איז אין יאָר 1070 שוין געווען באַפעלקערט און זינט די הויפּטשטאָט איז דורך באָלעסלאַוו כראָברי אין יאָר 1020 איבערגעפירט געוואָרן פון גניעזנאָ קיין קראָקע האָט דאָמבראָווער זאַגלעמביע גענומען זיך אַנטוויקלען אין אַ גיכן טעמפּאָ און אין יאָר 1110 האָט עס באַקומען „דער קעניגלעכער ראַיאָן". אין יאָר 1106 האָט איינער מיטן נאָמען דראַגאָסלאַוו באַקומען פון באָלעק קשיוואָאוסטי דאָס רעכט צו גרינדן דאָס דאָרף קאָזשעגלאָ. אין די ווראָצלאַווער רעיעסטן, אין דער קירכע אויפן נאָמען „נאַ פּיאַסקו" ווערט דערמאָנט פון קאַזשימיעזש ספּראַוויעדליווי אַז עס איז געשענקט געוואָרן אַ קרעטשמע אין יאָר 1193 דעם קלויסטער אין קרימאָלאָ.

מ. שטענצעל שרייבט אין זיין „געשיכטע פון שלעזיע", אַז אין יאָר 1228 האָט קאַזשימיעזש דער 1־טער געשענקט קלעמענסן, דעם אָפּאָלנער גובערנאַטאָר די שטחים פון טשעלאַדזש ביים טייך בריניצאַ. אַנאַראָשעוויטש דערמאָנט אין זיין בוך „געשיכטע פונעם פוילישן פאָלק", אַז אין 1345 האָט שוין עקזיסטירט דאָס דאָרף פּאָגאָן'. די רעיעסטרען פון קראָקע אין די יאָרן 1318—1326 דערמאָנען די פּאַראָפיעס בענדין, טשעלאַדזש, גראָדזשיש, קאָזשעגלאָוו, שעווער, כרושטשאָבראָד, זשאַרנאָוויץ, קרימאָלאָוו, גלאַדאָוויץ, מזשיגלוד, קיראָוו, ניעגאָווא, פּשיבינאָוו און דלוזשעץ.

אין גראָמערס „געשיכטע פון דער שטאָט בויטן" ווערט דערציילט, אַז פּיאָטער פאַנוו האָט אין יאָר 1340 איבערגעגעבן דעם קלויסטער ווינצענטי אין ביטאָם זיינע דערפער: דאָמבראָווקאָ און מילאָוויץ. מ. בילסקי אין זיין „די פּוילישע כראָניק" שרייבט, אַז קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט אויפגעשטעלט פּאַלאַצן אין בענדין, וואַנוואָלעץ, מיראָוו, זשאַרנאָווצאַ און אויצאָוו אין די יאָרן 1335—1360.

פון אַ דאָקומענט אין דיפּלאָמאַטישן גזועץ־בוך, דעם 11־טן אָקטאָבער 1456 איז צו זען, אַז אין יענער עפּאָכע האָט שוין עקזיסטירט זאַוויערטשע איינגעטיילט אין צוויי ישובים, אַ קלענערן און אַ גרעסערן.

דער באַרימטער פוילישער היסטאָריקער דלוגאָש, ווען ער שרייבט וועגן דער עפּאָכע 1440/60 דערמאָנט די פאָלגנדיקע ערטער: באָלעסלאָוו, סטשעמיעשיץ, אָקראָדזשיאַנאָוו, זאָמבקאָוויץ, לאָשיען, קאָסמאָלאָוו, ראָקיטנאָ, שישיאָלקאָ, איצע, לוביאַנקאָ, מיסלאָוו, פּאָסטאָשאָוויץ, ריטשאָוו, ראָדאָקי, גאָלטשאָוויץ, דרודקאָוו, רודניצקי א.א.

א. פּאָבינסקי דערמאָנט אין זיין בוך „איבער היסטאָרישע געשעענישן" אין יאָר 1490, די ערטער: שטשיגאָווא, סמאָלין, ריטשאָוו, פּאָמראָזשיצאָ, גאָלאָנאָג, לעשניאָוו, אַלט דאָמבראָוואָ א.א.

דער 16־טער יאָרהונדערט ברענגט אַ ריי נייע ערטער, ווי: ניוואָקאָ, ניעמצעס, מראָוויסקאָ (שפּעטער געענדערט אויף מאָנדזשיעוו) און קאַזשימיעזש. צום סוף איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די איצטיקע פּאַוויאַטן פון בענדין, זאַוויערטשע און אָלקיש האָבן זיך באַפרייט פון די אַלטע פוילישע פּאַוויאַטן אינעם 16־טן יאָרהונדערט: פּרושאָוו, לעלעוו, קשאָנדז און פון שווערער פּירסטנטום. בעת דער ערשטער צעטיילונג אין 1772 זענען שטיקער פון זאַגלעמביע צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך.

22. יידישע ישובים אין זאַגלעמביע

עס פעלן די גענויע דאַטעס ווען די ערשטע יידן זענען אָנגעקומען קיין זאַגלעמביע. עס איז אַ פאַקט, אַז שוין אין 10־טן יאָרהונדערט זענען קיין זאַגלעמביע געקומען יידישע סוחרים אַלס אויפקויפער פון דער דאָרטיקער פּראָדוקציע און געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע סחורות אויף אויסטויש. רייזנדער דערציילן פון יענער צייט וועגן יענע ברייטביינעקע יידן מיט אָפּגעברענטע פּנימער און געדיכטע בערד, געקליידט אין לאַנגע מלבושים, וואָס האָבן געפירט מיט זיך תבואות, האָלץ און פלאַקס. זיי דערציילן וועגן פוילישע מטבעות מיט יידישע בוכשטאַבן. אין יענער עפּאָכע איז זאַגלעמביע געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַיאָן און איז געווען אונטערשטעליק אין איר אַנטוויקלונג לגבי שלעזיע. דער יידישער קיבוץ אין זאַגלעמביע איז אין אָנהויב נישט געווען קיין גרויסער און האָט זיך ערשט גענומען אַנטוויקלען מיטן צושטראָם פון פּליטים,

וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון דייטשלאַנד און פֿון שלעזיע אין פּחד פֿאַר די קרייצציגלער.

אין 11־טן און אין 12־טן יאָרהונדערט האָבן אין זאַגלעמביע זיך באַזעצט חוץ יידישע סוחרים אויך האַנטווערקער. אין די דאָקומענטן פֿון דער יידישער קהילה אין ביטאָם איז צו זען, אַז די יידן האָבן זיך פֿריער באַשעפֿטיקט מיט ערדאַרבעט און זענען געווען פֿאַרפּליכטעט צו צאָלן צינזן גלייך מיט אַלע איינוווינער שוין אין יאָר 1226. נאָכן גירוש ספרד האָבן יידן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין אַלע גרעסערע שטעט פֿון פּוילן און אויך אין זאַגלעמביע, באַזונדערס אין בענדין. אין יאָר 1450 זענען די יידן אין בענדין שוין געווען אַן אָרגאַניזירטער ישוב. אין 16־טן יאָרהונדערט האָט שוין דאָרט עקזיסטירט אַ יידישע קהילה מיט אַ רב בראש.

עס איז נישט באַקאַנט דער גורל פֿון די זאַגלעמביער יידן, וואָס איז מיט זיי געשען נאָך די טאָטעריש־מאָנגאָלישע אָנפֿאַלן ביים אָנהויב פֿון 13־טן יאָרהונדערט. עס זענען נישט פֿאַראַן קיין היסטאָרישע קוואַלן, וואָס זאָלן דערציילן וווּהין די יידן זענען דעמאָלט אַנטרינען, צי זיי זענען אַוועק קיין קראָקע אָדער קיין דייטשלאַנד און בעהמען.

ענלעך זעט עס אויס אויך מיט די ערשטע יידן וואָס זענען געקומען קיין שלעזיע. די עלטסטע ידיעות שטאַמען פֿון 1150. דאָקומענטן דערציילן וועגן יידישע אייגנטימער אין קליין טינעץ. אין יאָר 1190 זענען שוין געווען יידן אין בונצלאו (באָלעסלאַוו). אין יאָר 1203 האָט דאָס דאָרף סאָקאָלניק, וואָס איז דערנאָך געווען אַ טייל פֿון ברעסלאַו געהערט צו די יידן יוסף און יחזקיאל. אין יאָר 1917 האָט מען דאָרט געפֿונען אַ מצבה פֿון דוד בן שר־שלום, וואָס איז געשטאָרבן כ״ה אב תקס״ג (4־טער אויגוסט 1203). פֿון יאָר 1227 זענען פֿאַראַן ידיעות וועגן יידן אין ביטאָם אויפֿן טייך אָדער, פֿון 1270 — אין שווידניץ, פֿון 1280 אין גלאָגאָו, פֿון 1281 אין טראָפּאַו, פֿון 1285 — אין מינסטערבערג, פֿון 1301 — אין ליגניץ א.א. אין אָנהויב זענען די שלעזישע יידן געווען לאַנדווירטן און ביסלעכווייז אַריבער אויף האַנדל און האַנטווערקעריי.

אין מיטן 13־טן יאָרהונדערט זענען אין שלעזיע געגרינדעט געוואָרן אַ ריי נייע יידישע קהילות, וואָס האָבן אָבער געליטן פֿון קלער. די צודרינגלעכע גלחים האָבן פֿאַרביטערט זייער לעבן דורך גזירות און רדיפֿות. דער סענאַט פֿון דער פּוילישער פּראָווינץ אין ברעסלאַו האָט אַרויסגעגעבן פֿאַרשריפֿטן קעגן יידן, וועלכע זענען אָבער געשיצט געוואָרן דורך די פֿירשטן. אין יאָר 1295 האָט באָלקאָ דער 1־טער אַרויסגעגעבן זיינע יידן אַן „עקזיסטענץ־שריפֿט״. פֿיר יאָר שפּעטער, 1299, האָט דאָס זעלבע געטון הענריק דער 3־טער פֿון גלאָגאָו, נאָך אים האָט אַזאַ שריפֿט אַרויסגעגעבן דער שווידניצער פֿירשט באָלקאָ דער 2־טער.

אין יענער צייט האָט די ווירטשאַפֿט אין שלעזיע דורכגעמאַכט אַן עקאָנאָמישן אויפֿשטייג, און די נייע איינוואַנדערער האָבן זיך געניוויטיקט אין קרעדיטן, וואָס זיי האָבן באַקומען פֿון יידן. צו הלוואות האָבן געמוזט אָנקומען אויך די אַריסטאָקראַטן, די מיניסטאָרן און אויך די פֿירשטן. אַזוי, אַז אין דער צווייטער העלפֿט פֿונעם 13־טן יאָרהונדערט האָבן די שלעזישע יידן שוין נישט באַשעפֿטיקט זיך מיט לאַנדווירטשאַפֿט נאָר זענען שוין אויך געווען סוחרים און באַנקירן. זיי זענען געוואַקסן צוזאַמען מיטן אויפֿבלי פֿון די שלעזישע שטעט, האָבן זיך באַזעצט ביי די הויפּט־וועגן, דורך וועלכע עס זענען געגאַנגען די האַנדלס־פֿאַרבינדונגען צווישן שלעזיע, בעהמען און מאָראַוויע. אין אַ דאָקומענט פֿון 1286 באַקלאָגט זיך דער בישאָף טאָמאַס פֿון ברעסלאַו, אַז די יידן, וואָס זענען אונטערגעאָרדנט דעם שלעזישן פֿירשט היינריך דער 4־טער, פֿירן אומגעשטערט זייער האַנדל, אין דער צייט וואָס איבער די גלחימס קעפּ שוועבט אַ שרעק... די שלעזישע פֿירשטן האָבן אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פֿון די יידן פֿאַרן אַנטוויקלען די שטעט סיי דורך האַנדל און סיי דורך האַנטווערקעריי. די לאַגע פֿון די יידן אין יענע ערטער איז פֿאַרהעלטנישמעסיק געווען אַ גוטע און זייער געזעלשאַפֿטלעך לעבן האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום די שולן און בתי־מדרשים.

די קירך האָט זיך אָבער ווייטער באַצויגן מיט שנאה צום וואַקסנדיקן יידישן ישוב אין שלעזיע. אין יאָר 1267 האָט די גלחים קאָנפֿערענץ אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן, וואָס האָבן פֿאַרבאָטן יידן וווינען צוזאַמען מיט קריסטן און עס האָט געמוזט זיין אַ וואַנט אָדער אַ קאַנאַל צווישן די יידישע און קריסטלעכע קוואַרטאַלן. די יידן האָבן אויך געמוזט טראָגן אויפֿן קאָפּ אַ באַזונדער היטל. אין 1319 זענען די רדיפֿות נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן. אין יאָר 1337 זענען די האָרדן, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „אַרמלעדער״ אָנגעפֿאַלן אויף אייניקע יידישע קהילות, געשלאָגן און געמאָרדעט. עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט די באַקאַנטע בילבולים, אַז יידן פֿאַרשוועכן דאָס הייליקע ברויט, אַ סך יידן זענען פֿאַרפּייניקט געוואָרן צום טויט, עס זענען אויסגעבראָכן פּאָגראָמען, וואָס זענען אָנגעפֿירט געוואָרן דורך די קריסטלעכע האַנטווערקער. אין יאָר 1420 האָט מען באַשולדיקט די יידן, אַז זיי שטיצן די הוסיטן־באַוועגונג, וואָס האָט דערקלערט אַ הייליקע קריג דער קאַטוילישער קירך. עס איז אַפֿילו געווען אַ ווערסיע, אַז די הוסיטן האָבן געזונגען זמירות, וואָס דער רב אביגדור קאַראָ האָט מחבר געווען אויף העברעיִש און דייטש לכבוד דעם איינציקן גאָט. אמת, אין די רעליגיעזע דיסקוסיעס און אַרומרייסענישן זענען יידן געבליבן נייטראַל, אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפֿן און דאָס פֿייער פֿון שנאה האָט זיך שנעל צעפֿלאַקערט און דערפֿירט צו אַלץ שרעקלעכערע רדיפֿות און גירושים. יידן און יידיש פֿאַרמעגן איז געוואָרן הפקר. די רדיפֿות און גירושים האָבן אָנגעהאַלטן ביזן סוף פֿון 15־טן יאָרהונדערט. ערשט נאָך לאַנגע יאָרן האָבן זיך באַנייט די יידישע ישובים אין די שלעזישע שטעט און געהאַט זייער השפּעה אויפֿן אויפֿקום און אויפֿבלי פֿון די יידישע ישובים אין זאַגלעמביע.

23. דאָמבראָוואַ גורניטשאַ — שטאָט פון אייביקן נעפל

מיט הונדערטער יאָרן צוריק האָט אַלט דאָמבראָוואַ גע־רוט צווישן געדיכטע וועלדער און זומפּן, וואָס האָבן באַשווערט דעם צוגאַנג און דעם וווּקס פון דאָזיקן ישוב, וואָס איז געווען דער אָנהויב פון דער איצטיקער שטאָט און האָט זיך אַנט־וויקלט אַדאַנק די „שוואַרצע בריליאַנטן" אין דער טיפקייט פון איר ערד.

אין די ביכער וועגן די פאַרגאַנגענע צייטן געפינען מיר באַמערקונגען, לויט וועלכע עס איז צו זען, אַז דאָמבראָוואַ האָט געהערט צום פירשטנטום שעווער. לויט דער מאַפּע פונעם שעווערער פירשטנטום האָט אַלט דאָמבראָוואַ עקזיסטירט שוין אין 15־טן יאָרהונדערט. דער דאָזיקער ישוב האָט דורכ־געמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן, רויבערייען און שריפות.

דער אָנהויב פונעם איצטיקן דאָמבראָוואַ גורניטשאַ איז געווען דער קוילנגרובן רעדען, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1796 דורך דער פּרייסישער מאַכט אין דער צייט פון פרידריך דעם גרויסן. אין יאָר 1807 איז דער גרובן אַריבער אין באַזיץ פונעם פראַנצויזישן מאַרשאַל לאַננעס. צוליב די גרויסע צינז־חובות האָט דאָס ציוויל־געריכט אין קראָקאָווער ראַיאָן קאָנפיסקירט דעם גרובן און פאַרדונגען אים דעם ייד שמואל בוכבאַך. אין אַ יאָר שפּעטער האָט דעם גרובן איבער־גענומען דאָס פּוילישע פינאַנס־מיניסטעריום.

אין יאָר 1815 האָט מען נעבן דעם גרובן אויפגעשטעלט די ערשטע גיסעריי „קאָנסטאַנטי". מיטן וווּקס פון דער קוילן־פּראָדוקציע האָט מען דאָרט געגראָבן אַלץ טיפערע און טיפע־רע שיכטן און כדי צו באַזייטיקן די שטערונגען פון וואַסער האָט מען אויפגעבויט אַ האָריזאָנטאַלן קאַנאַל און פּאָמפּעס וואָס האָבן אויסגעשעפּט דאָס וואַסער פון אָפּגרונט. די איינ־וווינער פון אַלט דאָמבראָווע זענען געווען די ערשטע קוילנ־גרעבער. מיט דער צייט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַהער אַר־בעטער פון דער קעלצער גובערניע, פון די ראַיאָנען מיעכאָוו און יענדזשעיאָוו און אויך פון דער קראָקעווער געגנט און פון שלעזיע. נאָכן פּוילישן נאָוועמבער־אויפשטאַנד האָט די רוסי־שע מאַכט געצוווּנגען צענדליקער פאַמיליעס פון דער פּויליש־ער שלאַכטע צו אַרבעטן אין די קוילנגרובנס. עס איז כסדר געווען אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט און אין יאָר 1838 האָט מען געברענגט אַהער 70 דייטשע פאַמיליעס פון זאַקסן און האַנאָווער. אָבער נאָך אַ יאָר האָבן זיי פאַרלאָזט זאַגלעמביע און נאָר אַ קליינער טייל איז געבליבן אויפן אָרט, אַקלימאַטי־זירט זיך און פאַרגעסן אין זייער היימלאַנד.

דאָמבראָווע האָט פריער געהערט צו דער ראַדאָמער גו־בערניע. נישט געקוקט דערויף וואָס יעדע וואָך זענען דאָרט פאָרגעקומען מאַרק־טעג, האָט מען דעם ישוב נישט געוואָלט אָנערקענען אַלס שטאָט. אין יאָר 1860 האָבן דאָרט געוווינט נישט מער ווי 600 נפשות. זינט דעם יאָר 1870 האָט דער צושטראָם פון דער באַפעלקערונג קיין דאָמבראָווע אָנגעהויבן טראָגן אַ מאַסן־כאַראַקטער. דאָמבראָווע איז געוואַקסן און זיך פונאַנדערגעשפּרייט ווי אויף הייוון. ערשט אין יאָר 1916 איז דער ישוב פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס שטאָט. דער ערשטער בירגערמייסטער איז געווען עדוואַרד קושינסקי. דער ערשטער פּאַרזיצער פון די אַלגעמיינע וואַלן איז געווען ד״ר אַדאַם פּיוואָואַר.

24. דער יידישער ישוב אין דאָמבראָווע

אין יאָר 1767 האָט אויף דער גרענעץ צווישן אַלט־דאָמ־בראָווע און בענדין געפירט דאָס גאַסטהויז „אונטערן לייב" דער ייד יעקב יאָזעפאָוויטש. ער איז געווען אַ שטענדיקער איינוווינער פון בענדין, ווו ער האָט זיך באַשעפטיקט אויך מיטן האַנדל פון רינד־פעלן. ביזן יאָר 1828 האָט געווירקט דער דעקרעט פון גרובן־דירעקטאָר, וואָס האָט פאַרבאָטן יידן צו האַלטן גאַסטהייזער נאָענט פון גרובן און אייזן־גיסערייען. ערשט נאָכדעם האָט מען צוליבן מאַנגל אין אַרבעטס־הענט דערלויבט יידן צו אַרבעטן אין די גרובנס. צווישן די ערשטע קאָלאָניסטן איז געווען די פאַמיליע צייג, וואָס האָט שפּעטער געענדערט דעם נאָמען אויף צייגוס און דערנאָך אויף ציגוס. אין יענעם יאָר זענען געקומען קיין דאָמבראָווע אויך די פאַ־מיליעס ראָזענצווייג און נאַטאַן. די לעצטע האָבן זיך געעפנט אַ געוועלב פון האָניק־וואַסער און די גורניקעס האָבן אים דערפאַר גערופן מיאָדאָוניק. דער דאָזיקער נאָמען איז אים געבליבן און איז איבערגעגאַנגען בירושה אויך צו זיינע קינדער.

אַ גרעסערער יידישער צושטראָם האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1864. צווישן די יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט דעמאָלט אין דאָמבראָווע זענען אויך געווען: ווייסהאַלץ, זיידבאַנד, נאַגער, שלעזינגער, גראָספעלד, גרינבוים, דעמב, קונדאַק א.א.

אינעם דאָמבראָוואָער ראַיאָן האָבן זאַגלעמביער יידן גע־מאַכט די ערשטע פּרוּוון אַריינצודרינגען אויך אין די גרובנס. די ברידער מאַריץ און איגנאַץ מייטעליס, זין פונעם חסיד שמואל מייטעליס פון מאַנדזשיעוו, וואָס האָבן געוווינט אין סאָסנאָוויץ, האָבן אין יאָר 1902 געעפנט נעבן דעם קאַטוילישן צמענטאַזש אין דאָמבראָווע אַ קוילנגרובן מיטן נאָמען „סטאַ־ניסלאַוו". די ברידער מייטעליס האָבן אינוועסטירט אַ סך געלט

אין נייע איינריכטונגען און געביידעס, און אַדאַנק דעם איז דער קוילנגרובן, וואָס איז שוין געווען אויפן שוועל פון רויִן, געוואַקסן און פּראָגרעסערט איר פּראָדוקציע אויף 40%.

די משפחה זשמיגראד האָט נישט געוואַרט ביז די רוסן וועלן מבטל זיין די גזירות קעגן יידן־באַשעפטיקונג אין די גרובנס און אייזן־גיסערייען, און עס איז זיי געלונגען אַרומצוגיין די דאָזיקע באַגרענעצונגען דורך פינאַנסירן די אינטערנעמונגען, וואָס זענען אָפיציעל געפירט געוואָרן דורך נישט־יידן. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן די משפחה רעכניץ פון דאָמבראָווע, וואָס האָט זיך באַזעצט דאָרט אין יאָר 1864 און האָט זיך פאַרנומען אויך מיט פּאַכטן קוילנגרובנס. אין די יאָרן 1900/9 האָט הענריק רעכניץ געפירט דעם גרובן „מאַטילדאַ" אין דאָמבראָווע און דעם גרובן „קאַראָל" אין זאַגורזשע. זיין ברודער שמואל רעכניץ האָט געפירט דעם גרובן „יאַראָסלאַוו" אין ניווקאַ. די רעכניצעס האָבן שוין געהאַט אַ טראַדיציע פון דערפאַרענע אונטערנעמער אויפן דאָזיקן געביט און האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די צאָל יידן אין דאָמבראָווע איז כסדר געוואַקסן. זינט דעם יאָר תרנ"ז (1897) איז אין דאָמבראָווע געווען דיין הרב ר' משה ראַפּאַפּאָרט, וואָס האָט באַקומען סמיכה פון די רבנים אין קאַליש, אָסטראָווצע און בענדין. אָבער די גאַנצע צייט האָבן זיי געהערט צו דער בענדינער קהילה און די טויטע געמוזט פירן אויפן בענדינער בית־עלמין. אין יאָר 1908 האָבן די יידן פון זאַגורזשע, יוזעפּאָוו, זאַמבקאָוויץ און גאָלאָנאָג, זיך געוואָנדן צום פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר נאָך אַ דערלויבעניש צו שאַפן אַן אייגענע קהילה.

אין צווישן האָט דער פאָרשטייער פון דער רוסישער רעגירונג אין דאָמבראָווע געפונען אַן אויסרייד צו פאַרטרייבן אייניקע יידישע פאַמיליעס. ערשט אין יאָר 1910 האָט מען ווידער דערלויבט די יידן צו באַזעצן זיך און ווען דאָמבראָווע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס שטאָט, דורך דער רעגירונג אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די יידן פריי אָפּגעאָטעמט.

אין יאָר 1910 האָבן די דאָמבראָווער יידן באַשלאָסן צו שאַפן אַן אייגענע יידישע קהילה. די ערשטע פאָרשטייער איינעם ועד הקהילה זענען געווען: יעקב־מענדל גליקסמאַן, איטשע־מאיר נוסבוים, שלמה רעכניץ און דוד וועבער.

די סינאַגאָגע אויף דער מיעיסקאַ־גאַס האָט מען אָנגעהויבן בויען אין יאָר 1912. די איניציאַטאָרן זענען געווען: בערל פוקס, אַלטער פּוטערקאַ, מרדכי־לייב מיאַדאָווניק, קאָפּל כזשאַנאָווסקי, מרדכי־הילל פערענס, יצחק־מאיר לוקסנבורג, הערש רייכמאַן און משה מיטלמאַן. דעם בוי־פּלאַץ האָט געגעבן דער בלעכער, בערל פוקס, וועלכער איז אויך געווען דער גבאי פון דער סינאַגאָגע. פאַרן ענדיקן די שול האָט מען געדאַווענט אין בית־המדרש, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געדונגענער געביידע. דאָרט איז אייניקע יאָר געווען חזן מרדכי ליבערמאַן, וואָס איז שפּעטער אַריבער אין דער אויסגעפּאַרטיקטער שול.

דעם בית־עלמין האָבן די דאָמבראָווער יידן אויפגעשטעלט אין יאָר 1920. מיטגלידער פון דער חברה קדישא זענען געווען: דער גרינדער וואָלף פיינער, משה־אהרון לוריאַ, גרשון־העניאָך שפּילבערג און שפּיגלער.

ס'רוב זענען די דאָמבראָווער יידן געווען חסידים פון פאַרשידענע דינאַסטיעס און אין שטאָט זענען אויך געווען באַזונדערע שטיבלעך פאַר די ראַדאָמסקער חסידים, קרימאָלאָווער, אַלעקסאַנדרער און גערער. צווישן די ראַדאָמסקער חסידים, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אין שטאָט, האָט זיך אויסגעצייכנט ר' יעקב־שלום פישל, געבוירן אין בענדין, האָט געדאַווענט אין תפילין, וואָס ער האָט באַקומען צו דער בר־מצווה פונעם „תפארת שלמה", געפירט די גמילת חסדים־קאַסע. נפטר געוואָרן אין יאָר 1933.

ביים אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאָמבראָווע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די עסטרייכער, האָט זיך געגרינדעט אַ יידישער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריין: יעקב סטערניר, אַ דענטיסט, שלמה האַלפּערין, איידעם פון יעקב שלום פון די ערשטע ציוניסטן; גרשון־העניאָך שפּילבערג אַלס ראַטגעבער: געצל שטורכיוו, שלמה רעכניץ, יעקב־שלום פישל און ראובן גראָספעלד.

לויט אַ דעקרעט פון דער ראַיאָן־קאָמאַנדע ביים עסטרייכישן אָקופּאַציע־מיליטער איז דעם 3־טן סעפּטעמבער 1916 אָפיציעל געשאַפן געוואָרן דער ועד הקהילה און עס זענען באַשטימט געוואָרן וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען דעם 9־טן יוני 1916. עס זענען אויסגעוויילט געוואָרן: מרדכי־לייב מיאַדאָווניק, יצחק־מאיר נוסבוים און לוי שטשיגאָווסקי. אַלס פאַרטרעטער: ראובן גראָספעלד, דוד גרינבוים און משה מיטלמאַן. אין יאָר 1924 איז געוויילט געוואָרן אַ נייער ועד הקהילה, וועמענס ערשטער פאָרזיצער איז געווען לוי שטשיגאָווסקי און פאָרזיצער פון קהילה־ראַט — הערץ־טוביה ליבערמאַן.

אין דער ציילונג פון 18־טן מערץ 1923 האָט די באַפעלקערונג אין שטאָט דערגרייכט 33,868 איינוווינער. פון זיי 16,599 מענער און 17,269 פרויען. די יידישע באַפעלקערונג האָט געציילט 5,000 נפשות.

25. חיבת ציון און ציוניזם אין זאַגלעמביע און קאַטאָוויץ

די יידישע קהילה אין קאַטאָוויץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אויסגעצייכנטן עלעמענט פאַר דער באַרימטער קאָנפערענץ פון די חובבי ציון. 36 דעלעגאַטן זענען געקומען פון אַלע גרעסערע אייראָפּעיִשע לענדער אויף צו העלפן אָרגאַניזירן די באַוועגונג און דערמוטיקן איר אַקטיוויטעט. אַלס פאָרזיצער און פּרעזידענט פונעם אָקציאָנס קאָמיטעט איז געוויילט געוואָרן ד"ר לעאָן פינסקער און עס האָבן זיך באַטייליקט אין איר פאָרשטייער פון אַלע יידישע שטרעמונגען. עס זענען

אָבער געווען אויך אינערלעכע שוועריקייטן. עס האָט געפעלט אייניקייט און אין יאָר 1887 האָט עס געדראָט מיט ליקווידאַציע. אין יאָר 1889 איז געקומען די דערלויבעניש פון דער רוסישער רעגירונג פאַר דער „חברה לתמיכת יהודים עובדי אדמה ובעלי מלאכה בסוריה ובארץ ישראל", וועמענס זיץ־אָרט איז געווען אין אָדעס און אַ לענגערע צייט געטראָגן דעם נאָמען „דער אָדעסער קאָמיטעט". דער פאַרטרעטער אין סאָסנאָוויץ איז געווען גרשון סטאַווסקי.

די רוסישע דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ זענען דורכגעפאָרן סאָסנאָוויץ, וואָס האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט דעם איבערגאַנגס־סטאַדיום פון אַ דאָרף צו אַ פאַבריק־שטאָט און זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דעם ענטוזיאַזם פון די יידן פאַרן אויפבויען ארץ־ישראל. די קאָנפערענץ, די פלאַמיקע אַרויסטריטן האָבן געהאַט זייער הילכיקן אָפּקלאַנג אויך צווישן די יידן אין סאָסנאָוויץ און אַ טייל אַסימילאַטאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צום ציוניזם.

אינעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין באַזעל, שווייץ, אויגוסט 1897, האָט זיך אַלס דעלעגאַט פון די סאָסנאָווצער ציוניסטן באַטייליקט קעמפּינסקי, און זינט דעמאָלט האָט די ציוניסטישע באַוועגונג אָנגעהויבן שלאָגן וואָרצלען אין סאָסנאָוויץ און אין זאַגלעמביע.

ד״ר הערצל, וואָס האָט באַזוכט רוסלאַנד אין יאָר 1903 איז אויף זיין רייזע אַהין געפאָרן דורך זאַגלעמביע. זיין באַזוך האָט אין סאָסנאָוויץ איבערגעלאָזט טיפע שפּורן.

נישט צופעליק איז קאַטאָוויץ געווילט געוואָרן אַלס פּאַסיק אָרט פאַר דער קאָנפערענץ. אין רוסלאַנד איז דער ציוניזם געווען פאַרבאָטן און די טוער פון דער חיבת ציון־באַוועגונג האָבן דערפאַר געוואָרפן אַן אויג אויף קאַטאָוויץ, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דייטש פּרייסן און איז געווען נאָענט צו רוסלאַנד און פּוילן. דאָרט האָבן זיך געפונען אָנגעזעענע טוער פון די חובבי ציון. דער איניציאַטאָר פונעם פאַראיין פאַר ישוב ארץ־ישראל איז אין קאַטאָוויץ געווען ד״ר לאַנדסבערג, ראַבינער אין ליגניץ, מיטגליד פון „אַליאַנס" אין דייטשלאַנד. דער פאַראיין האָט זיך גערופן „בני ברית" און איז געוואָרן דער צענטער פאַר ענלעכע פאַראיינען אין דייטשלאַנד און שלעזיע. אין די יאָרן 1883/4 זענען אין קאַטאָוויץ פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון חובבי ציון אין פאַרשידענע לענדער און דאָרט האָבן זיך געוועבט די פּלענער פאַר אויפשטעלן אַ וועלט־צענטער פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג. דער שעפער פון די בני־ברית אין קאַטאָוויץ איז געווען מ. מאָזעס, געבוירן אין יאָר 1848, אַ סוחר, וואָס האָט נאָך אַלס קינד געשטרעבט צו ישוב ארץ־ישראל. מאָזעס האָט דערמוטיקט די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט אין זייער אַרבעט און צוזאַמען מיטן ראַבינער ד״ר לאַנדסבערג און דעם לערער ז. פּרויטאַל האָבן זיי געשאַפן אין קאַטאָוויץ די „בני־ברית". אַזעלכע פאַראיינען זענען געשאַפן געוואָרן אויך אין אַנדערע שלעזישע שטעט. דער פאַראיין אין קאַטאָוויץ האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דאָס וואָכנבלאַט אין דער דייטשער שפּראַך „דער קאָלאָניסט", וואָס איז געווען געווידמעט די ענינים פון ישוב ארץ־ישראל.

דער פאַראיין „בני־ברית" אין קאַטאָוויץ האָט גענומען אויף זיך די איניציאַטיווע אויפצושטעלן אַ צענטער פאַר דער חיבת ציון־באַוועגונג אין די פאַרשידענע לענדער. רומעניע איז דעמאָלט געווען דאָס איינציקע לאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ צענטראַלן קאָמיטעט. דער פאַראיין אין קאַטאָוויץ האָט דערפאַר באַשלאָסן צונויפצורופן אַ קאָנפערענץ פון די פאַראיינען פאַר ישוב ארץ־ישראל אין די פאַרשידענע לענדער, כדי אויפצושטעלן אַ וועלט צענטער און אַ פינאַנסן־אינסטיטוט פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אין אָנהויב 1883 זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן די איינלאַדונגען צו דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, און דער פאַראיין האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט גאַלאַץ, ווין, לעמבערג, וואַרשע, ביאַליסטאָק, אָדעס, ראָסטאָוו, מינסק און ווילנע.

די צאָל דעלעגאַטן, וואָס זענען געקומען צו דער קאָנפערענץ, איז נאָך געווען גענוג קליין. פון קאַטאָוויץ אַליין האָבן זיך באַטייליקט פינף מענטשן. די גרויסע קאָנפערענץ פון די חובבי־ציון איז זיך צונויפגעקומען ערשט נאָך אַ יאָר און דעמאָלט איז אין קאַטאָוויץ געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַרן צענטער פון דער גאַנצער באַוועגונג.

26. די ערשטע ציוניסטן אין סאָסנאָוויץ

אין יאָר 1898 האָט אין סאָסנאָוויץ זיך געשאַפן דער ערשטער ציוניסטישער פאַראיין וועמענס הויפּט־איניציאַטאָר איז געווען אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער ח.נ. ביאַליק. דערנאָך האָט זיך אַזאַ פאַראיין געשאַפן אויך אין בענדין. די ערשטע ציוניסטן אין סאָסנאָוויץ זענען געווען מערסטנס ליטוואַקעס. צווישן די גרינדער זענען אויך געווען גרשון סטאַווסקי, אַ ברודער פונעם שריפטשטעלער משה סתוי; יעקב וויינבערג און קעמפּינסקי, משה־גרשון פעלדשטיין פון „הצפירה" און „היינט". דער פאַראיין אין סאָסנאָוויץ האָט געהאַט אַ השפּעה אויפן גרינדן דעם ציוניסטישן פאַראיין אין בענדין, ווו די גרינדער זענען געווען: בעריש פּרעגער, ווילבושעוויץ, וואָראַנצבערג, פּרענקעל, וודאָווינסקי א.א.

חנוכה תרנ״ט איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער „נשף חנוכה". אינעם ערשטן ציוניסטישן קלוב אין סאָסנאָוויץ, אויף וועלכן עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן אַלע זאַגלעמביער ציוניסטן. ביאַליק האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ פאַר־

לעזונג, די ערשטע אין זאַגלעמביע, רייך אין אינהאַלט און פאָעטישער פאַנטאַזיע.

די עיקרדיקע ציוניסטישע טעטיקייט אין די יאָרן 1899—1900 איז געווען דאָס פאַרשפרייטן די אַקציעס פון דער יידישער קאָלאָניאַל־באַנק אין לאָנדאָן. בענדין האָט דעמאָלט געגעבן די גרעסטע צאָל אַקציעס־באַזיצער. די פירמע הענדל נובבערג אַליין האָט אונטערגעשריבן אויף פופציק אַקציעס, אין דער צייט וואָס אין סאָסנאָוויץ איז די צאָל דערגאַנגען ביז פינף און צוואַנציק. דאָס צאָלן די אַקציעס איז פאָרגעקומען אין ראַטן.

אין פאַרלויף פון דער צייט זענען צוגעקומען אייניקע יונגע ציוניסטישע טוער. צו די וויכטיקסטע האָבן געהערט ד״ר ווייסמאַן און קליינין. אין 1903 איז פאָרגעקומען דער 6־טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל און אַלס דעלעגאַט פון סאָסנאָוויץ און נאָוואָראַדאָמסק איז אויסגעוויילט געוואָרן גרשון סטאַווסקי. אויף יענעם קאָנגרעס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אוגאַנדאַ אַלס לאַנד פאַרן יידישן פאָלק און צווישן די קעגנער פונעם דאָזיקן פאָרשלאַג איז אויך געווען סטאַווסקי. די דעלעגאַטן פון בענדין און טשענסטאָכאָוו האָבן געשטימט פאַרן אוגאַנדאַ פאָרשלאַג. סטאַווסקי איז אויך געווען דער דעלעגאַט פון סאָסנאָוויץ אויף דער לוויה פון ד״ר הערצל אין יאָר 1904. אויפן 9־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין האַמבורג, דעצעמבער 1905 זענען די דעלעגאַטן פון זאַגלעמביע געווען: וויינרעס פון סאָסנאָוויץ און פרעגער פון בענדין. דעמאָלט איז פאָרגעקומען די צעטיילונג צווישן די צוויי ציוניסטישע פליגלען און דער דייטשער פליגל, בראש מיט ד״ר וואָלפסאָן, היינריך לעווע און פראָפעסאָר וואַרבורג, האָבן געהאַט אַ השפעה אויף די זאַגלעמביער דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַר זיי געשטימט.

מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין זאַגלעמביע. י״ג סיון תרע״ב (1912) איז אין קאַטאָוויץ פאָרגעקומען די קאָנפערענץ, וואָס האָט געדינט אַלס גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פאַר דער אַלוועלטלעכער אגודת ישראל. עס זענען געקומען פון רוסלאַנד די באַרימטסטע רבנים. פון בענדין — הרב יששכר בער גרויבאַרט, פּנחס־לייב בוכווייץ, בעריש פרעגער און ר׳ וואָלנערמאַן, פון סאָסנאָוויץ — א. לעווענשטיין, פון מאָנדזשיעוו — הרב ישעיהו ענגלאַרד, פון מיסלאָוויץ — הרב ד״ר ווינטער.

פון די מערב־לענדער זענען געקומען ראַבינער און דאָקטוירים מיט רייכע קולטור־טראַדיציעס. דאַקעגן האָבן געפעלט אויף דער קאָנפערענץ די חסידישע רביים.

זינט דעמאָלט האָט אָנגעהאַלטן די ציוניסטישע טעטיקייט אין זאַגלעמביע, וואָס איז געפירט געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם און מסירת־נפשדיקער איבערגעגעבנקייט ביז צום מוראדיקן אונטערגאַנג פון די יידישע קהילות.

משה פיינקינד

זאגלמביה וקהילותיה

משה פיינקינד, לא היה זאגלמבאי. תושב פיוטרקוב היה, והעיר היהודית הישנה היתה קרובה ללבו. הוא כתב מונוגראפיה בפולנית על היהודים בפיוטרקוב, אך היתה לו חיבה לזאגלמביה. היו לו בה ידידים ומכרים שאתם עמד בקשר מכתבים. משתתף היה ב ז א ־ ג ל ע מ ב י ע ר צ י י ט ו נ ג שהופיע בבאנדין, רכש לו ידידים וקוראים, וגם מעריצים.

פיוטרקוב היתה אחת מערי הפלך בפולין הקונגרסית, שאליה השתייכה גם זאגלמביה ברובה. כמעט כל הערים והכפרים בזאגלמביה (להוציא את המקומות בקו הרכבת מסוסנוביץ בכיוון איוונגרוד עד אולקוש — התחנה האחרונה בזאגלמביה — שהשתייכה לפלך קיאלצה) היו מסומנים בכתובותיהם „פלך פיוטרקוב". בפיוטרקוב ישב שר הפלך, שבמשרדו נמצאו התיקים והפנקסים ובהם מדורים מיוחדים למחוז באנדין. כל עוד משלה רוסיה על פולין היו התיקים בגדר מסמכים סודיים חתומים בפני עין זרה. משעזבו הרוסים את פולין אחרי מלחמת העולם הראשונה (1914—1918) ופולין קיבלה את עצמאותה כרפובליקה חפשית, עברו התיקים של משרד הפלך הרוסי לרשות השלטון הפולני, וניתנה גישה חפשית למעונינים, היסטוריונים וחוקרים. משה פיינקינד, שידע רוסית, עיין במסמכים הנוגעים למחוז באנדין והקהילות היהודיות של דומברובה, סוסנוביץ ומודזיוב, והחל מוסר לעתונות היהודית מגילוייו על הקהילות הנ"ל. מאמריו, שהם בעלי ערך היסטורי, מובאים להלן.

משה פיינקינד נולד בשנת 1865 בטוראק ליד קאליש במשפחה חסידית מיוחסת (אבי סבו, הרב ר' משה'לה מפודומביץ, השתתף בהתקוממות קושציושקו). למד ב„חדר" ובישיבות שונות, ובעת ובעונה אחת התמסר ללימודים כלליים מפי מורים פרטיים, עם שהוא מכין את עצמו לקבלת תואר רב. בן 17 החל מתעמק בחכמת ישראל, לקח תורה מפי הד"ר קאסל, לצרוס, ד"ר הילדסהיימר ואחרים, ובאותו זמן תירגם לעברית שירים משל הקלסיקונים הגרמניים. בעבודתו הספרותית החל פיינקינד ב־1884, כאשר החל מפרסם מפרי עטו ב„הניצנים", „הצפירה" ומאוחר יותר גם בעתונות היידית והפולנית של וארשה, לודז' ולבוב, ותפס בה מקום מכובד במאמריו ההיסטוריים והפובליציסטיים. כותב היה בשפה פשוטה, עממית, מובנת לכל. מחטט היה בארכיונים, מחליף מכתבים עם מלומדים נוצרים, ומעלה כל פרט מן העבר שלנו שהיה יקר לו מאד. היו שביקרוהו על היותו כרוך אחרי פרטי פרטים, עד ש„מרוב עצים אין רואים אצלו את היער", אולם הודות לכך עלה בידו לגלות דברים שמבחינה היסטורית ערך רב להם. הוא לא חסך לשלוח כמה זהובים מאמצעיו הדלים לראש־כפר קטן, כדי לקבל ממנו תעודת־לידה של איזה קצין יהודי בצבא פולין שלפני החלוקות. מבלה היה שעות בבית־העלמין הפיוטרקובי בחיפוש כתובות במצבות עתיקות.

הוא היה חובב־ציון עוד מן ה„קאטוביצים", ומאז הקונגרס הציוני הראשון השתתף בתנועה הציונית כעסקן לאומי פעיל בפיוטרקוב, עסק כפרקליט פרטי ומתרגם מושבע, לחם לזכויות השפה היהודית, ועמד ביחסים עם ייוו"א. בשנותיו האחרונות הירבה בכתיבת מאמרים ואגדות בעתון נ י י פ א ל ק ס ־ ב ל א ט, והוציא כמה קונטרסים היסטוריים ביידית ובפולנית. נפטר ביום ב' בסיון תרצ"ה בפיוטרקוב. בן שבעים היה במותו.

העורך

באנדין

א) השתתפות יהודי באנדין במרד לוחמי החופש הפולנים

יהודי באֶנדין רשאים להתפאר בעבר פאטריוטי יפה, תוך השתתפותם בכל קרבות החופש הפולניים. באֶנדין השתייכה לפנים לפלך (וויאֶוודסטבו) קראקא, ומהיותה קרובה לבירת המלכות השפיעה, כנראה, „אהבת המולדת הקראקובית" השפעה רבה על יהודי באֶנדין, שהראו עצמם תמיד בנים נאמנים למולדת הפולנית.

מסורת זו עברה גם לדורות האחרונים. די להפוך בדפים הצהובים של התיקים ההיסטוריים אשר בארכיונים שטרם ראו אור, שנקבל תיאור על יהודי באֶנדין, שרשמו את שמותיהם באותיות זהב בקורות חירותה של פולין.

אין זה מתפקידי למסור כאן את כל הפרטים הנוגעים להשתתפותה של באֶנדין בקרבות ההיסטוריים למען חירות פולין. ועלי להודות שגם לא עלה בידי לגלות הכל. הקוראים יצטרכו איפוא להסתפק בדברים המעטים המובאים להלן, שיש בהם כדי לתת מושג מהקרבנות שהקריבו יהודי באֶנדין בימים ההם, כאשר נשקפה הסכנה לעיר להיכבש בידי האויב. נמסור את הדברים כסדרם.

המלך סטיפאן באטורי היה נוח ליהודי באנדין; הוא נתן להם רשיון לשבת במקום, כלומר, בעיר גופא ולעסוק במסחר בשווה עם הנוצרים. אחרי מותו (1586) ביקשו חלק מהאצילים, בראשות משפחת זבורובסקי, לרדת לחיי משפחת זאמויסקי, על ידי מסירת הכתר הפולני לדוכס האוסטרי הצעיר מאכסימיליאן, אחי הקיסר האוסטרי רודולף השני.

התלקח קרב עז בין אבירי האצילים זאמויסקי וזבורובסקי על הכתר הפולני. בבחירות המלך שהתקיימו ליד וארשה עמדו

שני מחנות מזוינים זה מול זה, וכל אחד מהם בחר את המלך הנראה לו. כך בחרה „החזית השחורה" (סיעת זאמויסקי) את זיגמונט ואזה למלך, ואילו „החוג הכללי" (סיעת זבורובסקי) בחר את מאכסימיליאן.

מאכסימיליאן הזדרז ועלה עם מחנה כבד לקראקא לתפוס בכוח את הכתר הפולני, ושם מצור על כל האיזור (1587). נשקפה הסכנה לבאֶנדין שצבא מאכסימיליאן יפרוץ לתוכה, והיה הכרח לבצר את חומות העיר בפני התקפת האויב. כסף לצורך זה לא היה לבורגראף מיטשקובסקי. אסף הרב דאז רבי נתן מייטליס (מאַטאַלאָס) בחפזון אצל יהודי העיר את הסכום של חמישים דוקאטים זהב, ובכסף זה תיקן הבורגראף מיטשקובסקי את שערי המבצר. משהגיע המחנה של מאכסימיליאן ושם מצור על העיר, קשה היה להם לכבשה.

אגב, עלי להעיר: עד כמה שידוע לי, בני בית מייטליס החיים אתנו כיום, מוצאם מאותו רב פאטריוטי באֶנדיני. הם נושאים גם את שמו — מייטליס, וישבו בזאגלמביה עד לתקופת השואה והחורבן.

יש לנו עוד ידיעות על גילוי פטריוטיזם באֶנדיני. הדבר אירע בתקופת מרד קושציושקו (1794).

קושציושקו, הגיבור הפולני הלאומי הגדול, נטל על עצמו בחגיגיות בשוק קראקא את הנהגת המרד נגד יאֶקאטרינה השניה מלכת רוסיה. הוא פנה מעל במת בית הכנסת הישן אשר בקז'ימיז' אל היהודים, שגם הם יקחו חלק במלחמת החירות באויב ויעזרו לו למען חירות הכל.

אחרי קראקא שוב נענתה ראשונה העיר השכנה באֶנדין, והיהודים גם כאן החזיקו את ידי קושציושקו. הרב יעקב נתן החל מנהל תעמולה בקרב היהודים שיירשמו בגדודי המתקוממים, אסף כסף למען המתקוממים, ואף ריגל את העמדות הרוסיות לטובת גייסות קושציושקו.

„הרב האלמוני", כפי שכינו את הרב בחוגים הפולניים, לא משך את ידו מפעילות גם לאחר חיסול ההתקוממות המסכנה, ואחרי שהפרוסים כבשו את חבל באֶנדין, הם אסרו את הרב והושיבוהו בכלא המבצר. רק אחרי נצחונו של נפוליון הגדול ליד פרידלאנד נוצרה — לפי הסכם טילזיט (יוני, 1807) — „נסיכות וארשה", משטחי הכיבוש של פולין בידי הפרוסים והאוסטרים בראשותו של המלך פרידריך אוגוסט. אז עלה ביד „הרב האלמוני" הפאטריוט הפולני הגדול להשתחרר ממאסרו. מיד עם שחרורו המשיך בעבודתו לטובת הצבא הלאומי הפולני, שביחד עם גייסות נפוליון פעל נגד האוסטרים (9-1807).

חייו המלאים מסירות וקרבות נגד אויבי פולין גרמו, שדמיון העם ארג סביבו זר של אגדות, ובהן אחת האומרת, כי הרב יעקב נתן היה בעל-מופת, לבוש קרועים ובלויים, מאחר שמסר כל מה שהיה לו לעניים ללא הבדל דת. שרבי יעקב נתן היה אישיות משונה — לית מאן דפליג. אם היה רב או רבי בבאֶנדין — זה אפשר להעמיד בסימן שאלה. אכן, משהו אפשר היה להיודע מהמצבה הנמצאת עד היום [46] בבית-העלמין הישן בבאֶנדין לרגלי המצודה ומקושטת בנשר פולני. כן אפשר היה לדעת זמן פטירתו. ברם, מכיון שלא ראיתי את המצבה ולא קבלתי העתק מהכתובת שעליה, אף כי הרביתי לכתוב על כך לידידי בבאֶנדין, אני מוצא שרבי יעקב נתן לא היה רב בבאֶנדין.

בפינקס החברה-קדישא בבאֶנדין (כפי שכתב לי ידידי הותיק המורה וורמונד) רשומים שמות רבני העיר עד שנת תקנ"ט (1799), היא השנה שבה כיהן שם המורה-צדק ר' מנחם-נחום שעמד בראש הרבנות במשך שנים רבות. בידוע הוא, שבמקום שאין מרא דאתרא רגילים היו שימלא את מקומו, בהתנדבות או בקביעות, איזה מורה-צדק מתאים. ומכיון ששמו של רבי יעקב נתן אינו מופיע באותו פינקס, יש להסיק שהוא לא כיהן בתור רב בעיר, אלא שהיה, כנראה, ראש הקהל או מורשו. איש כזה היו מכנים בתואר „הרב". בימים ההם לא היו ראשי-הקהל בורים, אלא למדנים וגבירים.

המורשים וראשי הקהילות היו אוספים כספים למטרות שונות ומופיעים כנציגי היהודים לפני השלטונות. בגלל מסירותו לכלל ישראל ייחסו „מופתים" גם לרבי יעקב נתן, דבר שהיה שכיח מאד אצל היהודים.

לחשבונם של יהודי באֶנדין יש לזקוף גם את השתתפותם הכספית בהתקוממויות הפולנים המאוחרות יותר.

בסקירות החשאיות שנמצאו בארכיון שר-הפלך בפיוטרקוב (באורח משונה הן הלכו לאיבוד), סופר, שסוחרים יהודים בבאֶנדין היו מספקים למתקוממים נשק, חרמשים ועוד...

סלומון גוטמן, נוחו עדן, מבאֶנדין מסר לי זמן קצר לפני מותו, שאבותיו היו מספקים נשק למתקוממים, ויהודי באֶנדין נתנו גם כסף, ובגלל זה נאסרו אחדים מהם.

אחד מהם היה ר' יוחנן (יואכים) מאנדשיין ממודזיוב, שנענש להימצא שלוש שנים בפיקוח חמור של המשטרה בעוון הפצת חומר מהפכני נגד הרשות הרוסית, כפי שנרשם בתעודות הארכיונים.

יהודי באֶנדין יכולים לזקוף לזכותם גם מעשי-תהילה באספקת גיבורים לשורות הלגיונים של פילסודסקי, דבר שהיה כרוך בסכנת נפשות.

אחד הגיבורים ההם היה הדוקטור מאתיאוש פרנקל, שהשתתף בהרבה קרבות-חזית, ולבסוף נכלא בידי הגרמנים במחנה-פליטים בבנימינוב בגלל סירובו להישבע שבועת אמונים לקואליציה. ד"ר פרנקל נמלט מהמחנה וחזר לבאֶנדין, פירק את הנשק מעל הגרמנים, ואז מונה על ידי הרשות הפולנית לסגן המפקד של באֶנדין. כגמול בעד שירותו בשדה הקרב קיבל פרנקל כמה אותות-הצטיינות.

באֶנדין היהודית הוציאה בין השאר עוד גיבור יהודי, התלמיד בן השבע-עשרה של בית-הספר התיכוני המקומי, שמואל שווייצר.

עם פרוץ מלחמת העולם הראשונה עזב הנער את ספסל הלימודים והצטרף ללגיונים, עבר אתם כל גלגולי הקרבות ועינויי המלחמה, ולבסוף נאסר בידי הגרמנים ונכלא בשצ'יפיארנה. שם חלה קשה ומת בביתו ב-25 אפריל 1922. אחרי מותו הוענק לו אות-הצטיינות בדרגה ראשונה.

בדמם הטביעו יהודי פולין בכלל ויהודי באֶנדין בפרט את

46. הדברים נכתבו לפני מלחמת העולם השניה.

חותם חיבתם ואמונתם בתחיית פולין, עצמאותה וחירותה, וביחוד במלחמת החירות האחרונה.

ב) זכרונות על הרב מבאֶנדין, הגאון רבי יששכר־בריש גרויבארט זצ"ל[47]

בקשר לרב הגאון מבאֶנדין רבי יששכר־בריש גרויבארט, רוצה אני למסור כמה זכרונות, שיש להם ערך היסטורי לגבי קהילת יהודי באֶנדין.

עוד בחיי הרב שקדם לו, הצדיק הגדול רבי איציקל קימלמן ז"ל, שהיה לפני כן מורה־הוראה בפיוטרקוב, דיווח שר המחוז הבאֶנדיני לשר הפלך בפיוטרקוב (28 מאי, 1893), כי הרב קימלמן כבר זקן, אינו שומע ואינו רואה ואין ביכולתו למלא את תפקידו, ובקהילה שוררים אי־סדרים, ועל כך התאונן לפניו החלק הפרוגרסיבי של יהודי באֶנדין, על כן מבקש הוא את שר הפלך שישחרר את הרב מתפקידו וישלח הוראה לבחור ברב אחר.

עוד טרם הספיק שר הפלך לענות, הגיעה ידיעה שניה מאותו שר המחוז, כי ביום 30 ליוני 1893 נפטר הרב איציקל קימלמן, והוא חוזר על בקשתו להועיד בחירות של רב חדש. ואכן ביום 2 לדצמבר 1893 בחרו כ־300 בעלי־בתים את הרב יששכר־בריש גרויבארט, שמשנת 1887 כיהן בתור רב בעיר שאֶדליץ, ושר הפלך אישר אותו בתור רב בבאֶנדין.

בכתב־ההסכם בין הקהילה והרב גרויבארט, התחייבה הקהילה לשלם לרב משכורת 1500 רובל, במקום 500 שהיה מקבל הרב הקודם, 800 רובל הוצאות העברתו משאֶדליץ לבאֶנ־דין, וכן 400 רובל כמורה־הוראה בסוסנוביץ, שאז נחשבה עדיין לכפר והשתייכה למחוז באֶנדין.

בדצמבר 1893 עלה הרב גרויבארט על כיסא הרבנות בבאֶנדין. אך עברה שנה ועוד שנה והקהילה לא שילמה לו את המשכורת ואף לא את הוצאות ההעברה. הרב פנה בתלונות לשר־הפלך, וכתב, שהוא נמצא במצב קשה בגלל אי־תשלום משכורתו. חברי ועד הקהילה י. ארליך, ג. לנדוי ואחרים באו והתנצלו לפני שר הפלך בכך שהקופה ריקה. השר הוציא פקודה לעיריית באֶנדין, שתגבה את ה„אֶטאט" (המס) ללא התחשבות בשום דבר ותסלק לרב את המשכורת. רק בחודש יולי, 1895, קיבל הרב קצת כסף, ובזה נסתיים המאבק הראשון של הרב עם קהילת באֶנדין (תיקי הפלך 19—1893, „קהילת בנדין", ארכיון ממלכתי בפיוטרקוב).

אחרי שישב על כיסא הרבנות בבאֶנדין, נאלץ הרב גרוי־בארט להתחיל במאבק שני, לא עם הקהילה, אלא עם סוסנוביץ ודומברובה שהשתייכו לאזורו. ערים אלה הוערכו כתורמות־משתתפות בהכנסות האיזור, אך לפתע החלו הן במאמצים לנתק את קשריהן עם קהילת באֶנדין. סוסנוביץ התחילה, ודומברובה חפצה להחרות־להחזיק אחריה. סכסכנים אחדים, שלא חסרו מעולם בבאֶנדין, סיבכו את הרב בענין זה וגרמו ליהודי הנעלה צער רב.

47. בהשתדלות קרוביו ובתו רחל גוטמן בתל־אביב הועברו עצמותיו מבית־העלמין הבאֶנדיני לירושלים ביום ז' באדר תשכ"א.

ושוב החלה מלחמת־כתב ומשרד שר הפלך הוצף בהמון מחאות ובקשות. באשר לסוסנוביץ, ויתר הרב עוד לפני קבלו את הרבנות בבאֶנדין על חלק ממשכורתו לטובת מורה־הוראה בה. ואכן סוסנוביץ קיבלה מאת שר הפלך „רב מטעם" — את ר' דוד זאלצשטיין, והרבנות בסוסנוביץ נרשמה על שמו. אולם ביחס לקהילת דומברובה לא חפץ הרב להרשות את ניתוקה מעל באֶנדין, והוא פעל נגד מגמתה זו. ברם, המועמד מטעם יהודי דומברובה לכיסא הרבנות אצלם ניצח, ועלה בידם להפוך את דומברובה לקהילה מיוחדת עם רב משלה (1911), בתור רב נבחר ר' אלתר לוי מפאצאנוב.

לרגל המאבק נזדמן הרב הבאֶנדיני מפעם לפעם לפיוטר־קוב, בבואו לבקש את עזרת שר הפלך נגד מעשי־עוול שנעשו לו. כבר בהופעתו הראשונה נשא הרב חן בעיני השר מילר בהליכותיו ודיבורו כבן־תרבות, וביחוד עשתה רושם עליו הדרת פניו. מעתה ניתן לרב לפעול הרבה לטובת היהודים.

ליהודים רבים שישבו ברחבי זאגלמביה נשקפה סכנת גירוש מהאיזור בעוון עיסוקם בהברחת סחורות מגרמניה. הרב הפציר בשר והגזירה נתבטלה.

בשנות הסערה 1905־6 נאסרו בחורים יהודים רבים שהשלטון חשד בהם שהם חברי „האחדות", הוא הארגון החשאי שנלחם במשטר הצאר. שוב התערב לטובתם רב העיר אצל השלטון והודות לו שוחררו ממאסרם „החפים מפשע"...

הרב גרויבארט היה אחד היוזמים של כינוס הרבנים הראשון של כל קהילות הפלך בפיוטרקוב (1909) בענין חיזוק הדת ועניינים אחרים שנגעו לצרכי הכלל ולמצב הרבנים. הרב גרויבארט נבחר ליו"ר הכינוס שנמשך 2 יממות, וההחלטות שנתקבלו הוגשו לרשות. כותב השורות הללו כיהן בכינוס זה כמזכיר וערך את ההחלטות שנתקבלו.

מאוחר יותר, כששר הפלך הפיוטרקובי כינס את כל רבני הפלך לכינוס מיוחד בפיוטרקוב (1910), ובו השתתפו גם פקי־דים גבוהים ממשרד הפלך, שוב נבחר הרב מבאֶנדין ליו"ר, והוא ניהל את הכינוס בהבנה רבה שהפתיעה את הפקידים הרוסים. בכינוס זה נבחרו חמישה רבנים כנציגים לכינוס הרב־נים הכללי בפולין, שהתקיים בוארשה (1911). חמשת הרבנים היו: הרב נחום אש (צ'אֶנסטוכוב), הרב ישראל פיינקינד (בז'ז'ין), הרב קנאל מאינו־וולודז (אחר כך בוארשה), הרב מפיוטרקוב ר' שמחה רוזנפלד, והרב יששכר־בריש גרויבארט. בכינוס הרבנים הנ"ל נבחרו חמישה נציגים — ביניהם הרב גרויבארט — ל„מועצת הרבנים" בפטרבורג, שצריכה היתה לדון בעניינים יהודיים שעמדו על הפרק במיניסטריון.

כאשר מסר הרב גרויבארט בתור יו"ר כינוס הרבנים לשר יאצ'אֶבסקי את הדין וחשבון, שאלו השר, כמה שנים הוא כבר מכהן בתפקיד רב, השיב לו הרב: בערך 25 שנים, כולל שנות רבנותו בשאֶדליץ. אמר לו השר, שהוא ראוי לפרס־זהב בעד עבודתו הנאמנה למען החברה היהודית ובפרט למען הממלכה, והבטיחו שהוא עצמו ישתדל ב„חלונות הגבוהים" שיוענק לו הפרס הזה.

הרב גרויבארט שח לי בשעתו, כי מיד אחרי פטירתו של הרב אליהו חיים מייזל בלודז' הציע לו שר הפלך הפיוטרקובי דאז שיעמיד את מועמדותו לכיסא הרבנות בלודז והוא יעזור

לו אצל עסקני היהודים בלודז. הרב גרויבארט נסע לגור לשאול בעצת הרבי; סיפר לרבי על הצעת שר הפלך, אבל הרבי לא נתן לו תשובה ברורה. כיון שכך, לא הציע הרב מבאֶנדין את מועמדותו לכיסא הרבנות בלודז.

משקרבו ובאו ימי הבחירות לרבנות בקהילת לודז ושר הפלך לא ראה בין המועמדים את הרב מבאֶנדין, שאל את הרב, מדוע שמו איננו מופיע בין המועמדים. הסביר לו הרב, שהרבי מגור לא הסכים לכך. התענין השר לדעת שורש דבר.

אמר לו הרב: מן הסתם אינני ראוי להיות שם רב. ועוד טעם לכך הוסיף, דאמרי אינשי, שאחרי הרב מיזל לא תהיה אריכות ימים לשום רב שיבוא אחריו... אכן גם לרב גרויבארט לא היתה אריכות ימים בבאֶנדין; אנשי דומבּרוֹבה קיפחו את פרנסתו וקיצרו את ימיו.

היה זה בר־דעת גדול, בעל לב יהודי חם, נואם נפלא ולמדן גדול, טיפוס של רב שהצטיין במיוחדותו בעולם הרבנות. אך באֶנדין היהודית לא ידעה להעריכו כראוי לו.

סוסנוביץ

התקופה הראשונה של הקהילה היהודית בסוסנובצה

במאמרי על הרב מבאֶנדין רבי ישכר־בר גרויבארט ז״ל הזכרתי את העובדה, שקהילת סוסנוביץ ניתקה עצמה מקהילת־האם באֶנדין ונעשתה עומדת ברשות עצמה. עכשיו אספר על כך ביתר אריכות.

במחצית השניה של המאה ה־19 עוד היתה סוסנוביץ כפר. במפקד הרשמי משנת 1856 לא בא זכרה. במקום שנמצאת כיום „סוסנוביץ הישנה" השתרע לפנים יער ארנים גדול, מכאן השם סוסנוביץ (סוסנה — אורן). ליד היער נמצאו כמה בתים קטנים, ובגלל הקירבה לגבול הפרוסי והאוסטרי החל צומח כאן ישוב יהודי.

ס'איז באַקאַנט, דאָס יעדע מלוכה טיילט געוויינלעך איין איר טעריטאָריע אויף קלענערע לאַנד־שטחים — צוממערסטן צוליב אַדמיניסטראַטיווע צוועקן און אָפּטמאָל בכדי צו שאַפן איינהייטלעכע רעגיאָנען מיט זייער עטנאָגראַפישן, לאַנד־שאַפטלעכן אָדער ווירטשאַפטלעכן פּרצוף.

די פּוילישע רעפּובליק האָט אין די ערשטע יאָרן פון איר אַנטשטייונג איינגעטיילט דאָס לאַנד אין 16 וואָיעוואָדשאַפטן, און ווייל פון די 3 אַזוי גערופענע „זאַבאָרצעס" (רוסלאַנד, עסטרייך, דייטשלאַנד) זענען איבערגענומען געוואָרן פאַר־שידענע קאַדעקסן און אַדמיניסטראַטיווע־איינריכטונגען, ווי



סכעמאַטישער אָריענטירונג־שקיץ פון זאַגלעמביע

אויך גאַנץ אַנדערע קולטורעלע איינשטעלונגען — האָט אַזויאַרום נישט געקאָנט אומעטום איינגעהאַלטן ווערן דער איינהייטלעכער רעגיאָנאַלער כאַראַקטער פון די וואָיעוואָד־שאַפטן. ס'איז דעמאָלט געזאָגט געוואָרן, אַז כדי צו דערפירן צו אַזאַ איינהייטלעכקייט מוז דויערן אַ געוויסע צייט ביז וואַנען ס'וועלן אין גאַנצן לאַנד איינגעפירט ווערן אייגענע פוילישע קאָדעקסן און ביז די פאַרשידענע אָפּגעזונדערטע עטנישע גרופּן וועלן זיך, אין יעדער הינזיכט, צוזאַמענבינדן און צונויפלעבן.

צו זאַגלעמביע, וואָס ליגט אין סאַמע דרום־מערב־ווינקל פון דער קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט און פאַרנעמט אַ שטח פון 2000 קוואַדראַט־קילאָמעטער געהערט דער גאַנצער בענדינער פּאָוויאַט, ווי אויך טיילן פון זאַוויערטשער און אָלקושער פּאָוויאַט.

פון מערב גרענעצט זיך זאַגלעמביע מיט דער שלעזישער וואָיעוואָדשאַפט און פון דרום מיט דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט.

פאַר דער וועלט־מלחמה האָבן זיך הינטער סאָסנאָוויץ, ביים שטעטל מ א נ ד ז ש ע ו ו (רוסלאַנד), ביי מיסלאָוויץ (דייטשלאַנד) און יענזאָר (עסטרייך) צוזאַמענגעטראָפן 3 גרענעצן, די אַזוי גערופענע „דריי קייזער עקע". היינט קומען זיך דאָ צוזאַמען די קראָקעווער, שלעזישע און קיעלצער וואָיעוואָדשאַפטן.


די מאַטעמאַטיש־געאָגראַפישע לאַגע איז, פון $50^0\ 15^1$ ביז $50^0\ 30^1$ צפון־געאָגראַפישע ברייט און פון 19^0 ביז $19^0\ 35^1$ מזרח־געאָגראַפישע לענג. די זון־צייט אונטערשיידט זיך פון דער לאַנדאָנער זון־צייט מיט 76 מינוט, ד"ה, אַז אין לאָנדאָן גייט אויף די זון מיט 76 מינוט שפּעטער ווי אין זאַגלעמביע.

ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז ס'הערשט אַ טענדענץ, דאָס זאַגלעמביע זאָל איינגעגלידערט ווערן אין דער שלעזישער וואָיעוואָדשאַפט, וועלכע זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע פוילישע קוילן־געביט.

2. די לאַנדשאַפט

דער פריער רעפּראָדוצירטער שקיץ, וועט אונז אַביסל בייהילפיק זיין אין דער אָריענטאַציע פון זאַגלעמביע.

קיין זאַגלעמביע פירן 3 הויפּט־שליאַכן: פון קראָקע, טשענסטאָכאָוו און אָלקוש. פון וועלכער ס'איז ריכטונג מ'קומט דאָ אַהער און וואָס מער מען דערנענטערט זיך צו זאַגלעמביע, באַמערקט מען, אַז די לאַנדשאַפט טראָגט דאָ אַ גאַנץ אַנדערן



געאָלאָגישער שקיץ פון זאַגלעמביע

כאַראַקטער ווי אין די געגנטן פון די אויבן דערמאָנטע שטעט, וואָס אַמאָל מער פאַבריק־קוימענס, וואָס אַמאָל מער רויך און שטויב. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן קוילן־זאַגלעמביע זענען די אַזוי גערופענע „האַלדעס" (אָנגעשאָטענע בערג מיט אָפּפאַל פון די אַמאָליקע און היינט עקזיסטירנדיקע גיסערייען), גרויסע שטחים צעהאַקטע און צעגראָבענע ערד, אַסך געלע (פון זאַמד) און ווייסע (פון קאַלכשטיינער) פלעקן, ריזיקע אינדוסטריע־קאָמפּלעקסן און אַרבעטער־הייזער ווי קאַזאַרמעס, די שטעט מיט דער אומגעגנט כמעט ווי צוזאַמענגעוואַקסן, די לופט פאַרראַיכערט און דער הימל פאַרוואָלקנט. דער וואָס איז געוווינט צו גרינע וועלדער, לאָנקעס און פעלדער, וועט זיי דאָ נאָר באַגעגענען ווי אַריינגעשטיפּטע, קליינע אינזלען.

מיר וואָלטן אָבער געבליבן אומגערעכט, ווען מיר וואָלטן נישט אָנגעוויזן אויף גאָר שיינע לאַנדשאַפטלעכע ערטער.

אין די פּעריפעריעס פון זאַגלעמביע זענען פאַראַן עטלעכע אינטערעסאַנטע אַלטע שטעטלעך און געגנטן, ווי: אָלקוש, טלאַווקווו, אָקראַדזשינווו, די אַזוי גערופענע „פּוילישע סאַהאַראַ" („פּוסטיניאַ בלענדאָווסקאַ") הינטער אָלקוש, וואָס פאַרנעמט אַ שטח פון 30 קוו. ק״מ, א״אנד. אויך אין סאַמע האַרץ פון זאַגלעמביע קאָן מען אָנטרעפן אויף גאָר אינטערעסאַנטע ווינקלען. אַזוי למשל האָט בענדין דעם שלאָס־באַרג („גוראַ זאַמקאָוואַ") מיט די חורבות פון אַלטן שלאָס, די מאַלאָבאָנדזער „בערג" און די לאָנקעס אַרום דעם טייך שוואַרצע פּשעמשע. דאָמבראָווע פאַרמאָגט אַ שטיקל וואַלד, די „זשעלאָנע" מיט אַ באָד־באַסיין. די שטאַרק פאַרבויטע שטאָט סאָסנאָוויץ האָט דעם שיעלצער פּאַרק, דאָס „סאָסנאָווינצער וועלדל" און די ווייסע פּשעמשע ביי ניוווקע־יענזאָר. די אַלטע שטאָט טשעלאַדזש באַזיצט אַ שיינעם פּאַרק און הייזער, וואָס שטאַמען פון אַלטע צייטן. גרויצע ווידער האָט די „דאָראָטקאַ" וועלכע געפינט זיך אויפן העכסטן פּונקט אין בענדינער פּאָוויאַט (382 מעטער איבערן ים־שפּיגל). מ׳קאָן נאָך צורעכענען אייניקע ערטער פון לאָקאַלער באַדייטונג, ווי: גאָלאָנוג, מאַטשקי (פּריער גראַניצאַ), זאָמבקאָוויץ א״אנד.

3. געאָלאָגישע אייגנשאַפטן

בכדי צו האָבן אַ געאָלאָגישן איבערבליק פון זאַגלעמביע, איז ווערט צו מאַכן אַן עקסקורסיע קיין דאָמבראָווע־גורניטשע, וואָס איז די וויג פון דער זאַגלעמביער קוילן־אינדוסטריע. דאָ געפינט זיך — ביי דער באַרגבוי מיטל־שול — אַ זייער אינטערעסאַנטער געאָלאָגישער־מוזיי.

דער שפּעטער פונם דאָזיקן מוזיי, פּראָפ. ד״ר פּיוואָוואַר, האָט אָנגעהויבן זיינע מינעראַלאָגישע־זאַמלונגען, ספּעציעל פון די זאַגלעמביער קאַנטן, נאָך אין יאָר 1910. היינט צו טאָג פאַרנעמט דער מוזיי עטלעכע זאַלן און לאַבאָראַטאָריעס.

אויך אין נאָענטן קאַטאָוויץ (אויבערשלעזיע) איז פאַראַן, ביי די דאָרטיקע טעכנישע לערנאַנשטאַלטן, אַ גרויסער געאָלאָגישער־מוזיי, וועלכער איז אפשר רייכער אין עקספּאָנאַטן אָבער דאָרט באַמערקט מען נישט אַזאַ מין איבערגעבנקייט און פּיעטעט ווי אין דאָמבראָווע. דאָ באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז יעדעס שטיינדל לעבט און האָט צו דערציילן סודות פון זיין אונטערערדישער פאַרגאַנגענהייט. דער געאָלאָג איז טאַקע בכוח אונז כמעט גענוי צו זאָגן ווו די מינעראַלן ליגן, ווי לאַנג, טיף און ברייט זיי ליגן. ער שטעלט צוזאַמען געאָלאָגישע מאַפּעס און פּראָפילן (ערד־דורכשניטן), אַדאַנק וועלכע ס׳קאָנען פּלאַנמעסיק און ראַציאָנעל עקספּלאָאַטירט ווערן די אונטערערדישע נאַטור־אוצרות.

די געזאַמלטע מינעראַל־עקספּאָנאַטן פון אַלע ווינקלען און ערד־טיפענישן אין זאַגלעמביע, פאַרשידענע קוילן־אָפּדרוקן, כאַראַקטעריסטישע שטיקער קוילן און סתם שטיינער, דאָס זענען די „דאָקומענטן", לויט וועלכע דער געאָלאָג קאָן אונז דערציילן וועגן די „ימי בראשית" פון אונזער זאַגלעמביע.

מיר דערוויסן זיך, אַז דאָס גאַנצע קוילן־זאַגלעמביע, איז שוין אַ זקן אין די צענדליקער מיליאָנען יאָרן. פון די געאָלאָגישע תקופות, וואָס זאַגלעמביע איז אַדורכגעגאַנגען דערוויסן מיר זיך, אַז פאַר מיליאָנען יאָרן האָבן דאָ געהערשט טראָפּיקאַלע היצן. פון יענע צייטן טאַקע שטאַמען די היינטיקע קוילן־שיכטן. ווייטער ווערן מיר געוווירן, אַז שפּעטער איז זאַגלעמביע פאַרגאָסן געוואָרן און איז במשך פון מיליאָנען יאָרן געווען אַ ים־אָפּגרונט, און פון יענע צייטן שטאַמען די קאַלך־פעלזן. דערנאָך, ווען די וואַסערן פון ים זענען אָפּגעטרעטן און ס׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַ פלאַנצן און חיות־וועגעטאַציע, זענען איינגעטרעטן פּאָלאַרקעלטן און דער באָדן איז באַדעקט געוואָרן מיט אַן אייזשיכט פון עטלעכע הונדערט מעטער די דיק. דער ריזיקער אייז־באַרג, וועלכער האָט זיך צוויי מאָל גערוקט איבער זאַגלעמביע פון צפון צו דרום, האָט נישט בלויז געווירקט אויף דער פאָרמירונג פון באָדן, נאָר האָט אויך איבערגעלאָזט גאַנצע מאַסן זאַמד, ליים און שטיין־אָפּברוכן

אין דער איצטיקער צייט (וואָס ווערט אין דער געאָלאָגיע באַצייכנט אַלס „אַלוויום עפּאָכע"), ווען דער אייז־באַרג איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן און דער קלימאַט האָט זיך געענדערט אויף אַ טרוקענערן און וואַרעמערן, האָט ווידער אויפגעלעבט און זיך פאַרברייטערט די היינטיקע־פלאַנצן־ און חיות־וועלט. די זון, דער ווינט און די וואַסערן פירן ווייטער זייער אַרבעט, ד״ה מאַנכע ערד־שטחים ווערן פאַרשיט און פון מאַנכע ווערט די ערד אַוועק־געריסן, אַזוי, אַז עס קומט פאָר אין דער נאַטור אַן אומאויפהערלעכער עוואָלוציע־פּראָצעס.

לויט אַ שקיץ פון דער געאָלאָגישער מאַפּע פון צפון־מזרחדיקן פּוילישן קוילן־געביט זעט מען, אַז די פּוילישע קוילן־שיכטן פאַרנעמען אַ שטח פון דער דייטשער גרענעץ אויף מערב, ביז הינטער אָלקוש און כזשאַנווו אויף מזרח. דער

גאַנצער קוילן־געביט פאַרנעמט אַן ערך פון 3400 קוו. ק"מ, דערפון פאַלט אויס אויף זאַגלעמביע אַרום 2000 קוו. ק"מ. די געאָלאָגישע פּראָפילן ווייזן אונז ווידער ווי טיף די קוילן־שיכטן ליגן, לויט די דאָזיקע פּראָפילן געפינט זיך דער נידריקסטער קוילן־שיכט כמעט 1000 מעטער טיף. די טיפסטע שיכטן געפינען זיך נישט אין זאַגלעמביע, נאָר אין אויבער־שלעזיע. ביי אונז ווערן די 3 הויפּטשיכטן אָנגערופן: „אויבער רעדען", „רעדען" און „הינטער־רעדען" (לויטן נאָמען פון גרובן־דירעקטאָר רעדען). דעם גרעבסטן קוילן־שיכט פון 18 מעטער דיק, טרעפט מען אויף דעם קוילנגרובן „פּאַריז", ווו דער אָנהויב שטעקט אַרויס ביי דער אַזוי גערופענער „אַדקריווקע"[1]) אַדער „וויכאַדניע" און איז נור צוגעדעקט מיט אַ פּאָר מעטער ערד. אַזעלכע „אַדקריווקעס" קאָן מען טרעפן אין זאַגלעמביע עטלעכע. די „אַדקריווקע" פונם קוילנ־גרובן „פּאַריז" איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, נישט נור אין פּוילן, נאָר אויך אין גאַנץ אייראָפּע.

דאַ באַקענט מען זיך מיט די ערשטע מעטאָדעס פון דער קוילן עקספּלאָאַטאַציע. די קוילן־שיכטן זענען דאַ געלעגן, אַדער כמעט אין דרויסן, אַדער צוגעדעקט מיט אַ דינער ערד־שיכט. מען האָט נור באַדאַרפט אַראָפּנעמען די אויבער־שטע ערד־שיכט (ליים אַדער זאַמד), כדי צו קאָנען האַקן די קוילן, אויף אַזאַ אופן ווי מען טוט עס אין אַ שטיינברוך.

שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו עקספּלאָאַטירן די קוילן לויט דער אַזוי גערופענער „שיביקאָוועד"־מעטאָדע. כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דעם דאָזיקן מין עקספּלאָאַטאַציע, איז גענוג צו מאַכן אַ באַזוך אויף די וואָרפּיעס, וואָס ליגן צווישן בענדין און דאָמבראָווע. דאָרט געפינט זיך די באַקאַנטע „ביעדאַ שיבעס". דאַ האָט מען די מעגלעכקייט צו זען ווי דער „אונטערנעמער" (געוויינלעך אַן אַרבעטלאָזער קוילנ־גרעבער אַדער אַ פּויער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ שטיקל פעלד) גראָבט קודם אַ געוויינלעכן ברונעם. אַסך מאָל קומט אים אויס אַדורכצוהאַקן שטיין־פּעלזן און ביי אַ 20—30 מעטער טיף דערגרייכט ער שוין צו דעם ערשטן קוילן־שיכט. דערנאָך גראָבט ער זיך אונטער ווי אַ קרעט (מויל־וואָרף) אין דער לענג און ברייט. די קוילן ווערן אַרויסגעצויגן ווי וואַסער פון אַ ברונעם מיט דער הילף פון אַ קאַרבע און אַ קאַסטן, אין אַזאַ מין „קאָפּאַלניע", וואָס איז „פּאַרזיכערט" מיט די פּרימיטיוווסטע מיטלען, קומען כמעט יעדעס יאָר פּאָר אומ־גליקלעכע צופאַלן און דעריבער איז די דאָזיקע עקספּלאָאַ־טאַציע פאַרבאָטן, אָבער טראָצדעם איז זי זייער שווער צו באַקעמפן, אין שכנות פון די „ביעדאַ שיבעס", זענען אוועק־געשטעלט געוואָרן ליימענע הייזלעך, ווו ס'וווינען די אָרעמע קוילנגרעבער. נישט ווייט קאָן מען זען די ריכטיקע קוילנ־גרובנס מיט די הויכע אַרויפצי־טורעמס און ריזיקע קאָמפּ־לעקסן פון פאַרשידענע האַלעס און געביידעס. אין דער אומגעגענט שטייען גרויסע — צו קאַזאַרמעס ענלעכע — אַרבעטער הייזער, ווו ס'וווינען די קוילנגרעבער, שטיגאַרן און די פאַרשידענע אַרבעטער, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין די קוילנגרובנס.

אין זאַגלעמביע קאָן מען אָנציילן איבער 20 גרויסע קוילנגרובנס, וועלכע פּראָדוצירן אַן ערך פון 20% פון דער גאַנצער פּוילישער קוילן־פּראָדוקציע.

דער רעפּראָדוצירטער שקיץ פון דער זאַגלעמביער געאָלאָ־גישער מאַפּע ווייזט אונז ווייטער, אַז אַרום דעם קוילן־אוצר, וואָס ווערט אָנגערופן „קאַרבאָן־סיסטעם", ליגן פאַרשידענע מינים קאַלכ־שטיין־פּעלזן, וועלכע שטאַמען פון דער שפּעטער־דיקער תקופה און ווערן אין דער געאָלאָגיע אָנגערופן „טריאַס־סיסטעם".

דער „טריאַס" פאַרמאָגט אין זיך אייזן־ערץ, צינק־ און בליי־ערץ. דאָ געפינען זיך אויך אוצרות פון ליים־מאַסן און שיטזאַמד, אַדאַנק וועלכע ס'קאָן זיך אַנטוויקלען די צעראַמיק־אינדוסטריע. זאַגלעמביע האָט אַלזאָ איר אייגן בוי־מאַטעריאַל פאַר פונדאַמענטן און וועג־בוי, אייגענע ציגל־ און צעמענט־פאַבריקן, שטיין־ברעכערייען, קאַלך־אויוונס, ווי אויך אַ גרויסע קלינקעריי, ווו ס'ווערט פּראָדוצירט אַ ספּעציעלער סאָרט גאָר האַרטע ציגל צו פּלאַסטערן וועגן און גאַסן.

דעריבער טרעפט מען נאָך אין זאַגלעמביע אָרטשאַפטן ווו כמעט אַלע בנינים זענען געבויט פון קאַלכשטיינער. אַזוי צב"ש איז דער בענדינער שלאָס און זיינע מויערן געבויט געוואָרן פון אָרטיקן קאַלכשטיין.

נאָך דעם „טריאַס־סיסטעם" — אויפן עג שוואַרץ־זאַווי־ערטשע ליגט דער „יוראַ־סיסטעם", וואָס איז רייך אין אייזן און שאַמאָט־ליים.

מיר האָבן זיך געמוזט אַביסל לענגער אָפּשטעלן ביי דער געאָלאָגיע פון זאַגלעמביע, ווייל די גאַנצע עקזיסטענץ פונם דאָזיקן ראַיאָן איז אָפּהענגיק פון די מינעראַל־אוצרות, אַדאַנק וועלכע ס'האָט זיך אָנגעהויבן און ס'אַנטוויקלט זיך כסדר דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן אין אונזער געגנט.

4. די טאָפּאָגראַפיע

וויל מען האָבן אַ גענויען איבערבליק וועגן דער פאָרמירונג פון דער אויבערפלאַך אין זאַגלעמביע, דאַרף מען זיך באַנוצן מיט אַ ספּעציעלער טאָפּאָגראַפישער מאַפּע פון דער דאָזיקער געגנט.

פון געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט, ליגט זאַגלעמביע אויפן שלעזישן הויכלאַנד, וועלכעס איז — לויט מאַנכע געאָגראַפן — אַ טייל פונם גאַנצן קליינפּוילישן הויכלאַנד. דעם העכסטן פונקט (398 מעטער איבערן ים־שפּיגל) באַגעגנט מען אויף דער לוביאַנקאַ, צווישן די דערפער טוואַרדאָוויץ און מישקאָוויץ. דעם צווייטן הויכן פונקט (382 מ. איבערן ים־שפּיגל)

1) „אַדקריווקאַ" הייסט אויף פּויליש „אויפדעקונג" און מיינט אַ פּלאַץ, ווו די קוילן ליגן אין גאַנצן אַדער כמעט אויף דער אויבער־פלאַך פון באָדן.

געפינט מען אויף דער דאָראָטקאַ אין גרויִצע. טראָצדעם, וואָס די לוביאַנקאַ איז העכער ווי די דאָראָטקאַ, דאָמינירט דאָך די לעצטע, צוליב איר שפּיציקייט, איבער גאַנץ זאַג־לעמביע. אין אַ העלן טאָג זעט מען פון דער דאָראָטקאַ, נישט בלויז גאַנץ זאַגלעמביע, נאָר אויך די ווייטסטע פּעריפעריעס. אַזוי זעט מען פון דער צפון זייט ביז שעווער, פון דרום — אויבערשלעזיע און אפילו די קאַנטורן פון די בעסקידן־בערג, פון מזרח — די געגנט אַרום אָלקוש און באַזונדערס די „בלענדאָווער מדבר״, פון מערב זעט מען די פאַבריק־קוימענס פון פּוילישן און אפילו פון דייטשן אויבער־שלעזיע (בויטענער געגנט).

אַחוץ די צוויי אויבן דערמאָנטע „בערג״ זענען פאַרן שלעזישן הויכלאַנד כאַראַקטעריסטיש נאָך אייניקע כמעט שפּיציקע בערגלעך. צום נידריקסטן פון ים־שפּיגל ליגט דאָס אַלטע שטעטל מאַנדזשעוו (הינטער סאָסנאָוויץ), וווּ די 3 זאַגלעמביער טייכן (די שוואַרצע און ווייסע פּשעמשע און די בריניצע) קומען זיך צונויף. אין די געגנט ברייטע פּשעמשע טאָלן אַרום די דערמאָנטע טייכן זענען אַנטשטאַנען און האָבן זיך אַנטוויקלט די זאַגלעמביער שטעט.

5. די אַקערערד

די אַקערערד אין זאַגלעמביע איז זאַמדיק אָדער קאַלעכ־דיק, און כדי זי צו מאַכן פּרוכטבאַר פאָדערט זיך אַסך מי און אינוועסטיציעס. דער פּויער, וואָס האָט דאָ אין די צייטן פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג געפונען אַ לייכטערן און העכערן פאַרדינסט אין די קוילנגרובנס, גיסערייען און אין אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן, האָט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט דער ערד־אַרבעט, וועלכע ער האָט פאַרלאָזט אָדער פאַרנאַכלעסיקט. צוליב דער דאָזיקער סיבה טרעפט מען דאָ גאַנץ קליינע און שלעכט באַאַרבעטע שטיקלעך פעלד, וועלכע דינען מייסטנס ווי אַ זייטיקער הכנסה־קוואַל פאַר די אינדוסטריע־אַרבעטער. ס׳זענען אָבער אויך פאַראַן אייניקע גרויסווירטשאַפטן (פּאַלוואַרקן, הייף) ווו ס׳ווערט שוין בעסער געבאַלעבאַטעוועט, די לעצטע זענען דאָס אייגנטום פון די קוילנגרובן־באַזיצער.

אויף די קליינע ערד־שטחים ווערט מייסטנס געזעצט קאַרטאָפל און קרויט, אָדער געזייט קאָרן און האָבער. אין די פאָלוואַרקן ווערט באַאַרבעט גערשטן, קאָניטשינע און פאַרשידענע ריבן.

אין די לעצטע יאָרן לאָזט זיך באַמערקן, אַז ס׳ווערט געלייגט גרויס אַכט אויף די גערטנער־קולטור. ס׳איז זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ גרויסן אינדוסטריע־צענטער ווי זאַגלעמביע, ווערט זיך די באַאַרבעטונג פון גרינוואַרג און פרוכטן גוט אָפּצאָלן.

6. דער קלימאַט

דער קלימאַט פון אַ געוויסער טעריטאָריע איז אָפּהענגיק פון דער געאָגראַפישער ברייט, פון דער ווערטיקאַלער פאָרמירונג (בערג, הויכלאַנד, פלאַכלאַנד אאז״וו) און פון דער ווייטקייט פון ים. ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט, ליגט זאַגלעמביע אונטערן 50^{0} פון דער געאָגראַפישער ברייט, אויפן שלעזישן הויכלאַנד, וואָס וואַקלט זיך צווישן 250—392 מעטער איבערן ים־שפּיגל.

די גאַנצע אומגעגנט איז אַ דערהויבונג און ביז צו די קאַרפּאַטן־בערג איז אַן ערך 100 ק״מ. ביז צום אַטלאַנטישן אָקעאַן, וועלכער ווירקט כמעט דעצידירנדיק אויף דעם מערב אייראָפּעישן קלימאַט, איז אַן ערך 1200 ק״מ.

זאַגלעמביע האָט אַזוי צו זאָגן, אַן איבערגאַנג־קלימאַט. די קלימאַטישע אייגנשאַפטן פון אַ לאַנד רעכענען זיך צו די קאָמפּליצירסטע געאָגראַפישע פּראָבלעמען. די מעטעאָראָלאָגיע איז נאָך צו יונג, כדי אַרויסצוגעבן גענויע באַשלוסן וועגן די דאָזיקע ענינים.

אין בענדין איז פאַראַן אַ מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע פון דער דריטער מדרגה, וועלכע געפינט זיך אין דער פאָלקס־שול אין מאַלאַבאַנדז. צוליב דעם, וואָס די סטאַציע שטייט אין פאַרבינדונג מיט דעם מלוכהשן מעטעאָראָלאָגישן אינס־טיטוט (פּים) אין וואַרשע, קאָן מען האָבן צוטרוי צו די מעטעאָראָלאָגישע אָבסערוואַציעס פון דער בענדינער סטאַציע

אַלס אילוסטראַציע גיבן מיר דאָ די אָבסערוואַציעס פון יאָר 1935.

א) די טעמפּעראַטור

די דורכשניטלעכע יערלעכע טעמפּעראַטור האָט באַטראָפן $+8{,}2^{0}$ C, די העכסטע טעמפּעראַטור (24. VI) $34{,}4^{0}$ C, די נידריקסטע טעמפּעראַטור (9. 1.) -21^{0} C.

ב) דער באַראָמעטער־דרוק

דער דורכשניטלעכער יערלעכער באַראָמעטער־דרוק איז געווען: 751,1 מילימעטער

עקסטרעמער מאַקסימום	(1. 3.) 764	״
עקסטרעמער מינימום	(2.12) 720	״

ג) די פאַרשידענע ווינטן

צפון־ווינטן	10	טעג
צפון־מזרח־ווינטן	35	״
מזרח־ווינטן	37	״
דרום־מזרח־ווינטן	12	״
דרום־ווינטן	31	״
צפון־מערב־ווינטן	60	״
דרום־מערב־ווינטן	82	״
מערב־ווינטן	83	״
אָן ווינטן	15	״

לויט ווי מען זעט זענען אין יאָר 1935 צום מייסטן געווען אין זאַגלעמביע מערב־ווינטן און צום ווייניקסטן צפונדיקע.

ד) פאַרוואָלקנטע טעג

גאַנץ פאַרוואָלקנט	137	טעג
האַלב פאַרוואָלקנט	178	„
אָן וואָלקנס	50	„

ה) די יערלעכע אַטמאָספערישע־אָראָפּפאַלן

צוזאַמען זענען אין יאָר 1935 אַראָפּגעפאַלן רעגן, שניי, טוי, נעפּל אאַז״ו אויף 740 מילימעטער די הויך, ד״ה ווען אַלע אַטמאָספערישע־אַראָפּפאַלן וואָלטן פאַרבליבן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד, וואָלטן זיי דערגרייכט אַ הויך פון 740 מ״מ.

סדאַרף אָבער באַמערקט ווערן, אַז מעטעאָראָלאָגישע אָב־סערוואַציעס, וואָס ווערן געפירט במשך פון אַ פּאָר יאָר, קאָנען נאָכנישט געבן קיין פולשטענדיק בילד פון די קלימאַ־טישע באַדינגונגען.

7. באַוואַסערונג

אין הינזיכט פון באַוואַסערונג געהערט זאַגלעמביע צו דעם באַלטישן שטראָם־געביט.

די פאָלגנדיקע 3 טייכן: שוואַרצע פּשעמשע, ווייסע פּשעמשע און בריניצע, וואָס שטראָמען אין דער ריכטונג פון צפון צו דרום פאַרנעמען, מיט זייערע קליינע צופלוסן, די גאַנצע טעריטאָריע פון דאָמבראָווער זאַגלעמביע.

ביי די דרומדיקע גרענעצן פון דער שטאָט סאָסנאָוויץ (מאַנדזשעוו־ניוּוקע) קומען זיך די 3 טייכן צוזאַמען און פונדאַנען ביז נאָווי־ביערון (הינטער אָשוויענטשים) הייסט דער טייך „פּשעמשע״, וואָס פאַלט אַריין — אַלס ערשטער גרעסערער לינקער צופלוס — אין דער ווייסל

די קוואַלן פון די 3 טייכן געפינען זיך אין דער „טריאַס שוועל״, וואָס דערהויבט זיך פון שטשאַקאָווע איבער זאַוו־יערטשע ביז הינטער טשענסטאָכאָוו.

די בריניצע האָט אירע קוועלן הינטער דער אָרטשאַפט מאַרקאָוויצע (זאַוויערטשער פאָוויאַט). ביז היזטער באָבראָוו־ניקי האָט די בריניצע נידריקע ברעגעס און פון ביידע זייטן פלאַכע, פאַרגאַסענע טאָלן, וואָס זענען באַוואַקסן מיט שוואַרעס (אַ מין האַר־געוויקס). פאַרצייטנס האָבן זיך דאָ געהאַלטן ביבערס און פיל וואַסער־פייגל.

פון באָבראָווניקי ביז מיסלאָוויץ דערהויבן זיך דאָ און דאָרט די טייך־ברעגעס.

די בריניצע, וועלכע איז פאַר דער מלחמה געווען אַ נישט רעגולירטער גרענעץ־טייך, איז היינט, אין טשעלאַדזש, ווי אויך צווישן סאָסנאָוויץ און מיסלאָוויץ, רעגולירט.

די שוואַרצע פּשעמשע האָט אירע קוועלן אין ראַקיטנאַ (זאַוויערטשער פאָוויאַט). ביז שעווער שטראָמט דער טייך פון מזרח צו מערב און פונדאַנען נעמט ער די דרום־ריכטונג. דער דאָזיקער טייך, וואָס איז דער לענגסטער פון די 3 אויבן דערמאָנטע טייכן, שלענגלט זיך פון שעווער ביז בענדין, ווי די אויסדרייונגען זענען אַמבולטסטן. דאָרט ווי די ברעגעס זענען נידריק. קומען כמעט יעדן פרילינג פאָר פאַרפלייצונגען צוליב די אייז־שמעלצונגען.

די שוואַרצע פּשעמשע האָט עטלעכע קליינע צופלוסן. וועלכע אַדורכלויפנדיק דורך גרובן און פאַבריק־געגנטן, שלעפּן מיט זיך מיט פאַרשידענע אומרייניקייטן, וואָס גיבן דעם וואַסער אַ כמעט שוואַרצע קאָליר און פונדאַנען שטאַמט איר נאָמען.

די ווייסע פּשעמשע, וואָס איז דער קלענסטער און אויך דער ריינסטער פון די 3 טייכן, האָט אירע קוועלן הינטער בלענדאָוו, (אָלקושער פאָוויאַט) און זי שלענגלט זיך אידענ־טיש ווי די שוואַרצע פּשעמשע. יעדן זומער באָדן דאָ זיך טויזנטער מענטשן פון דער אומגעגנט.

בקרוב זאָלן די 3 טייכן געגצלעך רעגולירט ווערן און אויף דער פּשעמשע זאָל איינגעאָרדנט ווערן אַ וואַסער־קאָמוניקאַציע פאַר קוילן־טראַנספּאָרט. צוליב דער רעגולאַציע וועלן די שטעט: סאָסנאָוויץ, בענדין און דאָמבראָווע באַקומען גרויסע, גוטע ערד־שטחים. וואָס זענען היינט נאַסע, נישט טויגבאַרע לאָנקעס. ס׳זענען אויך דאָ פאַראַן עטלעכע סטאַוון און ליימגריבער. וואָס זענען באַוואַקסן מיט פאַרשידענע וואַסער־געוויקסן. אין די ווינטער צייטן ווערט דאָ געהאַקט אייז, מייסטנס פאַר די ברויערייען און פאַרשידענע געטראַנק־פאַבריקן.

זייט אַ פּאָר יאָר האָבן די שטעט: סאָסנאָוויץ, בענדין און דאָמבראָווע וואַסערלייטונגען, וועלכע ציען דאָס וואַסער פון די טייכן און פילטרירן עס. אַנדערע אָרטשאַפטן באַקומען וואַסער פון די ברונעמס אָדער דירעקט פון די טייכן.

8. געוויקסן און חיות

אַ ברייטערע באַשרייבונג איבער דער טעמע פאַרלאַנגט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. דאָ ווילן מיר זיך נאָר אָפּשטעלן אויף דעם, וואָס עס פאַלט קודם כל דעם געוויינלעכן באַזוכער אין זאַגלעמביע אין די אויגן.

ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן, פאַרמאָגט נישט זאַגלעמביע, בפרט די אינדוסטריע־געגנט, קיין גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פלאַנצן־ און חיות־וועלט. מיר נעמען נישט אין באַטראַכט דאָס, וואָס דער מענטש פלאַנצט אָדער האָדעוועט, ד״ה די קולטיווירטע געוויקסן און שטוב־חיות, נאָר יענע, וועלכע געפינען זיך אין אַ ווילדן צושטאַנד.

אַ פּאָר אינטערעסאַנטע ביאָלאָגישע סביבות קאָן מען נאָך געפינען אין זאַגלעמביע. אין די שטיין־האָקערייען וועגעטירן נאָך אַ פּאָר געוויקסן ווי: ווערמוט א״אנד. אויף

די האַלדעס און אָנשיטונגען וואַקסט אַ מין געוויקס מיטן נאָמען „ראָזכאָדניק״ און ענלעכע. אין די בלענדאָוועד „מדבר״ וואַקסן פאַרשידענע זאַמד־געוויקסן, צב״ש די „ווידמורשיצע״, אין די סטאַוון וואַקסט די „מאַטשאַרקאַ קאַנאַדיסקאַ״ (קאַנאַדישער זומפּ־געוויקס) און ס׳לעבן דאָרט עטלעכע מינים קליינע פישלעך, ווי אויך זשאַבעס, שנעקעס און וואַסער־אינזעקטן. פון די העכערע טיפּן חיות, זעען מיר דאָ: האָזן, כאָמיקעס און קרעטן. אין די וועלדער טרעפט מען דאָ פאַרשידענע מינים געזאַנג־פייגל.

9. די באַפעלקערונג און איר הויפּט־באַשעפטיקונג

די זאַגלעמביער באַפעלקערונג איז, ווי אין יעדער אינדוסטריע־געגנט, אַ געמישטע. ווען מיר וואָלטן אַדורכגעבלעטערט די מעטריקעס פון דער עלטערער גענעראַציע, וואָלטן מיר זיך דערוווסט, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג שטאַמט מייסטנס פון דער אומגעגנט, אָדער פון די ווייטערע מקומות אין דער קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט. דער בענדינער פּאָוויאַט האָט צום סוף פונם יאָר 1937 געציילט 356.430 נפשות, צווישן זיי אַן ערך פון 60.000 יידן די שטאָט סאָסנאָוויץ מיט דער סביבה — 122.766, דערפון אַן ערך 27.000 יידן.

אַרום סאָסנאָוויץ געפינען זיך 3 גרויסע קוילנגרובנס, 3 גיסערייען, 2 שפּינערייען און אַנדערע קלענערע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. דער צענטער פון דער שטאָט, וווּ ס׳וווינט דער גרעסטער טייל יידן, טראָגט אַ האַנדלס־כאַראַקטער. די איבעריקע שטאָט־טיילן, וווּ ס׳געפינען זיך די גרובנס, הוטעס און פאַבריקן, באַזיצן אַן אינדוסטריע־כאַראַקטער.

די שטאָט בענדין מיט דער אומגעגנט, וואָס ציילט אַן ערך 50,000 נפשות, צווישן וועלכע ס׳געפינט זיך אַרום 24.000 יידן, טראָגט הויפּטזעכלעך אַ האַנדלס־כאַראַקטער אין די גרענעצן פונם היינטיקן בענדין ליגן אַ פּאָר גרויסע אינדוסטריע־אַנשטאַלטן. אַזוי צב״ש געפינען זיך אויף די וואַרפיעס די פּוילישע צינק־אַנשטאַלטן, אַ קאַבעל־פאַבריק, 2 קאַלכאויוונס און 3 ציגעלניעס אין קאַשעלעוו און אין קסאַווער — קוילנגרובנס, אין מאַלאָבאָנדז אַן אייל־און קאַקאָס־פּוטער־פאַבריק און די זאַגלעמביער עלעקטראָווניע. אין צענטער פון דער שטאָט בענדין וווינען צומייסטן יידן, און אין דער אומגעגנט, נישט־יידן.

דאָמבראָווע האָט אַן ערך פון 40.000 איינוווינער, דערפון אַרום 5000 יידן. דאָ געפינען זיך 2 גרויסע קוילנגרובנס, ווי אויך אַביסל פּראָנצוויזן, וועלכע זענען מייסטנס, אָדער שותפים פון אַ פאַבריק־ און אַרבעטער־שטאָט. אין דאָמבראָווע וווינען אויך אַביסל פּראָנצוויזן, וועלכע זענען מייסטנס אָדער שותפים פון די אונטערנעמונגען, אָדער העכערע באַאַמטע.

די פערטע און קלענסטע שטאָט אין זאַגלעמביע — טשעלאַדזש, וואָס ציילט אַן ערך 20.000 איינוווינער מיט 1.200 יידן, האַלט זיך אויף אַדאַנק די 2 גרויסע קוילנגרובנס: „סאַטורן״ און „פּיאַסקי״ און דער צעראַמיק־פאַבריק „יוזעפּווו״.

די דאָרף־געמיינדעס: גרויצע, זאַגוזשע, סטשעמיעשיץ, לאַגישע, וואַיקאָוויץ, ראַגאָזשניק און באָבראָווניק, טראָגן אַ געמישטן אינדוסטריע־ און לאַנדווירטשאַפטלעכן־כאַראַקטער. די ווייטערע דערפער פון צפון־זאַגלעמביע האָבן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער.

אין בענדינער פּאָוויאַט וווינען 509 מענטשן אויף יעדן קוואַדראַט־קילאָמעטער און אין סאָסנאָוויץ קומט אויס 3530 איינוווינער אויף אַ קוו. ק״מ. די דאָזיקע 2 צאָלן זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטוויקלונג פון די צוויי שכנות־דיקע שטעט.

רעזומירנדיק דאָס אַלץ, קומט מען צום באַשלוס, אַז זאַגלעמביע רעכנט זיך צו די געדיכטסטע באַוווינטע געגנטן אין פּוילן. דאָ טרעפט מען פאַרשידענע ישובים פון דאָרפישן טיפּ, איבערגאַנג־טיפּן צווישן דאָרף און שטאָט, ריין אינדוסטריעלע אָדער שטאָטישע ישובים

צוליב די גינסטיקע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען אין זאַגלעמביע (באַן, טראַמוואַיען, אויטאָבוסן, וועלכע פאַרבינדן זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע מיט די ווייטסטע פּונקטן אין לאַנד), טרעפט מען דאָ אַ זייער באַלעבטן מענטשן־פאַרקער און אַ גרויסן סחורות־טראַנספּאָרט.


גרשון סטאַווסקי

דער יידישער ישוב אין סאָסנאָוויץ

אין דער געשיכטע פון די שטעט אין פּוילן, פאַרנעמט סאָסנאָוויץ — מיט איר ראַשיקער אַנטוויקלונג — איינעם פון די ערשטע פּלעצער. די דאָזיקע שטאָט איז געוואַקסן כמעט איבערנאַכט, אין אַווירקלעך אַמעריקאַנער טעמפּאָ. פון אַ וויסטן וואַלד איז במשך פון עטלעכע צענטליק יאָר אַנטשטאַנען דאָס היינטיקע מאָדערנע גרויס־סאָסנאָוויץ, וואָס ציילט איצט קרוב 125 טויזנט איינוווינער.

נאָך מיט 100 יאָר צוריק, איז אויף דעם אָרט, וואָס בילדעט היינט דעם צענטער פון דער שטאָט, געווען אַ פּוסטער וואַלד, וווּ עס פלעגן זיך אויפהאַלטן פאַרשידענע

רויבער באַנדעס פון שכנותדיקן דייטשלאַנד, וועלכע האָבן געוואָלט אויסמיידן די תליה. דאָ האָבן זיי זיך געפילט זיכער, ווייל קיין מענטשלעכער פוס האָט דאָ נישט געוואָגט אַריינצוטרעטן. פון צייט צו צייט זענען טאַקע פאַרגעקומען רויבער־אַנפאַלן אויף רויקע בירגער פון ביידע זייטן גרענעץ. אַ סברה, אַז אויך ווילדע חיות זענען געווען אינם דאָזיקן וואַלד, ווייל די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט וועגן זיי דערציילט מוראדיקע געשיכטעס און האָט כסדר געלעבט אין שרעק. ערשט אין די יאָרן 59/1858, ווען ס'איז אויסגעבויט געוואָרן די זאַמבקאָוויץ־קאַטאָוויצער באַן־ליניע, איז די מורא ביסלעכווייז פאַרשוווּנדן און עס זענען אַנטשטאַנען ישובים אַרום דער דאָזיקער ליניע (היינט איז דאָס אַלץ פאַראייניקט צו גרויס־סאָסנאָוויץ). דער וואָקזאַל אין מיטן וואַלד האָט באַקומען דעם נאָמען סאָסנאָוויץ, לויטן נאָמען פון אַ שכנותדיקן דאָרף „סטאַראַ סאָסנאָוויצע".


אברהם יצחק בלומענטאַל
דער ערשטער סאָסנאָוויצער סאָלטיס

איינצעלנע יידישע פאַמיליעס האָבן שוין פון פריערדיקע יאָרן געוווינט אין די דערפער: פאַגאָן, וויגוויזדעוו, אַלט סאָסנאָוויץ, אָסטראָגורקע, מילאָוויץ א"אנד. וואָס זענען שפּעטער פאַראייניקט געוואָרן צו סאָסנאָוויץ. אַרום די דאָזיקע דערפער האָבן שוין פון פריער עגזיסטירט עטלעכע קוילנגרובנס, צינק־הוטעס און אַנדערע קלענערע פאַבריקן. וועלכע האָבן צוגעצויגן יידישע משפחות, וואָס האָבן דאָ געזוכט חיונה.

דער יידישער ישוב אַרום דער באַן־סטאַציע, איז אנטשטאַנען נאָך אין יאָר 1860. צו די ערשטע יידישע פאַמיליעס, מער־ווייניק פאַרמעגלעכע, וואָס האָבן געקויפט פלעצער אַרום דעם וואָקזאַל און געבויט די ערשטע גרעסערע הייזער, האָבן אַנגעהערט: האַמבורגער פון בענדין און אברהם יצחק בלומענטאַל פון מאַנדזשעוו. האַמבורגער האָט אויפגעבויט די ערשטע האָטעלן: „וואַרשאַווסקי" און „וויקטאָריאַ", (קעגנאיבער דעם וואָקזאַל) און בלומענטאַל האָט אויפגעשטעלט אַ גרויס הויז, וואָס טראָגט היינט דעם נר. 11, אויף דער טאַרגאָווער גאַס. דער דאָזיקער בלומענטאַל איז אין יאָר 1880 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סאָלטיס פון דער ערשטער גמינע אין סאָסנאָוויץ, ווען זי איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיק דאָרף. דעם דאָזיקן אַמט האָט ער פאַרנומען ביזן יאָר 1890. דער ערשטער סאָסנאָוויצער בורמיסטש איז אַלזאָ געווען אַ ייד.

פון דער באַן־ליניע האָט זיך געצויגן אַ וועג קיין מאַנדזשעוו איבערן וואַלד צווישן קליינע פויערישע כאַטעס. דאָ געפינט זיך היינט די מאַנדזשעווער גאַס. וועלכע בילדעט דעם באַלעבטסטן האַנדלס־צענטער אין סאָסנאָוויץ. די יערישע כאַטעס זענען אָפּגעקויפט געוואָרן דורך יידן, וועלכע זענען געקומען אין דער גרענעץ־שטאָט מאַכן אַ לעבן. די הייזלעך זענען באַזייטיקט געוואָרן און אויף זייער אָרט זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע געביידעס. די ערשטע סאָסנאָוויצער בעלי־בתים זענען געווען: בלומענטאַל, האַמבורגער, לייבעלע בינדער, אייזיק יינגסטער א"אנד.

אין די ערשטע צייטן זענען די הייזער געבויט געוואָרן ביינאַכט, ווייל ס'איז נישט געווען מעגלעך אַרויסצובאַקומען פון דער רוסישער מאַכט קיין דערלויבעניש אויף צו בויען הייזער. ס'איז איר נישט ניחא געווען צו לאָזן אויסבויען אַ שטאָט האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ. צוליב דער איילעניש איז טאַקע די מאַנדזשעווער גאַס אויף מאַנכע ערטער געבויט זיגזאַגאַרטיק. דאָס לעבן, דער מעכטיקער דראַנג צו מענטשלעכער עקספּאַנסיע, איז געווען שטאַרקער פון די צאַרישע געזעצן און ס'זענען אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט אויסגעוואַקסן גאַנצע גאַסן, מיט שיינע גרויסע הייזער, אויפגעבויטע מייסטנס ביינאַכט. עס האָט שוין אַזוי פּאַסירט, אַז דער איינציקער געזעץ־היטער, אין דער געשטאַלט פון אַ רוסישן וואַכמייסטער, האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק און די אַרבעט איז דערווייל געגאַנגען אין דער הויך, לענג און ברייט.

ערשט צום סוף פון 19־טן י"ה האָט זיך די צאַרישע רעגירונג געכאַפּט, אַז סאָסנאָוויץ אַלס שטאָט ווערט אַ פאַקט און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דערלויבענישן צו בויען. אַלס שטאָט איז סאָסנאָוויץ אָפיציעל אַנערקענט געוואָרן אין יאָר 1902. אין זעלבן יאָר האָט זי באַקומען די ערשטע שטאָטישע זעלבסטפאַרוואַלטונג, צו וועלכער ס'האָבן אויך אָנגעהערט אַלע אַרומיקע דערפער.

צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, איז אויך געוואַקסן דער יידישער ישוב. די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויץ במשך פון די יאָרן 1860—1870, זענען מייסטנס געווען פון דער נאָענטער

אומגעגנט, פון בענדין, מאַנדזשעוו, אָלקוש, וואָלבראָם, פּילץ א.אז״וו.


אין די זיבעציקער יאָרן פון פאַריקן י״ה, ווען דער פאַרקער מיט אויבערשלעזיע איז גרעסער געוואָרן, אַדאַנק דעם איינאָרדענען דאָ אַ צאָל־אַמט, זענען אין סאָסנאָוויץ געעפנט געוואָרן גרויסע עקספּעדיציע־אונטערנעמונגען דורך די ברידער גינזבורג, אַדאָלף אָפּענהיים, סט. רייכער א״אנד. אַ גרעסערער צופלוס פון אינטעליגענטע יידן, וועלכע האָבן דאָ פאַרפלאַנצט אַן אַסימילאַטאָרישע־קאָלאָניע, איז געקומען פון טשענסטאָכאָוו.

אין אָנהויב איז דער יידישער ישוב אין סאָסנאָוויץ באַשטאַנען פון עטלעכע מנינים ראַדאָמסקער און אַלעקסאַנדערער חסידים, אַביסל „עמך" אין אַ צענדליק זייער רייכע אַסימילירטע יידישע משפחות, וועלכע האָבן געלייגט זייער חותם אויף דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, צוליב זייער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. יורידיש האָט נאָך דאַן סאָסנאָוויץ אָנגעהערט צו דער בענדינער קהלה. ערשט אין יאָר 1880 איז אין סאָסנאָוויץ אויפגענומען געוואָרן אַלס מורה הוראה ר׳ אריה לייב גיטלער. הרב גיטלער איז שוין פריער געווען ראש־בית־דין אין קראָקע. נאָר צוליב דעם, וואָס ר׳ אריה איז געווען אַ רוסישער אונטערטאַן האָט די עסטרייכישע מאַכט אים אויסגעוויזן. ער באַזעצט זיך דאַן אין בענדין. און ווען אין סאָסנאָוויץ הויבט אָן צו וואַקסן דער יידישער ישוב ווערט ער דאָ אַהער פאַרבעטן אַלס ראש־בית־דין. דעם דאָזיקן אַמט האָט ער פאַרנומען ביז צו זיין פטירה אין יאָר 1888.

באַלד נאָך דער פטירה האָבן די אָנגעזעענסטע סאָסנאָוויצער בעלי־בתים, מיטן הסכם פון בענדינער רב, אויפגענומען אַלס מורה הוראה זיין זון ר׳ אברהם מאיר גיטלער, וועלכער איז דאָ אַהער געקומען פון פינטשעוו צו זיין פאָטערס לויה. דעם דאָזיקן אַמט האָט ער פאַרנומען 37 יאָר. ער איז נפטר געוואָרן ה׳ מרחשון תרפ״ו (1925). ר׳ אברהם מאיר גיטלער האָט איבערגעלאָזט אַ סך מאַנוסקריפּטן, וועלכע ווערן צוגעגרייט צום דרוק אין אַמעריקע. צו דעם צוועק איז דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט מיט זיין זון בראש, וועלכער געפינט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַרום דעם יאָר 1885 איז אויסגעבויט געוואָרן די „איוואַנגאָראָדער" באַן־ליניע, וועלכע האָט פאַרבונדן איוואַנגאָראָד (היינט דעמבלין) מיט זאַגלעמביע, וואָס האָט אַזויאַרום באַקומען אַ דירעקטע און קורצערע פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד, אויסמיידנדיק וואַרשע. סאָסנאָוויץ איז געוואָרן דער דורכגאַנג־פּונקט פאַר דעם גרעסטן טייל תבואה, וואָס רוסלאַנד האָט עקספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד. אַדאַנק דעם דאָזיקן מצב האָבן זיך געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר דער באַזעצונג פון אַגרעסערער צאָל מענטשן. וועלכע האָבן געפונען באַשעפטיקונג אַרום דעם תבואה־עקספּאָרט. ביז דעמאָלט האָבן אַלע סחורות. וואָס זענען געגאַנגען פון רוסלאַנד קיין אויבערשלעזיע — געמוזט איבערגעלאָדנט ווערן אין וואַרשע. די נייע באַן־פאַרבינדונג האָט גורם געווען. אַז סאָסנאָוויץ זאָל במשך פון אַ קורצער צייט ווערן איינע פון די באַלעבטסטע האַנדלסשטעט אין פּוילן. אַהער האָבן געצויגן גרויסע תבואה־סוחרים וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט און האָבן שפּעטער פאַרנומען דאָס אָנגעזעענסטע אָרט אינם סוחרישן, געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן לעבן פון די סאָסנאָוויצער יידן. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען איינצלנע נעמען ווי: וואָלפזאָן, קאַבאַק, הערץ ליפשיץ און אָרלאָווסקי, כדי צו האָבן אַ באַגריף וועגן דער טעטיקייט פון דעם דאָזיקן סאָרט מענטשן.

די שטאָט האָט זיך געוואָלטיק שנעל פונאַנדערגעבליט און האָט באַקומען דעם נאָמען „„פּוילישע אַמעריקע". טאָג־טעגלעך האָבן גענומען אַהערשטראָמען מאַסן מענטשן פון די פאַרלעגענע שטעטלעך אין דער קיעלצער געגנט, פון כמיעלניק, פינטשעוו, כענטשין, יענדזשעוו, סטאַשעוו. דזשיאַלאָשיץ א״אנד.



הרב ר׳ אברהם מאיר גיטלער ז״ל

אין יאָר 1894 איז אין סאָסנאָוויץ געגרינדעט געוואָרן דאָס בית החיים (בענדין האָט דערצו נישט געוואָלט מסכים געווען). צו געאיילט דעם פּראָצעס האָט די כאָלערע־עפּידעמיע, וואָס האָט דאָ אויסגעבראָכן אין יאָר 1893. אין יאָר 1896 האָט מען אָנגעהויבן בויען די שול, לויט דער איניציאַטיוו פון עטלעכע רייך־געוואָרענע יידן, ווען ס׳איז ענג געוואָרן אין די „שטיבלעך" אָדער אין געדונגענעם לאָקאַל פון דער „דייטשער שול", אויף טאַרגאָווער גאַס. די הויפּט־עסקנים ביים בויען די שול זענען געווען: חיים יוסף זאַיאָנץ, יהושע פּאַכטער, יעקב וויינבערג און יוסף לידזבאַרסקי. קיין מאַנגל אין פינאַנסיעלע מיטלען איז נישט געווען, צוליב דער שפע אין דער שטאָט, און אַדאַנק דעם איז טאַקע די שול שנעל פאַרטיק געוואָרן.

די געזעלשאַפטלעכע און פילאַנטראָפּישע טעטיקייט איז געווען קאָנצענטרירט אין „דאָבראָטשינאָשטש", וואָס האָט

געגאָלטן אַלס פעסטונג אין די הענט פון די אַסימיליאַטאָרן, וועלכע האָבן אַהין נישט דערלאָזט די חסידים און סתם בעלי בתים. אַחוץ מיט פילאַנטראָפּיע פלעגן זיך די אַסימילאַטאָרן אויך פאַרנעמען מיט שתדלנות ביי דער מאַכט. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע זענען געשטאַנען: ד״ר נייפעלד, סט. רייכער און אַדאָלף אָפּענהיים. אַדאַנק זייער איניציאַטיוו, האָט די רוסישע מאַכט אַנערקענט די זעלבסטשטענדיקייט פון דער יידישער קהלה אין סאָסנאָוויץ, וואָס עס האָט שטאַרק באַקעמפט די בענדינער קהלה, וועלכע האָט גענומען אַ גרויסן עטאַט פון די רייכע סאָסנאָוויצער יידן. צוליב דער שתדלנות פון סט. רייכער, האָט דער פּיעטריקאָווער גובערנאַטאָר, אין יולי 1898, באַשטעטיקט די סוווערניטעט פון דער סאָסנאָוויצער קהלה. באַפרייענדיק זי פון דער בענדינער אַפּוטרופּסות צו סאָסנאָוויץ זענען אויך אָנגעשלאָסן געוואָרן די אַרומיקע דערפער ווי: פּאָגאָן, שיעלצע, קאַטערינע, וויגוויזדעוו, מילאָוויץ און נאָך אַנדערע יידישע פונקטן. צוליב דעם, וואָס סאָסנאָוויץ האָט נאָך דעמאָלט נישט געהאַט קיין מוניציפּאַליטעט, איז די קהלה געווען אונטערגעוואָרפן דעם בענדינער קרייז נאַטשעלניק.

די ערשטע דאָזאָרעס פון דער סאָסנאָוויצער קהלה זענען געווען: סט. רייכער, אַדאָלף אָפּענהיים, ד״ר יאַקוב נויפעלד און אַדאָם בערגמאַן (קאַסירער). זייער קאַדענץ האָט אָנגעהאַלטן פון יאָר 1899 ביז 1902.

וועלנדיק אונטערשטרייכן די גענצלעכע אומאָפּהענגיקייט פון בענדין, איז דאָן קיין סאָסנאָוויץ אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער טשענסטאָכאָווער רב ר׳ נחום אַש אויף אָפּצונעמען אין דער שול די שבועה פון די נייע דאָזאָרעס אין קעגנוואַרט פון פּאָוויאַטאָוון־נאַטשעלניק.

אין דער דאָזיקער צייט האָט די יידישע באַפעלקערונג אין סאָסנאָוויץ באַטראָפן אַרום 5 טויזנט נפשות. די הכנסות פון דער קהלה האָבן אין ערשטן יאָר באַטראָפן 3251 רובל, די הוצאות — 4156 ר׳. דעם דעפיציט האָט געדעקט דער פּרעזעס רייכער פון זיין אייגענער טאַש.

לויט דער אויפפאָדערונג פון קרייז־נאַטשעלניק איז מען צוגעטרעטן צו וויילן אַ רב פאַר סאָסנאָוויץ. עס האָבן זיך געמאָלדן פיל קאַנדידאַטן, אָבער געוויילט איז געוואָרן ער מורה הוראה ר׳ אברהם מאיר גיטלער ז״ל, וועלכער איז געשטיצט געוואָרן דורכן פּרעזעס רייכער און האָט אויך געהאַט פיל סימפּאַטיקער צווישן דעם מיטלשטאַנד. באַזונדער איז געוויילט געוואָרן — לויט דער התנהגות פון יענער צייט — אַ ראַבינער מיט וועלטלעכער בילדונג, כלפּי דער מאַכט. דאָס איז געווען דער ראַיאָווצער ראַבינער שטיינזאַלץ, וועלכער האָט דערפילט זיין פליכט ביז די לעצטע יאָרן פון דער רוסישער ממשלה. אַ טייל חסידישע יידן האָבן אין יאָר 1900 אַראָפּגעבראַכט אַלס רב דעם וואָלבראָמער רבינס איידעם ר׳ יצחקל גליקמאַן ז״ל, וועלכער איז דאָ געוואָרן שנעל פּאָפּולער, אַזוי, אַז די קהלה האָט געפונען פאַר נויטיק אים אָפיציעל צו אַנערקענען אַלס רב צוגלייך מיטן רב גיטלער. נאָך דער פּטירה פון הרב גיטלער אין יאָר 1925. איז הרב גליקמאַן געבליבן פאַקטישער ראש־בית־דין ביז צו זיין פּטירה אין יאָר 1929 (ט״ז מרחשון תר״ץ). הרב גליקמאַן איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ בעל הוראה, ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך מדות טובות, ערלעכקייט און ענוות, און ר׳איז דעריבער געווען שטאַרק באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

צו איינע פון די סאַמע עלטסטע אינסטיטוציעס אין סאָסנאָוויץ געהערט די תלמוד תורה. זי איז אָבער נישט געווען פּאָפּולער אין שטאָט, ווייל זי איז געווען איינגעקלאַמערט אין די דיקטאַטאָרישע הענט פון אייניקע חסידישע יידן, ענלעך צום רעזשים אין אַסימילאַטאָרישן „דאָבראָטשינגאָשטש״. ערשט בעת דער צווייטער קהלה־קאַדענץ. ווען דער דאָזאָר לייב ענגלאַרד, איינער פון די פּאָפּולערסטע און שענסטע יידן אין סאָסנאָוויץ. האָט אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן דעם דעת הקהל מיט דער ת״ת, האָט זיך איר מצב שטאַרק געבעסערט. דער אַלטער יידישער כלל „קנאת סופרים תרבה חכמה״ האָט גורם געווען, אַז די ניי־געגרינדעטע ציוניסטישע אָרג. זאָל זיך אויך פאַרנעמען מיט חנוך־פּראַגן, און זי האָט געגרינדעט דעם „חדר מתוקן״, וועלכן מ׳האָט אין שטאָט גערופן די ציוניסטישע תלמוד תורה. מ׳האָט דאָרט גרינדלעך געלערנט תנ״ך, ווי אויך די העברעישע שפּראַך לויט די מאָדערנע מעטאָדעס. דאָס האָט געצווונגען צו רעאָרגאַניזירן די תלמוד תורה און דאָרט אַריינלאָזן עטוואָס פון נייעם גייסט, וועלכער האָט באַהערשט די גאַס. אין נאָמען פון דער ציונ. אָרג. האָט ביים רעאָרגאַניזירן די ת״ת מיטגעווירקט דער שרייבער פון די שורות. פיל געלייסטעט פאַר דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט אויך בעריש וואַרשאַווסקי. די דאגות פונם קאָמיטעט זענען אויך געגאַנגען אין דער ריכטונג, נישט צו לאָזן פאַרכאַפּן די אינסטיטוציע דורך די אַסימילאַטאָרן, באַזונדערס ביים בויען דעם אייגענעם בנין. דאָס פאַרמעגן פון דער תלמוד תורה איז פאַרשריבן געוואָרן דורך די גרינדער אויפן נאָמען פון דער געז. „תלמוד תורה״ און נישט אויף דער קהלה. דאָס איז געמאַכט געוואָרן מיט דער כונה, אַז ביים עווענטועלן באַהערשן פון דער קהלה דורך אַסימילאַטאָרן אָדער לינקע גרופּירונגען, זאָלן זיי נישט קאָנען אויסאיבן קיין דרוק אויף דער דערציונג פון די קינדער, וועלכע דאַרף זיין — לויט דעם אורשפּרינגלעכן גייסט פון די גרינדער — אין רעליגיעזן גייסט. די נעמען פון די גרינדער זענען פאָלגנדיקע: יעקב לייב אַבראַמטשיק, בעריש וואַרשאַווסקי, משה קעניגסבערגער, יעקב שטאַהל.. גרשון סטאַווסקי און משה עקיבא מאַגיערקיעוויטש. די גרויסע געביידע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויף יאַסנע גאַס, ביי דער מיטהילף פון הרב גיטלער און משה מאַריאַנקע. זאָגט עדות וועגן דער געוואַלטיקער מי און אָפּפערווויליקייט מצד יענע עסקנים, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן שאַפן די דערמאָנטע אינסטיטוציע

דער אָנהויב פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג

די תקופה פון דער נאַציאָנאַלער טעטיקייט הויבט זיך אָן אין סאָסנאָוויץ אין יאָר 1897. ווען דאָ האָט זיך באַזעצט דער שפּעטערדיקער ריז פון דער העברעישער ליטעראַטור, איר גרעסטער קינסטלער און וואָרט־מייסטער, חיים נחמן ביאַליק. פיל פון זיינע בעסטע שירים האָט ער געשריבן במשך פון די יאָרן 1897/98. ער האָט דאָ קאָנצענטרירט אַרום זיך אַן ענגן קרייז פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט, וועלכע האָט אונטער זיין אָנפירונג אָנגעהויבן אַ נאַציאָנאַלע־טעטיקייט. ביאַליק האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. צו אים זענען צוגעשטאַנען: יעקב וויינבערג. גרשון סטאַווסקי (געוועזן נאָך פריער מורשה פון „אַדעסער קאָמיטעט"). משה גרשון פעלדשטיין (באַקאַנטער פּעליעטאָניסט ר' משה), חיים יוסף זאַיאָנץ, מענדל שאַפּיראָ און שלמה אָקאָנאָווסקי. ביאַליקן איז אויך געלונגען אַריינצוציען אין דער באַוועגונג אַ טייל פון דער קעמפערישער אַסימילאַציע — קעמפּינסקי, וועלכער איז שפּעטער, לויט ביאַליקס פאָרשלאַג, דעלעגירט געוואָרן צום 4־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

מיטן אָפּפאָר פון ח. נ. ביאַליק און מ. ג. פעלדשטיין פון סאָסנאָוויץ אין יאָר 1899, איז די קולטור־אַרבעט פון דער אָרג. אַביסל געמינדערט געוואָרן. עס זענען אָבער צוגעקומען פרישע קרעפטן, צווישן זיי: ד"ר וויסמאַן (היינטיקער ראש־הקהל אין סוואַלק), קליייניץ און בעריש טענצער. די לעצטע צוויי זענען געוועזן די ערשטע זאַמלער פאַרן „קרן קימת" אין סאָסנאָוויץ און האָבן בכלל פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין אַלע ציוניסטישע אַקציעס.

צום 6־טן לעצטן הערצל־קאָנגרעס אין באַזעל. איז געוואָרן דעלעגירט גרשון סטאַווסקי, וועלכער איז געוועזן פון די קעגנער פונם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט.

אין די רעוואָלוציע יאָרן

אין די יאָרן 1904—1906 האָט זיך אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט אָפּגעקערט פון ציוניזם און איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, אַריינטרעטנדיק מאַסנוויז אין „בונד", ס"ס און פ"צ, אַנדערע ווידער האָבן זיך בכלל אָפּגערוקט פון געז. אַרבעט, וואָס די צאַרישע מאַכט האָט פאַרבאָטן.

נאָכן אָפּפאַל פון די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס, האָט דער ציוניזם אויפסניי אָנגעהויבן זיין טעטיקייט. עס האָבן זיך אַרויסגערוקט פרישע אָנפירנדיקע קרעפטן ווי: ד"ר אַ. פערלמאַן (געוועזן פריער אַ ציוניסטישער עסקן אין קיעלץ) און ישראל משה וויינריב. דאָס זענען געוועזן געטרייע און אַקטיווע ציוניסטישע־טוער ביז זייער לעצטן אָטעם־צוג. וויינריב איז געוועזן דעלעגירט צום 9־טן קאָנגרעס אין האַמבורג.

אין דער צייט פונם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג, איז קיין סאָסנאָוויץ אָנגעקומען אַ פרישער שטראָם יידן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַ מער־ווייניק נאַציאָנאַלע איינשטעלונג. דאָס האָט גורם געוועזן צו פאַרטרייבן טיילוויז די אַסימילאַטאָרישע מושלים.

בעת די דאָזאָרעס־וואַלן אין יאָר 1905 זענען געוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע פאַרטרעטער פון מיטלשטאַנד: יהושע סלוטשעווסקי, לייב ענגלאַרד און שמואל רעכניץ. דער פאַרזיצער סלוטשעווסקי איז געוועזן אַן ענערגישער און ערלעכער כלל־טוער. ער האָט זיך אָבער דערוואָרבן שונאים צוליב זיין הויכער עטאַט־אויסמעסטונג. ער האָט זיך נישט געהאַלטן ביי דעם סיסטעם פון זיין פאָרגייער רייכער צו דעקן דעם דעפיציט פון זיין פּריוואַטער טאַש. זיין ריקזיכטלאָזע און שטרענגע איינמאָנונג פונם קהלה־שטייער האָט גורם געווען צו מסירות און רעוויזיעס מצד הויכע באַאַמטע פון דער פּיעטריקאָווער גובערניע. ער פלעגט זיך דערפאַר נוקם זיין אין זיינע רייכע קעגנער, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנקומען צו דער חברה־קדישא און נישט איינמאָל איז דערגאַנגען צו חילול השם און בזיון־המתים. אַזוי האָט זיך געפירט ביזן יאָר 1909, ווען די נייע וואַלן האָבן אַריינגעבראַכט אין דער קהלה־אָנפירונג רויקע באַלעבאַטישע מענטשן ווי: משה קעניגסבערג, יהושע פאַכטער און משה פישעל. בעת זייער קאַדענץ, ביזן יאָר 1813, האָט די שטאָט נישט געוווּסט פון קיין מחלוקות. די אָרדענונג אין דער קהלה במשך אַלע יאָרן איז אָפּגעהיטן געוואָרן דורך די סעקרעטאָרן: וויעזשביצקי און שפּעטער לעווענהאָף.

די געז. „חובבי שפת עבר"

אין יאָר 1907 האָט דאָ געפירט אַ קולטור־אַרבעט די היגע אָפּטיילונג פון דער פּעטערבורגער „אגודת חובבי שפת עבר". זי האָט אַראַנזשירט פאָרלעזונגען מיט דער באַטייליקונג פון באַוווּסטע ליטעראַטן און דערמיט צוגעצויגן די יוגנט. שטאַרק מיטגעווירקט אין דער געז. האָט דער באַקאַנטער שריפטשטעלער משה סטאַווסקי, וועלכער האָט אין די יאָרן 1906—1908 געוווינט אין סאָסנאָוויץ. אַרום דעם טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער האָט זיך קאָנצענטרירט אַ יוגנט־קרייז, וואָס האָט געהאַט אַן אינטערעס פאַר יידישער קולטור. אין סאָסנאָוויץ האָט משה סטאַווסקי אָנגעשריבן אייניקע פון זיינע בעסטע ווערק.

דער „הזמיר"

נאָכדעם ווי די יוגנט האָט זיך אַנטוישט אין דער צייטווייליק אַדורכגעפאַלענער באַפרייונגס־באַוועגונג, האָט זי אויך דאָ, פונקט ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט אין פּוילן. געגרינדעט דעם „הזמיר", אַ געזעלשאַפט צו פלעגן די יידישע קולטור, ליטעראַטור און מוזיק. במשך פון עטלעכע יאָר איז אָנגעפירט געוואָרן אַ גאַנץ אינטענסיווע טעטיקייט. ס'זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מוזיקאַלישע־אָוונטן, פאָרלעזונגען, רעציטאַציעס און פאַרשידענע קולטור־אימפּרעזעס.

די געזעלשאַפט יק״א

די געז. יק״א האָט זיך אינטערעסירט מיט עמיגראַציע־פּראָגן. ס'איז געווען וואָס צו טון אַרום דעם דאָזיקן ענין. דער עמיגראַנטן־שטראָם אין די מערב־לענדער און אַמעריקע איז הויפּטזעכלעך געגאַנגען דורך סאָסנאָוויץ. די אויפגאַבע פון דער געז. איז געווען צו וואַכן איבער די אומגליקלעכע, דורך דער צאַרישער נאַהייקע גערודפטע, יידישע עמיגראַנטן. די געז. האָט זיי פאַרהיטן פון שיקאַנעס און זיי געבראַכט יורידישע, מאָראַלישע און מאַטעריעלע הילף. אַדאַנק דער אינטערווענץ פון דער פּעטערבורגער צענטראַלע, האָט די רוסישע זשאַנדאַרמעריע באַשטעטיקט די סאָסנאָוויצער אָפּטיילונג..

אין דער שפּיץ פון דער אָפּטיילונג זענען ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה געשטאַנען: אַדוואָקאַט בערנאַרד אָפּענהיים, ד״ר א. פּערלמאַן, קאַראַל האַמבורגער, יהושע סלוטשעווסקי, ישראל משה ווײַנריב און גרשון סטאַווסקי. די אינסטיטוציע האָט געהאַט אַ גאָר גרויסע באַדייטונג מיט אירע לייסטונגען לטובת די יידישע עמיגראַנטן.

די אָקופּאַציע צייט

ביים קריג־אויסברוך, אין אויגוסט 1914. איז פּאַראַליזירט געוואָרן דער גאַנצער נאָרמאַלער לויף פון לעבן. די שטאָט וואָס האָט געבליט. ווו ס'האָט פּולסירט אַ רוישיק לעבן. איז פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבן. אַלע עקספּעדיציע־קאַנטאָרן און בענק זענען פאַרמאַכט געוואָרן. תבואה, האָלץ־ און אייזן־סוחרים. וואָס האָבן געמאַכט אַ לעבן ביים עקספּאָרט און אימפּאָרט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, בעלי־מלאכות און דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ, האָבן זיך אַרומגעדרייט אין גאַס. זוכנדיק צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט. אויך דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן איז גענצליך פאַרגליווערט געוואָרן. אַחוץ די קאָמיטעטן צו שאַפן דרינגענדיקע הילף. די קאָמיטעטן האָבן קודם כל געמוזט באַזאָרגן אַלע פרעמדע, וואָס זענען געבליבן שטעקן אין סאָסנאָוויץ. צוליב דער איבערגעריסענער באַן־קאָמוניקאַציע. דאָס זענען מייסטנס געווען סוחרים אָדער רייזענדער פון פאַרשידענע פּונקטן אין לאַנד, וואָס האָבן זיך צייטווייליק דאָ געפונען. אָדער אויסגעוויזענע „רוסן״ פון דייטשלאַנד. שפּעטער, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן מעגלעכקייטן פון קאָנען אָפּשיקן אין די היימען

אַ טייל מענטשן, האָט ווידער דער קאָמיטעט געדאַרפט זאָרגן וועגן געלט־מיטלען אויף רייזע־הוצאות.

ביז די אָקופּאַציע־מאַכט האָט זיך באַפעסטיקט איז געשאַפן געוואָרן אַ בירגער־קאָמיטעט מיט אַ פּראָפּאָרציאָנעלן יידישן אַנטייל. די יידישע פאַרטרעטער זענען געווען: הערץ ליפּשיץ און סאַלעזי מיימאַן. די יידישע באַפעלקערונג איז דורך דעם קאָמיטעט קאָרעקט באַהאַנדלט געוואָרן, אפילו אין אַפּראָוויזאַציע־ענינים. וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זייער דעליקאַטער ענין. שפּעטער ווען ס'זענען געשאַפן געוואָרן 2 באַזונדערע אַפּראָוויזאַציע־קאָמיטעטן, אַ פּוילישער און אַ יידישער, האָט צווישן זיי געהערשט אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע.

די עסקנים פון יידישן קאָמיטעט זענען געווען: קאָן, מאַמלאָק. זאַיאַנץ, וואָלפזאָן, ליפּשיץ, ראָטשילד, סטאַווסקי און האַמבורגער. אַ שטאַרקן אינטערעס האָבן אויך אַרויסגעוויזן די דאָזאָרעס: גרונעם סאַפּער און אַדאַם בראַניצקי.

ביי די שטאָט־ראַט־וואַלן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין יאָר 1917 זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע יידן: בערנאַרד אָפּענהיים, מאַקסימיליאַן רייכער, איגנאַצי לאַנדאַו (2 קוריע), סאַלעזי מיימאַן. שמואל רעכניץ (3 קוריע). יוליאַן קאַבאַק (IV קוריע), אַדאָלף לאַנדאַו, הענריק קוויאַטעק (V קוריע). משה יודענהערץ, הערמאַן בערניקער (VI קוריע).

פון יאָר 1913 ביז 1917 האָבן אַמטירט אַלס דאָזאָרעס: גרונעם סאַפּער. אַדאַם בראַניצקי און משה כּישעל. אין זעלבן יאָר זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע נייע דאָזאָרעס: חיים יוסף זאַיאַנץ, הערץ ליפּשיץ, מענדל שאַפּיראָ און ישראל משה ווײַנריב. ליפּשיץ האָט זיך גלייך אָפּגעזאָגט און אויף זיין אָרט איז אַריין לייביש זענדל. ווועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַקטיווסטער דאָזאָר בעת דער דאָזיקער קאַדענץ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1924. זענדל איז אויך שפּעטער געווען: דאָזאָר, ראש־הקהל, ראַטמאַן און פאָרזיצער פון פיל אינסטיטוציעס. אַדאַנק זיין איבערגעגעבענער, ערלעכער אַרבעט לטובת דער יידישער געזעלשאַפט דאַרף ער באַזונדערס פאַרצייכנט ווערן אַלס איינער פון די וויכטיקסטע עסקנים פון יידישן סאָסנאָוויץ.

די ווייטערדיקע תקופה האַלט איך פאַר צו יונג אַלס אָביעקט פאַר היסטאָרישׁ מאַטעריאַל און דעריבער פאַרענדיק איך דאָ.

די קהלה אין סאָסנאָוויץ

ביזן יאָר 1899 האָט דאָס יידישע סאָסנאָוויץ אָנגעהערט צו דער בענדינער קהלה. טראָצדעם, וואָס די צאָל יידן אין סאָסנאָוויץ איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קליינע, פונדעסטוועגן האָבן זיך שוין געפונען העכער 350 עטאָט צאָלער

דאָס באַווייזט, אַז ס'האָט דעמאָלט געהערשט אַ ווילשטאַנד צווישן די דאָרטיקע יידן.

אין יאָר 1893 האָט אין סאָסנאָוויץ געבושעוועט אַ שווערע כאָלערע עפּידעמיע, וואָס האָט גורם געווען. אַז די דאָרטיקע יידן זאָלן גרינדן, אין יאָר 1894, אַן אייגענעם בית־החיים.

ביז דעמאָלט האָט מען סאָסנאָוויצער בר־מינגס קובר געווען אויפן בענדינער בית עולם.

די ערשטע דאַזאָרעס פון דער סאָסנאָוויצער קהלה זענען געווען: סט. רייכער. ד״ר יאַקוב נויפעלד. אַדאָלף אָפּענהיים און אַדאַם בערגמאַן (קאַסירער). די אַלע פערזאָנען זענען געווען פאָרשטייער פון דער אַסימילאַציע. בעת דער צווייטער קאַדענץ זענען געווען: יהושע סלוטשעווסקי שמואל רעכניץ און לייב ענגלאַרד. אין דער דריטער קאַדענץ זענען געווען: משה פישל. יהושע פאַכטער און משה קעניגסבערג. אין דער פירטער קאַדענץ זענען געווען: משה פישל. אַדאַם בראַנציקי און גרונעם סאַפּער. אין דער פינפטער קאַדענץ זענען געווען: ישראל משה וויינריב, ח. י. זאַיאָנץ, מענדל שאַפּירא, הערץ ליפשיץ און לייביש זענדל. די פינפטע קאַדענץ איז נאָמינירט געוואָרן דורך דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט און האָט אָנגעהאַלטן ביזן יאָר 1924.

ביי די קהלה־וואַלן אין יאָר 1924 זענען געוויילט געוואָרן 5 ציוניסטן און 5 אָרטאָדאָקסן. אַלס פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג איז אויסגעוויילט געוואָרן ד״ר אברהם פערלמאַן און אַלס וו. פאָרזיצער — לייביש זענדל. פאָרזיצער פון ראַט איז געווען ד״ר טוביה מעלאָדיסטאַ. און וו. פאָרזיצער — לייביש שווייצער, ווען אין יאָר 1928 שטאַרבט ד״ר פערלמאַן נעמט דעם פאָרזיצער־אַמט איבער לייביש זענדל. וועלכער איז טעטיק ביזן יאָר 1935. אינם זעלבן יאָר איז צוליב דעם שווערן פינאַנסיעלן מצב פון דער קהלה, ווי אויך צוליב די שאַרפע סיכסוכים צווישן דער פאַרוואַלטונג און דעם ראַט אין שייכות מיט רבנים־וואַלן, די קהלה פאַרוואַלטונג אויפגעלייזט געוואָרן און אויף איר אָרט האָט די מאַכט נאָמינירט אַ קאָמיסאַרישע־פאַרוואַלטונג מיט בעריש טענצער בראש.

אין סעפּטעמבער 1935 זענען ווידער פאָרגעקומען וואַלן צו דער קהלה און די ניי־געוויילטע קהלה־אָרגאַנען האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט דעם 28־טן פעברואַר 1937.

דער צוזאַמענשטעל פון דער איצטיקער פאַרוואַלטונג איז פאָלגנדיקער: סאַלאָמאָן לייזעראָוויטש, פאָרזיצער (ציוניסט) — שמחה ווילטשיק, וו. פאָרזיצער — ראובן טשאַפּניק. אייזיק לייב פייערמאַן, שלמה חיים וואָרמאַן (רעליגיעז־ווירטשאַפט־לעכער־בלאָק) — דוד לעוואָרטאָווסקי. יצחק לייביש שטיינ־פעלד (מזרחי) — שלום פּילץ (ליגע פאָרן אַרבעטנדיקן א״י) — שלמה נחום לאַנגער (האַנטווערקער) — משה קייזער (אגודה).

דעם 5־טן דעצעמבער 1938 טרעט ראובן טשאַפּניק אַרויס פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג און אויף אָרט קומט מענדל טשעכאָווסקי. דעם 18־טן יאַנואַר 1939 לייגט יצחק שטיי־פעלד זיין מאַנדאַט און אויף זיין אָרט גייט אַריין משה מערין (ציוניסט).

דער ראַט באַשטייט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער: יוסף מייטליס, פאָרזיצער (רעליגיעז־ווירטשאַפטלעכער־בלאָק) — בערנאַרד יאַסני, וו. פאָרזיצער (רעוויזיאָניסטן) — שלמה דאַלעסמאַן. חיים דאַנציגער, דוד לענטשנער, אברהם ליבערמאַן (רעל. ווירטשאַפטלעכער בלאָק) — ד״ר טוביה מעלאָדיסטאַ (ציוניסט) — יוסף גאָלדבערג (ליגע פאָרן אַרבעטנדיקן א״י) — ד״ר הערש ליבערמאַן (פּועלי ציון לינקע) — ברוך זשעפּקאָוויטש (מזרחי) — ברוך סעצעמסקי (אגודה) — יואל דיאַמענט (האַנטווערקער) — ברוך דוד דודקיעוויטש (קליינהענדלער) — אברהם ראָטנער (רעל. אומפּאַרטייאישע).

וואָס שייך דער סאָסנאָוויצער רבנים־כראָניק שטעלט זיך די זאַך אַזוי פאָר: זייט דעם יאָר 1902 האָט די פונקציע פון אַזוי גערופענעם קאַזיאָנע ראַבינער דערפילט דוד שטיינזאַלץ און די רעליגיעזע פונקציעס האָט דערפילט דער רב ר׳ אברהם מאיר גיטלער ז״ל, וועלכער איז שפּעטער דורך דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט באַשטעטיקט געוואָרן אַלס אָפי־ציעלער רב אין סאָסנאָוויץ. גלייכצייטיק איז אַלס מורה הוראה געווען טעטיק הרב ר׳ יצחק גליקמאַן ז״ל. ביים הייַנטיקן טאָג דערפילט די פונקציעס פון אַ צייטווייליקן רב ר׳ מנחם שוואַרץ.

דער נאָרמאַלער יערלעכער קהלה־בודזשעט באַטרעפט אַרום 200 טויזנט גילדן. אין יאָר 1938 זענען אין סאָסנאָוויץ געווען 2628 עטאַט־צאָלער (פון 5—1000 גילדן), די הויפט הכנסה־קוואַלן פון דער קהלה זענען: עטאַט, שחיטה און בית החיים.

די אַלגעמיינע סובווענצן־סומע לטובת געזעלשאַפטלעכן שוץ, רעליגיעזע און קולטור אינסטיטוציעס, האָט אין יאָר 1938 באַטראָפן 50 טויזנט גילדן, ד״ה 25% פונם גאַנצן בודזשעט.


די קהלה באַשעפטיקט 35 אָנגעשטעלטע. דערפון 5 אינם ביורא.

די שטאָט סאָסנאָוויץ מיט דער אומגעגנט ציילט אַרום 125 טויזנט איינוווינער. פון זיי צירקאַ 27 טויזנט יידן. דאָס מאַכט אויס קנאַפּע 22% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דאס פרעזידיום פון דער סאסנאָוויצער קהלה אין יאר 1939



שלום לייזעראָוויטש
פאַרזיצער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג, וו. פאַר־זיצער פון דער ציוניסטישער אָרג., וו. פאַרזיצער פון הויזבאַזיצער־פאַריין, וו. פאַרזיצער פון יידישן ראַטמענער־קרייז ביים סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט, פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון סוחרים און אינדוסטריעלער פאַריין, דיר. פון די פאַרזיכערונג־געזעלשאַפטן: „פיאַסט" און „רואיניאַנע אַדריאַטיקאַ".



יוסף מייטליס
פאַרזיצער פון קהלה־ראַט, וו. פאַרזיצער פון קאַמיטעט פון יידישן שפּיטאַל



שמחה ווילטשיק
וויצע־פאַרזיצער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג



בערנאַרד יאַסני
וויצע־פאַרזיצער פון קהלה־ראַט

די פאַרוואַלטונג פון דער סאָסנאָוויצער קהלה אין יאָר 1939



א. ל. פייערמאַן



ש. נ. לאַנגער



מ. טשעכאָווסקי



ש. ח. וואַרמאַן



י. לעווענהאָף



ל. שטיינפעלד



ד. לעוואַרטאָווסקי



ש. פילץ

יידן אין סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט

דער ערשטער סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט אין ווידעראויפֿגעלעבטן פוילן האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין יאָר 1920 און האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די פאָרשטייער פון די פאַרשידנסטע פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען.

אינם דאָזיקן שטאָט־ראַט, וועלכער איז אויסגעווילט געוואָרן לויט דער פינפאַכיקער וואַל־אָרדינאַציע, זענען געווען פאַרטרעטן פאָלגנדיקע יידישע ראַטמענער: מענדל לובעלסקי, גרונם סאַפּער, אינזש. יוזעף יינגסטער, ד״ר אברהם פערלמאַן, ש. זיסקינד, ע. מאַשקאָווסקי, ב. טענצער, מ. יודענהערץ און צודזינאָווסקי.

אין ערשטן שטאָט־ראַט זענען צונויפֿ געווען 40 ראַט־מענער און די קאַדענץ האָט אָנגעהאַלטן 5 יאָר (1920—1925).

אין דער שפּיץ פונם שטאָט־ראַט איז געשטאַנען דער אַזוי גערופענער „סעניאָרן־קאָנווענט", אין וועלכן ס׳זענען געווען באַרטרעטן די פאָרשטייער פון אַלע ראַטמענער גרופּעס, צווישן זיי אויך די יידישע ראַטמענער: ד״ר א. פערלמאַן און מ. לובעלסקי.

אין פאַרשידענע געביטן פון דער שטאָט־ווירטשאַפט זענען געשאַפן געוואָרן קאָמיסיעס און דער פאָרשטייער פון די יידישע ראַטמענער אין אַלע קאָמיסיעס איז געווען מ. לובעלסקי.

צוליב דעם, וואָס דער שטאָט־ראַט איז דעקאָמפּלעטירט געוואָרן, איז ער אין יאָר 1925 אויפֿגעלייזט געוואָרן. במשך פון אַ קורצער צייט זענען דאַן אַנטשטאַנען 3 שטאָט־ראַטן און שפּעטער איז געשאַפן געוואָרן דער ערשטער „קאָמיסאַרן ראַט", אין וועלכן ס׳זענען אַריין 2 יידן: לייביש זענדל און הערמאַן אַלינער. ערשט אין יאָר 1934 איז אויפן גרונט פון אַ נייעם וואַל־געזעץ אויסגעווילט געוואָרן דער איצטיקער שטאָט־ראַט, וועלכער באַשטייט פון 44 מיטגלידער דערפון 9 יידן.

די יידישע מיטגלידער האָבן געשאַפן אַ „ראַטמענער־קרייז", כדי פאַרייניקט אַרויסצוטרעטן אויפן פאָרום פון שטאָט־ראַט. דער צוזאַמענשטעל איז פאָלגנדיקער: מענדל לובעלסקי און שלום לייזעראָוויטש (הויזבאַזיצער פאַריין), הערמאַן אַלינער, דוד קייזער (קליינהענדלער), ברוך מייער־טשיק (רעוויזיאָניסטן), יוזעף סאָפּער (סוחרים און אינדוסט־ריעלער), יעקב קראַמאַלאָווסקי (ציוניסטן), לייביש שווייצער (אָרטאָדאָקסן), אַדאַם זילבערשלאַג (האַנטווערקער).

די טעטיקייט פון די יידישע ראַטמענער איז געווען זייער באַשווערט צוליב דער נישט גינסטיקער שטימונג לגבי יידן, וואָס האָט גורם געווען צו אָפטע אינטערווענצן אויפן פלענום פון שטאָט־ראַט און צו קאָנפערענצן מיטן שטאָט־פּרעזידענט.

די יידישע ראַטמענער האָבן געפירט אַ זייער לעבהאַפטיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָלי־טיק אין יעדער ריכטונג און האָבן געוויסנהאַפט פאַר־טיידיקט די אינטערעסן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָסנאָוויץ.

אַדאַנק זייער פּאָזיציע און באַציונגען, זענען די יידישע ראַטמענער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון יעדער געזעלשאַפט־לעכער, פּאָליטישער און ווירטשאַפטלעכער אַקציע אין אונזער שטאָט, און האָבן אויך אָפט רעפּרעזענטירט די יידישע געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ כלפּי חוץ, אויף לאַנד־צוזאַמענ־פאָרן אַדער אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן.

בעת דער איצטיקער קאַדענץ האָט דער „ראַטמענער־קרייז" דעלעגירט אין דער אַלגעמיינער רעווידיר־קאָמיסיע פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג דעם ד"ר טוביה מעלאַדיסטאַ.

דער יידישער „ראטמענערקרייז" אין סאסנאוויצער שטאט־ראט אין יאר 1938



מ. לובעלסקי
פּאָרזיצער
(הויזבאַזיצער־פאַריין)



ה. אַלינער
וו. פּאָרזיצער
(קליינהענדלער־פאַריין)



ב. מייערטשיק
ערן־סעקרעטאַר
(רעוויזיאָניסטן)



ד. קייזער
(קליינהענדלער־פאַריין)



ל. שווייצער
(אָרטאָדאָקסן)



א. זילבערשלאַג
(האַנטווערקער־פאַריין)

.II
געזעלשאפטלעכער טייל

דער קאעדוקאציע־ליציי, גימנאזיע און פאלקס־שול פון דער יידישער שול־געז. אין סאסנאוויץ.

אין די יארן 18/1916, בעת דער דייטשער אקופאציע, זענען אין פארשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן אנטשטאנען א גאנצע ריי יידישע שולן מיט אן אויסגעשפראכענעם נאציאנאלן כאראקטער.

אין סאסנאוויץ האט דער ענין אביסל אנדערש אויסגעזען.



ד״ר טוביה מעלאדיסטא
פארוואלטונג־פארזיצער פון דער גימנאזיע, פארזיצער פון דער ציונ. ארג. אין סאסנאוויץ, וו. פארזיצער פון זאגלעמביער קאמיטעט פון פריינט פון ירושלימער אוניווערזיטעט, פארזיצער פון זאגלעמביער יידישן דאקטוירים פאריין, פארזיצער פון סאסנאוויצער „קרן־היסוד״־קמיטעט, מיטגליד פון קהלה־ראט, מיטגליד פון דער אלגעמיינער רעווידיר־קאמיסיע ביי דער שטאט־פארוואלטונג, מיטגליד פון ציוניסטישן פארטיי־ראט אין פוילן. געוו. פארזיצער פון יידישן ראטמענער־קלוב אין סאסנאוויץ, פארזיצער פון קהלה־ראט (1932־1924) און ארדינאטאר פון יידישן שפיטאל אין סאסנאוויץ (1929־1921).

נאך אין יאר 1915 איז דא געגרינדעט געווארן א פרויען־גימנאזיע פאר יידישע קינדער מיט בולטע אסימילאטארישע טענדענצן. אין דער דאזיקער שול זענען די למודים פארגעקומען אויך אין שבתים און ימים טובים. ערשט נאך א שטארקן דרוק מצד דער לערערשאפט פון דער דערמאנטער



ד״ר פייוול ווידערמאן
דירעקטאר פון דער גימנאזיע, פארזיצער פון דער יידישער לאנדקענטשאפט געז. אין זאגלעמביע, פארזיצער פון דער געז. „גאוושעיא״ אין סאסנאוויץ. געוו. דירעקטאר פון דער גימנאזיע „יבנה״ אין בענדין און געוו. ראטמאן פון בענדינער שטאט־ראט.


שול, איז דער אונטעריכט אין די יידישע פייערלעכע טעג אפגעשטעלט געווארן. די שול האט עקזיסטירט ביזן יאר 1922.

אויף די חורבות פון דער דאזיקער שול איז מען אין יאר 1922 צוגעטרעטן צו דער גרינדונג פון א יידישער

גימנאַזיע אין סאָסנאָוויץ, ווו די דערציונג האָט זיך געדאַרפט שטיצן אויף דער יידיש־נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע. גרויסע פאַרדינסטן ביים גרינדן פון דער גימנאַזיע האָט געהאַט דער פאַרשטאָרבענער ד״ר אברהם פערלמאַן. די געזעלשאַפט, וואָס איז דעמאָלט אַנטשטאַנען, און וועמענס ציל ס'איז געווען דער פונאַנדערבוי פונם יידישן שולוועזן אין סאָסנאָוויץ האָט אויף איר וועג אָנגעטראָפן אויף אַ ריי שוועריקייטן, וועלכע האָבן גורם געווען, אַז אין די ערשטע יאָרן איז די אַנטוויקלונג פון דער גימנאַזיע פאָרגעקומען אין אַ לאַנג־זאַמען טעמפּאָ. דאָס יידישע סאָסנאָוויץ, וועלכע האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין דייטלעכן און איינהייטלעכן פּרצוף, איז נישט שנעל היימיש געוואָרן מיט דער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן געביט פון דערציען די יידישע יוגנט און האָט ווייטער מאַסנווייז געשיקט זיינע קינדער אין נישט־יידישע שולן, ווו מ'האָט זיי דעמאָלט גערן אויפגענומען. ס'איז אַ גענוג טרויעריקער פאַקט, אַז נישט בלויז די אַזוי גערופענע אַסימילירטע קרייזן, נאָר אויך נאַציאָנאַלע יידן האָבן סיסטעמאַטיש אויסגעמיטן די יידישע שולן.

דער ערשטער, ווי געוויינלעך, איז דערשינען דער איינ־פאַכער ייד, פאַר וועלכן דאָס יידנטום איז נישט קיין שום פּראָבלעם נאָר אַפאַקט, וואָס מ'קאָן נישט אָפּלייקענען. דער דאָזיקער ייד פון דער מאָנדזשעווער גאַס איז געווען דער פּיאָנער און גלייכצייטיק דער שעפער פונם יידישן שול־וועזן אין סאָסנאָוויץ.

דאָס ערשטע שול־יאָר אין דער גימנאַזיע אונטער דער אויפזיכט פון דער יידישער שול־געזעלשאַפט, האָט זיך נישט קיין סך געענדערט פון די פריערדיקע שול־יאָרן אין דער אַמאָליקער לערנאַנשטאַלט. די יידישע שול־געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ האָט נישט געגרינדעט קיין נייע שול פון יסוד אויס, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין אַנדערע שטעט, נאָר זי האָט דערוואָרבן אַ שוין עקזיסטירנדיקע, שטאַרק אַסימי־לירטע פּריוואַטע־גימנאַזיע, וועלכע האָט געדאַפט איבער־געשטאַלטיקט ווערן אויף אַ נאַציאָנאַלער שול. דאָס איז געווען אַ זייער נישט אָנגענעמע ירושה און מען האָט זיך פון פריערדיקע גמחוס רעכענען דערמיט, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס וועט דויערן אַ ריי יאָרן, ביז דער „דור המדבר" וועט ענדלעך פאַרלאָזן די שול־מויערן. ס'איז דאַן איבער־גענומען געוואָרן נישט בלויז אַ מינדערוועריקער שול־אינווענטאַר, נאָר אויך אַ יוגנט וועלכע איז במשך פון אַ ריי יאָרן צוגעוווינט געוואָרן צו גאַנץ אַנדערע פאַר־העלטענישן. דער דאָזיקער מצב, ווי אויך די גלייכגילטיקע באַציונג מצד אַ טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ, האָבן גורם געווען צו דער זייער לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פון דער גימנאַזיע. טראָצדעם, האָבן די לייטונג און די פאַרוואַלטונג זייער פּלאַן גאַנץ קאָנסעקווענט אַדורכ־געפירט ס'זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום הנחות, סיי פאַר יענע יידישע קרייזן, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן אַ יידישע שול אָבער אָן יודאַיסטישע קעגנשטאַנדן, און סיי פאַר דער שול־מאַכט, וואָס האָט דעמאָלט נישט גערן געזען קיין ענדערונגען אין דער שול, וועלכע איז אין איר ערשטער סטאַדיע שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן מצד דער דאָזיקער מאַכט. מ'דאַרף וויסן, אַז במשך פון לאַנגע יאָרן האָט נאָך דערזעלבער וויזיטאַטאָר באַזוכט די יידישע גימנאַזיע, וועלכע



דער פראָנט־טייל פון דער גימנאַזיע־געביידע


ער האָט געקאָנט פון יענע צייטן ווען זי האָט געדינט די אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַציע־טענדענצן. דאָס אַסימילירן די יידישע שול־יוגנט איז אין די ערשטע צייטן פונם ווידער־אויפגעלעבטן פּוילן שטאַרק אונטערשטיצט געוואָרן מצד דער שול־מאַכט, וואָס איז שפּעטער ווידער געענדערט געוואָרן.

טראָץ די באַשיידענע מאַטעריעלע מיטלען און דעם פעלן פון אונטערשטיצונג מצד דער סאָסנאָוויצער יידישער געזעל־שאַפט, ווי אויך דער נישט גינסטיקער באַציונג פון דער שול־מאַכט, האָט זיך דאָך די גימנאַזיע, וואָס ווייטער אַלץ מער, אַנטוויקלט און האָט זיך דערוואָרבן דעם אַלגעמיינעם צוטרוי. ס'איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז די דאָזיקע לערנשטאַלט האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין שום קאָמ־

פראַמיסן, וועלכע האָבן געזאָלט צואיילן דאָס באַקומען רעכט פון מלוכה־גימנאַזיעס, צו וואָס ס׳האָבן זייער געשטרעבט פיל עלטערן, פאַר וועלכע דאָס באַקומען אַ צייגעניש פון אַ שול מיט עפנטלעכע רעכט איז מער ווערט געווען ווי אַ יידיש נאַציאָנאַלע דערציונג. די אויפגאַבע פון דער שול־לייטונג איז געווען צו שאַפן אַ מוסטערהאַפטע יידיש־נאַציאָנאַלע לערן און דערציונג אַנשטאַלט און זי האָט באַשלאָסן, דאָס אויב ס׳וועט איר געלונגען צו באַקומען עפנטלעכע רעכט נישט אָפּטרעטנדיק פון איר פּראָגראַם — איז גוט, אין קעגנפאַל וועט זי מוזן פון דער דאָזיקער מתנה רעזיגנירן. מען מוז מודה זיין, אַז די שול־מאַכט האָט גענוג שנעל און יושרדיק אָפּגעשאַצט די אַרבעט פון דער לייטונג און אויפן שול־יאָר 30/1929 האָט די לערנאַנשטאַלט באַקומען עפנטלעכע רעכט, טראָצדעם. וואָס זי האָט זיך נאָך דעמאָלט געפונען אין אַ נישט אַנטשפּרעכנדיקן לאָקאַל.

הגם דאָס באַקומען עפנטלעכע רעכט איז געווען אַ וויכטיקער שריט פאָרויס אין דער אַנטוויקלונג פון דער שול, האָט מען פונדעסטוועגן נאָכנישט געקאָנט וויסן צו דער מצב פון דער לערנאַנשטאַלט וועט זיך באַדייטנדיק פאַרבעסערן, און דאָס צוליב דער פאָלגנדיקער סיבה: ווייל אויב די סאָסנאָוויצער יידישע גימנאַזיע האָט אויף איר אַנטוויקלונג־וועג אָנגעטראָפן אויף אַ גאַנצע ריי שוועריקייטן, וועלכע זענען אויבן דערמאָנט געוואָרן, דאַרף נאָך אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז זי איז, אין געוויסע הינזיכטן, געווען אַן אוניקאַט אין יידיש־נאַציאָנאַלן שולוועזן אין פּוילן. די גימנאַזיע איז געווען אַ לערנאַנשטאַלט פאַר מיידלעך און זי איז דעריבער נישט געווען צוטריטלעך פאַר יינגלעך, צוליב דעם איז די פרעקווענץ פון פריעראויס געווען אַ שטאַרק באַגרענעצטע. די לאַגע האָט זיך נאָך דערמיט פאַרערגערט, וואָס אין שכנותדיקן בענדין איז די יידישע גימנאַזיע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָעדוקאַציע־לערנאַנשטאַלט, און מ׳האָט פון דאָרט נישט געקאָנט דערוואַרטן קיין צופלוס פון שילערינס. די פאַרוואַלטונג פון דער סאָסנאָוויצער יידישער גימנאַזיע האָט געפּרווט אונטערצוהאַנדלען מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער בענדינער גימנאַזיע אין דער ריכטונג, אַז אין דער בענדינער שול זאָלן נור אָנגענומען ווערן שילער און אין דער סאָסנאָוויצער שול בלויז שילערינס. ווען די אונטערהאַנדלונגען האָבן נישט געבראַכט קיין פּאָזיטיוון דערפאָלג, איז די סאָסנאָוויצער גימנאַזיע־פאַרוואַלטונג געצוווּנגען געוואָרן צו זוכן אַן אַנדערן אויסוועג, כדי צו לעזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם. די לייטונג האָט זיך דעריבער אָנגעהויבן צו באַמיען ביי דער שול מאַכט וועגן פאַרוואַנדלען די פּרויען־גימנאַזיע אין אַ קאָעדוקאַציע־לערנאַנשטאַלט, און אויך אין דעם פאַל האָט זיך די שול־מאַכט גינסטיק באַצויגן צו דער שטרעבונג פון דער פאַרוואַלטונג, און זייט דעם שול־יאָר 34/1933 האָט זי אויך דערלויבט אָנצונעמען יינגלעך.

אַ צווייטע פאַטאַלע שטערונג אין דער אַנטוויקלונג פון דער גימנאַזיע איז געווען דאָס פעלן פון אַ געהעריקן לאָקאַל, די לערנאַנשטאַלט האָט זיך במשך פון יאָרן געפונען אויפן דריטן שטאָק פון אַ געוויינלעך וווינהויז, וועלכעס האָט זיך אין קיין שום הינזיכט נישט איינגעגעבן אויף אַ שול.



אַ פראַגמענט פון שול־קאָרידאָר

די לאַגע האָט זיך ערשט פאַרבעסערט אין יאָר 1933, ווען ס'איז געדונגען געוואָרן אַ ספּעציעלער בנין אין צענטער פון דער שטאָט, די דאָזיקע געביידע איז לויט די דעמאָלסטיקע פאַרהעלטענישן געווען אַ גענוג אימפּאָנירנדיקע און זי האָט אָנגעהערט צו איינע פון די בעסטע שול־געביידעס אין סאָסנאָוויץ.


דאָס באַקומען קאָעדוקאַציע־רעכט אין אַ געהעריקן שול־בנין האָבן גורם געווען צו אַ כסדרדיקע שטייגערונג פון דער שול פרעקווענץ. די יידישע געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ, אויף וועלכער די גימנאַזיע האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אין הינזיכט פון נאַציאָנאַלער באַוווסטזיניקייט, האָט אָנגעהויבן צו באַשענקען די שול מיט אַ שטאַרקן צוטרוי. ווי אַ באַווייז דערצו קאָן דינען דער פאַקט, דאָס במשך פון אַ קורצער צייט האָט זיך די פרעקווענץ פאַרטאָפּלט און שפּעטער אפילו פאַרדרייפאַכיקט אין באַצוג צום יאָר 1932.

אויב אַ גרויסער טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ האָט פריער בפירוש אויסגעמיטן די שול צוליב דעם, וואָס די יודאַיסטישע למודים האָבן דאָרט פאַרנומען אַ זייער חשוב אָרט, איז איצט דאָס פונאַנדערבויען דעם יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָגראַם געוואָרן אַן אַטראַקציע, וועלכע דאַרף צוגעשריבן ווערן אָלס פאַרדינסט פון דער שול־לייט־נג. ס'מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די אַכטונג ביי דער שול־מאַכט, ווי אויך ביי דער יידישער געזעלשאַפט, האָט זיך די שול דערוואָרבן נור צוליב דעם, וואָס די לייטונג האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט קיין שום קאָניונקטור און אָפּאָרטוניזם פון די מאַסן, נאָר זי איז קאָנסעקווענט פאַרויס געגאַנגען אויפן איינמאָל אויסגעקליבענעם וועג. דער דאָזיקער וועג האָט באַטייט: אויפהויבן אויף וואָס אַמאָל העכערן ניווא די יודאַיסטישע למודים און די יידיש־נאַציאָנאַלע דערציונג פון דער שול־יוגנט.

די סאָסנאָוויצער גימנאַזיע האָט זיך קונה שם געווען אָלס אַ סאָלידע און גוטע לערנאַנשטאַלט, נישט בלויז ביי דער שול־מאַכט, נאָר זי איז אויך אָנערקענט געוואָרן אין גאַנץ פּוילן, אָלס אַן אַנשטאַלט, ווו די יודאַיסטישע למודים שטייען אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ. דאָס האָט אויך באַשטעטיקט די העברעישע מאַטורע, וואָס איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין שול־יאָר 38/1937. אינם איצטיקן מאָמענט, ביים אָנפאַנג פונם שול־יאָר 39/1938, באַזיצט די יידישע שול־געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ פאָלגנדיקע לערנאַנשטאַלטן: אַ פאָלקס־שול, אַ קאָעדוקאַציע־גימנאַזיע און אַ ליציי, ווו עס לערנען העכער 400 שילער. די צאָל וואָלט געווען אַ פּיל גרעסערע, ווען דער שול־בנין, וואָס איז זייט דעם יאָר 1933 שוין 2 מאָל פונאַנדערגעבויט געוואָרן, וואָלט געקאָנט אַריינגעמען אַ גרעסערע צאָל קינדער. צום באַדויערן מוזן אַ סך קינדער, וועלכע ווילן אָנקומען אין דער סאָסנאָוויצער לערנאַנשטאַלט צוריקגעשיקט ווערן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ.

אָדום דער אַנטוויקלונג פון דער שול האָבן בסך הכל געאַרבעט עטלעכע יחידים, וועלכע האָבן זיך פאַרדינט געמאַכט ביים צופירן דאָס ווערק צו אַזאַ פּראַכטפולן מצב.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון די שול איז אָפּהענגיק פון דער אָפּפערוויליקער מיטאַרבעט מצד דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ. ביי די היינטיקע



די נאַטורוויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריע

באַדינגונגען, ווען די שול געביידע אַנטשפּרעכט שוין נישט מער דער נויטווענדיקייט און די פאָדערונגען פון אונזער שטאָט, קאָן שוין ליידער מער נישט געלייסטעט ווערן לטובת דער לערנאַנשטאַלט. נור אַן אייגענער גרויסער בנין, וועלכער זאָל אַריינעמען אַ פיל גרעסערע צאָל שילער, וואָלט געווען די קרוינונג פון דער פרוכטבאַרער אַרבעט אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער דערציונג פון אונזער יוגנט.

אין דער שפּיץ פון דער גימנאַזיע־פאַרוואַלטונג שטייט זייט דעם יאָר 1923, ד״ר טוביה מעלאָדיסטאַ, און זייט דעמאָלט געפינט זיך די לייטונג אין די הענט פונם ד״ר פייוול ווידערמאַן, וועלכער איז פריער, במשך פון 5 יאָר, געווען דירעקטאָר אין דער גימנאַזיע „יבנה" אין בענדין.

די קאָעדוקאַציע־האַנדלס־גימנאַזיע, די אייניעריקע האַנדלס־שול און די האַנדלס־אָוונט־קורסן

פונם סוחרים- און אינדוסטריעלער־פאַריין אין סאָסנאָוויץ.

די זאָרג וועגן העכערן דעם ניוואָ פונם יידישן סוחרטום, די נויטווענדיקייט צו מאָדערניזירן די יידישע האַנדלס־אונטערנעמונגען, ווי אויך די אײַנטריט־שוועריקייטן פאַר דער יידישער יוגנט אין די עקזיסטירנדיקע פאַך־שולן, האָבן אין דער לעצטער צייט אַרויפגעלייגט די פליכט אויף דער יידישער געזעלשאַפט אין פוילן זיך צו פאַרנעמען מיט דער אויסבילדונג פון נײַ קאַדרן יידישע סוחרים און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, וועלכע זאָלן זיין בכח צו פירן און אַנטוויקלען די פאַרשידענע אַרבעט־וואַרשטאַטן אויף אַ מאָדערנעם און געהעריקן אופן.

סקאָן קיינער נישט פאַרלייקענען, אַז דער יידישער סוחר באַזיצט פיל פאַך־קענטעניש, דערפאַרונג און איניציאַטיוו. דאָס פעלן, אָבער, פון אַ געהעריקער פאַך־אויסבילדונג איז די הויפּט־סיבה פונם צושטאַנד, דאָס די ברייטע יידישע סוחרישע־מאַסן אַרבעטן לויט אַלטע מעטאָדעס און האָבן דעריבער אויסצוהאַלטן די געוואַלטיקע קאָנקורענץ מצד אַ האַנדל, וואָס איז מאָדערן אָרגאַניזירט, און וועלכער באַנוצט זיך מיט די נײַעסטע וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע דערגרייכונגען.

אויב איניציאַטיוו, פעיקייטן און דערפאַרונג האָבן אַ זייער גרויסע באַדייטונג, גענוגען זיי אָבער שוין היינט נישט אויב זיי זענען נישט באַגלייט פון אַן אַנטשפּרעכנדיקער אויסשולונג.

די לעצטע שול־רעפאָרם אין פוילן זעט פאָר פאַרשידענע שטופן פון האַנדלס־בילדונג: אייניעריקע־שולן, גימנאַזיעס, ליצייען און העכערע האַנדלס־שולן. דעו פראַצענט־זאַץ, אָבער, פון דער יידישער יוגנט אין די פאַרשידענע טיפּן האַנדלס־שולן איז דער מינימאַלסטער. עס איז דעריבער איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון די יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיך צו פאַרנעמען מיט דעם פונאַנדערבוי פונם יידישן האַנדלס־שולוועזן.



יוזעף סאַפּער

איניציאַטאָר, גרינדער און קוראַטאָר פון דער האַנ־דלס־גימנאַזיע, פאָרזיצער פון סוחרים און אינדוס־טריעלער־פאַריין, וו. פאָרזיצער פון דער האַנדלס — און אינדוסטריע־קאַמער אין סאָסנאָוויץ, מיטגליד פון סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט, האַנדלס־ריכטער ביים סאָס־נאָוויצער קרייז־געריכט, סעקרעטאַר פון הויפּט־ראַט פון יידישן סוחרטום אין פוילן, פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער געז. „פריינט פון דער העברעישער אוני־ווערזיטעט אין ירושלים".

וועגן אָט די אַלע ברענענדיקע פראַגן איז אין זומער 1937 גערופן געוואָרן קיין וואַרשע אַ צוזאַמענפאָר פון פאָר־שטייער פון די יידישע האַנדלס־שולן און פון ווירטשאַפטלעכע־עסקנים, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן דער צענטראַל־קאָמיטעט פונם יידישן האַנדלס־שולוועזן אין פוילן.

אין סאָסנאָוויץ זענען די ערשטע שריט, אין דער ריכטונג צו שאַפן אַ יידישע האַנדלס־שול געמאַכט געוואָרן אין אויגוסט 1937. אויף אַ קאָנפערענץ, אין וועלכער ס׳האָבן

זיך באַטייליקט פּרעזעס יוזעף סאַפּער, פּרעזעס הערמאַן אַלינער און דירעקטאָר אהרן גאַטוואַרט, איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ געמיינזאַמע זיצונג פון די פאַרוואַל־טונגען פונם סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין און פונם קליינהענדלער־פאַריין, ספּעציעל געווידמעט דער שול־פראַגע. די זיצונג, אונטערן פאָרזיץ פון פּרעזעס סאַפּער, איז פאָרגע־קומען דעם 31־טן אויגוסט 1937 און עס איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַן אייניעריקע האַנדלס־שול.

עס איז געוויילט געוואָרן אַ שול־קאָמיטעט, וועלכן ס'איז אנפאַרטרויט געוואָרן אויסצופירן די באַשלוסן פון דער זיצונג. אין קאָמיטעט זענען אַריין פאָלגנדיקע פּערזאָנען: אַדאָלף לאַנדוי, וולאַדיסלאַוו פעלדמאַן, מאַוריצי רייכער, אברהם דוד קייזער, פּסח פּעדערמאַן און אינזש' ה. מאַנגעל.

די אייניעריקע האנדלס-שול

אַדאַנק די ענערגישע באַמיונגען פונם פּרעזעס יוזעף סאַפּער, האָט די שול־מאַכט ערטיילט די קאָנצעסיע און אין אָקטאָבער 1937 איז די אייניעריקע האַנדלס־שול, אונטער דער לייטונג פון דירעקטאָר גאָטוואַרט, געעפנט געוואָרן.

די שול איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ ספּעציעל צוגע־פאַסטן לאָקאַל אין סאָסנאָוויץ אויף פּשעיאַזד נר. 1. עס האָבן דאָרט געלערנט קרוב 50 שילער און שילערינס, וועלכע האָבן געשטאַמט נישט בלויז פון סאָסנאָוויץ, נאָר אויך פון גאַנץ זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע. די לערנ־אַנשטאַלט איז געוואָרן פאַרזען מיט אַלע נויטיקע שול־מכשירים און מאָדערנע לאַבאָראַטאָריעס פאַר סחורות־קענ־טעניש, אָרגאַניזאַציע־ און טעכניק פון האַנדל ווי אויך רעקלאַמע־טעכניק.

די פייערלעכע דיפּלאָמען פונאַנדערטיילונג צו די אַבסאָל־ווענטן איז פאָרגעקומען דעם 29־טן יאַנואַר 1939, נאָכדעם ווי זיי האָבן אַדורכגעמאַכט אַ דריי־חדשימדיקע פּראַקטיק אין פאַרשידענע האַנדלס־ און אינדוסטריע־אונטערנעמונגען אין זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע.

ביי דער שול עקזיסטירט אַן אויפזיכט־קרייז, בראש פון וועלכן עס שטייט אַ פאַרוואַלטונג פון פאָלגנדיקן צונויפ־שטעל: איגנאַצי ריינער (פאָרזיצער), פּרוי ד"ר בראָניסלאַוואַ גראָדזשינסקאַ (וו. פאָרזיצערין), פּרוי אינזש' לענאַ סטאַרקע־נאַכנער (קאַסירערין), אינזש' מאַמלאָק (סעקרעטאַר).


דער אויפזיכט־קרייז דערפילט אַ זייער וויכטיקע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, ער דעקט אַ טייל פונם שכר־למוד פון אומפאַרמעגלעכע שילער און שאַפט אויך פּראַקטיק פאַר די שול־אַבסאָלווענטן

די האנדלס-אָוונט-קורסן

האָבנדיק צו דיספּאָזיציע דעם נויטיקן שול־אַפּאַראַט און אַ צוגעפּאַסטן לערער־פּערסאָנאַל, האָבן די פאַרוואַלטונגען פונם סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין און פונם קליינ־הענדלער־פאַריין באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן האַנדלס־אָוונט־קורסן פאַר סוחרים און האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

דער ערשטער, 5־חדשימדיקער קורס איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן אונטער דער לייטונג פון דירעקטאָר גאָטוואַרט אין יאַנואַר 1938. די צוהערער־פרעקווענץ איז געווען אַ זייער הויכע.

די שלוס־עקזאַמענס זענען פאָרגעקומען אין יוני 1938 ביי דער אָנוועזנהייט פון פאָרשטייער פון דער סאָסנאָוויצער



דער פראָנט־טייל פון דער גימנאַזיע־געביידע

האַנדלס־און אינדוסטריע־קאַמער און פון יידישע ווירטשאַפטלעכע קרייזן.

די קורסן זענען קאָנצעסיאָנירט דורך דער שול־מאַכט און דעריבער האָט די לייטונג דאָס רעכט אַרויסצוגעבן די צוהערער אָנטשפּרעכנדיקע, דורך דער שול־מאַכט באַשטעטיקטע, ענדע־צייגענישן.

אַחוץ דעם 5־חדשימדיקן קורס, האָט אויך דער סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין אַ רעכט צו עפענען אַ גאַנצע ריי פאַרשידענע אַנדערע קורסן.

די האַנדלס-גימנאַזיע

די אייניעריקע־האַנדלס־שול און די האַנדלס־אָוונט־קורסן שעפּן אָבער נאָכנישט אויס דאָס פּראָבלעם פונם יידישן האַנדלס־שולוועזן. דאָס פעלן פון אַ יידישער קאָעדוקאַציע האַנדלס־גימנאַזיע אין זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע האָט זיך זייער שטאַרק געלאָזט פילן ביי דער יידישער יוגנט אין די ביידע אַזוי וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע צענטערן.

אַדאַנק דער אָנרעגונג פונם אומדערמידלעכן עסקן פּרעזעס יוזעף סאַפּער האָט די פאַרוואַלטונג פונם סאָסנאָוויצער סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין, אויף אַ זיצונג פון 9־טן נאָוועמבער 1937, באַשלאָסן צוצוטרעטן צו בויען אַ יידישע האַנדלס־גימנאַזיע. די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער האָבן אויף דער דערמאָנטער זיצונג גלייך דעקלאַרירט גרעסערע סומעס לטובת דעם צוועק.

דעם 30־טן נאָוועמבער 1937 האָט די פאַרוואַלטונג געקויפט אַ פּלאַץ אויף דער סקלאַדאָוואַ גאַס. ס׳דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרשטענדעניש מצד דעם פּלאַץ־אייגנטימער סאַלאָמאָן פּערעלבערגער פון קראָקע ביים פאַרקויפן דעם פּלאַץ, ווי אויך די באַמיונגען פון קלמן פישעל (פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין אין סאָסנאָוויץ) ביים רעאַליזירן די טראַנזאַקציע.

סוף יוני 1938 איז מען צוגעטרעטן צו בויען דעם בנין און דעם 20־טן יולי איז פאָרגעקומען די פייערלעכע גרונט־שטיין־לייגונג. מיט דער פייערלעכקייט האָט אָנגעפירט פּרעזעס יוזף סאַפּער, וועלכער האָט געהאַלטן די איינלייטונג־רעדע אין דער אָנוועזנהייט פון פיל פאָרשטייער פון דער יידישער געזעלשאַפט אין זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע.

דער נייער בנין איז געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער שול־יוגנט אין אָנהויב פון שול־יאָר 39/1938.

אין דער שול־געביידע, וואָס איז ערשט אַ טייל פון אַ ברייט פּראָיעקטירטן בנין, געפינען זיך איצט (שול־יאָר 39/1938) : 2 ערשטע קלאַסן פון דער האַנדלס־גימנאַזיע, 3 קלאַסן פון דער אייניעריקער האַנדלס־שול און די האַנדלס־אָוונט־קורסן.

די שול־יוגנט רעקרוטירט זיך נישט בלויז פון סאָסנאָוויץ נאָר אויך פון אַ גאַנצע ריי שטעט אין זאַגלעמביע און אויבער־שלעזיע.

די גרויסע און באַקוועמע לערנזאַלן, די מאָדערנע לאַבאַ־ראַטאָריעס און שול־מכשירים מחוץ ביי יעדן אַרויסרופן באַוווּנדערונג.

אין פּראָגראַם פון די למודים ווערן, אַחוץ די אַלגעמיינע און האַנדלס־קעגנשטאַנדן, אויך אין אַ זייער ברייטער מאָס באַריקזיכטיקט יודאַיסטישע קעגנשטאַנדן (ספּעציעל העברעיש).

די דערציונג פון דער שול־יוגנט ווערט געפירט אין מלוכהש־בירגערלעכן און יידיש־נאַציאָנאַלן גייסט.

עס ווערט אויך געלייגט אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט אויף דער פיזישער דערציונג פון דער יוגנט, וועלכע האָט צו איר דיספּאָזיציע, אויסער די געהעריקע ספּאָרט־מכשירים, אויך אַ גרויסן שפּיל־פּלאַץ ביי דער שול.

אויב אַזאַ גרויסער בנין האָט געקאָנט אויסגעפּאַרטיקט ווערן במשך עטלעכע חדשים, איז עס דער קאָלאָסאַלער פאַרדינסט פונם פּרעזעס סאַפּער, וועלכער האָט געטראָגן די שווערע לאַסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם אימפּאָזאַנטן ווערק.

דאָס צו דערגרייכן איז דעם פּרעזעס סאַפּער דערמעגלעכט געוואָרן, אַדאַנק דער אָפּפערווילעקייט פון פאָלגנדיקע נדבנים: אַלעקסאַנדער גוטמאַן, הענריק זינגער, אהרן זינגער, אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער און פרוי רעגאַ שפּיגעל, וועלכע האָבן לטובת דעם צוועק געשפּענדעט גרעסערע סומעס.

כדי פולשטענדיק צו פאַרענדיקן דעם שול־בנין און כדי צו שאַפן די נאָך נויטווענדיקע געלט־מיטלען האָט זיך אונטערן פאָרזיץ פונם פּרעזעס יוזעף סאַפּער, אָרגאַניזירט אַ בוי־קאָמיטעט פון פאָלגנדיקן באַשטאַנד : מאַרקוס בירמאַן, הענריק זינגער, מענדל לובעלסקי, אינזש׳ מאַקס ליפשיץ, אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער, פּרץ סקשיניא און אינזש׳ באַלעסלאַוו דאַנאַט־שלייפשטיין.


די לייטונג פון די לערנאַנשטאַלטן געפינט זיך אין די הענט פונם דירעקטאָר אהרן גאָטוואָרט, אַדאַנק וועמענס פאַכמענישקייט, פּעדאַגאָגישע־פעיקייטן און איבערגעבנקייט עס האָבן די דערמאָנטע שולן, שוין אין ערשטן יאָר פון זייער עקזיסטענץ, דערגרייכט צו אַ זייער הויכער אַנטוויקלונגס־שטופע.

די „מזרחי״ שול

איינע פון די באַדייטנדיקסטע קולטור־דערציערישע פּאָזיציעס אויפן שטח פון דער שטאָט, פאַרנעמט בלי ספק די „מזרחי־שול״ אין סאָסנאָוויץ.

צוויי דורות פון רעליגיעז־נאַציאָנאַל באַוווּסטזיניקע יידישע יוגנטלעכע האָט די „מזרחי״־שול במשך פון אירע איבער צוויי צענדליק יאָרן פון עקזיסטענץ שוין באַוויזן צו דערציען, ביישטייערנדיק אַזוי־אַרום אין אַ באַדייטנדיקער מאָס צו דער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג פון יידישן פאָלק. ס׳איז דעריבער נישט קיין ווונדער, אַז די שול האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן צוטרוי ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ.

געגרינדעט איז די אינסטיטוציע געוואָרן אין יאָר 1918,




אַ פראַגמענט פון דער סחורות־קענטעניש־לאַבאָראַטאָריע

אין דער תקופה פון אויפגעוואַכטע האָפענונגען און יידישן לעבן, דורכן אָרטיקן „מזרחי״־קאָמיטעט אין די פּערזאָנען פון די עסקנים: ל. יינגסטער, מ. ש. קערנער, ש. ווייס, ה. קרישטאָל, י. צווייגענהאָפּט און ש. גליקסמאַן בראָש, איינשליסנדיק אין אירע ראַמען די נאָך מיט אַ צייט פריער געגרינדעטע ציוניסטישע שול. אַ געוויסע צייט האָט מיט דער שול אָנגעפירט דער איצטיקער מיליטער־ראַבינער ד״ר פרענקעל.

פון צווישן די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן באַזוכט די שול און איר אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פאַר דער נאַציאָנאַל דערציערישער טעטיקייט, איז כדאַי צו דערמאָנען דעם נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק, דיכטער דניאל פּערסקי, הרב שפּיראָ און פיל אַנדערע.

צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יידישן שולוועזן, לעבט אויך די „מזרחי״־שול לעצטנס איבער טעג פון ראַנגלענישן פאַר איר פאַרנומענער פּאָזיציע. די רומפולע טראַדיציע און רייכע



אַ פראַגמענט פון דער לאַבאָראַטאָריע פאַר אָרגאַניזאַציע־ און טעכניק פון האַנדל

פאַרגאַנגענהייט פון דער שול איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז די היגע יידישע געזעלשאַפט וועט, ווי אַמאָל, ווידער אומקערן אַנצופאַרטרויען די דערציונג פון זייערע קינדער אין דער לערנאַנשטאַלט, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט דער הויכער קוואַליטעט פון איר פּעדאַגאָגיש־דערציערישער טעטיקייט.

דאָס חדר „יסודי התורה".

דאָס חדר איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תרע"ט(1919) דורך ר' לייב ענגלאַרד, ב. סעצעמסקי א"אַנד. צוערשט האָט זיך דאָס חדר געפונען אין לאָקאַל פון דער „תלמוד תורה". אין עטלעכע יאָר אַרום איז עס איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער גלאָוואַצקי גאַס און שפּעטער אויף ווספּולנע 14. אין איצטיקן מאָמענט לערנען דאָרט 120 תלמידים פון התחלת א"ב ביז גפ"ת, מיט די למודים פירן אַן 4 מלמדים און אַ מנהל. די למודי־חול ווערן געלערנט דורך 6 לערער און אַ לייטער (ל. מייערטשיק).

אין דער שפּיץ פון חדר שטייט פאָלגנדיקע פאַרוואַלטונג: חיים פישל פריידמאַן, (פאָרזיצער), ב. סעצעמסקי (ערן־פאָרזיצער), ד. ל. קיסנער, י. מאַרקאָוויטש, א. לאָנדנער, ש. בערגער, ה. נייפעלד, י. דאַפנער און א. גאָלדבערג (מנהל).

צוליב דעם, וואָס דער לאָקאַל איז צו קליין, קאָן די פאַרוואַלטונג נישט נאָכקומען די בקשות פון פיל עלטערן אַנצונעמען זייערע קינדער אין חדר „יסודי התורה".

אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן חדר, ווערן דערליידיקט מיטן הסכם פונם געוו. פאָרזיצער, הרב ר' פּנחס פינקלער (הייגטיקער פינטשעווער רבי).

די „בית יעקב" שול

אין יאָר תרפ"ו (1926) איז געגרינדעט געוואָרן די מיידלשול א. נ. „בית יעקב". עס איז געדונגען געוואָרן אַ לאָקאַל פון 2 צימערן און עס איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַ לערערין פון קראָקעווער „בית־יעקב"־סעמינאַר.

די ערשטע גרינדער זענען געווען: הענעך נייפעלד, יצחק דאַפנער, יידל באַראָוויעצקי, אליעזר שקלאַרטשיק, חיים ליכטיק און יחיאל גרילאַק.

במשך דער צייט האָט זיך די שול פאַרגרעסערט און ביים היינטיקן טאָג פערנעמט זי אַ גרויסן לאָקאַל פון 5 צימערן, געטיילט אין 5 קלאַסן, אין וועלכע 2 לערערינס לערנען מיט 300 קינדער.

ביי דער שול עקזיסטירט אויך אַ פרעבל־שול, וואָס ווערט אָנגעפירט דורך אַ קוואַליפיצירטע פרעבליסטין, וועלכע לערנט מיט 35 קינדער.

אין דער שול לערנט אויך, אינגאַנצן אומזיסט, אַ גרויסע צאָל אָרימע קינדער, וועלכע באַקומען יעדן טאָג צו עסן.

פאַר די קינדער, וואָס ענדיקן די שול זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי פאַרבאַנדן, און שפּעטער טרעטן זיי אַריין אין דער אָרג. „בנות אגודת ישראל".

פירט, אַז דער מצב איז געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלער און עס לייטער פון דער שול איז — הערשל באָרנשטיין.

די פאַרוואַלטונג פון „בית־יעקב" באַשטייט פון פאָלגנדיקע פערזאָנען: ברוך סעצעמסקי, יצחק דאַפנער (ערן־פאָרזיצערס), חיים קליינער (פאָרזיצער), הענעך נייפעלד (וו. פאָרזיצער), חיים פישל פריידמאַן (קאַסירער), אליעזר שקלאַרטשיק, יחיאל עסטרייכער, ראובן בינענשטאָק און חיים ליכטיק.

דאָס חדר „תלמוד תורה".

אין יאָר 1908 איז פאַרענדיקט געוואָרן דער הערלעכער בנין פון דער „תלמוד תורה", וואָס זיינע גרינדער און בויער זענען געווען: ר' לייב ענגלאַרד, גרונם סאַפער, הרב גיטלער ז"ל, חיים יוסף זאַיאָנץ, משה מאַריאַנקאַ, לייב אַבראַמטשיק, יעקב שטאַהל, גרשון סטאַווסקי, משה קעניגסבערג א"אַנד.

דער דאָזיקער בנין איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר די אָרימע קינדער זיי זאָלן דאָרט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציונג.

אין יאָר תרע"ח (1918) איז ביי דער מיטווירקונג פון ראַדאָמסקער רבין און דער „אגודת האורטודוכסים" („שלומי אמוני ישראל"), די „תלמוד תורה" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „חדר יסודי התורה", ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער גאַנצער רעליגיעזער חינוך און עס זענען דאָרט אויך אַריינגענומען געוואָרן די אָרימע קינדער.

10 יאָר האָט אָנגעהאַלטן דער דאָזיקער מצב. אָבער צוזאַמען מיטן אויסברוך פון עקאָנאָמישן קריזיס, איז אויך אַריינגעטרעטן אַ קריזיס אין חדר. במשך אַ קורצער צייט איז זיך דאָס חדר צוזאַמענגעפאַלן און עס זענען דאָרט געבליבן בלויז די אָרעמע קינדער, אַזוי, אַז עס איז צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלויזער „תלמוד תורה". דאָס האָט אויך דערפירט אַז דער מצב איז געוואָרן אַ קאַטאַסטראָפאַלער און עס האָט געדראָט, אַז דער בנין זאָל גיין אויף אַ ליציטאַציע, צוליב דער גרויסער חובות־לאַסט. ערשט אַדאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון: שמעון מענדל טאָביאַש, חיים אונגער, לייביש שווייצער און מאיר ראָטער איז געלונגען די לאַגע צו סאַנירן און צוריקצושטעלן דעם נאָרמאַלן מצב פון דער „תלמוד תורה", וואָס האַלט אָן ביזן איצטיקן מאָמענט.

ביים היינטיקן טאָג לערנען זיך אין דער ת"ת 370 קינדער, וועלכע זענען געטיילט אין 6 מחלקות, וואָס ווערן אָנגעפירט דורך 6 מלמדים און אַ מנהל.

די למודי חול זענען געטיילט אין 5 קלאַסן, ווו עס אונטעריכטן 3 לערער און אַ לייטער.

די „תלמוד תורה" האָט 800 מיטגלידער. דער יערלעכער בודזשעט באַטרעפט 15 טויזנט גל. וואָס דעקט זיך פון חודש־אָפּצאָל, נדרים און נדבות, פאַרשידענע אַקציעס און בלימל־טעג.

די היינטיקע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: לייביש שווייצער (פאָרזיצער), משה יוסף קייזער (וו. פאָרזיצער), יוסף מאיר ראָטער (קאַסירער), מענדל טשעכאָווסקי, בצלאל ערליך, ראובן בינענשטאָק, חיים אונגער, יוסף דן רזשעזאַק, דוד לייב קיסנער, יעקב יצחק חאַנעפּט, אלטער זיידלער, מאיר גוטהערץ, לייביש אורבאַך, בערל שוואַרץ און שמואל קעסטנבערג.

מנהל פון דער „תלמוד תורה" איז ר' מיכאל פראַנצוז.

דער טורן און ספּאָרט־פאַריין „מכבי"

אַדאַנק דער איניציאַטיוו פון אַדאָלף האָראָוויטש און דער מיטבאַטייליקונג פון ב. אַלטמאַן און י. בינדער איז אין מערץ 1916 געגרינדעט געוואָרן דער יידישער טורן־ און ספּאָרט־פאַריין „מכבי" אין סאָסנאָוויץ. ס'איז געדונגען געוואָרן אַ לאָקאַל, אין וועלכן דער פאַריין געפינט זיך ביז צום היינטיקן טאָג. במשך פון אַ קורצער צייט זענען געשאַפן געוואָרן די נויטיקע ספּאָרט־מכשירים און דער פאַריין האָט אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטע טעטיקייט.

דעם 13־טן יאַנואַר 1917 האָט דער צייטווייליקער קאָמי־טעט צונויפגערופן די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, ווו ס'האָבן זיך באַטייליקט 82 פּערזאָן. די ערשטע אויסגע־ווײלטע פאַרוואַלטונג האָט זיך קאָנסטיטויִרט אויפן פאָלגנ־דיקן אופן: י. גוטאָווסקי (פאָרזיצער), א. האָראָוויטש (וו. פאָרזיצער), מ. אַבראַמאָוויטש (סעקרעטאַר), ב. אַלטמאַן (קאַסירער), י. לאַנגער, ש. זיסמאַן, י. בינדער און נ. רייז.

אינם זעלבן יאָר האָט שוין דער „מכבי" צו פאַרצייכענען אויף זיין קאָנטאָ אַ גאַנצע ריי דערפאָלגן. ס'איז דאָן איינגע־אָרדנט געוואָרן דער היסטאָרישער אויספלוג קיין אָלקוש, מיט דער באַטייליקונג פון 265 טורנער און געסט. דער אויספלוג, ווי אויך דער טורן־פעסט, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן פרייען פעלד אין אָלקוש האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיקער מאַניפעסטאַציע פאָר דער פיזישער אַנטוויק־לונג און נאַציאָנאַלן אויפשוווּנג ביי יידן.

אין יאָר 1918 איז אין סאָסנאָוויצער ווינטער־טעאַטער פאָרגעקומען די פייערלעכע אַנטהילונג פון דעם פאַריין־פאָן. דער פאָן איז געשאַפן געוואָרן אַדאַנק דער אומדער־מידלעכער אַרבעט פון וו. פאָרזיצער א. האָראָוויטש, וועלכער איז ספּעציעל געפאָרן קיין ווין, ווו דער פאָן איז אויסגע־פאָרטיקט געוואָרן.

צוליב פאַרשידענע אַנטשטאַנענע שוועריקייטן איז אין יאָר 1918 די טעטיקייט פון „מכבי" אָפּגעשטעלט געוואָרן די הפסקה האָט געדויערט ביזן יאָר 1922.

דעם 25־טן אַפּריל 1922 באַקומט „מכבי" צוריק זיין לאָקאַל. אַ פּאָר חדשים שפּעטער פאַרייניקט זיך מיטן „מכבי" דער ספּאָרט־קלוב „שמשון" און אַדאַנק דער דאָזיקער פאַריי־ניקונג אַנטשטייט ביי דער גימנאַסטיק־סעקציע אַ שטאַרקע פוטבאָל־מאַנשאַפט.

אין יולי 1926 פייערט דער „מכבי" דעם 10־יעריקן יובילײ, וועלכער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן יידישן ספּאָרט יום־טוב.

די גימנאַסטישע־סעקציע פון „מכבי" האָט במשך פון איר עקזיסטענץ צו פאַרצייכענען אַ באַדייטנדיקע צאָל גאָר וויכטיקע לייסטונגען. אויף די גרויסע טורן־פעסטן אין ביליץ, מעריש־אויסטרוי, וואַרשע, לאָדזש אאַז"וו. האָבן די גימנאַס־טיקער דערוואָרבן אַ גרויסע צאָל פּריזן און דיפּלאָמען. אויף ביידע מכביאַדעס אין ארץ־ישראל האָבן די סאָסנאָווי־צער גימנאַסטיקער דערצילט די ערשטע ערטער און די סאָסנאָוויצער פאָן האָט רעפּרעזענטירט די פּוילישע „מכבער".

אין יאָר 1934 איז געשאַפן געוואָרן די באָקסער־סעקציע, וועלכע האָט שוין אין א קורצער צייט אַרום אָפּגעהאַלטן אַ ריי נצחונות. אין יאָר 1938 האָבן די „מכבי"־באָקסער באַזיגט די לעמבערער רעפּרעזענטאַנץ, געשלאָגן דעם שטאַרקן לאָדזשער „הכח", 3 מאָל באַזיגט דעם קראָקעווער „מכבי", הויך געשלאָגן דעם פּוילישן וויצע־מייסטער „רוך" אאַז"וו. אין יאָר 1939 האָט די באָקסער־מאַנשאַפט פון „מכבי" דער־וואָרבן די וויצע־מייסטערשאַפט פון שלעזיע.

אין יאָר 1939 האָט דער „מכבי" געציילט העכער 300 מיטגלידער און פאָלגנדיקע טעטיקע סעקציעס: לייכט־אַט־לעטיק, פּינג־פּאָנג, ספּאָרט־שפּילן, גליטש, סקי, גימנאַסטיק, פוטבאָל, ציקליסטן, טוריסטיק, טעניס, באָקס־ און מאָטאָרן־סעקציע.

אין זעלבן יאָר איז די פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון פאָלגנדיקן צונויפשטעל: ד"ר ש. בערנשטיין (פאָרזיצער), יחיאל קימעלמאַן און ד. סאָבאָל (וו. פאָרזיצערס), מאיר לאַנצמאַן, (סעקרעטאַר), ה. אָקסענהענדלער (קאַסירער), ע. ווינער (הויפּט־ספּאָרט־לייטער), ש. האָראָוויטש (אַדמיניסט־ראַטאָר), ב. מענדלאָוויטש און ד. סאָפּער.

דער אקאדעמיקער־קרייז „אגניסקא"

דאָס אַנטשטיין פונם יידישן אַקאַדעמישן פאַרבאַנד אויפן שטח פון סאָסנאָוויץ דאַטירט זיך זייט דעם יאָר 1922. ביזן יאָר 1926 האָט דער פאַרבאַנד עקזיסטירט ווי אַן אָפּטיילונג פון „אוקסיליום אַקאַדעמיקום יודאַיקום" אין וואַרשע און האָט געפירט זיין טעטיקייט אין די ראָמען פון אָרגאַניזירן בלימל־טעג, גאָרטן־אימפּרעזעס, פאַרוויילונגען און קאָנצערטן לטובת דער קראָקעווער „אַגניסקאַ".

אין די אויבן דערמאָנטע יאָרן זענען באַזונדערס געווען טעטיק פאָלגנדיקע גרינדער און ערשטע מיטגלידער פונם פאַריין: ה. קאָכעל, ד"ר ב. בראָניצקי, אינזש' מ. ליפּשיץ, ד"ר ה. ליבערמאַן, אינזש' ש. זיסמאַן, (דעלעגאַט פון „אוקסיליום אַקאַדעמיקום יודאַיקום" פאַר זאַגלעמביע), ד"ר א. לעווענהאָף (דעלעגאַט פון „אַגניסקאַ"), ד"ר א. וואָלפסאָן, י. קראָמאַלאָווסקי, ד"ר א. מינקאָווסקי, מ. לעיבאָוויטש, אַ.

גרייצאַר„ ש. שפּיראָ, ד. פּריוועֶר, י. פּרוּסאַק און ל. לעיבאָ־וויטש.

אין אָנהויב פון יאָר 1926 איז אויפן צוזאַמענפאָר פון יידישע אַקאַדעמיקער אין וואַרשע באַשלאָסן געוואָרן אָנצו־שליסן זאַגלעמביע צו דער טעטיקייט־ספערע פון דער קראָקעווער „אָגניסקאָ״. דעם דאַזיקן באַשלוס האָט דער סאָסנאָוויצער פאַריין אַקצעפּטירט אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 4־טן מערץ 1926, און זייט דעמאָלט פיגורירט דער פאַריין א. נ. „אָגניסקאָ״.

אַלס פאָרזיצער פון פאַריין איז דאַן געוועזן טעטיק מ׳ לעיבאָוויטש.

פיינער (קאַסירער), פּראָפ. פּ. קאַמעט, ד״ר ק. ליבערמאַן, און פּרל׳ ה. ליפשיץ. די ערשטע רעווידיר־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון: אינזש׳ י. פּאָלמאַן, ד״ר ב׳ בראַניצקי און ד״ר א. וואָלפסאָן.

אין די ווייטערדיקע אַקאַדעמישע־יאָרן זענען די פאָר־זיצערס פון „אָגניסקאָ״ געווען: אינזש׳ ה. ליבערמאַן (30/1929), און נאָך זיין אַרויספאָר — ד״ר ה. רודאַווער, ד״ר י. מעסטעל (31/1930), אינזש׳ ב. טענצער (32/1931), אינזש׳ ש. שמיעטאַנאַ (33/1932), א. קאָפּלאָוויטש (34/1933), ל. טשאַרני (35/1934).

זייט דעם יאָר 1935 ביז צום היינטיקן טאָג פירט אָן



אַ גרופּע „אָגניסקאָ״־פאָרזיצערס אין די יאָרן 1928—1939

ערשטע ריי, פון רעכטס יוצן: ס. פלאַוונער, ד״ר ה. ליבערמאַן, ד״ר ר. מעסטעל.

צווייטע ריי: ל. טשאַרני, א. קאָפּלאָוויטש, אינזש׳ ס. שמיעטאַנאַ, ד״ר ה. רודאַווער, אינזש׳ ב. טענצער.

נאָך אַ געוויסער צייט פון ליקווידאַציע און איבעררייס אין דער טעטיקייט פון פאַריין, ווערט דעם 16־טן נאָוועמבער 1928 צונויפגערופן אַן אַלגעמיינע רעאָרגאַניזיר־פאַרזאַמלונג פון די יידישע אַקאַדעמיקער, אויף וועלכער ס׳ווערט באַש־לאָסן ווידער־אויפצולעבן די סאָסנאָוויצער „אָגניסקאָ״. זייט דעמאָלט איז דער פאַריין טעטיק ווי אַ נאָרמאַלער אַקאַדע־מיקער־קרייז, וואָס בילדעט אַן אָפּטיילונג פון דער געז. יידישע צוהערער ביים יאַגיעלאָנער אוניווערזיטעט „אָגניס־קאָ״ אין קראָקע.

אַלס ערשטער פאָרזיצער פון דער סאָסנאָוויצער „אָגניס־קאָ״־אָפּטיילונג (אַקאַדעמיש־יאָר 29/1928) איז אויסגעוויילט געוואָרן ד״ר ה. ליבערמאַן. דער צוזאַמענשטעל פון דער ערשטער אָגניסקאָ״־פאַרוואַלטונג איז געווען פאָלגנדיקער: ד״ר ה. ליבערמאַן (פאָרזיצער), ד״ר א. לעווענהאָף (וו. פאָרזיצער), פּראָפ. ד. צוקערמאַן (סעקרעטאַר), מג״ר ק.

מיט דער „אָגניסקאָ״־טעטיקייט דער פאָרזיצער סאַלעזי פלאַוונער, אַבסאָלווענט פון דער העכערער האַנדלס־שול אין קראָקע און איצטיקער ביוראָ־לייטער פון דער יידישער קהלה אין סאָסנאָוויץ.

פאַרן אַקאַדעמישן־יאָר 39/1938 איז דער צוזאַמענשטעל פון דער „אָגניסקאָ״־פאַרוואַלטונג געווען פאָלגנדיקער: ס. פלאַוונער (פאָרזיצער), מ. שאַרף (סעקרעטאַר), מ. אָרענ־שטיין (קאַסירער), פּרל׳ מ. האַמבורגער, פּרל׳ מ. נויפעלד, י. ניימאַן און י. אָקסענהענדלער.

די רעווידיר־קאָמיסיע באַשטייט פון: ד״ר ק. ליבערמאַן, ד״ר ה. רודאַווער און מג״ר ח. שעניצער.

די סאָסנאָוויצער „אָגניסקאָ״ פירט אָן אַ העכסט ערנסטע און נוצלעכע אַקאַדעמישע זעלבסטהילף־טעטיקייט, ערטיילנ־דיק אין אַ ברייטן מאַסשטאַב דרינגנדיקע פינאַנסיעלע הילף דער אָרטיקער אַקאַדעמישער יוגנט, וועלכע שטודירט אין

העכערע לערנאַנשטאַלטן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. די דאָזיקע הילף ווערט ערטיילט אומפאַרמעגלעכע „אַגניסקאַ״ מיטגלידער הויפטזעכלעך אין דער פאָרם פון הלוואות אויף צו דעקן דעם שכר־למוד, ווי אויך עקזאַמען־אָפּצאָלן, סעמי־נאַריש־לאַבאַראַטאָרישע און אַנדערע אוניווערזיטעט־אָפּצאָלן, אַחוץ דעם אויך אין דער פאָרם פון אַ ריי אַנדערע אונטער־שטיצונגען, וועלכע האָבן אַלס ציל דאָס דערמעגלעכן צו פאַרענדיקן די שטודיעס. די נויטיקע פאָנדן צו דעם צוועק שעפּט דער היגער קרייז פון די מיטגלידער־אָפּצאָלן, ווי אויך פון די איינקונפטן פון די יאָר־יערלעכע אַקאַדעמישע־בעלער און פון די, פון צייט צו צייט איינגעאָרדנטע, פאַר־שידענע קולטורעל־וויסנשאַפטלעכע אימפּרעזעס.

אויפן לאָקאַלן זעלבסטהילף־אָפּשניט ווערט אויך דורך דער סאָסנאָוויצער „אַגניסקאַ״ געפירט אַן ארבעט־פּאָרמיט־לונג ביוראָ פאַר קאָרעפּעטיציע און פעריען־פּראַקטיק, צו־גלייך, אַ רעסאָרט פאַר אַנדערע לייסטונגען, ווי אויך די לעצטנס דערעפנטע אומזיסטע מעדיצינישע און יורידישע הילף פאַר די מיטגלידער פון קרייז.

נעבן דער זעלבסטהילף־טעטיקייט לטובת די אָרטיקע אַקאַ־דעמיקער, אַנטוויקלט אויך די סאָסנאָוויצער „אַגניסקאַ״ אַן אינטענסיווע זעלבסטהילף־טעטיקייט לטובת דעם יידיש־אַקאַדעמישן כלל, אָרגאַניזירנדיק אויף זיין שטח אַלגעמיינע אַקציעס אין דער פאָרם פון דער „וואָך פאַרן יידישן אַקאַדעמיקער״. אויסער דעם פירט זי אויך אַדורך לטובת דער קראָקעווער צענטראַלע פאַרשידענע ספּעציעלע זאַמל־און פּראָפּאַגאַנדע־אַקציעס אין שייכות מיט למודים־אָפּצאָל, מיטאָג־ און וווינונג־קרעדיטן, אַקאַדעמישע קיך, אַקאַדעמיש־הויז, געזונטהייט־ און אָפּרו־ערטער, ווי אויך זומער־קאָלאָנ־יעס.

אין די לעצטע יאָרן איז אין דער טעטיקייט פון דער היגער „אַגניסקאַ״ אַריינגעטרעטן אַ שטאַרקע אויפלעבונג און זי אַנטוויקלט זיך נישט בלויז אין אָרגאַניזאַציאָנעלער, זעלבסט־הילף און מאַטעריעלער הינזיכט, נאָר אויך אין קולטורעלער, אויפקלערונג־ און געזעלשאַפטלעכער־ריכטונג. אַדאַנק דער דערצילונג פון אַ סטאַבילן לאָקאַל, ווערן פאַר די קרייז־מיטגלידער אָפט אָרגאַניזירט פאַרלעזונגען און דיסקוסיע־רעפעראַטן וועלכע נעמען אַרום: וויסנשאַפטלעכע, געזעל־שאַפטלעכע און ליטעראַריש־קינסטלערישע טעמעס, ווי אויך חברים־אָוונטן מיט אַ מוזיקאַליש־וואָקאַלישן און הומאָריס־טישן פּראָגראַם.

פּאַראַלעל מיט די אויביקע אַקציעס לטובת אירע מיטגלי־דער, אַנטוויקלט די „אַגניסקאַ״ גלייכצייטיק אַ ברייטע קולטורעל־אויפקלערונגס־אַרבעט פאַר דער גאַנצער אָרטיקער געזעלשאַפט. אַזוי צב״ש זענען צוו. אַנד. לעצטנס איינגע־אָרדנט געוואָרן: אַ פאַרלעזונג פון רעד. י. אָפּענשלאַק „פּאַלעסטינע אין פייער פון קאַמף״, אַ רעפעראַט פון ד״ר י. זאַדערעצקי „ווען מענטשן וואָלטן געקאָנט דעם תלמוד״, אַ פּאָעזיע־אָוונט פון מ. בראָדערזאָן, אַ ריי מוזיק־קאָנצערטן (בר. גימפּעל) און פיל אַנדערע.

אין דער לעצטער צייט האָט די סאָסנאָוויצער „אַגניסקאַ״ אונטערגענומען אַ וויכטיקע איניציאַטיוו צו שאַפן אַן אייגענע צייטשריפט, וועלכע זי גיט אַרויס (צוזאַמען מיטן ברודער־קרייז „אַגניסקאַ״ אין בענדין) אַלס חודש־זשורנאַל א. נ. „אַגניסקאַ״. די דאָזיקע צייטשריפט, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר אַ פרייע געזעלשאַפטלעך־אַקאַדעמישע טריבונע, שטייט אויף אַ הויכן רעדאַקציאָנעלן ניוואָ און אַנטהאַלט אַ רייכן, אינטערעסאַנטן, געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישן־מאַטעריאַל, וואָס איז איינגעהילט אין אַן עסטעטישן לבוש.

די געז. „אַגניסקאַ״ שטייט שטאַלץ אויף דער וואַך פון די סאָלידאַרע אינטערעסן און רעכט פון יידישן אַקאַדעמיקער, רעאַגירנדיק לעבהאַפט און אוממיטלבאַר אויף אַלערליי גע־שעענישן, וואָס זענען נוגע דעם יידישן אַקאַדעמיקער־כלל, אויפן וועג פון ספּעציעלע פאַרזאַמלונגען, רעזאָלוציעס, אויפ־רופן און פּרעסע־קאָמוניקאַטן.

די געז. „אַגניסקאַ״ נעמט אַ לעבהאַפטן אָנטייל אין אַלע אָרטיקע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַקציעס, און געניסט פון דער אונטערשטיצונג פון אַלע יידיש־געזעלשאַפטלעכע ספערן אין סאָסנאָוויץ, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אָנגעזעענער און כסדר וואַקסנדיקער צאָל „אונטערשטיצנדיקע מיטגלי־דער״.

די געזעלשאַפט „נאַדזשעיאַ״ אַפּטיילונג אין סאָסנאָוויץ

לויט דער איניציאַטיוו פונעם דירעקטאָר פון דער יידישער גימנאַזיע ד״ר פ. ווידערמאַן, איז אין יאָר 1931 אַנטשטאַנען אין סאָסנאָוויץ אַן אָפּטיילונג פון דער געז. „נאַדזשעיאַ״ אין קראָקע, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז צו שטיצן קראַנקע שילער פון די מיטעלע און העכערע לערנאַנשטאַלטן. די געזעלשאַפט „נאַדזשעיאַ״, וואָס האָט הינטער זיך אַן עטלעכע דרייסיק־יעריקע פרוכטבאַרע טעטיקייט, צילט אויפצוהויבן דעם געזונט־צושטאַנד פון דער יידישער שילער־יוגנט בכלל, און באַזונדערס זי צו פאַרהיטן פון דער שרעקלעכער שווינד־זוכט־קראַנקהייט. צו דעם צוועק האָט די דערמאָנטע געז. אויפגעשטעלט אין ריטרע אַ הערלעכע סאַנאַטאָריע, וועלכע איז איינגעאָרדנט לויט די נייעסטע פאָדערונגען פון דער היגיענע. אין דער דאָזיקער סאַנאַטאָריע וואָס ליגט אין אַ זייער געזונטער געגנט, צווישן וועלדער און בערג, נישט ווייט פון דעם קוראָרט קריניצע, פאַרברענגען יאָר־יערלעך בעת די זומער־חדשים עטלעכע הונדערט שול־יוגנטלעכע פון קראָקע, סאָסנאָוויץ און אַנדערע שטעט, וועלכע ראַטעווען דאָרט זייער געזונט.


די סאָסנאָוויצער אָפּטיילונג געהערט צו די אַקטיווסטע פּראָווינץ־אָפּטיילונגען. וועגן דעם זאָגט עדות דער פאַקט. אַז אין ערשטן עקזיסטענץ־יאָר פון דער אָפּט. זענען פון סאָסנאָ־וויץ קיין ריטרע געפאָרן קוים 4 אַנטיילנעמער, און אין יאָר

1938 האָבן שוין פון דער סאַנאַטאָריע געגאַסן 26 שילער און שילערינס פון אַלע שול־טיפּן.

גרויסע פאַרדינסטן לטובת דער אַנטוויקלונג פון דער היגער אָפּטיילונג האָט דער פּראָפּ. פון דער יידישער גימ־נאַזיע אין סאָסנאָוויץ — ס. גאָלדבערג, וועלכער אַרבעט אומ־דערמידלעך צום גונסטן פון דער דערמאָנטער געזעלשאַפט.

דער סוחרים און אינדוסטריעלער־פאַריין

דאָס יידישע סוחרטום אין סאָסנאָוויץ האָט זיך אנגעהויבן צו אָרגאַניזירן ערשט בשעת דעם לעצטן וועלט־קריג. מ׳דאַרף זיך נישט וואונדערן, וואָס אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז אנשטאַנען פאַרהעלטנישמעסיק שפּעט, ווייל סאָסנאָוויץ, וועלכע איז אויסגעוואַקסן — אין אַ ווירקלעך אַמעריקאַנער טעמפּאָ — פון אַ קליינעם פאַבריק־ישוב צו אַ גרויסן האַנדלס און אינדוסטריע־צענטער, איז אָפּיציעל דערקלערט געוואָרן אַלס שטאָט ערשט ביים אָנהויב פונם לויפנדיקן יאָרהונדערט.



די פאַרוואַלטונג און דער ראַט פונם סאָסנאָוויצער „סוחרים ־ און אינדוסטריעלער־פאַריין" אין די קאַדענץ־יאָרן 39/1938, בעת וועלכע ס׳איז געגרינדעט און פאַרענדיקט געוואָרן דער בנין פון דער יידישער האַנדלס־גימנאַזיע.

1־טע ריי, פון רעכטס זיצן: מאַרקוס בירמאַן (סעקרעטאַר), פּאַוועל סקשינייאַ (פאַרוואַלטער), יוזעף סאַפּער (פאַרזיצער), אַדאָלף לאַנדוי (וו. פאַרזיצער), איגנאַצי מייטליס (קאַסירער).

2־טע ריי, פון רעכטס שטייען: יחיאל טאַביאַש, אַלעקסאַנדער גוטמאַן, מ׳עטשיסלאַוו יאַקובאָוויטש, פישל קלעפּפיש, שלום לייזעראָוויטש, יאַקוב ווולקאַן, ואַלף בעהם.

3־טע ריי, פון רעכטס: איגנאַצי ריינער, קלמן פישעל, אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער מאַוריצי רייכער, וולאַדיסלאַוו פעלדמאַן, הענריק זינגער

די דאָזיקע בליץ־אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, האָט נישט דערלויבט דעם פאַרשידנאַרטיקן און שטענדיק צוגערייזטן סוחרישן עלעמענט זיך צו קאָנסאָלידירן און סטאַביליזירן ביז די וועלט־מלחמה האָט צייטווייליג אָפּגעהאַלטן דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס.

אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ווען דער האַנדל האָט נישט פאַרמאָגט קיין סטאַבילן כאַראַקטער און האָט זיך געשטיצט בלויז אויף צופעליקע קאָניונקטורן, בלייבט אויך דאַן סאָסנאָוויץ אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער, צוליב דעם, וואָס די שטאָט האָט זיך געפונען אויף אַ גרענעץ פונקט, דורך וועלכן ס'איז אַדורכגעגאַנגען דער גאַנצער טראַנזיט־האַנדל פון די נייטראַלע לענדער אין די דייטשע אָקופּאַציע־געביטן.

די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע דער האַנדל האָט זיך דעמאָלט געפונען, די כסדרדיקע ענדערונגען פון די קאָניונקטורן און ווערטן פון סחורות, דאָס פעלן פון געריכטן, די קאָמוניקאַציע־שוועריקייטן אאז"וו, האָבן באַשאַפן דאָס באַדערפעניש פון אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע וואָלט אין אַ געוויסער מאָס רעגולירט די באַציונגען צווישן די סוחרים. אַזוי איז אין יאָר 1915 געשאַפן געוואָרן דער „פאַריין פון זעלבסטשטענדיקע סוחרים", וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די ערשטע סוחרישע אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ, און פון וועלכער עס זענען שפּעטער אַנטשטאַנען דער „סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין", ווי אויך דער „דעטאַליסטן־ און קליינהענדלער־פאַריין אין סאָסנאָוויץ".

דער „פאַריין פון זעלבסטשטענדיקע סוחרים" האָט געהאַט זיין לאָקאַל אויף פּילסודסקי־גאַס נר. 12, ווו ער האָט זיך געפונען העכער 10 יאָר. דער ערשטער פאָרזיצער פון פאַריין איז געווען הערץ ליפשיץ, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט דאָס יידישע סוחרטום אין ערשטן פּוילישן בירגלעכן געריכט, ווי אויך אין שטאָטישן אַפּראָוויזאַציע־קאָמיטעט. די שפּעטערדיקע פאָרזיצערס זענען געווען: מ. קאַראַש און ישראל משה וויינרעב.

די צייטן, אין וועלכע ס'איז געגרינדעט געוואָרן און ס'האָט זיך אַנטוויקלט דער פאַריין, האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט די פליכט צו שפּילן הויפּטזעכלעך די ראָל פון אַ שיד־אינסטיטוציע ביים רעגולירן די גרויסע צאָל סוחרישע סכסוכים, וואָס זענען אַנטשטאַנען צוליב די אומנאָרמאַלע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען. אויף דעם געביט האָט דער „פאַריין פון זעלבסטשטענדיקע סוחרים" געשפּילט אַ גרויסע ראָל. אַדורכפירנדיק אַ באַדייטנדיקע צאָל פון שיד־געריכטן, האָט ער גורם געווען צו פאַרשפּרייטן די סוחרישע עטיק און דאָס פאַרשטענדעניש פאַר דער ראָל און באַדייטונג פון אָרגאַניזאַציע.

ווען די פּוילישע מלוכה איז אַריין אין פּעריאָד פון פּאָליטישער סטאַביליזאַציע, זענען די סוחרישע אָרגאַניזאַציעס געשטעלט געוואָרן פאַר ברייטערע אויפגאַבעס. עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאָרמירן פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן, עס האָבן זיך געשאַפן נייע האַנדלס־פאָרמען, עס האָט זיך קריסטאַליזירט דאָס האַנדלס־רעכט און די שטייער־סיסטעמען, ביי דער מאַכט און ביי דער געזעלשאַפט האָט אָנגעהויבן וואַקסן דאָס פאַרשטענדעניש פאַר דער באַדייטונג און באַדערפענישן פון האַנדל און אינדוסטריע. ווי אַן אויסדרוק פונעם דאָזיקן פּראָצעס, איז געווען דאָס שאַפן אין יאָר 1926 די ווירטשאַפטלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג. סאָסנאָוויץ האָט זיך געפונען אין דער גליקלעכער לאַגע, וואָס דאָ איז אַנטשטאַנען דאָס זיצאָרט פון דער האַנדלס־ און אינדוסטריע־קאַמער. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויפגעלייגט ספּעציעלע פליכטן אויפן היגן סוחרטום, וועלכעס האָט זיך געפונען אין ענגסטן קאָנטאַקט מיט דער קאַמער און האָט געבילדעט דעם גרעסטן האַנדלס־צענטער אין דעם קרייז. מען האָט געדאַרפט שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וועלכע וואָלט אויף אַ געהעריקן אופן רעפּרעזענטירט דאָס יידישע סוחרטום, ווירקזאַם פאַרטיידיקט זיינע רעכט און פאָרמולירט די פאַרלאַנגען פון דעם האַנדל און אינדוסטריע. די דאָזיקע אויפגאַבעס האָט נישט געקאָנט דערציילן דער „פאַריין פון זעלבסטשטענדיקע סוחרים", אין וועלכן ס'האָבן זיך מיט דער צייט געלאָזט באַמערקן די פאַרשידנאַרטיקייט פון די אינטערעסן פונעם גרעסערן און קלענערן סוחרטום. אַ טייל מיטגלידער, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען כמעט אַלע גרינדער פונעם „פאַריין פון זעלבסטשטענדיקע סוחרים", זענען אַרויסגעטרעטן פון דער אָרגאַניזאַציע און האָבן געגרינדעט אַ פאַרבאַנד א. נ. „סוחרים און אינדוסטריעלער־פאַריין אין סאָסנאָוויץ".

דער סטאַטוס פון פאַריין, וואָס איז רעגיסטרירט געוואָרן אין יולי 1925, זאָגט, אַז זיין אויפגאַבע איז „אַרומצונעמען אין אַ שטאַרקע באַרוף־אָרגאַניזאַציע די סוחרים און אינדוסטריעלער אין סאָסנאָוויץ, כדי צו פאַרטיידיקן זייערע ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן און באַדערפענישן, און כדי צו דערהויבן זייער באַרופלעכן און אינטעלעקטועלן ניוואָ".

במשך פון 14 יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט דער פאַריין כסדר געשטרעבט צו רעאַליזירן די אויבן אָנגעוויזענע צילן.

אַ דאַנק דעם פּאָפּולאַריזירן דאָס פאַרשטענדעניש פאַר דער פּראַקטישער און אידייאישער באַדייטונג פון דער אָרגאַניזאַציע, איז דעם פאַריין געלונגען שטופנווייז אַדורכצוברעכן דעם איינגעוואָרצלטן אינדיווידואַליזם ביים יידישן סוחרטום. אין דער ריכטונג האָט דער פאַריין אַדורכגעפירט אַן אמתע פּיאָנערן־אַרבעט, וועלכע באַקומט אַ ספּעציעלע באַדייטונג אין אַנבליק פון די געשעענישן, וואָס האָבן געצווונגען די יידישע סוחרים און אינדוסטריעלער אָנצושטרענגען אַלע כחות צו פאַרטיידיקן זייערע פּאָזיציעס אין דעם ווירבל פון נאַציאָנאַליסטישע און עקאָנאָמישע שטרעמונגען, נישט צו בלייבן הינטערשטעליק אין דעם פאָרטשריט פון מאָדערניזירן די פאַרעלטערטע האַנדלס־מעטאָדעס און האַנדלס־פאָרמען, און כדי איבערצוווייזן דעם באַזיץ־שטאַנד די צוקונפטיקע דורות.

דער סוחרים־ און אינדוסטריעלער־פאַריין אין סאָסנאָוויץ פאַרנעמט איינעם פון די ערשטע פּלעצער צווישן די יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. זיין אַנטוויקלונג פאַרדאַנקט דער פאַריין די דויערנדיקע אָנשטרענגונגען פון

אַ גרופּע פּערזאָנען, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען און עס באַשטייען ווייטער די אָרגאַנען פונם פאַריין, דער באַציונג מצד דער געזעלשאַפט, ווי אויך די בולט־אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיקייטן און אומדערמידלעכער אַרבעט פון זיינע ביזאיצ־טיקע פאָרזיצערס: דעם פאַרשטאָרבענעם העגריק קוויאַטעק, וועלכער איז געשטאַנען בראש פונם פאַריין זייט דער גרינ־דונג (1925) ביז צו זיין פריצייטיקן טויט אין יאָר 1933, דעם פאַרשטאָרבענעם ערן־פאָרזיצער מאוריצי רייגער און דעם איצטיקן פאָרזיצער יוזעף סאַפּער, וואָס פאַרנעמט דעם אַמט זייט דעם יאָר 1934 ביז צום היינטיקן טאָג.

די פאַריין־מיטגלידער רעקרוטירן זיך פון מיטעלע און גרעסערע סוחרים און אינדוסטריעלער. בראש פון דער אָרגאַ־ניזאַציע שטייען: אַ פאַרוואַלטונג, אַן אויפזיכט־ און אַ רעווידיר־ראַט, וועלכע זענען געוויילט געוואָרן אויף דער אַלגעמיינער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, דעם 14־טן מאַי 1938 אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד:

די פאַרוואַלטונג: יוזעף סאַפּער (פאָרזיצער), יוליאַן קאַבאַק און אַדאָלף לאַנדוי (וו. פאָרזיצערס), מאַרקוס בירמאַן (סעקרעטאַר), איגנאַצי מייטליס (קאַסירער), פּאַוועל סקשיניאַ (פאַרוואַלטער), וולאַדיסלאַוו פעלדמאַן, מאוריצי רייכער, יחיאל טאַביאַש און העגריק זינגער (במשך פון דער קאַדענץ איז געשטאָרבן דער פאַרוואַלטונג־מיטגליד מענדל לובעלסקי).

די פאַרטרעטער: וואָלף בעהם, קלמן פישעל, מיעטשיסלאַוו יאַקובאָוויטש, פישל קלעפּפיש און יאַקוב וואָלקאַן.

דער אויפזיכט און רעווידיר־ראַט: אַלעקסאַנדער גוטמאַן, שלום לייזעראָוויטש, פייוול אַסטרי, איגנאַצי רייגער און אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער.

די רעפּרעזענטאַנץ פון פאַריין
אין דער האַנדלס־ און אינדוסטריע־קאַמער

דער פאַריין באַזיצט דאָס רעכט פון אויסוויילן איין ראַט־מאַן אין דער האַנדלס־ און אינדוסטריע־ קאַמער. אין דער ערשטער און צווייטער קאַדענץ איז דער מאַנדאַט אָנפאַר־טרויט געוואָרן דעם וו. פאָרזיצער יוליאַן קאַבאַק. אחוץ דעם, האָבן אויך אין דער ערשטער קאַדענץ רעפּרעזענטירט דעם פאַריין אין דער קאַמער: העגריק קוויאַטעק (פון אַלגעמיינע וואַלן), יוזעף סאַפּער (פון קאָאָפּטאַציע) און בעריש טענצער (פון צוגאַב וואַלן). איצט, אין דער צווייטער קאַדענץ זענען רעפּרעזנטירט: יוזעף סאַפּער (פון אַלעמיינע וואַלן), וועלכער פאַרנעמט דעם אַמט פון וו. פאָרזיצער פון דער קאַמער, דער פאַרוואַלטונג־סעקרעטאַר מאַרקוס בירמאַן (פון קאָאָפּטאַציע), סאַלאָ וואָלפסאָן (פון נאָמינאַציע).

די צוזאַמענאַרבעט מיט דער קאַמער שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער טעטיקייט פון פאַריין, ווייל אויף דעם שטח פון דער קאַמער איז אויסגעקומען צו פאַרטיידיקן דיווירטשאַפטלעכע פאָדערונגען, וואָס זענען אין אַ גרויסער צאָל אַרויסגערוקט געוואָרן דורכן פאַריין, ווי אויך דעם יידישן סוחרישן כלל. די פאָדערונגען האָבן אַרומגענומען אַלע געביטן פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן ווי: אַדמיניסטראַציע, רעכט, שטייערן קרעדיט, קאָמוניקאַציע אאז״וו, און בכלל אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגן פונם ווירט־שאַפטלעכן לעבן.

במשך פון אַ ריי יאָרן האָט זיך די אַרבעט אין פאַריין קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אויף דעם דערמאָנטן אָפּשניט, ביי דער פאַרטיידיקונג פון די ווירטשאַפטלעכע אינטערעסן פונם יידישן סוחרישן כלל. הגם דער פאַריין טרעט שטענדיק אַרויס זעלבסטשטענדיק און אויטאָנאָם, איז ער דאָך אין פּרינציפּיעלע ענינים פון דער ווירטשאַפט־פּאָליטיק געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער צענטראַלע פונם סוחרים־פאַרבאַנד אין וואַרשע און מיט דעם הויפּט־ראַט פון יידישן סוחרטום. פון וועלכן דער פּרעזעס יוזעף סאַפּער איז אַ מיטגליד זייט דער גרינדונג, און ווו ער דערפילט די פונקציע פון אַ סעקרעטאַר פון הויפּט־ראַט.

דאָס האַנדלס־שולוועזן

דאָס געפיל פון מאָראַלישער אחריות פאַר דעם געהעריקן ניוואָ און דעם ווייטערדיקן גורל פון דעם יידישן סוחרטום, ווי אויך אַ ריי געשיכטלעכע און נאַציאָנאַלע מאָמענטן, האָבן געצווונגען די יידישע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס זיך צו פאַרנעמען מיט דעם פונאַנדערבוי פונם יידישן האַנדלס־שולוועזן. די נויטווענדיקייט דערפון ווערט פאַרשטאַרקט, פון איין זייט, דורך דער עווענטואַליטעט פון איינפירן דעם אָבליגאַטאָרישן בילדונגס־צענז פאַר סוחרים, און פון דער צווייטער זייט, דורך דעם נישטיקן פּראָצענט־זאַץ צווישן די אַבסאָלווענטן פון די העכערע און מיטעלע האַנדלס־שולן. די לעצטע דערשיינונג דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פאַר דער יידישער יוגנט איז בכלל באַשווערט דער צוטריט אין די עקזיסטירנדיקע האַנדלס־שולן. אָדער זי קאָן אין זיי נישט לערנען צוליב רעליגיעזע טעמים (די למודים זענען אַבליגאַטאָריש אין שבתים און ימים־טובים).

די יידישע ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָבן דערי־בער אויף זיך גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן האַנדלס־שולן. אָנשטרענגענדיק אַלע כחות און זייענדיק איינער פון די פּיאָנערן אויף דעם געביט, האָט דער פאַריין געגרינדעט אין יאָר 1937 אַן איינייעריקע קאָעדוקאַציע־האַנדלס־שול. גלייכצייטיק מיטן גרינדן פון דער דאָזיקער שול, האָט דער פאַריין אָנגענומען געהעריקע שריט ביי דער שול־מאַכט צו גרינדן אַ האַנדלס־גימנאַזיע. דאָס פעלן פון אַזאַ מין לערנאַנשטאַלט איז געווען אַ געוואַלטיקער בלויז אין דער יידישער האַנדלס־שול־נעץ אין זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע. נאָכן גובר זיין פון אַ ריי ערנסטע שוועריקייטן, האָט די שול־מאַכט אין אָנהויב פונם יאָר 1938 ערטיילט די קאָנצעסיע צו עפענען אין שול־יאָר 1938/39 אַ קאָעדוקאַציע־האַנדלס־גימנאַזיע אין סאָסנאָוויץ, בתנאי, אַז עס וועט צו דעם צוועק געבויט ווערן אַן אַנטשפּרעכנדיקער שול־בנין. הגם דער אויפבוי פון דער שול־געביידע, וועמענס קאָסטן עס זענען באַרעכנט געוואָרן אויף מינימום 250.000 גילדן, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זייער שווערע אויפ־

גאַבע, האָט דאָך די פאַרוואַלטונג — אין אַנבליק פון דער נויטווענדיקייט באַלד אויפצושטעלן דעם בנין — גענומען אויף זיך די פאַרפליכטונג עס צו טון, ווייל זי האָט געגלויבט אין דער אונטערשטיצונג מצד דער יידישער געזעלשאַפט אין זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע. דער דאָזיקער גלויבן האָט נישט פאַרפירט. גלייך האָט זיך אין פאַריין געשאַפן אַ גרופּע גרינדער פון דער גימנאַזיע, וועלכע האָבן מיט זייערע שפּענדונגען דערמעגלעכט צו קויפן אַ געהעריקן פּלאַץ און אָנהויבן צו בויען דעם שול־בנין.

די גרינדער זענען געווען פאָלגנדיקע פאַריין־מיטגלידער: מאַרקוס בירמאַן, וואָלף בעהם, הענריק דיזענהויז, קלמן פישעל, וולאַדיסלאַוו פעלדמאַן, פּנחס גראַנדאַפּעל, אַלעקסאַנדער גוטמאַן, ד״ר יוליאַן הערצמאַן, צאַן־אַרצט אַרטור יינגסטער, מיעטשיסלאַוו יאַקובאָוויטש, אשר קליינבערג, פישל קלעפּפיש, אַדאָלף לאַנדוי, שלום לייזעראָוויטש, מענדל לובעלסקי, יהודה לובעלסקי, יוזעפינע מאַמלאַק, דוד מאַריאַנקאַ, איגנאַצי מייטליס, פּיוול אָסטרי, מאָוריצי רייכער, איגנאַצי ריינער, יוזעף סאַפּער, לייביש זענדל, פּאַוועל סקשיניאַ, רעגינע שפּיגעל, אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער יחיאל טאַביאַש, הענריק זינגער, אהרן זינגער.

צו דער אַקציע פון פאַריין צו גרינדן און בויען די האַנדלס־גימנאַזיע זענען צוגעשטאַנען: דער „דעטאַליסטן און קליינהענדלער־פאַריין” אין סאָסנאָוויץ, דער „סוחרים־פאַריין” אין קאַטאָוויץ, ווי אויך אַ ריי פּערזענלעכקייטן פון זאַגלעמביע און אויבערשלעזיע.

די רעאַליזירונג פונם בוי פון דער שול־געביידע איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אַ בוי־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך קאָנסטיטוירט אויפן פאָלגנדיקן אופן: יוזעף סאַפּער (פאָרזיצער), הענריק זינגער (וו. פאָרזיצער), אינז׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער (קאַסירער), אינזש׳ מאַקס ליפשיץ (סעקרעטאַר), אינזש׳ באָלעסלאַוו דאַנאַט־שלייפשטיין (טעכנישער־לייטער), מאַרקוס בירמאַן און פּאַוועל סקשיניאַ.

אַ דאַנק די גרויסע באַמיונגען פון בוי־קאָמיטעט, האָט די האַנדלס־גימנאַזיע געקאָנט געעפנט ווערן צום אָנהויב פון



דער בוי־קאָמיטעט, אונטער וועמענס השגחה ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די יידישע האַנדלס גימנאַזיע אין סאָסנאָוויץ אין יאָר 1938.

1־טע ריי, זיצן פון רעכטס: הענריק זינגער (וו. פאָרזיצער), אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער (קאַסירער), יוזעף סאַפּער (פאָרזיצער) אינזש מאַקסימיליאַן ליפשיץ (סעקרעטאַר), אינש׳ באָלעסלאַוו דאַנאַט־שלייפשטיין (טעכנישער־לייטער).

2־טע ריי פון רעכטס: מאַרקוס בערמאַן, פּאַוועל סקשיניאַ.

שול־יאָר 39/1938. די לערנאַנשטאַלט געפֿינט זיך אין סאָסנאָוויץ, אויף דער סקלאַדאָוואַ גאַס נר. 3א. צוליב דער הויכער שילער־פֿרעקווענץ, און דעם עפֿענען פֿון העכערע קלאַסן, טרעט דער קאָמיטעט צו, צום ווייטערדיקן פֿונאַנדערבוי פֿונם שול־בנין.

די וויכטיקייט פֿון דער גרינדונג און דעם בוי פֿון דער האַנדלס־גימנאַזיע, דאַרף ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן, צוליב דער גרויסער באַדייטונג פֿון דעם ווערק פֿאַר דעם יידישן כלל, ווי אויך צוליב דער אָפּפֿערוויליקייט און אָנשטרענגונג מצד דעם פֿאַריין, וועלכער איז דער אויסדרוק פֿון דער שאַפֿונגס־פֿאָטענץ פֿון אַ גוט פֿונקציאָנירנדיקער אָרגאַניזאַציע.

דער דעטאַליסטן און קליינהענדלער־פֿאַריין

דעם 5־טן יאַנואַר 1927 איז פֿאָרגעקומען די ערשטע גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג פֿונם קליינהענדלער־פֿאַריין אין סאָסנאָוויץ, ביי אַ צאָל פֿון 12 פּערזאָן. היינט צו טאָג ציילט דער פֿאַריין איבער 600 מיטגלידער און פֿירט אַ זייער לעבהאַפֿטע טעטיקייט, וועלכע באַצוועקט צו פֿאַרלייכטערן דעם קליינהענדלער און בכלל דעם יידישן קרעמער זיינע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן.

דער פֿאַריין באַזיצט אַ סעקרעטאַריאַט, וועלכער ווערט טעגלעך באַזוכט דורך צענטליקער אינטערעסאַנטן, וואָס ווערן באַדינט דורך עטלעכע באַאַמטע.

דער פֿאַריין איז רעפּרעזענטירט אין אַלע וויכטיקע יידישע און אַלגעמיינע אינסטיטוציעס: אין שטאָט־ראַט, קהלה, האַנדלס־און אינדוסטריע־קאַמער, רעקורסן־קאָמיסיע א״אנד.

ביים פֿאַריין עקזיסטירט אַ גוט אָרגאַניזירטע מעדיצינישע־און יורידישע־הילף.

עס זענען אָרגאַניזירט איינציקע בראַנזשע־סעקציעס, וועלכע האָבן אַלס אויפֿגאַבע צו באַהאַנדלען און צו דערליידיקן ספּעציעלע פֿראַגן, וועלכע באַרירן די פֿאַרשידענע בראַנזשעס.

דער פֿאַריין שטייט אין אַ לעבהאַפֿטן קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלע און דעלעגירט זיינע פֿאָרשטייער צו די קאָנפֿערענצן און צוזאַמענפֿאָרן, וועלכע ווערן צונויפֿגערופֿן דורך דער צענטראַלע.

די אינסטיטוציע שפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער יידישער געזעלשאַפֿט אין סאָסנאָוויץ, ספּעציעל אויפֿן ווירטשאַפֿטלעכן אָפּשניט. די פֿאַרוואַלטונג אַרבעט מיט מיט דעם יידישן סוחרים־און אינדוסטריעלער־פֿאַריין, באַזונדערס אויפֿן געביט פֿונם האַנדלס־שול־וועזן.ביידע פֿאַריינען האָבן געגרינדעט די איינציקע האַנדלס־שול און די האַנדלס־אָוונט קורסן, וועלכע דערפֿילן אַ גרויסע אויפֿגאַבע, ביים אויסבילדן דעם אונטערוואַקסנדיקן יידישן דור צום סוחרישן באַרוף.

די פֿאַרוואַלטונג איז אין יאָר 1938 באַשטאַנען פֿון פֿאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: הערמאַן אַלינער (פֿאָרזיצער), א. ד. קייזער, (וו. פֿאָרזיצער), ב. ד. דווידקיעוויטש (וו. פֿאָרזיצער), ח. דאָנסקי (קאַסירער), ש. קימעלמאַן, ש. האָניגמאַן, פּ. פּעדערמאַן, אַ. אויאַזד, ח. ראַבינאָוויטש, ש. געמיינער, ה. גלייטמאַן.

די רעווידיר־קאָמיסיע באַשטייט פֿון: י. מאַן, הלל אַלטמאַן און בערנאַרד יאַקוב.



הערמאַן אַלינער

פֿאָרזיצער פֿון „דעטאַליסטן־ און קליינהענדלער־פֿאַריין", מיטגליד פֿון סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט, ראַטמאַן פֿון דער האַנדל־ און אינדוסטריעקאַמער אין סאָסנאָוויץ, פּרעזידיום־מיטגליד פֿון „צ״ק פֿון דעטאַליסטן־ און קליינהענדלער־פֿאַרבאַנד אין פּוילן", מיטגליד פֿון שטאָטישן אַרבעט־פֿאָנד־קאָמיטעט, פֿאָרטרעטער פֿון דער רעאָרגאַניזירטער שטאָטישער קאָמונאַלער־קאַסע, רעזערוו־פּאָרוטשניק פֿון דער פּוילישער אַרמיי און קריג־אינוואַליד.



1־טע ריי, פון רעכטס זיצן: ש. קימעלמאַן, א. ד. קייזער (וו. פאָרזיצער), הערמאַן אַלינער (פאָרזיצער), א. אויאַזד, ח. דאַנסקי (קאַסירער).
2־טע ריי, פון רעכטס שטייען: ח. זשעלאַנקאַ, א. כארמאטש (באאמטער), ה. גלייטמאַן, ש. האָניגמאַן (פאָרוואַלטער), ח. ראַבינאָוויטש, אינזש׳ צ. מאָנגעל (ביוראָ־לייטער).
3־טע רייע: פ. פעדערמאַן (ערן־סעקרעטאַר), א. ווייס (באַאמטער), ש. געמיינער, י. מאַן (פאָרזיצער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע).

דער הויז־באַזיצער פאַריין

נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה האָט אַ טייל הויז־באַזיצער — יידן און קריסטן — געגרינדעט אַ פאַריין אונטערן נאָמען: „געזעלשאַפט פון אומבאַוועגלעך אייגנטום״. אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך דעמאָלט געפונען פאַרטרעטער פון ביידע באַפעלקערונג־טיילן, וועלכע האָבן האַרמאָניש צוזאַמענגעאַרבעט לטובת זייערע בשותפותדיקע אינטערעסן.

בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז די טעטיקייט איבערגעריסן געוואָרן, הגם דער פאַריין איז נישט ליקווידירט געוואָרן. ערשט אין די יאָרן 1930/31, הויבט דער פאַריין אויפסניי אָן זיין טעטיקייט, און אין דער פאַרוואַלטונג טרעטן דאָן אַריין פאָלגנדיקע יידישע מיטגלידער: ברוך מייערטשיק, זלמן קאָזשוך און דוד ראָזענפעלד. צו דער רעאָרגאַניזירטער אינסטיטוציע האָבן ווייטער אָנגעהערט קריסטן און יידן, וועלכע האָבן צוזאַמענגעאַרבעט ביים פאַרטיידיקן זייערע רעכט.

אָבער אין אַ געוויסער צייט אַרום זענען די גוטע קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן קאַליע געוואָרן צוליבן וווּקס פון די אַנטיסעמיטישע כוואַליעס, וועלכע זענען אויך אַריינגעדרונגען אין פאַריין. צוליב דעם, האָבן די דערמאָנטע יידישע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער באַשלאָסן צו גרינדן אַ באַזונדערן יידישן הויז־באַזיצער פאַריין. דער דאָזיקער באַשלוס איז רעאַליזירט געוואָרן צום סוף פונם יאָר 1933, און נאָכן באַשטעטיקן די סטאַטוטן דורך דער וואָיעוואָדישער־מאַכט אין פעברואַר 1934, האָט זיך קאָנסטיטוירט די ערשטע


פאַרוואַלטונג פון „פאַריין פון הויז־ און פלעצער־אייגנטימער פון דער שטאָט סאָסנאָוויץ״.

זייט דער גרינדונג שטייען אין דער שפּיץ פון דער אינ־סטיטוציע פאָלגנדיקע פּערזאָנען: מענדל לובעלסקי (פאַר־זיצער), שלום לייזעראָוויטש (וו. פאַרזיצער), ברוך מייער־טשיק (ערן־סעקרעטאַר), זלמן קאַזשוך, דוד ראָזענפלד, חיים פעלצמאַן, אינזש׳ ב. פירסטענבערג, דוד שווייצער, הענריק פעליקס, אברהם כלעוויצקי און וואָלף יינגסטער.

אין אָנהויב האָט דער פאַריין געציילט 50 מיטגלידער, אָבער שטופנווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און צום סוף פונם יאָר 1938 זענען שוין געווען רעגיסטרירט 350 מיטגלידער, ד״ה כמעט אַלע יידישע הויז־באַזיצער אין סאָסנאָוויץ.

דער פאַריין האָט במשך פון זיין עקזיסטענץ געפירט אַן אַקטיווע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט און איז געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אַקציעס. ער באַזיצט אַ סעקרעטאַריאַט און אַ רעפּרעזענטאַנץ־זאַל פאַר פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע צוועקן. די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער נעמען אויך אַן אַקטיוון אנטייל אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

זייט דער גרינדונג פון פאַריין, פירט אַן מיטן סעקרע־טאַריאַט — אַרנאָלד בערלינער.



די פאַרוואַלטונג פון הויז־באַזיצער פאַריין אין יאָר 1938.
עס זיצן פון רעכטס: יחיאל פעליקס, מענדל לובעלסקי (פרזיצער), שלום לייזעראָוויטש (וו. פאַרזיצער), ברוך מייערטשיק (סעקרעטאַר).
עס שטייען פון רעכטס: דוד ראָזענפעלד, דוד שווייצער, חיים פעלצמאַן (קאַסירער), אברהם כלעוויצקי

לייביש זענדל

די אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון דער „גמילת חסד״־קאסע אין סאסנאוויץ

די געשיכטע פון דער אַנטוויקלונג פון דער גמ״ח־קאַסע ביי אונז אין שטאָט איז אַ קורצע, אָבער דערפאַר אַן אינטע־רעסאַנטע. איך וועל זיך באַמיען איבערצוגעבן די וויכטיקסטע פרטים, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע זייט איר גרינדונג ביז צום היינטיקן טאָג.

אין יאָר 1925 איז — לויטן מוסטער פון אַנדערע שטעט אין פוילן — געשאַפן געוואָרן אין אַלט־סאָסנאָוויץ אַ רע־טונגס־קאָמיטעט. די אויפגאַבע פון קאָמיטעט איז געווען אַרויסצוהעלפן מיט הלוואות און שטיצע פאַראָרימטע קליינ־הענדלער און בעלי־מלאכות. דער קאָמיטעט, וועלכער האָט געפירט זיין טעטיקייט לויט די ז׳עמאַלסטיקע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1927.

צום סוף פון יענעם יאָר איז קיין סאָסנאָוויץ געקומען דער דעלעגאַט פון „„דזשאָינט״ ווערטהיים און ער האָט זיך צו מיר געוואַנדן (אַלס פאַרזיצער פון דער קהלה פאַרוואַלטונג אין יענער צייט) מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַן אַנפּראַצענטיקע „גמילת חסד״־קאַסע.

אין זיין פּראָיעקט האָט דער דעלעגאַט פאָרגעשלאָגן, אַז דער „דזשאָינט״ וועט געבן דיזעלבע סומע, וואָס ס׳וועט געלונגען צונויפצוזאַמלען אין סאָסנאָוויץ, און אויב אין אונזער שטאָט זאָל געשאַפן ווערן 30 טויזנט גילדן (ווייל זיי האָבן באַשטימט 20 סענט פון אַ קאָפּ און דאָס האָט דעמאָלט באַטראָפן די דערמאָנטע סומע), וועט דאַן דער „דזשאָינט״ די סומע פאַרטאָפּלען. גלייך האָט דער שרייבער פון די שורות צונויפגערופן די פאָרשטייער פון אַלע געזעלשאַפטלעכע שאַטירונגען מיט ד״ר אַ. פּערלמאַן, י. מ. בערקאָוויטש, חיים יוסף זאַיאַנץ און ד״ר י. הערצמאַן בראש און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוטרעטן צו אַ זאַמל־אַקציע, וועלכע האָט נאָך גרויסע אַנשטרענגונגען אַריינגע־בראַכט אינגאַנצן אַרום 17 טויזנט גל.

אָבער דאַן זענען אַנטשטאַנען צוויי שווערע פּראָבלעמען: 1) די פראַגע וועגן אַ לעגאַליזאַציע, 2) פונדאַנען צו באַקומען די פעלנדיקע סומע. וואָס שייך דער לעגאַליזאַציע, האָט מען געוואָלט איבערנעמען די גמ״ח־קאַסע אין פּאַגאָן, וועלכע האָט שוין אין יענער צייט עקזיסטירט, זי איבער־טראָגן קיין סאָסנאָוויץ און אַרבעטן אויף איר לעגאַליזאַציע. אָבער די ליטונג פון דער פּאַגאָניער־קאַסע האָט דערצו נישט געוואָלט מסכים זיין. דאַן איז אונטערגעקומען דער רעטונגס־קאָמיטעט פון אַלט־סאָסנאָוויץ, וועלכער האָט צו־ליב פאַרשידענע סיבות נישט געקאָנט מער עקזיסטירן און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען די לעגאַליזאַציע אויפן נאָמען פונם דאָזיקן קאָמיטעט.

אין יענער צייט האָט דער היגער תושב, וואָלף בער פישעל, זיך מתחייב געווען צו געבן 10.000 גל. לטובת דער קאַסע, אזוי, אַז מיט דער פריערדיקער סומע האָט דאָס שוין אויסגעמאַכט 27.000 גל. דעמאָלט האָט מען זיך געוואַנדן צום „דזשאָינט״ און די קאַסע האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן און צו פירן אַ טעטיקייט, שטעלנדיק זיך אַלס אויפגאַבע אַרויסצוגעבן אַנפּראַצענטיקע הלוואות פאַראָרימטע יידישע קליינהענדלער און בעלי־מלאכות. ליידער האָט וו. ב. פישעל דאָס געלט צוריקגעצויגן און נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די



לייביש זענדל

פּאָקאַנטער געזעלשאַפטלעכער עסקן, גרינדער און פאַרזיצער פון דער גמ״ח־קאַסע, מיטגליד פון „צעקאַבע״ אין פוילן, געוו. דאַזאַר, ראש־הקהל און לאַנגיעריקער מיטגליד פון סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט.

קהלה־ליטונג האָט זיך וואַרעם באַצויגן צו דער ניי־אַנטשטאַנענער אינסטיטוציע און זיך מתחייב געווען צו דעקן די סומע ביז 30.000 גל. איז געלונגען די קאַסע ווייטער צו דערהאַלטן. ס׳דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ביזן יאָר 1932 האָט די קהלה דערפילט איר אויפגאַבע און האָט במשך פון 5 יאָר אויסגעצאָלט דער קאַסע 13,600 גל.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פון אָנהויב האָט זיך דער לוה געשעמט צו קומען נעמען די הלוואה. אָבער מיט דער צייט איז די קאַסע געוואָרן אַזוי שטאַרק פּאָפּולער צווישן די יידישע מאַסן, אז זי איז געוואָרן די איינציקע אינסטיטוציע, וווּ אַ בעל־מלאכה אָדער קליינהענדלער האָט באַקומען אַ הלוואה אָן שום פּראָצענטער, נישט אָנקומענדיק צו קיינעמס טובות און נישט אויסנוצנדיק קיין שום פּראָטעקציעס.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך די קאַסע אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען און צו וואַקסן מיט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג און פּינקטלעכקייט, ווערנדיק אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט. און באמת, ווער וואָלט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די געגרינדעטע גמ״ח־קאַסע, וועלכע האָט במשך פון 11 יאָר געהאַט צו טון מיט 24.000 מענטשן (8000 לוים און 16.000 זשיראַנטן), זאָל מאַכן אַ



גרשון סטאַווסקי

פאָרזיצער פון „אויפבוי־פאָנד״־קאָמיטעט ביים „צעקאַבע״, אָפּט. אין סאָסנאָוויץ, וו. פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרג. מיטגרינדער פון דער ציוניסטישער אָרג. אין סאָסנאָוויץ, געוו. מורשה פון „עדעסער קאָמיטעט״ (1896־1914), דעלעגאַט צום 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל (1903), פאָרזיצער פון „הזמיר״ במשך פון זיין עקזיסטענץ (1908־1912), מיטגליד פון: „יקאַ״־קאָמיטעט (1908־1914), פאַרעפנטלעכט אַ ריי ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרבעטן אין פאַרשידענע יידישע און העברעישע צייטשריפטן.

אומזאַץ פון פינף פערטיל מיליאָן גל. און דערביי זאָל נישט מער פאַרלוירן גיין ווי 4.000 גל., ד״ה אַרום 4 פּראָמיל. דערביי מוז מען געדענקען, אַז די פאַרפאַלענע סומע איז באַשטאַנען פון „פאַרפרויענע״ געלטער, ד״ה פון יענע, וואָס דער לוה אָדער זשיראַנטן זענען געשטאָרבן. צי קאָן וועלכע ס׳איז פינאַנס־אינסטיטוציע אַזעלכעס באַווייזן? און נעמענדיק נאָך אין באַטראַכט, אַז לעצטנס אַרבעט די קאַסע ביי שווערע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, מוז מען צוגעבן, אַז זי טוט באמת אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, וואָס פאַרדינט אנערקענונג.

כ׳זאָג דאָ: „ביי שווערע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען״, ווייל פון אָנהויב ווען די קאַסע איז געגרינדעט געוואָרן, איז איר אַדמיניסטראַציע, פּונקט ווי אין אַלע גרויסע שטעט אין פּוילן, אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער קהלה, וועלכע האָט באַצאָלט פאַרן לאָקאַל, באַהייצונג, באַלויכטונג, איינגעקויפט שרייב־מאַטעריאַל, אויסגעצאָלט דעם גרעסטן טייל שכירות די באַאַמטע אאז״וו. דאָס האָט פאַרקלענערט דעם בודזשעט פון דער קאַסע ביזן יאָר 1932 מיט 2.000 גל. יערלעך, און אַחוץ דעם, ווו ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט, האָט אויך די קהלה געשטיצט די קאַסע מיט 13,600 גל.

אַזוי זענען אַדורך די גוטע צייטן פאַר דער קאַסע, וועלכע דאַטירט זיך ביזן יאָר 1932. דאַן הויבט זיך אָן אַן איבערברוך אין דער טעטיקייט פון דער קאַסע, ווייל זייט דעמאָלט האָבן אויפגעהערט די סובסידיעס פון דער קהלה, און אַחוץ



ישראל מיכל בערקאָוויטש (1860—1936)
מיטגרינדער פון דער גמ״ח־קאַסע
און לאַנגיעריקער ערן־קאַסירער

די 200 גל. וואָס די קאַסע האָט אין יאָר 1936 (בימי טענצער) באַקומען, האָט זי מער קיין גראָשן פון דער קהלה נישט דערהאַלטן. די חודש־אָפּצאָלן זענען געפאַלן פון 700 גל. אויף 200 גל. אַ חודש. צוליבן אָפּשטעלן פון די סובסידיעס און דעם פאַלן פון די חודש־אָפּצאָלן, האָט די קאַסע צו קעמפן מיט געוואַלטיקע שוועריקייטן ביים דערהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פון בודזשעט, און ס׳קאָן דעריבער קיין רייד נישט זיין וועגן פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל פון דער קאַסע. און אָט דאָ טרעפן מיר זיך אָן אויפן ערגסטן אבן נגף, און מיר קומען צום לעצטן אָבער טרויעריקסטן

קאַפּיטל פון אונזער איבערבליק — צו דער היינטיקער טעטיקייט.

זייט דער גרינדונג פון דער קאַסע, איז די יידישע באַפּעל־קערונג אין סאָסנאָוויץ געוואַקסן מיט 100 פּראָצענט. ליידער האָבן זיך די הכנסות פאַרקלענערט און ביים בעסטן ווילן איז נישט מעגלעך נאָכצוקומען די בקשות פון אַלע נויט־באַדערפטיקע. אויך דער „דזשאָינט״ דערקלערט, אַז ער איז נישט בכח צו דערפילן די ביטעס וועגן פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל און פאָדערט, אַז מיר זאָלן זיך אַליין העלפן. „אַליין העלפן״ — אָבער ווי אַזוי? אַז דער פאַרמעגלעכער עלעמענט אין דער יידישער געזעלשאַפט שטייט פונדער־ווייטנס און ס׳קימערט אים ווייניק, וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים, ער האָט נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די נויט און דחקות, אין וועלכער ס׳קומט אויס זיין נאָענטן צו לעבן.

די דאָזיקע סיבות האָבן גורם געווען, אַז די קאַסע זאָל נישט קאָנען דערפילן אירע אויפגאַבן אויף 100 פּראָצענט און ס׳בלייבט נישט מער איבער ווי צו אַפּעלירן צו דער יידישער געזעלשאַפט, אַז זי זאָל זיך שטאַרקער אינטע־רעסירן מיט אַזאַ אומגעהויער וויכטיקער אינסטיטוציע, ווי ס׳איז די גמ״ח־קאַסע, וועלכע איז פאַר פיל טויזנטער בעלי־מלאכות און קרעמער די איינציקע האָפענונג צו קאָנען זיך דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון לעבן.

ביים היינטיקן טאָג ציילט די קאַסע 600 סטאַבילע לוים און 500 אַזעלכע, וואָס בלייבן הינטערשטעליק מיט זייערע צאָלונגען.

איצט אַביסל וויכטיקע כראָנאָלאָגישע נאָטיצן:

דעם 20־טן מאַי 1928 איז אין זאַל פון האָטעל „פּאָלסקי״ פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ל. זענדל האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן דער גרינדונג און אַנטוויקלונג פון דער קאַסע. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן די ערשטע פאַרוואַלטונג לויטן פאָל־גנדיקן צוזאַמענשטעל: ל. זענדל (פאָרזיצער), י. אייבעשיץ (וו. פאָרזיצער), י. מ. בערקאָוויטש (קאַסירער), בצלאל פערענס (סעקרעטאַר), י. מ. קאָרנפעלד, ר. טשאַפּניק, דוד דודקיעוויטש, פ. קאַמינסקי, א. אַבראַמאָוויטש, ש. זיסקינד, נ. באַכמייער, מ. ע. מאַגערקיעוויטש, ש. כמיעלניצקי, י. זאַקס און ב. סעצעמסקי.

דעם 4־טן מאַי 1930 איז אין זאַל פון האָטעל „פּאָלסקי״ פאָרגעקומען אַ קרייז־קאָנפערענץ מיט דער באַטייליקונג



די קרייז־קאָנפערענץ פון די „גמילת חסדים״־קאַסעס אין סאָסנאָוויץ, מיט דער באַטייליקונג פון די „דזשאָינט־פאַרשטייער, דעם 4־טן מאַי 1930.
1. ד״ר בערנאַרד קאַהאַן, 2. ד״ר. דוד שווייצער, 3. פּרעזעס לייביש זענדל.
4. סענאַטאָר ש. בודזינער (זיצט), 5. ד״ר. י. גיטערמאַן (זיצט)

פון די „דזשאָינט"־דירעקטאָרן אין אייראָפּע: ד"ר בערנאַרד קאַהאַן (פּאַריז), ד. שווייצער (בערלין), י. גיטערמאַן (וואַרשע), סענאַטאָר ש. בודזינער (וואַרשע) און דעלעגאַטן פון דער גאַנצער קיעלצער וואָיעוואָדשאַפט. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט ד"ר קאַהאַן אַסיגנירט 15.000 גל. לטובת דער סאָסנאָוויצער קאַסע.

דעם 1־טן מאַי 1937 איז אין זאַל פון דער קהלה פאָרגעקומען אַ קרייז־קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט דעלעגאַטן פון 29 קאַסעס, ווי אויך דער פאָרשטייער פון „צעקאָבע" דיר. י. באָרנשטיין.

דעם 20־טן דעצעמבער 1937 איז פאָרגעקומען אַ זיצונג וועגן שאַפן אַ ספּעציעלן קאָמיטעט, וועלכער זאָל זיך פאַרנעמען מיט אויפבוי־הילף. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: גרשון סטאַווסקי, ל. זענדל, ד. דודקיעוויטש, מ. טשעכאָווסקי (גמ"ח־קאַסע), ראַטמאַן ה. אַלינער, א. אויאַזד (קליינהענדלער), י. ראָט־שטיין גרינבערג (האַנטווערקער), אינזש' זיסמאַן (אָרט) און אַ פאַרשטייער פון דער קהלה.

די אויפגאַבע פון קאָמיטעט באַשטייט אין ערטיילן גרעסערע, לאַנגטערמיניקע הלוואות צו קליינאינדוסטריעלער און בעלי־מלאכות אויף אינוועסטיציע צוועקן ווי: איינקויפן מאַשינען, אַפּאַראַטן און פאַרשידענע אַנדערע טעכנישע איינ־ריכטונגען.

צום סוף דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער קאַסע האָט געהאַט דער פאַרשטאָרבענער מיט־גרינדער ישראל מיכל בערקאָוויטש, וועלכער איז במשך פון 10 יאָר געווען ערן־קאַסירער פון דער אינסטיטוציע און האָט געוויסנהאַפט און מיט מסירת נפש דערפילט זיינע פליכטן.



די פאַרוואַלטונג פון דער „גמילת חסד"־קאַסע אין יאָר 1938.
עס זיצן פון רעכטס: בעריש ראָזענזאַפט, וואָלף פעלצמאַן (ערן־קאַסירער), מענדל טשעכאָווסקי (וו. פאָרזיצער), לייביש זענדל (פאָרזיצער), דוד דודקיעוויטש (וו. פאָרזיצער) בצלאל ערליך.
2־טע ריי, פון רעכטס: יצחק מענדל קאָרנפעלד, הערמאַן אַלינער, יוסף גרינבערג, יצחק שווייצער, שלמה סלאַבעצקי, פנחס שלעזינגער.
3־טע ריי, פון רעכטס: הערש גלייטמאַן, דוד שווייצער, יידל באָראָוויעצקי, ראובן בינענשטאָק, דוד ווערדיגער (סעקרעטאַר).

די אפטיילונג פון דער געז. „ארט"

די אפטיילונג פון דער געז. „ארט" אין סאסנאוויץ איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1935.

דאס פרעזידיום פון דער ערשטער פארוואלטונג איז באשטאנען פון פאלגנדיקע פערזאנען: אדוו. צ. גלאנץ (פאר־זיצער), ד"ר ב. בראניצקי און ש. ז. לאנגער (וו. פאר־זיצערס), ד"ר ק. טראפויער (קאסירער), אינזש' ש. זיסמאן (סעק־רעטאר).

אין די ערשטע יארן פון זיין טעטיקייט האט דער „ארט" געארבעט אין פאלגנדיקע ריכטונגען: 1) פראפאגאנדע. 2) צו־גרייטן געזעלן צום געזעלן־עקזאמען. 3) פראפאגאנדע פאר ערד־ארבעט.

דער „ארט" האט איינגעארדנט א ריי פארלעזונגען אין פארשידענע אינסטיטוציעס אין סאסנאוויץ. ער האט אויך געגרינדעט עקזאמען־קורסן פאר האנטווערקער און געזעלן, כדי זיי צו דערמעגלעכן דאס באקומען האנטווערקער־קארטן. אויף די קורסן פון „ארט" האבן זיך בוגעגרייט איבער 150 קאנדידאטן און כמעט אלע האבן אויסגעהאלטן דעם עקזאמען און באקומען האנטווערקער־קארטן. גלייכצייטיק האט דער „ארט" געדונגען א גארטן, אין וועלכן א גרעסערע צאל יונגעלייט האבן באקומען אן אויסבילדונג אין גערט־נעריי.

אין אנהויב פונם יאר 1938 איז קיין סאסנאוויץ געקומען רער דעלעגאט פון דער צענטראלע א. אסטאשינסקי און אונטער זיין לייטונג איז געפירט געווארן א ברייטע פינאנס־יעלע־אקציע, אין וועלכער ס'האבן אנטייל גענומען א ריי אנגעזעענע כלל־טוער. די אקציע איז אדורך מיט א גרויסן דערפאלג, ס'איז געזאמלט געווארן העכער 6000 גילדן.

נאך דער זאמל־אקציע איז פארגעקומען די אלגעמיינע פארזאמלונג, אויף וועלכער ס'איז אויסגעוויילט געווארן פאלגנדיקע פארוואלטונג: אינזש' ש. סטארקע־נאכנער (פאר־זיצער), ד"ר ה. ליבערמאן און אינזש' ל. בירמאן (וו. פאר־זיצערס), ד"ר ק. טראפויער (קאסירער), אינזש' ב. פירסטענ־בערג (סעקרעטאר), אדוו. צ. גלאנץ, פ. קלעפפיש, ז. מאיערטשיק, אינזש' ב. גינזבערג, אינזש' ש. זיסמאן, י. קוטשינסקי און א. מאריאנקא.

דער שלעכטער פינאנסיעלער מצב האט באשווערט די טעטיקייט. ס'איז געדונגען געווארן א גרעסערער לאקאל, וועלכער איז פארזען געווארן מיט די נויטיקע איינריכטונגען. גלייכצייטיג איז געגרינדעט געווארן א ריי קורסן פאר: ראדיאטעכניק, לעדער־גאלאנטעריע, שאפערן־קורסן און דער־גענצונג־קורסן פאר סטאלארעס.

איצט טרעט צו דער „ארט" אין סאסנאוויץ צו ארגא־ניזירן א דריי־יאריקע האנטווערקער שול פאר טישלעריי.

דאס יידישע שפיטאל אין סאסנאוויץ

דער איניציאטאר און שעפער פון יידישן שפיטאל איז געווען ד"ר אברהם פערעלמאן. אדאנק גרעסערע נדבות פון די משפחות: קאבאק, רייכער און אפענהיים, ווי אויך פון דער גאנצער יידישער געזעלשאפט, איז געזאמלט געווארן אן אנטשפרעכנדיקער פאנד. דעם 26־טן יוני 1910 איז פארגעקומען דער פייערלעכער אקט פון לייגן דעם גרונט־שטיין, און דעם 30־טן מאי 1912 איז צושטאנד געקומען די דערעפענונג פון אויסגעפארטיקטן שפיטאל־בנין. הגם דאס שפיטאל איז אויסגעבויט געווארן אדאנק די נדבות מצד די רייכע יידן צום געברויך פון דער ארימער יידישער באפעל־קערונג, איז דאך אין די ערשטע 10 יאר פון דער עקזיסטענץ פון שפיטאל די צאל נישט־יידישע קראנקע געווען גרעסער פון דער יידישער. ערשט נאך דער אנטוויקלונג פון פאבריק־שפיטאלוועזן און דער קראנקן־קאסע, האט זיך די צאל נישט יידישע קראנקע באדייטנדיק פארקלענערט. דאס שפי־טאל הויבט דאן אן צו אנטשפרעכן זיין געשטעלטן ציל, כאטש ביים אננעמען קראנקע ווערן נישט געמאכט קיין שוועריקייטן צוליב רעליגיע־אנגעהעריקייט.

דער שלעכטער פינאנסיעלער מצב האט באשווערט די ארבעט אין שפיטאל כמעט פון אנהויב פון זיין עקזיסטענץ, אויסער דער קריג־צייט, ווען דאס שפיטאל איז געווען אונטער דער אנפירערשאפט פון דער קאמונאלער־מאכט, וועלכע פלעגט דעקן אלע דעפיציטן.

די שוועריקייטן האבן גורם געווען אפילו צום שליסן פון שפיטאל אויף א לענגערע צייט, נעמלעך, פון 3־טן מערץ 1925 ביז צום 15־טן אויגוסט 1926, ד"ה אויף א צייט פון

כמעט 18 חדשים. פון יאָר 1927 האָט זיך דאָס שפּיטאָל, אין דער הינזיכט פון דער צאָל אָנגענומענע קראַנקע, געהאַלטן אויפן אַמאָליקן ניוואָ, און פון יאָר 1932 אַנטוויקלט עס זיך



ד״ר אברהם פּערעלמאַן (1870—1928)

געווו. איניציאַטאָר, גרינדער און ערשטער הויפּט־אַרצט פון יידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ, פּאַרזיצער פון דער קהלה־פאַרוואַלטונג, מיטגליד פון סאָסנאָוויצער שטאָט־ראָט, פאַרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרג., מיטגרינדער און פאַרזיצער פון דער יידישער גימנאַזיע, מיטגרינדער און פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון אַלגעמיינעם דאָקטוירים־פאַריין אין זאַגלעמביע, מיט־גליד פון ציוניסטישן פאַרטיי־ראָט אין פּוילן, דעלע־גאַט אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין מינסק, ווי אויך אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן.


סיסטעמאַטיש, אַזוי, אַז שוין אין יאָר 1932 איז די צאָל פון 400 און עטלעכע צענטליק קראַנקע געשטיגן ביז 633, אין יאָר 1936 ביז 867, אין יאָר 1937 ביז 990, און אין יאָר 1938 ביז 1224.

נישט קוקנדיק אויף די פינאַנסיעלע שוועריקייטן האָט זיך דאָס שפּיטאָל באַדייטנדיק אַנטוויקלט און אין היינטיקן יאָר זענען דאָ שאַנסן פון אַ ווייטערדיקער אַנטוויקלונג, צוליבן אומקערן פון אַ פּאַווילאָן, אין וועלכן ס'האָט זיך ביז איצט געפונען דאָס „יתומים־הויז".


דאָס שפּיטאָל האָט פון אָנפאַנג געהאַט 46 בעטן. אין יאָר 1932 איז, אַדאַנק דער איניציאַטיוו און מאַטעריעלער מיטהילף פון ד״ר ה. ליבערמאַן, צוגעבויט געוואָרן די קינדער אָפּטיילונג, און אויף אַזאַ אופן זענען צוגעקומען 14 בעטן. אין יאָר 1939 וועלן צוקומען נאָך 30 בעטן, אַזוי, אַז דאָס שפּיטאָל וועט איצט פאַרמאָגן איבער 90 בעטן.

דאָס שפּיטאָל באַזיצט פאָלגנדיקע אָפּטיילונגען: אַן אינערלעכע, כירורגישע, קימפּעטאָרין־גינעקאָלאָגישע און פּעדיאַטרישע. אין שפּיטאָל, וואָס באַדינט נישט בלויז סאָסנאָוויץ נאָר אויך אַ גאַנצע נעץ פון שטעט און שטעטלעך פון די שכנותדיקע פּאַוויאַטן, ווערט געפירט אַ כשרע קיך.

די נויטווענדיקייט פונם יידישן שפּיטאָל פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדערס אין דער היינטיקער צייט, איז פאַר אַלעמען קלאָר און פאָדערט נישט קיין פירושים. כדי צו שטיין אויף דער הויך פון אַ גוט איינגעאָרדנטער, מאָדער־נער הייל־אַנשטאַלט זענען נויטיק זייער גרויסע פינאַנסיעלע אינוועסטיציעס אויף רעמאָנט, מכשירים, אַפּאַראַטן אד״ג.



דער שפּיטאָל־בנין



אַ פראַגמענט פון דער פרויען־אָפּטיילונג



דער דאָקטוירים און געהילף־פּערסאָנאַל

ס׳ווערן דעריבער מצד דער לייטונג געמאכט די גרעסטע אנשטרענגונגען, כדי כאטש טיילווייז אויסצופירן די דאזיקע אויפגאבע.

די ביז איצטיקע אפפערווויליקייט פון דער געזעלשאפט האט ליידער נישט אנטשפראכן די פאדערונגען פון דער אינסטיטוציע, וואס האט קאלאסאלע אויסגאבן צוליבן וווקס פון דער צאל ארימע קראנקע, וועלכע קאנען נישט דעקן די הוצאות פון זייער קוראציע אין שפיטאל.

מיטן שפיטאל פארוואלטעט א דירעקטאר, אונטער דער אויפזיכט און קאנטראל פון שפיטאל־קאמיטעט, וועלכער באשטייט פון דעלעגאטן פון דער קהלה־פארוואלטונג און פון דער פארוואלטונג פון דער יידישער „וווילטעטיקייט געזעלשאפט״.

דעם אמט פון דירעקטאר פארנעמט די לעצטע 10 יאר דער ד״ר שלמה וויינציהער, געוועזענער דירעקטאר פון פאוויאטאוון שפיטאל אין בענדין און געוועזענער דעפוטאט צו די ערשטע צוויי סיימען פון דער פוילישער רעפובליק.

פארזיצער פון שפיטאל־קאמיטעט איז אדוו. אנטאני קאן, וועלכער איז א מיטגליד פון קאמיטעט פון ערשטן טאג פון זיין עקזיסטענץ, און וועלכער פארנעמט דעם אמט זייט דעם טויט פון לאנגיעריקן פארזיצער סט. רעזניק.

וויצע־פארזיצער איז יוסף מייטליס, סעקרעטאר — יאקוב וווּלקאן.

דער יידישער דאקטוירים־פארבאנד

אין סאסנאוויץ זענען געווען 2 אלגעמיינע דאקטוירים־פאריינען: א פראפעסיאנעלער און א וויסנשאפטלעכער. דער וויסנשאפטלעכער פאריין האט שוין פון לאנגע צייטן געטריבן אנטיסעמיטישע שטיקלעך, הגם איינער פון די הויפט־גרינדער און טוער פון דער דאזיקער אינסטיטוציע איז געווען דער פארשטארבענער פאפולערער ארצט ד״ר פוטערמאן. אזוי צב״ש איז אין דער צייט פון וויסנשאפטלעכן פאריין אויסגעשלאסן געווארן דער באקאנטער עסקן ד״ר ש וויינציהער, ווייל ער האט קאנדידירט אלס דעפוטאט צום סיים אויף דער ליסטע פון די נאציאנאלע מינדערהייטן. אחוץ דעם, האט מען דארט סתם נישט אנגענומען קיין יידישע דאקטוירים. עס איז דעריבער ביי מאנכע יידישע דאקטוירים אנטשטאנען דער געדאנק צו שאפן אן אייגענעם פאריין.

אין יאר 1935 איז דורך א גרופע יידישע דאקטוירים, מיט ד״ר ט. מעלאדיסטא און ד״ר ה. ליבערמאן אין דער שפיץ, ענדלעך געגרינדעט געווארן דער „יידישער דאקטוירים פארבאנד אין זאגלעמביע״ מיטן זיצארט אין סאסנאוויץ.

דער דאקטוירים־פארבאנד האט זיך לכתחילה געזאלט פארנעמען אויסשליסלעך מיט וויסנשאפטלעכע פראבלעמען, אבער מיט דער צייט איז ער געצוווּנגען געווארן זיך צו באשעפטיקן מיט פראפעסיאנעל־ווירטשאפטלעכע ענינים, צר ליב די כסדר וואקסנדיקע אנטיסעמיטישע טענדענצן אין אלגעמיינעם פראפעסיאנעלן פאריין, און צולעצט, צוליב דעם אנגענומענעם „אריער־פאראגראף״, דער „יידישער דאקטוירים פארבאנד״ האט ארגאניזירט דעם קאמף קעגן דעם דאזיקן „אריער פאראגראף״, און אויב ס׳איז אים נישט געלונגען אפצוווארפן, האט זיך דאקעגן איינגעגעבן צו קאנצענטרירן אינם יידישן דאקטוירים פארבאנד דעם רוב מנין ובנין פון די יידישע דאקטוירים אין זאגלעמביע און פונדאנענאויס צו פירן דעם אפווער־קאמף אויף פארשידענע געביטן פון פראפעסיאנעל־ווירטשאפטלעכן לעבן.

דער יידישער דאקטוירים פארבאנד פירט אן אינטענסיווע וויסנשאפטלעכע טעטיקייט, ארדנט אפט איין פארלעזונגען פון ארטיקע פרעלעגענטן, ווי אויך פון ווארשא און קראקע. ביים פאריין איז אויך פאראן א ביבליאטעק, וועלכע באזיצט א גרויסע צאל פאך־ביכער און מעדיצינישע־זשורנאלן, פון וועלכע עס קאנען געניסן אלע מיטגלידער. אויסער דעם ווערן דורכן פאריין דערליידיקט פארשידענע פראפעסיאנעל־ווירטשאפטלעכע ענינים. לעצטנס איז אויך געשאפן געווארן א ליי־קאסע, ווו אומבאמיטלטע מיטגלידער קאנען באקומען הלוואות. דער פאריין אנטוויקלט זיך זייער גוט און פירט א פרוכטבארע טעטיקייט.

אין יאר 1938 איז די פארוואלטונג באשטאנען פון פאלגנדיקן צוזאמענשטעל: ד״ר ט. מעלאדיסטא (פארזיצער), ד״ר ל. פאזנאנסקי (וו. פארזיצער), ד״ר ש. זיבערטאינסקי (סעקרעטאר), ד״ר א. רזשענדאווסקי (קאסירער), ד״ר ש. וויינציהער, ד״ר א. יינגסטער. פארזיצער פון דער רעווידיר־קאמיסיע איז ד״ר ה. ליבערמאן, פארזיצער פון חברים־געריכט איז ד״ר ש. וויינציהער.

די ווילטעטיקייט געזעלשאַפט („דאַבראָטשינאָשטש")

די יידישע ווילטעטיקייט געזעלשאַפט אין סאָסנאָוויץ איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1901. דאָס איז דאַן געווען די ערשטע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, וועלכע האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. דער ערשטער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג איז געווען ד"ר נויפעלד.

ביז צו דער וועלט־מלחמה איז די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט באַשטאַנען אין דערטיילן הילף צו אָרעמעלייט אין דער פאָרם פון געלט אָדער לעבנסמיטל־פּראָדוקטן. אויסער דעם, האָט זי געפירט: אַן אַמבולאַטאָריע, אַ קינדער־היים, די „תלמוד תורה", די מקוה, און האָט זיך אויך פאַרנומען מיט העלפן אָרימע קימפּעטאָרינס.

אומאָפּהענגיק פון דעם, איז די פאַרוואַלטונג צוגעטרעטן אויפצובויען דאָס שפּיטאָל, וועלכעס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1912.

נאָכן אָפּטרעטן פון פאָרזיצער ד"ר נויפעלד, זענען אין יענעם פּעריאָד געווען טעטיק אַלס פאָרזיצערס: בערנאַרד אָפּענהיים און סטאַניסלאַוו יערמולאָוויטש. אין יאָר 1906 איבערנעמט אויפסניי אָפּענהיים דעם פאָרזיצער אַמט, און ער איז טעטיק ביז צו זיין אָפּפאָר פון סאָסנאָוויץ אין יאָר 1920.

דאָס יידישע שפּיטאָל איז געפירט געוואָרן ביזן יאָר 1914. אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה, איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן־שפּיטאָל, און ערשט אין אַ צייט אַרום נעמט די ווילטעטיקייט געזעלשאַפט צוריק איבער די לייטונג, וועלכע שאַפט שפּעטער, צוזאַמען מיט דער יידישער קהלה אין סאָסנאָוויץ, אַ שפּיטאָל־קאָמיטעט. פאָרזיצער פון קאָמיטעט איז געווען סטאַניסלאַוו רעזניק ביז זיין טויט אין אויגוסט 1938.

נאָך רעזניקס טויט איז אַלס פאָרזיצער פון שפּיטאָל קאָמיטעט אויסגעוויילט געוואָרן אַדוו. אַנטאָני קאַן, וועלכער פאַרנעמט דעם אַמט ביזן היינטיקן טאָג.

דער ערשטער הויפּט אַרצט פון יידישן שפּיטאָל איז געווען ד"ר אברהם פּערלמאַן. זייט ד"ר פּערלמאַנס טויט אין יאָר 1928, פאַרנעמט דעם אַמט פון הויפּט־דאָקטאָר און דירעקטאָר פון שפּיטאָל ד"ר ש. ווײַנציהער.

דער צווייטער אַרבעטס־פּעריאָד פון דער ווילטעטיקייט געזעלשאַפט פאַלט אויס אין דער צייט פון דער דייטשער



אַ גרופּע יתומים און פאַרוואַלטונג־מיטגלידער
בעת דער פייערלעכער דערעפענונג פון „יתומים־הויז", דעם 18־טן דעצעמבער 1938.

אקופּאַציע. דעמאָלט איז די געזעלשאַפט געווען טעטיק אויף פאָלגנדיקע געביטן: זי האָט ווייטער דערטיילט פינאַנסיעלע הילף, געפירט אַן אומזיסטע קיך, ערטיילט הילף אָרימע שול־קינדער אין דער פאָרם פון באַצאָלן דעם שכר־למוד, און געפירט דערגענצונג־אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע אַנאַלפאַבעטן. אין יענער צייט האָט די געזעלשאַפט אויך געפירט אַ גענויע סטאַטיסטיק פון דער יידישער באַפעל־קערונג, מיטן צוועק זיך צו באַקאַנען מיט אירע באַדערפע־נישן.

אין הסכם מיטן אַמעריקאַנער קאָמיטעט צו שטיצן קינדער, זענען אין אייניקע פונקטן פון דער שטאָט פונאַנדערגע־טיילט געוואָרן פאַרשידענע פּראָדוקטן, ווי אויך מלבושים. טעטן. זי האָט אויך פונאַנדערגעטיילט ביכער און פאַרשידענע שול־מכשירים, געגרינדעט ביבליאָטעקן, ערטיילט היגיעני־שע־ און מעדיצינישע־הילף.

בעת דער אָקופּאַציע האָט די געזעלשאַפט אָנגעהויבן אַרויסצושיקן שול־קינדער אויף זומער־קאָלאָניעס. די דאָ־זיקע טעטיקייט האָט זיך זייער שטאַרק אַנטוויקלט.

אַלס דער דריטער טעטיקייט־פּעריאָד פון דער געזעלשאַפט דאַרף באַטראַכט ווערן די צייט נאָך דער אָקופּאַציע.

נאָך בערנאַרד אָפּענהיימס פאַרלאָזן סאָסנאָוויץ, האָט די לייטונג פון דער געזעלשאַפט איבערגענומען ד״ר יוליאַן הערצמאַן, וועלכער איז אין יאָר 1920 אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער.



די פאַרוואַלטונג פון דער ווילטעטיקייט געז. און פון „יתומים הויז" אין יאָר 1939.
1־טע ריי, פון רעכטס זיצן: אַדוו. אַנטאָני קאָן (וו. פאָרזיצער), רעגינע בינדער, ד״ר יוליאַן הערצמאַן (פאָרזיצער), פרוי ד״ר קלארע ראָטשטיין, יוזעף סאָפער.
2־טע ריי, פון רעכטס: אַלעקסאַנדער גוטמאַן, רעגינע שפיגעל, פרוי ד״ר עמיליע יינגסטער, באַלבינע זינגער, יאַקוב וואָלקאַן, אהרן זינגער.
3־טע ריי, פון רעכטס: הענריק זינגער (קאַסירער), אינזש. שמעון סטאַרקע־נאַכנער, וולאַדיסלאַוו פעלדמאַן (סעקרעטאַר), איגנאַצי מייטליס.

וואָס זענען צוגעשיקט געוואָרן דורכן דערמאָנטן קאָמיטעט. די דאָזיקע טעטיקייט האָט אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון דער אָקופּאַציע.

אַחוץ דעם, האָט די געזעלשאַפט אָרגאַניזירט אַ שול־אויפזיכט ביי די פאָלקס־שולן, וואָס איז שפּעטער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין זעלבסטשטענדיקע שול־אויפזיכט־קאָמי־טעט.

אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָט די ווילטעטיקייט געז. — אונטער דער לייטונג פון פרוי ד״ר בראָניסלאַוואַ גראָדזשינ־סקאַ — ווייטער געפירט דאָס פונאַנדערטיילן מלבושים און געבן איינמאָליקע אונטערשטיצעס.

אין יאָר 1920 איז אַנטשטאַנען דאָס „יתומים הויז", וועלכעס האָט זיך געפונען אין אַ נישט־טעטיקן שפּיטאָל־

פאָווילאַן. אין „יתומים הויז" האָבן געפונען אַ שוצהיים 25 קינדער פון ביידע געשלעכטער. די הויפּט־פּראָטעקטאָרין פון „יתומים הויז" איז געווען מאַריע וואָלפסאָן. דאָס „יתומים הויז" איז אין יאָר 1938 איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ נייעם בנין, וועלכן עס האָט געלאָזט אויפבויען רעגינע שפּיגעל, אויפן פּלאַץ, וואָס איז געשאָנקן געוואָרן דורך יוזעף צוקערמאַן.

דאָס „יתומים הויז", וואָס איז גענצלעך איינגעאָרדנט געוואָרן דורך רעגינע שפּיגעל, איז אַ פונדאַציע פון דער פאַמיליע אָסקאַר און לעאָפּאָלד שפּיגעל.

צו דער פאַרוואַלטונג פון „יתומים הויז" געהערן: רעגינע בינדער, פּרופ׳ ד״ר עמיליע יינגסטער, פּרוי ד״ר קלאַרע ראַטשטיין, רעגינע שפּיגעל און באַלבינע זינגער.

אין יאָר 1928 האָט די געזעלשאַפט געקויפט אַ הויז אין סאָסנאָוויץ אויף דעמבּלינסקאַ־גאַס נר. 15, אין וועלכן ס׳איז געפירט געוואָרן קינדערהיימען. במשך אַ ריי יאָרן איז די לייטערין פון די קינדערהיימען געווען באַלבינע לאַכמאַן. די קינדערהיימען ווערן נאָר געפירט אין אַ טייל פון דער געביידע, דעם איבעריקן טייל האָט די געזעלשאַפט פאַרדונגען צו דער סאָסנאָוויצער שטאָט־פאַרוואַלטונג אויף אַ פאָלקס־שול פאַר יידישע קינדער.

די געזעלשאַפט האָט אויך דורך אַ פּאָר יאָר געפירט אַ ניי־וואַרשטאַט און אַן אַרבעט־זאַל, אונטער דער לייטונג פון אַדאַ זשימבּאָוואַדאַ.

זייט ס׳האָט אויפגעהערט די דייטשע אָקופּאַציע, זענען במשך פון דער צייט אַוועקגעשיקט געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט אויף זומער קאָלאָניעס אַן ערך 100 קינדער יערלעך. די קאָלאָניעס ווערן איינגעאָרדנט אין דער געגנט אַרום אָלקוש אָדער אין אַ באַרגיקער סביבה.

לעצטנס האָט די געזעלשאַפט געגרינדעט אַ פּסיכאָ־טעכנישע פאַך־באַראַטונגס־שטעל, אונטער דער לייטונג פון מג״ר מיטשיסלאַוו לעווין.

די וווילטעטיקייט־געזעלשאַפט האָט געניאָסן פון קאָמונאַלע און מלוכהשע סובווענצן, ווי אויך פון סובווענצן פון דער יידישער קהלה. ביים היינטיקן טאָג באַקומט נאָך די געזעלשאַפט סובווענצן פון דער שטאָט פאַרוואַלטונג פאַרן „יתומים הויז", זומער־קאָלאָניעס און קינדער־שוץ.

די געזעלשאַפט איז אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער געז. „צענטאָס" אין וואַרשע, פון וועלכער זי באַקומט סובּ־סידיעס פאַרן „יתומים הויז", קינדער־שוץ און פאַר דער פאַך־באַראַטונגס־שטעל.

אין צייטן פון דרינגענדיקע אַקציעס, באַזונדערס בעת דער אָקופּאַציע, האָט די געזעלשאַפט געניאָסן פון סובּסידיעס פון „דזשאָינט".

דער בודזשעט פון דער געזעלשאַפט — אויסער די סובּסידיעס — ווערט געדעקט פון: חודש־אָפּצאָלן, נדבות, און פון פּריוואַט־יידישע הכנסות, וועלכע פליסן איין פון פאַרשידענע אימפּרעזעס.

די געזעלשאַפט פירט אויך אַן אָפּטיילונג פון דער מלוכהשער קאָלעקטור.

אין יאָר 1939 איז די פאַרוואַלטונג פון דער וווילטעטיקייט געזעלשאַפט באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: ד״ר יוליאַן הערצמאַן (פאָרזיצער), אַדוו. אַנטאָני קאָן (וו. פאָר־זיצער), וולאַדיסלאַוו פעלדמאַן (סעקרעטאַר), הענריק זינגער (קאַסירער), רעגינע בינדער, יוליאַן קאַבאַק, אַדוו. פּאַוועל מייטליס, איגנאַצי מייטליס, אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכגער, יוזעף סאַפער, קלאַרע ראַטשטיין, יאַקוב וואָלקאַן, אהרן זינגער, אַלעקסאַנדער גוטמאַן.

די רעוויזיר־קאָמיסיע באַשטייט פון: יאַקוב באַלזאַם, יוליאַן רוטענבערג, ד״ר אַרנאָלד רזשעגנדאָווסקי, יאַקוב סקשיניאַ.

די אָפּטיילונגען פון דער געז. „טאָז" אין זאַגלעמביע

די געזעלשאַפט „טאָז", וועלכע האָט אין יאָר 1937 גע־פייערט דעם יובל פון איר 15־יעריקער עקזיסטענץ, האָט הינטער זיך גרויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון הויבן דעם געזונטהייט־מצב פון די ברייטסטע יידישע מאַסן אין פּוילן. ביים היינטיקן טאָג ציילט די געז. אַרום 15.000 מיטגלידער, וועלכע זענען אָרגאַניזירט אין 60 אָפּטיילונגען אין גאַנצן לאַנד. צענטליקער טויזנטער קראַנקע ווערן געהיילט אין די „טאָז"־אַנשטאַלטן, אָבער דער עיקר ווערט געלייגט אַכט אויף דער פּראָפילאַקטיק (ד״ה, אויף פאַרהיטן, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין קראַנקהייט), דורך הויבן די היגיענישע און ריינקייט־באַדינגונגען, און דורכדעם דעם געזונטהייט־מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן.

אין זאַגלעמביע זענען צום ערשטן מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן „טאָז"־אָפּטיילונגען, אין יאָר 1927, אין סאָסנאָוויץ און אין בענדין, דורך אַ גרופּע דאָקטוירים מיט ד״ר ה. ליבערמאַן בראָש, וועלכע האָבן זיך אין יענער צייט געשטעלט די אויפגאַבע אויסצוראָטן די פּלאָג פון פאַוווס (פאַרך), וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן קינדער פון די אָרימסטע יידישע באַפעלקערונג־שיכטן אין זאַגלעמביע. דאָס האָט זיך פולשטענדיק איינגעגעבן, אַזוי, אַז ביים היינטיקן טאָג טרעפט מען די קראַנק נור אין איינצלנע פאַלן. ס׳איז דאַן אויך געפירט געוואָרן אַ ברייטע פּראָפּאַ־גאַנדע־אַקציע צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1933 איז געשאַפן געוואָרן אַן איינהייטלעכע



ד״ר הערש ליבערמאַן
באַקאַנטער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער עסקן, מיטגרינדער און הויפּט־סעקרעטאַר פון „טאָז״ אין זאַגלעמביע, מיטגרינדער פון יידישן דאָקטוירים־פאַריין אין זאַגלעמביע און פאָרזיצער פון דער רעווידיר־קאָמיסיע, וויצע־דירעקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אין סאָסנאָוויץ, גרינדער און אָרדינאַטאָר פון דער קינדער־אָפּטיילונג אין שפּיטאָל, פּרנס פון דער יידישער קהלה, פאָרזיצער פון דער „אָרט״ אָפּט. אין סאָסנאָוויץ, געוו. מיטגליד פון סאָסנאָוויצער שטאָט־ראַט.

„טאָז״־אָרגאַניזאַציע פאַר גאַנץ זאַגלעמביע, און אַדאַנק דעם האָט זיך די „טאָז״־טעטיקייט אין אַ גרויסער מאָס פאַרברייטערט. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מעדיציניש־היגיענישע אויפזיכט פאַר די שול־קינדער פון די אָרימסטע יידישע עלטערן. צו דעם צוועק איז באַשעפטיקט אַ ספּעצ־יעלער דאָקטער און אַ היגיעניסטין. גלייכצייטיק ווערט גע־פירט אַ באַשפייזונג־אַקציע, וואָס נעמט אַרום 450 קינדער, וועלכע באַקומען יעדן טאָג פרישטיק אין דער שול. די דאָזיקע אַקציע האָט אַ זייער וויכטיקע באַדייטונג, ווייל אָפט ליידן די קינדער אין דער היים הונגער און האָבן דעריבער נישט קיין חוש פאַר דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין דער שול. די דערנערטע קינדער באַקומען אויך פיש־טראָן און ווערן באַשטראַלט מיט אַ קוואַרץ־לאָמפּ.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פון דער „טאָז״־טעטיקייט אין זאַגלעמביע, זענען די גאַנץ־ און האַלב־קאָלאָניעס, פון וועלכע עס געניסן יעדן זומער איבער 250 קינדער. דער 4־וואָכנ־דיקער אויפהאַלט פון די אָרימסטע קינדער אויף דער פרישער לופט, ביי אַ גוטער דערנערונג און גוטע היגיענישע באַדינגונגען — האָט פאַר זייער געזונט־צושטאַנד אַ קאָלאָ־סאַלע באַדייטונג. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז מאַנכע קינדער נעמען צו אויף דער וואָג 5 און מער קילאָ במשך פון דער דאָזיקער צייט.

ביים „טאָז״ זענען אויך טעטיק 2 דענטיסטישע אַמבולאַ־טאָריעס (אין סאָסנאָוויץ און אין בענדין), ווו ס׳ווערן געהיילט די ציין פון אַלע קינדער אין די שולן, וועלכע געפינען זיך אונטער דער אויפזיכט פון „„טאָז״.

אויב מ׳נעמט אין אַכט, אַז די קינדער, וואָס זענען קראַנק אויף פאַוווס און טראַכאָמע (עגיפּטישע אויגן קראַנקהייט) ווערן דירעקט און סיסטעמאַטיש געהיילט דורכן „טאָז״, כדי נישט צו דערלאָזן צו דער פאַרשפּרייטונג פון דער דאָזיקער אַנשטעקנדיקער קראַנקהייט, זעט מען, אַז די סאָציאַל־היגיענישע און מעדיצינישע אויפזיכט פון דער געז. „טאָז״ איבער די יידישע שול־קינדער, וועלכע געפינען זיך אונטער איר השגחה, איז אַ זייער פאַרצווייגטע.

אויסער דעם, ווערן אויך געפירט אַנדערע אַקציעס, ווי למשל, די ריינקייט־אַקציע, ביי וועלכער ס׳ווערט צעטיילט וועש.

דער „מושב זקנים״

די געזעלשאַפט „מושב זקנים״ איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927. די גרינדער זענען געווען: אייזיק בער וואָלפסאָן, הערץ ליפשיץ, מאָריץ ריינער, גרונם סאַפער, יהושע פאַכטער, חיים יוסף זאַיאָנץ, מאָריץ מייטליס, איגנאַצי לאַנדאַו, הענריק סאַפער און אַדוו. אנטאָני קאָן.

די ערשטע אויפגאַבע פון די גרינדער איז געווען דאָס לאָזן לעגאַליזירן די געזעלשאַפט און באַשטעטיקן די סטאַטוטן דורך דער מאַכט. אין מאַי 1927 האָט די מאַכט באַשטעטיקט די סטאַטוטן, נאָר עס זענען נישט פאַראַן געווען די נויטיקע פינאַנסיעלע מיטלען אויף צו בויען אַ געביידע פאַרן „מושב זקנים״, הגם די אויבן אויסגערעכנטע גרינדער האָבן געשפּענדעט געוויסע סומעס לטובת דעם צוועק, איז דאָס אָבער געווען צו ווייניק, כדי אויפצובויען אַזאַ בנין.

דעם ערשטן שריט צו פאַרווירקלעכן דעם גרויסן פּלאַן האָט געמאַכט חיים יוסף זאַיאָנץ, וועלכער האָט נאָטאַריעל פאַרשריבן אַ פּלאַץ פון 1000 קוואַדראַט־מעטער אויפן נאָמען פון דער געזעלשאַפט, אַלס איר אייגנטום. דאַן האָט זאַיאָנץ, צוזאַמען מיט גרונם סאַפער, (וועלכער איז פאָר־זיצער פון דער געז. זייט איר גרינדונג ביז צום הייניקן טאָג) אָנגעהויבן צו זאַמלען נדבות ביי דער סאָסנאָוויצער יידישער באַפעלקערונג. ביי דער דאָזיקער אַקציע האָט

אויך מיטגעהאָלפן יהושע פאַכטער. במשך פון 5 יאָר זענען די דערמאָנטע 3 עסקנים טאָג־טעגלעך געווען באַשעפטיקט ביים קלויבן נדבות, און זייער שווערע מי איז געקרוינט געוואָרן מיט אַ גרויסן דערפאָלג. זיי האָבן געזאַמלט ביי אַן ערך 170 נדבנים די סומע פון אַרום 90.000 גילדן.

אין כ״ג אלול תרפ״ז (1927) איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין און אין חוה״מ פסח תרצ״ג (1933) איז געפייערט געוואָרן דער חנוכת־הבית פון „מושב זקנים״.

דער חנוכת־הבית איז אויסגעפאַלן זייער אימפּאַזאַנט און פייערלעך. עס האָבן אָנטייל גענומען פיל דעלעגאַציעס פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין זאַגלעמביע און אויבער־שלעזיע, ווי אויך פאָרשטייער פון דער רעגירונג, קאָמונאַלער מאַכט, מיטגלידער פון ראַבינאַט, קהלה־פאַרוואַלטונג א״אנד.

דער „מושב זקנים״ שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּראַכטפולע, מאָדערן־איינגעאָרדנטע געביידע, מיט אַ גרויסן באַפלאַנצטן גאָרטן, ווו די זקנים און זקנות געניסן פון גוטע לופט.

אין „מושב זקנים״ געפינט זיך אויך אַ גרויסע, שיינע שול מיט אייגענע ספרי תורות, ווי אויך אַ שאַנק ספרים פאַר די זקנים. אַן אימפּאַנירנדיקן איינדרוק מאַכט דער ריזיקער און הערלעכער עסזאַל, וועלכער איז פאַרזען מיט פיל בלומען אַרום די פענסטער.


ביים היינטיקן טאָג געפינען זיך אין „מושב זקנים״ 40 זקנים און זקנות. ליידער קאָן די פאַרוואַלטונג נישט נאָכ־קומען די פיל בקשות פון פערזאָנען, וואָס ווילן אָנקומען אין „מושב זקנים״ צוליב מאַנגל אין פּלאַץ. דעריבער האָט די פאַרוואַלטונג אָנגעשטרענגט אַלע כחות, כדי צוצובויען אַ קליינעם פליגל. אין ל״ג בעומר תרצ״ט (1939) איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־שטיין אויף דעם נייעם פליגל, ווו ס׳וועלן זיך געפונען 6 צימערן.

אין „מושב זקנים״ געפינען זיך צימערן אויף די נעמען פון די פאָלגנדיקע נדבנים: הערץ ליפשיץ, מאָריץ ריינער, עדוואָרד נאַכנער און פרוי.

די פאַרוואַלטונג האָט אויך באַשלאָסן אָנצורופן אַ צימער אויפן נאָמען פון מיטגרינדער און לאַנגיריקן פאָר־זיצער גרונם סאָפּער, פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן לטובת דער געזעלשאַפט.

די געזעלשאַפט „מושב זקנים״ ציילט 180 מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג איז אין יאָר 1938 באַשטאַנען פון




אַ גרופּע גרינדער און פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון „מושב זקנים״
עס שטייען פון רעכטס: מאָריץ מייטליס (וו. פאָרזיצער), גרונעם סאָפּער (פאָרזיצער), מאָריץ רייכער, חיים יוסף זאַיאָנץ (וו. פאָרזיצער), מאָריץ ריינער, יאַקוב באַלזאַם, יהושע פאַכטער (פאַרוואַלטער), יוסף מייטליס, הענריק סאָפּער.

פאָלגנדיקע פערזאָנען: גרונם סאַפּער (פאָרזיצער), **חיים יוסף זאַיאָנץ** (וו. פאָרזיצער), מאָריץ מייטליס, יהושע פּאַכטער, **איגנאַצי מייטליס, אַדוו. אַנטאָני קאָן, ד״ר יוליאַן הערצמאַן, אינזש׳ שמעון סטאַרקע־נאַכנער** און הענריק **סאַפּער.**

פאַרטרעטער זענען: **יאַקוב באַלזאַם, פרוי יאַדזשע קלעפּפּיש**, איגנאַצי ריינער, **פּאַוועל סקשיניאַ.**

די רעווידיר־קאָמיסיע באַשטייט פון: **מענדל לובעלסקי,** הענריק זינגער, **מאַרקוס בירמאַן.**

כאַרט־עטער: **אַלעקסאַנדער** גוטמאַן און אינזש׳ **פ.** ליבערמאַן.



די פייערלעכע דערעפענונג פון „מושב זקנים" אין חוהמ״פ תרצ״ג (1933)

די געז. „לינת החולים"

אין סעפטעמבער 1885 איז דורך אַ גרופּע סאָסנאָוויצער בעלי־בתים געגרינדעט געוואָרן די „חברת ביקור חולים", וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו שיקן משמורים צו קראַנקע.

מיט דער צייט האָט זיך אויך די חברה אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט טהרת־המת, צוליב דעם, וואָס סאָסנאָוויץ האָט דעמאָלט נאָכנישט געהאַט קיין אייגענעם בית־הקברות און קיין „חברה קדישא" און די בר־מינננס האָט מען געמוזט פירן קיין בענדין.

אָבער צוליב דעם, וואָס אין משך פון יאָרן האָט די דערמאָנטע חברה „ביקור חולים" פאַרנאַכלעסיקט אירע אייגנטלעכע אויפגאַבעס, האָט אַ געוויסע צאָל פערזאָנען באַשלאָסן צו גרינדן אַ נייע געזעלשאַפט א. נ. „לינת החולים", וועלכע איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1907.

די ניי־געגרינדעטע געז. האָט באַלד אין אָנהויב געפירט אַ זייער אינטענסיווע טעטיקייט, וואָס איז באַשטאַנען אין שיקן משמורים, ווי אויך דאָקטוירים, מעדיצינען, מילך, פרוכטן אאז"וו צו אָרימע קראַנקע, פאַר וועלכע ס'איז אויך געזאָרגט געוואָרן, אַז זיי זאָלן קאָנען פאָרן אויף קוראַציע.

ווי ווייט פּאָפּולער דער „לינת החולים" איז דעמאָלט געווען אין שטאָט, באַווייזט דער פאַקט, וואָס ביי דער דאָזיקער אינסטיטוציע האָט אויך עקזיסטירט אַ קאָאָפּע־ראַטיווע באַנק מיט גרויסע אָפּשפּאָרונגען. ליידער האָט די פאַרנאַכלעסיקונג מצד אייניקע פאַרוואַלטונג־מיטגלידער ווי־דער דערפירט די געזעלשאַפט צו אַ רואין.

צו אַ פּאָזיטיווע ענדערונג פון דעם מצב איז געקומען אין יאָר 1916. די סיבה דערפון איז געווען די עפּידעמיעס, וואָס



די פאַרוואַלטונג פון „לינת החולים" אין יאָר 1939.

1־טע ריי, פון רעכטס זיצן: שמעון קאָפּלאָוויטש, אהרן יעקב ציגלער (קאַסירער), שמואל אהרן פּרדס (וו. פאָרזיצער), יצחק גאָלדקאָרן (פאָרזיצער), בינם שפּילער (וו. פאָרזיצער), משה וואָלף ראָזענבערג (פאַרוואַלטער).

2־טע ריי, פון רעכטס: אייזיק איגרא, דוד זילבערבערג, וואָלף יינגסטער, מא"ד ראָזענבוים, משה פערענס, ליפּע קליינמאַן (ערן־סעקרעטאַר).

3־טע ריי, פון רעכטס: משה וואַסערמאַן, זעליק לובעלסקי, הענעך וועקסלער, יוסף מאַנטשיק, יוסף לענטשנער.

זענען אין יענער צייט אויסגעבראָכן, אַלס פּועל יוצא פון דער שלעכטער דערנערונג און סאַניטאַרע באַדינגונגען.

די איניציאַטיוו האָט איבערגענומען דער רב ר׳ אברהם מאיר גיטלער ז״ל, וועלכער האָט באַוויזן אין משך פון איינציקע טעג צו שאַפן אַ מוסטערהאַפטע, גוט פונקציאָנירנדיקע אינסטיטוציע, וואָס האָט געשיקט צו קראַנקע משמורים, מעדיצינישע הילף, דערנערונג אאז״וו.

אַ גרויסן פאָרטשריט האָט דער לינת החולים״ געמאַכט אין יאָר 1933, אַדאַנק דער ענערגישער לייטונג פונם פאָרזיצער יצחק גאָלדקאָרן, וועלכער האָט באַוויזן צו שאַפן מער פּראַקטישע און גרעסערע הילפס־מיטלען פאַר דער אינסטיטוציע. האָבנדיק אַ גוטן חוש פאַר מאָדערנער געזעלשאַפטלעכקייט, איז גאָלדקאָרנען געלונגען צו רעאַליזירן דעם פּלאַן פון שאַפן אַן אַמבולאַטאָריע ביים „לינת החולים״. די אַמבולאַטאָריע האָט זיך געפונען אויף גלאָוואַצקי־גאַס און עס איז דאָרט געווען טעטיק אַ גרעסערע צאָל יידישע דאָקטוירים.

דעם קולמינאַציע־פּונקט האָט די אינסטיטוציע דערגרייכט אין יאָר 1937. אין יענעם יאָר איז די אַמבולאַטאָריע איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ נייעם, מאָדערן־איינגעריכטעטן לאָקאַל פון 4 גרויסע צימערן אויף דער שענקיעוויטש־גאַס נר. 9. דאָרט געפינען זיך: אַ וואַרטזאַל, אַ קאַנצעלאַריע און 2 אויפנאַם־צימערן פאַר פּאַציענטן.

די אַמבולאַטאָריע איז פאַרזען מיט אַלע נייעסטע מעדיצינישע מכשירים און אַפּאַראַטן, וועלכע זענען נויטיק צו היילן פאַרשידענע אויסערלעכע און אינערלעכע קראַנקהייטן, ווי אויך צו כירורגישע צוועקן.

די צאָל קראַנקע, וועלכע באַזוכן טעגלעך די אַמבולאַטאָריע דערגרייכט פון 50—70. ס׳דאַרף באַמערקט ווערן, אַז במשך פון אַ שעה ווערט דורך אַ ז׳אָקטאָר העכסטנס אָנגענומען 6 קראַנקע, כדי זיי זאָלן קאָנען גוט באַטראַכט ווערן. אויסער דעם, ווערן אַרויסגעגעבן וויזיט־קוויטלעך צו דאָקטוירים, וועלכע נעמען אויף די קראַנקע ביי זיך אין קאַבינעט, אָדער גייען צו זיי אין דער וווינונג, ווי אויך: רעצעפּטן, כלים, מילך אאז״וו.

דער בודזשעט פון דער אינסטיטוציע ווערט געדעקט פון: חודש־אָפּצאָלן, נדרים און זאַמל־אַקציעס, וואָס ווערן געפירט דורך דער פאַרוואַלטונג. קיין סובסידיעס באַקומט נישט די געזעלשאַפט.

די פאַרוואַלטונג איז אין יאָר 1939 באַשטאַנען פון פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: יצחק גאָלדקאָרן (פאָרזיצער), שמואל אהרן פּרדס און בינם שפּילער (וו. פאָרזיצערס), ליפּע קליימאַן (סעקרעטאַר), אהרן יעקב ציגלער (קאַסירער), משה וואָלף ראָזנבערג (פאַרוואַלטער), שמעון קאָפּאָלאָוויטש, אייזיק איגרא, יוסף לענטשנער, משה ווראנא, דוד זילבערבערג, משה פּערענס, הענעך וועקסלער, וואָלף יינגסטער, ישעיה פראָמער, יוסל מאָנטשיק, יחיאל פאַסערמאַן.

די רעווידיר־קאָמיסיע באַשטייט פון: אַלטער יאַסני. מאיר לאַנצמאַן און משה צודזינאָווסקי.

די געז. „בית לחם״

לויט דער איניציאַטיוו פון יעקב געלבהאַר איז אין יאָר 1933 געגרינדעט געוואָרן אין סאָסנאָוויץ די געזעלשאַפט „בית לחם״.

די אינסטיטוציע האָט געהאַט די אויפגאַבע צו לינדערן די נויט אין שטאָט דורך פּערמאַנענטער אונטערשטיצונג פאַר די פאַראָרימטע יידישע משפחות.

ליידער האָט דער „בית לחם״ נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען קיין שום טעטיקייט, און נישט רעכט אויסטראָגנדיק די חבלי־לידה, האָט ער זיך ליקווידירט.

אין יאָר 1939 האָט דער „בית לחם״ ווידעראויפגעלעבט. די איניציאַטיוו פון באַנייען די טעטיקייט האָט אויף זיך גענומען הרב מנחם האַגער.

אויף אַ זיצונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 25־טן אַפּריל 1939, אין זאַל פון דער יידישער קהלה אין סאָסנאָוויץ, מיט דער באַטייליקונג פון שטאָטישע עסקנים, איז הרב האַגער איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון „בית לחם״.

די שווערע לאַגע פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, און אין דער ערשטער ריי, די צרות רבים פון פוילישן יידנטום — דאָס פּליטים־פּראָבלעם, פון וועלכן סאָסנאָוויץ, אַלס נאָענטע גרענעץ־שטאָט האָט ספּעציעל געהאַט צו ליידן, האָט אויף דעם פאָרזיצער פון „בית לחם״ אַרויפגעלייגט אַן אומגעהויערע אחריות.

אין סאָסנאָוויץ איז פאַרבליבן אַ גרופּע פון לערך 120 יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד.

פון אָנהויב האָט דאָס יידישע סאָסנאָוויץ אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס און האָט אונטערשטיצט די פּליטים. אָבער מיט דער צייט איז דער אינטערעס געפאַלן און דער אָפיציעלער פּליטים־קאָמיטעט האָט כמעט נישט געפירט קיין שום טעטיקייט. די גאַנצע לאַסט פאַר דער אויסהאַלטונג פון די דאָזיקע נויטליידנדיקע נפשות איז דעריבער געפאַלן אויף דער אינסטיטוציע „בית לחם״.

די פאַרוואַלטונג פון „בית לחם״ האָט טאַקע כמעט אויסשליסלעך געשטעלט די דאָזיקע אינסטיטוציע צו דער



הרב מנחם האַגער

פאָרזיצער פון „בית לחם“ און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער יידישער גימנאַזיע אין סאָסנאָוויץ, דעלעגאַט אויף פיל ציוניסטישע קאָנגרעסן, מיטגליד פון אַדמיניסטראַציאָן־ראַט פון דער יידישער אַגענץ, מיטגליד פון צענטראַל־ראַט פון וועלטלעכן „מזרחי“. איינער פון די אָנגעזעענסטע אָנפירער פון „מזרחי“ אין פוילן, מיטגרינדער און פרעזידיום־מיטגליד פון „כנסת הרבנים המזרחיים“ אין פוילן. געוו. ראש־בית־דין אין האָליטש (1909—1914), אַמט־לעכער רב איבער די גאַליציאַנער קריגס־פליטים אין פאַרליץ—בעהמען (1915—1918), פאָרזיצער פון „מזרחי“ און פון העברעיש־פוילישן שול־נעץ מה״ת (מציון תצא תורה) אין לעמבערג (1919—1923), רב אין ניישטאָט—גאַליציע (1923—1930), זייט 1930 ביז צום היינטיקן טאָג טעטיק אַלס רב און געזעלשאַפטלעכער עסקן אין סאָסנאָוויץ.

דיספּאָזיציע פון די פליטים, לטובת זייער אויפהאַלט און קיום.

די פליטים־פאַרפלעגונג פון „בית לחם“ איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען: אין דער ערשטער ריי איז אויפגעהאַלטן געוואָרן די פליטים־קיך, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין בנין פון דער „תלמוד־תורה“, פאַר פליטים דאַקעגן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשידענע סיבות נישט געקאָנט קומען צו דער קיך, זענען די שפייז־פּראָדוקטן באַזאָרגט געוואָרן (אינדיווידועל) אין זייערע וווין־ערטער.

די הויפּט־פאַרפלעגונג איז אָבער געפירט געוואָרן אין דער קיך, ווו די פליטים האָבן דריי מאָל טעגלעך באַקומען זייער באַשפּייזונג.

גרויסע פאַרדינסטן ביי דער קיך־איינאָרדענונג און ביי איר נאָרמאַלן פונקציאָנירן האָט דער עסקן יוסף גראָכאָווינע.

אָבער נישט בלויז אין דער פליטים־אויסהאַלטונג באַשטייט די טעטיקייט פון „בית לחם“. די אינסטיטוציע, וועמענס אויפגאַבע ס'איז, אין דער ערשטער ריי, אונטערצושטיצן די פאַראָרימטע יידישע באַפעלקערונג, האָט די דאָזיקע מיסיע דערפילט אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן.

צווישן די פאַראָרימטע אין שטאָט געפינען זיך אַזעלכע בכבודיקע משפחות, וואָס גיבן נאָך אַליין אַ נדבה און האַלטן אויס אַ וווינונג. דאָס אַלץ אָבער איז נור לפנים, פאַקטיש איז די לאַגע פון די פאַמיליעס אַ טראַגישע און זיי גייען ממש אויס פון הונגער, ווייל זיי ווילן אין קיין פאַל נישט אָנקומען נאָך עפנטלעכער אונטערשטיצונג.

מיט די דאָזיקע בכבודיקע משפחות פאַרנעמט זיך אויך דער „בית לחם“, וועלכער קומט זיי צו הילף דורך אַ היימישקן, וועכנטלעך, פעקלעך מיט פאַרשידענע מינים שפּייז־פּראָדוקטן.

אַזוי־אַרום דערפילט דער „בית לחם“ די דערהאָבענע אויפגאַבע פון לינדערן די נויט צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין שטאָט.

אין איצטיקן מאָמענט באַקומט דער „בית לחם“ נאָכניִשט קיין שום סובסידיעס. דער איינציקער מקור פון עקזיסטענץ איז די פּראָדוקטן־אַקציע, וועלכע באַשטייט אין זאַמלען שפּענדונגען אין נאַטור.

וועגן דער וואַרעמער באַציונג מצד דער סאָסנאָוויצער יידישער באַפעלקערונג צום „בית לחם“, זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס במשך פון דער קורצער צייט פון זיין עקזיסטענץ, האָבן זיך פאַרשריבן אין דער אינסטיטוציע אַרום 500 פערזאָן, וועלכע טראָגן רעגולער אַריין אין „בית לחם“־מאַגאַזין זייערע וועכנטלעכע פּראָדוקטן־שפּענדונגען.

ביים פירן די זאַמל־אַקציע פון פּראָדוקטן האָט פיל געלייסטעט די פרויען־אָרגאַניזאַציע „וויזאָ“. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער איבערגעגעבענער אַרבעט: די פאָרזיצערין פון „וויזאָ“ — גוטשע לאַנגער און די פאַרוואַלטונג־מיטגלידערין פון „בית לחם“ — דבורה מאָריץ.

די לעצטע ווידמעט דעם „בית לחם“ איר גאַנצע פרייע צייט, סיי ביי דער קיך און סיי ביים ווערבירן דעקלאַראַנטן.

ביי דער ווערבירונג פון דעקלאַראַנטן, האָט אויך פיל געלייסטעט דער יידישער אַקאַדעמיקער־קרייז „„אַגניסקאַ“ און די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „הנוער הציוני“.

מיט דעם טעכנישן אַפּאַראַט און מיט דעם גאַנצן אַדמיניסטראַציאָן פּערסאָנאַל פון „בית לחם“ פירט אָן דער הויפּט־סעקרעטאַר פון דער „בית לחם“־פאַרוואַלטונג עמיל לעאָפּאָלד מעססעל.

די פאַרוואַלטונג פון „בית לחם“ איז אין יאָר 1939 באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען:

הרב מנחם האַגער (פאָרזיצער), צאָן־אַרצט יוזעף ראָסטשטיין און פרוי ד״ר אַלאַ קעניגסבערג (וו. פאָרזיצערס), ישראל מאַריאַנקאַ (קאַסירער), עמיל לעאָפּאָלד מעססעל (סעקרעטאַר), יוסף גראָכאָווינע (פאַרוואַלטער), זלמן קאָזשוך, יעקב געלבהאַר, משה מערין, לייביש שאַנצער, משה פרישמאַן, אייזיק סאָלדין און די פרויען: גוטשע לאַנגער, דבורה מאָריץ, לאָדזיע אַלינער.

פאַרטרעטער: פנחס גראָנדאַפּעל, משה ווינדמאַן, חיים קופערמינץ, ראובן טשאַפּניק, מענדל יעקב גאַרפינקעל און ישראל שווייצער.

רעווידיר־קאָמיסיע: אינזש' ברוך פירסטענבערג, אשר קליינבערג און לייביש שווייצער.



אַ גרופּע יידישע פּליטים פון דייטשלאַנד ביים עסן אין דער קיך פון דער געז. „בית לחם".

די געז. „מלביש ערומים"

די געז. „מלביש ערומים" איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1927. די גרינדער פון דער אינסטיטוציע זענען געווען: יוסף אויאַזד, יוסף גראַכאָווינע, אליעזר גלעוויצקי, יוסף דוד בראַנער, יחזקאל בירמאַן, יחזקאל לאַזינגער, יונה ראַגאָווסקי, לוי יינגסטער, ב. דודקיעוויטש א"אנד.

די אינסטיטוציע האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו טיילן מלבושים אָרימע מענטשן פון אונזער שטאָט, לויטן מוסטער פון בענדין. (ס'דאַרף אגב באַמערקט ווערן, אַז די אינסטיטוציע אין סאָסנאָוויץ איז אַנטשטאַנען נאָך אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער בענדינער געז. „מלביש ערומים", וועלכע האָט אויך געגעבן איר נאָמען און לעגאַליזאַציע).

זייט די ערשטע פאַרוואַלטונג איז צוגעטרעטן צו דער אַרבעט, איז יעדעס יאָר פאַרגעקומען הלבשה'ס, פון וועלכע ס'האָבן גענאָסן צירקא 300 פּערזאָן, עלטערע און קינדער, וואָס האָבן באַקומען: פּאַלטנס, שיך, וועש אאַ"וו. אַזוי אַרום האָט די אינסטיטוציע זיך דערוואָרבן די סימפּאַטיע מצד אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, וועלכע האָט גערן אונטערשטיצט יעדע אונטערגענומענע אַקציע פון „מלביש-ערומים".

אין די לעצטע יאָרן אָבער, איז די פאַרוואַלטונג פון „מלביש ערומים" צוריקגעשטאַנען אין איר אַרבעט. די הויפּט-סיבות זענען געווען, וואָס אַ טייל פאַרוואַלטונג-מיטגלידער און איניציאַטאָרן זענען געשטאָרבן, אַנדערע ווידער האָבן פאַרלאָזט סאָסנאָוויץ, און ממילא איז די אַרבעט געבליבן הינטערשטעליק. ס'איז אפילו יאָ געפירט געוואָרן אַ טעטיקייט, אָבער דאָס איז ווייט נישט געווען דאָס, אויף וועלכן דער „מלביש ערומים" האָט זיך פאַרמאָסטן.

דעם 15-טן יולי 1938 איז ענדלעך פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ס'איז אויסגעוויילט

געוואָרן אַ נייע פֿאַרוואַלטונג, מיט שמואל יעקב קעסטענבערג בראש. די פֿאַרוואַלטונג האָט אָנגעהויבן צו פֿירן אַן אינטענסיווע טעטיקייט און צוריק פֿאַרוואַנדלט דעם „מלביש ערומים״ אין אַ מוסטער־אינסטיטוציע, אַזוי למשל, איז אין יאָר 1938 איינגעאָרדנט געוואָרן אַ הלבשה, וואָס האָט באַטראָפֿן העכער 3000 גילדן. עס זענען דאַן פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרן 250 פּאָר שיך, 100 פּאַלטנס, וועש, זאָקן, היטלן אאז״וו. צו דער צאָל פֿון איבער 300 פּערזאָן.

בכלל, איז אַ דאַנק דער אומדערמידלעכער אַרבעט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג געלונגען צוריק צו פֿאַרוואַנדלען דעם „מלביש ערומים״ אין אַ זייער וויכטיקע און נויטיקע אינסטיטוציע פֿאַר דער אָרימער יידישער באַפֿעלקערונג. אין סאָסנאָוויץ.

דעם 1־טן יולי 1939 האָט די אינסטיטוציע געציילט 325 מיטגלידער. די איינקונפֿטן פֿון דער געזעלשאַפֿט זענען פֿון: חודש־אָפּצאָלן, בלימל־טעג, נדרים, נדבות און פֿאַרשידענע פּעריאָדישע זאַמל־אַקציעס.

די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער געז. „מלביש ערומים״ איז אין יאָר 1939 באַשטאַנען פֿון פֿאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: שמואל יעקב קעסטענבערג (פֿאָרזיצער), לייביש סקורניצקי און לייביש מושקאַטנבלוט (וו. פֿאָרזיצערס), יוסף גראַכאָווינע (קאַסירער), אַלטער פֿישעל (ערן־סעקרעטאַר), ישראל שווייצער (סעקרעטאַר) שמואל גלעוויצקי, יחזקאל לאַזינגער און נחמיה זאַיאָנץ.

פֿאַרטרעטער: שלמה פֿירסטענבערג, מאיר גוטהערץ, אליעזר פֿעדער, ברוך לאַנצמאַן און שמואל נטע נאַכעמיע.

רעווידיר־קאָמיסיע: יצחק פֿייוול שוואַרצבוים, שלמה רזשעזאַק און ישראל פֿערשטער.



די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער געז. „מלביש ערומים״ אין יאָר 1939.

1. שמואל גלעוויצקי, 2. אַלטער פֿישעל (ערן־סעקרעטאַר), 3. יוסף גראַכאָווינע (קאַסירער), 4. שמואל יעקב קעסטענבערג (פֿאָרזיצער), 5. לייביש סקורניצקי (וו. פֿאָרזיצער), 6. לייביש מושקאַטנבלוט (וו. פֿאָרזיצער), 7. נחמיה זאַיאָנץ, 8. יחזקאל לאַזינגער, 9.. שמואל נטע נאַכעמיע, 10. נתן טשאַרנאַכע, 11. ישראל שווייצער (סעקרעטאַר), 12. שלמה פֿירסטענבערג, 13. אליעזר פֿעדער, 14. ברוך לאַנצמאַן.

דער פרויען פאַריין „תומכי יולדות עניות"

ווען ס'איז אין יאָר 1912 אויפגעשטעלט געוואָרן אין סאָסנאָוויץ דאָס יידישע שפיטאָל, האָט זיך גלייכצייטיק געשאַפן אַ פרויען־קאָמיטעט, וועמענס אויפגאַבע ס'איז באַשטאַנען אין באַזאָרגן אָרימע קראַנקע, מערסטנטייל פון דער פרעמד, מיט פאַרשידענע הילף, ווי: מילך, פרוכטן און אַנדערע פראָדוקטן.

דער דאָזיקער קאָמיטעט, וואָס איז געווען לעגאַליזירט ווי אַ קרייז ביים יידישן שפיטאָל, האָט אויך שוין דעמאָלט געזאָרגט פאַר אָרימע קימפעטאָרינס, וועלכע זענען אַריינגענומען געוואָרן אין שפיטאָל אויפן חשבון פון קאָמיטעט.

די גרינדערינס פונם דערמאָנטן קאָמיטעט זענען געווען פאָלגנדיקע פרויען: פריידע ווישניץ (די פאָרזיצערין ביזן היינטיקן טאָג), אסתר זילבערבערג, חנה שקלאַרטשיק און ברײנדל וואַרשאַווסקאַ, ביי דער מיטהילף פון דעמאָלסטיקן הויפט־אַרצט און גרינדער פון יידישן שפיטאָל, ד"ר אברהם פערעלמאַן.

ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, איז אַריינגעטרעטן אַ קליינע הפסקה אין דער אַרבעט פונם קאָמיטעט. ערשט שפּעטער ווערט ער רעאָרגאַניזירט ווי אַן אָפּטיילונג ביים פאַריין „לינת החולים" א. נ. „עזרת חולים". צו דער דאָזיקער רעאָרגאַניזאַציע האָבן, אַחוץ די אויבן דערמאָנטע, אויך צוגעהאָלפן די פרויען חיה טשאַרנאַ, שרה פרדס און עלבוים.

אין יאָר 1934 ווערט די דאָזיקע געז. זעלבסטשטענדיק, און פירט אַדורך אַן אייגענע לעגאַליזאַציע א. נ. „תומכי יולדות עניות". פון דעמאָלט אָן פירט די געז. אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין באַזאָרגן מיט אַלעם נויטיקן אָרימע קימפעטאָרינס, אָרימע, בכבודיקע קראַנקע פרויען און קינדער. עס ווערט אויך ערטיילט מעדיצינישע הילף, מעדיקאַמענטן און פאַרשידענע פראָדוקטן. אַחוץ דעם, ווערן אויף יעדן פסח אַרויסגעגעבן גרעסערע שטיצעס.

דער יערלעכער בודזשעט פון דער געז. באַטרעפט אָרום 6000 גילדן.

די געזעלשאַפט ציילט העכער 600 מיטגלידער.

די הכנסה־קוואַלן זענען פון: חודש־אָפּצאָלן, קערות אויף שמחות, נדבות, איינמאָליקע זאַמל־אַקציעס און בלימל־טעג.

אין יאָר 1938 איז די פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: פריידע ווישניץ (פאָרזיצערין), מרים אבראמטשיק, פייגעלע לאַנדוי, באַלטשע יינגסטער, שרה לאה לעווענבערג, מלכה מילכיאָר און פרוי יאַקובאָוויטש.

לייטער פון דער געז. איז העניך זאַיאָנץ.



די פאַרוואַלטונג פון „פרויען פאַריין" אין יאָר 1938.
פון רעכטס זיצן: מלכה מילכיאָר, פריידע ווישניץ (פאָרזיצערין), פייגעלע ליכטענשטיין (וו. פאָרזיצערין), פייגעלע לאַנדוי (קאַסירערין).
פון רעכטס שטייען: פרוי פיש (אינקאַסענטין), שרה לאה לעווענבערג, מרים אַבראַמטשיק פרוי יאַקובאָוויטש, באַלטשע יינגסטער.

דער פאַריין „ביקור חולים"

די דאָזיקע געז. איז געגרינדעט געוואָרן אין אַלט־סאָסנאָוויץ אין יאָר 1925. געברענגט דערצו האָט דער גרויסער צושטראָם פון נייע אינוווינער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין דער דאָזיקער פאַרשטאָט, וואָס רופט זיך אַלט־סאָסנאָוויץ. במשך פון אַ קורצער צייט האָבן זיך אין דעם דאָזיקן שטאָט־טייל באַזעצט עטלעכע טויזנט יידישע איינוווינער, דערונטער אַ גרויסע צאָל אָרימע, פאַר וועלכע ס'האָט געמוזט געשאַפן ווערן אַ באַזונדערע אינס־טיטוציע, וואָס זאָל ערטיילן מעדיצינישע הילף.

די ערשטע גרינדער פון דער געז. זענען געווען: ראובן טשאַפּניק, ראובן בינענשטאָק, מ. טשעכאָווסקי, מ. קאָרנ־פעלד, ח. א. ווייסטוך און מ. זיידלער.

די אויפגאַבע פון דער געז. איז: צו ערטיילן מעדיצינישע הילף, מעדיקאַמענטן און אויסצובאָרגן כלים.

די געז. האָט אויך אַן אָפּמאַך מיטן יידישן שפּיטאָל, אַנצונעמען קראַנקע און אַדורכצופירן אָפּעראַציעס אויפן חשבון פון דער געז.

אָנגעהויבן די טעטיקייט האָט די געז. ביי 70 מיטגלידער אין היינט ציילט זי העכער 500 מיטגלידער.

דער יערלעכער בודזשעט באַטרעפט 5 טויזנט גילדן, וואָס דעקט זיך פון: חודש־אָפּצאָלן, קערות אויף שמחות, איינמאַליקע אַקציעס און בלימל־טעג.

די געז. האָט אַן אייגענעם לאָקאַל אויף סטאַראָ־גאַס 2. ווו עס איז אויך טעטיק אַ בית־התפילה.

די היינטיקע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל: ראובן בינענשטאָק (פאָרזיצער), מ. קאָרנ־פעלד, א. קאַץ (וו. פאָרזיצערס), א. רייכמאַן (סעקרעטאַר), משה דייטשמאַן (קאַסירער), לייבל שטיינפעלד, חיים אבא ווייסטוך, לייביש שוואַרצבוים, יצחק מאַשקאָוויטש, יידל אַלמער, שמואל קאַסירער, עזר אַסטרי, אברהם ריבניצקי און הערצל מייזעלס.

יד געז. „הכנסת כלה"

די דאָזיקע געז. איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ גרופּע פרויען אין יאָר 1929. די גרינדערינס זענען געווען פאָלגנ־דיקע פרויען: הרבנית פראָמער, מאַלאַך, אייבעשיץ, טשאַר־נאָכאַ, חנה ראַטער, קיינער, עלבוים, אַבראַמטשיק, שוואַרץ.

די אויפגאַבע פון דער געז. איז חתונה צו מאַכן אָרימע מיידלעך, זיי פאַרזאָרגן מיט נדן און חתונה־הוצאות. אין אָנהויב האָט די געז. געשטיצט יעדעס נויטבאַדערפטיקע מיידל מיט עטלעכע הונדערט גילדן. לעצטנס, צוליב דעם שווערן פינאַנסיעלן מצב, באַטרעפט דער גרעסטער צושטייער ביז 200 גל. די יערלעכע שטיצע, וואָס די געז. ערטיילט, באַט־רעפט העכער 3 טויזנט גל.

די געזעלשאַפט ציילט קרוב 500 מיטגלידער.

די פאַרוואַלטונג איז אין יאָר 1938 באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע פרויען: הרבנית פראָמער (פאָרזיצערין), פרוי ערנסט (וו. פאָרזיצערין) און די פרויען: חנה ראַטער, מאַלאַך, פאַסערמאַן, קייזער, אַקס, וואַקסמאַן, לעווענבערג, שוואַרץ.

לייטער פון דער געז. איז הענעך זאַיאַנץ.

די געז. „הכנסת אורחים"

די דאָזיקע געז. איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1931 דורך דער רעליגיעזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צעירי אגודת־ישראל". אַדאַנק וועמענס איניציאַטיוו ס'איז געלונגען צו באַקומען פונם היגן בעל־הבית לייבל דרעזנער 3 צימערן אויף אַ „הכנסת אורחים". די צימערן זענען ווי געהעריק רעמאָנטירט געוואָרן און ס'איז דאָרט איינגעשטעלט געוואָרן די נויטיקע צאָל בעטן מיט אַלע צוגעהערן. ס'איז גלייכ־צייטיק איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּעציעל צימער פאַר בכבודיקע אורחים. אַ טייל אורחים באַקומען אויך וועש, און אין ווינטער באַקומט יעדער טיי אומזיסט.

די גרינדער פון דער געז. זענען געווען: הערצקע טשאַרנאָכאַ, מאיר ענגלאַרד, ישראל וואַנדערסמאַן, ליפּע אייבעשיץ, משה דוד אורבאַך, און ה. ל. שטענצל.

במשך פון דער עקזיסטענץ האָבן אין „הכנסת אורחים" איבערגענעכטיקט העכער 60 טויזנט מענטשן. די געז. האַלט אויס אַ ספּעציעלן אויפזעער, וועלכער זאָרגט פאַר דער אָרדענונג און היגיענישן מצב אין „הכנסת אורחים".

דער יערלעכער בודזשעט פון דער געז. באַטרעפט העכער 1500 גל. די הכנסות פליסן איין פון: חודש־אָפּ־צאָלן, קערות אויף שמחות און איינמאַליקע־אַקציעס.

אין יאָר 1938 איז די פאַרוואַלטונג באַשטאַנען פון. מאיר ענגלאַרד (פאָרזיצער), דוד רזשעזאַק (וו. פאָרזיצער), מענדל ווײַנשטאָק (וו. פאָרזיצער), משה ראָזענזאַפט (קאַסי־רער) מענדל שינאַוער, יצחק זיסקינד און ב. י. ווערדיגער.

סאסנאוויצער שרייבער און קינסטלער

ד״ר שמואל בערקאָוויטש האָט געענדיקט די רעאַל־גימנאַזיע אין סאָסנאָוויץ. שפּעטער שטודירט ער מעדיצין אין אויסלאַנד. בעת דער וועלט־מלחמה איבעררייסט ער די שטודיעס און איז אַ געוויסע צייט טעטיק אַלס לערער אין אַ יידיש־פּוילישער גימנאַזיע אין סאָסנאָוויץ. שפּעטער פאָרט ער קיין ווין, וווּ ער שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע. זיינע פּראָפעסאָרן זענען געווען די באַוווּסטע סאָציאַליסטישע טוער: מאַקס אַדלער און גרינבערג. ביים ענדיקן דעם אוניווערזיטעט שרייבט ער אַ דיסערטאַציע א. נ. „דער קריזיס נאָך דער וועלט־מלחמה״ און ער באַקומט דעם דאָקטאָר־טיטול.

פון די יינגסטע יאָרן איז ד״ר בערקאָוויטש אַן אַקטיווער בונדיסט. צוזאַמען מיט דעם באַקאַנטן אַרבעטער־טוער יצחק פּסחזאָן גרינדעט ער די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין זאַגלעמביער געגנט. אין יאָר 1917 באַטייליקט ער זיך, אַלס דעלעגאַט



ד״ר ש. בערקאָוויטש



פ. גאָלדווין



י. לישע



ד״ר י. מייטליס

פון סאָסנאָוויץ אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ פון „בונד״ אין לובלין. בשעת דעם אַנטשטיין פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט איז ד״ר בערקאָוויטש געווען אַ מיטגליד פון אַרבעטער־ראַט אין סאָסנאָוויץ, ווי אויך אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד״.

ד״ר בערקאָוויטש איז אויך געווען טעטיק: אַלס לערער אין דער ווילנער יידישער גימנאַזיע, אַלס לייטער פון דער יידישער שול א. נ. פון בייניש מיכאַלעוויטש, ווי אויך לייטער פון אַלע שפּעטערדיקע בונדישע שולן.

ער אַנטוויקלט אויך אַ ברייטע טעטיקייט אין דער „קולטור־ליגע״, וווּ ער איז געווען פּרעזידיום־מיטגליד. ער האָט אין פאָלקס־אוניווערזיטעט געלייענט לעקציעס איבער פראַגן

פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און ווירטשאַפט־פּאָליטיק און האָט אָנגעהערט צו די גייסטרייכסטע לעקטאָרן אויף דעם געביט.

ד״ר בערקאָוויטש האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט פאָרשן די לאַגע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט. ער איז אַ מחבר פון פיל אַרבעטן איבער דער לאַגע פון די יידישע מאַסן. זיינע אַרטיקלען זענען געווען געדרוקט אין „ווירטשאַפטלעכן לעבן״. ער האָט פיל אויפגעטון אויפן געביט פון דער קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן. ד״ר בערקאָוויטש איז אויך דער מחבר פון פיל אַרבעטן אויפן געביט פון סאָציאַליסטישער טעאָריע.

פּאָול גאָלדווין (**גאָלדפיין**) הויבט גאַנץ פרי אָן צו לערנען שפּילן פידל ביי די מוזיקער: וואַסערמאַן און שפּילמאַן. שפּעטער פאָרט ער קיין ווין וווּ ער לערנט מוזיק, במשך פון 10 יאָר, ביים באַוווּסטן פּראָפ. קאַפּלאַן. דערנאָך פאָרט ער קיין בערלין, וווּ ער לערנט, במשך פון 3 יאָר, ביים פּראָפ. העס און צולעצט ביים וועלט־באַרימטן פּראָפ. הובאַי (בודאַפּעשט).

אין יאָר 1920 טרעט גאָלדווין צום ערשטן מאָל אַרויס אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע. דער קאָנצערט איז אַדורך מיט אַ גרויסן דערפאָלג און די קריטיק האָט זיך זייער וואַרעם אָנגערופן.

שפּעטער פאָרט דער קינסטלער קיין בערלין, וווּ ער פירט אָן מיט אַן אייגענעם אָרקעסטער. ווען היטלער קומט צו דער מאַכט, פאַרלאָזט גאָלדווין דייטשלאַנד און פאָרט

קיין בעלגיע, ווו ער גרינדעט אַן אייגענעם אָרקעסטער, מיט וועלכן ער פירט אָן ביז צום היינטיקן טאָג.

גאָלדווין באַזיצט אַן אָריגינעלע סטראַדיוואַריוס פידל אין ווערט פון 20 טויזנט דאָלאַר.

דוד זיטמאַן (1898—1923), געבוירן אין טשעלאַדזש אין אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. פרי אָוועקגעגעבן אין חדר, ווו ער האָט געשמט פאַר אַ גוטן קאָפּ. געבליבן נאָך פון קינדווייז אַ יתום פון פאָטער און שוין צו 13 יאָר געמוטשט אַליין פאַרדינען. זינט 1913 געלעבט אין לאָדזש, געווען אַן אָנגעשטעלטער, אַ לערער פון העברעיש, אפילו זיך פאַרנומען מיט מסחר.

די ערשטע לידער אָפּגעדרוקט אין אַ לאָדזשער יידישער צייטונג, שפּעטער זיך באַטייליקט אין זאַמל־העפטן פון יונגע יידישע דיכטער „יונג יידיש", „געזאַנגען", „וועגן", „ס׳פּעלד" און אַנדערע לאָדזשער אויסגאַבעס. פאַרעפנטלעכט לידער אין די איגנאַטאָווס זאַמלביכער „שריפטן" VII. אין בוכפאָרם אַרויס־געגעבן אַ זאַמלונג לידער א"ט „אויף ווייטקייטן קרייזנדע פאַל איך" (ליטאָגראַפירט, מיט קאָמפּאָזיציעס פון אידע ברוינער, פאַרלאַג „אַחריד" לאָדזש, 1921).

ליידנדיק הונגער און נויט, איז ער אין יאָר 1922 שווער קראַנק געוואָרן, זיך געוואַלגערט איבער פאַרשידענע שפּיטע־



מ. סטאַווסקי



מ. עריק



א. נ. שטענצל

לער און געשטאָרבן עלנט און איינזאַם אין אַ שפּיטאָל אין ברעסלע (דייטשלאַנד).

יצחק לישע הויבט זיך אָן צו לערנען צייכענען ביים מאָלער סט. בענדער, וועלכער האָט פאַר דער וועלט־מלחמה געוווינט אין סאָסנאָוויץ. שפּעטער ווערט לישע אָנגענומען אויף דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע ער ענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג. דאַן פאָרט ער קיין ווין, ווו ער שטודירט די אַלטע גרויס־מייסטערס אין די דאָרטיקע רייכע מוזייען. אין ווין אַרבעט דער קינסטלער במשך פון 4 יאָר.

אין יאָר 1925 פאָרט לישע קיין פּאַריז, ווו ער איז טעטיק אויפן קינסטלערישן געביט ביזן היינטיקן טאָג.

לישע מאָלט דער עיקר פּייזאַזשן, וועלכע זענען מייסטנס באַהאַנדלט אימפּרעסיאָניסטיש. ער באַנוצט זיך מיט אַ רייכער פאַרבן־גאַמע און באַזיצט אַן אויסגעצייכנטע טעכניק.

ד"ר יעקב מייטליס דעביוטירט אין יאָר 1921 מיט אַ גרעסערן אַרטיקל „די ערשטע רעוואָלוציע" אין דער „יידישער רונדשוי" (בערלין). דאַן מיט אַ ריי אַרטיקלען אין יידיש אין דעם „מזרח ייד", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין בערלין.

זייט דעם שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער „יידישער רונדשוי", ווו ער פאַרעפנטלעכט: ליטעראַרישע עסייען, בוך־קריטיק, היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען, רעליגיעז־געשיכטלעכע און פאָלקלאָר־בייטראַגן. אויסער דעם, מיט־געאַרבעט במשך פון לאַנגע יאָרן אין פאַרשידענע אַנדערע צייטונגען, טעגלעכע און וועכנטלעכע, אין דייטשלאַנד: (דייטש) „איזראַעליטישעס פאַמיליענבלאַט", „צ. פ. צייטונג", „די זעלבסטוועהר" (פּראַג), „די פּרעס־צענטראַלע" (ציריך), „אָסט־יידישע צייטונג" (טשערנאָוויץ), „דער מאָרגן" (דאַרמשטאַט, בערלין) און אין דער באַרימטער „אָריענטאַלישע ליטעראַטור צייטונג" (בערלין).

געדרוקט אין „לאָדזשער פאָלקסבלאַט". „נאָש פּשעגלאָנד" „מאָרגן־זשורנאַל" (ניו־יאָרק), „קאַנאַדער אָדלער", ווי אויך אין פאַרשידענע צייטשריפטן אין ליטע, לעטלאַנד, אַרגענטינע, מעקסיקע אאַז"וו.

פאַרעפנטלעכט אין די „ייוואָ־בלעטער" עטלעכע, גרעסערע פאָרש־אַרבעטן וועגן אַלט־יידישע כתב־ידן. איצט שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „דער צייט" (לאָנדאָן), „דאָס יידישע פאָלק" (ניו־יאָרק, רעדאַקטאָר אב. גאָלדבערג), „דזשואיש קראָניקל" (לאָנדאָן).

אַלס פאָרש־געביט: אַלט־יידישע ליטעראַטור און יידישער פאָלקלאָר. אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע אַרבעט אין דייטש אין

יאָר 1932 (דורך די באַרימטע צונץ־שטיפטונג אין בערלין) אונטער דעם נאָמען „דאָס מעשה־בוך, זיין געשיכטע און מקורים־געשיכטע". דאָס בוך האָט אָנגעמאַכט אין דער געלערנטן־וועלט אַ גרויסן רושם און האָט אַרויסגערופן אין דער פאַך־פּרעסע הויכע אָנערקענונג אַלס אַ גרונטיקע אַרבעט, וואָס איז ביז איצט אויף דעם געביט פון יידישן פאָלקלאָר־פאָרשונג אַ יחיד במינה.

אַ גרעסערע אַרבעט אין יידיש אויף דעם געביט איז גרייט צום דרוק און זאָל בקרוב דערשיינען אין „ייוואָ" — ווילנע.

פאַר די לעצטע יאָרן האָט ד"ר מייטליס אויך גענומען אַן אַנטייל אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין לאָנדאָן האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פון דעם ענגלישן אָפּטייל פון „ייוואָ".

ווען אַ גרופּע יידישע געלערנטע און וויס־שאַפטלער אין ענגלאַנד, בראש פון וועלכע עס שטייען: פּראָפ. ז. בראָדעצקי, ד"ר סעסיל ראטה, ד"ר י. שטיינבערג, ד"ר ש. ראַבידאָוויץ, דער רב־הכולל, ד"ר י. הערץ און אַ ריי אַנדערע פּערזענלעכקייטן, טרעט צו אַרויסצוגעבן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב „די געשיכטע און אַנטוויקלונג פון דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד פאַר די לעצטע 70 יאָר", געהערט ד"ר מייטליס צו די אָרגאַניזאַטאָרן און אויספירער פון דעם פּלאַן און ער איז דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע..

משה סטאַווסקי

אין די יאָרן 1906—1908 האָט געוווינט אין סאָסנאָוויץ דער באַוווסטער שרייבער משה סטאַווסקי וועלכער איז באַקאַנט ספּעציעל מיט זיין אָריגינעלן אַרט שרייבן פון לעבן פון די הויז־חיות. דאָס איז דאַן געווען אַ נייעס אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע ווערק זענען איבערזעצט געוואָרן אין אייניקע אייראָפּעישע שפּראַכן, צווישן זיי אויך אין פּויליש.

פיל פון זיינע בעסערע זאַכן האָט סטאַווסקי געשריבן אין דער צייט ווען ער האָט געוווינט אין סאָסנאָוויץ. איינע פון זיינע שענסטע שאַפונגען זענען „די טריט", וואָס האָבן זיך דעמאָלט געדרוקט אין אַ יידיש־ליטעראַרישן זשורנאַל אין וואַרשע און האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם.

אין יענער צייט האָט אויך סטאַווסקי אָנגעשריבן אַ שיינע אידיליע פון בענדינער אַלטן שלאָס.

געוווינט האָט דער שריפטשטעלער אין סאָסנאָוויץ אויף ניקאָלאַיעווסקי גאַס (היינט קאָלאָנטאַיאַ נר. 7) ביי זיין ברודער גרשון סטאַווסקי. אַרום אים האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרופּע יוגנט, וואָס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער ליטעראַטור. אין יענער תקופה זענען אין סאָסנאָוויץ געשאַפן געוואָרן אַ ריי קולטור אינסטיטוציעס.

מאקס עריק (פּסעוודאָנים פון זלמן מערקין) לערנט ביז 12 יאָר אין חדר ביי אַ ליטווישן מלמד. דערנאָך אָנגעקומען אין דער רוסישער רעאַל־גימנאַזיע, און נאָכן פאַרנעמען סאָסנאָוויץ דורך די דייטשן, אַריבער אין אַ פּוילישער גימנאַזיע, וועלכע ער האָט געענדיקט אין יאָר 1918.

נאָך אַלס גימנאַזיסט ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג און הויבט זיך אָן צו אינטערעסירן מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. ער דעבּיוטירט מיט אַן אַרטיקל וועגן הוגאָ צוקערמאַן אין די „יידיש זאַמלביכער" 1918, אונטער דער רעדאַקציע פון י. מ. ווייסענבערג, וועלכער האָט אים אויפגעמונטערט צו שרייבן קריטישע אַרטיקלען. זייט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט עריק קריטישע עסייען און רעצענזיעס אין די אָרגאַנען פון „פּועלי ציון", אין וועלכער פּאַרטיי ער איז געווען אַ לענגערע צייט טעטיק, ווי אויך אין די „זאַמל־העפטן", „רינגען", „ביכער־וועלט", „ליטעראַרישע בלעטער".

אין די יאָרן 1919—1921 געדינט אין פּוילישן מיליטער, געענדיקט די אָפיצירן־שול און אַרויס אין רעזערוו אַלס אָפיציר. שטודירט יוריספּרודענץ אין קראָקעווער אוניווערזיטעט. אין די שול־יאָרן 1922/23—1925/26 געווען לערער פון דער יידישער ליטעראַטור און פּאָלאָניסטיק אין די יידישע מיטלשולן אין ווילנע. דאָ הויבט זיך עריק אָן אָנצוגעבן מיט דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

צוזאַמען מיט זלמן רייזענען צונויפגעשטעלט אַ כרעסטאָמאַטיע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. עריק האָט פיל געאַרבעט איבער אַלט־יידישע טעקסטן אין דער שטאָט־ביבליאָטעק אין דאַנציג. אין יאָר 1926 באַזוכט ער, צוליב שטודיען־צוועקן, ענגלאַנד און פראַנקרייך. געאַרבעט איבער דער אַלט־יידישער ליטעראַטור אין בריטישן מוזיי, אין דער באָדלעיאַנאַ, אין אָקספאָרד א. א. נעמט אַ נאָענטן אַנטייל אין דער אַרבעט פון יידיש וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, אַלס מיטגליד פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אין ווילנע.

פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן זענען אין בוכפאָרם אַרויס: „קאָנסטרוקציע שטודיען" (פאַרלאַג „אַרבעטער היים", וואַרשע, 1924), „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן און נאָוועלן פערצנטער — זעכצנטער יאָרהונדערט" (פ"ג „דער וועג צום וויסן" פון מאיר רייז, וואַרשע־קאָוועל, 1926), די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור פון די ערשטע צייטן ביז צו דער השכלה תקופה" (1929), „די ערשטע יידישע קאָמעדיע" („פילאָלאָגישע שריפטן", באַנד 3 1929, „ייוואָ", ווילנע). אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג איבער סטענדהאָל, געדרוקט אין קיעוו. פון זיינע אַרבעטן, וואָס זענען נאָכניט פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם, איז צו פאַרצייכענען: די קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער דוד בערגעלסאָן, משה קולבאַק, האַנס עווערס, דזשעק לאָנדאָן, „וועגן איינפלוסן אין דער ליטעראַטור".

אין יאָר 1929 איז עריק איינגעלאַדן געוואָרן אַלס פּראָפעסאָר, צוערשט קיין מינסק און שפּעטער קיין קיעוו אין דעם אינסטיטוט פאַר יידישע קולטור. ער האָט אויך געלייענט לעקציעס אין קיעווער אוניווערזיטעט.

מאַקס עריק פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע אַרבעטן האָבן אַרויסגערופן אַ ריי אַנערקענדיקע רעצענזיעס און אַרטיקלען.

אברהם נחום שטענצל איז געבוירן געוואָרן אין טשעלאָדזש. זיין ערשט ווערק „לידער און געדיכטן" איז אַרויס אין „מענעס"־פאַרלאַג — לייפּציק. שפּעטער זענען אַרויס זיינע פּאָפּולערע לידער־זאַמלונגען: „און דו ביזט גאָט" (פאַרלאַג „שמש" לייפּציק) און אַ בוך לידער „זוך איך דיך". האָט אויך אָנגעשריבן אַ ציקל פון 40 דאָרפסלידער — „שטיל־לעבנס", פון וועלכע אַ טייל פאַרעפנטלעכט אין „דער יידישער וועלט" 1928 ,8, און האָט פאַרעפנטלעכט אַ דראַמע וועגן דעם לעבן פון די חלוצים.

אין יאָר 1931 האָט דער קאַרטעל פון די דייטשע ליריקער און דער פאַרבאַנד פון די דייטשע שריפטשטעלער אַרויס־געגעבן די איבערזעצונגען פון שטענצלס „פישער־דאָרף" און אין יאָר 1932 איז געדרוקט געוואָרן אין דער דייטשער איבערזעצונג „דער רינג פון סאַטורן".

אין בערלין זענען געדרוקט געוואָרן אין בוכפאָרם (יידיש): „פישערדאָרף", „פונדערווייטנס", „דאָס מעדל־העפט", „מזל טלה", „צו מיין פישערדאָרף", „אויפן ראַג", „צווישן הימל און ערד" (ליריק), „פונדערהיים" (עפּישע אידיליעס).

אין לאָנדאָן זענען דערשינען אין בוכפאָרם (יידיש): „לאָנדאָנער סאָנעטן" (50 סאָנעטן צו דער שטאָט לאָנדאָן), „לעצטע נאַכט" (אַ טריכטיכאָן), אַ ביכל מיט געדיכטן איבער ווייטשעפּל, „סוף זומער פערזן", „עפּל" (ליריק און עפּישע באַלאַדן איבער פוילן), „האַקנקרייץ" (סאַטירעס איבער היטלער־דייטשלאַנד), אַ ביכל „איבער גאָטישע קונסט און אימפּרעסיאָניזם", „דאָס קיילעכדיקע יאָר" (שטעטלישע אי־דיליע, 1939).

עס גרייט זיך צום דרוק שטענצלס אַ בוך פּאָעמן איבער דייטשלאַנד „פאַן גערמאַניע פּאָגראָמען".

די גרופּע „יונג זאַגלעמביע"

אין יאָר 1933 איז דורך אייניקע יונגע שרייבער געשאַפן געוואָרן די קינסטלער־גרופּע „יונג־זאַגלעמביע". די אויפגאַ־בע פון דער גרופּע איז געווען צו פּאָפּולאַריזירן דאָס פּראָגרעסיוו־קינסטלערישע וואָרט צווישן די יידישע מאַסן. עס זענען דערשינען: צוויי זאַמלונגען „געראַנגל" (1933), אַ בוך לידער (1935) א. נ. „בייטשן", פון יורי אַרבאָר (טוביה בוים) און אַ בוך לידער „יונג זאַגלעמביע" (1937). אַלע אויסגאַבעס זענען געווען פאַרזען מיט קינסטלערישע הילעס און לינאָ־אילוסטראַציעס.

טוביה בוים ענדיקט צוערשט אַ העברעישע שול און שפּעטער אַ גימנאַזיע. ביזן יאָר 1931 שרייבט ער פּויליש (אַ דראַמע און אַ גרויסע דערציילונג אין מאַנוסקריפּט). זייענדיק אין פּאַריז, טרעפט ער זיך צונויף מיט יידישע אַרבעטער און הויבט זייט דעמאָלט אָן צו שרייבן יידיש. אין יאָר 1933 נעמט בוים אָנטייל אין רעדאַגירן צוויי זאַמלונגען „געראַנגל". אין יאָר 1935 איז דערשינען זיינס אַ בוך א. נ. „בייטשן". דאָס בוך איז קאָנפיסקירט געוואָרן. אין יאָר 1937 נעמט בוים דעם ערשטן פּריז פאַר אַ ליד „ווייסע פלעקן" אין ראובן־לודוויק־קאָנקורס פון ניו־יאָרקער „אינזיך". אין זעלבן יאָר רעדאַגירט אויך בוים און נעמט אָנטייל אין דער אויסגאַבע „יונג זאַגלעמביע". אין יאָר 1938 אָנטייל גענומען און רעדאַגירט די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון אַקאַדעמיקער־זשורנאַל „אַגניסקאַ" (פּויליש). איבערזעצט דעם 3־טן טייל פון מיצקיעוויטשעס „דזשאַדי", סלאָוואַצקיס: „אַנהעללי" און „לילאַ ווענעדאַ" (גרייט צום דרוק). געד־רוקט געוואָרן אין „ליטעראַרישע בלעטער", „פּאָסט" (פוילן), „אינזיך", מאָרגנזשורנאַל (אַמעריקע).

זיגמונט ש. בוים ענדיקט אַ גימנאַזיע, שטודירט שפּע־



ט. בוים



ז. ש. בוים



ה. דאַנציגער



א. קליימאַן



ל. שיקמאַן

טער אין פּאַריז, ווו ער ענדיקט די קונסט־שול, „עקאָל נאַסיאָנאַל סיפּעריער דע באָ־זאַר" מיט אַגאָלד־אויסצייכענונג. ז. ש. בוים האָט געמאַכט אַלע צייכענונגען און לינאָ־שניטן פאַר די „יונג־זאַגלעמביע" אויסגאַבעס. ביים היינטיקן טאָג איז ער טעטיק אַלס קונסט־לייטער אין אַ פּאַריזער פאַבריק.

העשל דאנציגער האָט דעביוטירט אין לידער־זאַמל־בוך „יונג־זאַגלעמביע", געדרוקט געוואָרן אין דער רעגיאָ־נאַלער פּרעסע, ווי אויך אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן: „אות", „די פּאָסט" און זיך באַטייליקט אין לידער־קאָנקורס פון ניו־יאָרקער „אינזיך".

אפרים קליימאן דעביוטירט מיט אַ פּאָעמע „פּאַלעס־טינע" אין דער צייטשריפט „באַפרייונג" (וואַרשע), באַטיי־ליקט זיך מיט לידער און נאָוועלן אין פאָלגנדיקע אויסגאַבעס: „געזאַנגען" — לאָדזש (1919), אין ווייסענבערגס „שטראָם" (1924), „וועלטשפּיגל" (39/1929), „אונזער וועלט" (1938), „פאָלקסבלאַט" — ביעלסקאָ (דייטש), געדרוקט לידער אין דער קאַטאָוויצער אַרבעטער פּרעסע (פּויליש) און זיך באַטייליקט אין אַלע אויסגאַבעס פון „יונג זאַגלעמביע".

לייזער שיקמאן איז פּאַראַליזירט געוואָרן בעת דער וועלט־מלחמה. געענדיקט אַ שפּיטאָל־שול אין דער שווייץ. דעביוטירט אין דער רעגיאָנאַלער יידישער פּרעסע, באַטייליקט זיך איןביידע לידער־זאַמלונגען: „גראַנגל" און „יונג זאַגלעמביע", געדרוקט אין: „וואָכנשריפט", „צוקונפט", „פאָרווערטס", „פּאָסט" און „ליטעראַרישע בלעטער". גע־נומען אַן אַנטייל אין לידער־קאָנקורס פון ניו־יאָרקער „אינ־זיך".

גרשון סטאַווסקי

חיים נחמן ביאַליק אין סאָסנאָוויץ

(אַביסל זכרונות)

דאָס איז געווען אין יאָר 1897, ווען סאָסנאָוויץ איז נאָך געווען אַ דאָרף. דער דעמאָלסטיקער נאָך קליינער, יידישער ישוב, האָט אָבער פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע צאָל למדנים און משכילים, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין אַ גוטן העברעישן לערער פאַר זייערע קינדער.



חיים נחמן ביאַליק
אין דער צייט ווען ער האָט פאַרלאָזט סאָסנאָוויץ אין יאָר 1899, אַלס 26־יעריקער יונגערמאַן.

אייניקע פּערזאָן האָבן דעריבער געשריבן צום העברעישן שריפטשטעלער עזרא גאָלדין (לאָדזש), אַז ער זאָל זיי רעקאָמאַנדירן אַן אַנטשפּרעכנדיקן לערער. גאָלדין, וועלכער איז געווען אין קאָנטאַקט מיט העברעישע לערערט, האָט פון זיי באַקומען פאַרשידענע אָפּערטעס, וועלכע ער האָט איבערגעשיקט קיין סאָסנאָוויץ. צווישן דער קאָרעספּאָנדענץ האָט זיך אויך געפונען אַ פּאָסט־קאַרטל פון אַ זשיטאָמירער לערער מיטן נאָמען ח. נ. ביאַליק. אין דעם דאָזיקן קאַרטל פרעגט ביאַליק גאָלדינען: „כתוב לי כמה בעלי בתים יכסו עלי".

דער דאָזיקער אויסדרוק, וואָס שטאַמט פון „תכסו על השה" און געפינט זיך אין דער תורה ביים קרבן פּסח, איז זייער געפעלן געוואָרן די אָרטיקע משכילים, און דאָס האָט דעצידירט וועגן ביאַליקס קומען קיין סאָסנאָוויץ.

און סאָסנאָוויץ האָט ביאַליק געהאַט גענוג פרייע צייט צו אַרבעטן און צו שרייבן. דעם גרעסטן טייל שירים האָט ער דאָ געשריבן אין די יאָרן 1897—1899.

דעם ערשטן שיר, וואָס ביאַליק האָט אָנגעשריבן אין סאָסנאָוויץ איז געווען „אכן חציר העם", וועלכער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם, ווען ער איז געדרוקט געוואָרן אין „השלח". נאָך אַ גרעסערן רושם האָט דער שיר געמאַכט אין אייניקע יאָר שפּעטער ווען וו. זשאַבאָטינסקי האָט אים איבערזעצט אין רוסיש און אָפּגעדרוקט אין יידיש־רוסישן זשורנאַל „וואָסכאָד" א. נ. „„דאַ פּאָגיב מאָי נאַראָד".

פון די ווייטערדיקע, באַוווסטע שירים, וואָס ביאַליק האָט געשריבן אין סאָסנאָוויץ, איז דער פּאָפּולערסטער „רזי לילה" און „בשל תפוח".

באַלד ווי ביאַליק איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ, האָט

זיך ארום אים קאנצענטרירט אן ענגער קרייז פון אייניקע יונגע משכילים ווי משה פעלדשטיין (דער שפעטערדיקער באוווסטער פעליעטאניסט „רב משה", וועלכער האט דעמאלט געוווינט אין סאסנאוויץ), דער שרייבער פון די שורות, יעקב וויינבערג א"אנד. דער דאזיקער קרייז האט געגרינדעט די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין סאסנאוויץ און האט אויך מיטגעהאלפן ביי דער גרינדונג פון די ציוניסטישע ארגאניזאציעס אין בענדין און דאמבראווע.

דער צענטער פון משכילישן קרייז, וואס האט זיך קאנצענטרירט ארום ביאליקן, איז געווען די וווינונג פון גרשון סטאווסקי, וועלכע האט זיך געפונען אויף דער פילסודסקי־גאס נר. 12 (דעמאלט האט נאך די גאס נישט געהאט קיין סטאבילן נאמען). דארט זענען זיך אייניקע מאל אין דער וואך, דער עיקר אין די ווינטער אוונטן, צונויפגעקומען די קרייז־מיטגלידער. ביאליק האט די דאזיקע אוונטן אנגערופן „אונזערע ליטעראַרישע אוונטן" און האט שפעטער וועגן זיי דערמאנט מיט גרויס בענקשאפט אין בריוו צו זיינע סאסנאוויצער פריינט. אויך ווען ביאליק איז אין יאר 1932 געווען אין סאסנאוויץ, האט ער גערעדט וועגן יענע אוונטן און געזאגט, אז דאס זענען זיינע שענסטע זכרונות נעורים.

ס'איז כדאי צו באמערקן, אז ביאליק האט נישט פריער אויסגעפארטיקט קיין איין שיר איידער ער האט אים נישט פארגעליינט אויף די ליטעראַרישע אוונטן. ער האט זייער גערן אויסגעהערט א באמערקונג אדער א קריטיק מצד די קרייז מיטגלידער. פיל שירים זיינע האבן טאקע געענדערטע חרוזים, לויט דער קריטיק און החלטה פון די חברים אויף די ליטעראַרישע אוונטן, ווו ער איז געווען דער טאן געבער און דער ראש המדברים. ביאליקס באליבט ווערטל איז געווען, אז דער שרייבער דארף נויטיקער האבן דעם קורא מובן ווי דער קורא מובן דעם שרייבער.

אפילו זיינע שיחות חולין און מעשיות זענען געווען אויסערגעוויינלעך אינטערעסאנט. ער איז שטענדיק געווען פריילעך און ביי א גוטן הומאר און ער פלעגט ווארפן מיט גייסטרייכע וויצן ווי מיט פייער ראקעטעס.

ביאליקס באוווסטע פאעמע „אריה בעל הגוף" איז א צו־זאמענשטעל פון עפיזאדן פון זיינע קינדער זכרונות אויף דער זשיטאמירער פארשטאט, וואס ער פלעגט דערציילן אויף די ליטעראַרישע אוונטן. אויפן פארלאנג פון די קרייז מיטגלידער האט ער פון די אלע עפיזאדן געשאפן די דערמאנטע פאעמע, וועגן וועלכע ער פלעגט רעדן מיט גרויס ליבשאפט.



ביאליק אין סאסנאוויץ אין יאר 1932

ש. ראַטענבערג

יידן אין בענדין

אַ געשיכטלעכער איבערבליק פון די עלטסטע צייטן ביזן אַנטשטיין פון ווידעראויפגעלעבטן פוילן.


1. די שטאָט בענדין און דער שלאָס

איידער מיר טרעטן צו צו דער געשיכטע פון יידן אין בענדין, ווילן מיר צוערשט געבן אַ געשיכטלעכן איבערבליק וועגן דער שטאָט אין אַלגעמיין.

בענדין איז אַ פּאָוויאַט שטאָט אין דער קיעלצער וואָיע־וואָדשאַפט אויפן לינקן ברעג פון דער שוואַרצער פּשעמשע.

אין 14־טן י״ה האָט מען די שטאָט גערופן באַנדיען, אין 15־טן י״ה באַנדין, באַנדזען, באַנדזין, אין 16־טן און אין 17־טן י״ה בענדים, בענדין און אין 18־טן י״ה בענדזין.

דער ישוב איז דאָ וואַרשיינלעך אַנטשטאַנען ביים סוף



די חורבות פון בענדינער שלאָס

פון 10־טן, אָדער ביים אָנפאַנג פון 11־טן י״ה, אַרום דער פעסטונג, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן הויכן שטיינער־נעם באַרג.

אין די צייטן פון באָלעסלאַוו דעם שעמעוודיקן (1238־1279) איז אויף די חורבות פון דער דערמאַנטער פעסטונג אויפגעשטעלט געוואָרען אַ הילצערנער שלאָס, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ געמויערטן פונדאַמענט און אַ טורעם. גלייכ־צייטיק מיטן אַנטשטיין פון שלאָס האָט באָלעסלאַוו דער שעמעוודיקער גענומען אונטער זיין השגחה דעם ישוב, וואָס האָט זיך געפונען אַרום אים, גיבנדיק דעם ישוב אַ כאַראַקטער פון אַ יריד־דאָרף.

דער אויסוואַל פון דאַזיקן אָרט איז נישט געווען קיין צופעליקער, ווייל פון אייביקע צייטן איז דאָ געלאָפן אַ וואַסער־וועג, וועלכער האָט געפירט פון דער פּשעמשע צו דער וואַרטע און פון דאָרט, דורך דער אָדער צו דער ווייסל. אַחוץ דעם איז דער עלטסטער יבשה־וועג, וועלכער האָט פאַרבונדען קראָקע מיט גרויס פוילן דורך שלעזיע, געלאָפן דורך בענדין.

דער הילצערנער שלאָס האָט זיך דערהאַלטן ביז צו די צייטן פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן. באַטראַכטנדיק דעם שלאָס־באַרג אַלס אַן אויסגעצייכנטן סטראַטעגישן פונקט, האָט דער קעניג צעשטערט די הילצערנע פאַרטן און אויף זייער אָרט, אַרום דעם יאָר 1358, אויפגעשטעלט אַ מעכטיקן שטיינערנעם שלאָס, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון די פוילישע גרענעצן, אַפּהיטנדיק זיי פון די אָנפאַלן מצד די פאַרדייטשטע און אַגרעסיווע שלעזיער. גלייכצייטיק מיטן אויפבויען פון שלאָס און מעגלעך, אַז אַביסל שפּעטער, האָט קאַזשימיעזש דער גרויסער געגרינדעט די שטאָט, אַריבער־טראָגנדיק דאָרט אַהין די איינוווינער פון פריערדיקן בענדין, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שטח פון היינטיקן מאַלאָבאָנדז.

אין דער דאָזיקער צייט האָט נאָך די שטאָט נישט פאַר־מאָגט קיין שוץ־מויערן, נאָר ערד־וואַלן מיט הילצערנע טויערן. ס'איז וואַרשיינלעך, אַז ערשט אין יאָר 1364 זענען אויפגעשטעלט געוואָרן שטיינערנע שוץ־מויערן, פון וועלכע אַ טייל איז נאָך געבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

בענדין אַלס גרענעץ־שטאָט, ליגנדיק אויף אַ פּונקט ווו

ס׳האָבן זיך געקרייצט האַנדלס־וועגן, וועלכע האָבן געפירט אין די פאַרשידנסטע ריכטונגען, האָט זיך געפונען אונטער אַ ספּעציעלער קעניגלעכער השגחה. אַ דאַנק דעם איז די שטאָט זייער שנעל געוואַקסן אין ווילשטאַנד און איז געוואָרן אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער. אויפן סמך פון אַ פּריווילעגיע, געגעבן דורך קאַזשימיעזש יאַגיעלאָ אין יאָר 1464, האָט בענדין באַקומען דאָס רעכט צו באַזיצן אַ זאַלץ־לאַגער. יעדער סוחר, וועלכער האָט געפירט זאַלץ קיין שלעזיע, האָט — אונטער דער דראָונג פון אַ הויכער שטראָף — נישט געטאָרט אויסמיידן בענדין און זיך געמוזט אין משך פון 3 טעג אויפהאַלטן אין דער שטאָט און פאַרקויפן זאַלץ.

ס׳איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז אין יאָר 1549 האָבן זיך אין בענדין געפונען אַן ערך פון 100 הייזער מיט 800 איינוווינער, אין דערזעלבער צייט האָט קיעלץ פאַרמאָגט 84 הייזער מיט אַן ערך פון 600 איינוווינער. די קעניגלעכע קאָנטראָלערן, וועלכע זענען אין יאָר 1564 געקומען קיין בענדין איינמאָנען שטייערן פאַרן קעניגלעכן אוצר, האָבן באַשטימט, אַז די קצבים דאַרפן געבן 24 שטיין (אַ שטיין = 32 פונט) חלב, 16 בעקער צו 5 זילבער־גראָשן, 10 שוסטער צו 4 ז. גר. די שטאָט־באָד 2 גזשיוונעס (אַ גזשיוונע = 48 ז. גר.), די ביער־ברויער 2 גזשיוונעס, די קרעמער פון הילצערנע און ליימענע כלים צו 2 גזשיוונעס פאַר 5 מאָל האַנדלען אויפן יריד.

די שוועדישע מלחמות האָבן גורם געווען צו אַ פּול־שטענדיקער ירידה פון בענדין. ס׳איז פאַרשוווּנדן דער אַמאָליקער ווילשטאַנד און גלאַנץ, דער האַנדל און מלאכה זענען שטאַרק געפאַלן. אין יאָר 1673 האָט די שטאָט נור געציילט אַן ערך פון 40 הייזער מיט 346 איינוווינער. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס אַ באַדייטנדיקע צאָל בעלי־מלאכות זענען אַוועק פון דער שטאָט. הגם די באַפעלקערונג־צאָל איז אין אָנפאַנג פון 18־טן י״ה באַדייטנדיק געשטיגן, איז אָבער די שטאָט שוין מער נישט צוריקגעקומען צו איר אַמאָליקן גלאַנץ.

אין יאָר 1683 איז דורך בענדין אַדורכגעצויגן דער פּוילישער קעניג יאַן סאָביעסקי III מיט זיין אַרמיי. דער קעניג, וועלכער האָט געאיילט מיט הילף דער שטאָט ווין, וואָס איז געווען באַלאַגערט דורך די טערקן האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ קורצע צייט אין היגן שלאָס. צום אָנדענק פון קעניג סאָביעסקיס זיין אין בענדין, איז דעמאָלט אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל, וועלכער שטייט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אויף דער קאָלאָנטאַיאַ־גאַס נומ׳ 45.


די לעצטע לוסטראַציע, וועלכע איז אַדורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1789 האָט באַוויזן, אַז אין בענדין זענען דעמאָלט געווען 279 ייזער מיט העכער 1200 איינוווינער, וועלכע האָבן געצאָלט 27 גל. מיט 15 גר. באָדן־שטייער און 200 גל. האַנדל־שטייער. די יידישע קצבים (קיין קריסטלעכע זענען דעמאָלט איבערהויפּט נישט געווען אין בענדין) האָבן געצאָלט 253 גל. מיט 10 גר. שחיטה־שטייער און די יידישע קהלה האָט געצאָלט 700 גל. פון דער שול.

ערשט אין דריטן צענטליק פון 19־טן י״ה, ווען מ׳האָט אָרום בענדין אָנגעהויבן צו גראָבן קוילן, און עס זענען אַנטשטאַנען, אין יאָר 1826, צינק־הוטעס, האָט די שטאָט ווידער אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען.

אין אַדמיניסטראַטיווער הינזיכט האָט בענדין אין די יאָרן 1795—1807 אָנגעהערט צום שעווערער פּאָוויאַט, וועלכן די פּריסישע אָקופּאַנטן האָבן צוגערעכנט צו ניי־שלעזיע. נאָכדעם ווי די פּריסן האָבן פאַרלאָזט די פּוילישע געביטן און עס זענען אין פּוילן, אויפן באַפעל פון נאַפּאָלעאָנען,



דער שלאָס מיטן איינגאַנג־טויער



דער איינגאַנג צו די אונטערערדישע הייל

געשאַפן געוואָרן 6 דעפּאַרטאַמענטן, האָט בענדין אָנגעהערט צום לעלעוו־שעווערער פּאָוויאַט אין קאַלישער דעפּאַרטאַמענט. ווען דער פּאָוויאַט איז אין 12־טן דעצעמבער 1808 צעטיילט געוואָרן איז די שטאָט אַרונטערגעפאַלן אונטערן פּילצער פּאָוויאַט. די העכסטע פּאָוויאַט־מאַכט איז געווען די אַזוי גערופענע „פּאָוויאַט־אויספיר־קאַמער”. ביי דער צווייטער אַד־מיניסטראַטיווער צעטיילונג איז בענדין איינגעגלידערט גע־וואָרן אין אָלקושער פּאָוויאַט.

אין דער צייט פון דער פּרייסישער אָקופּאַציע (1795—1806) האָט זיך אויף דער טשעלאַדזשער גאַס געפונען אַ צאָל־קאַמער און אויפן אַלטן־מאַרק איז געשטאַנען אַ ראָט־הויז.

נאָכן אויפשטאַנד פון יאָר 1831 איז די שטאָט אַריינ־געפאַלן אין אַן אַפּאַטיע, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן 30 יאָר. די צאַרישע סאַטראַפּן האָבן אַלץ געטון, כדי צו פּאַרמיאוסן דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג און האָבן נישט דער־לאָזט צו קיין שום איניציאַטיוו, וועלכע וואָלט געקאָנט דעם מצב פאַרבעסערן. אַ געוויסע אויפלעבונג האָט זיך באַמערקט ערשט אין יאָר 1858 ווען עס זענען דאָ אַהערגע־קומען פאָרשטייער פון דער וואַרשע־ווינער אייזנבאַן־דירעק־ציע און האָבן אָנגעהויבן בויען די זאַמבקאָוויץ־סאָסנאָוויצער באַן־ליניע. שפּעטער זענען די בענדינער איינוווינער ווידער באַהערשט געוואָרן דורך אַ גלייכגילטיקייט, פון וועלכער זיי האָבן זיך ערשט ארויסגעריסן בעת די היסטאָרישע געשעע־נישן אין יאָר 1863.

אין מאָמענט, ווען דער אויפשטאַנד איז אויסגעוואַקסן, האָט די שטאָט פּלוצלינג אויפגעלעבט. אַ גרויסער טייל פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, צווישן זיי אַ באַדייטנ־דיקער טייל יידן, איז מיט געווער אין דער האַנט אַרויס־געטרעטן קעגן די צאַרישע אונטערדריקער.


דעם 5־טן מאַי 1864 איז נישט ווייט פון דער שטאָט פאָרגעקומען אַ צוזאמענשטויס פון פּוילישע אויפשטענדיקע מיט רוסן. אייף דער זייט פון די אויפשטענדיקע האָט גענומען אַ לעבהאַפטיקן אָנטייל אַ גרויסע צאָל איינוווינער. דער פאַרביסענער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה פון די רוסן.

אויפן זעלבן אָרט (נעבן דער הײַנטיקער באַן־סטאַציע) זענען באַגראָבן געוואָרן די אומגעקומענע אויפשטענדיקע און שפּעטער איז דאָרט אַלס אָנדענק אויפגעשטעלט געוואָר אַ קאַפּליטשקע. צוליב דעם, וואָס די קאַפּליטשקע האָט געשטערט די באַוועגונג, איז זי אין יאָר 1936 באַזייטיקט געוואָרן און אַלס אָנדענק פאַר די אומגעקומענע אויפשטענ־דיקע איז נעבן דעם אָרט, אַביסל אין אַ זייט, אויפגעשטעלט געוואָרן אַ דענקמאָל, וואָס שטעלט פאָר די „הייליקע מוטער”.

ס'דאַרף אויך עפּעס דערמאָנט ווערן וועגן דער אַזוי גערופענער „סיבערקע”.

אויף דער לינקער זייט וועג, וואָס פירט פון בענדין קיין טשעלאַדזש, האָט מען נאָך מיט אַ צייט צוריק געקאָנט זען די חורבות פון אַן אַלטער געביידע, וועלכע די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט אָנגערופן „סיבערקע”.

דער נאָמען שטאַמט דערפון, וואָס די צאַרישע מאַכט



די חורבות פון דער „סיבערקע”

האָט דאָרט מיט געוואַלט באַזעצט אַ געוויסע צאָל אַדעליקע פּוילישע משפחות אויס דער געגנט אַרום דעם טייך ניעמאַן, וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן, צוליב זייער אַנטייל אינם אויפשטאַנד פון יאָר 1831, אויף צוואַנגס־אַרבעט אין די זאַגלעמביער קוילן־גרובן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך דאָרט געפונען אַ רוסישע צאָל־קאַמער, און מיט אַ צייט צוריק איז דער דערמאָנטער סימבאָל פון דער צאַרישער הערשאַפט געגצלעך באַזייטיקט געוואָרן.

די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן כמעט נישט אַריינגעטראָגן קיין שום נייעס. אין דער שפּיץ פון דער שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג זענען געשטאַנען נאָמינירטע בורמיסטשעס, וועלכע ס'האָט מער אינטערעסירט זייערע אייגענע ענינים ווי די שטאָטישע.

אַ שיין בלעטל געשיכטע האָט אין יאָרן 1905—1907 אריינגעטראָגן די זאַגלעמביער ארבעטערשאַפט, וועלכע איז אַקטיוו אַרויסגעטרעטן קעגן די צאַרישע אונטערדריקער.

זייט אויגוסט 1914 ביז סוף 1918 געפינט זיך בענדין אונטער דער דייטשער (טיילווייז אויך אונטער דער עסט־רייכעשער) אָקופּאַציע, וועלכע האָט מיט עכט פּרייסיש־יונקערישער ברוטאַליטעט אונטערדריקט די היגע באַפעל־קערונג.

2. יידן אויפן שטח פון זאַגלעמביע.

צום ערשטן מאָל האָבן זיך יידן באַוויזן אויפן שטח פון זאַגלעמביע אין מערץ פון יאָר 1226. אין די ערשטע צייטן האָבן זיך די ניי־אָנגעקומענע יידן באַשעפטיקט מיט לאַנד־ווירטשאַפט און צחאַמען מיט די איבריקע בירגער זענען זיי מחויב געווען צו צאָלן מעשר.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין זעלבן יאָר ווען יידן האָבן זיך באַוויזן אין זאַגלעמביע, האָט דער אָפּאָלער פּירשט באַשטימט אַ צאָל פון יידן, וועלכע זענען אַ דורכגעאַנגען שלעזיע.

מיר ציטירן דאָ אַ דאָקומענט, פון יאָר 1226, וועלכער רעדט קלאָר וועגן דעם.

„לויט דער פאָדערונג און באַשטעטיקונג פון אָפּאָלער פּירשט און נאָכן אויסהערן די זאַכקענער, באַשטימט דער ברעסלער בישאָף וואָוזשיניעץ אויפסניי די אַלטע און גערעכטע צאָלן אין ראָזענבערג און סיעוויערזש, לויט דעם דאַרף מען צאָלן אין ראָזענבערג פון פרויען און פאַראַבקעס, וועלכע מען פירט צום פאַרקויף, 1 שקאָיעץ זילבער[1]), אַזויפיל דאַרף מען אויך צאָלן פון יידן, הגם מען פירט זיי נישט צום פאַרקויף. פרעמדע רייטער אָדער פוסגייער מיט סחורות, צאָלן, פונוואַנען זיי זאָלן נישט קומען און אומאָפּהענגיק פון מין, סיי יידן, סיי קריסטן, צוויי אָפּאָלער גראָשן, דאָקעגן אָרטיקע רייזנדע צאָלן גאָרנישט. דאָס זעלבע איז שייך רייטער און פוסגייער, קריסטן און יידן פון סיעווערזש".

אין אַ דיפּלאָם פון יאָר 1227 לייענען מיר וועגן יידן פּויערים, וואָס אַקערן אויף דעם פירשטס נחלאות אין דער געגנט פון בויטן און צאָלן מעשר פון סנאָפּ דעם ברעסלער בישאָף.

אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן איז געקומען קיין בענדין צום סוף פון 13טן י"ה, אין אָנפאַנג פון 14־טן י"ה האָבן יידן פאַרלאָזט די לאַנדווירטשאַפט און אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט האַנדל. זיי האָבן געעפנט קרעמלעך און זיך אויך פאַרנומען מיט געלט־טוישן.

אין 17־טן י"ה ווערט צווישן די שאלות ותשובות פון ב"ח (בית חדש) דערמאָנט „ק"ק בענדין" אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ גבית עדות[1]).

די העכסטע אויטאָריטעט פון יעדן יידישן קבוץ איז געווען די קהלה, וועלכע איז געוויילט געוואָרן דורך די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים. אין דער שפּיץ פון יעדער קהלה איז געשטאַנען אַ רב און אַ סינדיק (אַ יורידישער ראַטגעבער). אין די שפּעטערדיקע צייטן טרעפט מען שוין אפילו אין די קלענסטע שטעטלעך אונטער־קהלות, וועלכע זענען געווען אונטערגעוואָרפן צו די נאָענטסטע קהלות.

אין דער צווייטער העלפט פון 16־טן י"ה שיקט שוין בענדין אַרויס אַן אייגענעם פאָרשטייער קיין קראָקע צו דער יידישער לאַנד־פאַרטרעטונג, וועלכע האָט זיך גערופן „ועד ארבע ארצות". דער בענדינער דעלעגאַט צום ועד אין יאָר 1666 האָט זיך גערופן: ר' ישראל בן שמואל (סאַמועלעוויטש).

1) שו"ת ב"ח הישנות, סימן פ"א.

1) אַ שקאָיעץ האָט צוערשט באַטייט אַ געוויסע צאָל זילבער, וואָס אָנטשפּרעכט דעם ווערט פון אַן אָקס. דערנאָך האָט ער אָנטשפּראָכן 1/24 חלק פון אַ גזשיווונע.

די יידן אין פּוילן זענען באַטראַכט געוואָרן אַלס אויסלענדער. צוליב דער סיבה זענען זיי געווען אונטערגעוואָרפן דירעקט דעם קעניג, וועלכער האָט באַשטימט די וואָיעוואָדעס אַלס זיינע פאַרטרעטער. די וואָיעוואָדעס ווידער האָבן, אין אַזעלכע שטעט ווי בענדין, איבערגעגעבן די מאַכט די סטאַראָסטעס. צוליב דעם זענען די יידן נישט געווען אונטערגעוואָרפן קיין שטאָטישן געריכט.


אין דער ערשטער אינסטאַנץ זענען יידן געמשפּט געוואָרן דורך אַ יידיש געריכט. קעגן אַן אורטייל פונם יידישן בית דין האָט געדינט דאָס רעכט צו אַפּעלירן צום וואָיעוואָדע אָדער סטאַראָסטע און צום סוף ערשט צום קעניג.

דאָס יידישע געריכט איז באַשטאַנען פון אַ רב, סינדיק און לאַווניקעס (ביייזיצנדע אין געריכט) וועלכע זענען דעלעגירט געוואָרן דורך דער קהלה. אַלע סכסוכים צווישן אַ קריסט און אַ ייד זענען אויך געמשפּט געוואָרן, אין דער ערשטער אינסטאַנץ דורך אַ יידיש געריכט, נור מיט דער באַטייליקונג פון אַ וואָיעוואָדע אָדער סטאַראָסטע.

די משפּטים זענען געוויינלעך פאָרגעקומען אין דער שול, ווו עס זענען אויך אָפּגעהיטן געוואָרן די אַקטן. די תפיסה, וועלכע די יידן האָבן געמוזט אויסהאַלטן אויף זייער חשבון, האָט זיך אויך געפונען ביי דער שול. אַ געריכט־זיצונג אָן דער באַטייליקונג פון די לאַווניקעס איז געווען אומגילטיק.

אין יאָר 1591 זענען אין דער בענדינער שול געהאַנגען די פאַרשריפטן פאַרן יידישן געריכט. די דאָזיקע פאַרשריפטן זענען באַשטאַנען פון 12 פונקטן און זענען געווען געשריבן אין דער העברעישער און פּוילישער שפּראַך.

די בענדינער יידן האָבן געגעבן דעם וואָיעוואָדע פאַר די משפּטים, וועלכע זענען דורך אים פערזענלעך געפירט געוואָרן, 100 גילדן ווי אויך 10 פונט זאַפרן מיט צימערינג



פאַדזאַמטשע אין יאָר 1867


יערלעך. צי דאָס איז געווען אַ טאַקסע אָדער אַפּרייוויליקע מתנה, איז אומבאַוווסט.

אין אָנפאַנג זענען די בענדינער יידן שטאַרק באַגרענעצט געווען אין זייערע רעכט. זיי האָבן נור געמעגט וווינען אין געוויסע ראַיאָנען פון דער שטאָט און עס זענען פאַר זיי באַשטימט געוואָרן געוויסע טעג פאַרן מסחר. אויך די צאָל סחורות, מיט וועלכע זיי האָבן געמעגט האַנדלען איז געווען באַגרענעצט. ערשט ווען זיי האָבן זיך געפילט שטאַרקער, פאַר די צייטן פון קאַזשימיעזש יאַגיעלאַ, באַמיען זיי זיך — צוזאַמען מיט די קראָקאָווער יידן — צו באַקומען פאַרשידענע פריווילעגיעס. זייערע באַמיונגען זענען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג און קאַזשימיעזש יאַגיעלאָ האָט זיי אין יאָר 1453 אנערקענט זייערע פריווילעגיעס.

די פריווילעגיעס האָבן אויך דערלויבט די אָרטיקע יידן זיך צו פאַרנעמען מיטן האנדל פון אויסלענדישע סחורות, אָבער נור אין הורט. זיי זענען אויך צוגעלאָזט געוואָרן צום האנדל פון פוילישע סחורות, אָבער די צאָל אַרטיקלען, מיט וועלכע זיי האָבן געמעגט האַנדלען, איז געווען שטאַרק באַגרענעצט.

פון אויסלענדישע סחורות האָבן יידן געמוזט אָפּצאָלן אַ העכערן צאָל, ווי די קריסטלעכע סוחרים.

אז בענדינער יידן שוין דעמאָלט גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין אויסלענדישן האנדל, באַווייזט דער פאַקט, דאָס אין יאָר 1695 ווערט אויפן לייפּציקער יריד דערמאָנט אַ בענדינער סוחר מיטן נאָמען משה בענדינער.



פּאָדזאַמטשע אין יאָר 1936

די ערשטע באַקאַנטע פריווילעגיע איז געווען די אַזוי גערופענע „קאַלישער פּריווילעגיע", אַרויסגעגעבן דורכן פירשט באָלעסלאַוו דעם פרומען אין יאָר 1264.

די יידן זענען, לויטן קאַלישער סטאַטוס, דאָס אייגנטום פונם פירשט („שקלאַפן פון מלוכה־אוצר"), זיי זענען מחויב צו באַצאָלן דעם פירשט שטייערן, דערפאַר געניסן זיי פון זיין שוץ. די פריווילעגיע פאַרזיכערט די יידן פערזענלעכן און אַלגעמיינעם שוץ ווי אויך זיכערקייט פון אינדיווידועלן און קהלשן פאַרמעגן. איינע פון די וויכטיקסטע סטאַטוס־פאַרשריפטן איז דער באַשלוס, וועלכער שטיצט זיך אויף אַ בולע פונם פויפּסט אינאָצענט 3, וואָס וואַרפט אָפּ די בייזוויליקע עלילת־דם בלבולים.

לויטן מוסטער פונם קאַלישער־סטאַטוס זענען געווען רע־דאַגירט די שפּעטערדיקע פריווילעגיעס פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, וועלכע האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט, וואָס האָט געשטרעבט אָפּצווענדן די יידן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

אין יאָר 1527 האָט זיגמונט 1 מיט אַ ספּעציעלער פּריווי־לעגיע אויסגעגלייכט די יידישע סוחרים מיט די קריסטלעכע אין דער הינזיכט פון צאָל, אָפּצאָלן, שטייערן אאז"וו. אין אַן ערך פון 15 יאָר שפּעטער טרעפט מען שוין יידן אַלס אַרענדאַרן פון קרעטשמעס און ספּירט־ברענערייען, אַלס פאַכטער פון יאַטקעס און מילן ווי אויך אַלס איינמאָנער פון קעניגלעכן צאָל.

אין די צייטן פונם קעניג סטעפאַן באַטאָרי באַקומען די בענדינער יידן אַ דערלויבעניש צו וווינען אין צענטער פון דער שטאָט, ווי אויך צו האַנדלען אין מאַרק צוגלייך מיט די קריסטלעכע סוחרים.

אין יאָר 1592 האָט דער בענדינער מאַגיסטראַט באַקומען אַ באַפעל פון זיגמונט 3 צו פאַרטיידיקן די אָרטיקע יידן קעגן עולות און אָנפאַלן ווי אויך אָפּצוהיטן די רעכט, וואָס זענען זיי געגעבן געוואָרן.

צומייסטן פרייהייטן האָבן יידן אין פוילן באַקומען אין די צייטן פון וולאַדיסלאַוו 1. וולכער האָט זיי אויסגעגלייכט אין דער הינזיכט פון רעכט מיט די איבריקע בירגער פון לאַנד.

איינע פון די גרעסערע יידישע דערגרייכונגען איז געווען, דאָס אָפּשאַפן, דורך יאַן קאַזשימיעזש, דאָס אזוי גערופענע „קאַדוק־געזעץ". [1]

יעדעס מאָל, ווען אויפן פּוילישן טראָן איז אַרויסגעטרעטן אַ נייער קעניג, האָבן די בענדינער יידן גלייך צו אים געשיקט אַ דעלעגאַציע מיט אַ בקשה צו באַשטעטיקן די שוין באַ־קומענע רעכט. אַזוי איז עס אויך געשען נאָכן איבערנעמען די הערשאַפט אין דער פּוילישער הויפּט שטאָט דורך יאַן סאָביעסקי. דעסמאָל זענען אָבער די יידישע פאַרשטייער

1) אַ ביסל אויספירלעכער וועגן „קאַדוק־געזעץ" וועלן מיר שרייבן ווייטער.

צוריקגעקומען מיט גאָרנישט, ווייל דער קעניג איז געווען פאַרנומען מיט וויכטיקערע ענינים און האָט דאָס באַשטעטיקן פון די רעכט אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. די בענדינער קהלה האָט אָבער דעם ענין נישט פאַרנאַכלעסיקט און אין 11 יאָר שפּעטער האָבן זיי דערוואָרבן אַ פרישן פאַרמעט מיט דער באשטעטיקונג פון זייערע רעכט.

דער דאָזיקער פאַרמעט געפינט זיך היינט צו טאָג אין בענדינער מאַגיסטראַט, ווו ער ווערט אָפּגעהיטן אין אַן אייזערנער פייערזיכערער קאַסע, וועלכע איז פאַרזיגלט מיט לאַק־חתימות.

נאָכן איבערטרעטן דעם טראָן דורך סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, איז אַ דעפּוטאַציע פון בענדינער יידן געפאָרן קיין וואַרשע מיט די אַלטע פאַרמעטן, כדי דער קעניג זאָל זיי באַשטעטיקן. די דעפּוטאַציע איז צוריקגעקומען אין יולי 1766 מיט אַ פרישן פאַרמעט, וועלכער האָט אנטהאַלטן אַ סך אלטע און נייע פּריווילעגיעס.

דער דערמאַנטער פאַרמעט האלט 80 צענטימעטער די לאַנג און 35 צענטימעטער די ברייט, מיט אַ חתימה־שנור וועלכע איז טיילווייז באַשעדיקט. ער געפינט זיך אין בענדינער אַרכיוו און איז אייגנהענטיק אונטערגעשריבן דורכן קעניג, ווי אויך באַשטעטיקט דורכן קעניגלעכן וויצע־נאַסאַר, אויגוסטין קאַריטאָווסקי.

די סיבה פון דער אינטענסיווער באוועגלעכקייט פון די בענדינער יידן אין די ענינים פון זייערע אלטע און נייע רעכט דאַרף מען זוכן אין די דעמאָלסטיקע געזעצן, אונטער וועלכע זיי זענען געווען אונטערגעוואָרפן. ווען מ'נעמט אין באַטראַכט, אַז פון די עלטסטע צייטן האָבן זיך די יידן געמעגט באַזעצן נור אין באַשטימטע ראַיאָנען, אַז אויפן מאַרק און אין די אַרומיקע גאַסן האָבן זיי נישט געטאָרט קומען, אז אין האַנדל זענען זיי געווען שטאַרק באַגרענעצט, אַז אין די פאָרשטעט און אין די דערפער איז זיי פאַרבאָטן געווען צו האַנדלען, דערביי האָבן זיי געמוזט צאָלן כלערליי מלוכהשע און קאָמונאַלע שטייערן אין אַ פיל גרעסערער פּראָפּאָרץ צו די איבריקע איינוווינער, קאָן שוין אונז נישט חוּנדערן די אויסערגעוויינלעכע רירעוודיקייט פון די בענדינער יידן ביים דערווערבן פאַר זיך וואָס אַ מאָל אַלץ נייע פּריווילגיעס.

אַ געוואַלטיקע ענערגיע האָבן די בענדינער יידן, צוזאַמען מיט די קראָקעווער, אויסגענוצט אויף מבטל צו מאַכן דאָס דערמאַנטע „קאַדוק־געזעץ". דאָס דאָזיקע געזעץ האָט פעסט־געשטעלט, אַז נאָכן טויט פון אַ ייד, אַלס אויסלענדער, גייט זיין גאַנץ פאַרמעגן אריבער אַלס אייגנטום פון קעניג, אַז ווען אַ ייד באַגייט אַ געוועגלעכן פאַרברעך און ער ווערט פאַרמשפּט דורכן געריכט, האָט אים דאָס „קאַדוק־געזעץ" באַרויבט פון זיין פאַרמעגן. אמת, אַז דאָס „קאַדוק־געזעץ" איז אויך אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי נישט יידן, אָבער נור דעמאָלט ווען עס זענען נישט געווען קיין יורשים אַזש ביז צו דער אכטער מדרגה פון קרובהשאַפט.


אין זייער קאַמף פאַר אַ בעסערער צוקונפט האָבן די בענדינער יידן אָפטמאָל זיך באַנוצט מיט פאַרשידענע אָריגי־נעלע איינפאַלן, כדי אויסצומיידן די ספּעציעל פאַר זיי באַשטימטע שווערע געזעצן.

ס'איז באַקאַנט, אַז אין פוילן האָט אין אַמאָליקע צייטן עקזיסטירט אַן אַפּצאָל, וועלכער האָט זיך גערופן: „קוימען־שטייער". דער דאָזיקער שטייער האָט פאַרפליכטעט יעדן ייד אין פוילן צו צאָלן 30 גראָשן פון יעדן קוימען אין הויז (נישט יידן האָבן געצאָלט 6 גר.). די נויט מאַכט אָבער דערפינדעריש, זענען די בענדינער יידן די ערשטע געפאַלן אויף דער המצאה צו פאַרייניקן עטלעכע אויוונס אין איין קוימען. די דאָזיקע „דערפינדונג" איז אָבער אַ נ ט ד ע ק ט געוואָרן, די שולדיקע זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט און זייערע הייזער זענען קאָנפיסקירט געוואָרן לויט די פאַרשריפטן פונם „קאַדוק־געזעץ".

אין דער פאַרטיידיקונג פון זייערע רעכט האָבן די היגע יי־ן זיך נישט אָפּגעהאַלטן אַרויסצוטרעטן אַפילו קעגן „ועד ארבע ארצות" ווען יענער האָט געהאַנדלט קעגן זייערע אינטערעסן. אַזוי איז אין יאָר 1666 אויסגעבראָכן אַ „רעוואָלוציע" פון בענדינער יידנטום קעגן ועד און ס'האָט געמוזט קומען צו אַן אינטערווענץ מצד דעם שלאָס־גאָרניזאָן.

דער ענין שטעלט זיך אַזוי פאַר:

נאָך די שוועדישע מלחמות האָט מען אַרויפגעלייגט אויף די פוילישע בירגער אַ שטייער אויף צו באַצאָלן דאָס פאַרלעגענע געהאַלט פאַר די סאַלדאַטן. אַ טייל פון די מי־ליטערישע אָפּטיילונגען האָט באַקומען פון מלוכה־אוצר אַסיגנאַטן, וועלכע די יידן אין לאַנד האָבן געדאַרפט דעקן. אַזוי ווי ס'האָט אָפט פּאַסירט, אַז די אָפּטיילונגען האָבן אָנגעווענדעט געוואַלט, כדי אַרויסצובאַקומען געלט פון די יידן, האָט דער „ועד ארבע ארצות" באַשלאָסן מיט אַ מאָל אויסצוקויפן אַלע אַסיגנאַטן. צו דעם צוועק האָט דער ועד געבאָרגט ביים קעניגלעכן סעקרעטאַר קאַזשימיעזש קאָוואַל־קאָווסקי די סומע פון 26,000 פוילישע גילדן. די הלואה האָט געזאָלט אויסגעצאָלט ווערן דורך אַ געלט־זאַמלונג צווישן



דער שלאָס אין יאָר 1916

די יידישע מאַסן אין פוילן, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורכן ועד. די בענדינער יידן זענען געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן זייער חלק, זיכער זייענדיק, אַז דערמיט איז דער ענין דערליידיקט. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן זיי זיך אָבער דערוווּסט, אַז דער חוב איז נישט באַצאָלט געוואָרן און, אַז די יידישע ראשים האָבן אַרויסגעגעבן אַ ציראָגראַף (אַן אייגנהענטיקע שריפט), וועלער האָט געזאָגט, אַז אויב אין באַשטימטן טערמין וועט די הלואה נישט ווערן צוריקגעצאָלט, האָט קאָוואַלקאָווסקי דאָס רעכט אין גאַנצן קעניגרייך צו רויבן, כאַפּן, אַרעסטירן און פּייניקן יעדן ייד אַזוי לאַנג ביז דער חוב וועט נישט ווערן דרייפאַכיק געדעקט. אַחוץ דעם, אויב די הלואה וועט פאָרט נישט באַצאָלט ווערן, האָט דער קעניגלעכער סעקרעטאַר געמעגט קאָנפיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון די יידן אין פוילן, שליסן זייערע שולן און בתי־תפילות, אַרויסטרייבן זיי פון זייערע הייזער און דאָרטן באַזעצן קריסטן.

ווען די בענדינער קהלה האָט זיך דערוווּסט וועגן דער שריפט, האָט זי מאָביליזירט אירע מיטגלידער, וועלכע האָבן באַלאַגערט דאָס הויז פון זייער פאָרשטייער צום ועד, כדי זיך נוקם צו זיין אין אים פאַר זיין פאַראַט. דער באַלאַגערטער דעפּוטאַט, וועלכער האָט זיך געפונען אין זיין אייגענער וווינונג אויף דער סלאַווקאָווער־גאַס (היינט קאָלאָנטאַיאַ), האָט גערופן צו הילף די שטאָטישע וואַך, נאָך איידער זי איז געקומען איז דער ראש שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן און זיין וווינונג איז דעמאָלירט געוואָרן. אזוי ווי ס'איז אַנטשטאַנען אַ מורא פאַר אומרוען און אַ זעלבסט־געריכט, האָט זיך אין דעם ענין אַריינגעמישט דער בורמיסטש, וועלכער האָט גערופן צו הילף דעם שלאָס־גאַרניזאָן אונטערצודריקן די „רעוואָלוציע". דער עפילאָג פון דעם געשעעניש איז געווען פאָלגנדיקער: דער דעפּוטאַט ישראל סאַלאָמאָנאָוויטש איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון זיין אַמט און איז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט.

אַן ענלעכע „רעוואָלוציע" האָבן די בענדינער יידן געמאַכט אַ ביסל פריער, נאָך אין יאָר 1539 צוליב רעליגיעזע ספרים. דער קעניג זיגמונט 1 האָט אַרויסגעגעבן די מיטגלידער פון אַ געוויסער פוילישער משפחה אַ פּריווילעגיע, וועלכע האָט זיי געגעבן דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו פאַרקויפן די יידן אין דער קראָקעווער וואָיעוואָדשאַפט אַלערליי ספרים ווי: סידורים, מחזורים, סליחות, הגדות אאז"וו. ס'ווייזט אָבער אויס, אַז די יידן האָבן די דאָזיקע טאָט באַטראַכט אַלס אַ פּראָפּאַנאַציע פון זייער דת, און ווען די הענדלער זענען געקומען קיין בענדין פאַרקויפן די ספרים זענען זיי באַפאַלן געוואָרן דורך די אָרטיקע יידן, וועלכע האָבן ביי זיי צוגענומען די ספרים און עפנטלעך פאַרברענט. ס'איז צוליב דעם אנטשטאַנען אַ גרויסער טומל און ס'איז ווידער געקומען צו אַן אינטערווענץ מצד דעם שלאָס־גאַרניזאָן.

3. דאָס לעבן פון בענדינער יידן פון 15־טן י"ה ביזן סוף פון 19־טן י"ה.


די ערשטע גרופּע יידן, וועלכע איז געקומען קיין בענדין האָט מען באַזעצט הינטער די מוערן און שוץ־וואַלן פון דער שטאָט, אין דער געגנט פון דער היינטיקער גאַס זאַוולעק און אין דעם אונטערשטען טייל פון דער מאָנדזשעווער־גאַס. שפּעטער האָט מען די אָנגעקומענע באַזעצט אין דער געגנט פון דער היינטיקער זאַוואַלע־גאַס און צום סוף אין די ראַיאָנען פון די היינטיקע גאַסן ריבנאַ און בערעק יאָסעלעוויטש (פריער קאַזאַנסקאַ).

אין 15־טן י"ה איז אויף דער בערעק יאָסעלעוויטש גאַס אויפגעשטעלט געוואָרן אַ הילצערנע שול. אין דער זעלבער צייט איז אונטער די שוץ־מויערן פון דער שטאָט געגרינדעט געוואָרן אַ בית־הקברות, וועלכעס עקזיסטירט טיילווייז נאָך ביז היינט אויף דער זאַוואַלע גאַס. אויף דעם בית הקברות האָט מען באַגראָבן ביז אַרום דעם יאָר 1831. מ'האָט דאָרט קובר געווען נישט בלויז די יידישע מתים פון בענדין, נאָר אויך פון דער גאַנצער אומגעגנט, ווי פון מיסלאָוויץ, בויטן, טיכוי, כאַזשווו און שיעלצע.

היות דאָס בית־הקברות איז געלעגן אויפן שטאָטישן באָדן, פון וועלכן די שטאָט פאַרוואַלטונג האָט געמוזט צאָלן מעשר דער קירכן־פּאַראַפיע, האָט די בענדינער קהלה שוין אין יאָר 1588 געמוזט אַריינטראָגן אין דער קירכע־קאַסע אַ ספּעציעלן מס, וואָס האָט זיך גערופן „קברות־שטייער", פון יעדן בר מינן באַזונדער.

אויפן גרונט פון מעשר און „קברות־שטייער" איז אָפטמאָל געקומען צו אַ מחלוקה צווישן דעם פּלעבאַן (פּאַראַפיע־גלח) און דער בענדינער קהלה.

ס'האָט פּאַסירט, אַז די בויטענער יידן האָבן אין געהיים באַגראָבן זייערע מתים אויפן בענדינער בית־עולם, כדי פּטור צו ווערן פון באַצאָלן די שטייערן. די בענדינער קהלה האָט זיך נישט געאיילט מיטן איינצאָלן די שטייערן, וועלכע זי האָט נישט געקאָנט איינמאָנען פון די בויטענער יידן. צוליב דעם האָט דער בענדינער פּלעבאַן, יאַן קאָטולעצקי,



דאָס זאַוולעק געסל (דאָס שמאָלע געסל)

פאַרקלאָגט די קהלה וועגן מיסברויכן קעגן די עקזיסטירנדיקע געזעצן. אַלס עדות האָט דער גלח געשטעלט אַ יידישע פרוי, וועלכע האָט דעם 5־טן מאי 1687 באַשטעטיקט אונטער אַ שבועה, אַז פרעמדע יידן קומען קיין בענדין און זענען קובר זייערע מתים אויפן דאָרטיקן בית־הקברות.

דער משפט האָט זיך געצויגן אין משך פון 8 יאָר און האָט דערגרייכט אַזש ביז צו דער קאַנצעלאַריע פון קראָקעווער בישאָף.

דער גלח האָט באַוויזן, אַז אַ גרויסער טייל פון די בויטענער יידן זענען פאַרייניקט מיט דער בענדינער קהלה און, אַז אין מיסלאָוויץ איז איבערהויפּט נישט פאַראַן קיין שול אין קיין בית־הקברות.

כדי אויפצוקלערן דעם ענין, האָט דער קראָקעווער בישאָף דעלעגירט אין יאָר 1692 אַלס אַרביטער דעם מיסלאָוויצער פּלעבאַן סטאַניסלאַוו זיגמונטאָוויטש, און אין יאָר 1694 דעם גרויצער גלח מיקאַלאַי יעזשיאַרקאָוויטש. דער לעצטער האָט אויסגעהערט פאַרשידענע עדות און האָט באַפוילן צו שווערן אין דער שול אייניקע מיסלאָוויצער יידן, די בויטענער יידן האָבן זיך איבערהויפּט נישט צוגעשטעלט.

נאָכן אויספאָרשן דעם גאַנצן ענין, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פּסק, לויט וועלכן די בענדינער קהלה איז מחויב צו באַצאָלן דעם שולדיקן מס און „קברות־שטייער". ס'איז אָבער נישט באַקאַנט צי מיט דעם דאָזיקן אורטייל האָט זיך שוין דער פּראָצעס געענדיקט.

אין דער שול אויף דער בערעק יאָסעלעוויטש גאַס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון בענדין און דער אומגעגנט.

אין דער שפּיץ פון דער קהלה האָט זיך געפונען אַ רב מיט 4 דיינים, וועלכע זענען, אין דער ערשטער ריי, מחויב געווען צו שטיין אויף דער וואָך פון די קהלשע אינסטיטוציעס, וואָס זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע חברות. אין 16־טן י"ה זענען ביי דער בענדינער שול געווען פאָלגנדיקע 7 חברות: חברה קדישא, תלמוד תורה, ביקור חולים, מעוז לדל (וועלכע האָט פאַרזאָרגט אָרימע מיט עסן), הכנסת כלה, מלביש ערומים און הלואת חן (אַ מין גמילת חסדים־קאַסע) אין דער שפּיץ פון יעדער חברה איז געשטאַנען אַ גבאי.

די אויסגערעכנטע חברות האָבן גוט פונקציאָנירט און זייער גרויסע צאָל דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס קיין בענדין, אַלס אַ גרענעץ־שטאָט, זענען געקומען אַ סך פּליטים, וועלכע זענען גערודפט געוואָרן אין די שכנותדיקע לענדער און האָבן דאָ געפונען אַ צייטווייליקן מקום־מקלט.

צוליב דעם גרויסן צופלוס פון אויסלענדישע יידן, האָט זיך די בענדינער קהלה אָפטמאָל געפונען אין אַ זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע און געמוזט אָנקומען צו הלוואות, כדי צו ראַטעווען אירע ברידער אין אַ נויט.


ביי דער בענדינער שול האָט צום סוף פון 16־טן י"ה עקזיסטירט אַ חוץ געוויינלעכע חדרים אויך אַ גרויסע ישיבה.

זייער פּאָפּולער איז געווען דער רב ר׳ נתן מייטעלעס, וועלכער איז דעמאָלט געווען דער ראש הישיבה. ווען אין יאָר 1587 איז בענדין באַדראָט געוואָרן דורכן מיליטער פון מאַקסימיליאַן דעם עסטרייכער, האָט דער רב צונויפגעזאַמלט צווישן די בענדינער יידן 50 דוקאַטן און זיי איבערגעגעבן דעם שלאָס־סטאַראָסטע אויף צו באַפעסטיקן די שטאָט־מויערן. ר׳ נתן איז נפטר געוואָרן אַלט זייענדיק 105 יאָר און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן אַלטן בית עולם אויף דער זאַוואַלע גאַס.

ס'דאַרף דערמאָנט ווערן, אַז אויפן זעלבן בית הקברות רוען אויך די ביינער פון די באַרימטע שלוחים: שלמה מאַרקאָוויטש און יהונתן סאַמועלעוויטש, וועלכע האָבן מיט שווערער מי און סכנת נפשות געבראַכט די פּריווילעגיע, וואָס האָט באַשטעטיקט די אַלטע געזעצן. די דאָזיקע פּריווילעגיע איז געווען אייגנהענטיק אונטערגעשריבן /דורכן קעניג יאַן סאָביעסקי 3.

ביזן יאָר 1538 האָבן די בענדינער יידן — פּונקט ווי די איבעריקע יידן אין פּוילן — זיך געקליידעט גלייך מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ערשט דער פּיעטריקאָווער סטאַטוס האָט באַפוילן די יידן — אונטער דער דראָונג פון אַ געלט־שטראָף — צו טראָגן בערעטן, מיצקעס אָדער אַנדערע היטלעך פון געלן קאָליר.

ס'איז שווער פעסטצושטעלן וויפיל יידן ס'האָבן זיך געפונען אין בענדין, ווי אויך אין גאַנץ פּוילן אין 16־טן י"ה. צוליבן הויכן קאָפּ־שטייער, וועלכער האָט באַטראָפן 3 גל. פון אַ נפש, האָבן די יידן נישט אויפגעגעבן די ריכטיקע צאָל מיטגלידער פון זייערע קהלות. אויסער דעם, האָבן דאָ אויך מיטגעווירקט פּאָליטישע און רעליגיעזע סיבות, צוליב דעם האָבן זיך די יידן אין פּוילן באַנײַט, אַז מ'זאָל פאַר זיי באַשטימען אַ ריטשאַלט (אַן איינמאָליקן אָפּצאָל). זייערע באַמיונגען האָבן געהאַט דערפאָלג, און ווירקלעך האָט דער סיים אין יאָר 1590 אָפּגעשאַפט דאָס אינדיווידועלע איינמאָנען פון קאָפּ־שטייער, באַשטימענדיק אַ ריטשאַלט פון 20.000 גל. יערלעך פאַר אַלע יידן אין קעניגרייך.



דאָס בית־הקברות אויף דער זאַוואַלע גאַס

אין דער העלפט פון 18 י״ה האָבן שוין די בענדינער ייִדן געבילדעט אַ מערהייט פון די שטאָט־איינוווינער. אין זייערע הענט האָבן זיך געפונען אַלע יאַטקעס, קרעטשמעס און שענקן. אויסער דעם, האָבן זיי געהאַלטן אין אַרענדע די ברויערייִ. פאַר דער סומע פון 1379 גל., די סטאַראָסטע־מילן פאַר 576 גל. און די שלאָס־גערטנער פאַר 54 גל. אין דערזעלבער צייט זענען זיי צוגעטרעטן אויפצובויען אַ נייע שול אויף דער שול גאַס, אויפן זעלבן אָרט ווו זי שטייט היינט. אין די קעלערן פון דער שול האָט זיך אויך געפונען די ייִדישע תפיסה.

אין איר ערשטער פאָרם איז די שול געווען אַ הילצערנע ערשט אין יאָר 1881 איז זי פונאַנדערגענומען געוואָרן און אויף דעם זעלבן אָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרן די איצטיקע שול פון שטיינער און ציגל.


אין יאָר 1921 איז די שול רעסטאַוּרירט געוואָרן און ס׳איז באַזייטיקט געוואָרן דער אריינגאַנג דורך דער באַריערע לענג־אויס דער דרום־מויער.

אין די יאָרן 26/1925 איז די שול אויסגעמאָלט און באַצירט געוואָרן דורך די קינסטלער־מאַלער: משה אַפּעלבוים, שמואל ציגלער און דעם מעטאַל־פּלאַסטיקער חיים האַנפּט.

די מאַלערייִ און פּלאַסטיק אין דער שול שטייען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך אַ גאַנצע רייִ קינסטלער און קונסט־קריטיקער, וועלכע האָבן די שול באַזוכט.

רעפּראָדוקציעס פון די אַרבעטן געפינען זיך אין בצלאַל־מוזיי אין ירושלים, אין תל־אביבער מוזיי, ווי אויך אינם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייִוואָ) אין ווילנע.

צו די חשובסטע בענדינער ייִדן ביים סוף פון 18־טן י״ה האָבן געהערט: הערשל און דוד אַראַנאָוויטש, יעקב לעווקאָוויטש, מאיר שפּיראָ, הערשל רובין, יעקב ערליך, יצחק גיטלער, שמעון לאַנדנער, לייב זענדלאָוויטש, וואָלף און דוד ברוינער.



דאָס בית־הקברות פון אינעווייניק
(אין הינטערגרונט זעט מען די רעשטלעך פון די שוץ־מויער)

פון די שאלות ותשובות אין „נודע ביהודה״ [1]) דערוויסט מען זיך, אַז אין יאָר תקל״ה (1775) איז געווען אין בענדין אַ רב מיטן נאָמען ר׳ מאיר. פון אַנדערע קוועלן ווידער, ווערט מען געוויר, אַז ר׳ מאיר האָט זיך גערופן אויפן ביינאָמען אורבאַך.

אין פנקס פון דער „חברה קדישא״ איז פאַרשריבן אַז אין יאָר תקכ״ה (1765) איז דורך דער דאָזיקער חברה אויסגעוויילט געוואָרן אַלס על גביהם (אויבער־גבאי) דער רב ר׳ משה. אין זעלבן פנקס פיגורירט אין יאָר תקמ״ג (1783), אַלס על גביהם, דער רב ר׳ טוביה און אין די יאָרן תקמ״ד — תקנ״ו, זיין זון ר׳ דוד.

נאָך ר׳ דודן איז במשך פון 30 יאָר געווען בענדינער רב ר׳ משה האַמבורגער אַ שוואָגער פונם רבין ר׳ אלימלך פון ליזענסק.

אין די פנקסים פון דער „חברה תהלים״ „חבורה חיטים״ און „חברה קדישא״ טרעפט מען אין די יאָרן תקס״ז—תקצ״ה (1807—1835) די אונטערשריפט פון אַ מורה הוראה מיטן נאָמען ר׳ מנחם נחום רוזאַניס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רב אין בענדין.

אין יענער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרן דאָס בית־הקברות אונטערן שלאָס־באַרג.

וועגן דעם לייענען מיר אינם פנקס פון דער „חברה קדישא״, אַז אין יאָר תקצ״א (1831) איז ביי די שטאָט־איינוווינער אָפּגעקויפט געוואָרן אַ פּלאַץ אויף אַ בית־הקברות פאַר 300 גילדן. אויסער דעם האָט מען געדאַרפט אָפּצאָלן 20 גל. יערלעך.

אויפן דערמאָנטן בית־הקברות געפינען זיך אייניקע מצבות מיט פּוילישע אָדלערס. לויט אַ ווערסיע, זענען די אָדלערס אויף די מצבות געמאַכט געוואָרן אויפן פאַרלאַנג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, צוליב דעם, וואָס די געש־

1) נודע ביהודה, מהדורא קמא, אבן העזר, שאלה ס״ב.



דאָס בית־הקברות אונטערן שלאָס־באַרג

טאָרבענע זאָלן זיך האָבן פאַרדינט געמאַכט לטובת די פּויליש אויפשטענדיקע אין די יאָרן 1831 און 1863.

אין זעלבן פּנקס ווערט אויך דערמאָנט, אַז אין יאָר 1831 זענען אין בענדין, במשך פון 2 וואָכן, אומגעקומען העכער 100 יידישע נפשות פון אַ מגפה, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט, ווי אויך צוליבן אויפשטאַנד אין יענעם יאָר.

נאָך ר׳ נחום רוזאַניס איז געווען, אין משך פון אַ קורצער צייט רב אין בענדין ר׳ אברהם הירש רוזאַניס. דער דאָזיקער רב איז צוליב אומבאַוווסטע סיבות גערודפט געוואָרן דורך אַ טייל בעלי־בתים און איז צום סוף פאַרטריבן געוואָרן פון דער שטאָט.

שפּעטער איז געווען בענדינער רב ר׳ בעריש הערציגער. מיר טרעפן זיין אונטערשריפט אין פּנקס פון דער חברה „הכנסת כלה״, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תר״ב (1842).

דער רב הערציגער איז נפטר געוואָרן אין כ״ה שבט תר״ו (פעברואַר 1846) און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בית־עולם אונטערן שלאָס־באַרג. אויף זיין קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אוהל.

אין יאָר תקצ״ט (1839) איז אין בענדין געבוירן געוואָרן דער באַרימטער גאון און גרינדער פון דער סאָכאַטשעווער דינאַסטיע, ר׳ אברהמעלע באָרנשטיין. ר׳איז געווען אַ זון פונם ביאַלער רב ר׳ זאב וואָלף און אַן איידעם פונם קאָצקער רבין ר׳ מענדעלע. דעם סאָכאַטשעווער רבינס מוטער, דאָבריש, איז געווען אַ טאָכטער פונם היגן תושב ר׳ מרדכי הערש ערליך.



אַ מצבה מיט אַ פּוילישן אָדלער
פון יאָר תר״ג (1843)

אין דער צייט פונם וואַרשעווער פירשטנטום (1807—1813) זענען די יידן אין פּוילן געווען באַגרענעצט אין זייער פּאָליטיש און בירגערלעך רעכט. ס׳איז געבליבן אין קראַפט אַן אַלט פּרייסיש געזעץ, וואָס האָט פאַרווערט יעדן ייד חתונה צו האָבן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער מאַכט. אַ ייד, וועלכער האָט געוואָלט חתונה האָבן, האָט געמוזט, לויטן דערמאָנטן געזעץ, באַזיצן אַ קאַפּיטאַל פון טויזנט טאָלער. ער האָט געמוזט אַלט זיין 25 יאָר און דערביי איז דער חתונה־קאַנדידאַט מחויב געווען צו באַווייזן, אַז זיין פאָטער און זיידע זענען געווען תושבים אין זיין געבורטס־שטאָט.

ווען פּוילן איז נאָכן ווינער קאָנגרעס (1815) איבערגעגאַנגען אין די צאַרישע הענט, איז אין יאָר 1823 אַרויס אַ געזעץ, לויט וועלכן קיין פרעמדע צוגערייזטע יידן האָבן זיך נישט געטאָרט באַזעצן אין בענדין אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער צענטראַלער־מאַכט צוליב דעם, וואָס די שטאָט האָט זיך געפונען אינם 21 וויאָרסטיקן גרענעץ־פּאַס. יידן האָבן זיך דערי־בער געמוזט באַזעצן אין דער געגנט אַרום בענדין, וואָס איז געווען ווייטער פון 21 וויאָרסט פון דער דייטשער און דער עסטרייכישער גרענעץ.

צוליב דעם שווערן געזעץ, האָבן אין יענער צייט אָנגעהערט צו דער בענדינער קהלה די דערפער: שיעלצע. מאָנדזשעוו, לאַגישע, גזשיכאָוו, שעווער, טשעמיעשיץ, סלאַווקאָוו א״א. בענדין האָט דעמאָלט געציילט 2440 יידן און 1780 קריסטן.

דאָס דערמאָנטע געזעץ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דורכן צאַר אַלעקסאַנדער 2.

אין יאָר 1867 איז בענדין געוואָרן אַ פּאָוויאַט־שטאָט, וועלכע איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער פּיעטריקאָווער גובערניע, ביז דעמאָלט האָט די שטאָט אָנגעהערט צום אָלקושער פּאָוויאַט און צו דער ראַדאָמער גובערניע.

די סטאַטיסטיק פון יאָר 1880 האָט אויפגעוויזן, אַז אין בענדין האָבן זיך געפונען 5424 איינוווינער, דערפון 3800 יידן.

ביים היינטיקן טאָג ציילט בענדין מיט דער אומגעגנט אַן ערך פון 50,000 איינוווינער, דערפון צירקאַ 24,000 יידן.

4. די בענדינער קהלה אין די יאָרן 1850—1914.

אין יאָר 1850 איז אַלס בענדינער רב אויסגעוויילט געוואָרן דער שעראַדזער רב ר׳ חייב דוד לאַנגפוס, פאַר וועלכן ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ יערלעכע פּענסיע פון 180 רובל אחוץ פרייע דירה און אַנדערע רבנישע הכנסות.

דער רב לאַנגפוס האָט פאַרנומען דאָס בענדינער כסא הרבנות אין משך פון 14 יאָר. ער איז נפטר געוואָרן דעם 10־טן דעצעמבער 1864 אין עלטער פון 60 יאָר און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן בית־עולם אונטערן שלאָס־באַרג.

אין דער צייט פון הרב לאַנגפוס איז אויפגעבויט געוואָרן דאָס נייע בית־המדרש (1859), וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַן ערך פון 2500 רובל.


דער פּלאַץ ווי ס'געפינט זיך דאָס בית־המדרש האָט אַנגעהערט צו וואָלף פעלדמאַן, וועלכער האָט אים געשאַנקען דער קהלה.

דאָס פריערדיקע בית־המדרש איז געווען פיל קלענער פונם היינטיקן און האָט זיך געפונען האַרט נעבן דער מזרח־וואַנט פון דער הילצערנער שול.

דער גאַנצער קהלה־בודזשעט פאַרן יאָר 1854 האָט באַטראָפן 672 רובל. אַ טייל פונם בודזשעט האָבן געדעקט די הכנסות פון דער מקוה און פון אַנדערע קוועלן, ווי צב"ש פונם הויז נומ' 120 אויף דער יידן־גאַס (שול־גאַס), וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן דורך דעם בענדינער קצב הערשל קשאַנאָווסקי לטובת דער קהלה. קשאַנאָווסקי האָט אויך געשאַנקען פאַר דער שול אַ ספר תורה מיטן באַדינג, אַז מ'זאָל האַלטן זיין יאָרצייט. מיטן איבעריקן טייל פון בודזשעט זענען באַלאַסטעט געוואָרן די בעלי־בתים פון גליל.

דער גאַנצער עטאַט פון יאָר 1855 האָט באַטראָפן 495 רובל. עס זענען דעמאָלט געווען אין בענדין 374 רעגיס־טרירטע עטאַט־צאָלער, פון וועלכע ס'האָבן נאָר געצאָלט 209 בעלי־בתים, די איבעריקע זענען דיסקוואַליפיצירט געוואָרן אַלס אָרימע.

אין יאָר 1848 זענען אין בענדין אויסגעוויילט געוואָרן



די הילצערנע שול אין יאָר 1875

פאָלגנדיקע דאָזאָרעס: אייזיק ביאַלער, אהרן נונבערג, הערשל לאַנדנער, בענדעט פּישל און עובדיה שאַנצער.

אין יאָר 1856 האָט אַ געוויסער לייב פּאָטאָק אַריינגע־טראָגן אַן אָנקלאַגע צום ראַדאָמער גובערנאַטאָר, אַז די דאָזאָרעס הערשל לאַנדנער, בענדעט פישל און עובדיה שאַנצער נעמען צו פאַר זיך פאַרשידענע קהלשע געלטער.

ס'איז געקומען צו אַן אויספאָרשונג, וועלכע האָט פעסט־געשטעלט, אַז די אָנקלאַגע פון לייב פּאָטאָק איז אַ בייז־וויליקע. פּאָטאָק איז צוליב דעם צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר בייזוויליקע רכילות און פאַלשער באַשולדיקונג.

דאָס האָט נישט געשטערט לייב פּאָטאָקן, אַז ער זאָל אין יאָר 1859 אויסגעוויילט ווערן אַלס דאָזאָר.

אַ זייער כאַראַקטעריסטישער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין בענדין אין די יאָרן 55/1854 קעגן די חברה קדישא.

די געשיכטע שטעלט זיך אַזוי פאָר:

אַ ברעסלער ייד, מיטן נאָמען יעקב רייכמאַן, האָט זיך אין אויגוסט 1853 געבאָדן אין גזשיכאָווער טייך און איז דערטרונקען געוואָרן. ווען מ'האָט געבראַכט דעם מת קיין בענדין האָט אים די „חברה קדישא" געלאָזט ליגן ביז זי האָט באַקומען פונם דערטרונקענעמס אײדעם 130 רייכס־טאַלער. דאָס געלט האָט צוגענומען הענדל ערליך און דער בן מינן איז געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל.

האָט דאָס פאַרדראָסן די שטאָט און מ'האָט די גאַנצע „חברה קדישא" פאַרמסרט פאַר דער מאַכט און ס'איז קעגן די גבאים פאַרפירט געוואָרן אַן אויספאָרשונג (1854). הענדל ערליך איז שטרענג אויפגעפאָדערט געוואָרן בייצולייגן דאָס געלט, וואָס האָט באַטראָפן 117 רובל, אין דער מלוכה־קאַסע.

דער ראַדאָמער גובערנאַטאָר האָט פאַראָרדנט דעם אָלקושער פּאָוויאַטאָווער נאַטשעלניק אַריינצושטעלן צו הענדל ערליך אַ מיליטערישע עקזעקוציע אויף זיינע קאָסטן און זי זאָל דאָרט אַזוי לאַנג פאַרבלייבן, ביז ערליך וועט צוריקגעבן דאָס קבורה־געלט.

דער בענדינער בורמיסטש, צו וועלכן דער נאַטשעלניק האָט זיך געווענדעט וועגן אייספירן דעם באַפעל, האָט זיך אָבער נישט צוגעאיילט מיט דער עקזעקוציע, וועלנדיק איבערוואַרטן דעם רעזולטאַט פון דער אויספאָרשונג, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך 2 אינסטאַנצן, דורך דער אַדמי־ניסטראַטיווער און געריכטס־מאַכט.

דעם 28־טן יאַנואַר 1855 איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן די אויבן דערמאָנטע גבאים פון דער „חברה קדישא", אינם אַזוי גערופענעם „איינפאַכן פּאָליציי געריכט" אין אָלקוש און די גבאים זענען באַפרייט געוואָרן, צוליב מאַנגל אין באַווייזן.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך אָבער נישט גערעכנט מיטן פּסק פון געריכט און האָט באַפוילן אומבאַדינגט צו צווינגען הענדל ערליך צוריקצוצאָלן דאָס קבורה געלט אין אויסדריקן

אַ שטרענגען פאַרוואורף דעם בורמיסטש פאַרן פאַרנאַכ־לעסיקן די עקזעקוציע און געמאַכט אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די קאָנסעקווענצן.

אינצווישן צייט איז הענדל ערליך געשטאָרבן און דער בורמיסטש האָט איינקוואַרטירט אַ מיליטערישע עקזעקוציע ביי זיין זון דוד ערליך.

האָט זיך דוד ערליך אין 24 אַפריל 1856 געווענדעט מיט אַ בקשה צום אַלקושער נאַטשעלניק וועגן באַפרייען אים פון דער עקזעקוציע, פאָרשטעלנדיק אַ דאָקומענט, ווו דעם דערטרונקענעמס איידעם ווענזל. באַשטעטיקט, אַז ער האָט זיך גוטוויליק פאַרגלייכט מיט הענדל ערליך וועגן די 130 רייכסטאַלער קבורה־געלט.

אויסער דעם האָט דוד ערליך צוגעשטעלט אַ רעכענונג, וואָס ער האָט געפונען נאָך זיין פאָטערס טויט, ווו ס'איז געווען אויסגערעכנט אַלע הוצאות פון דער לויה און קבורה פונם פאַרשטאָרבענעם רייכמאַן. און באַווייזנדיק מיט די דאָזיקע דאָקומענטן, אַז זיין פאָטער האָט דאָס גאַנצע געלט, וואָס ר'האָט באַקומען פון פאַרשטאָרבענעמס איידעם אויס־געגעבן לצרכי־המת האָט דער נאַטשעלניק פראָלאָנגירט די עקזעקוציע ביז ס'וועט אָנקומען אַן אויפקלערונג וועגן דעם גאַנצן ענין.

ערשט אין אויגוסט 1856 האָט דער בורמיסטש געגעבן אַן ענטפער דעם נאַטשעלניק, אַז הענדל ערליך האָט געהאַט דאָס פולע רעכט צו פאַרווענדן דאָס קבורה־געלט לויט זיין איינזען, ווייל ווענזל האָט דאָס אים שריפטלעך דערלויבט.

וואָס ס'איז ווייטער געוואָרן מיט דעם ענין אין דער אַדמיניסטראַטיווער־מאַכט, איז נישט באַקאַנט. וואַרשיינלעך איז די מיליטערישע עקזעקוציע צוריקגעצויגן געוואָרן צוליב דער קרוינונג־אַמנעסטיע פון אַלעקסאַנדער 2.

נאָך דער פטירה פון הרב לאַנגפוס האָט די בענדינער קהלה נישט בדעה געהאַט אויפצונעמען אַ נייעם רב, צוליב דעם, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין מיטלען דערויף. די קהלה האָט געבעטן ביי דער מאַכט, אַז זי זאָל דערלויבן צו פאַרטרעטן דעם פאַרשטאָרבענעם רב, דעם דיין ר' דוד שלעזינגער, וועלכער איז שוין געווען בענדינער מורה־הוראה זייט 1849.

דער ראַדאָמער גובערנאַטאָר האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז דער דיין שלעזינגער זאָל פאַרטרעטן דעם רב און ר'האָט דרינגענד אויפגעפאָדערט די בענדינער קהלה, אַז זי זאָל במשך פון אַ קורצער צייט פאָרשטעלן אַ קאַנדידאַט פאַרן בענדינער כסא הרבנות.

האָט די בענדינער קהלה, אין יאָר 1865, פאָרגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט דעם שטשעקאָטשינער רב ר' מאיר ענגלאַרד, וועלכער האָט זיך זייט אַ געוויסער צייט געפונען אין בענדין.

אינצווישן איז הרב ענגלאַרד צוריקגעפאָרן קיין שטשע־קאָטשין, כדי צו דערליידיקן זיינע פריוואַטע ענינים און ר'איז דאָרט נפטר געוואָרן.

איז ווידער דורך דער קהלה פאָרגעשטעלט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט דער פיעטריקאָווער מורה הוראה ר' איטשעלע קימעלמאַן, וועלכער האָט אין 1866 איבערגענומען דאָס בענדינער כסא הרבנות מיט 360 רובל אַ יאָר פענסיע, אחוץ פרייע וווינונג און אַנדערע הכנסות.


אין דער צייט פון ר' איטשעלען זענען אין בענדין געווען פאָלגנדיקע דאַזאָרעס: אלעזר רינסקי, מרדכי פלעס־נער, משהל הערמאַן און בעריש שטאַטלער.

דעמאָלט האָט זיך בענדין אָנגעהויבן שטאַרק צו אַנט־וויקלען, אַדאַנק דער פאַרגרעסערטער קוילן־פּראָדוקציע און אייזן־אינדוסטריע, וואָס האָט גורם געווען צו אַ גרויסער שפע פון פרנסה פאַר אַלע איינוווינער פון דער גאַנצער אומגעגנט. די באַפעלקערונג אין בענדין האָט זיך שטאַרק פאַרגרעסערט און באַטראָפן אין יאָר 1897 צירקאַ 24 טויזנט, דערפון 11 טויזנט יידן, ד"ה העכער 45% פון דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג.

הרב קימעלמאַן איז נפטר געוואָרן דעם 30־טן יוני 1893.

נאָך ר' איטשעלעס פטירה איז אַלס צייטווייליקער ממלא מקום באַשטימט געוואָרן דער מורה הוראה ר' יהושעלע טעלנער.

דעם 2־טן סעפטעמבער 1893 האָבן אַן ערך פון 300



די אויסגאַנג־טיר פון דער שול
מעטאַל־פּלאַסטיק און סקולפּטור־אַרבעט, פון חיים האַנפּט

בעלי־בתים, וואָס האָבן דעמאָלט רעפּרעזענטירט די שטאָט, אויסגעקליבן אַלס רב דעם — זייט 1887 — שעדלעצער רב ר׳ ישכר בעריש גרויבאַרט.

די קהלה האָט זיך מתחייב געווען צו צאָלן דעם רב אַ יערלעכע פּענסיע פון 1500 רובל, אויסער דעם 800 רובל אויף איבערציען זיך פון שעדלעץ קיין בענדין און נאָך 400 רובל פאַר אַ מורה הוראה אין סאָסנאָוויץ, וואָס איז דעמאָלט פאַררעכנט געוואָרן אַלס דאָרף, און האָט אַנגעהערט צום בענדינער גליל. אין דעצעמבער 1893 האָט הרב ר׳ ישכר בעריש גרויבאַרט איבערגענומען דאָס בענדינער כסא הרבנות.

אין די צייטן פון הרב גרויבאַרט זענען געווען פאָלגנדיקע דאַזאָרעס: בעריש שטאָטלער, ראובן ליוועער, יהושע לייב ווייגאַרט, אברהמעלע טראַפּויער און ישעיה ראַטנער.

הרב גרויבאַרט איז פאַררעכנט געוואָרן צו די אַנגעזע־ענסטע רבנים אין פּוילן. זיין נאָמען איז געווען באַרימט ווייט אויסער די גרענעצן פון לאַנד. באַקאַנט אין דער רבנישער וועלט אַלס גאון און בקי, ווענדן זיך צו אים מיט שאלות, רבנים פון גאַנצן לאַנד און אויך פון אויסלאַנד. אַ גרויסער טייל פון זיינע תשובות איז אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער ספר: שו״ת „דברי ישׂשכר״.

הרב גרויבאַרט האָט אויך אַרויסגעוויזן גרויס רירעוו־דיקייט און פאַרשטענדניש פאַר געזעלשאַפטלעכע פראַגן. מען באַגעגנט זיין נאָמען ביי כמעט יעדער וויכטיקער כלל־טוער פאַרזאַמלונג אָדער רבנים־אסיפה. זייער אָפט קומען די אסיפות פאָר לויט זיין איניציאַטיוו און אונטער זיין פאָרזיץ (פּיעטריקאָוו 1909, וואַרשע 1910 א״א). ביי דעם פּעטער־בורגער רבנים־צוזאַמענפאָר, וועלכן דער צאַרישער פּרעמיער און צורר היהודים סטאָליפּין האָט אין 1910 צוזאַמענגערופן פון גאַנץ רוסלאַנד, כלומרשט אויף צו רעפאָרמירן דאָס יידישע לעבן, האָט הרב גרויבאַרט — אַלס איינער פון די 5 דעלעגאַטן פון גאַנץ פּוילן — גענומען אַן אַקטיוון אנטייל. ר׳איז אויך געווען פאָרזיצער אין פאַרשידענע קאָמיסיעס. ס׳איז אינטערעסאַנט זיין וועלטלעכע אנשויונג און שטעלונג צו די דאָרט באַהאַנדלטע ענינים. אַזוי למשל האָט הרב גרויבאַרט באַזונדערס זיך איינגעשטעלט דערפאַר, אַז רבנים זאָלן מוזן באַזיצן אַ געוויסן בילדונגס־צענז, הגם פון פאַרשידענע זייטן, ובתוכם פון סאַמע גער, האָט מען געפּרו־וווט צו ווירקן אויפן רב, טעלעגראַפירנדיק צו אים קיין פּעטערבורג — אַז ער זאָל שטימען דאַקעגן. ר׳ ישכר בעריש האָט אָבער מאָטיווירט זיין שטעלונג, מיט דעם, וואָס ס׳איז אַ פחיתת־הכבוד פאַר אַ רב, דאָס ער זאָל מוזן אָנקומען צו אַן איבערזעצער בעת ער דאַרף פאַרטיידיקן דעם דת אָדער דאָס פאָלק.

הרב גרויבאַרט איז, טראָץ זיין רבנישער אויטאָריטעט, לגמרי נישט געווען קיין פאַנאַטיקער. ר׳איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער אינטעליגענץ און גלייכצייטיק מיט אַן אויסערלעך אימפּאָזאַנט אויסזען. צוליב דעם, וואָס ר׳איז אויך געווען אַ נח לבריות, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט, סיי ביי יידן און סיי ביי קריסטן, וועלכע זענען אָפט געקומען צו אים דין תורות האָלטן.

אין אונזער שטאָט איז דער רב געווען איינער פון די ערשטע מיט גרינדער פון פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס ווי: לינת החולים, לינת הצדק, מלביש ערומים, חברה עירובין א״א.

הרב גרויבאַרט איז נפטר געוואָרן אין ברעסלע דעם 12־טן דעצעמבער 1913. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין בענדין און אויף זיין קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַן אוהל.

דעם 30־טן דעצעמבער 1913 זענען אין בענדין פאָרגע־קומען רבנות־וואַלן. ס׳האָבן פיגורירט 2 קאַנדידאַטן: ר׳ יקותיאל זלמן גרויבאַרט, אַ זון פונם פאַרשטאָרבענעם בענדי־נער רב ר׳ ישכר בעריש און דער ווישעגראַדער רב באַרנ־שטיין, וועלכער איז געשטיצט געוואָרן דורך די סאָכאַטשאָ־ווער חסידים.

פון די 1062 וויילער האָבן געשטימט 707. פון די דאָזיקע שטימען האָט הרב גרויבאַרט באַקומען 478 און הרב באַרנ־שטיין 229. אַזוי אַרום איז ר׳ יקותיאל זלמן מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען אויסגעוויילט געוואָרן אַלס בענ־דינער רב.

צוליב אַ פּראָטעסט פון צד שכנגד, אַז דער ניי־אויסגע־וויילטער רב איז נאָך מינדעריעריק, האָט דער פּיעטרי־קאָווער גובערנאַטאָר מבטל געמאַכט די וואַלן און באַשטימט פרישע אויפן 20־טן יוני 1914.

ביי די צווייטע וואַלן האָבן קאַנדידירט, אויסער דעם ווישעגראַדער רב און הרב גרויבאַרט, אויך דער מאַנדזשעווער מורה־הוראה ענגלאַרד.

אין רעזולטאַט האָט ווידער הרב ר׳ יקותיאל זלמן גרוי־באַרט באַקומען אַ גרויסע מערהייט און איז באַשטעטיקט געוואָרן אַלס בענדינער רב.


הרב גרויבאַרט האָט פאַרנומען דאָס בענדינער כסא־הרבנות ביז סעפּטעמבער 1920. שפּעטער איז ער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און ביזן היינטיקן טאָג איז ער רב אין ברוקלין.




אַ פראַגמענט פון שמואל ציגלערס מאָלעריי אין דער שול



די מזרח וואַנט אין דער שול.
מאַלעריי און באַראַליעף פון משה אַפּעלבוים



דאָס בית המדרש פון אינעווייניק




דאָס בית המדרש אין יאָר 1936



הרב ר׳ ישכר בעריש גרויבאַרט ז״ל



הרב ר׳ יקותיאל זלמן גרויבאַרט



דער אוהל אויפן קבר
פון הרב ר׳ ישכר בעריש ז״ל

הערת העורך:

בזה מגיעים לידי סיום חלקי ה,,זאגלעמביער אלמאנאך״ על סוסנוביץ ובנדין כפי שנאספו בידי העורך שמעון רוטנברג הי״ד, שביחד עם עשרות הצילומים מריי יהודי הערים ההן מהווים תרומה חשובה ל,,ספר סוסנוביץ ואזור זגלמביה״.

מהאמבולטוריום של „לינת החולים" היהודי בסוסנוביץ נשאר רק שריד, הזועק לשמים. מעל לדלת־הכניסה מתנוססים שיירי השלט ביידית ובפולנית המעידים על הוונדליזם של הנאצים.



על נהרות זגלמביה הדומברובאית

לקורות ישובי היהודים באזורי
זגלמביה הדומברובאית ושלזיה-עילית

(פרקים לתולדותיהם)

מאת

מאיר שמעון גשורי (ברוקנר)

שבט תשל"ב תל־אביב ינואר 1972

בהוצאת אירגון יוצאי סוסנוביץ והסביבה בישראל

מפתח הישובים היהודיים בזגלמביה ובשלזיה - עילית

ישובי יהודים באיזור זגלמביה

מבוא

על שלוש הערים שהיוו את ה„חוט המשולש" היהודי באזור זגלמביה כבר כתבתי במונוגרפיה שקדמה בשם „לקורות העיר סוסנוביץ והסביבה", והן: בנדין, סוסנוביץ ודומברובה גורניצ'ה שהיוו רוב מנין ורוב בנין — גם הכללי וגם היהודי — באזור.

ברם סבורני, שטרם יצאתי ידי חובה לגבי יהדות האזור אשר בכפרים ובעיירות המרובים אם לא אביא אותה לסיומה על ידי תיאור הסטורי דומה. ישובי יהודים אלה ראויים לפרשה בפני עצמה ולצורך שבנפש להציג זכרון גם להם. וטוב שהמחבר היה מעורה יפה בכל האזור גם בתור יליד אחד הישובים הללו וגם תוך ביקורים שגרתיים כמעט בכל נקודה ונקודה ומתוך מגעו האישי עם היהודים בכל נקודה, עד שידע לקרוא בשם כל יהודי, האישי והמשפחתי. דבר זה טרם נעשה עד כה, ואני חושב לי למצוה להנציח גם את זכר הישובים ההם שהיו עד כה בבחינת „ארץ לא ידועה" ולהוסיף נדבך לבית־הנכות של יהודי פולין שחרב בידי הנאצים הטמאים.

אזור זגלמביה ניתן לחלק מבחינה זו לשני חלקים: א) החלק הכולל ישובים ישנים, קטנים וגדולים, שכבר תיארתים; ב) החלק החדש והבלתי ידוע, כי ישובי היהודים בו החלו במאוחר, ממחצית המאה הי"ט ואילך, בתנאים פוליטיים קשים, מלבד מכשולים אחרים שנתקלו בהם על כל צעד ושעל. גם כאן יש מקום לגולל יריעה רחבה מחיי היהודים באזור ועל רקע חייהם המסורתיים והצנועים בתוככי זגלמביה, שבגלל אופי ישובם החדש היא מקבלת משמעות חדשה.

באזור זה נמצאו בסך־הכל שנים־שלושה ישובי יהודים ישנים, ששמותיהם נזכרו פחות או יותר בתעודות, בזכרונות ובתיורי מסעות, והם: בנדין, מודזיוב וצילדז. בזגלמביה נמצאו גם כמה מקומות שהישיבה בהם ליהודים היתה אסורה בעקב חוק הכנסיה הקתולית „נא טולירנרוס יודיאוס" (לא לסבול יהודים) לפי פריבילגיה מיוחדת שניתנה לה, כמו סלבקוב, צ'ילדז, שיוויר, קוזיגלוב, שהיו שייכים לאותם המקומות המקודשים להם. ורק הודות לרוסיה שלרשותה עברה פולין הקונגרסאית לפי החלטת הקונגרס בוינה (1815) נפתחו גם שערי אזור זגלמביה לרווחה להגירת יהודים, ועוד יותר אחרי כשלון המרד הפולני ברוסים משנת 1863, והם החלו לנהור אליה מקרוב ומרחוק ובזמן קצר בערך נוצרו בה ישובים יהודים בכפרים ובעיירות, במושבים ובחוות, עם הוי מסורתי שרשי האופיני ליהדות פולין שנעקרה משורשה ונחרבה בידי מרצחי עמים — הנאצים של גרמניה.

בדומה לתולדות זגלמביה עצמה מעולפת ראשית היהודים בה דמדומי אגדות וסיפורי מעשיות. ברם דבר אחד בטוח, שחל שינוי מסוים ביחס השלטונות ליהודים וישוביהם מאז ששטח זגלמביה נכלל בשטח הכיבוש הרוסי. בתקופת ממלכת פולין היה קיים מעין „תחום מושב" ליהודים, ומספר לא קטן של ערים ועיירות היו נעולים להגירה יהודית. הרוסים ביטלו את האיסור הזה והיהודים החלו לנהור לישובים שהיו להם חדשים באזור זגלמביה נכנס לתוקפו חוק משנת 1823 שלפיו נאסרה על היהודים מחוץ לאזור לשבת בבנדין או בסביבה בלי רשיון מטעם השלטון המרכזי, בנימוק שהעיר נמצאת בקו הגבול של 21 ויורסט עם פרוסיה ואוסטריה. חוק זה נשאר בתקפו עד 1862, כאשר ביטל הקיסר אלכסנדר השני את כל הגזירות וההגבלות על ישיבת היהודים בערי פולין הקונגרסאית, פרט להגבלה לשבת באזור הסמוך לגבול, ולא קל היה לסתם־יהודי לקבל רשיון לישיבה באזור זגלמביה מהשלטונות המרכזיים בוורשה. אך הרצון הכביר של היהודים למצוא „מקלט" ומקום פרנסה התגבר גם על גזירות השלטון. אכן ישובי היהודים הוותיקים אשר בבנדין ובמודזיוב הקלו על ישיבת יהודים בכפרים הסמוכים.

אכן אזור זגלמביה היה גדול ורחב, עם כפרים וחוות לעשרות, ללא יהודים, והאכרים התפרנסו בדוחק מקרקעותיהם שלא הצטיינו בפוריות. וצדקה עשה המגלה נסתרות בגלותו אוצרות יהלומי הפחם בנבכי עמקי האדמה, ונפתח מקור פרנסה קל יותר לבני האכרים שנכנסו לעבוד ככורים במכרות ולהרוויח יחסית יותר מההכנסות שהכניסה החקלאות. אדוני המכרות דאגו מלכתחילה לטובת עצמם בלי לדאוג לפועלים ולהעלאת מצבם בדיור, בכלכלה זולה ובמוסדות רצויים אחרים. והפועלים עצמם טרם השיגה ידם לדאוג לעצמם ולהכין להם אספקה בתנאים מתאימים. וכאן נפתח כר מצוין ליהודים למלא תפקיד מתווכים בין המעבידים והעובדים, בהציעם לכורים צרכי מזון ואספקה בתנאים טובים ובהקפה עד תשלום שכרם, וכן חסרו לכפרים אומנים שונים בהלבשה והנעלה וכיוצא בזה. ואף בשטח זה יכלו אומני היהודים להביא להם תועלת. הרוחות החדשים נגד השלטון הריאקציוני הרוסי טרם נולדו, ורק במאוחר קמה

התנועה הסוציאליסטית שהצטיינה בתעמולתה הרחבה שהפ.פ.ס. היתה בה הגדולה ביותר. הרוכלים היהודים שהסכינו לסחור בכל עיר ועיירה בפולין ובאו לחפש להם פרנסה בשטחים הקרובים לאזור זגלמביה, הגיעו גם לכאן מפלכי קיילצי ופיוטרקוב ושימשו מתווכים הקונים את תוצרתם החקלאית ומוכרים להם מוצרים עירוניים.

מאידך קיימת סברה, שהיהודים הראשונים באו לכפרי זגלמביה ממקומות מגוריהם בערי האזור לא כמתישבים אלא כקונים תוצרתם החקלאית, ולעת ערב היו חוזרים למגוריהם בערים הסמוכות. אך קרו מקרים לא מעטים שאכרים הציעו לאורחיהם היהודים ללון אצלם לינת לילה, וכה התקשרו בקשרי ידידות והאכרים נאותו להשכיר להם דירות למגורים ולפתיחת חנויות, כלומר, שהיהודים הללו נכנסו לגור לכפרים ב„דלת האחורית", ללא רשיון מטעם השלטונות, ואף פקידי השלטון עשו עצמם כלא־יודעים, ורק אחרי שהישוב היהודי קם והתבסס נתעוררו בעיות אם היהודים יושבים על קרקע „איכרית" (וולושצ'נסקי) או אדמה אזרחית. קהילת בנדין ומודזיוב עשו לקליטת יהודים בכפרים ככל האפשר, כי בעקב זה נתרחבה השפעתן ואף נהנו מההכנסה של „צרכי דת" מהנקודות החדשות. מקודם היו היהודים יושבים בדירות שכורות מידי האכרים שנהנו מהכנסה חדשה. ורק אחרי ביסוס כלכלי החלו היהודים לדאוג גם להקמת בתים משלהם, ובהם בעלי כמה קומות, שהיו מיושבים גם נוצרים.

מצות הכנסת־אורחים היתה מקובלת מאד אצל כל ישובי היהודים הצעירים בזגלמביה. היתה קיימת אצלם נכונות מסורתית לעזור איש לרעהו ככל האפשר מבחינה כלכלית, מוסרית, ציבורית, וגם אישית. ועם הופעת הקופסה הכחולה של הקק"ל לגאולת ארץ־ישראל ניתן לה מקום כבוד בכל בית יהודי. אף מוסדות ללימוד תורה ומפעלים פילנטרופיים מצאו אצלם סעד רב. וכל מי שנזדמן לאחד הישובים הללו היה מרגיש עצמו כבביתו.

למותר לציין, שיהודי הכפרים והעיירות בזגלמביה היו נאמנים למסורת ולאופי הדתי והתרבותי במלוא מובן המלה. לא מעטים היו ביניהם תלמידי־חכמים, עילויים בשנות נעוריהם, משכילים חדורי רוח החסידות, בעלי ספריות עשירות בספרי תורה ויהדות, חסידות והשכלה, ואף עתונים כמו „הצפירה" עם ספרי־השנה „האסיף" של נחום סוקולוב היו זמנים שקראו לה „זגלמביה הגדולה" עם מרחב לעברי והצטיינו במדות תרומיות כחדורים רוח אהבת הבריות, וקיימת היתה ההרגשה כאילו היו כולם בני משפחה אחת.

השטח של אזור זגלמביה לא היה שוה בכל הזמנים. היו זמנים שקראו לה „זגלמביה הגדולה" עם מרחב לעברי זבירצה ואולקוש. לעומת זה היתה גם „זגלמביה המקוצצת" אחרי שהוצאו ממנה שטחים מסוימים וצורפו לאזורים אחרים. גם בזגלמביה המקוצצת יש מקום לתאר ישובי יהודים בכפרים וחוות מפוזרים באזור. ואולי ימצא מי שיבוא וישלים את מה שהחסרתי כאן.

והלב מתפלץ מכאב באבדן כל היהדות הזו, ובזכרון עולה הפסוק מתפילת „שלוש עשרה מדות": „העיר הקודש והמחוזות היו לחרפה ולבזות —

וכל מחמדיה שבויות וגנוזות" — — —

מודז'יוב MODRZEJÓW

א. ואלה קורות מודזיוב וסביבתה הקרובה.

מודז'יוב ומספר כפרים שבסביבתה נחשבים בין המקומות הבכירים אשר באזור זאגלמביה הפולנית. ואילו הישוב היהודי נתהוה שם בחלקו עוד לפני מאות שנים. לפני חלוקת פולין בין הארצות השכנות, וגם אחרי שעבדה לכתר רוסיה הצארית עד לתקופת מרד הפולנים (1832) היו כל השטחים בסביבה שטח אחיד. ללא גבולות ומעצורי תחומים מדיניים. מודזיוב וניבקה הסמוכה לה נחשבו לפרוודורי מיסלוביץ שמעבר לנהר הפשמשה השחורה, כמוהן כהכפרים סלופנה, יינדזור, רוזדין ובז'נסקוביץ. סביבת מודזיוב הצטיינה בנוף יפה, וביחוד בקרבת הנהרות פשמשה השחורה והלבנה המתמזגים ליד ניבקה לנהר יותר רחב, ובימי דפגרי היו המוני תיירים וחובבי טבע נוהרים לחזות בפלאי הנוף.

מודז'יוב נחשבה כ ב ת למיסלוביץ ה א ם, כי בה נולדה הבת וגדלה בהדרגה. ורק בעקב מאורעות מדיניים חל פילוג ביניהן ונהר הפשמשה הוכרז כקו־גבול. כדאי משום כך לעמוד תחילה על קורותיה של ה„אם", על גילה ונסיבותיה ועל שושלת היוחסין שלה, שבאו ללמד גם על מודזיוב.

קורותיה של מיסלוביץ.

מיסלוביץ, ששכנה על הנהר פשמשה השחורה ליד שפך נהר הבריניצה, הוא מושב עתיק, ולפי מסמכים שנמצאו בארכיון הרוזן מירושבסקי בקראקוב — קיבלה מיסלוביץ, שהיתה כפר לשעבר, כתב־קיום של עיר כבר בשנת 1360 מידי ניקוליי הדוכס של אופלן וראטיבור, לפי בקשת אדוני הכפר והאחוזה מיסלוביץ בשם אוטון מפיליצה, שמילא תפקיד חשוב בהנהלת השלטון של מדינת פולין.

לפי הידיעות הקדומות ביותר וההשקפה הכללית של סופרי דברי־הימים ישבו הסלאבים במיסלוביץ והסביבה שאחרי נדידת העמים במאה הרביעית והחמישית כבשו את הסביבה והתישבו בה. אלה באו בעיקר מגזע הכרובאטים

הלבנים, שמושבם הראשי היה אז בקראקוב ומשם התפשטו גם על פני הסביבה של מיסלוביץ. אם מיסלוביץ היתה קיימת עוד מקודם, או שנוסדה בידי האוכלוסיה הסלאבית החדשה — על שאלות אלה אין בידי ההיסטוריה לענות. מן ההכרח לפנות איפוא ישר לידיעות הנוגעות למקום אחרי שכבר התקיים.

הידיעות הקדומות ביותר נמצאות בתעודה משנת 1105, שבה מאשר הבישוף־חשמן אגידיוס מטוסקולום, ציר אונגרן ופולין בשנים 1370־1382,ומסר את השלטון בפולין לידי של מינזר הבנדיקטים טינייץ בגליציה — שהיה המנזר העתיק ביותר של פולין, בהסכמת ההרצוג בולסלב ובניו ולאדיסלב והבישוף ראדוסט מקראקוב. המסמך האמור נמצא מודפס בספרו של שצ׳יגילסקי (קראקוב, 1668, עמוד 138). השם מיסלוביצה שנזכר בו מתכוון למיסלוביץ, כפי שיוצא ממסמך מ־26 למאי 1229 שנשלח לפירוסיום, שבו מאשר מחדש האפיפיור גריגור התשיעי את זכויות המנזר טינייץ, שבינתיים גדלו אחוזותיו כפליים, מיסלוביץ עדיין היתה אז כפר.

אחר כך אנו מוצאים ידיעות על מיסלוביץ במקום אחד ב„רשימות התעודות בארמון קראקוב״ (עמוד 196) שבו נאמר (בלאטינית) כדלהלן: „אליזבט הבכירה, מלכת אונגרן ופולין (שהיתה אם המלך לודביק של אונגרן ופולין בשנים 1370־1382, ומסר את השלטון בפולין לידי אמו, בהעדיפו ללכת לאונגרן מיד אחרי שהוכתר), מאשרת את מכתבו של סנטיפוגיוס שר־האלף של הארמון בקראקוב, בענין אוטון פון פיליצה עם פטר שאפראניץ שהחליפו ביניהם את האחוזות שיילצה וקלימונטוב בחלק רביעי של הפטרונות הכנסיתית אשר בעיירה מ. תמורת מחצית הפרסה של חלקת שדה בכפר פילגז׳ימוביצה ובמחיר 700 מרק. מלבד זה העניקה אותה מלכה למקום שהוזכר את הזכויות הגרמניות במקום הזכויות הפולניות. בקראקוב, ביום של וונצל הקדוש, 28 לספטמבר 1379״.

המקום מ. שהוזכר ברשימות אינו אלא מיסלוביץ, כפי שמראים לא רק שמות המקומות שיילצה וקלימונטוב השוכנים בקרבת מיסלוביץ, אלא גם העובדה ששני המקומות הללו עוד היו נספחים לכנסיה המיסלוביצאית עד שנת 1819. מיסלוביץ הופיעה איפוא כבר אז בתור עיר, ובלי ספק הוענקו לה הזכויות הגרמניות. מתי ובאיזה נסיבות קרה הדבר לא ידוע.

במשך המאה ה־16 מצויות פחות ידיעות על מיסלוביץ, ואף הן אינן בעלות חשיבות. ורק בסוף המאה ההיא רשומה עליה אחת הידיעות החשובות ביותר. אחרי מותו של סטיפן באטורי מלך פולין ב־13 לדצמבר 1586 נתפנה כסא המלכות; וכפי שהיה אז נהוג בפולין התהוו שתי סיעות, זו של זבורובסקי המליכה את יורש־העצר מכסימיליאן האוסטרי, ושל זאמויסקי שהמליכה את הנסיך השוודי סיגיסמונד למלך פולין. בין שתי הסיעות היריבות פרץ קרב, שהתנהל ברובו על גבולות שלזיה, ואחרי שהקרב הוכרע ליד השלום נחתם ב־9 למרץ 1589 בביטום (ראה גראמר, כרוניק פיטשן הוכתר סיגיסמונד ב־14 לינואר 1587 בקראקוב. דער שטאדט בויטז אין אויברשלעזיען, בויטן 1863 עמוד 95). בקרב זה פרץ האויב לתוך מיסלוביץ והעלה אותה באש וכל המסמכים העירוניים נשרפו בדליקה. בספרי־השנה שלו של העיר ברסלוי (כרך 4, עמוד 134) רול אומר על כך: „ב־11 לאוקטובר (1587) פרצו תתרים וקוזקים לנחלת ביליץ, חמסו את הפרשים הגרמנים ליד ברשטיין, העלו באש בחבל פלס את העיירה מיסלוביץ ושני כפרים״. איזה כפרים היו אלה שנזכרו בתור שנשרפו יחד עם העיר לא ידוע.

גראמר כותב בין השאר: „מכסימיליאן אסף חיילותיו ושם מצור על קראקוב. אך אירע, שמיד אחרי עזיבתו של הארכי־דוכס את אולקוש, פלשו קוזקים ותתרים לארץ ואיגפו את הצבא, במטרה לנתק ממנו את אספקת הציוד. ב־16 לאוקטובר 1587 נפל לידי הפולשים משלוח שהגיע משלזיה ובו אמצעי מחיה, ציוד מלחמתי, כלי כסף וסכום כסף גדול, ואז גם קיפח הגראף שליק את חייו. חלף זמן רב, עד שהחיילים יכלו לפלס להם דרך לביטום, ותחת החומה של עירנו יכלו למצוא מחסה מפני הקוזקים והתתרים. הללו הביאו את שללם לראבשטיין (ליד אולקוש, כיום חורבה) במקום מבטחים. אחר זה חמסו בפיקוד שר־הפרשים שלהם הולובק את העיר ביליץ ושרפו בתים וטחנות רבים. גם הכפר יעקובוביץ, ששכן בין שימיאנוביץ וצ׳ילאדז, נשרף אז והושם״.

אין ספק שהיו אלה אותם הקוזקים והתתרים שזמן קצר לפני זה שרפו את מיסלוביץ. לאושרם מצאו אז הנשרפים את עצמם תחת שלטונה של קטרינה סלומון הנדיבה, והודות לה יכלו להתעודד ולהחליף כות אחרי האסון הקשה שעבר עליהם.

כפי שמודיע העתון „מיסלוביצר שטאדטבלאט״ 1862 (גלאץ 27) עברה בפברואר 1670 אלמנת הקיסר הגרמני איליאונורה (בת הדוכס קרל השני ממנטובה) עם שתי בנותיה הארכי־דוכסית איליאונורה ומריה־אננה, יחד עם בני־לויתה דרך טרנוביץ, ביטום ומיסלוביץ לפולין. הארכי־דוכסית איליאונורה (בת הקיסר פרדיננד השלישי) שנולדה ב־1653, התארסה ב־1670 עם המלך מיכאל של פולין.

בשנת 1683 זכתה מיסלוביץ למאורע היסטורי רב־ערך כאשר עבר בה המלך סוביסקי במסעו הצבאי לוינה. ב־12 לינואר 1684 נמצאת הערה בספר־הפרטיכלים (בפולנית): „האשה ישראל קיבלה (כנראה מידי העיר) על חשבון החוב שנשארו חייבים לה בעד משקאות, בירה, יי״ש, שהגישו לחיילים הפולנים. בשיעור אחד ניתנו 12 זהוב וחוב 5 גרושים״. הלאה אנו קוראים: „בשנת 1683 במשך העברת גייסות פולין״. אין כל ספק, שהכוונה היא לחיילי פולין והמוני הפולנים שעברו בלוית המלך סוביסקי. ואף העתון „מיסלוביצר שטאדטבלאט״ מאשר זאת, שבו נאמר בין השאר: „ב־20 ו־21 לאוגוסט 1683 עבר דרך מיסלוביץ,

ביטום, פייקאר הגרמנית וטרנוביץ המלך יוהאן סוביסקי לעזרת וינה הנצורה (12 לספטמבר 1683) בידי התורכים". כל מחנה הצבא עבר בראטיבור דרך הגשר המקומי את נהר האודר.

עוד בשנת 1694 נזכר שמו של יאן כריסטוף מירושבסקי בין אדוני־האחוזה החלקיים של מיסלוביץ, שקמעא־קמעא רכש לו את החלק הגדול ביותר של שטח מיסלוביץ. הוא מת בשנת 1755. היה זה איש בעל מרץ יוצא מהכלל, ותחת שלטונו הגיעה העיירה מיסלוביץ לעצמאותה ואפשר למצוא ברשימות הפנקסים תלונות מרובות שלא ימנו מרוב.

ביולי 1697 (מיסלוביצער שטאדטבלאט) עבר הארכי־נסיך של סכסוניה אוגוסט פרידריך השני (בכינויו „האביר"), הבן השני של הארכי־נסיך יוהן גיאורג השלישי של זכסן, שעם פולין בחר בו למלכו אחרי מותו של יאן זאמויסקי (בפולין נקרא בשם אוגוסט השני), דרך טרנוביץ, פייקאר, ביטום ומיסלוביץ לקראקוב.

תקופת מלחמת שבע השנים היתה למיסלוביץ תקופת אסון מבחינות שונות. עוד בשנת 1762 נאלצה העיר לשלם מס לאויב, שבשנים הראשונות שלט בה ללא מצרים.

בשנים 1793—1794 התקיימו בה העברות צבא מרובות, על כל פנים בעקב המלחמה, שכתוצאה ממנה באה חלוקת פולין שלפני האחרונה והאחרונה בשנים 1759 ו־1793.

המלחמה בראשית המאה ה־19 עם צרפת וקרבות יינה ואויירשטאדט (14 לאוקטובר 1806) ושל פרידלנד (24 ליוני 1807), היא המלחמה שנסתיימה בתוצאות שליליות בשביל פרוסיה, הביאה גם למיסלוביץ תוצאות רעות. קנסות רבים הוטלו על העיר בידי הצרפתים שעמדו כאן במשך שנה שלימה, והעיר נאלצה לקחת מלוה של 200 טאלר בצ'ילאדז, כדי לפרוע את הקנס.

אחד האירועים הקשים ביותר שאירע כאן באביב 1807, היה השוד, וימים אחדים אחריו — השריפה שפקדה את העיר. השוד התקיים כנראה לפני ה־21. קהילת היהודים המקומית ציינה את יום השנה לאסון האיום הזה ביום־צום באדר האחרון. אך השוד נתהולל באחד לניסן (ב־9 לאפריל 1807), שיש לראות כיום הנכון של השוד. היה זה ביום חמישי בשבוע. גראמר (עמוד 201) מספר כדלהלן:

די וואַקסעקס און מאַציעקס מיט זייערע משפחות, וואָס האָבן שוין יאָ געוווינט בקביעות אין שטעטל, זיינען ממש בטל בששים געוואָרן, אויף זיי האָט דאָס יידישע לעבן מיט זיין שטייגער, זיין שבת און יומטוב, ארויפגעלייגט אַ בולטן חותם, ממש נישט צו פארגעסן. ווי אַ מיעוט האָבן זיי זיך צונויפגעלעבט מיטן יידישן כלל, ליב געהאַט יידישע מאכלים און אפילו גערעדט אַ געשמאַקן יידיש. זייער יידיש איז אָפט געווען אָן אַ פארגלייך בעסער ווי דעם היימישן יידס גויש. אָט די גויים אין גלות ביי יידן האָבן גוט געוווסט ווען עס פאַלט אויס אַ יידישער יומטוב, געקענט יידישע מנהגים און דינים, און אַ פשיטא שוין געווען שבת־גוים אין יידישע הייזער און דערפאר באקומען אַ כוסע מיט אַ שטיק ווייסער חלה. אַזוי האָבן יידן און גוים געלעבט ביי אַנאַנד פון דורות יעדער פאַר זיך, איינער האָט דעם אנדערן זעלטן פאַרטשעפעט. דער ייד האָט אָפגעהיטן זיין יידישקייט, איז געפאָרן צום רבין און געהאַט בטחון, און דאָס שטעטלדיקע גאיעס האָט געלעבט מיט זיין אמונה, מיט זיין זונטאג און חגאות, מיט זיין עולם־הזה און שיכרות, ממש ווי לויט אַ שטילן הסכם פון אַ דורות אלטער טראַדיציע. אַז מען איז אַרויסגעקומען פונעם שטעטל אויף די ארומיקע וועגן און שאסייען, האָבן זיך פון דערווייטנס געוויקלט קנוילן פון רויך פון די הויכע, שטאַרצנדיקע קוימענעס פון די הוטעס און קאָפאלניעס, ווי מען האָט געגראָבן קוילן, דער שוואַרצער איידלשטיין פון געגנט. אין די ארומיקע יישובים האָבן שוין געוווינט ווייניקער יידן דער רוב איז דאָ שוין געווען אַ גוישער, אַ מגושמדיקער, ארבעטארערס אין די פאבריקן, שאכטיארן און סתם אַ המון־עם. אויב אינעם יידישן שטעטל איז נישט בנמצא געווען קיין אנצייכעניש פון אַ וועלכער עס איז גוישקייט, איז שוין אויפן וועג קיין ניוועקע יאָ געשטאַנען אַ מאסיווער קלויסטער וואָס האָט מיט זיינע רויטע טורעמס און ריזיקע צלמים אָנגעוואָרפן אַ שטילן פחד אויף אַ ייד. דאָרט איז זיך דאָס גאיעס פון אלע שכנותדיקע מקומות צונויפגעקומען אין אַ זונטאג אָדער אַ חגא מתפלל צו זיין, און נישט זעלטן האָט דאָס גלחות אָנגערייצט דעם פינצטערן המון קעגן יידן, ווי די קרייציקער פון קריסטוסן. אָבער אין מאנדזשעוו גופא איז דערפון קיין זכר נישט געווען. קיין גארנדיקער קלויסטער איז נישט געשטאַנען דערפאר אָבער להבדיל אן אלטע, הילצערנע שול, אינעם געסל וואָס האָט געפירט צום בית־החיים. פון די נידעריקע באַלקענעס האָבן אין שול אראָפגעהענגט מעשענע הענגל־לייכטערס, און פון דער מזרח־וואַנט, לעבן דעם שיין־געשניצטן ארון־קודש, האָבן אראָפגעקוקט שוין פאַרבלאסטע געמעלעכצן, וואָס אַ פאַרצייטישער בעל־מלאכה האָט געהאַט קונציק אויסגעמאָלן. פון מאַרק האָט געפירט אַ ליקל אינעם בית־המדרש אריין, ווו יידן האָבן געדאַוונט בציבור און בחורים האָבן געשמאַק געלערנט תורה. לעבן דעם בית־המדרש איז געשטאַנען די מקווה, וואָס דער בעדער האָט אויסגעהייצט יעדן פרייטאָג און ערב־יומטוב אין דער פרי פאַר די מענער און אין מיטן וואָך פאַר די נשים. פאַראַן אויך געווען עטלעכע שטיבלעך, ווי עס פלעגן דאַווענען אַ פאָר מנינים, שבתים און יומטובים. ליגנדיק אויפן דרום־מערב שפיץ פון דער רוסישער אימפעריע, איז דאָס שטעטל געווען אַרומגערינגלט פון די צוויי שכנותדיקע מדינות, דייטשלאנדס אויבערשלעזיע און קירהס גאליציע, טערריטאריעס וואָס זיינען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוריק אריבער צו דער ניי־אויפגעקומענער פוילישער מלוכה. איז טאַקע ביי אונדז ארומגעווען עטלעכע שטיבלעך, ווו עס פלעגן דאַווענען אַ פאָר הערט מען אים אין דריי מדינות: אין רוסלאַנד, אין דייטשלאנד און עסטרייך.

שטיל און צניעותדיק, מיט זיין גאנצער פאַרוואָרפנקייט און אָפגעלאָזטקייט, האָט זיך דאָס לעבן אינעם שטעטל באַוועגט אין יענע יאָרן, אָן אַ וועלכן סאָציאַלן אויפברויז און פאַליטישן טרייסל. עס האָט קוים געבלאָזן אַ פריש ווינטל פון דרויסן. מען האָט געלעבט מיטן איינגעשטעלטן שטייגער פון דורות. קיין גרויסע גבירים האָט מאַנדזשעוו נישט פאַרמאָגט, אָבער קיין גרויס ארעמקייט איז אויך נישט געווען. דער דלות איז געווען צו דערטראָגן. יעדער ייד מיט זיין ביטל אייגנס און בעל־בתישקייט. כמעט יעדער איינער האָט געהאַט זיין אייגן הייזל, אַ מאָל אַ נחלה, אַ שטיקל פעלד. געווען אויך עטלעכע משפחות וואָס האָבן פאַרמאָגט עטלעכע קי, וואָס האָבן פאַרזאָרגט דאָס שטעטל מיט מילך, און אַ פאָר קאָזעס האָבן זיך סתם אַרומגעדרייט איבערן מאַרק און געסלעך ווי אויף הפקר און דווקא ליב געהאַט צו פאַר־

בייסן מיט אַ מזוזה וואָס האָט פרום אַראָפּגעהענגט פון אַ יידישער טיר. געווען אויך עטלעכע פאַרמעגלעכע משפחות, סוחרים און הענדלערס, וואָס האָבן געהאַט עסקים מיט דייטשלאַנד אָדער מיטן גוישן אַרום, געווען אויך אין שטעטל אַ מיל אויף פאַרע וואָס האָט געהערט צו דיביידע שוועגער־לייט מענדעל קליינער און יאנקל שאַרף. מיין טאַטע יוסף לוי, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געווען ראש־הקהל אין סאָסנאָווצע, האָט ממשיך געווען די משפּחה־טראַדיציע פון זיידן ר׳ שמואל מייטליס און זיינע זין, געווען אַ קוילן־סוחר. ער האָט געפירט געשעפטן מיט דייטשלאַנד און די ארומיקע קאפּאלניעס, און אין יענע יאָרן געהאַט אַ קוילן־גרוב אויפן נאָמען פון אַ גוי. מיין פאַרפרומטער פעטער איטשע בער פישעל איז געווען אַ חלפן. אַ ייד אַ נגיד, ארומגעפאָרן אויף מערק און געהאַט געשעפטן מיט דייטשן. אין שטעטל האָבן אויך געלעבט יידישע האַראַפּאַשניקעס, פויערים, בעל־עגלות און בעל־מלאכות, גע־זונטע נאַטורן מיט הייסע געבליטן. ווי אַ יידיש שטעטל איז אויך דער סאָלטיס געווען אַ ייד. אין יענע יאָרן איז דאָס געווען יחיאל נייער, אַ שיינער בעל־נחלה מיט עופות און קי. פון צווישן די בעל־מלאכות דערמאָנט זיך מיר דער שוסטער, דער בלינדער לייבוש, אַ לאַטוטניק, אַ ייד אַן אָרעמאַן, בטבע אַ שטילער, אַ שווייגער און אַ גרויסער בעל־דרך־ארץ, וואָס האָט מקבל געווען באהבה זיין שווער לעבן און נישט געהאַט קיין תערומות צו קיינעם. א זעלטענער ייד איז אויך געווען ר׳ ישעיה דער שניידער, וואָס האָט גענייט יומטוב־און חתונה־מלבושים פאַר די שטעטלדיקע נגידים, ליב געהאַט צו דערציילן האַרציקע מעשיות פון אַמאָליקע גוטע יידן, אַ בעל־מידות, וואָס האָט געלעבט פון זיין שווערער פּראַצע און חס געווען אויפן ביסל יתר פון וואָס ער האָט נישט געוואָלט חלילה האָבן קיין הנאה. געווען נאָך אויך אַנדערע יגיע־כפּיימניקעס, געזונטע, רויע און שטאַרקע נאַטורן, אַ שטייגער אָרן־יאָסל, אַ זקן, אַ ייד, אַן אויסגעדינטער ניקאלאיעווסקער סאָלדאַט מיט זיינע בנים, וואָס האָבן אַמאָל ליב געהאַט אַ כוסע און בשעת הצורך געקענט דערלאַנגען אַ קלאַפּ, ווו מען האָט באַדאַרפט.

ווי אין אַנדערע שטעטלעך האָט אויך מאָנדזשעוו פאַרמאָגט אַ פּאָר שיינע מנגנים און האַרציקע בעל־תפילות. האָט זיך אַ שטייגער ר׳ גימפּל ווייגבערג אָדער ר׳ יעקב קראָקויער, דער גערער חסיד, אַוועקגעשטעלט מיט זייערע זינדלעך צו אַ נעילה אָדער אַן אַנדערן יומטוב דאַווענען פאַרן עמוד, האָט זיך זייער נגינה מתיקותדיק צעקלונגען ווי זילבערנע גלעקלעך איבער דער שול און געכישופט מיט טויזנט חנען די הערצער פון דעם עולם־מתפּללים. דאָס שטעטלדיקע כלי־קודש איז באַשטאַנען קודם־כל פונעם אלטן רב, ר׳ יצחק טוביה פרידע, אַ גרויסער למדן, אַ דבקותדיקער גערער חסיד, וואָס איז נאָך אין זיין יוגנט געפאָרן פונעם שטעטל זאלאשין צום חדושי־הרי״ם, און געווען וועלט־פרעמד און אויסגעטאָן פון עולם־הזהדיקייט. געווען אויך אַ שוחט, אַ גרויסער ירא־שמים, דערצו אַ פּאָר מלמדים און הערשל שמש, וואָס האָט געקלאַפּט „אין שול אַריין" און געוועקט דעם עולם צו סליחות און עבודת־הבורא. שפּעטער, צוליב דער שוואַכקייט פון רב, האָט דאָס שטעטל אויפגענומען אַ מורה־הוראה, ר׳ ישעיה ענגלאַרד, אַן איידעם פון קרימעלעווער רבין (פון דער ראַדאָמסקער גזע), וואָס איז אין די נאָך־מלחמה־יאָרן געווען רב אין סאָסנאָווצע און איז אין די גזירות היטלער ימ״ש אומגעקומען אויף קידוש־השם צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פון דער קהילה. געווען אָבער אויך ציַיטן, ווען דאָס בעצם רויקע, פאַרלוירענע שטעטל האָט געקאָכט מיט אַ מחלוקה צוליב אַ שוחט. פּאַסירט האָט דאָס בשעת ר׳ אברהם יוסף דער שוחט האָט צוליב זיין עלטער אַוועקגעלייגט די שחיטה. איז מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן אַ שווערער סיכסוך, ווען מען זאָל אויפנעמען ווי אַ שוחט. עס האָבן זיך געשאַפן צדדים, וואָס יעדער איינער צד האָט אַראָפּגעבראַכט אַ שוחט, אַזוי אַז באַלד האָט דאָס קליינע שטעטל געהאַט דריי שוחטים־קאַנדידאַטן, און פּרנסה איז געווען קוים פאַר איינעם. אַ לאַנגע צייט איז דאָס שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם, נישט אַ הין און נישט אַהער. די מחלוקה האָט געברענט ממש ווי אַ פייער. תקיפים און שטאַרקע בעלי־דעות זיינען געווען פאַרעקשנט און נאָר געוואָלט אויספירן זייערס. עס האָט ערשט געמוזט קומען צו אַ בוררות פון רבנים, וואָס בראש איז געשטאַנען דער בענדינער רב, הרב ישכר גרויבארט און נאָך אַ לאַנגען משא ומתן איז מען געקומען צו אַ הסכם. עס האָט גענומען אַ שטיקעל צייט ביז די אויפגעקאָכטע געמיטער האָבן זיך באַרויקט און עס איז געקומען צו אַ שלום. אָבער באַלד האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע און שווערע צרה פון פּויליש באַיקאָט, מיטן באַקאַנטן לאָזונג פון „סוואַי דא סוועגא", פון וואָס יידן האָבן זיך נישט ווייניק אָנגעליטן מיט נגישות און אפילו שריפות פון יידישע הייזער, אָפּגעטאָן על־פּי־רוב פון פרעמדע, נישט־שטעטלדיקע עלעמענטן.

בשעת מעשה אָבער, אין יענע ווייטע קינדער יאָרן, איז דאָס לעבן אין שטעטל געפלאָסן במנוחה, שלווהדיק און האַרמאָניש. קיין וויכטיקע שנויים זיינען נישט פאָרגעקומען, יעדער איינער האָט זיך געלעבט מיט זיינע דאגות און אָפּט מיט אַ קאָפּעטשקעלע פריידּ און יומטובדיקייט. דאָס ביסל וועלט־נייעס וואָס איז שוין יאָ דערגאַנגען אין שטעטל אַריין, איז על־פּי־רוב אָנגעקומען מיט אַ היפּשע פאַרשפּעטיקונג און עס האָט קיינעם נישט געאַרט. בדרך כלל האָבן קליינשטעטלדיקע יידן קיין צייטונגען נישט געלייענט, און דאָס ביסל נייעס פון דער גרויסער וועלט האָט מען זיך שוין אַזוי צי אַזוי ווי עס איז דערוויסט. פונדעסטוועגן האָבן אַ פּאָר יידן פאָרט געלייענט אַ צייטונג. מיין פעטער למשל, וואָס האָט געפירט זיין מסחר אין נאָענטן סאָסנאָווצע, האָט געוויינטלעך אַהיים געבראַכט אַ יידישע צייטונג, וואָס איז דערנאָך געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דער אמתער צענטער פאַר וועלט־נייעס און פּאָליטיק איז געווען דאָס הויז

פון ר׳ גימפל וויינבערגן, א ייד א משכיל, א חסיד פון דייטש, וואס האט געפירט געשעפטן מיט דייטשן און געלייענט דאס „בערלינער טאגעבלאט״, מיט וואס ער האט טאקע געשמט אין שטעטל. בטבע א שטרענגער, א נישט־צוגעלאזענער און בעצם אן איינגערעדטער, האט ער געהאלטן א וועלט פון די דייטשן און זייערע אויפטוען. ער האט זיך נישט געחברט מיט יעדן איינעם, געווען א שטיקל פרימאדאנא און נישט געקענט פארטראגן די קליינשטעטלדיקע נודניקעס מיט זייערע השגות און פשטלעך. דערפאר אבער איז ר׳ גימפל געווען מער צוגעלאזן צו א יודע־ספר און סתם א משכיל. מיט וועם ער האט געקענט בריווח שמועסן אין ענינים פון פאליטיק און הוויות העולם, ארויסווייזנדיק זיין גרויס בריהשאפט און קענעוודיקייט. זיין הילצערן, אלט הייזל איז געשטאנען אויף יענער זייט מארק, עפעס ווי אין א זייט ,הארט ביי דער „קאמער״, פון וואנען מען איז אריבערגעגאנגען אויף יענער זייט גרענעץ. דאס אליין האט שוין אים און זיין הויז געגעבן א באזונדערע חשיבות. ביים אריינגאנג אין הויז האט זיך געפונען א מין וועראנדע, וואס איר משופעדיק־אנגעהויקערט דעכל איז געשטאנען אנגעלענט אויף פיר הילצערנע סלופעס. איז טאקע ר׳ גימפלס הייזל געווען א בית־וועד פאר די מכובדים פון שטעטל. עס פלעגט זיך טרעפן, אז א מאל אין א זומערדין פארנאכט, איידער דער עולם איז געגאנגען צו מנחה־מעריב איז ר׳ גימפל געשטאנען אויף זיין וועראנדע מיט זיין הדרת פנימדיק פארקעמט גרוי בערדל, מיט א דייטשישן ציגאר אין מויל, וואס ער האט געריכערט מיט א סך חשיבות, און געשמועסט מיט זיינסגלייכן אין פאליטיק און דערציילט די לעצטע וועלט־נייעס, וואס ער האט אקארשט געלייענט אינעם „בערלינער טאגעבלאט״. יידן פון א גאנץ יאר זיינען געשטאנען מיט דרך־ארץ אין א זייט און זיך צוגעהערט צו ר׳ גימפלס חידושים און אויסטייטשונגען פון די וועלט־געשעענישן. פון דארט האט מען דאס צוטראגן איבערן גאנצן שטעטל. אין בית־המדרש צו מנחה־מעריב האט מען זיך איבערדערציילט די נייעסן, זיי צעקייעט מיט גרויס הנאה, צעלייגט אויף טעלערלעך און צוגעגעבן אייגענע סברות און פירושים.

עס האט זיך אויך געטראפן א מאל וואס די נאכטשטילקייט פון שטעטל איז געווען געשטערט. עס האט נישט זעלטן פאסירט, אז אין סאמע מיטן נאכט האט זיך דערהערט א שאס אין דער לופט און דערנאך א געלויף פון שווערע זעלנערישע שטיוול. איז דאס חלילה נישט געווען קיין רעוואלוציאנערער שאס פון סאציאליסטן אדער רעוואלוציאנערן, וואס האבן געוואלט אדורכפירן אן איבערקערעניש אין שטעטל. עס האט גאר ווייט דערפון געהאלטן. דער שאס איז געווען פון דער גרענעץ־וואך, וואס האט געכאפט שמוגלערס אדער זיי נאכגעיאגט ביז זיי זיינען אין דער געדיכטעניש פון דער נאכט אנטלאפן. עס האט זיך געפירט, אז א חברה שמוגלערס האט אין דער נאכטפינצטערקייט אריבערגעפירט איבערן גרענעץ יידישע עמיגראנטן, וואס זיינען אנטלאפן פון די צארישע רדיפות און פאגראמען. פון דייטשלאנד האבן זיי דערנאך פריי אויסגעוואנדערט קיין מערב און ווייטער אין די מעבר־לים לענדער. על־פי־רוב זיינען דעמאלט די וואך־זעלנער געווען אונטערגעקויפט און האבן געמאכט א שוייג. די יידן מיט זייער ביסל בעבעכעס מיט די שווארצאוויקעס בראש זיינען אריבער די פשעמשא און פון דער אנדער זייט גרענעץ געפארן וווהין עס האט זיך געלאזט. האט זיך אבער א מאל געמאכט, אז אין מיטן דרינען איז אונטערגעקומען א פרישער פאטראל, וואס האט נישט געקראגן קיין לא־יחרץ־געלט, און געמאכט א טרעוואגע אויסשיסנדיק אין דער לופט. באלד האט זיך אנגעהויבן א געלויף פון די זעלנער פון קאזארמע, נאכגעיאגט די שמוגלערס, וואס האבן אבער שוין באצייטנס געמאכט א ויברח אויף דער אנדער זייט. באלד איז ווידער געווארן שטיל. די זעלנער זיינען צוריק אריין אין דער קאזארמע און דאס שטעטל האט געקענט ווייטער רויק שלאפן. האט זיך געמאכט, אז מען האט א מאל יא געכאפט א שמוגלער, האט מען זיך דערמיט אויך נישט שטארק איבערגענומען אין שטעטל. צו העלפן יידן און אפגענארן פאניען איז קיין גנאי נישט געווען.

הכלל, אפגערוקט פון גרויסן וועלט־טראקט מיט זיינע געשעענישן און פאליטישן אויפברויז, איז געלעגן אונדזער שטעטל מאנדזשעוו „על נהר פשעמשא״ (ווי מען האט דאס מדקדק געווען אין א גט), א פארחלומטס, א פארשלאפנס, און ממשיך געווען זיין דורות־אלטן לעבנסשטייגער. די גרויסע וועלט האט זיך געעפנט, בשעת מען איז אריבער אויף יענער זייט בריק אינעם דייטשישן מיסלאוויץ, וואס האט ממש פארכאפט דאס יידישע יינגל מיט זיין גלאנץ, שיינע גאסן און טראמווייען, ליכטיקע געשעפטן און טומלדיקע קאפע־הייזער. דארט האט ער זיך אנגעזאפט מיט א ביסל חיצוניות, דאס אויג געזעטיקט מיט א ברעקל עולם הזהדיקייט ,אבער דאס נאר אויף איין רגע. צוריק אין שטעטל האט זיך דאס לעבן געפירט לויטן אלטן סדר, אין זיין הילוך און אויסקוק, אין זיין אפגעזונדערטקייט און אפגעהיטנקייט. עס איז געווען אן אפגעשלאסענע, אייגנדיקע וועלט. ווי א געדיכטער נעפל האבן געהויערט איבערן שטעטל פארצייטישע מסורות, לעגענדעס און מעשיות פונעם ווייטן עבר. דער מרחק צווישן פאנטאזיע און וואס איז אויף דער וואר איז געווען גאר א קנאפער. אזוי האט מען זיך דערציילט וועגן א רייכן פריץ מאדזשעווסקי מיט זיינע גרויסע מאיאנטקעס וואס האט נושא־חן געווען ביים קיניג פון פוילן און איז עולה לגדולה געווארן. ער האט דאס געהאלפן יידן זיך באזעצן אויף זיינע פאסעסיעס, אויסבויען א שטעטל און גרינדן א קהילה מיט אן אייגענעם בית־החיים. אזוי איז אויפגעקומען דאס שטעטל מאנדזשעוו, וואס האט געהערט צו די פריצים פון שעווער. אין מאנדזשעוו איז אויך נפטר געווארן דעד גרויסער בעל־מקובל דער בעל „עמק המלך״, אויף וואס עס האט נאך עדות געזאגט

אַן אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע מצבה אויפן בית־החיים. זקנים און זקנות האָבן אויך ליב געהאַט צו דערציילן אין זומערדיקע פאַרנאַכטן אָדער אין די בין־השמשותן פון אַ ווינטערדיקן שבת, אַ סך פלאַדיקע מעשיות פון גרויסע רביס און בעל־מופתים, און להבדיל פון שדים און נישט־גוטע וואָס פוסטעווען אַרום אין אַ ליידיק, צעבראָכן הויז, און פון מתים וואָס קומען דאַווענען אין שול אַריין צו חצות. זיי האָבן שוין נישט איינעם געניזוקט אויב ער האָט נישט געטראָגן קיין כשרע ציצית. אַזוי האָבן זיך ליכטיק געוועבט היסטאָרישע מסורה און וווּנדערלעכע לעגענדעס פון עבר, וואָס האָבן געקוויקט און געכישופט דאָס געמיט פון יידישע קינדער. אין שטעטל איז אויך אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מאַדזשעוו אויף זיין וועג צוריק פון מאָסקווע און דאָרט איבערגענעכטיקט אין אַ הויז נישט ווייט פון בריק. רייך און קאַלירפול זיינען אויך געווען די פאַרשידענע מעשיות וואָס מען האָט זיך אָנדערציילט וועגן דער פאָווסטאַניע, ווי אַזוי יידן האָבן איינשטעלנדיק דאָס לעבן געהאָלפן די פוילישע אויפשטענדלער אין זייער פרייהייט־קאַמף קעגן פאָניען. מען האָט אפילו געוווּסט צו דערציילן וועגן אַ רב אין בענדין, ר׳ יעקב נתן מייטליס, וואָס האָט מיט גרויס מסירת־נפש געהאָלפן שאַפן געלטער און אָנגעפירט מיט אַ שפּיאָנאַזש־דינסט לטובת די פּאָליאַקן.

אגב האָט מען זיך ביי אונדז אין דער משפחה דערציילט אַ מעשה־פלא, וואָס האָט זיך גראַד אין יענע יאָרן פאַרלאָפן ביי מיין זיידן ר׳ שמואל. געווען איז ער אַן אָנגעזעענער בעל־הבית, אַ שיינער ייד און אַ נגיד, אַ ייד אַ סוחר וואָס האָט געפירט געשעפטן מיט אויסלאַנד און געפאָרן מיט דער באָבען לאה אין די וואַרעמע בעדער. ווי אַ ייד אַ חסיד איז ער געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער צום רבין. אין דער צייט פון פאָווסטאַניע האָט דער זיידע ר׳ שפעטער איז זיין זון, דער רבי ירחמיאל ישראל יצחק, דער בעל „ישמח ישראל“, איינגעשטאַנען ביים זיידן אין מאַנדזשעוו און אינעם שטעטל האָט זיך דעמאָלט געררודערט מיט חסידים פון גאַנצן געגנט, וואָס זיינען געקומען צום רבין אין דער צייט פון פאָווסטאַניע האָט דער זיידע ר׳ שמואל נאָך געוווינט אינעם נאָענטן דאָרפישן יישוב פון אַלט־ניוועקע און געפירט דאָרט אַ גרויס בעל־הבתישקייט. אין הויז האָט מען זיך געפירט, אַז די קעכין איז אויפגעשטאַנען פרייטאָג פאַרטאָג און זיך געשטעלט ראָשטשינען און קנעטן דעם טייג פאַר די שבתדיקע חלות. האָט זיך געטראָפן אין יענע צעשטורעמטע טעג פון דער פאָווסטאַניע, אַז בשעת די באָבע לאה איז אויפגעשטאַנען אין אַ ווינטערדיקן פרייטאָג־מאָרגן און אַריין אין קיך, איז איר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. עפּעס איז דאָ גאָרנישט געווען גלאַטיק. די טיר פון קיך איז געשטאַנען אויפגעפראַלט צום פאַרשנייטן, פראָסטיקן הויף און אין דער קיך איז קיינער נישט געווען. אומעטום האָט זיך געפילט אַ גרויס צעמישעניש. דאָס קנייטל אין נאַפּט־לעמפל האָט געצאַנקט און געוואָרפן שווערע, אומעטיקע שאָטנס. דער איינציקער סימן לעבן איז געווען דאָס פייער וואָס האָט געקנאַקט אינעם אויוון. אויפן קיך־טיש זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט די באַק־מכשירים, אַ ליידיקער מולטער, דאָס ברויטברעט מיט אַ וואַלגערהאָלץ, און דערנעבן איז געלעגן אַ שאַרף, שפּיציק מעסער וואָס האָט עפּעס אָנגעזאָגט נישט קיין גוטס. איבערן טיש און דיל זיינען געווען צעשאָטן הויפנס ווייס מעל מיט שטיקלעך הייוועו און אייער שאָלעכץ. עפּעס ווי אַ נישט־גוטער וואָלט זיך דאָ געהאַט אַריינגעכאַפּט און אַלץ איבערגעדרייט. אַ פאַרציטערטע און אַ פאַרזאָרגטע נעמט זיך די באָבע רופן די מויד, קלאַפּט און שרייט, אָבער קיינער ענטפערט נישט. באַלד ווערט אין הויז אַ בהלה, מען לויפט אַרויס אויפן הויף, מען זוכט די מויד אינעם שטאַל ביי די בהמות, אָבער עס איז פון איר נישט געווען קיין אָנצייכעניש. דרויסן איז געלעגן אַ טיפער שניי און אַ פראָסט האָט געברענט. אין שניי זעט מען טריט וואָס פירן אַראָפּ צום נאָענטן ברעג פון דער פשעמשא, אָבער דאָרט פאַרשווינדן זיי גיך. שריי חי וקיים, די מויד איז נישטאָ. איז שוין דער שבת געווען אַ פאַרשטערטער, אָבער זונטאָג פרי, ווי עס האָט נאָר געגומען טאָגן, האָט מען געשפּאַנט פערד און וואָגן, אַרויסגעשיקט דעם שטאַליונג זוכן די פאַרלוירענע מויד, פויערים האָבן געהאַקט שטיקער פאַרפרוירענעם אייז פון טייך, געקוקט אין יעדן לאָך, נישטאָ קיין מויד. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, די מויד איז געווען פאַרפאַלן ווי אין בראָד.

גראַד האָט זיך געמאַכט, אַז דער זיידע האָט געמוזט אַוועקפאָרן, האָט זיך די באָבע מיישב געווען און שטילערהייט אַריינגערופן אַ זנאַכערקע, זי זאָל דאָס העלפן אויסגעפינען דאָס געביין פון דער פאַרפאַלענער מויד. זי איז געקומען שפּעט אין אָוונט אין הויז אַריין און מיטגעבראַכט עפּעס אַ משונהדיקן שפּיגל, וואָס זי האָט מיט אירע דאַרע, ביינערדיקע פינגער געגומען איינשוואַרצן און בשעת מעשה געפּרעפּלט דביקותדיק פאַרהוילענע ווערטער און שמות. צו חצות האָט זי געהייסן אַלעמען אַרויסגיין און זיך פאַרמאַכט אין אַ חדר־מיוחד. מיט אַ ברענעדיק ליכט אין האַנט האָט זי זיך אַעקגעזעצט פאַרן שפּיגל און התלהבותדיק אויסגערופן עטלעכע מאָל דעם נאָמען פון דער פאַרפאַלענער מויד. אינעם פאַרהאַקטן צימער האָט געהערשט אַ שווערע שטילקייט און פון צייט צו צייט האָט זיך נאָר געהערט אַ פאַרשטיקט, וויינעדיק קול, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף אַלעמען אַ מוראדיקן פחד. וואָס עס איז דרינען פאָרגעקומען, האָט קיינער נישט געוווּסט. אַז די טיר פונעם פאַרמאַכטן צימער האָט זיך דערנאָך געעפנט, איז אין איר געשטאַנען די פרוי אַ שווייס־געבאָדענע און אַן אויסגעמאַטערטע, און משונהדיק־ווילד געכאָרכלט מיט העוויות וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק. וואָס און ווען האָט קיינער נישט געקענט דערגיין, מען האָט זיך נאָר אין דער אימהדיקער נאַכט־פינצטערקייט אָנגעשטויסן, אַז עס איז נישט גוט, אַז עפּעס

אַן אומגליק איז געשען מיט דער מויד. די אויפגעטרייסלטע שטוב־מענטשן האָבן זיך געטראַכט, אַז מסתמא האָט זי זיך אָנגעטאָן אַ מעשה און זיך דערטרונקען אין וואַסער. אָדער אפשר גאָר האָט זי אַ נישט־גוטער געפּאַקט און זי פֿאַרפירט ערגיץ־ווו הינטער די הרי־חושך. פֿאַראַן אָבער געווען עטלעכע קלוגע, מיושבדיקע דאָרפסיידן, וואָס האָבן געשמייכלט און אַרויסגעזאָגט אַ סברא, אַז די מויד איז גאָר, השם ישמרנו, אַוועק מיט א שגץ אין דער פאַווסטאַניע און דאָרט נעלם געוואָרן. אָבער דאָס נאָר אַגב אורחא.

דאָס שטעטל מאַנדזשעוו אין זיין גאַנצער פֿאַרלוירנקייט האָט, ווי אַ סך אַנדערע שטעטלעך, געצויגן זיין קאַרגע חיונה פון קליינהאַנדל. דער ברייטער מאַרק, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין עק שטעטל ביזן סאַמע גרענעץ, האָט געגענעצט מיט אַ גרויער ליידיקייט. פון צווישן די אַלטע איינגעהויקערטע הילצערנע הייזקעס מיט אַ שורה געמויערטע, גאָרנדיקע הייזער, האָבן פֿאַרשלאָפן אַרויסגעקוקט אויף אַ קונה די קליינע, דלותדיקע געווילבלעך, צוזאַמען מיט די עטלעכע הילצערנע קראָמען וואָס זיינען געשטאַנען אין מיטן מאַרק מיט דער יאַטקע. אין יענע יאָרן האָט זיך אין שטעטל נישט געשטעלט קיין וואָכן־מאַרק, וווהין פויערים פלעגן קומען מיט זייערע דאָרפישע פראָדוקטן און בהמות, און פאַרן גוטן מקח איינגעקויפט זייערע הצטרכותן. זעלטן ווען איז אין זומער פאַרפאָרן אַ פויערישער וואָגן מיט אַ ביסל גרינס און צייטיק אויפס, אָדער אַ מאָל אַ דראָשקע אויף גומענע רעדערס, וואָס האָט געבראַנגט אַ פּאָר פֿאַרשוינען פונעם נאָענטן סאָסנאָוויצע, דער מסחר־שטאָט. אָבער איין מאָל אַ וואָך האָט זיך געמאַכט אַ געגיי פון באַבעס און שלעזישע גויעס, וואָס זיינען געקומען קיין מאַנדזשעוו איינקויפן וואָלוועלע שפייז־אַרטיקלען און דערפון האָט מען געצויגן אַ קאַרגע חיונה אויפן רעשט פון דער וואָך. אָבער באַלד דערנאָך איז דאָס שטעטל ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ מאָדנער פאַרשלאָפנקייט און געפּוסטעוועט.

אַ יוצא מן הכלל איז אין יענע שטילע, רויקע יאָרן געווען דער מיטוואָך, ווען עס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער שטעטלדיקער ליידיקייט אַ ווילדער גערויש און געקוויטש פון חזירים. פון דעם פויערישן אַרום האָבן זיך געצויגן סקריפּנדיקע וועגענער באַלאָדן מיט חזירים, וואָס מען האָט געפירט קיין מיסלאָוויץ, כדי צו קאַרמען די אויסגעפּאַשעטע בייכער פון די דייטשן. געוויינטלעך איז די טאַמאַזשניע געווען פאַרמאַכט אין די מיטאָג־שעהן, אַזוי אַז די גוישע בעל־עגלות האָבן זיך אָפּגעשטעלט מיט זייער סחורה אין מיטן מאַרק און בינר־לבינו אַריין אין דער קרעטשמע צו מאַכן אַ כוסע. צו לייזן האָבן זיי גאָרנישט געגעבן דעם יידישן קרעמער. אָבער דווקא דעמאָלט האָט זיך דער מאַרק אויפגעכאַפּט פון זיין אומעטיקער פאַרשלאָפנקייט. חברה קונדסים און סתם ליידיקגייערס האָבן זיך איצט צוגעשאַרט צו די חזירים־וועגענער און נעריסן די טריפהנע חזיר־האָר וואָס מען האָט שפּעטער פאַרקויפט צו די באַרשטן־בינדער. דאָס ווילדע, גרילציקע געקוויטש פון די חזירים האָט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל. יידן מיט לאַנגע ציצית־כנפות און ווייבער אין זייערע קופּקעס זיינען אַרויס פון די שטיבער קוקן ווי אויף אַ בייז וווּנדער. אַז די בעל־עגלות האָבן דערהערט די יללות פון די חזירים, זיינען זיי אַנגעזאָפּענע אַרויס פון שענק, און מיט ווילדע קללות און בייטשן אין די הענט געגומען צעטרייבן די חוצפּהדיקע חזיר־האָר רייסערס, וואָס זיינען זיך שוין סיי־ווי צעלאָפן מיטן אָרעמען ביסל סחורה אין אַלע עקן. אינצווישען האָט זיך די טאַמאַזשניע געעפנט, און איבערן מאַרק האָט זיך דערהערט אַ פרישן סקריפּן פון די שווער־באַלאָדענע וועגענער, וואָס האָבן זיך פאַרקערעוועט צו דער הילצערנער בריק און אַריבערגעפירט אַ פרישן, פעטן ביסן קיין דייטשלאַנד. אויפן מאַרק איז ווידער געוואָרן שטיל און דאָס שטעטל איז ווי תמיד אַריינגעפאַלן אין זיין נאָכמיטאָגדיקן דרימל און ליידיקייט.

אין שכנות מיט אונדזער שטעטל איז געלעגן אַ מקום וואָס האָט געהייסן ניוווקע. מיט זיינע קוילן־שאַכטעס און הויכע, גאָרנדיקע קוימענעס, פון וואָס עס האָט זיך כסדר געוויקלט אַ געדיכטער, שוואַרצער רויך. ניוווקע האָט שוין נישט געהאַט דעם קליינשטעטלדיקן חן פון אַ מאַנדזשעוו און איז געווען טאַקע כולו גויש. געוווינט האָבן דאָרט אַן ערך זעכציק יידישע משפחות. די באַפעלקערונג איז געווען אַ גוישע און באַשטאַנען פון שאַכטיאָרן און אַרבעטאָרערס. אין דער לענג פון דאָרף האָט זיך געשלענגלט אַ טוכלע, רויט־באַפאַרבט וואַסערל, וואָס האָט גדלותדיק אַנגעזאָגט זיין אינדוסטריעלע חשיבות, מיט וואָס עס האָט זיך אַפּנים געגרויסט לגבי דעם רויקן אָפּגעשטאַנענעם מאַנדזשעוו. ס'רוב יידן האָבן דאָרט געלעבט פון דעם אָרעמען ביסל אַרבעטאָרערס און געצויגן בדוחק פרנסה. קיין שול אָדער בית־המדרש אויב איך האָב נישט קיין טעות, נישט אפילו קיין שטיבל, איז אין ניוווקע נישט געווען. דער עולם יידן פלעגט קומען סיי זומער און סיי ווינטער, אין די שבתים און יום־טובים, דאַווענען קיין מאַנדזשעוו.

אין אָט דער געבענטשטער קליינשטעטלדיקער סביבה מיט איר תמימות און נאַטירלעכער פּשטות, מיט אירע חסידים און האַראַפּאַשניקעס, מיט געשמאַקע, ערדישע ריחות פון פעלדער און לאָנקעס און אַ גילדענער זון אין די זומערס, זיינען פאַרלאָפן אונדזערע שיינע, אומשולדיקע קינדער־יאָרן. צווישן מיינע חברים פון חדר און פריער יוגנט, האָבן זיך באַזונדער איינגעקריצט אין מיין זכרון צוויי געשטאַלטן, פאַרשיידן לויט זייער מהות און טעמפּעראַמענט, אָבער וואָס האָבן מיט זייער ליבשאַפט און געטריישאַפט געקוויקט מיין פאַרדלומטע, יוגנטלעך האַרץ. זיי ביידע ווי אַ סך אַנדערע, זיינען געווען אַ שטיק גליקלעכע סינטעזע פון יידישקייט און וועלטלעכקייט, וואָס האָט זיך פאַמעלעך אויסגעפורעמט און איז שפּעדיק אויפגעגאַנגען אין די יאָרן פאַר און בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אָט דער פאַרוואָרפענער יידישער קליינשטעטלדיקייט. זאָלן

די ווייטערדיקע שורות זיין אַ דערמאָנונג און אַ געדעכעניש פאַר דער אַמאָליקער שיינער און קוואַליקער יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז געוואָרן אַזוי אומברחמנותדיק פאַרשניטן.

2. צוויי חברים

שמעון לובעלסקי. די משפּחה לובעלסקי איז געווען אַ בעל־הבתישע, בכבודיקע און אַ פאַרצווייגטע אין און אַרום מאַנדזשעוו. שימעלע, ווי מען האָט אים גערופן קליינערהייט, איז געקומען פון ניוואָקע, דעם שכנותדיקן, אינדוסטריעלן דאָרף מיט זיינע קאָפּאַלניעס און טורעמדיקע קוימענעס. קיין נגיד איז זיין פאָטער נישט געווען און ווי אַ סך אַנדערע יידן אינעם מקום, האָט ער זיך מפרנס געווען מיט אַ ביסל מסחר. שמעלה, אַ ייִנגל מיט אַ גוט קעפּל, האָט אָנגעהויבן צו גיין אין חדר אַריין אין מאַנדזשעוו און געלערנט מיט מיר ביים זעלביקן רבין. זע איך אים נאָך איצט, נאָך אַזויפיל שווערע, גורלדיקע יאָרן, שטיין פאַר מיינע אויגן מיט זיין פריילעכן, ליבלעכן שמייכל. ער איז דעמאָלט געווען אַ ייִנגל מסתמא פון אַ יאָר צען, אַ ביסל עלטער פאַר מיר, מיטן גאַנצן חן און פרישקייט פון אַ יידיש דאָרפסקינד. עס איז ווינטערצייט, און ער קומט צוגיין אין זיין פיטער־היטעלע מיטן וואָלענעם שאַליקל און פאַלטן, מיט אויסגעפרוירענע, רויטע בעקעלעך און גלאַנציקע, קלוגע אויגן. געווען איז ער אַ שלאַנקער פון וווקס, מיט אַ רונדיק שיין פנימל, שוואַרצע האָר, אַ טונקעלע קאָליר און קויל־שוואַרצע גליאינקע אויגן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געבר͏ענט מיט אַ באַהאַלטענער תשוקה צו לערנען און וויסן. זיין פיין־געשניצט נעזל האָט תמיד סענסיטיוו וויברירט מיט אַ בסדרדיקע אומרו און נשמה־ציטער.

אין חדר איז שימעלע געווען אַ ווויל ייִנגל, גוט געלערנט און שנעל תופס געווען. אַבער ווי איך דערמאָן זיך, האָט אים מער פאַר אַלץ געצויגן די שיינע קאַלירפולע אגדה מיט איר פּאָעטישער שיינקייט און רחבותדיקער קוואַליקייט. האָט ער טאַקע שטאַרק ליב געהאַט דאָס פאַבולאַרע און בראשיתדיקע אין דער אלטער ליטעראַטור, דאָס באַחנטע, האַרציקע מעשהלע פון די ווייטע, קדמון־טעג פון יידישן פאָלק, וואָס האָט געכישופט זיין קינדיש האַרץ. געדענק איך, ווי מיר צוויי פאַרחלומטע ייִנגלעך, פלעגן זיך פאַרשפּאַרן אין אַ באַזונדער שטוב אין אונדזער דירה, און דאָרט געלייענט מיט גרויס קינדערשער התפעלות די מעשיות פונעם „ספר הישר" אין עברי־טייטש, געחלומט און זיך באַגלייך געגרויסט מיט די מעשים און גבורות פון די בני־יעקב, מיט דער אויסנעמיקער שטאַרקייט פון אַ יהודהן און דער פלינקייט פון נפתלין. שימעלעס אויגן האָבן דעמאָלט געפלאַמט מיט נצחון און דערהויבנקייט און אין זייער גלאַנץ האָט זיך געשפּיגלט אַ שטיק פון דעם ווייטן, לעגענדאַרישן יידישן עבר. בשעת־מעשה האָט זיין האַרץ אימפּעטיק געפיבערט מיט אומרו און באַוווּנדערונג, און אפשר האָבן זיך שוין דעמאָלט געוועקט אין אים כוחות, וואָס האָבן געזאָלט ווערן אַ וועג־ווייזער פאַר דער צוקונפט.

דאָס ייִנגל שימעלע מיטן פלינקן קעפּל און די פייערדיקע אייגעלעך איז ווייטער געוואַקסן, געראָטן און מזל־ברכהדיק פאַר זיינע עלטערן. יאָרן שפּעטער, האָט אונדז ווידער צונויפגעפירט די פויליש־רוסישע מיטלשולע אין סאָסנאָווצע, ווי מיר ביידע האָבן זיך געלערנט. מיטן זעלביקן חשק און ברען ווי אַ מאָל, האָט ער זיך אויך איצט אַריינגעוואָרפן אין די אַלגעמיינע לימודים. שימעק, ווי ער האָט שוין דעמאָלט געהייסן, איז געווען אַ גוטער, פלייסיקער שילער און באַליבט ביי אַלעמען. נאָך אין אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה פלעגן מיר זיך טרעפן און לייענען מיט גרויס אינטערעס רוסישע ליטעראַטור, ווערק פון א פּושקין, לערמאַנטאַוו און גאָגאָלן. מיט יוגנטלעכער התפעלות האָט ער געפלעגט צו רעציטירן גאַנצע שטיקער פּאָעזיע פון די גרויסע רוסישע דיכטערס. פאַר יענער צייט איז אים זיין פאָטער פּלוצים אַוועקגעשטאָרבן און דער מצב אין דער היים איז געווען לגמרי נישט קיין פויגלדיקער. אַ שווערער אומעט איז אָפט געלעגן אויפן ליכטיקן פּנים פון דעם וויללערנער שימעקן, אָבער ער האָט זיך נישט איינגעבראָכן. מיט אַ זעלטענער עקשנות איז ער ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין שול־אַרבעט און מיט אַלע כוחות געפּרוווט איבערצוקומען די אַלץ וואַקסנדיקע מכשולים, בפרט טאַקע אין די ערשטע מלחמה־יאָרן מיט זייער נויט און צרות. זיין עלטערע, שיינע און געראָטענע שוועסטער איז געוואָרן אַ לערערקע און געלערנט ביי אונדז אין שטוב מיט מיין יונגער שוועסטער בעלאַן. אויך שימעק, דער אונטערגעוואַקסענער, פעיקער גימנאַזיסט, גיט לעקציעס און ווערט אַ קאָרעפּעטיטאָר אין נגידישע הייזער. ער לערנט מיט גרויס התמדה און האַלט אויס. עס האָט נישט לאַנג געגומען און עס קומט שימעקס בליציקער אויפשטייג צווישן דער יוגנט אין סאָסנאָווצע און סביבה.

עס איז געווען, ווי געזאָגט, די צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט איר פורענות און פאַרניכטונג, וואָס האָט תהומותדיק אויפגעטרייסלט די יידישע מאַסן און בפרט די יוגנט פון יענעם דור. די יסורים פון דער מלחמה, די דייטשטישע אָקופּאַציע פון פּוילן מיט איר, אגב, מילדער קולטור־פּאָליטיק לגבי יידן, האָט בעצם שטאַרק פאַרשנעלערט דעם פּראָצעס פון אַ גייסטיקער דערוואַכונג פון דער יידישער יוגנט. אומעטום זיינען אויפגעקומען יוגנט־פאַריינע מיט ביבליאָטעקן, וואָס מען האָט זיך פאַרשאַפט מיט די אייגענע דלותדיקע גראָשנס, געהאַלטן רעפעראַטן, געפירט ויכוחים און פיבערדיק געחלומט דעם חלום פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן אויפגיי. עס איז דאָך געווען אַ צייט פון הרת־עולם. אַ פאַרצערטע, פאַרבלוטיקטע און פאַריסורימטע וועלט האָט זיך גורלדיק געראַנגלט מיט איר צוקונפט. אינעם טיטאַנישן געראַנגל פון די פעלקער האָט זיך דערהערט דער ערשטער אָנזאָג פון אַ נייער, יושרדיקער וועלט, וואָס איז לעת־עתה געווען שוואַנגער מיט אידעאַלן פון פרייהייט

און גאולה. אין איר האָט אויך די יידישע יוגנט געפונען אַן אַקטיוון, שטורעמדיקן אַנטייל־פּאַראַלעל מיט דער קולטורעלער אויפלעבונג איז אויך אָנגעגאַנגען די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, וואָס האָט צעשטורעמט די געמיטער און זיי אָנגעפילט מיט שטאָלץ און בטחון פאַר אַ גליקלעכערן, צופרידענעם מאָרגן, סיי פאַר יידן און סיי פאַר דער וועלט בכלל.

אויף דעם יונגן דור האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה די השומר־באַוועגונג צו וואָס אַ גרויסער טייל יוגנט איז געווען איבערגעגעבן בלב ונפש. עס איז געווען אַן אידעאַליסטישע יוגנט וואָס האָט אין איר אימפּעטיקן, שטורעמדיקן אויפגיי, אויף זיך גענומען אַ שליחות צום פאָלק, אים מדריך זיין און פירן אויפן וועג פון נאַציאָנאַלער שלמות און פּאָליטישער פרייהייט. מיר אַלע, וואָס זיינען גיך געוואָרן צייטיק און אויסגעשטאַנען, האָבן זיך מיט אַ נשמהדיקן ברען אריינגעוואָרפן אין דער אויפגייענדיקער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, און דער „השומר״ איז פאַר אונדז געווען דער אמתער און פאַסיקער מורה־דרך, וואָס האָט אונדז געהאָלפן זוכן אַ נייעם וועג צו אַ נאַציאָנאַלן תיקון און גייסטיקער שלמות.

שימעקס געזעלשאַפטלעכער אויפשטייג איז טאַקע געווען אַ פּראָדוקט פון דעם „שטורעם און דראנג״ אין יענע גורלדיקע יאָרן, ווען דאָס משקולת פון דער וועלט האָט זיך געוואַקלט צווישן אַ כולו חייב אָדער אַ כולו זכאי. ווי אַ מעטעאָר האָט ער זיך באַוויזן אויף אונדזער פאַרוואָלקנטן הימל. ער, דער אידעאַליסט און וויזיאנער, דער התלהבותדיקער רעדנער איז מיט אַ מאָל געוואָרן דער פירער פון דער יוגנט. בשעת ער האָט גערעדט האָבן זיינע אויגן געגליט, זיינע ווערטער געשרפהט און צעצונדן אַ פייער אין די הערצער. עס איז געווען אַ חלום אויף דער וואָר וואָס האָט זיך דמיונדיק געוועבט אין זיין וואָכיק, צעברויזט געמיט, געוועקט און גערופן צו מעשים. לעבט נאָך אין מיין זכרון אַ כ׳ תמוז אין דעם מלחמהדיקן סאָסנאָוועץ. אַ הייסער, זומערדיקער טאָג און איבער די גאַסן פון שטאָט ציט זיך אַ פּראָצעסיע פון יוגנט צו דער שול. גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס מיט בלוי־ווייסע פענער אין די הענט, מיט פרייד און געזאַנג, מאַרשירן מיט שימעקן בראש צו דער אזכרה נאָך דעם גרויסן ציוניסטישן מנהיג טעאָדאר הערצל. די שטאָט גייט כאַדאראַם. עס איז אפשר געווען איינע פון די זעלטענע געשעענישן אינעם לעבן פון דער קהילה, ווען אַן אויפגערוימטע, חדוהדיק־צעשטראַלטע יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט אין שול צוזאַמען מיט ציוניסטישע עסקנים און סתם יידן, כדי צו דעמאָנסטרירן פאַר אַלעמען אין די אויגן די דערוואַכונג און נאַציאָנאַלן אויפגיי פון יידישן פאָלק. שוין שטייט שימעק אויפן באַלעמער און לעבן אים דער אָנפירער פון די סאָסנאָווצער ציוניסטן וויינרעב און טענצער פון בענדין, און וואַרפן שטאָלצע, שטראַליקע בליקן אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם. שימעק רעדט, פון אָנהייב שטיל, געלאַסן, אָבער באַלד דערוואַרעמט ער זיך און עס דונערן זיינע ווערטער אין דער געשפּאַנטער שטילקייט פון דער שול, וואָס שרפהן ווי אַ פייער. הערצל דער גרויסער בעל־חלומות און ציוניסטישער מנהיג האָט געפונען אין שימעקן זיין גרויסן, פלאַמיקן אידעאַליזאַטאָר און אינטערפּרעטאַטאָר. אַ דאַנק הערצלען איז דאָס פאָלק אויפגעשטאַנען פון זיין לאַנגן שלאָף און גרייט זיך צו אַ ניי, פריי לעבן. ווי אַ מאָל משה רבינו, רופט שימעק אויס, האָט אויך הערצל גענומען פירן זיין פאָלק דורך אַ לאַנגן, מוראדיקן מדבר, און פונקט אַזוי ווי משה האָט אויך ער נאָר געזען דאָס לאַנד פון דער ווייטנס און נישט זוכה געווען אריינצוקומען אינעם לאַנד וואָס ער האָט געטראָגן וויזיאנעריש אין זיין גליאיקן האַרץ. עס איז איצט די שליחות פון דער יוגנט צו פאַרווירקליכן אָט דעם גרויסן, אייביקן גאולה־חלום, וואָס וועט פירן צו אַ שיינעם, ליכטיקן מאָרגן פאַרן יידישן פאָלק. דאָס יידישע פאָלק לעבט, דינערט שימעקס קול און צוזאַמען מיט דער גאַרער וועלט ראַנגלט עס זיך פאַר זיין גורל, פאַר פרייהייט און גאולה. עס זיינען געווען הייסע, כלאַמיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך וויזיאנעריש צעקלונקען אין דער פול־געפּאַקטער שול, און וואָס האָבן מיט זייער התלהבות געכישופט די פאַרבענקטע, גאולה־דאָרשטיקע הערצער פון דער יוגנט. דבקותדיק־שטורעמדיק האָט זיך באַלד דערנאָך דערהערט דער געזאַנג פון „התקווה״ וואָס איר קלאַנג האָט ברייט אָפּגעהילכט אין די ענגע גאַסן פון יידישן אָרום. שימעק איז געווען דער העלד פון טאָג און דער ליכטיקער פירער פון אַ פריידיקער, התלהבותדיקער יוגנט.

האָט טאַקע די יוגנט ממש געטראָגן שימעקן אויף די הענט, געזען אין אים דעם אידעאַל פון דעם נייעם, דערוואַכטן און אויפגעשטורעמטן דור יידן. צווישן מיר און אָט דעם פייערדיקן אידעאַליסט און צעשטורעמטן רעדנער, האָט זיך עפּעס מיט דער צייט געשאַפן אַן אָפּגעקילטקייט. ווייס איך נאָך עד היום נישט די סיבה דערפאַר. אַוודאי איז מיין טייערער יוגנט־חבר, שימעק, געווען אַ לויטערע נאַטור, אמתדיק און יושרדיק אַ וויזיאנער און אַ בעל־מידות. פונדעסטוועגן איז מיר עפּעס געוואָרן פרעמד די אָראַטאָרישקייט פון מענטשן, פלאַמיקע רייד און אויסטערלישע העוויות פון גרויסע רעדנער. מיך, דעם יונגן ראָמאַנטיקער, מיט וואָרצלען אינעם עבר און מיט אַ גאולה־חיזיון אין דער ברוסט, האָט שוין פון תמיד מער געצויגן דאָס שטילע און ציכטיקע, דאָס קול־דממה־דקהדיקע אין דער התגלות פון מענטש, איידער דער רעש און אויפברויז פון דער גאַס. און אפשר האָב איך שוין גאָר דעמאָלט געפילט, אַז איך בין נאָך לגמרי נישט פאַרטיק מיט מיר, און געוואָלט אַדויס פון דער געזעלשאַפטלעכער עסקנות? אַן אינעווייניקע אומרו האָט געטריבן צו זוכן נייע וועגן, פאָרמען און אויסדרוקן פאַר דער מחשבה און דעם געפיל, זיך פשוט ארומקוקן ווי מען האַלט אין לעבן. ווי דאָס זאָל נישט זיין, די

אַמאָליקע צוויי יוגנט־פֿריינד האָבן זיך דערוויטערט פֿון אנאנדער. איך בין באַלד נאָך דער מלחמה אַוועק לערנען קיין דייטשלאַנד און שימעק דער גליאיקער וויזיאנער און איידעלער אידעאַליסטישער בחור האָט ווייטער געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון זאַגלעמביע. ער איז געוואָרן צייטיקער און אויסגעשטאַנענער. און ווי אַ מאָל, זיך שפּעטער אַריינגעוואָרפֿן מיט גרויס אחריות און איבערגעבנקייט, מיטן גאַנצן ברען פֿון זיין נשמה, אין דער סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט. ווי מיר דערוויסן זיך פֿון די אויפֿצייכענונגען פֿון עמנואל רינגעלבלום, איז שימעק שוין אין יאָר 1919 געווען אַ דעלעגאַט פֿונעם אַרבעטער־ראַט אין זאַגלעמביע אויף אַ צוזאַמענפאר אין טאָרנע פֿון די פּועלי־ציוניסטישע שילער־קרייזן פֿון מערבֿ גאַליציע. זאַגלעמביע, באַטאָנט רינגעלבלום, האָט דעמאָלט געשמט „ווי אַ לאַנד פֿון רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפֿט”, און בשעת די רעגירונג פֿון דער ניי־אויפגעשטאַנענער פּוילישער מדינה האָט גענומען ליקווידירן די אַרבעטער־ראַטן, האָט זי אַריינגעוואָרפֿן אין תפֿיסה די לינקע דעלעגאַטן. צווישן זיי האָט זיך אויך געפֿונען שמעון לובעלסקי, וואָס איז ערשט נאָך אַ האַלבן יאָר אַרעסט געוואָרן באַפֿרייט. רינגעלבלום און לובעלסקי זיינען געוואָרן מיט דער צייט גרויסע פֿריינד, אַ פֿריינדשאַפֿט וואָס האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן. לויט רינגעלבלומס עו״ת, האָט שמעון לובעלסקי געשפּילט אַ באַטייטיקע ראָל אין דער דערציונג־ און בילדונג־ארבעט פֿון דער געזעלשאַפֿט אוונט־קורסן פֿאַר אַרבעטער, און שפּעטער אין די אויפֿגעקומענע וועלטלעכע שולעס, ווי מען האָט, ווי רינגעלבלום באַטאָנט, דערצויגן די קינדער אינעם גייסט פֿון פּראָגרעס און סאָציאַליזם. דערביי שטעלט ער אויס שמעון לובעלסקין אַ זעלטענעם אַטעסטאַט, אַז ער איז געווען „אַ גאָט־געבענטשטער פּעדאַגאָג”, וואָס האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט גרויס אחריות, מיט אידעאַליזם און שלמות. זאָגט ווידער אַמאָל רינגעלבלום עדות אויף לובעלסקין, אַז ער איז געווען „אַ גרויסער אידעאַליסט”, וואָס „ווייס נישט פֿון קיין האַלבער זאַך. דאָס וואָס ער טוט, טוט ער בשלימות”. שימעק, זאָגט ווייטער רינגעלבלום, „געהערט צו די זעלטענע אידעאַליסטן וואָס ברענען אַזוי לאַנג מיטן פֿייער פֿון אַרבעט, ביז וואַנען זיי גייען אויס”. אָט דאָ האָבן מיר פֿאַר זיך דעם אמתן שמעון לובעלסקי מיט זיין טיפֿער הומאַניטעט און קוואַליקן אידעאַליזם, ערלעך און אומפּשרהדיק, וואָס איז תמיד גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין פֿאַר זיין אידעאַל און וואָס ער גלייבט און וואָס איז אים טייער.

אפשר טאַקע צו יענער צייט, איך קען מיך שוין נישט מער דערמאָנען דאָס יאָר, האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט אין סאָסנאָוועץ. איך בין דעמאָלט אַראָפּגעקומען אַהיים פֿון בערלין און מיר האָבן זיך געטראָפֿן. האָבן מיר זיך אין דעם קורצן צוזאַמענקום פֿאַרשטאַנען, דערערדט? ער, אין זיין ברויזיקן צאַפּל און רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס, וואָס האָט געליכטיקט אין זיינע גליאיקע־שוואַרצע אויגן, און איך אפשר ניכטער, געצוימטער, אַריינגעטאָן אין חכמת ישראל און געזוכט אַ תיקון פֿאַר זיך. האָבן מיר, ווייזט אויס, זיך עפּעס נישט דערערדט. די קורצע צייט פֿון אונדזער צונויפֿקום איז אויך נישט מסוגל געווען דערצו. מיר זיינען זיך צעגאַנגען, און ער מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף די ליפּן, דריקט מיר חבריש־האַרציק די האַנט, ממש ווי מען געזעגנט זיך מיט אַ נאָענטן מענטש, וואָס מען האָפֿט באַלד ווידער צו זען. אָבער געטראָפֿן האָבן מיר זיך שוין נישט מער.

ערשט נאָך דער אימהדיקער צווייטער וועלט־מלחמה איז צו מיר קיין לאַנדאָן דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז שמעון לובעלסקי איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. פּרטים וועגן דעם הערן מיר ווידער פֿון די אויפֿצייכענונגען פֿון זיין פֿריינד רינגעלבלום. עס איז געווען דער טראַגישער יאַנואַר 1940, ווען די געסטאַפּאָ האָט גענומען אַרעסטירן אַ הונדערט זאַקלאַדניקעס פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס מען האָט דערנאָך דערשאָסן. שמעון לובעלסקי איז אויך געווען אויף דער ליסטע. פֿון אָנהויב באַהאַלט ער זיך אויס און אַגענטן פֿון דער געסטאַפּאָ זוכן אים. זאָגט רינגעלבלום בפירוש עדות, אַז „איך (רינגעלבלום) בין געווען קעגן דעם, אַז שימעק זאָל זיך מעלדן אין געסטאַפּאָ. זיין פֿרוי איז אָבער שוואַנגער אין דער איידעלער שימעק וויל נישט די אַגענטן זאָלן באַלעסטיקן זיין פֿרוי. ער מעלדעט זיך אין געסטאַפּאָ און זייט דעמאָלט פֿאַרשווינדט יעדע שפּור וועגן אים” אויך זיין פֿרוי מיט צוויי קינדערלעך, שליסט רינגעלבלום אָפּ זיין טראַגישן סיפּור־המעשה, איז צוגענומען געוואָרן קיין טרעבלינקע בשעת דער ערשטער ליקווידאַציע־אַקציע פֿון די וואַרשעווער יידן. אַזוי איז שמעון לובעלסקי, אַ ליכטיקע פֿיגור, דער אידעאַליסט און קעמפֿער, אומגעקומען אויף קידוש השם צוזאַמען מיט מיליאָנען אַנדערע יידן הרוגי־מלכות הרשעה.

וואַפּטשע נייער

פֿון אַ גאַנץ אַנדערן שניט און טעמפּעראַמענט איז געווען מיין צווייטער יוגנט־חבר וואַפּטשע נייער. אַ געבוירענער אין מאַנדזשעוו שוין נאָך זיין פֿאָטערס טויט, איז ער אויפֿגעוואַקסן אַ יתום ביי זיין מאַמען ייטל. איז ער טאַקע געווען איר איינציקער טרייסט, דאָס אויג אין קאָפּ. געהיטן האָט זי אים ממש ווי אַן אבן־טובֿ, אַז עס זאָל אים חלילה קיין בייז נישט געשען. אין מיטן מאַרק האָט זי געהאַט אַ שפּייז־קראָם און שווער געהאָרעוועט אויפֿן ביסל פּרנסה, אַז עס זאָל איר איינציק קינד גאָרנישט פֿעלן. ווי אַלט וואַפּטשע איז געווען, האָט מען נישט געבוירן געוויסט. אַז קיין טאַטע איז נישט געווען, האָט מען אַפּנים פֿאַרגעסן אים צו פֿאַרשרייבן אין די מעטריקע. ערשט יאָרן שפּעטער, אַז וואַפּטשע האָט געהאַלטן קרובֿ צו בר־מצווה, איז מען אַריינגעפֿאָרן מיט אים קיין בענדין געשאַצט זיין עלטער, וואָס עדות פֿון שטעטל האָבן באַשטעטיקט, און אים איינגעטראָגן אין מעטריקע־בוך.

וואָפּטשע איז געווען אַ גוטער, איבערגעבענער חבר צו מיר כמעט פון קינדהייט. בטבע אַ שטילער, אַ וווילינקער אַ שעמעוודיקער, האָט ער פאַרמאָגט אַ לויטער האַרץ, געווען צוגעלאָזן און אָן קנאה־געפילן. אין חדר איז ער געווען אַ געראָטענער תלמיד און געלערנט מיט התמדה. עס האָט זיך אויך אַ מאָל געמאַכט, אַז ער האָט געמוזט אויסהעלפן דער מאַמען אין געוועלב, בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן דער געגיי פון די שלעזישע פויערטעס, וואָס זיינען איינמאָל אין דער וואָך געקומען קיין מאַנדזשעוו איינקויפן זייער געברויך. וואָפּטשע האָט איבערגעלאָזט דעם חדר און אַוועק אויף אַ פּאָר שעה העלפן דער מאַמען מיט די גוישע קונים.

שוין גאָר פרי האָט זיך וואָפּטשע שטאַרק צוגעבונדן צו מיר און עפּעס געקוקט אויף מיר ווי אַ מער־דערוואַקסענעם און אפשר אויך אַ מער־קענעוודיקן. צוזאַמען האָבן מיר אַמאָל געשטיפט און אין די שטילע, פרייע שעהן פון אַ ווינטערדיקן שבת־נאָכמיטאָג פלעגן מיר פאַרברענגען צוזאַמען און חלומען אונדזערע אומשולדיקע, קליינשטעטלדיקע קינדהייט־חלומות. להיפוך צו מיר, וואָס מיינע עלטערן האָבן באַצייטנס געזאָרגט, אַז איך זאָל אויך באַקומען אַן אַלגעמיינע דערציונג, לערנען פּויליש מיט אַ שמיץ רוסיש. ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ גוט חדר־יינגל פון אַ נגידיש הויז, האָט וואָפּטשע שוין פרי אָנגעהויבן צו לערנען דייטש, צו קענען ריידן און שרייבן. מן הסתם איז זיין מאַמע אויסן געווען דערמיט, אַז אויב ער וועט דערנאָך אריין אין מסחר, זאָל ער קענען אָנגיין מיט די דייטשישע קונים וואָס קומען אַריבער פון יענער זייט גרענעץ. שאַטן קען דאָך דאָס אַוודאי נישט. און צוריקגעשמועסט, צו וואָס האָט דאָס אַ יידיש יינגל אין שטעטל געדאַרפט לערנען פּויליש, וואָס מען האָט סיי ווי אויפגעכאַפּט צו ביסלעך אויפן גאַס? דערפאַר האָט וואָפּטשע שוין פון תמיד אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס און ליבשאַפט צו העברעאיש, צום תנ״ך, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן צו דער השכלה־ליטעראַטור. געהאָלפן דערצו האָט אונדז אין אַ גרויסער מאָס דער מלמד ר׳ אַלטער וולאָשטשעווער, אַ זעלטענער ייד, אַ מזג־טוב, מיט פּעדאַגאָגישע פעיקייטן און אַ חוש־הריח פאַר זיינע תלמידים. ר׳ אַלטער איז געקומען קיין מאַנדזשעוו פונעם דאָרף פּראַדלע, ווו ער האָט געלערנט מיט בחורים און איידעמעס אויף קעסט. פאַר אונדז איז אָט דער דאָזיקער ליכטיקער ייד, אַ בעל־צורה מיט אַ שיינער, לאַנגער באָרד, וואָס האָט זיך שוין גענומען ווייסן און אַ פּאָר גוטע, וואַרעמהאַרציקע אויגן, געווען ממש אַן אויפריכטעניש. איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַן ערך צען יאָר, בעת איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי ר׳ אַלטערן און אים ליב געהאַט אהבת־נפש. געווען איז ער אַ ייד אַ למדן, אַ הייסער חסיד, געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער, און דערצו אַ משכיל און אַ ידען. הגם ר׳ אַלטער האָט געלעבט פון מלמדות, איז ער געווען גאָר ווייט פון דעם אַמאָליקן טיפּ מלמד, וואָס האָט געקנעלט מיט די חדר־יינגלעך און אָנגעוואָרפן אויף זיי אַן אימה. ר׳ אַלטערס דרך פון לימוד איז געווען גאָר אַן אַנדערער. ער האָט קודם־כל פאַרשטאַנען אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון קינד, וועקן זיינע פעיקייטן און אַ רצון צום לערנען. איז ער טאַקע געווען אַ גרויסער בעל־הסברה, וואָס איז אויסן געווען אַז דער תלמיד זאָל נישט אַנטלויפן אינעם אלף השׁשׁי, נאָר באַנעמען און פאַרשטיין וועגן וואָס עס רעדט זיך. אפילו צו דער שווערסטער סוגיא אין דער גמרא האָט ער געהאַט זיין אייגענעם דרך און שיטה פון לערנען. געלערנט האָט ער אָפט מיט דער דביקות פון אַ חסיד אָבער זעלטן זיך געפּשטלט. אַ ייד אַ מושלם און אַ מופלג, איז ר׳ אַלטער טאַקע געווען אַ פּעדאַגאָג פון אַ פאַרנעם. אַ חוץ זיין גרויסער בקיאות אין ש״ס און פּוסקים, איז ער אויך געווען באַהאַוונט אין הוויות־העולם, געקענט געשיכטע און געלייענט סאָקאָלאָווס „הצפירה״ מיט גרויס הנאה. ווי אַ בעל־מדקדק, האָט ער פאַרשטאַנען איינצופלאַנצן אין די הערצער פון זיינע תלמידים אַ ליבשאַפט צום תנ״ך און העברעיש בכלל, וואָס האָט פאַרלייגט אַ יסוד פאַר אַ שפּעטערדיקן, גרונטיקן לימוד. צו די אַלע גוטע מעלות, איז ר׳ אַלטער נאָך געווען אַ ווינדערלעכער מעשה־דערציילער, בפרט טאַקע חסידישע מעשיות פון רבּיס און גוטע יידן, פלאַדיקע מסורות וואָס האָבן געכישופט מיט זייער תמימות און צעצונדן די פאַנטאַזיע פון יינגן קינד. איז טאַקע ר׳ אַלטער וולאָשטשעווער נישט בלויז געווען אַ גוטער פּעדאַגאָג, מיט זיין דרך אין לערנען און דערציונג, נאָר טאַקע אַ גרויסער בעל־מידות, אַ צעוואָרעמטער ייד, וואָס האָט מיט ליבשאַפט מדריך געווען זיינע תלמידים אויפן וועג פון אַ שלמותדיקער יידישקייט מיט איר נאַציאָנאַלן באַנעם.

ר׳ אַלטערס השפעה אויף וואָפּטשען און מיר איז געווען באַזונדער שטאַרק. מיט זיין פאַרשטענדעניש פאַר דער נשמה פון קינד און זיין ווויסיקייט אין תנ״ך, געשיכטע און העברעאיש, האָט ער אין אונדז פאַרפלאַנצט אַ גרויסע ליבשאַפט צו דער ירושהדיקייט פון עבר אין אַלע זיינע אַספּעקטן. שוין גאָר פרי, מסתמא נאָך אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, האָט זיך גענומען וועקן אין מיר די ערשטע נטיה צו שרייבן, און טאַקע אויף לשון־קודש, מיטן משכילישן נוסח און שיינע מליצות, ווי מיר האָבן זיי געלערנט ביי ר׳ אַלטערן. עס זיינען געווען די ערשטע, רויע ליטעראַרישע אָנהויבן פון מיר, וואָס האָבן ווי אַלץ דערנאָך געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג ביי מיין חבר וואָפּטשן. אפשר האָט ער גאָר דעמאָלט שטילערהייט באַוווּנדערט מיינע מליצות און ליטעראַרישע יכולתן און זיי געוואָלט אונטערשטיצן. לערנענדיק אַ שטיקל צייט פאַר דער מלחמה אין לאָדז, האָב איך אָנגעהויבן דאָרט ארויסצוגעבן א מין פּעריאָדישע שריפט אין העברעאיש „השבוע״, האַנטגעשריבן מיט אייגענע פעליעטאָנדלעך און אַנדערע צוגעקליבענע מאַטעריאלן און נייעסן פון דער העברעישער פּרעסע. אָט די בכלומרשטע צייטונג, האָב איך צוגעשיקט אַ היים צו חברים און וואָפּטשען בפרט. דער רושם איז געווען אין לשער, ווי תמיד האָט זיך

וואָפּטשע אָפּגערופן מיט גרויס וואַרעמקייט אויף אָט די מיינע קינדערשע און אומגעלומפּערטע ליטעראַרישע התחלות. די דאָזיקע „צייטונג" האָב איך אפילו נאָך ממשיך געווען אַ שטיקל צייט, שוין זייענדיק צוריק אין דער היים נאָך אויסבראָך פון דער מלחמה. וואָפּטשע איז צוגעשטאַנען געמונטערט און דערמוטיקט. זיין איינגעבוירענע געטריישאַפט, זיין ברען צו מעשים האָבן סטימולירט דעמאָלט אַ שפּעטער, און געהאָלפן אָפּט איבערקומען די נסיונות און שוועריקייטן פונעם קליינשטעטלדיקן לעבן.

אַז עס איז אין די ערשטע יאָרן פון דער וועלט־מלחמה אויפגעשטאַנען די גרויסע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג צווישן דער יידישער יוגנט, איז ווידער אַ מאָל דער געטרייער מעשים־דאַרשטיקער וואָפּטשע געשטאַנען ביי מיין זייט, און מיט גרויס ענערגיע און נאָך מער אמתער התלהבות זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. עס האָט דעמאָלט געהייסן צו אַקטיווירן די אינטעליגענטערע יוגנט פון שטעטל, אויפקלערן דעם אָפּגעשטאַנענעם און פאַרגרעבטן טייל, און זיי אַלעמען צוציען צום געדאַנק פון ציוניזם און נאַציאָנאַלער קולטור. אַוודאי זיינען מיר אין דעם פאַרפרומטן, אָפּגעלאָזטן שטעטל געווען יוצא־דופנס, וואָס חסידים און סתם לייטישע מענטשן האָבן באַטראַכט פאַר אפיקורסים און פשוטע לאָבוסעס. מיט גרויס ענערגיע און אַ סך איבערגעבנקייט זיינען מיר מיט אַ פּאָר אַנדערע חברים צוגעשטאַנען צו דער אַרבעט. אויף וואָפּטשעס איניציאַטיוו, און ווי ווייט מעגלעך בסוד, אַז זיין מאַמע זאָל זיך נישט דערוויסן, האָבן מיר אָנגעהויבן זאַמלען די ערשטע גראָשענעס, אויסגעשריבן ביכער אויף העברעאיש און יידיש און די קלאַסיקער פון דער ליטעראַטור. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר מיט אייגענע כוחות פאַרלייגט דעם יסוד פאַר אַ שיינער פאָלקסביבליאָטעק, וואָס האָט באַקרוינט חשיבותדיק דעם לאָקאַל פון אונדזער געשאַפענעם ציוניסטישן יוגנט־פאַריין, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער אינטעלעקטועלער זאַמל־פונקט פאַר דער היימישער יוגנט. אַ שטילער, אַ באַשיידענער בחור ווי וואָפּטשע איז געווען, האָט ער געברענט מיט אַ גרויסער תשוקה צו וועקן די יוגנט, פאַרשפּרייטן צווישן זיי וויסן און נאַציאָנאַלן באַנעם, און דערציען אינעם גייסט פון ציוניזם און יידישער ירושהדיקייט. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אסיפות, איינגעאָרדנט לעקציעס און קולטור־אימפּרעזעס, און דאָס על־פּי־רוב מיט אייגענע כוחות. נישט זעלטן האָט זיך געטראָפן, אַז אַ חסידישער בחור האָט זיך אַריינגעגנבעט אין אונדזער לאָקאַל, אויסגעבאָרגט אַ בוך און אַ מאָל זיך צוגעהערט צו אַ רעפעראַט. אומעטום איז וואָפּטשע נייער געווען דער רוח־החיים, געשלעפּט, געשטויסן, מעורר געווען, און אַליין געטראָגן געוויסנהאַפטיק דעם עול פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אַ צייטלאַנג איז ער געווען דער ביבליאָטעקאַר, ווידער אַ מאָל דער סעקרעטאַר פון פאַריין, אַליין געהאַלטן לעקציעס און גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיכער האָט ער, ווי מיר אַלע, געהאַט אַמביציעס, אָבער איך קען מיר נישט דערמאָנען, אַז ער האָט אַ מאָל געוואָלט שטיין בראש, זיין דער ערשטער. ער האָט זיך געהיטן ווי פאַר אַ בייז אויג און מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט די מאַמע דערפון דערגיין. האָט זי שפּעטער יאָ דערפון געוווּיר געוואָרן, האָט זי איינגעלייגט וועלטן, אַפילו געהאַקט שויבן אין אונדזער לאָקאַל. זי האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף מיר, וואָס איך האָב פאַרפירט איר בן־יחיד, דאָס אויג פון קאָפּ און אים אַראָפּגעפירט פון דרך הישר. וואָס אָבער וואָפּטשע האָט געקענט און געמעגט טאָן, דאָס האָט ער תמיד אויסגעפירט מיט אַ סך אחריות, מיט גרויס געטריישאַפט און אידעאַליסטישן ברען.

באַלד נאָך דער מלחמה, מיטן אויפקום פון דער פּוילישער מדינה, האָט וואָפּטשע פאַרלאָזט זיין היים און אַוועק קיין דייטשלאַנד. אוודאי איז זיין מאַמען געווען גאָר שווער זיך צו שיידן פון איר ליבן בן־יחיד. זי האָט אָבער נישט געהאַט קיין ברירה. זאָל ער גיין דינען אין אַ מדינה וואָס בשעת איר רעגירונג האָט נאָר וואָס געשטעלט די ערשטע טריט אויף דער באַפרייטער פּוילישער ערד, האָבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע פּאָגראָמען און רציחות אויף יידן? אַ סך טאַטע־מאַמעס האָבן אַזוי געטראַכט, בעת זייערע קינדער זיינען אַוועק פון דערהיים. ווי די אַמאָליקע פאַרמשכילישטע ישיבה־בחורים האָט אויך וואָפּטשע איצט געהאַט אַ גרויסן דאָרשט צו לערנען און בילדונג. נאָך לאַנגע וואָגלנישן איז ער אָנגעקומען אויפן יידישן לערער־סעמינאַר אין בערלין ווו ער האָט זיך גענומען מיט התמדה און אַריינגעטוענקייט לערנען, און זיך צוגרייטן פאַר זיין קומענדיקער לערער־פּראָפעסיע. וואָפּטשע איז געווען דער געבוירענער לערער און דערציער. שוין אין זיין פריער יוגנט האָט ער בולט אַרויסגעוויזן אָט די נטיה. אין לערנען יידישע קינדער, זיי מחנך און מדריך זיין אינעם גייסט פון עכטער, קוואַליקער יידישקייט, האָט ער געזען זיין אמתן תכלית און לעבנס־אויפגאַבע. דייטש־יידישע סיסטעמאַטישקייט און זיין אייגענער רייכער קולטור־באַגאַזש פון דער מזרח־אייראָפּעישער ירושהדיקייט, האָבן אים טאַקע בייגעשטאַנען און צוגעגרייט צו זיין אחריותדיקער דערציונגס־פּראָפעסיע. אַזוי גיך ווי ער האָט געהאַט פאַרענדיקט זיין שטודיום האָט אים די בערלינער קהילה אויפגענומען פאַר אַ לערער אין אירע שולן, ווו ער האָט שטאַרק מצליח געווען און אויסגענומען מיט זיין אַרבעט. ווי אַ גענייטער פּעדאַגאָג האָט ער אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַרויסגעגעבן עטלעכע קינדער־ביכער אויף העברעיש, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען אין די יידישע שול־ און דערציונג־קרייזן. צוזאַמען מיט זיין פרוי גוטשע, אויך אַ מאַנדזשעווערין, און זייער טעכטערל אסתר, האָט וואָפּטשע געלעבט אין בערלין רויק און צופרידן, און געזען מזל־ברכה אין זיין אַרבעט.

כשפרצה מחלת החולירע בירושלים והתושבים היהודים היו זקוקים לחיזוק במזון, ביקש עזרה מנדיבי היהודים שבגרמניה, וראשי הכולל העבירו אליו 10,000 מארק לקניית קמח לחלוקה לעניים. אך באין יכולת להשיב ריקם פני נצרכים הוציא על חשבון הכולל 15,000 מארק למטרה זו. הגבאים בחו״ל רגזו כשהודיע להם לאחר מעשה על הגרעון, אך בכל זאת העבירו אליו עוד 5.000 מארק.

בקיץ תרכ״ו, שנת ארבה ובצורת, עזר לאגודת „חברת יהודה וישראל״ שייסד ר׳ חיים צבי שניאורסון, לאגור תבואות להבטחת המזון לעניי העדה בירושלים. וכן הושיט עזרה כספית וארגונית להרב יהושע־ליב דיסקין מבריסק, בייסוד בית־היתומים בירושלים, והמציא דרכים לרכישת הסכום הדרוש להתחלה, לאחר מכן חתם על שטרות בעד הלוואות במזומנים ולרכישת חומרים באשראי ויצא לאירופה לאסוף כספים לטובת המוסד, הכספים שאספו הוא ואחרים לא הספיקו, כי הצרכים היו תמיד מרובים מהאמצעים, ולבסוף נשאר בעל־חוב בסכומים שלמעלה מיכולתו. בהת־חשב באישיותו ובמעמדו לא מכרו הנושים את רכושו לגביית החוב, מאחר שממילא לא היתה ההכנסה מספיקה לכיסוי החובות, וכך נשארו חובותיו אלה רשומים בפנקסים ולאחר כמה שנים החזיר בנו את החוב בתשלומים ל־שיעורים.

הוא הרבה לפעול לטובת מוסדות התורה והחסד ולעזרת נצרכים והיה מכובד בעיני התושבים מכל העדות היהודיות והנכריות וכן בעיני השלטונות המקומיים והזרים.

הוא נפטר בשיבה טובה בירושלים בכ״ה בסיון תרס״ה (1905) אחרי קידוש ליל־שבת בהשאירו אחריו שני בנים: מרדכי שלמה (מראשוני פתח־תקווה ומייסדיה) וחיים אלי־עזר, שהוציא חוברת מיוחדת על חייו ופעולותיו להרמת מצב אחיו. כן השאיר בת אחת, פרידל, רעיית טוביה גולדברגר (ממונה בכולל אונגרן). בני משפחת הויזדורף היכו שרשים ביישוב הישן והחדש ותופסים מקום מכובד בין בוני היישוב העברי בירושלים ובמושבות.

אף פנחס גרייבסקי הקדיש פרק מיוחד לר׳ עזריאל זליג הויזדורף בחוברת ז׳ „מגנזי ירושלים״ (תר״ץ) וכן הוא נזכר בספרים שונים.

סלומון מרקוביץ ממיסלוביץ

(קוים לעסקנותו ולאישיותו)

סלומון מרקוביץ היה אחד האישים המצויינים ביותר בתולדות העיר מיסלוביץ. יהודי בשם ישראל מרקוביץ כבר ידוע היה כאן כחוכר בשנות השמונים של המאה ה־17, אך ברור שהוא לא היה אביו של סלומון. מוצאם של אבות מרקוביץ היה מפראג, כפי שאפשר לראות ממסמך דלהלן: „אנחנו ראשי עיריה וחברי מועצת העיירה מ. מאשרים בזה, שהופיע לפנינו סלומון בן מרק איזאק בן וולף פופר, יהודי מכאן וחוכר בית־מיבשל־בירה, וביקש להעניק לו תעודה מאושרת, שתעיד עליו, כי הוא לא רק תושב מקומי מזה למעלה מ־32 שנים, אלא שהוא גם תושב תם וישר, וכל ימיו התנהג ביושר, ושמוצאו מיהודי פראג, וסבו היה וולף פופר מפראג, שהגיע לכאן לפני למעלה משמונים שנים וכו׳ וכו׳. מיסלוביץ, 10 ביאנואר 1709״.

מתעודה זו אנו למדים, שעוד בשנת 1677 היה יושב במיסלוביץ, ותמוה שעוד בשנת 1692 מדובר הרבה אודותיו בלא להזכיר מלבד זה כלום מתקופה זו. ואם כי אין ודאות שזהו אותו סלומון, שעליו מדובר ב־2 במאי 1687 ואשר נזכר כמה פעמים גם אחר כך, מכל מקום מתעוררת התמיהה על שלא מדובר עליו באותו כבוד כמו מאוחר יותר. יש להניח, שהוא הגיע לכאן בתור נער, ועל כן לא הוזכר. ואלו מאז קיבל את החכירה לרשותו והפך על־ידי כך לאישיות ציבורית, מזכירים אותו פעמים רבות. חכירה זו, שקיבל אותה כנראה רק בראשית שנת 1692, היתה רק התחלה לחכירותיו ולרכישותיו הנוספות בעיר, שבאו מן הסתם לא מעט מתוך הכרת־טובה שרחשו לו אדוני הקרקעות. בשנת 1695 הוא נעשה חוכר של מבשלת־הבירה העירונית, כפי שמוכיח המסמך האמור, וגם את ראשות הכפר החזיק בחכירה, כפי שיוצא מדין־ודברים אחד משנת 1705. הוא רכש לו קרקעות מרובים, עד שהיה בשעתו בעל אחוזה חשוב ביותר.

ב־19 באוגוסט 1693 קנה הזוג מרקוביץ מידי הזוג גריגור וולניק חצי רביעית בהינטרבולינה. ב־12 בדצמבר 1693 קנו מידי הזוג אדם פון דרושובסקי את בית קרוקובסקי בשוק, עם שתי רביעיות שדה בקוזניץ וגורן אחת.

ב־24 באוגוסט 1694 קנו מחצית רביעית שוממה יחד עם הגן. באותו יום קנה מרקוביץ את שדה־ההריש שהיה סמוך

לביתו. ב־28 באוגוסט 1695 קנו הוא ואשתו מחצית רביעית בהינטרבולינה מידי הזוג לורנץ יואכים. ב־3 באפריל 1696 קנו מחצית רביעית בהינטרבולינה מידי האלמנה של אור־באו לסקוביץ, וב־10 בדצמבר 1699 קיבל מרקוביץ כפרעון חוב עוד מחצית רביעית בהינטרבולינה.

כפי שיוצא מהאמור, הוא רכש את החלקות ועוד איזה נכסי דלא־ניידי בשותפות עם אשתו, דבר שלא הוזכר במפורש. הרכישות והחכירות הללו אילצו את מרקוביץ להחזיק הרבה משרתי בית, מבשלי בירה, מכיני מי־דבש שורפי יי״ש ועוד. את ילדיו חינך בעזרת מורי בית.

ב־7 בפברואר 1695 הוא נתקבל לרשות העירונית בתור בעל נכסים שיש להם עניין עם החוק העירוני, ואף הושבע כאזרח. אין למצוא ידיעה בשום מקום, אם הוא נבחר לאיזו משרה מן המשרות העירוניות. לעומת זאת הוא נזכר בין 4 מורשים, שביום 15 בנובמבר 1698 נמסרו לידיהם החשבונות העירוניים לשם ביקורת. מעניין לציין, שהוא בא על החתום על הפרטיכל ביידית, בעוד שיש להניח, שהוא ידע לכתוב גם בפולנית. ברם ידוע, שמרקוביץ היה מכובד מאוד בעיני האזרחים. כבוד זה שהוא היה ראוי לו באמת היה בולט גם בהזדמנויות אחרות; כי בעוד שבלעדיו כונו היהודים בפי הנוצרים בשם „בלתי נאמנים" — הוא צויין בתור „אדון", כמו למשל: „האדון סלומון מרקוביץ היהודי" או רק „אדון סלומון מרקוביץ", ואילו יחד עם אשתו — „האדונים הזוג מרקוביץ". מאוחר יותר הוא נקרא כרגיל סלומון מרקוביץ, רק בשמו הפרטי והמשפחתי כמו כל אזרח אחר. וגם ניתנו לו כל התוארים כפי שהיו נהוגים לגבי יתר התושבים. כגון „האזרח" יתואר־האמונים „שכן" או „חצי שכן", שלא כמו יהודים אחרים, שלכל היותר נקראו בכינוי „אזרח".

הוא לא התבדל משאר האזרחים כדרך שנהגו היהודים בדרך כלל, אלא קיים יחסים מהודקים עם המשפחות המשכילות יותר של האזרחים, כמו עם משפחת דרושקובסקי, שבשנות התשעים היו חוכרי ראשות הכפר ונהנה מאמונם המלא של בעלי הקרקעות.

אין לדעת אם גם באורח לבושו הצטרף למנהגים הכלליים של המדינה. לעומת זה יש לשער שהיה בעל הדרת פנים. שמו נזכר בכתבים הישנים הרבה יותר מאשר שמותיהם של כל שאר התושבים. על היקף עסקיו ומשקו אפשר לעמוד מתוך מפתח מטושטש שהודבק יחד עם דף אחר על כריכתו של ספר פאטנטים. לא ידועה מטרת המפתח, המכיל ידיעות בדבר מצב משקו ועל המחירים של דברים שונים.

השריפה המוזכרת שם, היא כנראה אותה שריפה שנת־חוללה ב־14 בספטמבר 1706 אצל מרקוביץ. ואחרי שהוכח כי האש פרצה אצלו, הוא נידון לשלם נזק של 10 טלר לשכנו זליסניק. ליד המפתח האמור באה ההערה הבאה: נזק זה קם בעקב שריפה שהתחוללה אצלו. בנוסף לזה צויין שהוא אזרח, מאחר שרכש לו בית בעיר. שדות הוא מחזיק בחכירה מידי עניים ומשלם מזה מסים כעשרה אחרים; בהוצאות אלה הוא נושא לפי בקשתנו, שאם לא כן היתה העיירה נכנסת בעול חובות כבדים.

תוך עיון בכתביו אפשר ללמוד, שהיה לו בן אחד בשם יעקב, שנשא לו אשה ממודזיוב, וגם בת נשואה לאחד בשם אהרן וגרה כאן. אף הבן היה חוכר, בלי שנדע באיזה מקום.

מרקוביץ מת, כפי שמסתבר, בשנת 1714. ואופייני הדבר, שמשפחה זו, שנחשבה למשפחה מכובדת מאוד, נעלמו הידיעות עליה לגמרי עם מותו, אולי משום שאי אפשר היה לעסוק בהמשך קורותיה בגלל חוסר שם משפחה; המשפחה עזבה כנראה את המקום ועברה מכאן, משום שאחוזות מרקוביץ ונכסיו החכורים כבר נמצאו ב־13 ביולי 1715 ברשות שלישית. אחד בשם יעקב סימון, שנזכר עוד ב־13 ביולי 1713, קיבל את החכירה ב־1715. ואילו את האחוזה קיבל ב־22 בנובמבר 1746 מיורשו של אחד בשם ויינציק. יעקב סימון (גם בשם יעקב סימילוביץ וגם פסאר־סקי) — כנראה היה מוצאו מהכפר פסארסקי ליד בנדין) היה אבי־אבות המשפחות הקיימות במיסלוביץ בשמות דנ־ציגר, זילברמן ופרנקל. הוא היה מכובד מאוד גם בעיני בני עירו, כפי שמראה המקרה דלהלן: בין יהודי העיר שמעיה וקוצ׳מה, היו פורצים סיכסוכים תדירים והם היו מתדיינים תמיד. המועצה לא ידעה כיצד להסתדר אתם. ולבסוף הביאה אותם לידי כך שיסכימו להיכנע לפסק־דין של יעקב סימון (3 למאי 1748). האחרון מת בשנת 1757 או 1758. אחרי שב־24 באוגוסט 1753 העביר את הבית והשדות — וכנראה גם את החכירה — לבנו אשר. הלה נאלץ כפי שמסתבר מחמת החוק משנת 1780, למסור את החכירה. גם את השדות מכר לחוכר של אז בשם הערגזועל, ולבסוף — גם את הבית. נוגע ממש ללב לקרוא שהישיש אשר — אחרי שנקלע למצב קשה — נאלץ למכור את נחלת אבותיו האחרונה. בחוזה שנחתם ב־25 באוגוסט 1789 הבטיח לעצמו מעון בבית האחורי, שבו יכול היה לערוך עם חבריו לאמונה את התפילות (אז חדר־תפילה של הקהילה היהודית), ואף הבטיח לאשתו את הזכות והרשיון לעסוק במסחר זעיר לפני הבית בכיכר השוק. היו לו ארבעה בנים, שבתנאי התקופה ההיא הצטיינו בהשכלתם יותר מחבריהם. הצעיר שבהם, יצחק, כיהן שנים רבות כסופר העיר (כנראה רק כעוזר). הוא היה אביו של לייבל דנציגר, שהיה מכובד על כולם ומת במיסלוביץ ב־1 בינואר 1859.

יהודי מיסלוביץ לאור עתון אנטישמי

(מקצת היסטוריה פוליטית)

בינואר 1936 היתה מיסלוביץ נחלת פולין העצמאית, ויהודי פולין ישבו במקום היהודים הגרמנים שכנראה הרגישו שתחת כנפי פולין לא יגדל אושרם, והם עזבו את עיר מגורם ועברו לשטח הגרמני, ובמקומם התישבו יהודים ילידי פולין, קבלו לרשותם את מוסדות הקהילה לשעבר עם בית־הכנסת היפה ובית־העלמין ויתר המוסדות והמשיכו לנהל את הקהילה.

ובאותו ינואר הופיעה בגליון ראש־השנה של העתון „פולוניה" האנדקי רשימה הסטורית על יהודי מיסלוביץ. עתון זה החזיק עצמו מומחה לענינים יהודיים שלא פסק מלהטיף לאנטישמיות ולהגברת היסוד הפולני. והנה מה שמסופר בגליון הנ"ל על יהודי העיר הזו:

„אין לדעת במדויק באיזה זמנים התישבו בפעם הראשונה יהודים במיסלוביץ. ידוע רק, שבשנת 1511 לא נסבלו היהודים, ועד לשנת 1560 לא היתה ליהודים כל זכות לשבת בעיר ולעסוק בה במסחר. ורק בשנת 1560 נמצאים בעיר יהודים שעסקו במסחר. אחד היהודים הראשונים במיסלוביץ היה אחד בשם אהרן משה, חוכר, שהיה שנוא על אזרחי המקום. ובכל זאת היה הנוער המיסלוביצאי אוהב לבלות תמיד אצלו.

בקץ המאה ה־16 גורשו ממיסלוביץ שש משפחות יהודים בנות 62 נפשות ללא כל רשות לחזור. הסיבה לכך היתה: הטלת אשמה על היהודים ברצח ילד נוצרי. בקשר לכך אף נרצחו יהודים רבים. היהודים שגורשו מהעיר לא התחשבו באיסור וחזרו לעיר, הקימו להם בתים, ואף הצליחו לשים מגורם במרכז העיר.

בשמחה רבה ממשיך מחבר הסיפור לספר, שעד לאותה תקופה, עד לשנת 1600, אסור היה ללוות כסף ליהודים, וכן אסור היה למכור להם קרקעות, להעסיקם במשרות צי־בוריות, וכן נאסר עליהם להתקשט בחרבות זהב ופסים, ועליהם היה לשאת בגדים מיוחדים, בגדים צהובים, או בירטות. והמחבר ממשיך לצטט:

„ורק בקץ המאה ה־17 קבלו היהודים זכויות עירוניות. הכמרים המקומיים התרגזו אז על מתן הזכויות הללו ליהודים. ובמיוחד מחה נמרצות הכומר דאז סורובקה נגד מתן זכויות ליהודים.

אחרי שלזיה עברה לפרוסיה נעשו היהודים לאזרחים פרוסיים לויאליים. הם הלשינו על הנוצרים. הלשנה כזו נעשתה אז נגד הנוצרי יוריציק שנידון על בגידה במולדת לעונש מות. המלשין היה אחד בשם משה איזאקוביץ, שמסר אז נוצרים רבים לידי המשפט הפרוסי. איזאקוביץ עצמו נהרג אחרי זמן מה בקרדומים בביתו ובני משפחתו הוכו עד שפך דמם. מאז החלו בשלזיה פרעות נגד היהודים, אך הן נתקלו בהתנגדות מצד גדודי הצבא הפרוסי.

העתון, בהמשיכו לתאר את המאורע ה„הסטורי" איך התפתחו הפרעות ומאורעות־הדמים, בא לידי סיכום תוך שמחה, שיהודים החלו לעזוב את מיסלוביץ יותר ויותר.

כיום מונה מיסלוביץ כ־300 יהודים. רובם המכריע עבר לשבת בערים הסמוכות קטוביץ וכוז'וב. יהודים רבים עברו לגור באזור זגלמביה, ומהם עברו לא מעטים לפלשטינה, שלשם לקחו אתם קפיטלים גדולים. בחודש נובמבר 1935 חוסלו עוד שני בתי־מסחר יהודים במיסלוביץ. עם כל יום הולך ופוחת מספר היהודים במיסלוביץ, ובמשך הזמן יש לקוות לא יישאר בעיר זו אף יהודי אחד, והם יעברו משם רק למקומות ששם מקוים הם להצליח בעסקים יותר טובים.

★

„היסטוריה" זו נתגלגלה לאחד הגליונות של השבועון היהודי „זגלמבייר צייטונג" שהופיע בבנדין (כב טבת תרצ"ו — 17 ינואר 1936), והעורך הוסיף הערה. שעל העורך של הסקירה ההסטורית הזו המביע את ששונו הגדול לעובדה שבקרוב תהיה מיסלוביץ נקיה מיהודים להיות עקיב ולהשפיע על מוציאי ה„פולוניה" שלגמרי לא יקבלו מודעות מיהודים (כמו למשל מודעה של עורך־דין יהודי שנדפס באותו עמוד שנדפס בו המאמר המסית נגד יהודים). הרי התוצאות לכך יכולות לגרום, שגם מקאטוביץ יצטרכו הסוחרים היהודים להגר משם...

אחרי מלחמת־השמד של הגרמנים הנאצים חרבה גם הקהילה היהודית במיסלוביץ. אף גם מפלגת האנדקים פסקה להתקיים, ובמקומם משתוללים רוחות השולטים ב־פולין הקומוניסטית השמים ללעג את שאיפות האנדקים לשעבר לפולוניזציה ולהלאמת הכלכלה. הפולנים משועבדים כיום לסוציאליזם הסטאליניסטי המצטיין באימפריאליזם עוד יותר מהמשטר הצארי. ואף פולין נאלצה לוותר על פלכי חלם ושדליץ שעברו לבולשבים הרוסיים.

דאס יידישע סטשעמישיץ

פון **זאנדער**, בן הרב מסטזשעמישיץ

א. די יידישע קהילה.

דער אנהויב פונעם יידישן ישוב אין סטזשעמיעשיץ האט זיך אנגעפאנגען ארום דעם צווייטן העלפט פון דעם פאריקן יארהונדערט. די ערשטע יידן האבן באווינט די געגענט ארום די אזוי־גערופענע ווינער סטאציע. דאס איז געווען די באן־סטאציע פון די ליניע ווין—קראקא—ווארשא.

נאך א סיבה פאר די ערשטע אנטוויקלונג פונעם ישוב אויף דעם ארט איז געווען די גרויסע און איינע פון ד ערשטע כעמישע פאבריקן אין פוילין „סטרעם", פון וועלכער די יידן האבן דירעקט אדער פון די ארבייטער פון דער פאבריק געצויגן זייער חיונה.

דאס יידישע לעבן איז געווען קאנצענטרירט ארום ר' נחום ענגלארד ז"ל'ס „הויף", ווי ער האט געהאט א בית־המדרש, הכנסת־אורחים און די מקוה — אלעס צוזאמען.

ר' נחום ענגלארד ז"ל איז געווען פון די יחידי־סגולה אין פוילין וואס זענען געווען געבענטשט מיט „תורה וגדולה במקום אחד". נישט ווייניקער בארימט איז געווען זיין פרוי הינדעלע מיט איר צדקה ומעשים־טובים. א ספעציעלע ברכה האבן זיי געהאט צו האבן גוטע קינדער, צווישן וועלכע הרב ר' ישעיהו זצ"ל פון סאסנאוויץ און ר' יחזקאל טויב ז"ל — א גרויסער תלמיד־חכם און בעל־צדקה. זיי האבן זיך מתחתן געווען מיט אדמו"רים און די־שענסטע יידן פון פוילין.

ביים אנהויב פון הייננטיקן יארהונדערט האט מען אנגעפאנגען צו בויען די באן־ליניע סאסנאווצע—קיעלץ—איוואנגראד מיט א רעמיזע וועלכע האט באשעפטיגט בערך 2000 ארבייטער, און עס האט זיך אנגעפאנגען אנטוויקלען דא א יידישער ישוב. עס האט נישט לאנג געדויערט און די אזוי־גערופענע איוואנגראדער גאס האט איבערגעשטיגן מיט די צאל די ווינער־גאס. די יידן דא האבן געבויט א שיל (בית־המדרש) און די מקוה מיט אלע כלי־קודש.

אין יאר 1922 איז געגרינדעט געווארן א זעלבסטשטענדיקע יידישע גמינע וועלכע האט געציילט צוזאמען מיט דעם גליל ווי נימצעס, גראניץ, קאזשימיערש און גאלאנאג בערך 500 משפחות. סטשזשעמיעשיץ האט אין מיניאטור מיט זיך פארגעשטעלט דאס אימפולסיווע יידישע לעבן אין פוילין. טראץ דעם וואס די יידישע באפעלקערונג איז געווען פארטיילט אין חסידים, בעלי־בתים, מזרחים, ציוניסטן און ארבייטער — זענען זיי דאך געווען ווי איין משפחה.

סטזשעמיעשיצער יידן האבן זיך אויסגעצייכנט מיט גמילות־חסדים אין א קאלאסאלע מאס.

ב. הרב שלמה דוד זאנדער ז"ל, ערשטער סטזשעמיעשיצער רב.

געבוירן אין יאר תרל"ה (1874) אין א קליין שטעטל גארשקאוויץ ביי ראדאמסק, פיעטריקאווער גובערניע. זיין פאטער ר' זאב־וואלף זאנדער האט געהאט א משפחה פון 6 קינדער, 2 ברידער און 3 שוועסטערן. איינער פון די ברידער ר' משה שו"ב איז געזעסן אין קלאבוצק און טשענסטאכאוו. ר' זאב־וואלף זאנדער איז געווען א חסיד פון בעל „חסד לאברהם" דער ראדאמסקער רבי זצ"ל.

שוין אלס יינגל האט ער ארויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן אין לערנען, ספעציעל זיך אויסגעצייכנט מיט התמדה בלימוד, און אלס יונגער בחור געפארן לערנען צום בארימטן בעלכאטאווער רב ז"ל, ווי עס האבן דאמאלס געלערנט דערוואקסענע בחורים מצויינים בתורה. ער האט אויך געלערנט ביים קאמינסקער רב הרב שטיגליץ ז"ל.

אין יאר תרנ"ו (1895) איז ער געווארן דער איידים פון ר' פינחס פוקס ז"ל פון סטערטשעוו ביי פיעטריקאוו. ר' פינחס איז געווען א שארפער גערער חסיד. די באבע האט געשטאמט פון ראדאשיצער הויף. דארט האט ער געגעסן קעסט אייניקע יאר און געלערנט בהתמדה, און אין די צייט האט ער באקומען היתר־הוראה פון באוווסטע רבנים וגדולים, צווישן וועלכע עס געפינט זיך הרב ר' לייביש פשעדבארזשער זצ"ל.

אייניקע יאר איז ער געווען מו"ץ ביים קלאבוצקער רב זצ"ל (דער קלאבוצקער רב איז געווען פון ראדאמסקער הויף) ביי אים אין בית־דין שטוב. דארט האט ער געלערנט א שיעור מיט דעם לעצטן אדמו"ר ר' שלמה־העניך־חנוך הכהן הי"ד מראדאמסק.

אין קלאבוצק איז געבוירן געווארן זיין זון דער מ"מ הרב ר' משה פינחס הי"ד. מען האט אים גערופן מיט ליבע „פינטשע".

אין יאר תרנ"ד (1903 איז ער אנגעקומען קיין סטזשעמיעשיץ מיט די הסכמה פון אדמו"ר בעל „כנסת יחזקאל" מראדומסק זצ"ל אלס מו"ץ, געווינט אויף די ווינער גאס, נאענט צו ר' נחום'ס הויף, דארט האט ער מרביץ תורה געווען, בחורים פון סטזשעמישיץ און ארום זענען געקומען לערנען שיעורים.

נאָך די ערשטע וועלט־קריג ווען דער ישוב האָט זיך אנטוויקלט אויף די איוואַנגראָדער האָט ער זיך דאָרט אהין אריבערגעצויגן כדי צו זיין צוזאַמען מיט דעם רוב יידן און נאָענט צום שטאָטישן בית־המדרש.

אין די צייט האָט די סטזשעמיעשיצער יידישע קהילה געהערט צו די יידישע קהילה אין בענדין. דאָס איז געווען אפיציעל. אָבער פאַקטיש האָט דאָס סטזשעמיעשיצער יידנ־טום און דער סטזשעמיעשיצער רב ז״ל פונקציאָנירט אין זיין קהילה זעלבסטשטענדיג.

עס איז ווערט צו פאַרצייכנען, דאָס דער סטזשעמיעשיצער רב ז״ל איז געווען זייער, זייער באַפריינדעט און אַ בן־בית געווען פון רב ר׳ יששכר־בער גרויבאַרט ז״ל מבענדין. אייניקע שאלות געפינען זיך אין בענדינער רב׳ס ספר „דברי יששכר״.

אין יאָר 1922 איז דורך די פּוילישע רעגירונג, בענדינער פּאָוויאַט, געגרינדעט געוואָרן אַ זעלבסט־שטענדיקע קהילה (גמינא) און די רעגירונג האָט אָנערקענט דעם הרב ר׳ שלמה דוד ז״ל אלס אפיציעלן רב פון סטזשעמיעשיץ און דעם גליל אָהנע אלגעמיינע וואלן, נעמענדיק אין באַטראַכט די לאַנגע צייט פון זיין דינסט פאַר די קהילה ווי אויך די אלגעמיינע צופרידנהייט.

אין יאָר תרצ״א (1931) איז הרבנית שרה־פייגע ע״ה קראַנק געוואָרן, און דאָס האָט גורם געווען דאָס דער רב האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן און נפטר געוואָרן י״ח אדר תרצ״ב און נקבר געוואָרן אין בית־עלמין אין קראָקא. הרבנית שרה פייגע ע״ה איז נפטר געוואָרן ו׳ תשרי תרצ״ג (1932).

אין די „הויכע וועלטן״ אין סטשעמישיץ

פון **יחיאל שטערן**

פון פאַרטאָגס האָט מען שוין געפילט אין שטעטל דעם ערב־שבת, די מאַמעס מיטן גרויסן עול פון צוגרייטן דעם שבת, וועלכע האָבן נאָך אָנגעהויבן פון דאָנערשטאָג ביינאַכט. און פון פרייטאָג פאַרטאָגס האָבן זיי שוין אָנגע־הויבן אונטערטרייבן די טעכטערלעך מיט די פאַרשידענע שליחותן. און עס איז פאַראַן ווי צו שיקן. עפּעס אַ קלייני־קייט: לויפן צום שוחט מיטן עופ׳לה לכבוד שבת, צום בעקער מיט די חלות און כוטערקוכן, און צו חיה׳לע דוד מלמד׳ס אָדער אין שפּייז־געוועלבל נאָך פאַרשידענע קלייני־קייטן וואָס עס פעלט צו ווי אַ ציבעלע, אַ שטיקל צימערינג, אביסל באַבקע בלעטער צו די קוגל. די מאַמעס האָבן דאָך נישט קיין צייט צו דעם. מיט די פאַרדרייטע פאַטשיילע אויפן קאָפּ שטייט זי ביים אנגעגליטן אויוון פון קוילן. און מען מוז שנעל קאָכן און טוישן די פייערקעס און אכטונג געבן עס זאָל חלילה נישט צו ברענען. מען קאָכט טאָקע נישט ווי אַגוי קיין גרויסע טעפּ צו פרעסן, נאָר אַלעס צו ביסלעך לכבוד שבת. די פיש קאָכן — דאָס איז אַ ספּעציעלע קונסטאַרבעט. דאָס מוז זיך איינקאָכן לאַנגזאַם זאַפטיק מיט די מערלאַך און מאַנדלען און צוקער אין די פיש יאָך, מיט צוקער באַבעס אויף פרייטאָג צו נאַכטס, אַביסל הינער־יויך מיט לאָקשן, מיט אַ ביסל מערן־צימעס, און דעם טשאָלענט פון געריבענע קאַרטאָפל אָדער פון פּענטשאַק מיט אַ פּעטער קישקע, צוגעגרייט מיט דעם ספּעציעלן טעפּל וועלכע וואַרט אַגאַנצע וואָך צו דעם תפקיד מיט דעם ספּעציעלן בענדל פאַר אַ סימן נישט צו פאַר־טוישן ביים בעקער. די טעכטערלאַך וויסן שוין זייער אויפגאַבע און לויפן דורך די גאַס אויספירן זייער שליחות.

אין די מיטאָג־שטונדן שמעקט שוין פון אַלע הייזער מיט די שבתדיקע מאכלים. געלויבט צו גאָט באַווייזן אַלע אַרבעטן. עס איז נאָך געבליבן אויסצוואַשן די קעפּלאַך פון די מיידלאַך מיט באַבעלעך־וואַסער אָדער נאַפט אַז די האָר זאָלן גלאַנצן אין די פאַרנאַכאַ שטונדן. ווען די זון זעצט זיך שוין אונטער די בוימער פון דאָקטאָר ביאַליס־טאַצקיס גאָרטן איילן זיך די גוים שוין אהיים מיט זייערע קניות פון די געשעפטן. די יאַטקעס, זענען שוין פאַרמאַכט. פינילע מיטן פערדל און וועגעלע האָט שוין געענדיקט צו טיילן דאָס ווייסע זאַמד אויסצושיטן אויף די פאַדלאָגעס. עס הויבט זיך שוין אונטעררייקן דער בין־השמשות, כאָטש אין מקוה געסל איז נאָך דער רעש גרויס.

דער אַלטער פאַלטאַראַק מיט יענקל פּילצער גייען שוין פון די מקוה פאַרשוויצטע אויפגעשטעלט דעם קאָלנער. עס טראָפן די הייליקע טראָפּנס פון די בערד. רבי בעריש שוחט מאַכט שוין זיין שטענדיקן ערב־שבת שפּאַציר אין אַלע געשעפטן. אין ווערטער שטעקט ער אַריין דעם קאָפּ. דאָס איז בעסער ווי צען פּאָליציאַנטן אַז מען דאַרף שוין פאַרמאַכן. איינס נאָך איינס פאַרמאַכן זיך די טירן אויף די אייזערנע פּרענטן. דאָס גאַנצע שטעטל ווערט באַדעקט מיט אַ שבת־מלכה דעק. פון אַלע פענצטער און פענצטערלאַך קוקן אַרויס די שבת ליכט ווי די מאַמע אַ באַדעקטע מיט דעם נייעם קאָפּ־טיכל, מיט דעם באַדעקטן אויסגענייטן טישטעכל באַדעקטע חלות מיטן פלעשל ראַזשינקע־וויין. די מאַמע האָט מיט גרויס כוונה און מיט טרערן באַדעקט

מיט די הענד די אויגן, געבענטשט די ליכט און זיך אויסגעדרייט צו די קינדער זאָגנדיק: גוט שבת, מיט פאַרגעניגן זיך אומגעקוקט צו די ליכטיקע שטוב און זיך אוועקגעזעצט צו די צאינה־וראינה.

די בעלי־בתים אויסגעפוצט מיט ווייסע העמדער מיט די זיידענע זשופּיצע וואָס דער שווער האָט געמאַכט ביי לייביש שניידער צו די חתונה מיטן נייעם קיילעכדיקן זיידענעם היטל, פירנדיק די יינגלאך ביי די הענד גייען זיי אין בית־מדרש אַריין אָדער אין די שטיבלאַך צום דאַווענען. עס הערט זיך דער לכו־נרננה מיט דעם געדרייטן ניגון, ווי דער גאַנצער עולם העלפט אונטער, לויפנדיק דערביי אהין און צוריק. נאכן ענדיקן דאָס דאַווענען איילן אלע אהיים מקבל זיין די מלאכי השרת, ווי נאָך די שענערע בעלי־בתים שלעפּט זיך נאָך אַ אורח אויף שבת. די לבנה וועלכע איז שוין ארויסגעקראָכן פון איר באַהעלטניש, באַגלייט זיי דורך די גאַנצע אַלעע לעבן די אַלטע פּאָליציי סטאַציע. מען רעדט וועגן דעם בעל־תפילה ווי ער האָט זיך היינט אויסגעצייכנט. מיט א ברייטן גוט שבת פלאצט מען אריין אין שטוב.

ארויף און אַראָפּ גייט ־ער בעל־הבית אין שטוב און די יינגעלאך נאָך מיט דעם ברייטן שלום־עליכם ניגון, צופּאטשנדיק דערביי מיט די הענד, צום קידוש שטייען אלע מיט כבוד. דער טאַטע קוקט אריין אינעם בעכער אויב עס געפינט זיך נישט דאָרט אַ שטויבל. ער גיסט אָן ברוב כוס. דער עלצטער זון שטעלט אים ארויף דעם בעכער אויף די האנד. יום הששי הערט זיך אין די גאַנצע שטוב ווי דער עכא קלינגט אין די גאַנצע גאס, און די מלאכי־השרת כאפּן עס אונטער. און אינמיטן די סעודה זינגט מען די זמירות און די שטימען פון די יינגעלאך מיט די מעשענע שטימעלאך קלינגען פון דער ווייטנס ווי גלעקלעך.

לאנג ציט זיך די פרייטאג־צונאכט־סעודה ביז אלע פאלן אוועק מידע צו שלאָפן. און דער טאַטע מיט די שפּאקולן אויף די שפּיץ נאָז ווערט אנטשלאָפן ביים ספרל אויפן טיש.

ב. סוכות און שמחת־תורה.

מען האָט ערשט געענדיקט די תפילות נעילה פון יום־כיפור אין בית המדרש און פון קלאפּן על־חטא. דער עולם איז מיד פון שטיין א גאַנצן טאָג אויף די פיס, פון פאסטן און פון די היץ, און די ריחות פון די חלב־ליכט. דער חזן יוסל זייגערמאכער טוט שוין אויס דעם פארשמאָלצענעם אויסגעווייקטן קיטל פון אַ גאַנצן טאָג דאַווענען. די קליינע חברה שטייט שוין אין דרויסן קוקנדיק אין הימל נאָך די שטערן. אויף דער שנעל כאַפּט זיך עמיצער צום עמוד אראָפּצוכאַפּן אַ מעריב. דער עולם לייגט צו די טליתים. מען ווינשט זיך אַ גוט יאָר. מהאָט היינט באַזיגט דעם שטן. מ׳איילט זיך אהיים, דער עלטערער עולם שטעלט זיך מחדש זיין די לבנה, ווי מ׳טאַנצט איר אַקעגן שלום־עליכם — עליכם־שלום, און באלד נאָך דער הבדלה און קידוש מאכן גייט מען שנעל מקיים זיין נאָך אַ מצווה: אַריינקלאַפּן אַ פלאָקן אין די סוכה. און צומאָרגנס זוכט מען צוזאמען מאַטעריאַל, ווי אַ ברעט פון אַ קאַמער, אַ אַלטע טיר, אָדער אַ ברעט פון מינילע בעל־עגלהס וואָגן. דאָס קלאַפּעריי הערט זיך ווי ווייט. און צו ענדע, ווען אַלעס איז שוין געענדיקט, און עס פעלט נאָר ארום צו הענגען מיט ליילעכער, קומט צו הילף דער שכן לוזער שאנצער, וועלכער וויל נישט מוותר זיין אויף די מצווה פון זיך מתעסק זיין מיט דער מצווה און ער קלאפּט אַריין אַ טשוואָק, און ווי שטן להכעיס ווערט ער שטענדיק צובויגן. די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן. דער עולם גייט שוין צום דאַווענען. די מאמעס טראגן אריין די שענסטע לייכטערס וועלכע האָבן זיי אנגעפוצט מיט אש און זאמד לכבוד די סוכה. די טעכטער מיט די אויסגעצוואוגענע קעפּלאַך און גלאנציקע האָר גייען נאָך צוקוקן ווי די מאמע בענטשט ליכט, און נאָכן ברייטן קידוש וואָס עס מאכט יעדער שכן באזונדער טראָגט מען ארויס דאָס בעסטע עסן וואָס מהאָט קאָנקורירט מיטן גרעסטן קאָפּ פיש. דער אלטער פאלטאראַק הויבט אויף די חלה בעת די ברכה מיט פארמאכטע אויגן און נאכהער שניידט ער אָפּ א מוציא איבער די גאנצע לענג פון די גאַנצע חלה, ווייל ער ווייס נישט גענוי די מאָס פון א כזית וואָס מען מוז אויפעסן כדי יוצא צו זיין. אַזוי איז מען געזעסן ביז שפּעט און דערציילט מעשיות.

אָבער ווען עס קומט שמחת־תורה איז עס אַ ספּעציעלע זאַך אין שטעטל. דעם טאָג איז אַ מצווה צו זיין שיכור. פון אָן דער פרי איז אַ געלויף הין און צוריק פון בית־המדרש און שטיבלאַך. מעז דאַווענט און מען עסט. און ווער עס האָט די זכיה זיך משתתף צו זיין ביי דעם קידוש ביים פעטער אברהם און טשאטשע לאה רויטמענטש וועלכער האָט שוין אַ חזקה צו קויפן חתן־תורה רעכנט עס פאר אַ גאָר הויכע מדרגה. סאיז געווען פיש, טשאָלנט מיט אנגעפילטן מאָגן מיטן קנאפּ, מיט מעל און פעטס, און ווער רעדט פון לאָקשן־קיגל און שמאַלץ־קיגל און צימעס — דאָס אלעס נאָכן קידוש פון דעם גוטן ראזשינקע־ווין אליין אַנגעשטעלט און ביר „כיד המלך” אנגעצאָפּט פון פאָס מיט גרויסע גלעזער.

אויך אנדערע בעלי־בתים שטיין נישט אָפּ. מען גייט פון שטוב צו שטוב און מען מאכט קידוש. די גאַנצע ווארשאווסקע גאס איז לעבעדיק. יידן מיט פארדרייטע היטלאך מיטן דאשעק פון הינטן, און די קאפּאָטע אויף די לינקע זייט — טאנצן אין דער גאָס. אפילו דער אלטער פּראשקע איז שיכור דעם טאָג.

רבי יצחק נחום ענגלארד פון סטשעמישיץ

אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט אין זאַגלעמביע און פוילן

סטשעמישיץ איז אַ אַלט דאָרף זייט הונדערטער יאָרן, און יידן האָבן דאָרט נישט געוווינט. די היסטאָריקער בעהויפּטן אַז סטשעמישיץ עקזיסטירט אַלס דאָרף נאָך פון 15טן יאָרהונדערט, און געהאַט פערשידענע נעמען. זי איז געווען איינגעטיילט אין גרויס און קליין סטשעמישיץ און ביידע זענען געלעגן ביים טייך ראקאווקא (אצופלוס צום טייך פשעמשא). סטשעמישיץ געפינט זיך 6 וויארסט פון דאמבראווא־גורניטשא. ערשט ווען סזענען געגרינדעט גע־וואָרן אין איר אייניגע פאַבריקן האָט זי אנגעהויבן וואַקסן, און ס׳איז אין איר אַנטשטאַנען אויך אַ יידישער ישוב. דאָס אָרט איז געוואָרן א בעדייטנדער קנאַטן־פּונקט פון צוויי הויפּט־באַנען אין פוילן: פון די ווארשע־ווינער באַן, און פון די איוואַנגראַדער—דאָמבראָווער באַן־ליניע, און געווען נאָענט פון גרענעץ־סטאַציע גראניצא. דער פוילישער אלטער היסטאָריקער דלוגאש דערמאָנט שוין סטשעמישיץ אלס בע־קאַנט דאָרף אין פוילן. אַדאַנק די ענטוויקלונג פון סטשע־מישיץ אלס קאָמוניקאַציע־פּונקט האָט זיך דער יידישער ישוב אין איר שטאַרק אנטוויקלט, און סהאָבן דאָרט געוווינט אנגעזעענע חסידים און פאבריקאַנטן מיט סוחרים, אויסער פארשידענע בעלי־מלאכות.

מען קען ניט רעדן וועגן יידישן סטשעמישיץ ניט דער־מאָנעדיג דעם נאָמען פון דעם אריסטאקראטיש־חסידישן גביר ר׳ יצחק נחום ענגלארד, וואָס אַ דאַנק אים איז דאָס שטעטל געוואָרן בארימט אין די יידישע פוילישע וועלט בכלל און אין דעם גרויסן זאגלעמביע בפרט. קודם כל דאַרף מען וויסן פון וואָס פאר אַ אָפּשטאם די משפחת ענגלארד איז געווען. ר׳ יצחק נחום איז געווען אַ בעלדינער און אַ זון פון אַפּאַרצווייגטע אָנגעזעענע יידישע משפחה אין פוילן פון גרויסן רבנישן יחוס. דער ראש פון די משפחה איז געווען הרב הגאון הגדול ר׳ מאיר ענגלארד אבד״ק שידלאָווצע אין פוילן וואָס איז געווען א איידעם פון הרב הגאון ר׳ יצחק מייזעלס אב״ד אין קאמיניץ־פּאַדאָלסק (מחבר ספר „חוסן ישועות״) וואָס איז געווען דער פאָטער פונם באַוווסטן גאון הדור רבי דוב בעריש מייזעלש אבד״ק קראקא און וואַרשע. ר׳ מאיר דער שידלאָווצער רב האָט געהאַט אַ זון הרב בנימין ענגלארד וואָס איז נפטר געוואָרן זייער יונג און איבערגעלאָזט פיר קליינע זין יתומים, דער עלצטער איז געווען ר׳ יצחק נחום ענגלארד, דער צווייטער — ר׳ שבתי, דער דריטער — ר׳ יהודה לייב, דער פערטער — ר׳ אברהם דובער. אלע פיר ברידער האָבן זיך קונה שם געווען, און יעדער פון זיי האָט געוווינט אין אַ אַנדערע שטאָט: ר׳ נחום אין סטשע־מישיץ. ר׳ שבתי אין לאָדז, ר׳ לייב אין סאָסנאָוויץ און ר׳ אברהם בער אין פיאטרקאוו, און יעדער איינער האָט פארנומען אַ וויכטיגן פלאַץ אין זיין שטאָט. יעדער באַזונדער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מדות טובות און געצויגן די אויפמערקזאמקייט אין די געזעלשאַפט. ר׳ בנימין — דער עלצטער זון פונם שידלאָווצער רב — איז געוואָרן אַ איידעם פונם בעוווסטן חסיד מחשובי העיר אין בענדין ר׳ משה הערש פישל, איינער פון די חשובע חסידי ראדאָמסק און נאָך געפאָרן צום בעל „תפארת שלמה״. ר׳ בנימין איז געווען אַגדול בתורה און נפטר געוואָרן גאַנץ יונג נאָך ביים לעבן פון זיין פאָטער דער רב. נאָך זיין פטירה זענען זיינע קינדער ערצויגן געוואָרן ביי זייער גרויסן זיידן דער רב וואָס האָט פון זיי קיין אויג ניט אָפּגעלאָזט, כאָטש זיי האָבן זיך געפונען ביי זייער מוטער אין בענדין, און זיי זענען ערצויגן געוואָרן על ברכי התורה. דער באוווסטער גאון הרב בעריש מייזעלש, דער ווארשעווער רב, איז אמאָל ספּעציעל געקומען קיין בענדין באזוכן די קינדער. ער איז דאַך געווען דער שוואָגער פונעם שידלאָווצער רב און אַ פעטער פון די קינדער, און ער האָט זיך מיט זיי זייער אינטערעסירט.

ר׳ נחום איז נאָך אלס קינד געווען ביים „תפארת שלמה״ אין ראדאָמסק, און ס׳איז באַוווסט אַז דער שידלאָווצער רב האָט אמאָל נחומען (דאמאָלט אַלט געווען זעקס יאָר) מיטגענומען קיין ראדאָמסק צום רבי. ביים געזעגענען זיך האָט אים זיין זיידע ר׳ משה הירש אריינגענומען צום רבי ביים אָפּגעבן דאָס קוויטל, און בעת דער „תפארת שלמה״ האָט אים געזעגנט האָט ער דעם קליינעם נחום געגעבן אַ שטיקל לעקיך, ווי סהאָט זיך דאַמאָלס געפירט, און נחום האָט געבעטן דעם רבי ער זאָל אים געבן נאָך אַשטיקל לעקיך, דאָס הייסט, אַז ער האָט פאַרלאַנגט אַ דאָפּעלטע פּאָרציע. האָט אים דער „תפארת שלמה״ געפרעגט: פאַר וועמען דארפסטו האָבן נאָך אַשטיקל, האָט נחום געענטפערט, אַז ער וויל דאָס פאר זיין ברודער שבתי וואָס איז אין דער היים ביי די מוטער אין בענדין. דער רבי איז שטאַרק נתפעל געוואָרן פון נחומען און געזאָגט אויף אים: דאָס איז אַקינד, אַזוי צו געדענקן אין זיין ברודער וואָס איז אין דער היים: דער רבי איז נתפעל געווען פונם קינד וואָס האָט זיך ניט פאַרלוירן אין ראדאָמסק ביים רבי, בעת סזענען געשטאַנען הונדערטער יידן אונטער די טיר, דאַן איז

געשען פאָלגענדעס: דער „תפארת שלמה" האָט געעפנט זיין טאַבאַק־פּישקעלע וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט און געזאָגט צו אים: אַזוי ווי עס פעלט דאָ ניט קיין טאַבאַק, אַזוי זאָל דיר קיינמאָל גאָרניט פעלן! דאָס איז געווען די ברכה פונם גרויסן ראַדאָמסקער רבי וואָס ער האָט געגעבן דעם קליינעם נחום ווען ער איז אַלט געווען נאָר זעקס יאָר. און אַזוי איז נחום געוואַקסן בדרכי החסידות ביי זיין גרויסן ראַדאָמסקער רבין און נאָכהער געוואָרן פון די באַוווסטע צווישן ראַדאָמסקער עולם. זיין זיידע דער שידלאָווצער רב האָט אים ערצויגן על ברכי התורה.

נאָכדעם וואָס נחום איז געווען ראוי לחופה, איז ער געוואָרן אַ איידעם ביים באַקאַנטן חסיד ר' ידידיה פּיש פון קשוינז, דער פאָטער פונם באַוווסטן גאון רבי ישעיה'לע קשוינזער וואָס איז געווען אַ שוואָגער פון גערער רבי דער „שפת אמת". ר' נחום, כאָטש ער איז געווען אַתלמיד־חכם ומגזע רבנים און גאונים פון אייניגע דורות — האָט זיך אויסגעקליבן זיין אייגנאַרטיגן לעבנסוועג, און זיך געוואָלט אויסלעבן אַלס פשוטער ייד. זייענדיג כפוף אַלס חסיד צו זיין ראַדאָמסקער רבי דער „חסד לאברהם", האָט ער באַשלאָסן צו טוען אַזוי ווי דער רבי הייסט. און דער רבי האָט טאַקע געהייסן קובע מקום זיין אין סטשעמישיץ.

נחומ'ס פרוי, הערנדיג דעם רבינס באַשלוס וועגן באַזעצן זיך אין סטשעמישיץ וואָס איז דאַמאָלס נאָך געווען אַ דאָרף, איז ניט געווען שטאַרק אַנטציקט פון דעם, און זי האָט באַשלאָסן אַליין אַריינצופאָרן קיין ראַדאָמסק צום רבין און זאָגן אים אַז זי איז ניט שטאַרק דערפאַר. קומענדיג קיין ראַדאָמסק האָט זי ערקלערט דעם רבין אירע ספיקות וועגן באַזעצן זיך אין אַ דאָרף, און דער „חסד לאברהם" האָט איר געענטפערט בזה הלשון: איר דאַרפט וווינען אין סטשעמישיץ ווייל מען דאַרף אייך דאָרטן האָבן, אַזוי איז געווען דעם רבינס תשובה צו ר' נחומס פרוי.

ר' נחום ענגלארד, דער שאַרפער און איבערגעבענער חסיד פון ראַדאָמסקער רבין, ווי אויך זיין פרוי די צדקת, האָבן ענדליך פאַרשטאַנען דעם מיין פונם רבינס ווערטער און זיי האָבן זיך באַלד באַזעצט אין סטשעמישיץ. די ווערטער פונם רבין מיט די ברכות זענען מקויים געוואָרן. קומענדיק קיין סטשעמישיץ האָט ר' נחום אָנגעהויבן בויען זיין הויז מיט אַגרויס בית־המדרש, ניט בלויז פאַר זיך נאָר אויך פאַרן קהל, מיט אַ מקוה, ווי אויך באַזונדערע צימערן פאַר געסט און „הכנסת אורחים" אפילו פאַר אורחי־פרחי —אַלעס אין זיין הויז. ער האָט זיין הויז אויפגעשטעלט אַלס בית נאמן בישראל לתורה ועבודה וגמילות־חסדים, און מען קען גאַנץ דרייסט זאָגן, אַז ר' נחומס הויז איז געווען אַ פּאַלאַץ פון ליכט און גייסט אין מיטן וואַלד, דען סטשעמישיץ איז דאַמאָלט געווען ניט מער ווי אַגרויס וואַלד מיט אַפאָר דאָרפישע הייזלעך.

און אַזוי האָט ר' נחום אָנגעהויבן מצליח צו זיין אין זיינע געשעפטן, און ער איז געגאַנגען הלוך וגדול בגשמיות און רוחניות, און אין פאַרלויף פון אַקורצע צייט איז ער געוואָרן פאַררעכנט אַלס גרויסער עושר. ער איז געווען אַ שותף צו דער גרויסער ליכט־פאַבריק אין ראַדאָכאַ (אויפן וועג צווישן מאַנדזשעוו און סאָסנאָוויץ, לעבן דעם טייך ברינ יצא) וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כעמישע פאַבריק. ער האָט געהאַט זיין אייגענע גרוי.. צעגעלניא, ווי אויך אַ פּאַפּע־פאַבריק אין סטרזעמישיץ און אַנדערע גרויסע געשעפטן. ר' נחומ'ס הויז איז געווען אָפן פאַר יעדן עובר ושב דורך סטשעמישיץ. סאיז ווייניג צו זאָגן „ביתו פתוח לרווחה", ווייל פאַקטיש איז סטשעמישיץ געווען אַגרענץ־שטאָט צווישן עסטרייך און רוסיש־פּוילן, אַזוי אַז אַלע גדולי ישראל און אדמו"רי פּוילן איז אויסגעקומען פאָרנדיג אין די בעדער קיין עסטרייך (קאַרלסבאַד, מאַרינבאַד, פראַנצנסבאַד און אַנדערע) אָפּצושטייגן אויף אַ שבת צו ר' נחומען, און אויך סתם סוחרישע מענשן וואָס זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט אים, און מען קען זאָגן אַז ר' נחומס הויז אין סטשעמישיץ איז געווען דאָס אַריסטאָקראַטישסטע חסידישע הויז און דער אָדעל פון פּוילן. אַזוי איז ער געווען באַצייכנט און באַקאַנט צווישן די פּוילישע יידן.

דעם זעלבן גייסט האָט ר' נחום און זיין פרוי איינגעפּלאַנצט צווישן זייערע קינדער. ר' נחום האָט געהאַט דריי זין און פינף טעכטער. דער עלצטער איז געווען הרב ישעיה'לע דער סאָסנאָווצער רב, דער צווייטער — ר' יוסף, און דער דריטער — ר' אברהם אהרן. אַלע זענען געווען אויסגעצייכנטע מענשן. דער עלצטער איידעם איז געווען דער באַוווסטער חסיד הרב ר' יחזקאל טויב, וואָס וועגן זיין צדקות וגדלות איז דאָ פיל צו שרייבן. ר' יחזקאל איז געווען אַ זון פון רבי שמואל־אליהו דער זוואָלינער רבי אַ זון פון גרויסן באַוווסטן רבי ר' יחזקאל מקוזמיר. ר' נחום איז בכלל געווען אַזעלטענער עקזעמפּלאַר וואָס האָט פאַרשאַפט פיל כבוד זיין גאַנצער משפחה און זיין קהילה. סאיז כדאי אויף דעם פּלאַץ צו דערמאָנען לשבח ר' נחומס פרוי הינדעלע, זיין לעבנסבאַגלייטערין, מיט יראת הכבוד. זי איז געווען די שוועסטער פון הרב ישעיהלע קשוינזער און וועגן איר גייען ארום ניט ווייניג לעגענדעס צווישן די סטשעמישיצער יידן איבער מעשה צדקה און מתן בסתר. זי האָט כמעט יעדן טאָג כל ימי חייה געדאַוונט מיט מנין און זיך אויסגעצייכנט מיט מידות און מעשים טובים. זי איז נפטר געוואָרן אַלט זייענדיג 72 יאָר אין חודש שבט תרפ"ט.

די אַלע וואָס האָבן געקענט ר' נחומען מיט זיין בני־בית קענען ניט פאַרשטיין וואָס טראָץ זייער עשירות און פילאַנטראָפּיע און אַלס שטאַרק פּערנומענע מענשן האָבן זיי נאָך צייט געהאַט צו זייער צווייטן געשעפט פון הכנסת־אורחים, און אפילו זיך ספּעציעל אָפּגעבן מיט די אורחי־פרחי אַרויסווייזנדיג זיי אַגרויסן געדולד. שבת טעג האָבן זיך ביי זיין טיש כמעט תמיד געפינען אַ מנין יידן וואָס זענען ספּעציעל געקומען קיין סטשעמישיץ אויף שבת. אַזוי

ווי סטשעמישיץ האָט געהאַט גרויסע פאַבריקן און אויך אויסלענדישע געזעלשאַפטן, זענען געווען דאָרט פאַרטרעטן פיל יידישע כעמיקער און דירעקטאָרן וואָס האָבן זייער אָפט פערבראַכט ביי ר׳ נחומען אין שטוב, בפרט אין די ימים נוראים, און דאָס האָט אויף זיי פיל געווירקט, אזוי אַז פיל פון זיי האָבן זיך צוריק דערנענטערט צום יידישקייט.

ס׳איז נישט צו באַשרייבן דאָס עניוות פון ר׳ נחומען, דאָס אַראָפּלאָזן זיך צו יעדן מענש, ואַגאַר צו אַקינד. דאָס האָט מען געקענט באַמערקן ווען ר׳ נחום איז געגאַנגען אין גאַס ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט יעדן מענש און מיט יעדן פערבראַכט אַשטיקל צייט און אויסגעפרעגט ווי סגייט אים און מיט וואָס מען קען אים העלפן. אַזוי האָט זיך געפירט אויך זיין פרוי. איבערהויפט האָט ר׳ נחום משפיע געווען אויף די יידישע באַפעלקערונג אין סטשעמישיץ, און במשך עטליכע צענדליק יאָר וואָס ר׳ נחום האָט דאָרט געוווינט איז סטשעמישיץ געוואָרן אַגרויסער יידישער קיבוץ מיט אַ שיינע יידישע קהילה וואָס האָט אָנגעפירט מיט איר טעטיקייט אַזוי ווי אַלע יידישע קהילות אין זאַגלעמביע. גלייכצייטיק האָבן זיך אין סטשעמישיץ געשאַפן פאַרשידענע יידישע אינסטיטוציעס וואָס זענען געווען טעטיג אויף פאַרשידענע געביטן. ר׳ נחום איז נפטר געוואָרן אין סאָסנאָוועצ אייניגע יאָר פאַר זיין פרוי. אָבער עד היום ווערט זיין נאָמען דערמאָנט מיט אַ יראת הכבוד, און פיל מענשן האַלטן עס פאַר אַ גרויסע זכיה וואָס זיי האָבן אים געקענט און געזען ווי ער האָט געפירט זיין לעבן פון תורה וגדולה במקום אחד און אַלעמאָל מיט אַשמייכל אויף די ליפן און האָט מקבל געווען יעדן איינעם בסבר פנים יפות.

ועד יוצאי סטשעמישיץ בישראל

(סקירה על פעולות שונות)

א. פעולת הוועד

פעולת הועד של יוצאי סטשימישיץ בישראל החלה עוד בתקופת הסיום של מלחמת העולם השניה או לפני זה, בשעה שהחבר אברהמ׳לה שפיגלמן קיבל ידיעה מאיזה מקום שחברים אחדים מן העיירה נמצאים ברוסיה והם זקוקים לעזרה. אכן מעטים מאוד מעיירתנו היו אז בישראל אך מיד ניגשנו לפעולת איסוף כספים לשם משלוח חבילות מזונות ובגדים לנזקקים.

לימים, משהגיעו מגרמניה הניצולים מהמחנות (עד 250 נפש) התחלנו לארגן פעולה. הפעולה הראשונה היתה להתאסף שנה שנה ביום־הזכרון למות הקדושים לחלוק כבוד לאלה שלא זכו להיות אתנו ושנרצחו באורח כה אכזרי בידי הנאצים. יום הזכרון נערך לפי תכנית מסויימת, ובעניני דיומא מזכירים את מאורעות הימים הנוראים שעברו על יהדות פולין, תוך ציון היום והזמן, והחזן אומר תפילות „אל מלא רחמים” לרבנים ולקדושי העיר.

עלי לציין שביום הזכרון מתכנסים כל יוצאי סטשימישיץ מכל קצות הארץ, פרט לחולים. הקשר ההדדי בין יוצאי עיירתנו הוא הדוק מאוד, יותר מאשר בין בני הערים הגדולות.

ניגשנו גם לנטוע אלף עצים ב„יער הקדושים” של הקרן־קימת לישראל, על שם קדושינו. הקימונו מצבה ב„מרתף השואה” על הר־ציון בירושלים. כמו כן יסדנו קופת גמילות־חסדים ללא ריבית ששמה „קופת גמ״ח ע״ש קדושי סטשימישיץ והסביבה בישראל”, וכל הזקוק להלוואה יכול לפנות לקופה ולקבלה. אמנם לרעיון זה נמצאו מתנגדים, ואולי בצדק. חברים רבים טענו, שאין צורך במוסד כזה, מפני שכל מי שזקוק להלוואה והוא פונה לחברים האמידים שלו הם מוכנים תמיד להלוות ממילא כמה מאות לירות לזמן מסויים ללא קשיים יתירים. ובכל זאת הקימונו את המוסד הזה, לציון זכרונם של אלה שסבלו הרבה בגלל רצונם לעזור איש לרעהו והינכו אותנו ברוח זו. ומן הראוי לציין כאן, שהרצון לעזור אחד לשני הוא אצלנו כה גדול עד שכאשר עולים חברים נצרכים מחוץ־לארץ, הם מקבלים — מלבד העזרה הניתנת להם מטעם הסוכנות היהודית — עזרה בקבלת עבודה וגם עזרה כספית בסכום מאות לירות, הניתנות להם לשם סידור ראשון. דבר זה מראה, על העניין הרב ועל הטיפול החם שאחינו נותנים לעולים החדשים.

פעמיים ערכנו ערבי־חנוכה באורח מסורתי, עם הדלקת נרות חנוכה בליווי נגינה וכל הנוכחים ליוו בשירת המנגינות. מצב־הרוח היה מרומם. בדרך כלל אפשר לציין בשמחה, שהעניין שאחד מגלה כלפי השני הוא גדול, כאילו היינו כולנו בני משפחה אחת. דבר זה בולט לעין הן בשמחות משפחתיות והן להבדיל, במקרי יגון ואבל חלילה, שאז האבל הוא כללי אצל כולנו, כולנו משתתפים בהלוויות ואחר כך גם ביום־הזכרון.

יחס לבבי זה מוסיף עניין ואהבה לפעול ולהיות פעיל בארגון יוצאי עיירתנו, ואני מוצא לנכון למנות כאן את שמות החברים הללו: יונה גרין ז״ל, יצחק גרין, יעקב וייסבארד, איסר שאנצר, אברהם שנקר, אברהמ׳לה שפיגלמן ויחיאל שטרן. וכן ברצוני להזכיר כאן את שם היהודי הראשון מעיירתנו שעלה לפני כולם וגילה עניין רב בסידור

העולים שבאו אחריו, וחבל שהוא כבר נסתלק. היה זה ר' מרדכי שוורצבוים.

הבה נקווה שנזכה עוד לשמוע בשורות טובות מרובות ונוכל להמשיך את הפעולות במסירות ורגשי אחווה.

יחיאל שטרן

ב. העצמות שהובאו לקבורה

מר יחיאל שטרן עובד דואר החבילות בתל־אביב, הוא תושב העיר תל־אביב קרוב לשלושים שנה. את השואה הוא לא חזה מבשרו. רק ב־1945, כאשר הגיעו לארץ קרוביו, האחים הצעירים שפיגלמן, שניצלו ממחנה המוות ותיארו כיצד נרצחו לעיניהם אביהם ואחיהם הקטן, הומחשה למר שטרן השואה על מוראותיה. מאז שמע משני הצעירים על מעשה הרצח של גיסו ובני הפעוט, בתוך קבוצה של 20 יהודים שניסו להימלט ממשלוח יהודי עיירתם שטשימישיץ שבשלזיה, שנועד למחנה ההשמדה, לא מצא מר שטרן מנוח לנפשו.

האחים שפיגלמן הקימו משפחות בישראל והשתלבו בחיי הארץ. אך דודם הוסיף להתהלך עם מראה האימים שתיארו לפניו. לפחות יובאו המתים לקבר ישראל — אמר לבני גיסו. הצעירים עודדוהו בתוכניותיו, ולבסוף נסע לחו"ל והביא את עצמות המתים. לפני כמה ימים, לאחר שחזר עם עוד כ־300 יהודים מיוצאי עיירתו מבית הקברות בנחלת־יצחק שם הוטמנו שלדיהם של 20 הקרבנות. חזר מר שטרן לשלוותו הנפשית ולעבודתו בדואר החבילות בתל־אביב.

שום גורם ציבורי לא סייע לו. במימון פרטי יצא מר שטרן לפולין, הגיע לעיירה בה התגוררו קרוביו ובעזרת פולנים קשישים אותם הכיר, החל לחפור בשטח שהיה פעם מגודר, בו נקברו בבור סיד 20 היהודים שנורו ב־23 ביוני 1943.

כאשר הוריד שכבת עפר של פחות ממטר נחשפו שלדי הגופות והגולגלות. נציג משרד הבריאות הפולני לא התעניין בפרטי הזיהוי. הוא סמך על נתונים שהביא עמו מר שטרן מישראל.

את האישור לזיהויים של הנרצחים קיבל משני האחים שפיגלמן, אשר זיהו את שעון אביהם שנמצא יחד עם העצמות היבשות.

מתוך עשרים השלדים זוהו שמותיהם של 12 יהודים מתושבי העיירה וכמעט לכולם קרובי משפחה בישראל. הם התאספו על נשיהם וטפם כדי לחלוק כבוד אחרון להרוגים וליוו את הארון בלוויה המונית לבית־הקברות בנחלת־יצחק.

("הארץ": ראיתי שמעתי 12.5.1967)

הערת העורך:

לפי הודעת מר יחיאל שטרן הלז שיבושים בידיעה שבאה ב"הארץ", שעוררו תלונות אצל יוצאי סטשמישיץ בישראל, בלי שהוא אשם בכך, מצאנו איפוא לנכון למסור כאן את דברי שטרן שעשה מעשה נועז, המזכיר מעשי פלאים של אנשים נועזים ואמיצי־לב שלא נרתעו מפני כל מכשול וביצעו מעשה לתפארת עושהו, ובזה יבוא על הברכה ועל הזכירה לטוב.

קברות קדושי סטשמישיץ בישראל

המאורע הטראגי היה בימי סיון תש"ג (1943) בסטש־מישיץ.

הנאצים הגרמנים ומסייעיהם ה"פולקסדויטשה" משלזיה־עילית הוציאו את כל היהודים מן הגיטו ואספום מעבר לתחנת־הרכבת, ריכזום במקום אחד במטרה לשלחם למחנות־המוות. יהודים בודדים, שלא יכלו ללכת, אם משום מחלתם ואם שחשבו שיצליחו להתחמק מעיני מחפשיהם, או שנמצאו בידי הפולנים עוזרי הנאצים שמסרום לגרמנים — נורו בו במקום, ובמקרים מרובים נורו לעיני קרוביהם. הם הושלכו לתוך עגלת קוביצ'יק והובלו דרך כל רחוב וארשבסקה עד לבור מחצבת־אבנים, כשדמי הנרצחים נזלו מן העגלה והשאירו כתמים בחוץ, וכה הושלכו גוויות הקדושים לתוך בור בעומק של פחות ממטר אחד וכוסו בקצת רגבי אדמה.

בשנת 1945, אחרי שמלאכי־המשחית סיימו את המלחמה האיומה ואחרי שבני משפחות הנרצחים שבו ממחנות־המוות, הם הלכו ל"קבר אבות". אך מצפונם לא נתן להם מנוח על שיקירינו הקדושים קבורים במקום המשמש מקום מרעה לבהמות.

בשנת 1953 החלטתי להסיר את החרפה מעל המתים היקרים לנו. פניתי לשלטונות פולין וישראל בבקשה לתת לי את הרשיונות הדרושים בשביל להעבירם לכאן ולהביאם לקבר־ישראל. לצערי נתקלתי במכשולים ביורוקראטיים, ו־אחרי דיחויים לאין־קץ השגתי סוף־סוף את משאת נפשי ובאפריל 1967 יכולתי לשים פעמי לפולין ולהגיע לסטשי־מישיץ.

בעזרת הרופא המחוזי של בנדין, מנהל לשכת המסים בקאטוביץ, נציג הצלב האדום, מועצת הסינאטורים, ראש משטרה והעיריה של סטשמישיץ יחד עם חמשה פועלים מפלוגת הקברנים בבנדין, נפתח בור הקבורה ונמצאו השלדים של עשרים אנשים, אבותינו, אחינו ואחיותינו הנרצחים. הכנסתי אותם לתוך ארון של פח, שהושם בתוך ארון של עץ, ואחרי מאמצים קשים הוא נשלח באווירון לישראל. בבור הקבורה אף מצאתי כמה חפצים, כמו זוגות משקפיים, שעון־כיס, מצית לסיגריות ועוד. את כל החפצים הללו הכנסתי בשקית מיוחדת, שנקברה יחד עם הארון. בהגיע ארון הקדושים לישראל נערכה הלוויה גדולה ובה השתתפו גם הרב לאו וחזן.

ובזה קיימתי את נדרי להעביר ולהביא לקבר־ישראל אשר בארץ־ישראל את הקדושים של עיירתנו סטשימישיץ.

יחיאל שטרן

רשימת שמות קדושי סטשימישיץ, שהובאו לקבר־ישראל
דיין אלמנות ואבי יתומים, המצא מנוחה נכונה
בצל כנפי השכינה לנשמותיהם של

קדושי סטשמישיץ

שנרצחו ע״י הרוצחים הגרמנים ביום כ׳ בסיון תש״ג
ועצמותיהם הובאו לקבורה באדמת ישראל, והם :

אברהם בן־משה מונוביץ
אברהם בן־צבי שפיבק
אברהם־ליב בן ברוך ברט
אליעזר פנקוס
דינה בת יהודה ריטרבנד
הרשל בן משה ריטרבנד
הנדל בן ישראל זקס
זיסמן בן יהודה גידנסקי
חיים אביגדור בן חנוך בייטנר
טלצה בת קלמן פייגנבוים
יהודה בן אברהם שפיגלמן
יעקב בן דוד פנסקי
יעקב בן פינחס הכהן פישמן
ישראל הכהן גולדשפינר
למל בן ישראל נייער
מוניש בן אברהם מרץ
רחל בת משה ברט
שמואל בן יוסף דוד זיידמן

ה׳ ינקום דמם.

זאמי פעדער

זאמי פעדער איז זינט יאָרן אַ מיטאַרבעטער פון „אונזער וואָרט״ (טאָג־צייטונג פאר יידישע פאָלקס־אינטערעסן, פאַריס), זייענדיק אַזוי צו זאָגן, אַ טעכנישער מיט־ארבעטער. ווייסן ווייניק יידן אין פאריס, אז פעדער האָט נישט בלויז אן אויסערלעכן שייכות צום יידישן אות און וואָרט ווי אַ זעצער, נאָר אַ פאַרוואָרצלטן אינערלעכן שייכות פון זיינע יינגסטע יאָרן אָן, לויט די בעסטע טראַדיציעס פון אַמאָליקן הבחור הזעצער.

זאמי פעדער איז געבוירן אין אַ קליין גרענעץ־שטעטל אין פוילן (זאוויערצע), און יאָרן פאַרבראַכט אין סטשעמעשיץ. אָבער אין יונגן עלטער פון 10 יאָר קומט ער קיין פראַנקפורט אם מיין צו זיין זיידן אין פראנקפורט, די גרעסטע אפשר לעצטנס די איינציקע שטאָט אין דייטשלאַנד פון אַ גרויסער יידישער טראַדיציע פון תורה און חכמה, באזוכט ער א ישיבה און אויך אַ וועלטלעכע שולע.

ביי 16 יאָר איז ער שוין דאָרט אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן און אין קולטורעלן לעבן הויפטזעכלעך אין די עמיגראַנטישע קרייזן. ער ווערט דער אָרגאַניזאַטאָר און מיט־ארויסגעבער פון אַ יידישער צייטונג די „נייע צייט״ און ווערט דער מיטגרינגער פון אַ דראַמאַטישן קרייז ביים שלום־עליכם קלוב אין פראנקפורט.

די סצענע, די יידישע סצענע ווערט איבערהויפט זיין שטאַרקסטע ליידנשאַפט, בלייבט אויף תמיד דאָס, וואָס ציט אים צומייסט, און שפעטער נאָך אַלע ליידן פון אלע אומקום־לאַגערס, ווי נאָר ער ווערט באַפרייט אין בערגען־בעלזען, ווערט די יידישע בינע זיין אנהאלט־פונקט, זיין האָפנונג און זיין טרייסט.

צוריקקומענדיק צו דער פראנקפורטער תקופה איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער האָט באזוכט אַ טעאַטער־שולע, פאָרט דערנאָך קיין בערלין וווּ ער זעצט פאָר זיינע סצענישע אויסבילדונגען ביי אַזעלכע בינעמייסטערס ווי פרידלאַנד, דעמאָלט רעזשיסער פון דער „הבימה״, שפעטער ביי גראַנאָווסקי און פיס קאטאר.

אין 1933 פערלאָזט זאמי פעדער דייטשלאנד, ווו היטלער איז שוין ביי דער מאַכט. אין וואַרשע, וווהין ער קומט, פירט ער אָן מיט דעם דראמאטישן קרייז „ארפעאוש״ פון יעקב ראטבוים און דוד ליכט. אויך פירט ער אָן מיט דראמאטישע קרייזן ארום וואַרשע: אין פאַלעניץ, פאוואנזעק און אָטוואָצק.

ער פאָרט שפעטער אָפּ אין זאגלעמביע און אויך דאָרט אין סאָסנאָוויץ און אין בענדין איז ער אקטיוו אויפן טעאטער־געביט. אין די דאָרטיקע יידישע טעאטערס ווי אויך אין ווארשעווער קאמינסקי־טעאטער שטעלט ער פארשידענע אַקטועלע, אדאפטירטע פיעסן ווי „היטלעריאדע״, דער „גואל״. ער האָט געלעבט און געווירקט אַ צייט אין סטשעמעשיץ

(יאָרן 1934—1939), אויפגעטרעטן מיט רעפעראטן ביי די יוגנט, אָנגעפירט מיט דראמאטישע קרייזן, קינסטלערישער לייטער פון דראמאטישע קרייזן, פון דער סאָסנאָווצער „לירא" און נאָך.

עס ברעכט אויס די מלחמה. זאמי פעדער טיילט דעם גורל פון אזויפיל יידן: ליידן פיין און קאנצענטראציע־לאגערן; אָבער אויך דאָרט אין די טויט לאגערן טראָגט ער טרייסט און מוט דורך דער סצענע. ער אָרגאניזירט טעאטער־גרופן, מען פירט אויף פרצן, שלום־עליכמן. ער שרייבט אליין אָן זאכן געפאַסטע צו די געפילן פון די אינטערנירטע, איז דער ערשטער צו זאמלען לאגער־לידער און שרייבט אליין לידער, וועלכע ווערן פארשפרייט אין אנדערע לאגערן און גייען איבער ביז צו די לאגערן פון געפאנגענע יידישע סאָלדאַטן, פון דער ישראל־בריגאדע („זאמלונג פון קאצעט און געטאָ־לידער — פון זאמי פעדער, מיט נאָטן, בערגן־בעלזן 1946) וועלכע כאפן זיי אויף מיט אַ באַזונדערער פרייד.

גלייך נאָך דער באַפרייאונג פון בערגען־בעלזן פירט די זעלביקע גרופע פון טעאטער אָן מיט אן אינטענסיווער קולטור־ארבעט אונטער דער אָנפירונג פון היינט באקאנטן עוסק בצרכי צבור, יאָסל ראזנזאַפט. עס ווערט אויך דורך דער דאָזיקער גרופע געשאַפן דאָס קאַצעט־טעאטער וואָס שאַפט זיך אַ נאָמען, קומט שפעטער אין פאריז ווי די גרופע — אין וועלכער עס געפינט זיך אויך די איצטיקע פרוי פון זאמי פעדער די באקאנטע זינגערין סאניא באטשקאווסקא — פירט אויף מיט גרויס דערפאָלג „דאָס פארכישופטע שניידערל" פון שלום־עליכם.

אין די ערשטע צייטן נאָך דער באפרייאונג טראָגט דאָס דאָזיקע אמאטאָרן־טעאטער שטאַרקונג און טרייסט אין די שפיטאָלן צו די שווער־קראנקע לאגער־מענטשן. אומעטום ווו עס האָבן זיך נאָך געפונען רעשטלעך פון געראטעוועטע וואָס האָבן געוואַרט איינזאַמע אויף דערמוטיקונג אין לעבן אריין האָט די דאָזיקע גרופע געטראַגן דאָס יידישע וואָרט און יידישע נגינה.

אין בעלגיען האָט דאָס קאַצעט־טעאַטער אַזאַ שטורמישן דערפאָלג מיט „דאָס גרויסע געווינס" און פארכישופטע שניידערל, אַז די בעלגישע רעגירונג לייגט פאָר דער טרופע צו בלייבן אין לאנד. אָבער די טרופע קען דעם איידעלן פארלאנג נישט באפרידיקן. זי פאָרט אָפּ קיין פראנקרייך, ווו זי שפילט מיט ראשיקן דערפאַלג אין „סארא בערנארד" טעאטער

די טרופע וואָס באַשטייט פון יוגנטלעכע צעפאָרט זיך דערנאָך, דער רוב קיין ישראל.

אין די ראמען פון מעגלעכקייטן, וואָס די צייט דערלויבט אים, זעצט זאמי פעדער פאר זיינע שרייבערישע אקטיוויטעטן, דער עיקר אין זיין באַליבטן געביט פון טעאטער, באַטייליקט זיך אין די אויסגאַבן פון פאַריזער „אלמאנאך" 1956 און אנדערע. ער איז אַ מיטגליד פון פאריזער שרייבער־פאריין.

אלע זיינע צאלרייכע פריינט אין פאריז און ישראל און אומעטום ווו זיי געפינען זיך, ווינטשן אים אריכת ימים, אויסגעפילטע דורך א באפרידיקנדיקער ארבעט אויף די געביטן וואָס זענען אים נאָענט און טייער.

ל. דאמאנקעוויטש

זאמי פדר

יליד זגלמביה. בשנת 1919 נסע לפרנקפורט על נהר מיין (גרמניה) ושם ביקר בבית־הספר לאמנות מקצועית. יחד עם זה השתתף ביסוד ארגוני־נוער יהודיים שונים, וביניהם המועדון הדרמטי־מוסיקלי על שם „שלום־עליכם" והשתתף בו כאחד המבצעים.

כשרונותיו הדרמטיים של פדר משכו את תשומת־לבה של השחקנית הגרמנית־יהודית ליאונטינה זגן, שעזרה לו להתקבל לבית־הספר הגרמני־הממלכתי לדרמה.

באותו זמן הגיעה „הבימה" לפרנקפורט וצבי פרידלאנד עם הסופר משה ליפשיץ, שיצרו סטודיו לתיאטרון יהודי בברלין לקחו אתם לשם את פדר. בברלין השתתף פדר גם כשחקן ב„בימת פיקאסור" ובחברת הסרטים הגרמנית־רוסית „פרומטיאוס".

אחרי שהנאצים הגיעו לשלטון נאלץ פדר לעזוב את ברלין והוא חזר לפולין. בשנת 1934 הוא ביים יחד עם יעקב רוטבוים את המחזה „בעולם לא נשתנה כלום" (יצירה משותפת של ז. פדר ול. פלזנר) שהוצגה בתיאטרון קמינסקי בוורשה.

בשנת 1935 חזר פדר לזגלמביה, ושם בא במגע עם החוג הדרמאטי הבנדינאי „מוזה" הוא ביים את המחזה „היטלריאדה" שזכה להצלחה יתירה.

מאז שנת 1937 היה פדר פעיל בחוג המוסיקלי־דרמטי הסוסנוביצאי „לירה"", ששם הציג בין השאר גם את המחזה „הגואל" של אמיל ברנהארדט.

זאַמי פעדער

אויף קידוש השם

(אַ בילד פון סטשעמעשיצער לעבן)

ער, אברהם משה, איז געווען אַ ייד, א הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, אַ געזונטער. זיין פּנים איז געווען אַרומגעראַמט מיט אַ ברייטער, שוואַרצער באָרד און שוואַרצע דיקע ברעמען, אונטער וועלכע עס האָבן אַפּירגעקוקט אַ פּאָר שוואַרצע, פינקלענדיקע, קלוגע אויגן.

ביים דאַווענען, אין בית־המדרש, איז אברהם משה תמיד געשטאַנען איינגעהילט ביז איבערן קאָפּ אין אַ גרויסן טלית, וואָס האָט פאַרדעקט דאָס גאַנצע פּנים זיינס. בלויז פון צייט צו צייט, ווען ער האָט הויך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָבן פון אַ שמאָלן ווינקל פון טלית אַרויסגעבלישטשעט זיינע שוואַרצע אויגן, ווי שאַרפע בליצן.

געשטאַנען איז אברהם משה, אויבן אָן ביי דער מזרח־וואַנט, אָדער געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ. כמעט געלאָפן, געמאַכט העוויות, געפּאַטשט מיט די הענט:

— אוי ווי... אוי ווי מיר נעבעך...

אָדער זינגענדיק נאָכגעזאָגט:

— ברוך הוא וברוך שמו... ווי, ווי... אמן!

די קליינע ווייסע חברהניקעס אין בית־מדרש, האָבן שטאַרק מורא געהאַט פאַר דעם גרויסן, שטאַרקן און שוואַרצן אברהם משה. טאָמער האָט ער, אברהם משה, געכאַפּט אַמאָל אַ שטיפעריש יינגל ביים אויער, איז דעם דאָזיקן בחורל נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. מיטן קאָפּ זיינעם האָט ער, אברהם משה, געגעבן אַ וואָרף אויף לינקס און פון אונטערן טלית האָבן אַפּירגעבליצט זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און מיט אַ קול פון אַ ברומענדיקן בער, האָט ער אויסגעזונגען:

— שייגעץ, וואָס שפּרינגסטו אַרום, האַ?...

און בשעת מעשה פּאַוואָלינקע געוועלגערט מיט זיינע צוויי פינגער דעם יינגלס אויער.

— נו, זאָג שוין נאָך, שגץ... ברוך הוא ברוך שמו... א—מ—ן.

איין מאָל האָט אברהם משה סתם אַ כאַפּ געטון אַ בחורל און אים אַ שטאַרקן קניפּ געטון אין בעקל:

— זאָג מיר, חתן־בחור, וועמענס טאַטע ביסטו, האַ?

האָט דאָס יינגל זיך צעוויינט, אַרויסגעריסן זיך פון זיינע הענט און מיטן גאַנצן כוח אַ געשריי געטון:

— אשמדאי!

דאָ זענען אַלע יינגלעך זיך פונאַנדערגעלאָפן און אין כאָר אויסגעשריגן:

— א—ש—מ—ד—א—י!!

און דער נאָמען איז אים פאַרבליבן.

אשמדאי גייט... אשמדאי דאַוונט פאַרן עמוד... אשמדאי איז בעל קורא...

אשמדאי...

געווען אָבער צייטן, ווען קליינוואַרג האָט אים ליב באַקומען. דאָס איז געווען שמחת תורה. עס האָט קיינער נישט אַזוי שיין געזאָגט „אתה הראת" ווי אשמדאי. ס'האָט קיינער נישט אַזוי שיין געזונגען און געטאַנצט מיט דער תורה ווי אשמדאי. יעדע הקפה פלעגט ער באַזונדער אויס־זינגען און אויסטאַנצן. קיין מאָל קיינעם פון די יינגלעך נישט פאַרגעסן אויפצורופן מיטן זינגענדיקן און געציקלטן „י—ע—מ—ו—ד, הבחור החתן"... זיינע שטענדיק שוואַרצע, כמעט בייז פינקלענדיקע אויגן האָבן דעמאָלט אויפגעלויכטן. די זעלבע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק שטרענג געבליקט, זענען דאָס מאָל געווען ווייך, גוט און האַרציק. אַ פריילעכע גוטמוטיקייט האָט פון זיי אַרויסגעשטראַלט. דאָס פּנים זיינס — אַ ברייטס און צעשמייכלטס. האָבן טאַקע קליינע חברה, געזוכט זיין בליק. דעמאָלט האָט מען אים גערופן „רב", ר' אברהם משה... מען האָט זיך געשטופּט צו אברהם משהן, די גאַנצע קינדערישע אויסגעחלומטע וועלט איז ער דעמאָלט געווען. אַזוי פיל פריילעכקייט, אַזוי פיל געזאַנג און טאַנץ. און יעדעס יינגל האָט געזוכט זיין בליק. יעדער האָט אים דערמאָנט:

— איך! — איך, ר' אברהם משה!

און ער, אברהם משה, האָט צו יעדערן שמייכלענדיק מיטן קאָפּ געשאָקלט און מיט אַ—יעמוד הבחור החתן... אָפּגעענטפערט. און יונגע בחורימלעך זענען געווען שטאָלץ האָבן זיך געפילט ווי גרויסע — גאַנצע יידן.

אחיו הצעיר ביותר של הרבי מגור — מכונה בפי החסי־דים „מנדלי הקטן" — היה גיסי, חתן ר' משהלה פריווס מוורשה, למדן גדול ובעל אינטליגנציה פנימית, והיה גר בוורשה אצל חותננו המשותף ברחוב גז'יבוב. היחסים ביני לבינו היו טובים. הגליון הראשון של „הקול" הבנדינאי שמקורבים הגישו ל„מנדלי הקטן" פתח לפניו אשנבים חד־שים כלפי חוץ. מנדלי היה הראשון מאנשי החצר הגורי שהיה מוכן להתכונן לקראת הבאות.

יהודה־ליב וולנרמן שישב בבנדין, אברך נגיד ובעל־בית בעמיו, שלכתחילה לא חשב אלא להוציא את יצרו לכתיבה על „כתב־עת" משלו בלי להזקק לעזרת אחרים, קיבל לפתע הוראה סודית לסור ל„מנדלי הקטן" אשר בוורשה. וולנרמן לא האמין לשמע אזניו. הוא לא חלם מעולם, שהגליון הראשון של „קולו" ירעים כחזיז ורעם בחלונות הגבוהים של שררות האדמו"רים בפולין. והוא לא עשה שהיות הרבה ונסע לוורשה. הוא נצטוה לבוא לדירת ר' משהל פריווס ושם יתקבל לראיון עם „מנדלי הקטן". האברך הפרובינציאלי לקה ממש בסחרחורות תוך שמיעת השמות הנודעים שהואילו להזמינו אליהם. כשהוא נכנס לדירת ר' משהל פריווס הוא מצא חדרים מלאים יהודים. אף אחד מהם לא שם לב אליו. ורק אחד ממקורבי מנדלי הרגיש ב„פנים חדשות", זה האברך הצעיר במעיל נגידי חדש המביט בתמהון על ההתקהלות של חסידים והלחישות בכל הפינות. כששמע המקורב שזהו העורך של „הקול" הוא נעלם מיד בין היהודים, נכנס למנדלי וסיפר לו מי מחכה לו. אך מנדלי לא נחפז להזמינו אליו, כנראה תוך תכסיס, להראות לעורך, שכל כך ציפו לבואו, שעליו להחזיק גדולה לעצמו על הזמנתו לבוא מבנדין לכאן. ומכיוון שבא שוב לא נחפזו לפגשו ודומה היה כאילו וולנרמן איננו קיים בעולם. לאט־לאט החל העורך הפרובינציאלי להשלים עם המצב ולהרגיש עצמו מקורב יותר בקלחת הזרות סביבו. הוא החל להסתובב בחדרים, אגב תוך השתוקקות לראות כיצד חיים בני משפחת פריווס, ששמעם הגיע למרחוק, ואף לבנדין הרחוקה הגיע.

ותוך תהיה בחדרים נקלע אלי לחדרי, הכיר שאינני מאלה המסתובבים סביב מנדלי. הראה לי פנים שותקות וביידית הרכה והמגורמנת שבפיו הציג עצמו לפני. רעדה אחזתני. אני הספקתי לקרוא את הגליון הראשון של „הקול". וזהו העורך בכבודו ובעצמו. אני הערכתי אז את התואר „עורך" בכל מלוא גדלו והדרו. וכאן אביר זה של הספרות — שמילא את עשתונותי כשהצצתי לתוך מגרתי המלאה כתבים — נתגלגל לי כיונה צלויה. הסתכלתי בו במלוא ראיית עיני. אכן פרצופו לא התאים לחזון־רוחי על עורך. בסיכום הרי היה רק אברך נגידי בעל זקנקן צהוב מטופח במקצת. אך מה לי להתרעם על מראה פניו בשעה שהאברך העומד לפני הנו העורך.

י"ל וולנרמן ישב לצדי והחל לשוחח אתי. אני כמעט שלא שמעתי את דבריו, כי ראשי היה שקוע אז במגרה בין כתבי. לא העזתי לפצות את פי, ידעתי, שמולי יושב מלאך־הגואל. לאו בכל עידנא מתרחשים נסים. ואם לא אדע לנצל את ההזדמנות שהגיעה לידי — אני וכתבי אבודים לעד. אינני יודע כיצד ומאין באה אלי ההעזה. ברם עובדה היא שסיפרתי לוולנרמן על הכתבים המונחים במגרתי. עיני וולנרמן האירו, הוא ביקש להראות לי את כתבי.

ידי חרדו מהתרגשותי. נדמה היה לי, שאברך זר זה אוחז בידיו את המאזנים שעליו אני מניח את חיי. הוצאתי מהמגרה חלקים מכתבי והושטתי לו. וולנרמן החל לדפדף בהם. הוא לא קרא הרבה. אחר זה הוא פרש את ידיו ואמר לי ביידית הרכה הבנדינאית שלו, שלשוא הוא חיפש ציפור פז כזה בכל רחבי פולין, והנה הוא נפל ממש לתוך ידיו. אינני יודע אם באמת נהנה וולנרמן מכתבי. הם היו כחדשים בעיניו בין בלשון ובין בתוכן. וולנרמן היה מושפע כולו מעברית המליצתית ומנחום סוקולוב. אך התהילות והשבחים הרבים שהוא נסך על ראשי במלוא ההפרזה של משכיל פרובינ־ציאלי מיושן אטמו לי את הנשימה. אף אני רציתי ליפול על צוארי וולנרמן ולנשק כל איבר מאיבריו. הוא גדל בעיני למלאך הגואל והמאיר במלא חנו. שנינו לא הרגשנו בחלוף הזמן. וולנרמן כמעט ששכח ש„מנדלי הקטן" משהה אותו בכוונה בכדי להראות לו אי־רצינות וחוסר־ערך, וכך עשיית חסד שנעשתה בו, באברך הבנדינאי, בהזמנתו לבוא לוורשה. הרי על אף זהירותו כינה וולנרמן לחסידים בתואר

„מורדי אור" ותשוכים. ובעיקר, שב„הקול" אין כל משתתף, שנינו, וולנרמן ואני, כשרק נקח את העט ביד נהפוך עולמות ונראה מי גדול ממי.

סוף־סוף הגיע המקורב והזמין את וולנרמן למנדלי. הלה קם מכסאו במצב של תקוות טובות והחליק ברות נגידית על פני זקנקנו. הוא בא הלום בידים ריקות. והנה זכה בבת אחת בשלושה יתרונות: משתתף ב„הקול", — ואין זה סתם משתתף, כי־אם חתן הפריווסים וגיס של מנדלי גופא. וולנרמן הרהר בזריזות על כך, שכעת יוכל להראות לגורים החשוכים, מי גדול ממי. מנדלי הסתגר עם וולנרמן לזמן ממושך וישב אתו בישיבה סודית מאד. אף מנדלי הזדמן זו הפעם הראשונה עם עורך, הגם שאת נחום סוקולוב הוא ראה פעם אצל אביו האדמו"ר הגורי הזקן. אז היה עוד מנדלי בחור צעיר, ובכלל קשה היתה הגישה לאורח האכסוטי שהיה מעין „מלך מלכי המלכים" של כל אפיקורסי פולין. הרבי מגור דיבר עם סוקולוב רק מלים ספורות. לשם מה בא סוקולוב לגור אינני יודע. דומני, שבדעת סוקולוב היה לקרב את ה„שפת אמת" לציונות. בגור קיבלו את פני סוקולוב רק מפני שבטעות חשבו את סוקולוב כקרוב למלכות, ובגור פחדו מאד מפני „קרוב למלכות" כמו בשנים קדמוניות. כעת נתחלפו הזמנים. מהפכת הפועלים הסירה פחד רב מהמלכות אף בעיני החסידים הוותיקים. דפיקות הפרולטריון היהודי נשמעו אף מאחורי שערים נעולים. לפני מנדלי ישב כעת לא אישיות יהודית נודעת כי־אם אברך פרובינציאלי פשוט מהעיר בנדין, אברך בעל־ביתי שלא היו לו שאיפות יותר גדולות מלבד השאיפה להוציא גליון עם כתיבותיו, בלי לדעת בעצמו שבתקופות מהפכניות יכולים גם בצעד מקרי אחד לעורר כוח חברתי. את זכיותיו החלוציות של וולנרמן לטובת האורטודוכסיה החדישה בפולין וה„אגודה" המאוחרת יצטרכו עוד להעריך פעם.

ברם אין להתעלם מעצם העובדה שלפני מנדלי ישב עורך, העורך הראשון של כתב־עת אורטודוכסי בפולין, היינו — „הצפירה" בצלוחית של פסח. כבר הזכרתי לעיל, שבגור החלו לבוא בחשבון על המאורעות העומדות להת־רחש והחלו לנהל את הפוליטיקה ב„שתי ידים" — ביד חמורה עוד יותר וביד המתאמצת להוציא אצבע לרוחות התקופה החדשה. וולנרמן היה הסוס שאפשר לנסות לרכוב עליו, אך יש לרסנו, לפרטו לפרוטות ולהחזיק בו כמה שאפשר. בפקחותו החריפה השכיל מנדלי למשש את הדופק ביושב על־ידו, השעיר הפרובינציאלי המוכן ללכת אתו בכל תלם, ורק להשאירו בשאיפותיו כעורך. וולנרמן גילה בו במקום את קלפיו בספרו למנדלי על ה„אוצר" שגילה, שהיה כמוס ומחכה לגילויו בידי העורך מבנדין. הוא התכוון לעשות רושם על מנדלי ולגלות כוחו במציאת משתתפים ל„הקול". אך וולנרמן לא היה בקי ב„חכמת הפרצוף" —וביחוד לא ידע מה רבה פקחותו של „מנדלי הקטן" — ובגילויו לא מצא את המקום הנכון. מנדלי לא הרבה להתפעל מה„מציאה" הכשרה הזאת, מכמה טעמים:

בחוגי חסידים בפולין היו מתיחסים „בימים ההם" לדברי־ספרות — ופילו לפרות כשרה — כאל מעשה גיחוך, כאילו להוציא לרשות הרבים את מעשי ההבל. המשורר והבדחן נחשבו בעיניהם כתאומי־צביה. למנדלי נחשב לאי־כבוד שיש לו גיס „סופר". שנ־ית — מנדלי היה רגיל להחשב בעיני סביבתו, ובפרט במשפחת פריווס, גם כשמש וגם כירח. הכוכב הקטן ביותר היה גוזל ממנו גם את השבח וגם את תשומת־הלב שהיו מייחסים לו. מנדלי לא חפץ בשום כוכב אחר בקרבתו. על אף העובדה שספרות לא היתה מצויה בדרך שאיפותיו. ואף שלפי המסורות המקובלות אין ספרות דבר הראוי להתכבד — בכל זאת ביכולתה לגרום לשבחים ולפרסום. מנדלי לא אהב להקים לו מתחרים במו ידיו. שלישית — היה זה מוטיב דיפלומטי — אני הייתי מחסידי אלכסנדר. אלכסנדר נחשבה למתנגדת הגדולה ביותר נגד גור בפולין. אלכסנדר משתדלת בכל מקום להכשיל את גור. אין צורך לתת למתנגד אף פעם מקום להתגדר בו.

כשוולנרמן חזר אלי לחדרי אחרי פגישתו הממושכת עם מנדלי בשביל להפרד ממני — נדמה היה לי שהתלהבותו הקודמת להשתתפותי בעתונו פגה במקצת. הוא סיפר לי, שהוחלט להוציא את „הקול" בוורשה. הוא איננו יודע אם יוכל לפרסם את מאמרי בגליונות הראשונים. הוא יעצני להכין מאמרים קטנים ואז ישתדל בכל כוחו בועדת־המערכת שמנדלי הקים מעל לראשו במטרה לשים עין עליו ולכפות את ידיו — שסוף־סוף אוכל להתפרסם מעל דפי „הקול".

ואכן „הקול" החל להופיע שוב לא בבנדין כי־אם בוורשה המטרפולין בשם המשולש „הקול קול יעקב". אני מסרתי לידי וולנרמן מסה עברית קטנה. היתה זו רשימה בת הלכי־רות שבה בקעו בזהירות־יתר דרך שבעה צעיפים רגשי אהדתי למעמד־הפועלים היהודי המהפכני. סגנוני מצא מאד חן בעיני וולנרמן. הנטיות הכמוסות היו בהחלט זרים לטעמו המשכילי המיושן. אך הוא נאבק קשה במערכת לטובת הדפסתה. מנדלי היסס הרבה. מסתבר, שרשימתי עשתה עליו רושם וקשה היה לו לעמוד בנסיון, והוא הסכים בלב קשה. — אך הוא מתק בידו הקשה את שמי המלא (יחיאל ישעיה טרונק) של החתימה בנתנו לי שם בדוי „טייל" שהוא ראשי־תיבות של שמי. לא שאלו את פי. וולנרמן אף לא סיפר לי על הניתוח הגדול. אני השלמתי עם העובדה שלאחר מעשה והתחלתי לפרסם ב„הקול" שורת מסות בשם „מתוך פנקסי", ובעצמי חתמתי את השם הבדוי ש„מנדלי הקטן" כפה עלי באונס.

הסוד לא נשאר כמוס זמן רב. הדבר כשלעצמו, שחתן הפריווסים יכול להחזיק עט ביד ולהופיע בפומבי — אפילו במסכה של מטייל („טייל") — בימים ההם ולפי השם שיצא למשפחת פריווס בין יהודי פולין, נחשב ל„מעשה רב" ונועז, למהפכה גדולה. לא היה זה בהתאם לטעמה של המסורת החסידית. „מנדלי הקטן" ידע את סיבת היסוסיו. בברוד נתגלה הסוד מי הוא ה„טייל". בבית־התפילה של הפריווסים לא ידעו הדודים הגדולים אם עליהם לצנן יותר את יחסו אלי, או אולי כדאי לקרבני יותר ולענות לי

„שבת שלום". אחד מהם, הרץ פישמן, התקרב אלי יותר. אכן לא נעים היה לו שאני כותב בלשון־הקודש, ברם סימן הוא למהפכה במשפחת פריווס ומעטו של סופר נישאים רוחות של עולם יותר חפשי. באלכסנדר, אצל הרבי, החלו להתיחס אלי כאילו „לא מעלמא הדין". כל חידוש היה אצלם בחזקת טריפה ופסול, אפילו כשהוגש בחותמת כשרה של גור.

מכתבי י. ל. פרץ אל רוזה יעקובוביץ

(בתו של רבי ישכר בר גרויברט הרב מבנדין)

א.

מכתבך הנלהב נגע עד מאד, חייב אני להודות, אל לבי, אם כי הוא **משובץ מלים** דוקרניות כמו חיים רוחניים, סטיליסטיקה, **קונצנטראציה** וכיוצא באלה.

למדי לכתוב קודם־כל — בפשטות, מאד בפשטות.

שנית — הכתיב לא „לעיב" (חיה) אלא „לעב", וכיוצא בזה; קשה **מאד לקרוא** אותך. — כתבי נכון.

שירך כתוב כתוספת למכתב — אל תעשי כן. שיר צריך לפעמים **לשלוח אל הדפוס,** ולשם אין יכולים לשלוח את המכתב. **לא כך?**

בשירך נעוץ משהו. לפחות רגע־יאוש של נשמה. אך **השיר עדיין איננו ברור — מה** פירוש לתת לחיים „נחלה"? ובכלל, **עירוב העברית עם יידיש, לו** בדושיח של בית־המדרש, **מאור לא הארמוני הוא.** סבל סוציאלי יש להביע **בדרך אחרת.**

אולי שלחת מלבד השיר עוד משהו? כתבי־היד (כפי שנראה למערכת החדשה) התערבבו, וכפי שנתברר, רבים מהם אינם חתומים. אם כן, שלחי נא עוד פעם. דומה אל **כתב־ידך** הוא כתב־יד בשם „אלטע מויד" (בתולה זקנה), אקרא אותו אם תודי כי שלך הוא.

בדרך כלל את נראית לי מאד מעוצבנת.

בכבוד
י"ל פרץ

ב.

מרת רוזה היקרה.

קראתי את „די אלטע מויד" — לפי האמת דבר טוב מאד. אבל רבות השגיאות. כרגיל, מתקנים אותם במערכת, אך יש לך סגנון **עצבני** ומיוחד לך, **ואותם המקומות,** שה־מערכת עתידה לתקן עלולים להיראות כטלאים זרים. אני משיב לך לפיכך את הדבר הזה עם הערות. **פמקור סומנו** המקומות הלקויים במספרים, **ולפי המספרים תמצאי את ה־הערות הבאות, כל אחת למקומה.**

1) „די אלטע מויד" — שם מגוחך לדבר רציני. צריך להיות „די פאַריקמאכערין". ולא חשוב הגיל, הלב מת לפעמים בעודו צעיר. 2) (לא קריא). 3) אין זה תיאור. מה זה היה? יפה ורב־אושר. כך אפשר לכתוב. ואם לא כך — אין הקורא מאמין להודעה סתם. שהנעורים נראים לאדם המזדקן יפים ומאושרים, דבר זה טבעי הוא. דבר זה אינו דורש תיאור והדגמה. אבל אם את אומרת כך על עצמך מוכרחה את לתאר, **לא רק להודיע ולהבטיח.** עובדות: מדוע היו השנים יפות ומאושרות. 5) הסיגנון הוא של מאמר פסיכולוגי־מלומד; בזמן הזה מרגישים אמנם כך. אבל אין מתארים בצורה הזאת. כך מסבירים ומפרשים את ההרגשה. והכמיהה הערפלית של נער ונערה על סף ההתבגרות המינית צריכה להיות מתוארת בדרך ציורית, ולא בלשון לימודים מחוכמת. הרהרי במקום זה שנית. וכתבי אותו **ביתר פשטות, אבל גם ביתר עמקות.** 6) תיאור רע. 7) האחות עם מחלת הנפילה היא ענין מיותר, וכל המיותר — מפריע. ובפרט מחלת־הנפילה, המושכת במוזר ובמופלא שבה את תשומת־לבו של הקורא מן הנושא, ומטה את מחשבתו לצד, לענין אחר. כמובן, את תתאמצי ותמשכי אותו חזרה אל ספורך. אבל הקורא אסור שימשכוהו הצדה. וכי מעט בילדים צעירים, שיש לפרנסם ולגדלם? נכון, אך לא ברור. היא רואה, כי כובד הבית נופל יותר ויותר על כתפיה, והן רופפות. היא תצטרך לחשוב בעד כולם, לעבוד בעד כולם — אך אין ביכולתה לעזור, להשתכר, וכן הלאה; וכל זה יש לומר בדרך ברורה וציורית... 9) עקסטראקט פירושו תמצית. את רוצה לומר הסכום? ובכלל, כל המלים הלמדניות מכניסות דיסהרמוניה בתמונה רגילה. **כיוצא בזה: „זהיר ותקין". זה שייך לנעימה אחרת. וכך גם כל שאר הדברים,** שבמקור הם מסומנים בקו מתחתם — **דייטשמעריש...** לא מתאים.

הלאה לא אסמן עוד. את הדברים דלהלן, **שיש בהם אותם ליקויים עצמם, תתקני כבר בעצמך.** אך מוכרח אני לרמוז לך על עוד מקום אחד, שהוא החשוב והטוב ביותר בתמונה. ואף־על־פי־כן לא יצא ברור למדי, כי דוקא כאן קמצניות מאד המלים. כונתי למקום המסומן בעפרון צבעוני בעמוד הראשון.

כמה חוקים כלליים.

1) כתבי רק בצד אחד.
2) השאירי שולים להערות.
3) **למדי לכתוב כתיב נכון.**
4) למדי להשתמש בסימני־פיסוק (קשה מדי לגבי אשה?).
5) **אל תרבי בכתיבה, כמנערת מתוך השרוול... עבדי** את הדברים...

בשביל לתקן את הסיגנון, התמסרי לתרגום מדברים קלאסיים בגרמנית, ושלחי אותם לי...

רואה את — כל־כך הרבה שגיאות. ואף־על־פי־כן אני מאמין, כי משהו יצמח ממך. חבל שבכתב קשה להסביר.

בכבוד

י.ל. פרץ

ג.

מרת רוזה היקרה.

אוה. כמה את עצבנית. שוב מכתב, ושוב עצבני. אין לי, חס וחלילה, ולא־כלום כנגד כתיבתך התכופה; האמיני לי, כי מכתביך יכולים להיות נעימים מאד... אבל — יותר מדי עצבנות.

מה שנוגע לשיר:

1) למדי מידות־המשקלים...

2) כתבי בלשון מוסיקאלית יותר...

3) תמונות ולא הרהורים; זמנה של השירה הפילוסופית הישנה עבר לפי שעה. והרהוריך אינם כל־כך עמוקים... פשוט — מעשה־פובליציסטיקה.

סלחי לי, שאני כותב לך על חסרונותיך ישר ובגלוי־לב. ראשית, אופן זה כבר נעוץ בטבעי; שנית, מאמין אני, כי גם בך יש משהו, ומי שיש בו משהו רוצה לשמוע רק את האמת הטהורה...

תאב אנוכי לראות אותך. האין את יכולה לשלוח לי תצלום שלך?

היי בריאה ושלימה וכתבי.

שלך

י.ל. פרץ

* שלשת המכתבים נכתבו יידיש, בשנת 1909, על טפסים של „רעדאקציאן יודישע וואבענשריפט" לקאליש. מרת יאקובוביץ שלחה בשביל השבועון הזה כמה כתבי־יד.

ד״ר יו״ט לוינסקי, תל־אביב

א ווערטפולע פארשונג וועגן יידישער פאלקסשאפונג

יעקב מייטליס: די שבחים פון רבי שמואל און רבי יודא חסיד, פארלאג קדם, לאָנדאָן.

די תלמידים און אָנהענגער פון דער נייער קבלה, דער אזוי גערופענער „קבלה מעשית", האָבן אונדז געגעבן דעם **שבחי האר״י** — א ספר מיט וווּנדער־מעשיות, וואָס האָבן זיך ארומגעטראָגן אין צפת און אין די ארומיקע ישובים איבער דער הייליקער פערזענליכקייט רבי יצחק לוריא, פאָטער פון אָט דער נייער דיכטונג אין דער יידישער מיסטיק. אויך זיין תלמיד, רבי חיים וויטאל, האָט זוכה געווען אַז מזאָל שרייבן נאָך אים אַ שבחים־בוך — דעם שבחי ר׳ חיים וויטאל — און דערציילן אלעמען זיינע גרויסע מעשים און וווּנדער, זיין תורה און צדקה.

די חסידישע באוועגונג האָט אונדז געשענקט דעם שבחי הבעש״ט — אַ זאַמלונג פון הייליקע מעשיות איבער די גדלות פון רבי ישראל בעש״ט, דערציילט פון זיינע תלמידים און תלמידי־תלמידים, באַגלייבטע און אנאָנימע — וואָס האָט זוכה געווען צו צענדליקער אויסגאַבעס, ווערסיעס און פירושים, און איז געוואָרן דער היפּטבוך פון חסידות.

דעם בעל שם־טובס אוראייניקל, רבי נחמן בראַצלאַווער, האָט אויך מזכה געווען זיינע תלמידים, די אזוי גערופענע „טויטע חסידים", מיט דעם ספרל שבחי הר״ן, ווו סאיז באשריבן ר׳ נחמנס דרייסטע נסיעה קיין ארץ־ישראל, זיינע פאסירונגען פאר און נאָך דער רייזע.

די דערמאָנטע שבחים־ביכער זענען דאָך אייגנטלעך פאָלקס־מעשיות, וואָס האָבן ארומגעקורסירט צווישן דעם צדיקס אָנהענגער, אין פארשידענע נוסחאות, אָריגינעלע אָדער אָפגעקאָפירטע פון אנדערע פעלקער, און געקומען לבסוף צום דרוק, אַלס ספר.

סאיז גאָר קיין ספק נישט, אז עס האָבן זיך ארומגעטראָגן אין פאָלקסמויל מערערע שבחים־ציקלען איבער הייליקע און בעלי־מופת. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין מזל צו ווערן פאַרצייכנט, אָדער, אין בעסערן פאַל, יאָ פאַרצייכנט געוואָרן, נאָר נישט זוכה געווען צו ווערן אנטפּלעקט, און אויב עס איז שוין יאָ געדרוקט געוואָרן אַ שבחים־ספר, איז עס געווען עפּי״ר אן ארײנפיר איבער דער געשיכטע פונעם כתב־יד, אָן ידיעות איבער זיין מחבר און צייט, זיינע פערסאנאזשן און מאטיוון, געדרוקט לויט דעם אלטיידישן אויסלייג, אָן לעקסיקאלע דערקלערונגען פון אלטפרענקישע ווערטער און פארעלטערטע שפּראַך־פאָרמען.

איז געקומען אצונדערט ד״ר יעקב י. מייטליס, דער פראמינענטער אלטיידיש־פאָרשער. און האָט אונדז אונטער־געטראָגן נאָך אַ בוך פונעם דערמאָנטן שבחים־ציקל: די שבחים פון רבי שמואל און רבי יודא חסיד — אַ צושטייער צו דער יידישער פאָלקלאָר־פאָרשונג (פאָרלאג קדם, לאָנדאָן, 1961).

ד״ר יעקב מייטליס איז ניט קיין פנים חדשות אויף דעם געביט. שוין אין יאָר 1933 דערשיינט זיין מאָנאגראפיע וועגן מעשה־בוך. שוין מיט קנאפּע דרייסיק יאָר צוריק האָט ער געפלאַנט סיסטעמאטיש אויסצופאָרשן די מאטער־יאלן פון די אלטיידישע מעשיות, סיי די וואָס געפינען זיך נאָך אין כתב־יד און סיי די געדרוקטע, זיי איבערוואַרפן אין אַ מאָדערנעם יידיש, ניט פארטושנדיק דערביי די חן פון אונדזער אבות־אבותינו־אויסשפּראַך און ניט פאר־לירנדיק דערביי דעם ווערט פון אונדזער עלטערע פאָלקס־אוצרות, צו געבן באַגלייך היסטאָרישע ליטעראַטור־קאָמפּאַראַטיווע און פילאָלאָגישע באַמערקונגען, „כדי אַזוי ארום אריבערצופירן דאָס ביסל אייגנס פון אמאָליקע דורות אין דער מאָדערנער ליטעראטור", קורץ געזאָגט: אַ כינוס פון אונדזער אלטיידיש־ליטעראטור, אין אירע אלע אנט־פּלעקונגען און אספּעקטן.

דער דאָזיקער פּלאַן איז נאָך, ליידער, ווייט־ווייט פון צו זיין פאַרווירקלעכט. ד״ר מייטליס האָט אָבער ניט אויפגעהערט זינט יענער צייט זיך צו פלייסן אויף דעם געביט. אַ חוץ אַ ריי אָפּהאַנדלונגען איבער דער דערמאָנטער טעמע, אין וואָרט (ד״ר מייטליס לייענט לעקציעס איבער דער אַלטער און נייער יידישער ליטעראַטור אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט און אויף אנדערע בכבודיקע טריבונעס) און אין שריפט. ער זיצט אין לאָנדאָן הבירה און זיין אויג גריבלט זיך אין אַלע וועלט־ביבליאָטעקן און מוזייען, ווי נאָר אַלטיידישע כתבים זענען פאַראַן: אין בריטישען מוזיי, ווו ער איז אַן אָפטער אריינגייער, אין דער באָדליאַנאַ, אין ראָזענטאַליאַנאַ, אין באַזעל און אין מינכען, אין ירושלים און אין רוים א״א. געפינט ער עפּעס איבער דעם מעשה־בוך, אַ נייעם טעקסט, אַ נייע ווערסיע — צינדן זיך אָן גלייך זיינע אויגן, און ער וועט זיך שוין נישט רירן פון דאָרט, ביז ער וועט אָפּקאָפּירן דאָס נייטיקע, אָדער לאָזן פאָטאָקאָפּירן. און ער וועט שוין ניט רוען ביז ער וועט פעסטשטעלן, וואָס דער נייער כתב לערנט אונדז און וואָס די נייע אויסטייטשונג זאָגט אונדז.

אין זיין נייעם בוך, די שבחים פון רבי שמואל און רבי יודא חסיד, גיט ד״ר מייטליס אין ערשטן טייל אַ ברייטע היסטאָריש־פאָלקלאָרישע אָפּהאַנדלונג איבער דער תקופה פון די דערמאָנטע צוויי צדיקים פון 12טן יאָרהונדערט, איבער דעם אויפקום און דער אנטוויקלונג פון דער אַלטיידישע מעשה בכלל און פונעם „ריין־דונאַי־מעשיות־ציקל״ בפרט. ער באַלייכט זייערע פערסאָנאַזשן, קלערט אויף דעם אָפּשטאַם פון די 27 מעשיות וואָס שליסן אָפּ דעם ציקל, פאַרגלייכט זיי לויט אנדערע קוועלן, וואַריאַנטן און מאָטיוון, יידישע, פרעמדע פאַריידישטע, ציט־דורך פּאַראַלעלן צו ענלעכע פאָלקלאָר־שאַפונגען און קומט צו געוויסע גוט באַטראַכטע אויספירן.

וויכטיק זענען די טעקסטן פון די 27 מעשיות. דער דאָזיקער ציל טראָגט דעם שטעמפּל פון דער גאָר אַלטער יידישער ביאָגראַפישער לעגענדע. יעדער מעשה הייבט זיך אָן מיטן אַלטן פאָלקסטימליכן נוסח: מעשה, עס האָט זיך געטראָפן״, אַ מעשה האָט זיך געטראָפן״, „אַ מעשה איז געשען״, „אַ מעשה שהיה״ אדג״ל. די מעשיות האָבן ארומגעשפּאַנט אין פאָלקסמויל, ווער ווייס ווי לאַנג, זיך באַקליידט מיט פאַרשיידענע לבושים און באַצירונגען, געוואָרן שפּעטער קאָאָפּטירט צום מעשה־בוך, כאָטש אָפּגעזונדערט, ווי אַן אייגנאַרטיקער ציקל, פון די אנדערע מעשיות. ר׳ שמואל חסיד און זיין זון יודא חסיד דערשיינען פאַר אונדז אין זייער פראַכט, ווי זיילן פון יידישן מיטל־עלטער אין דייטשלאַנד. די מעשיות ארום זיי טראָגן אין זיך מוסר־השכל־אויספירן, היסטאָרישע קערנדלעך איבער דעם לעבן און שטרעבן פון די יידישע קהילות, ווי קעלן, מאַגענצאַ, שפּייער און רעגענסבורג, דערציילן די גזירות און צרות וואָס האָבן זיך געשאָטן איבער זייער קאָפּ, שילדערן די ניסים ווי אַזוי יידן פלעגן זיך ראַטעווען און בייקומען דעם צורר — מיט דער הילף און ראַט פון אָט די קדושים, די געטרייע היטער פון גאָטס שאָף, די וועכטער, טאָג און נאַכט, פון שארית ישראל.

די טעקסטן ריידן פאַר זיך, לייענען זיך געשפּאַנט, מיטן פולן אָטעם. און דאָ דערהייבט דיך ד״ר מייטליס צו אַ הויכער מדרגה; ער האָט איבערגעוואָרפן מייסטערדיק דעם אַלטיידישן טעקסט אינעם מאָדערנעם יידיש און ניט געקריוודעט דערביי דעם גייסט און קרוין פון אָט דער שאַפונג, ווי עס פאַרשטיין דאָס צו טאָן ווייניקע פון אונדז. ער האָט דאַ ארויסגעבראַכט און מכבד געווען דעם גוטן לייענער מיטן אַלטן וויין פון אַ נייעם פאַס. פון צייט צו צייט מישט ער אריין אין כוס אייניגע אַלטגעוואָרענע ווערטער און אויסדרוקן — אָבער זיי פּאַסן זיך דאָ אַריין און זענען ווערט אפילו צו ווערן צוריק אנגענומען אין דער מאָדערנער שפּראַך. אַ שטייגער: „איך וויל על כן ציען קיין רעגענסבורג און זיך אונטערשטיין (— אונטערנעמען, באַמיען), אים צו ממיתן מיט מיין אייגענער האַנט (זייט 124, שורה 14). „אַז ער זאָל מיט אים גיין אין מלחמה און אים געבן זיין ביישטאַנד (— הסכמה)״ (127, 18—19). „דער עושר איז אוועק פון חסיד אַ פאַרצערטער (—פאַרזאָרגט״ (128, 22). „דערנאָך וואָלסטו אים פון דאַרט אפויער (— צוריק) גענומען״ (139, 23). „האָט דער חסיד פון שפּייער פאָרט געהאַט חלישת הדעת״ (140, 21). „איז זיין ווייב פאַרגאַנגען אין טראָגן (— געגאַנגען צו קינד) און האָט געווינען צו אים ר׳ אברהם״ (142, 20—21).

עס ווילט זיך מיר פרעגן: אין די הוספות (ב) שרייבט ער:

„אַ מעשה שהיה. אמאַל האָט רבי שמואל געוואַנדערט אונטערוועגס און צוויי **אירע** זענען מיט אים מיטגעגאַנגען״. אין „אירע״ (געמיינט „יידן״) פונעם טעקסט, אָדער פריי איבערזעצט דורך דעם מחבר? ווייל אין מיין געבוירן־שטעטל (זעמבראַווע, פוילן) האָב איך געהערט אין די קינדעריאָרן זאָגן: אונטערן שטאָט האָבן באַפאַלן דריי „זיירע״ מיט הינט און שטעקנס צוויי „אירע״ — געמיינט „זיירע״ — זייערע, ד״ה גויים „אירע״ — אייערע געמיינט יידן. איז מיר אינטערסאַנט פעסטצושטעלן דעם ייחוס פון „אירע״ — „אירע״ אין דעם זינען און נאָך: אַ האַרבע יידישע קללה זאָגט: זאָל דיך די ניכפה וואַרפן, איז געמיינט, פאַרשטייט זיך, די פאָליקע (חולה־ניכפה). אין נומער קע״ו (130, 17) שרייבט דער מחבר: „און ווי אַ צעדולטן האָט אים די ניכפה געוואָרפן — געמיינט: געווען אין גרימצארן, אָבער ניט „באַקומען די פאַליקע־קרענק״. פרעגט זיך: איז עס אַזוי געווען אינעם אַלטן טעקסט, אָדער אַ פרייע איבערוואַרפונג פונעם מחבר? ניט האָבנדיק פאַר די אויגן דעם אָריגינאַל, וואָלט געווען אַ יושר, צו געבן ביים סוף אַ קליינעם לעקסיקאָן פון אַזעלכע ווערטער, למען דעת.

ווי געזאָגט, האָט ד״ר מייטליס אונדז באַרייכערט מיט

אַ ווערטפולן בוך איבער דער יידישער פאָלקסשאַפונג, און מיר ווינטשן אים זוכה צו זיין זען אין דרוק אויך זיינע ווייטערדיקע פאָרשונגען און חידושים אויף דעם געביט פון דער יידישער פאָלקס־מעשה, און זאָל ער אַליין זיין דער פרינץ „וואָס זאָל אויפוועקן די יידישע מעשה פון איר לאַנגען פאַרכישופטן שלאָף צו אַ באַנייט פרוכפערדיק לעבן”.

משה (סטאַווסקי) **סתוי**

חורבות פון בענדינער שלאָס

(„ווען טאָג פאַרגייט”)

אויף די חורבות פון אַ קעניגליכן שלאָס בין איך געשטאַנען. שטומע מצבות אויף דעם געוועזענעם.

אַלטע פון דער צייט רואינירטע ריזן־מויער האָט דער ווינט אומרחמנותדיק פון דער הויך אַראָפּגעפליקט, מיט דעם רעגן געשווענקט און דעם דורכגייער פאַר די פיס געשפּרייט.

שוואַרץ־אָפּגעשיילטע פּאַלאַצן־ווענט, מיט טיפע אונטערגע־בראָכענע שפּאַלטן, ווי אָפענע מיילער פון אָפּגרונט.

שטומע פענצטער־לעכער, ווי אויסגערונענע אויגן, קוקן שטום און רוימען איין — דערציילן עפּעס ווי פון יענער וועלט:

געווען אַמאָל אַ צייט.

מלכים האָבן דאָ מיט מאַכט רעגירט — לעבן און טויט אויף זייער שפּיץ צונג.

העלדן האָבן דאָ גליק־חלומות פאַרן פאָלק געוועבט...

אין אַ שלאַכט האָט דער מלך פאַרן כבוד פון לאַנד — זיין שטאָלצן קאָפּ צו דער ערד געבוידערט.

די העלדין האָט דער שונא צום שעכטן געקניט.

די ווייבער לויט אַ גורל — צווישן די זיגער געטיילט.

אין פּאַלאַץ — פאַר די פערד צו שטאַל געמאַכט.

שוין לאַנג, זייער לאַנג איז עס געווען.

אַ ציגל נאָך אַ ציגל אַ שטיין נאָך אַ שטיין האָט די צייט געפּליקט. דער ווינט האָט פון אַ לעבעדיק לאַנד גרוסן געפירט, זוימען פון גראָז און פעלד־בלומען צווישן די שיינער פאַרטראָגן. די געטרייע הימלען האָבן רעגן געבראַכט, די האַרטע שטיינער פרוכטבאַר געמאַכט, און שוין לאַנג האָבן זיך די חורבות מיט ווילדע גראָזן און קליינע פעלד־בלימלעך באַדעקט.

עלנדע שטייגן אויף דעם באַרג — מיט זייער אומעט אַליין צו בלייבן.

געליבטע רייסן אַרויס פון ישוב זייער ביסל גליק — זיי זאָלן אים דאָ אַליין פאַר זיך פאַרצערן.

און טעג יאָגן טעג. יאָרן שלינגען יאָרן, ביז דער לעצטער שטיין וועט זיך דעם ווינט אונטערגעבן און אַ מידער וואַנדערער וועט אויף אים זיין מידן קאָפּ צושפּאַרן.

אויבן, איבער די חורבות, האָבן זיך קלאָרע, בלוי־טיפע הימלען געצויגן. די אַלטע און שטענדיק נייע הימלען און יעדן טאָג — טאָג אויף טאָג. ווען די זון האַלט ביי אונטערגיין, לאָזט זי זיך דאָ אַראָפּ אויף יענער זייט באַרג, שלאָגט אַן אירע לעצטע שטראַלן אין די רעשטן פון שלאָס, באַגיסט אים מיט אַ גוססדיקע שיין און פאַרגייט.

צופוסנס פון באַרג האָט אַ קלאָר טייכל פאַר זיך אַ וועג אַדורכגעשניטן, דאָס שטענדיק־פליסנדיקע קרישטאַל־וואַסערל, וואָס האָט זיך ווען אַמאָל ערגעץ־ווו אָפּגעריסן, און אָן אויפהער, ווי טאָג, אַזוי נאַכט, מיט אַ שטילן גערויש ווי געמורמלט אין שלאָף — דעם צופוסנס פון באַרג געגלעט, געקושט, און אין דער ווייטער וועלט אַוועק.

אין דעם קלאָרן וואַסערל האָבן זיך די אַלטע, נייע הימלען, די ווייסע פוכיקע וואָלקנדלעך געבאָדן אין זיך, אָפּגעטונקט. אין די אַלטע חורבות האָבן זיך אין זיי איינגע־שפּיגלט) זייערס אַ גלייכן געפונען, מיט אַ שמערצלעכע בענקשאַפט זיך איבערגעקוקט און ווידער פאַרזונקען אין שווייגן.

דאָס וואַסערל האָט דעם שווערן בענקן, דעם שטומען שמערץ אויף זיין רוקן אַרויפגעכאַפּט. זיך אַוועקגעלאָזן דער־מיט אין דער וועלט, אין דורשטיקע פעלדער און גערטנער מיט אומעט און בענקען אָנגעטרונקען.

צופוסנס צווישן באַרג און טייכל, אין דער מיט צווישן הימל און וואַסער, האָבן מענטשן פאַר זיך נעסטן געבויט, אין דעם האַרץ פון באַרג לעכער געהאַקט, ליים מיט ציגל פון ערגעץ געבראַכט, דעכער איבער דעכער געהויבן, נאָרעס אויסגעבויט פאַר זיך, פאַר ווייב און קינד.

אין דער נידער דערציילט מען אַסך לעגענדן פון שלאָס. שוועסטער שלעסערן אין זייערע קליינע ברידערלעך מיט אַלטע שלאָס־מעשהלעך.

גרעסערע קינדער שרעקט דער שלאָס, און ווען אַ קינד וויינט ווייזט מען אים איבער די דעכער אַרויף, שטילט ער איין.

און גאָר די אַלטע רייסן זייערע אויסגעלאָשענע אויגן אַרויף, צו בינדן זייער זכרונות־קנייללכל, שאָקלען הכנעהדיק מיטן קאָפּ און שווייגן.

פאַרנאַכט, די זון האָט באַרג און חורבות אין אַ שלייער פון בענקשאַפט איינגעהילט, זיך געזעגנט, אַראָפּגעלאָזן צו זייער צופוסנס. אַ לעצטער ראָזאָווער שטראַל האָט זיך אין אַ קליין שיפעלע אָנגעשלאָגן וועלכע האָט זיך אויף דעם צווישן טאָג־ און נאַכט־וואַסערל געגליטשט, אַזוי רויק ווי דורך אַ חלום.

האָבן זיך פאַרליבטע פנימער מיט איר לעצטער פורפור באַגאָסן, די אויגן צוגעמאַכט, ליפּן צו ליפּן צוגעטראָגן, און

װען זײ האָבן די אױגן צוריקגעװענדט, איז שױן טאָג אין נאַכט אַרײַן פאַרגאַנגען.
בענדין, מאַי, 1908.

משה סטבסקי (סתוי)

קשריו עם אחיו גרשון ובקוריו בסוסנוביץ

בתולדות חייו שבאו בספרי־ספרות שונים לא נזכר הפרט החשוב על בקוריו בסוסנוביץ וישיבתו בה במשך שנים. מהי הסיבה להתעלמות זו — לא ידוע. ברם עובדה היא שעוד בראשית המאה העשרים ביקר בסוסנוביץ אצל אחיו ושהה שם זמן מסוים. רשימתו על „חורבות הארמון הבנדינאי" נושאת התאריך: מאי 1908, בנדין. במכתבו אלי שבו האריך מלים על אחיו הוא מזכיר לטובה את ימי שהותו בסוסנוביץ.

ביהוד התרשם מבקורו בסוסנוביץ בשנת השלושים, אחרי שבא מארץ־ישראל, והעתונות המקומית מצאה בו ענין, ב־פרסמה עליו ידיעות פה ושם. הנה בסיון תר"ץ באה ידיעה בעתון המקומי עליו, שיחוג את חג השבועות בסוסנוביץ אצל אחיו ושביקורו עורר ענין רב בחוגי היהדות הלאומית. באולם „השומר הצעיר" בסוסנוביץ קרא יום אחד לפני כמה מאות של בני נוער מיצירותיו בעברית ואידית, אחרי שהוצג בכמה דברי הקדמה בפי צבי פרגריכט והקהל נהנה מדבריו. וכן קרא מבחירי יצירותיו באולם אנגילסקי (רחוב וורשבסקה 22) בבית פריווס, ועורר ענין רב בעיר.

במוצאי שבת אחד נתקיים (ביוני 1900) בראשותו של י.מ. ויגריב באולם אנגילסקי ערב ספרותי־אמנותי בהשתתפות משה סטבסקי, שנפתח ע"י יוסף קלרמן בנאום על המשורר ויצירותיו, בציינו אותו כ„נוח המודרני" שהכניס לתיבת הספרות" את חיי החיות והבהמות. סטבסקי הקריא כמה מ־סיפוריו: „שפע", „משום מה מלוח הים?" ה„חזיר". ז. שיינרמן הקריא את „לאחותי באר־טוביה", כדברי נחומים לבאר טוביה שנחרבה בידי הערבים במאורעות א"י האחרו־נים, שם ישב המשורר מספר שנים והנשף נסתיים בזמרת המקהלה של „השומר".

תולדות חייו

נולד בראש־חודש אדר תרמ"ד בעיירה אנטופול, פלך גרודנה אביו היה איש משכיל ומעורב עם הבריות, גבאי ופרנס הקהילה, והתפרנס בריווח מטחנת־סוסים ובית־הבד וגם ממשק זעיר של עופות ופרה חולבת. בבית־אבא שלו למד משה את חיי היהודי העיירתי וגם היה מצוי ליד בהמות ועופות בית. מילדותו רחש חיבה לבעלי־חיים. בעיירתו היו יהודים שעסקו בגננות וגם גידלו עופות ופרות, והיו יהודים בעלי עגלות המטפלים תדיר בסוסיהם וסייחיהם, ומשה סטבסקי גדל בסביבה כפרית למחצה והתבונן בעירנות רבה אל טבע בעלי החיים ואל יחסי היהודים אליהם. עד שנת השלוש־עשרה לימי־חייו למד ב„חדרים", אך לבו נמשך למרחבי הטבע ולעולם החי, ולעתים קרובות היה מתחמק מעינו של המלמד הקפדן ובורח לאחו להתרעות שם עם פרות ועגלים, סוסים וכלבים.

בשנת השש־עשרה לחייו נפרד מעיירתו וישב עם הוריו בערים שונות: בוורשה, קרמנצ'וג ואלכסנדרובה שליד הגבול הפרוסי, עסק במסחר וגם הצליח בעסקיו. אך לפתע־פתאום בחל במסחר, בא לוורשה והתחיל מפרסם סיפורים בעתונות האידית.

זה היה בשנת תרס"ו. חמש שנים היה שקוע בעבודתו הספרותית באידיש, פרסם בעתונים שונים וערך מאספים ספרותיים: „צלילי החיים", „קיץ", „תשרי" ואחרים. אותה שעה דאג שסיפוריו יתורגמו לעברית. ושוב חל משבר בחייו: בשנת תרע"א עלה לארץ־ישראל. במולדת היה שומר ופועל חקלאי, רפתן וממארגני ההתישבות החקלאית. בשנות המלחמה העולמית הראשונה עמד בראש ועד הפועלים בפתח־תקוה. בארץ נתגוונה יצירתו הספרותית: נוספו לה נושאים חדשים — נוף המולדת, חיי האכר העברי וגם ההוי הערבי, כי בהיותו שומר, רכש לו ידיעות מרובות בלשון הערבית והכיר את חיי הפלחים ואת הפולקלור הערבי.

באידיש יצאו סיפוריו בארבעה כרכים; והמובחרים שבהם תורגמו לרוסית, פולנית, רומנית, הונגרית, אנגלית וגם לער־בית. בארץ כתב את סיפוריו, כמובן, עברית, ואלה שנכתבו באידיש תורגמו לעברית, מקצתם על־ידי המחבר ובמקצת על־ידי אחרים „במסירת קולמוס". מלבד סיפורים כתב סטבסקי מונוגרפיות על נקודות התיישבות שונות, מאמרים משקיים־חקלאיים ומאמרי־בקורת „על הטבע והחי בספרותנו" בחתימת שמו ובכינויים שונים. אחדים מסיפוריו נכנסו ל־מקראות כחומר חינוכי מעולה. בשנות תר"ץ־תרצ"ב ביקר בצרפת ובגרמניה, סייר את פולין והרצה על חיי הישוב במולדת.

„לבן הארמי" ו„ספר הבהמות"

סטבסקי קנה את ראשית פרסומו בסיפורו „לבן האר־מי". בסיפור זה קסם לקורא העברי לא תיאור התכונות המיוחדות אשר לסוס האציל ולא גורלו המר, אלא מעין חיבה והבנה והמסירות לבעל־חיים אשר גילה המספר בלב עגלון יהודי ובנפשות בני־ביתו. היה בזה מאותות התחיה, משום עידוד לאמונה, שהגלות לא החריבה בנו כליל את המקורות הנפשיים, את החושים הטבעיים, ובקרב המוני־ישראל שוכנת עדיין בריאות נפשית ראשונית... מאז נתייחד לו לסטבסקי בספרותנו הסיפור מעולם החי. סיפוריו כונסו ב„ספר הבה־מות" ובהם מתוארים ילדי־ישראל המחבבים חתולים („אני וחתולי"); יהודי „המחזר אחרי פרתו באהבה ובאמונה גדולה, כאילו היא היתה הנפש היותר יקרה לו בעולם" („בהמה"); הזוג „יואל וציפה" המסורים לסוס ולפרה; יהודים חסונים בעלי כתפים רחבות, היודעים להחזיק חרמש ביד, לאסור צמד שוורים ולחרוש מענית בשדה („דור הולך ודור בא"). אמנם יש והיהודי גורם לבעל החיים מיתה מתוך יסורים רבים, אך זאת עושה הוא שלא מדעת, והוא מצטער

על־כך („האם ובנה"); יש גם ויחסו לבעל־החי משתנה מרעה לטובה. למשל, הסיפור היפה „התרנגולת הצהובה" מתחיל: „שנאה עזה היתה מרחפת בתלל ביתו של זלמן הנגר אל התרנגולת הצהובה, מנוסרת הכנפיים ומרוטת הזנב"; והסיפור מסתיים: „ובליל התקדש החג, כשהסבו בבית זלמן הנגר מסביב לשולחן וערכו את הסדר, ישבה למולם התרנגולת הצהובה מתחת למיטה על מצע חציר רענן — — — עלה משם ניגון רך ותרישי, ערב ונעים, ניגון של יום־טוב מפיות של מניין וחצי מניין אפרוחים טהורים וזכים — מלמול ענוג — כטיפות שמן זך וענוג, וימלא את חלל ביתו של זלמן הנגר"...

סטבסקי הוא צייר יותר מאשר מספר, הוא צייר נאטור־ליסטי, המעלה על יריעתו את רשמי הסתכלותו ולא את פרי דמיונו, אלא שיש לו הסגולה לשוות צביון סיפורי לתיאורי החיים כמות שהם. במרכז תיאוריו אשר ב„ספר ה־בהמות" נקבע לא בעל־החיים, כי־אם יחס היהודי אל החי, ומכיוון שיחס זה בולט על רקע ההווי היהודי־עיירתי, הרי צדק סטבסקי באמרו, ש„בסיפוריו וציוריו חיי הבהמה וחיי האדם הפשוט שלובים ואחוזים אלה באלה, והשמחה והתוגה של העיירה הקטנה והכפר בגלות חופפות עליהם". אך יש ועניין בעל־החי נדחק מפני התיאורים המרובים של „חיי האדם". למשל בסיפור „אני וחתולי" העיקר בציור הגירתו של יהודי עיירתי לאמריקה ומצב בני משפחתו שנשארה במקום, והנטפל לציור זה הוא ענין הכנסת החתול לבית והתחבבותו על כל בני הבית וסופו המר. סטבסקי הוא צייר אידיליקן, וציוריו פשוטים ונוגים אינטימיים ולבביים מאד.

„האם"

מסיפורי ההווי של סטבסקי מצטיין במיוחד הסיפור „האם". בדמות האם ליפשה גילם מספרנו את עצמת הכוחות הויטאליים, המתחלחלים בנפש האשה העבריה, הידועה לנו יפה מתולדות ישראל לא רק כאם אידיאלית, אלא גם כעובדת, המפרנסת את המשפחה כולה, כגיבורה עטורה קדושה והוד מוסרי־לאומי וכו'. לפנינו בת־ישראל ענוגה שנישאה לבן־כפר ונתגלגלה מהעיר לחוה נידחת, והכל היה לה זר ומוזר, אך „היא הסכינה עד מהרה לכל והפיקה רצון איש ואיש"... תוך עבודה קשה ומפרכת ילדה וגידלה שבעה ילדים, וכשלעת זקנה כמעט באו לה שוב ימי הריון, וחולשה גדולה תקפתה, נדמה היה לה, כי „חטא גדול היא חוטאת לבני הבית באי־יכלתה לעזור בעבודה. בעלת־בית שכמותה, אשר לה עשר פרות חולבות משלה, חמישים בשותפות, ועגלים ואווזים משלה ומשל השותפות, ודובדבנים ואגסים בשותפות, מלבד הסוסים והשוורים והבהמה הדקה ומאתים מעניות אדמה זרועה וכו' וכו'. נוסף לזה שותף ושותפה וילדיהם, שאין על עפר משלם, ליסטים וגונבי סוסים, ובעל, יחסן ומפונק, עקשן וידוע־חולי, וילדים כעסנים, סרבנים וידיהם חמומות שאינם מותרים אפילו על פחות משווה־קש... בתוך בוקה ומבוקה כזו צריכה בעלת־הבית, שידיה תהיינה מותרות, ולא נתונות בסד בעצם ימי הקציר"... היא המשיכה לעבוד, ומזעזעים תיאורי חבלי הלידה שלה, גסיסתה ומותה. אך ברגעים אלה עולה לפנינו דמות הבת גיטלה, נערה כבת שלוש־עשרה „בבואתה של אמה בימי נעוריה". וגיטלה זו מעמיסה על כתפיה החלושות את עול הבית: „גיטלה תהיה האם, אם לכל — למן התינוק שאין לו עדיין שם, עד האחים הגדולים שהגיעו לפרקם, ועד האב שהזקין"...

בסיפור זה השקיע סטבסקי את כל כשרונו בתיאור ריאליסטי ועיצב באמנות מרובה את דמותה של האשה העב־ריה על כוחותיה הפלאיים — האמהיים והמשקיים, על סבלנותה ומסירותה, פקחותה וזריזותה, אהבתה ועבודתה, על כל סגולותיה המשובחות, הבונות את החיים.

סיפוריו וציוריו מחיי הארץ והמזרח

אלה הם המשך לסיפוריו הקודמים, אלא שיריעתם רחבה יותר, ובמקום הזיקה לבעל החי באה כאן ההיצמדות למכורה השוממה והסלעית אל חיי אדמה, ובמקום גבורת יחידים מופיע כאן מחנה של בחורים חסונים, אמיצי לב ונועזים, שבאו לגול מעליהם את חרפת הפחדנות שדבקה בעמם הנרדף והיו לשומרים. בארץ נתרחב איפוא רקע ציוריו, וההללו נתבשמו מן הנוף המולדתי על מראותיו המרהיבים את העין.

בארץ פרסם סטבסקי גם סיפורי המזרח בנוסח „אלף לילה ולילה", ובהם דמיון מופלג ואוצרות בלומים של אגדות ומשלי־עם, של חכמת־החיים הערבית (ראה את ספרו „בן השמן מבגדד").

ספר מעניין ומאלף הוא ספרו „הכפר הערבי" — תיאור אתנוגרפי, „המגולל לפני הקורא מגילת־חיים עשירת גונים, על אורותיה וצלליה". הספר כתוב בלשון ציורית ושופע תמונות חיות, פתגמים ומשלים והשוואות עם חיי אבותינו במולדת בתקופת התנ"ך והתלמוד.

סטבסקי, בכל ענפי יצירתו, הוא סופר עממי מובהק. וביחוד נאים סיפוריו לשמש את בני־הנעורים. אבל יש בהם לגרום הנאה מרובה גם למבוגרים.

ביבליוגרפיה

משה סטבסקי — ספריו: „ילדי אדמה", סיפורים, תרפ"ז; „ספר הבהמות", סיפורים ואגדות, תר"ץ; „האם", סיפור, נדפס ב„תקופתנו", לונדון, תרצ"ב, עמ. 284—310; „בן השמן מבגדד", סיפורים ואגדות", תש"ג; הרבה מסיפוריו לא כונסו עדיין; „מתנה", „מעשה בשיך זקן", „המטפחת", „לקבר ישראל" ועוד; „הכפר הערבי", פרקי הווי, תש"ו.

הערכות בקרתיות:

מ.א. (מיכאל אסף), „קובץ של סטבסקי", מוסף ל„דבר", כ"ח באדר תר"ץ, גליון י"ט; י. ליכטנבוים, „סיפורי ערב", „הדואר", שנה כ"ג, תש"ד עמ. 47; חיים תורן, „על משה סטבסקי", ליובל הששים, „מאזנים" כרך י"ח, תש"ד.

ש. איזאַקסאָן

אַ ראָמאַן וועגן זאַגלעמביע

זאַגלעמביע האָט שוין איר טראַדיציע אין דער פּוילישער ליטעראַטור און געשען איז עס דערפֿאַר, וואָס דאָ האָט זיך געשאַפֿן די ערשטע גרעסערע אינדוסטרי מיט אַ גרעסערן אַרבעטער ישוב. דער אַרבעטער איז אין פֿריערדיקן אָפּהענגיגן פּוילן געווען דער, וועלכער האָט איבערגענומען דאָס שליחות פֿון דער אָפּשטאַרבענדער שליאַכטע אין קאַמף פֿאַר פּוילנס באַפֿרייאונג און די ערשטע בעווייזן אויף דעם האָבן אים פֿערשטאַנען אַלס דער קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿאַר שפּעטער געפֿינט דער מאָמענט זיין אָפּשפּילונג אין דער ליטעראַטור אין אַנדזשעיעווסקיס „אונזערע פּאָטערס" אין מאַריע יאַהאַננע וויעלאָפּאָלסקאַס „קריאַקי", ווו דער פּאָליס־מענטש אָדער אַנדערש געזאָגט. דער פּראָלעטאַריער (אָבער ניט דער פּראָלעטאַריער אין היינטיקן זין) קעמפּט צוזאַמען מיט די שליאַכטשיצעס געגן דעם צארישן רעזשים. און טאַקע צוליב דעם נייעם שליחות פֿון די אַרבעטנדע מאַסן עפֿענען זיך פֿאַר זיי ברייט די טויערן פֿון דער ליטעראַטור. דער מאָמענט איז אָבער צווייטייטיג בעלויכטן געוואָרן. מאַנכע האָבן אים פֿערשטאַנען אַלס דער קאַמף פֿון פּראָלעטריאַט פֿאַר די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג. אַנדערע האָבן דעם קאַמף פֿון פּראָלעטאַריאַט פֿאַר אומאָפּהענגיקייט ענג צונויפֿגעבונדן מיט דעם קאַמף פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער באַפֿרייאונג אינם זין פֿאַר קאַמף פֿאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדנונג אין בעפֿרייטן פּוילן. דער אינדוסטרי אַרבעטער רייסט זיך אַריין אין דער ליטעראַטור אינם אָנהויב פֿון די 1900־ער יאָרן, ווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט וואָס אַמאָל בולטער ביז זי ברעכט אויס אַלס רעוואָלוציע אין די יאָרן 1905 — 1904. פֿון יענע צייטן שטאַמען אַנדזשיי סטרוגס ערצעלונגען „אונטערערדישע מענטשן", אין וועלכע אַ סך אָרט ווערט געווידמעט נישט אַזוי ווייט זאַגלעמביע ווי דעם קעמפֿער, וועלכער איז דאָ דערוואַקסן און פֿערפֿאָלקאָמט געוואָרן, אַזוי אַז די ערשטע רעוואָלוציאָנערן שטאַמען פֿון די אינדוסטרי געגנטן ווי לאָדז און זאַלעמביע. לאָדז האָט שוין יאָרן לאַנג איר עפּאָפּיי אין דער ליטעראַטור, אין ריימאָנטס ווערק „די צוגעזאָגטע ערד". דאָגעגן זאַגלעמביע, אַ חוץ דעם וואָס איז שוין בעהאַנדלט געוואָרן לייכטער דורך סטרוגן, טיפֿער דורך זשעראָמסקין. אין זיין ראָמאַן „היימלאָזע מענטשן" האָט ער ערשט איצט באַקומען איר ראָמאַניסט אין דער פּערזאָן פֿון יוליוש קאַדען־באַנדראָווסקי, דעם מלוכה־לאַורעאַט פֿאַר ליטעראַטור פֿאַרן יאָר 1928, איינעם פֿון די בעדייטענדסטע פּוילישע ראָמאַניסטן נעבן סטרוגן און גאַלקאַווסקאַ.

דער ערשטער בעהאַנדלעט דעם פּראָבלעם זשעראָמסקי אין זיין ראָמאַן „ערב פֿרילינג" (אויך דאָ אין יידישן).

דער צווייטער איז יוליוש קאַדען־באַנדראַווסקי, וועלכער בעהאַנדלט דעם פּראָבלעם אין זיין ציקל „שוואַרצע פֿליגל", אין די ערשטע צוויי ראָמאַנען „לעאָנאַרא" און „טאַדעאוש". די אַקציע, וועלכע קומט פֿאָר אין קוילן־ראַיאָן ווערט מיט פֿעסטער האַנט געשילדערט די אונז גוט אָבער ניט אינגאַנצן בעקאַנטע געגענטן. באַנדראַווסקי אַליין איז דאָ געזעסן אַ לענגערע צייט, געאַרבעט אין קוילן־גרובן, געגאַנגען אויף אַרבעטער־פֿערזאַמלונגען, פֿערקערט מיט אַרבעטער־טוער פֿון פֿערשידענע שטרעמונגען, וואָס אַט די זעלבע טוער טוען איצט גאָר שטאַרק בעדויערן. קודם כל ווערט אין די צוויי ראָמאַנען געשילדערט די צוויי וועלטן, וועלכע לעבנדיג איינער ביי דער צווייטער פֿירן אַ כסדרדיגן קאַמף, אַ שטילן, טיילמאָל אַ פֿערבאָרגענעם, אָבער דאָך אַ פֿערביטערטן אויף לעבן און טויט. לויט באַנדראַווסקין איז דער הויפּטשולדיגער אין דעם אַרבעטערס אָרימקייט נישט די געזעלשאַפֿטלעכע אָרדנונג, דער קאַפּיטאַליזם, נור דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל וועלכער ווערט אין ראָמאַן רעפּרעזענטירט דורך דעם פֿראַנצעזישן דירעקטאָר קער, זיין בייהעלפֿער איז דער פּוילישער דירעקטאָר קאַסטרין, אַ מענטש אַ שוואַכער און אַ ווייכער, ווען ער שטייט פֿאַר קערן אָבער אַ גראָבער און פֿעסטער, ווען ער אונטערהאַנדלט מיט די אַרבעטער. אָט די מענטשן: קער, קאַסטרין און זיין טאָכטער זוזאַ, וועלכע איז פּונקט אַזוי ווי איר מוטער, דעם דירעקטאָר קערס געליבטע — שאַפֿן איין וועלט. די צווייטע וועלט בעשטייט פֿון אַ אומגעהויערע ריזיגע מאַסע אַרבעטער וועלכע לעבן אין שרעקליכע מאַטעריעלע בעדינגונגען און אויף זייער קערפּער לעבן ווי פּאַראַזיטן פֿערשידענע קאַסטרינס צוזאַמען מיט די אַרבעטער־טוער פֿון פּ.פּ.ס. וועלכע פֿערקויפֿן די קאַסטרינס גאַנצע אָרעמען פּראָלעטאַריער, כדי זיי, די פֿירער, גוט בעקאַנטע פּערזענליכקייטן אין זאַגלעמביע, זאָלן קענען בויען זייער רעפּרעזענטאַציע־הויז און דערהאַלטן די מאַנדאַטן.

פֿון צווישן די אַרבעטער ענטפּלעקט אונז דער מחבר אַ רייע טיפּן און געשטאַלטן רעפּרעזענטאַנטן פֿון גרופּן, שטרעמונגען און אידעען און אַזוי איז איינער פֿון די הויפּט־פֿיגורן מצד די אַרבעטער דער פּ.פּ.ס.־ישער דעפּוטאַט דראַגזשעק, זיין סעקרעטאַר קאָזאַ, דער קאָמוניסט דוש און זיין שוועסטער לעאָנאַרא. צווישן זיי פֿערבלאָנדזשעט זיך אַ געוועזענער לעגיאָניסט, אַ זון פֿון אַ אָנפֿירער פֿון פּ.פּ.ס. אין לאַנד, טאַדעאוש מיעניעווסקי, וועלכער קערט זיך אָפּ מיט פֿעראַכטונג פֿון די קאַפּיטאַליסטן, אָבער ער געפֿינט זיך נישט זיין אָרט צווישן די אַרבעטער, אַזוי ווי עס געשעט מיט צעזאַרי באַריקאַ, דער העלד פֿון זשעראָמסקיס ראָמאַן „ערב

פרילינג״. דאָס וואָס בינדט אים צונויף מיט די ארבעטער, דאָס איז דעם קאָמוניסט דושס שוועסטער לענארא, אין וועלכער טאַדעאוש מיעניעווסקי פערליבט זיך. כשרייב, דאָס טאַדעוש פערבלאָדזשעט זיך צווישן די ארבעטער, ווייל זיין אָרט צווישן זיי איז ניט קיין רעזולטאט פון אידעאָלאָגישע זוכענישן, נור אַ רעזולטאט פון א ליבע צו אַ מיידל וועלכעס געהער צו דער ארבעטער־קלאַס, אויף אַזאַ אופן ווערט אויך דיסקרעדיטירט טאַדעאושס הערצאַישער שלאָס אין די מאָראַלישע פערברעכנס פון די קאפיטאליסטן דעמאַלט, ווען ער שיסט אויף זוזאן, קאסטרינס טאָכטער, וועלכע איז די מערדערין פון דעם ארבעטער־מעדל לענארא, ווייל אין נאָמען פון וועלכער געזעלשאפטלעכער אידעאָלאָגיע טרעט טאָדעאוש ארויס? וועמען רעפּרעזענטירט ער? צו וואָס שטרעבט ער?

ארום די צוויי ראָמאַנען איז אויסגעבראָכן אַ העפטיגער קאמף. די גאנצע פוילישע קריטיק אַ חוץ פון סאנאציע לאַגער, פון רעכט און פון לינקס פאַלן זער העפטיג אָן אויף באַנדעראָווסקין, די רעכטע דערפאר, ווייל באנדעראָווסקי דעקט אויף דעם פרצוף פון דעם פרעמדן קאַפּיטאַל און זיינע היימישע בייהעלפער. אַזוי האָט למשל אַדאָלף נאוואטשינסקי שרייבנדיג וועגן די צוויי ראָמאַנען בייזווייליג בעמערקט, אז באַנדראָווסקי מיינט אייגנטליך נישט זאַגלעמביע נור שלעזיען און מיט זיין ווערק העלפט ער דער פיינטליכער דייטשער אגיטאַציע אין קאַמף געגן דער פוילישער מאַכט. אין דער סאָציאליסטישער פ.פּ.סישער פרעסע איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל, ווייל באַנדראָווסקי דעקט אויף דעם ריכטיגן פרצוף פון די פ.פּ.סישע פירער, וועלכע פערראטן די אינטערעסן פון די ארבעטער. אַזוי למשל האָבן די ווערק ארויסגערופן אַ פאַלעמיק צווישן דעם סאָציאַליסטישן ליטעראט אדאם פאַלעווקאָ פונם קראָקעווער פ.פּס.ישן „נאפּשוד״ און צווישן דעם „גלאָס פראוודי״. די דיסקוסיע איז אָבער אַוועק אויף גאָר נישט געריכטע וועגן. די סאָציאַליסטן שרייען, אז באנדראָווסקיס ווערק איז אַ פּאַשקוויל אויף דער פ.פּ.ס. ווייל זי איז אין אָפּאָזיציע צו דער היינטיגער רעגירונג...

ווייטער די ראדיקאלע שרייבער ווי, יאן העמפּעל (אין „מישל״) און סטאניסלאוו וויגאָדסקי אין „גלאָס ליטעראצקי״) ווייזן אָן, אז באַנדראָווסקי וויל די קאפּיטאליסטן לערנען אַ ביסל „מענשליכקייט״ כדי זיי זאָלן נישט רייצן די ארבעטער, ווייל סקען פירן צו נישט געווונשענע רעזולטאטן. און נאָך: אַז באַנדראָווסקיס ווערק איז געוואָנדן געגן דעם קאַפּיטאליזם, פאר סאָציאַליזם, ווייל די פירער פון די ארבעטער מיינען נאָר זייער אייגענע נוצן. די ראדיקאַלן ווילן איבערצייגן, אַז טאַדעאוש. וועלכער שטייט איבער אַלע קלאַסן־פאראורטיילן, רעפּרעזענטירט אייגנטליך נאָר זיינע אַ קלאסן־אידעאלאָגיע, וועלכע איז אין גרונט געוואָנדן געגן דער אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליזם... דאגעגען די קריטיקער פון סאנאציעלאַגער ווי: ווינצענטי רזימאָווסקי, עמיל ברייטער און פּאוועלהולגא לאסקאָווסקי ווילן איבערצייגן. אַז באַנדראָווסקיס ווערק איז געוואָנדן געגן דעם קאַפּיטאליזם, איבער וועלכן די מלוכה האָט ניט קיין שליטה און איבער דעם געשעען אַלע אומגליקן.

אונאָפּהענגיג פון אָט די אלע שטרייטונגען מוזן באַנדראָווסקיס ווערק אַנערקאָנט ווערן אַלס אַ דרייסטער טאַט אין דער ליטעראטור, ווייל זייט זשעראמסקיס „ערב פרילינג״ איז דאָס דאָס ערשטע ווערק וועלכע פערמעסט זיך צו זיין אַ אויסדרוק פון די שטרעמונגען אין פוילן זייט מאי 1926.

לייזער שיקמאַן

לידער

1. קוימענס דערציילן

שטייען קוימענס אויף דעכער,
פויסטן דראָענדיקע, געביילטע !
דערציילן קוימענס זיך אָן מעשיות,
ווייסן אַ סך נאָך נישט אויסדערציילטע...
...חברים. סאיז ביטער, ס׳איז נישט גוט ! —
שפּייט אַ קוימען מיט פונקן,
ווי א שווינדזוכטיקער מיט בלוט —
אַז ווערן אמאָל איינגעזונקען.
שוין מענש און וועלט זאָל צוגלייך !
קיין אָרעם זיין זאַל, נישט קיין רייך,
ווארום ווי לאַנג איז עס דער שיעור
מיט פּיין און ליידן זיך אָנזען פרעגן מיר.
— — אין דער סוטערינע פיר אויף פיר
הויזט אַ משפחה זאלבע אכט:
דער שלאַפער טאַטע, דער טרעגער, ליגט צו בעט,
אַ לאבן ברויט זעלטן ווערט אהיימגעבראכט.

די מאמע וואשט גרעט אין די הייזער:
די קינדער, ראכיטישע, ביין און הויט,
טובערקולאזע, שקראפולדיקע, וויינען, בעטן:
„טאטע, מיר חלשן עסן, גיב אונז ברויט, ברויט".
און ווי לאנג איז עס דער שיעור
צו פיין און ליידן זיך צוקוקן? זאָגט מיר,
חברים טרייע אין גאָר דער וועלט,
פאַרוואָס דער אָרעמאַן זיך אַזוי קוועלט?...
„דו טענהסט און איך קאָן אַלץ נישט פאַרשטיין—
רעדט א פארסאזשעטער בעקער־קוימען —
טאָג ביי טאָג, נאַכט ביי נאַכט, נאָר מען באַקט ברויט,
קומסטו צוגיין דערציילסט וועגן נויט"!
„אידיאָט וואָס דו ביזט פון אַ בעקער־קוימען —
רופט זיך אָן אַ קוימען צווישן דאכלקעס רויטע —
דאָס שטאָפּן זיך מיט ברויט בורזשויסקע מאגנס אָן,
זיי פרעסן עס אויף דיין ברויט, און נישט נאָר ברויט"!
שטעלט אריין און שפייט מיט שווארצע רויך־זיילן
אַ דראָענדיקער, רויטער פאַבריקס־קוימען:
„טפו! צו וואָס טויגן אייך מעשיות דערציילן,
זאָל איין פייער אלע זייערע אויסרוימען!"
שטייען קוימענס אויף דעכער,
פויסטן דראָענדיקע, געביילטע!
דערציילן קוימענס זיך אָן מעשיות,
ווייסן אַ סך נאָך נישט אויסדערציילטע...
סאָסנאָוויץ 1934.

2. קומט א גר אין שיל...

קומט אַ גר אין סאָסנאָוויצער שול אריין
סערשטע מאָל נאָכן מגייר זיין,
שמייכלען יודן אריין מיט הנאה אין די בערדלעך,
און קליינוואַרג צוהאָצקעט זיך ווי די יונגע פערדלעך.
שושקען זיך בטלנים אין די ווינקלען
און אויגן טוען זיך צופינקלען:
„טאָקע אַ בעלן אויף אַ שטיקל לויתן
סאיז דאָס אַ ביסל אַ בחורעק אַ חתן".
שטעלט זיך דער בעל־תפילה פאַרן עמוד,
הויבט ער זיך אויף פון אָרט תמיד,
זעצט זיך סתם אזוי ווער אוועק,
ווייסט ער נישט, וואָס סאיז דער צוועק.
הויבט מען אָן דאַווענען בצבור,
צובלעטערט ער דעם יידיש־פוילישן סידור,
ווייזן אים בחורים מיט שטאָל אָן:
אָט אַ דאָ „מאַטאָוווי" הויבט מען אָן...
און אַז סקומט צו דער ברכה: שלא עשני גוי,
צעקוקן זיך מיילער בכיון אזוי,
צושאָקלט ער זיך נאָך פרומער,
כדי צו פערטומלען זיין אייביגן קומער.
קלויבט ער זיך נאָכן דאַווענען אהיימגיין,
האַלטן אים שול־לייט אַ ווילע איין:
„נו, נו ר' אברהם וואָס איז סגעאייל,
פערציט, מירן זיך איבערשמועסן דערווייל.
פערענטפערט ער זיך מיט אַ תירוץ:
„גויים געזאָגט... כהאָב היינט אַ שטאַרקן קאָפּ־שמערץ".
שאָקלען יודן צו מיט די בערד:
נו, מילא, אָבער זייט נישט קיין גאַסט, רעהערט!
קומט אַ גר אין שול אריין,
סערשטע מאָל נאָכן מגייר זיין,
שמייכלען יודן אריין מיט הנאה אין די בערדלעך
און קליינוואָרג צוהאָצקעט זיך ווי די יונגע פערדלעך.
סאָסנאָוויץ, תרצ"א.

3. הויזירער

לאָזן זיך הויזירער איבער שטעט און שטעטלעך,
פון באַגינען ביזן אָוונט אַריין שפּעטלעך...
וואַנדערן הויזירער טעג נאָכאַנאַנד,
מיט פּעקל אויף פּלייצע, מיט שטעקן אין האַנט...
קלאַפּן אָן הויזירער אין טירן, טויערן,
שפּיצן אָן בייזע הינט זייערע לאַפּן־אויערן
און ענטפערן זיי אָפּ מיט אַ וואָיען, אַ בילן,
און דורך אַ שפּאַרע פרעגט מען, וואָס זיי ווילן...
און ווערן זיי אַמאָל דורך כלבים געביסן,
און מיט בייטשן איבער די קעפּ געשמיסן.

מאַכן זיי זיך נישט וויסן, ווישן זיך די ליפּן אָפּ,
און לאָזן זיך אַוועק אָפּגעשמיסענע,
און זייערע קליידער אַראָפּגעריסענע,
שטיל, אָן ווערטער מיט די קעפּ צו דער ערד אַראָפּ,
אום ווידער אַנצוקלאַפּן אין טירן, טויערן,
צו ציען אויף חיונה ביי די פּויערן,
און נישט אַהיימצוקומען צו ווייב און קינד,
אַז אין קעשענע זאָל פייפן אַ דלותדיגער ווינט...
מיט פּעקל אויף פּלייצע, מיט שטעקן אין האַנט,
וואַנדערן הויזירער טעג נאָכאַנאַנד...

מ. וואַלדמאַן — פּאַריז

פאַרפרוירענע שטערן

פאַרן אָנדענק פון מאַקס עריק

דער וואַלד, דער ווייסער וואַלד
פון צפון־לאַנד, האָט געבלענדט אויף מיין טיר.
א שטילער ניגון האָט גערופן —
צו מיר?
אין מיר?
דער קאַסטייאַר אין מיט־שנייאיקן פעלד —
האָט געברענט, דער פאַרשאַטענער קרייז — געהעלט.
א זילבער־פייער האָט געברענט.
דער וואַלד, דער ווייסער וואַלד
האָט זיינע דאַרע הענט געשריקט
און אַ בענקשאַפט געוועקט.
זענען דאָס טויטע הענט?
יתגדל ויתקדש פאַר מיין שכן,
וואָס ליגט אין די אייזיקער ערד.
איבער דיין פאַראייבזאַמען קבר
שפּרייט דער שטערן זיינע שפּמולע פינגער אויס
נאַכט אויף נאַכט —
זינט יענעם בלויעם פאַרנאַכט,
ווען מיר האָבן דיך באַגלייט —
דעם לעצטן וועג צוזאַמען.
דאָס ווייסע פעלד איז גרויס,
דער ווייסער וואַלד איז גרעסער —

און טיף דאָרטן, טיף,
האָט אַ גרויער וואָלף זיך געוועקט.
דאָס קבר איז שטום,
דאָס לייב איז געל.

האָבן מיר דאָס געלע לייב
מיט שטיקער אייז צוגעדעקט,
דאָס קבר פאַרמאַכט מין אָן אייזיקער דעק,
דער וואָלף זאָל נישט טרעפן אַהערצו דעם וועג.

האָבן זיך געעפנט כאָטש דאַן
די פּאַלאַצן פון קרישטאָל,
וועגן וועלכע האָסטו געטרוימט
אַמאָל, נאָר אַ מאָל?

יתגדל ויתקדש! —
די אייזיקע דעק איז פאַרמאַכט,
בלוי האָט געבליט
דער צער איז דער נאַכט.

זענען מיר געבליבן געפרוירענע שטיין.
מיט פאַרפרוירענע ביימער — פאַר זיך.
מיט דער פאַרפרוירענער נאַכט — אַרום זיך.
מיט פאַרפרוירענע הערצער — אין זיך.
מיט די פאַרפרוירענע שטערן — איבערזיך.

יהודה יפת

25 יאָר „זאגלעמביער צייטונג״

און ווידער קוק איך אויפן איבער־קאָפּל פון דער „זאגלעמביער צייטונג״ פון לעצטן נומער פון פאַרגאַנגענעם יאָר: פינף און צוואַנציגסטער יאָרגאַנג. אַלזאָ, אינם הײנ־טיקן יאָר טרעט די זאגלעמביער צייטונג אַריין אין איר זעקס און צוואַנציקסטן יאָר.

די ערנסטקייט, מיושבדיקייט און סאָלידקייט פון דער צייטונג האַרמאָנירט פולשטענדיק מיט עלטער. שטענדיק ווען איר עפנט די צייטונג, פילט איר, אַז זי האָט הינטער זיך אַסך יאָרן פון ערנסטער אַרבעט, אַ מין פאַרנעמקייט, אַ וואָגיקייט, וועלכע מען דערגרייכט נאָר דורך יאָרן דערפאַרונג, ווי שטיל און זיכער עס איז דער וועג פון אַ ערפאַרענעם ערנסטן מענש.

פינף און צוואַנציג יאָר אַרויסגעבן אין אַ פּראָווינץ שטאָט אַ וואָכנבלאַט אָן איבעררייס, ביי די גרעסטע שווערי־קייטן, און דערביי האַלטן זיך ווי די סאָלידקייט אַליין, פול מיט דרך־ארץ און פּיעטעט פאַרן געדרוקטן יידישן וואָרט, ריין, מוטיק און ערלעך.

פינף און צוואַנציג יאָר שטיין אויף דער וואַך פון אַזאַ יידישן צענטער ווי זאגלעמביע, רעאַגירן אויף אַלע יידישע דערשיינונגען, מיט ווירדע, דיקטירט דורך ערלעכער זשור־נאַליסטישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, טריי און ערנסט רעאַ־גירן, לערנען לענקן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין יידישן זאַלעמביע.

עס בויגט זיך דער קאָפּ מיט גרויס יראת הכבוד.

שטענדיק, ווען איך עפן די צייטונג דוכט זיך מיר פון די שורות אַרויס צו זען דעם סאָלידן ערנסטן שמייכל פון איר רעדאַקטאָר, דער חשובער און טייערער חבר ל. שפּיגלמאַן.

לויב־ווערטער אויף די שפּאַלטן פון אַ צייטונג הייסט „שבחו בפניו״, און דעריבער מוז איך מיך באַגניגענען מיט אַ„מקצת שבחו״... סאיז אפשר נישט אין באַשיידענעם טאָן פון דער „זאגלעמביער צייטונג״ צו לויבן איר בויער און שעפער. כקאָן זיך אָבער נישט העלפן — דעם אמת מעג מען זאָגן און מען מוז זאָגן — אפילו אַן אייגענעם... רע־דאַקטאָר.

ווייסט ער כאָטש, דער דאָזיקער סאָלידער, שוין צופיל באַשיידענער חבר, וואָס פאַר אַ גרויסע אַרבעט ער האָט געטאָן?

נו יאָ, ביי אונז איז מען נישט געוווינט אָפּצושאַצן אַזאַ אַרבעט. דאַנק און אַנערקענונג פאַלן זעלטן אויס אינם זשורנאַליסטס גורל. מיר זענען אַלע „אומבאַקאַנטע זעלנער״, ציגל־טרעגער פונעם גרויסן בנין, וואָס רופט זיך יידישע עפנטלעכע מיינונג. דער איינציקער דאַנק איז נאָר דער באַוווּסטזיין; פינף און צוואַנציג יאָר שווער און מיפּול גע־אַרבעט און ערלעך אויסגעפירט די מיסיע.

האַלט איר, אַז פיל זשורנאַליסטן קאָנען זיך רומען דערמיט? ביי אייך אין דער פּראָווינץ קאָן מען טראַכטן אַזוי...

און דער גוטמוטיקער יידישער הומאָר פון ה׳ ישעיה לעוווקאָוויטש וואָס האָט אַזוי פיל אין זיך זאגלעמביער געמיטליכן יידישן פאָלקס־הומאָר און די זעלבע ערנסטע באַציאונג צום געדרוקטן וואָרט?

יעדער נומער „זאגלעמביער צייטונג״ איז אַן עדות דע־רויף.

און נאָכמער בענקט זיך נאָך דער דאָזיקער פשטותדי־קער ערלעכער סביבה, ווען מען געפינט זיך אין קעסל פון דער גרויסער שטאָט, ווו אויפן זשורנאַליסטישן דנא עס געפינט זיך אַזוי פיל... נו, צו וואָס רעדן לשון הרע?

יעדער נומער „זאגלעמביער צייטונג״ ברענגט מיר אַ גרוס פון יענער זאגלעמביער געמיטלעכער פשטותדיקער ערלעכקייט.

און איך זע שטענדיק יענע יידן, דעם „עמך״, וועלכער האָט צו זיך קיין גלייכן נישט אין קיין שום שטאָט מיט זיין גוטמוטיקייט און האַרציקייט, דעם פאַרבענקטן אינטעלי־גענט, און דעם חסידישן ייד, ווו זיי זיצן ביי זייער „זאגלעמביער צייטונג״, לייענען די נייעס, די פובליציסטישע לאָקאַלע אַרטיקלען האָבן דאָס געפיל, אַז זיי האָבן פאַר זיך זייער פריינט, וועלכער טענהט זיך אויס מיט זיי איבער אַלע פּראָבלעמען, וואָס אינטערעסירן זיי, נעמט זיך אָן זייער עוולה, שטייט אויף דער וואַך פון זייערע כלל־אינטערעסן — און צוזאַמען מיט יענע יידן דערפילט מען אַ פּיעטעט פאַר אָט דעם אויפריכטיקן פריינט.

האָט איר פיל אַזאַלכע אָאַזיסן אינעם אַרומיקן וויסטן מדבר?

זיי ווייסן אפשר גאָר נישט. די וווילע זאגלעמביער יידן, ווי וויסט סאיז דער מדבר פון עפנטלעכן יידישן וואָרט, וויפיל שדים און בייזע רוחות עס טאַנצן דאָרט אַרום!

פינף און צוואַנציג יאָר „זאגלעמביער צייטונג״ — אַ באַשיידענער נישט געפייערטער יום־טוב. אָט ווי באַשיידן עס איז די 25 יאָר וואָכעדיקייט, די שווערע און פאַראַנט־וואָרטלעכע אַרבעט.

פינף און צוואַנציג יאָר זאגלעמביער יידישע געשיכטע געשריבן מיט דער מיטהילף פון די רעדאַקטאָרן זענען באַהאַלטן אין די בלעטער.

אפשר ביים פופציג־יעריקן יובל וועלן די צייטן זיין בעסערע, די געמיטער אויפגעלייגטער, און די באַציאונג פון דער געזעלשאַפט צו אַזאַ ארבעט וועט זיין אַזעלכע ווי זי דאַרף זיין, און דאַן וועט דאָס יידישע זאַגלעמביע פייערן דעם אמת יום־טוב.

דאָס איז מיין ברכה און אויך די ברכה פון אלע לייענער.

ליפמן ברקוביץ

דאס יידיש וואכנבלאט

„דאָס יידישע וואָכענבלאַט" האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 5־טן מרץ 1925, אונטער דער רעדאַקציע פון ליפמאַן בערקאָוויטש און משה חיים קאַמינער, ביי דער שטענדיקער מיטארבעט פון: דוד סקורניק, בערל רעכט, חיים־משה אייזענמאַן, טוביה יאַקובאָוויטש, גרשון גאָרא, דב מאַנדעל־בוים, אלימלך שטייער, שמואל ראָטשטיין, יחיאל פיינער, לייבעל שטשעקאַץ, קאַנער, זיידמאַן א.א.

עס איז געווען אין די יאָרן ווען דאָס אָרגאַניזירן די אָרטאָדאָקסישע מאַסן האָט זיך בליץ שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן, ווי נאָר אַ יידישער צענטער, האָט די אָרטאָדאָק־סיע דערוואַכט און געגומען אין אירע הענט די אייגענע אינטערעסן, געשאַפן אייגענע דערציאונגס־קולטור־און וויר־טשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

אין זאַגלעמביע, — ווו עס האָבן געווונט קאָמפּאַקטע אָרטאָדאָקסישע און פיל געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זע־נען געפירט געוואָרן דורך אָרטאָדאָקסישע יודן, האָט געפעלט אַן אָפענע טריבונע וואָס זאָל איבערגעבן אביעקטיוו די געשעענישן און אויפטוען פון רעליגיעזן צבור פאַר דער ברייטער עפענטלעכקייט. דעמאָלט האָבן זיך אָפּגערופן פּיאָ־נערן, וואָס האָבן אויף אייגענער האַנט אָנגעהויבן דאָס צו רעאַליזירן און פאַרווירקלעכן.

דער עסקן ליפמאַן בערקאָוויטש האָט אונטערגענומען די איניציאַטיוו פון אַרויסגעבן אַ וואָכנבלאַט, געווידמעט די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון זאַגלעמביער און אוי־בערשלעזישן יודנטום, און אין חודש שבט תרפ"ה דערשיינט דער ערשטער נומער, וועלכער האָט אַרויסגערופן גרויס בייפאַל און אַנערקענונג און איז וואַרעם אויפגענומען גע־וואָרן דורך דעם טייל זאַגלעמביער באַפעלקערונג.

דער צווייטער נומער איז באַלד דערשינען ר"ח אדר אונטער דער רעדאַקציע פון ליפמאַן בערקאָוויטש און משה חיים קאַמינער.

נאָכן דערשיינען 8 נומערן אין פרעמדע דרוקערייען, האָט זיך די רעדאַקציע דערוואָרבן אַן אייגענע נייע זעצעריי, ווו די צייטונג איז געוואָרן געזעצט במשך פון דער וואָך און די זאַצן אָפּגעדרוקט און אַ דרוקעריי. די צייטונג איז געשיקט געוואָרן דירעקט צו די אַבאָנענטן אַהיים.

אויף גאַר אַ הויכן ניוואָ איז אויסגעשטעלט געוואָרן די אינפאָרמאַטיווע זייט פון וואָכנבלאַט. אין דער כראָניק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די דינאַמיק און אימפּעט פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן, עס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן ברייטע אויס־פירלעכע באַריכטן (כמעט סטענאָגראַפיש) פון די זיצונגען אין די שטאָט־ראַטן און יידישע קהילות. די צאָל לייענער איז געשטיגן מיט יעדער וואָך. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז געווען אַ פּראָווינצער צייטונג, האָט זי געהאַט אַבאָנענטן און לעזער אין קרוב 600 שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. אין די גרויסע שטעט ווי: וואַרשע, לאָדזש, קראָקע א.א. זענען געווען אייניקע הונדערט אַבאָנענטן.

דאַנערשטיק נאָכן פאַרענדיקן דעם נומער — אַרום איינס ביינאַכט — האָט מען די צייטונג עקספּעדירט אויף דער פּאָסט. פון דאָרט איז זי גלייך אוועק מיט די עקספּרעס־צוגן צו די אַבאָנענטן, אַזוי אַז פרייטיק פרי האָט שוין די פּאָסט פונאַנדער געטיילט אין גאַנץ זאַגלעמביע, אויבער־שלעזיען, וואַרשע, לאָדזש, קראָקע א.א. דאָס יודישע וואָכנ־בלאַט צו די שטענדיקע לייענער, וואָס האָבן אין איר געפונען די נייעסטע אינפאָרמאַציעס, אָפּהאַנדלונגען און אויך דער־ציילונגען, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פאָרזעצונגען.

אַ שווער קאַפּיטל איז געווען דאָס אַנאָנסן־פּראָבלעם. די פירמעס זענען געווען פאַרבונדן מיט ספּעציעלע־ביוראָען, דורך וועלכע זייערע אַנאָנסן זענען געפּלאַסן אין די צייטונגען.

אָבער די אַדמיניסטראַציע האָט אין אַ קורצער צייט די אַלע שוועריקייטן באַזייטיקט און די צייטונג האָט באַקומען אַנאָנסן דירעקט פון די גרויסע פירמעס. שפּעטער האָבן אויך די אַנאָנסן־ביוראָען געענדערט זייער באַציאונג און גלייכבערעכטיגט אונזער צייטונג מיט דער גאַנצער זאַגל. פּרעסע.

די צייטונג האָט אויך געדינט ווי אַ שול פאַר פיל אָרטאָדאָקסישע אָנפאַנגער, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן באַרימטע שרייבער. ווער עס האָט נאָר אַרויסגעוויזן אַ ביסל טאַלאַנט, האָט די רעדאַקציע אים אויפגענומען און געהאָלפן אים אַנטוויקלען.

צווישן די שרייבער וואָס האָבן דעביוטירט און מיטגע־אַרבעט סטאַביל אין וואָכנבלאַט איז כדאי צו פאַרצייכנען: גרשון גורא (היינט ת"א), יחיאל פיינער — סאָסנאָוויץ (היינט — אונטערן פּסעוודאָנים ק. צעטניק), ב. מאַנדעלבוים, אַדוואָקאַט לובע שטשעקאַטש (אַמעריקע), שטייער, יאַקאָ־באָוויטש, צייזלער, גראַנאַטשטיין א.א.

ביי די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין זאַגלעמביע

און אויבערשלעזיען האָט די צייטונג זיך דערוואָרבען גרויס צוטרוי, די עסקנים האָבן ביי יעדער געלעגנהייט אויסגעדרוקט אנערקענונג פאַר דער גרייטקייט צו העלפן די אָרגאַניזאַציעס, פאַראיינען און אינסטיטוציעס אויף זייער יעדן רוף.

ווען מען בלעטערט היינט אדורך די 8 בענדער פון וואָכנבלאַט וואָס אנטהאַלטן אשטיק געשיכטע פון יידן אין זאגלעמביע קאָן מען אָפשאַצן די פארדינסטן פון דער צייטונג פארן אָרגאַניזירן און אַנטוויקלען דאָס אָרטיקע געזעלשאפטלעכע לעבן.

יערלעכע אָפהאַנדלונגען וועגן אויסנאַם־אַרטיקלען פון „וואָכענבלאַט” קאָן מען געפינען אין די יאָר־ביכער פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (יוו״א) אין ווילנע.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן אייניקע פסעוודאָנימען פון די הויפּט־מיטארבעטער:

א. ל. ברקאי, אליעזר עלבע, מ. הירשזון, ב. מ. הירש, בנ״ח, ב. מצב, ל.ב. רעדאַקטאָר ליפמאַן ברקוביץ.

ב. בן־יהודה, בן־מנחם, רעד. (משה חיים קמינער).

ג. בן־אליעזר, אד״ם, (דוד סקורניק).

ד. בן־אבי־נועם, (ברל רעכט).

ה. ברזילי (חיים משה אייזנמאַן).

מיט די אָפרייזע פון רעד. ליפמאַן בערקאָוויטש נאָך ארץ־ישראל האָט די צייטונג אויפגעהערט צו דערשיינען. דער לעצטער נומער איז דערשינען דעם 15־טען אפריל 1932.

ש. ל. שניידערמאַן

דער דיכטער פון אינדוסטרי

אינם חודש־זשורנאל פון די יידישע אקאַדעמיקער א. נ. „טריבונא אקאַדעמיצקא” האָט דער שריפטשטעלער ש.ל. שניידערמאַן אָפגעדרוקט פאָלגענדע אָפהאַנדלונג פון דעם פויליש־פּראָלעטארישן דיכטער סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי (זון פון איטשע וויגאָדסקי פון בענדין) וועלכער האָט זיך שוין קונה שם געווען אין דער דיכטערישער וועלט. מיר געפינען פאַר פאסיג צו באַקענען אונדזערע לעזער מיט דער פארקירצטער אָפהאַנדלונג.

די רעדאַקציע.

סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי, דאָס איז דער נאָמען פון אַ יינגען פויליש־יידישן פּאָעט — אַ ייד, וועלכער איז ווייט פון די ביליקע און געשמאַקלאָזע שטיק, וואָס זענען אזוי כאראקטעריסטיש אפילו פאר דעם גרעסטן טייל פון די יידן — פּוילישע דיכטער.

איך רעד דאָ אויסשליסליך וועגן דער יינגסטער גענעראַציע, וואָס גרופירט זיך ארום די זשורנאַלן „קוואדריגא”, „גלאָס ליטעראַצקי” **א.א. דאָס זענען די נעא־דיכטער** — „נעא־קלאַסיקער”, „נעא־ראָמאַנטיקער” און דער עיקר: נעא קאַטאָליקן. כמיין די סלאַבאַריניקעס, ביבראַווסקיס און פיל אַנדערע, **וועלכע ווילן אליין באַהאַלטן** זייערע נעז הינטער די פאַרהאַנגען פון די קאַטוילישע פרומע לידער און זענען נאָך פּופסטליער ווי דער פּויפּסט אַליין.

איר זעט ווי די **צעשראָקענע יידישע** יינגעלייטלעך וואָלטן באַגערט ממש ארויסצולויפן פון זייער יידישע הויט. מאַכן זיי **דאַריבער פארשידענע טראַגישע** שטיק, **וואָס** עקלען **פשוט**.

סטאַניסלאַוו **וויגאָדסקי איז דער איינציקער** צווישן די יידיש־פוילישע **דיכטער וואָס שעמט זיך** נישט מיט זיין יידישקייט **און מיט זיין יידישן לשון**. וויגאָדסקי איז אויך דער אָריגינעלסטער **און אויפריכטיגסטער** פּאָעט צווישן דער יינגסטער **גרופּע וואָס באַשטייט** אין גרעסטן טייל פון יידן.

וויגאָדסקי **איז אַ סאָציאַלער דיכטער.** אין זיינע לידער איז פאַראַן **דער עטישער ציטער פון אַ מענש,** וואָס פילט דעם פּיין פון באַליידיגטע און אונטערדריקטע.

וויגאָדסקי **איז אונטערן איינפלוס** פון די פוילישע פּראָלעטארישע דיטער־גרופּע און הויפּטזעכליך פון בראָגיעווסקי, ביי וועלכן ער האָט איבערגענומען דעם שטאַרקן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס.

וויגאָדסקי האָט אָבער געמאַכט אַן אייגענעם, זעלבסטשטענדיגען שפּאַן דערמיט, וואָס ער האָט זיין וואָרט און פערז קאָנדענסירט און נישט אונטערגעגעבן זיך קיין לירישער צוגאַסנקייט און סענטימענטאַלקייט. אין זיינע לידער פילט זיך שטאַרקער אינטעלעקט און געזעלשאַפטליכע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

די שטאַרקסטע מאָטיוון זיינע זענען: תפיסה און אינדוסטרי. און אפילו אין זיינע שטימונגס־לידער פילט זיך דער געגרילץ פון רעדער און דאָס שפּריצן פון שטאָל:

„אין גרילצענדן שווערן געקרעכץ פאַרן צוגן אַן אויפער
מענשן פון מערב און מזרח באַגאָסן מיט טויטליכן ליכט,
אויף וואַקזאַלן קלאָגן טאַטעס, מאַמעס זענען פאַראומעטיגט שווער
און פונם סיגנאַלן־געפייף שפּריצט מיט שטאָל אין געזיכט”.

אַייגנאַרטיג און אינטערעסאַנט איז וויגאָדסקי אין זיינע אינדוסטרי־מאָטיוון. וויגאָדסקי איז געבוירן געוואָרן אין דער געגנט פון ארבעט־זאַגלעמביע. פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריטם פון ארבעט, די רויקייט פון פאַרהאַרעוועטע זאַגלעמביער שטעט. און זיינע לידער זענען דאַריבער אויך **אַזוי רוי, אַזוי שטאָלערן** האַרט און סטראָגט זיך פון זיי די טונקלקייט פון די קוילן־שאַכטן און דער געבראַזג פון הוטעס.

סאיז פאַר אים פרעמד די שטילקייט און טרוימערישקייט פון לעבן. סזענען פאר אים פרעמד די אומעטיגע מענשן, וואָס האָבן נישט קיין פאַרלאַנגען:

„כרעד נישט צו די, וואָס האָבן קיין פּאַרלאַנג,
האָסטו באַגערן, רייס איך דיך מיט באַלד
כּהאָב אַלץ שוין באַטראַכט אין געדאַנק.
כּרוף אין דער נאַכט, וואָס איז פאַר ווינטן צעפּראַלט”.

וויגאַדסקי איז דער פּאָעט פון אינהאַלט און די פאָרם וואַקסט ביי אים ארויס פונם אינהאַלט.

ער שפּילט זיך נישט אין אויסגעשניצטע און ציזעלירטע פּערזן. יעדעס וואָרט איז פאַר אים אַ נויטווענדיקייט. עס איז אויסגעהאַמערט און קערנדיג.

וויגאַדסקי איז געזעלשאַפטליך דיסציפּלינירט און אַנט־שלאָסן. ער וואַקלט זיך נישט און הענגט נישט אין דער לופט. זיין שטעלונג איז אַ קלאָרע. זיין וועלט־אַנשויאונג אָן אויסקריסטאַליזירטס — ער איז דער דיכטער פון סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

וויגאַדסקיס דיכטונג איז נישט די דיכטונג פון קולט פּאַר אַרבעט, וואָס ווערט לעצטנס פּראָדוצירט דורך די פּאָעטישע נאָכלויפער און סאָציאַלע גראַפאָמאַנען, זיין דיכ־טונג איז די דיכטונג פון געראַנגל, די דיכטונג פון קאַמף צווישן די צוויי וועלטן: קאַפּיטאַל און אַרבעט.

וויגאַדסקי באַנוצט זיך נישט אין זיינע לידער מיט קיין אויסערליכע עפעקטן, מיט קיין דעקאָראַטיווע מאָטיוון, וואָס פּאַרבילינגן און פאַרפלאַכן שטענדיג דעם אינהאַלט. ער איז דיסקרעט און קאַרג אויף אויסדרוק. אין די לידער זיינע פילט זיך עפּעס אַ געצוימטקייט, אַ נישט־דערזאָגטקייט. די ווערטער זענען אָפּגעהאַקט, אָפּגעבראָכן, ווי שטיקער קויל.

אין זיין לעצטן ליד „ציפערן” (אין „מיעשענטשניק לי־טעראַצקי”) ברענגט וויגאַדסקי ארויס דעם טראַגיזם פון די גרויסע מאַסן נאָמענלאָזן מענשן, וואָס ווערן ווי טויטע ציפערן אויסגעשטראָכן און צוריק איינגעשריבן אין די ביכער פון אַמטן און פאַבריקן. אין דעם ליד, ווי אין אַלע וויגאַדסקיס לידער, קומט צום אויסדרוק דער בונט פון מאַסן, די טיפע ליידן פון אונטערדריקטע.

וויגאַדסקיס לידער זענען אָפט קאָמפּליצירט און שוין גאָר נאָענט פון אומפאַרשטענדליכקייט, וואָס איז אַ פּועל יוצא פון זיין וואָרט־קאַרגשאַפט.

וויגאַדסקי געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אַנטוויקלונג, כּון כסדרדיגער שטייגערונג און רייפונג, וואָס וועט ממילא אויך ברענגען מער קלאָרקייט זיין דיכטערישן שאַפן.

יעקב גלאַטשטיין

טוביה בוים

מיר האָבן שוין אַנגעזאַמלט אַן אומגליקלעך־רייכע לי־טעראַטור וועגן אונזערע אומגעקומענע שרייבער — זאָל מיר דערלויבט זיין צוצושרייבן נאָך אַ קאַפּיטל וועגן אַ דיכטער אַ קדוש, וואָס איז ביז איצט נישט דערמאָנט גע־וואָרן אַפילו אין די סאַמע לעצטע שוואַרצע בלעטער פון די לאָדזשער „שריפטן”, ווו עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָ־רן די נעמען פון צענדליקער פּאָעטן, נאָוועליסטן און זשורנאַליסטן — שעפער פון אידישן וואָרט — וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, ווערט זיין נאָמען אויך נישט דערמאָנט.

און דערפאַר טאַקע האָבן מיר געהאַט אַ שטיקל האָפע־נונג, אַז טוביה בוים וועט זיך נאָך אָפּזוכן. מיר, די חברים פון דעם „אינזיך”, וואָס האָבן די ערשטע מפרסם געווען זיין נאָמען, האָבן זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן אויף אים. מיר האָבן אים געזוכט אין אַלע טויט־רשימות. און ווען מיר האָבן נישט געפונען זיין נאָמען האָט זיך ביי אונז פאַר־גאַנבעט אַ גלויבן, אַז מיר וועלן נאָך פון אים הערן. ס'איז אָבער אונז נישט איינגעפאַלן אַז בוים האָט אַפילו צום טויט פאַרצייכנט. קיינער האָט אים עפנטלעך נישט באַקלאָגט. נישט געהאַט קיין מזל. קיינער האָט זיין נאָמען נישט

און דאָך האָט ט. בוים געהאַט אַ גוטע מינוט, אַזוי צו זאָגן — און וויפיל גליקלעכע מינוטן, משטיינס געזאָגט, האָט אַ פּאָעט? בוים איז בפירוש געקומען, געזען און געזיגט. אינגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער נאָמען אין דער אי־דישער ליטעראַטור, האָט ער געגעבן אַ בליץ אויף אין 1937. דעם צווייטן אויגוסט 1943 איז ער אומגעקומען אין אוישווענטשים. זיין גאַנצע דיכטערישע קאַריערע האָט גע־דויערט אַ סך ווייניקער ווי זיין מאַרטירערטום, ווייל אין 1939 איז שוין פוילן געווען אין היטלער'ס לאַפּעס. בוים איז געווען אַ סאָסנאָוויצער, און ס'איז זיכער, אַז די גרעניץ־שטאָט האָט די ערשטע דערפילט די גאַנצע אכזריות פון היטלער'ס באַוואָפנטע חיות.

פונקט מיט צען יאָר צוריק, אין יאַנואַר 1939, האָט דער זשורנאַל „אינזיך” פּראָקלאַמירט אַ ראובן לודוויג פּרעמיע פאַר לידער. אין דער פייערלעכער פּראָקלאַמירונג פון לי־דער קאָנטעסט האָט די רעדאַקציע אָנגעוויזן אַז „דער קאָנ־טעסט ווערט גערופן אויפן נאָמען פון ראובן לודוויג, אַ מיטגליד פון דער אָריגינעלער אינזיך גרופּע און איינער פון די פיינסטע אידישע ליריקער. אַזוי־ערנאָך ווילן מיר לעבעדיק האַלטן דעם נאָמען פון אונזער צו־פרי פאַרשטאָרבענעם חבר. מיר ווילן אויך דערמוטיקן אידישע פּאָעטן אומעטום, ווו דאָס אידישע וואָרט לעבט און זיי כאָטש טיילווייז באַפרייען פון דעם געפיל פון גלייכגילט, וואָס הערשט בנוגע דעם אידישן ליד”.

טוביה בוים האָט אין יענעם לידער־קאָנטעסט געקראָגן דעם ערשטן פרייז פאַר זיין ליד „ווייסע פלעקן”. דער גע־

ווינער פון ערשטן פרייז, טוביה בוים, איז אנגעלאָפן מיט אַ סך כוח. ער איז געווען יונג און רעוואלוציאָנער און ער האָט ליב געהאט פוילן. ער האָט בפירוש געזוכט דעם טאָן פאר נייע, אידיש־רעוואלוציאָנערע מאטיוון. אין פוילן האָט דעמאָלט געבושעוועט די רעאקציע, וואָס האָט געחלשט צו מאכן שלום מיטן היטלעריזם, און בוים איז געווען איינער פון די גלויביקסטע פרייהייט־קעמפער. ער איז געווען אַביסל אָנגעהויכט פון דער דעמאָלטיקער פלאקאטי־שער פאעזיע, כאָטש ער האָט געהאט א באזונדערן און שארף־אַייגענעם זין פאר ווערטער און פאַר זייערע איבער־ראשנדיקסטע מעגלעכקייטן. ער האָט געוווסט אז דער כאאס פון אונזער צייט קען נישט איבערגעגעבן ווערן אין סענ־טימענטאלע פערזן. ער האָט אפשר אליין נישט באגריפן, אז ער איז געווען אַ סורעאַליסט, ווייל ער האָט זיך מיטן וואָרט געזוכט אַריינצושניידן אין דער חלום־וועלט און אין דער וועלט פון „נאָרמאלער" משוגעת.

סאיז געווען אַ סך ווילדפלייש אין טוביה בוימס לידער, און ער איז מיר געווען דאנקבאַר, וואָס איך האָב געגלויבט אין זיינע כוחות און זיין ליד גערייניקט. כהאָב אים נישט רעדאקטירט אין זין פון פאררירכטן אָדער איבערשרייבן, נאָר כהאָב גערייניקט און אויסגעריסן גאנצע פערזן וואָס דער וואָרט־פארשיכורטער יונגער פאעט האָט געהאט לרוב. ער האָט געהאַט אַן איבערפלוס פון וואָרט, און וויפיל ס׳האָט ביי אים נישט ארומגענומען איז נאָך אלץ געבליבן.

אָבער איידער כוועל רעדן באריכות וועגן זיינע געציילטע לידער, וואָס זיינען פארעפנטלעכט געוואָרן אין „אינזיך", וויל איך פריער איבערגעבן אַ פאטעטישן בריוו, וואָס האָט געוואגלט א גאנץ יאָר, ביז ער איז דערגאנגען צו מיר פון סאָסנאָוויץ, פוילן. דער בריוו איז דאטירט דעם 28־טן דעצעמבער 1945, און לייענט זיך אזוי:

חשובער רעדאקטאָר, יעקב גלאטשטיין!

אלס פרוי פון טוביה בוים, דער מחבר פון די „ווייסע פלעקן" וועלכע זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אייער וואָכנשריפט(.) „אינזיך" אין יאָר 1937, האָב איך צו אייך אגרויסע בקשה. נאָך דעם גרויסן חורבן וועלכן מיר אלע אידן פון פוילן האָבן מיטגעמאכט אין וועלכן מיין מאן האָט אויך ליידער זיין קרבן געבראכט, איז מיר פון אים גאָרנישט געבליבן, נאָר דערינערונגען אין די „ווייסע פלע־קן", וועלכע געפינען זיך זיכער ביי אייך אין רעדאקציע, וועלכע איך וואָלט זייער געוואָלט האָבן ביי זיך, דען דאָס וואָלט געווען מיין איינציקע טרייסט אין זכרון פון מיין מאן. איך גלויב אז איר פארשטייט מיך און וועט דערפילן מיין בקשה, פאר וועלכער איך וועל אייך זייער דאנקבאַר זיין. צוליב אָריענטאַציע־צוועקן גיב איך אייך איבער די גענויע דאטע פון זיין אומקומען דרוך די רוצחישע הענט. דאָס איז געווען דעם צווייטן אויגוסט 1943 אין קרעמאטאָריע־אויוון פון אשוויענטשים, מיט אַ סך שריפטן און מאטעריאל, וועלכע ער האָט געהאט אָנגעשריבן אין די לעצטע פיר יאָר אָקופאציע — שטאַרקע, קרעפטיקע זאכן וועלכע האָבן נישט דערלעבט צו זען די ליכטיקע שיין, דען זיי זענען געווען געשריבן אין געהיים, מיט גרויס מסירת־נפש, אונטער די אויגן פון געסטאַפּאָ. אָבער דאָס אלץ געהערט שוין צו דער פאַרגאנגענהייט. מען קען נאָר איינס זאָגן — חבל על דאבדין ולא משתכחין! אלזא איך ווידערהאָל מיין פארלאנג און שיקט מיר איבער דעם נומער, אין וועלכן עס איז גע־ווען געדרוקט זיינע לידער, וועלכע זיינען אין יענער צייט געווען פרעמירט, ווי אויך וועגן מעגלעך מאנוסקריפטן, וועל־כע זיינען נישט געדרוקט געוואָרן.

איך דאנק אייך אין פאָראויס און דריק אייך די האנט פעסט אלס אויסדרוק.

מיט כבוד פאר אייך **לאה**

דער בריוו איז געשיקט געוואָרן אויף אַ שלעכטע אדרעס און ער האָט דערפאר צוריקגעוואנדערט קיין סאָסנאָוויץ. אָבער טוביה בוימס אלמנה האָט נישט אויפגעגעבן די האָ־פענונג אז איר וועט פאָרט געלינגען צו קריגן לזכרון דעם נומער פון זשורנאַל, ווו איר מאַנס לעבעדיקער נאָמען איז אויפגעגאנגען. די אידישע דיכטער פון פוילן: חיים גראדע, אברהם זאק, ישראל אשנדארף, ל. אליצקי און ש. קאטשער־גינסקי האָבן געוויילט אין סאָסנאָוויץ. די דיכטער האָבן דער אלמנה געגעבן מאקס ווײנרייכס אדרעס, און חבר ווײנרייך האָט דעם אומגליקליכען בריוו וואָס האָט געוואנדערט אהין און צוריק מיר איבערגעגעבן.

טוביה בוימס ליד „ווייסע פלעקן" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אפריל 1937, און איז שפּעטער איבערגעדרוקט געוואָרן אין אָקטאָבער 1937, ווען דעם אומבאַקאַנטן פאעט איז צוגעטיילט געוואָרן דער ערשטער פרייז פון דער ראובן לודוויג לידער־פרעמיע.

א. לעיעלעס האָט דעמאָלט, אין זעלביקן אָקטאָבער נומער 1937, געשריבן אַ קורצע אָפּשאַצונג וועגן דעם פרייז־ליד און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קלאָרן פּאָליטישן טאָן פון דעם ליד. סאיז כדאי צו ברענגען די ווארעמע ווערטער וואָס א. לעיעלעס האָט געשריבן, ווייל דאָס זיינען מסתמא די איינציגע עטלעכע לויבגעזאנגען וואָס דער דיכ־טער טוביה בוים האָט זוכה געווען צו לייענען וועגן זיך. סרייסט ממש אויס א שטיק הארץ, ווען מען לייענט לעילע־סעס ווינשעוואניעס וואָס ער שיקט דעם פּאעט. דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געאנט, וואָס פאר א מאוימדיקער חורבן עס טראָגט זיך אויף דעם גאנצן פוילישן אידנטום. טוביה בוים איז פארברענט געוואָרן זעקס יאָר נאָך זיין נתגלה ווערן.

א. לעיעלעס האָט דערפילט דעם אימפּעט פון די „ווייסע פלעקן" און ער האָט אזוי געשריבן:

„דער געווינער פון דעם ערשטן פרייז, טוביה בוים, נאָך גאָר אַ יונגער מענש פון סאָסנאָוויץ, פוילן, האָט ׳געמאַכט׳ פּאעזיע פון אַ דורכאויס פראזאאישן ענין. סך הכל האָט ער געגעבן אויסדרוק צו אַ ׳קאָנפיסקירטן שריי׳,

דאָס הייסט אַ צייטונג, אָן אויסגאַבע וואָס האָט געוואָלט זאָגן דעם אמת אין דער היינטיקער נאַציזירטער פּוילן, און איז דערפאַר קאָנפיסקירט געוואָרן דורך די זשאַנדאַרן. עס איז ממילא אַ דורך און דורך סאָציאַל ליד, אַ רעוואָלוציאָנערע ליד.. די „ווייסע פלעקן" זיינען ווי אַ לעבעדיקע עדות פון אונזער אַלטן אינזיכיסטישן אני מאמין, אַז אַלץ קען זיין שטאָף און קעגנשטאַנד פאַר פּאָעזיע. מען דאַרף עס נאָר ריכטיק ׳מאַכן׳. מיר זיינען נישט מיד געוואָרן צו טענהן, אַז נישט קעגן רעוואָלוציאָנערער אָדער סאָציאַלער פּאָעזיע זיינען מיר, נאָר קעגן דעם שאַבלאָן, קעגן די נודנע ווידערהאָלטקייטן, קעגן דער קלישע וואָס איז אומעטום און איז אַלץ — אַנטי־פּאָעזיע.

„טוביה בוים האָט וועגן גרויסע, אַלטעגלעכע פּאַסירונגען, וועגן איין באַשטימטער פּאַסירונג אַזאַ, באַוויזן צו שאַפן אַ ליד. דאָס ווייזט אויף אינערלעכער אינטימער איבערלעבונג. דאָס ווייזט אויף דער פעאיקייט צו געפינען פאָרעם פאַר אמתער אינעווייניקסטער דערפאַרונג. דאָס ווייזט אַז ער איז אַ פּאָעט.

„מיט אונזער אויסטיילן אים פאַר דעם ערשטן פּרייז באַגריסן מיר אין אים איבער אַלץ אַ נייעם ,יונגען אידישן דיכטער פון פּוילן, וואָס קומט אויף דעם בריקל פון וואָרט צו אַ גלייכגילטיקער וועלט — גלייכגילטיג צו די טיפסטע דערפאַרונגען אין לעבן און גלייכגילטיק אין קוואַדראַט צו פּאָעזיע, צום ליד.

„ווער עס קען איבערגעבן אין עטלעכע ווערטער, אין קורצע פיר שורהלעך די גאַנצע איצטיקע פּוילישע ווירקלעכקייט — און נישט בלויז פּוילישע:

סאיז נאַכט,
באַוואַכט
מיט שפּיצלס
ליגן גאַסן.

דער נייטיקט זיך שוין נישט אין ווינשעוואַניעס, אַז ער זאָל שרייבן און שרייבן ביז ....טוביה בוים וועט שוין שרייבן. אַ ברירה וועט ער האָבן?"

א. לעיעלער איז געווען גערעכט. בוים האָט קיין ברירה נישט געהאַט. ער האָט אפילו געמוזט שרייבן „אונטער די אויגן פון געסטאַפּאָ", ווי סזאָגט עדות זיין פּרוי.

וועגן בוימס דריי לידער — אין ווייטערדיקן פּרק.

ב. טוביה בוימס לידער.

טוביה בוים האָט נישט נאָר געדרוקט „ווייסע פלעקן" אין „אינזיך", נאָר נאָך צוויי אַנדערע לידער, און כבין זיכער, אַז די דריי געציילטע לידער וועלן איבערגעדרוקט ווערן, ווען מוועט אויפזאַמלען דאָס טרויעריקע פאַרמעגן פון די פּאַרשניטענע שרייבער. די דריי לידער זיינען אומגעהייער אינטערעסאַנט, און סאיז ממש אוממעגלעך צו געבן אויסצוגן ווייל זייער כוח ליגט אין דעם אימפּעט און אין דער פעאיקייט צו נוצן זשורנאַליסטישע ווערטער, וואָס קריגן אַ היינטצייטיקע בילדלעכקייט.

שוין דער אָנהויב פון ליד „ווייסע פלעקן" קלינגט ווי די סימפאָנישע עפענונג פון בלאָקס „צוועלף".

סאיז נאַכט,
באַוואַכט מיט שטראַפקאַדעקסן
ליגן גאַס.

די „שטראַפקאַדעקסן" גיבן אַ פּריטשמעל גלייך ביים סאַמע אָנהויב. אָבער דאָס האַרטע וואָרט ווערט דער הינטערגרונט פאַרן ליד. ווייטער ווערט די פּאָעזיע רוישיק ווי אַ דרוק־מאַשין.

רייסט דער הונגער די געדערים מיט אַ וואָיען.
טאַנצן שמעטערלינגען רויטע פאַר די אויגן
און באַדעקן די אומבאַפלעקטע ווייסע פלעקן:
ווערן זיי געווערלעכער,
ווי דער פּסעוודאָ־פרייער טעקסט.
ווייסע פלעקן, ווייסע פלאַטן, ווייסע זייטן.
סקומען רויטע צייטן.
כהוידען זיך די פייערטייכן אונטער דער ערד.
סרויכערן ווולקאַנען.
סאיז נאַכט.
עס לאַכט מיט גיפט.
די שוואַרצע פאַרנאַכט־פּרעסע,

דער דיכטער שרייט אַריין אין דעם דאָזיקן תוהו זיין „קאָנפיסקירטן שריי" און ער איז זיכער, אַז „ס׳גייען רויטע צייטן". דער אימפּולסיווער ריטם פון ליד רייסט מיט און דער לייענער גלויבט.

די צייטן וואָס זיינען געקומען זיינען זיכער נישט געווען די רויטע צייטן, ווען דער יונגער טוביה בוים האָט אָנגעקינדיקט. אָבער אין 1937 ווען דאָס ליד „ווייסע פלעקן" איז געדרוקט געוואָרן איז געווען גוט צו לייענען אַ רעוואָלוציאָנער ליד פון אַ יונגן פּויליש־יידישן דיכטער, וואָס האָט אין די ווייסע פלאַטן געזען אַ פאַרגוואַלטיגונג פון מענשלעכן געדאַנק, ווייל די ווייסע פלעקן האָבן געהאָלפן פריי מאַכן דעם וועג פאַר היטלעריזם.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער ראובן לודוויג קאָנטעסט האָט צוגעצויגן נאָך עטלעכע דיכטער פון פּוילן. אָבער נאָך מערקווירדיקער איז דאָס, וואָס אין סאָסנאָוויץ גופא האָט טוביה בוים געהאַט צוויי קאָנקורענטן, הערשל דאַנציגער און לייזער שיקמאַן (לעבן זיי, אָדער זיינען זיי אויך צווישן די נישט־דערמאָנטע קדושים אונזערע?). זייערע לידער וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אינזיך", סעפּטעמבער 1937, ווייזן בפירוש אויף טאַלאַנט און נאָך מער, אויף אַ סאָסנאָוויצער צד השוה פון אַן אינטעלעקטועלן צוגאַנג צו פּאָעזיע און אַ ליבע צו שניידיק־נייע בילדער און שאַרפע ווערטער. לייזער שיקמאַנס ליד „אָרעמע היים" פאַרענדיקט זיך מיט אַזעלכע שורות:

אַ שטראַל פון גילדענעם פאָרגאַנג
קריכט אויפן טאַטנס מידער פלייצע,
דער מאַמעס פאַרדאַגטע הענט.

קריכט אויף דעם קינדס בלויע הענטלעך
און אין די גרינע אויגן פון דער קאַנץ.
אויף די שייבלעך די פאַרנאַכטיקע
צאַפּלט, צאַפּלט אַ מאָגערע פליג —
און דאָס קינד — מיט צעבלויטע אויגן —
אין דער פייכטער וויג.

הערשל דאַנציגערס ליד „גדאַנק״ איז טאַקע פשוטו כמשמעו, אַ פאַרזוך צו געבן דעם בליץ־ריטם פון גדאַנק מיט „עסעקאַיסטישע״ גראַמען:

ס׳האַמערן די שלייפן אינם גלי פון באַגרייפן.
פלוצלונג —
אַ בליץ,
אַ פייערדיקער שטרייף,
ליכטיק געוואָרן.
ס׳איז אַ גדאַנק געבאָרן!
רייף, קלאָר, קערנדיק, וואָר.
קאָנקרעט!
אויף טונקעלע האָריזאָנטן
אַן אַנטדעקטער פּלאַנעט.
גדאַנק —
ווי אַ מעסער שאַרף,
וואָס צעשניידט געוועבן,
דעם פּלאָנטער פון דער מעכטיקער שפין—לעבן.

דריי יונגע יידישע דיכטער פון סאָסנאָוויץ זיינען ארויס צו באַזיגן די מעכטיקע שפין — לעבן, אין יאָר 1927, ביז פון דער מעכטיקער שפין איז געוואָרן אַוואַמפּירישער מאַנסטער.

אין יאַנואַר 1938 האָט דער „אינזיך״ ווידער פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע פּאָעמע פון טוביה בוים. די פּאָעמע „דאָס משוגעים געסל״ — איז געווען אַ גריבלערישער, הגם כאַאָטישער עקספּערימענט צו באַהאַנדלען די ייד־גוי טעמע, אָדער דעם ייד אין אַ משוגענער וועלט. דאָרט האָט דער דיכטער, מיט דעם זעלביקן אימפּעטיקן ריטם זיינעם, געמאַכט אַ פּאַרזוך אַרונטערצונעמען דעם „ייד״ יעזוסן פון צלם און איבערלאָזן דעם צלם אַ נאַקעטן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן אַז דאָס איז געווען אָנהויב 1938. פון דעמאָלט אָן האַלטן יידישע שרייבער אין איין מטריח זיין יעזוסן און אים פירן אַראָפּ און אַרויף — פון צלם און אויפן צלם. אפילו אש האָט לעצטנס אַרונטערגעשלעפּט יעזוסן פון צלם און געוויזן ווי ער האָט געראַטעוועט די וואַרשעווער געטאָ. ווי מיר ווייסן אַלע, איז די בעלעטריסטישע געשעעניש נישט נאָר אַ קינסטלערישע פאַרזעעניש, נאָר לגבי דעם פינקס פון אונזער אומגליק איז עס ערשט־נידעריקער בורלעסק.

אין טוביה בוימס ליד איז אויף פאַראַן אַ פּרווו אָנצוּוואַרפן דעם תוהו פון משוגענעם ריטם אין דעם „משוגעים־געסל״.

אויף שטעקנס צוויי מעטער הויך
אַנטלויפט געשווינד פון קרייץ דער ייד.
זיין אויג — עס גליט.
זיין מויל — עס שרייט.
צוויי פּאָלעס, צוויי שוואַרצע פליגל
העלפן אים אַנטלויפן.
עס פאַלט אַ שטיין,
עס פאַלט אַ ציגל.

מיטאַמאָל קומט דער ווילדער ווירבל פון משוגעת, אויסגעדריקט אין געציילטע זילבן:

שפּאַלט זיך קאָפּ,
מוח שפּריץ,
צאַן אַן צאָן,
שטאַרקער קרייץ,
פויסט זיך בייל,
רבעט, שטויס,
שלאָג און קייל,
מוח ארויס
קאָפּ —
אַראָפּ
א—או! מיין שטאָלענער מוח.

דער דיכטער ענדיקט זיין ליד מיט אַ געבעט אויף אידישן כוח, אויף דער נויטווענדיקייט פון אידישער זעלבסט־שוץ אין אַ משוגענער וועלט.

נאָט אייך אַלץ, אַלץ.
נאָר גיט מיר הענט!
גיט הענט, כוח!
כ׳וויל ברעכן אייזן, בייגן שטאָל,
קלאַפּן שטיינער, ברעכן מויערן!
כוח! כוח!
הענט! הענט!
ווערט געבוירן! ווערט געבוירן!

דער פּאָעט וויל מיט געוואַלט אַרויסרופן צום לעבן דעם באַלעבטן כוח פון אידישע הענט.

דאָס לעצטע ליד וואָס דער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט אין „אינזיך״ איז ביז גאָר אינטערעסאַנט און ווייזט גיכער דעם מענטש טוביה בוים, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט קיין פּניות און וואָס סאיז אים פרעמד געווען יעדער סאָרט חניפה. ער איז דאָך נאָך געווען יונג און ער האָט זיך מיט מיר אָפט דורכגעשריבן און מיר געטרויט גאַנצע פּעק לידער זיינע. ער האָט אויך געטרויט מיין אויפריכטיקן אינטערעס אין זיינע לידער און געוווּסט אַז איך גלויב אין זיינע כוחות.

פונדעסטוועגן, אַזוי גיך ווי איך האָב געשריבן אַ „גוטע נאַכט וועלט״, איז דער רעוואָלוציאָנער בוים געוואָרן אין כעס אויף מיר. גאָר אויפגעבראַכט געוואָרן איז ער, ווען איך האָב דערצו נאָך פאַרעפנטלעכט מיין אַרטיקל „יידישע באַריקאַדן״, אין „אינזיך״, אויגוסט 1938, ווייל דאָרט האָב איך צווישן אַנדערע באַמערקונגען אַזוי געשריבן: „פאַר דעם רעשט פון מיינע יאָרן זיינען מיר באַשערט נישט מער ווי

יידישע באַריקאַדן. אַלע אַנדערע באַריקאַדן זיינען צעפּוילט געוואָרן. קיינמאָל אין דער קורצער פּאַנאָראַמע פון מיין עקזיסטענץ, האָט די וועלט מיך נישט אַזוי שטאַרק געשטופּט און געשטויסן צו מיינע יידישע קאַמפן און אויף ריין־יידישע באַריקאַדן, ווי אין די לעצטע פינף יאָר פון היטלע־ריזם״.

געענדיקט האָב איך מיין אַרטיקל מיט דעם דאָזיקן אויפרוף:

„איך זע גאָרנישט אַרום מיר, אַחוץ, ווי איך האָב פריער געזאָגט, יידישע שוץ־באַריקאַדן. אַדיע, וועלט־באַריקאַדן פאַר דעם אַבסטראַקטן יושר און פאַר דער טעאָרעטישער גערעכטיקייט. איך בין אין קאַמף איצט אַנטקעגן אַ רעאַלן שונא, אַנטקעגן דער היטלער־בעסטיע. א וואַנט קעגן דער בעסטיאַליזירונג פון אַ וועלט, וואָס ביים ערשטן קאָנטאַקט מיט היטלעריזם, זוכט זי גלייך מיין קאָפּ״.

אַזוי האָב איך געשריבן פּונקט אַ יאָר איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. דאָס איז אָבער געווען צופעליק פאַר דעם יונגען רעוואָלוציאָנער טוביה בוים. ער האָט מיר געשיקט אַ בייזן בריף און נאָך אַ בייזערע ליד. מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די כאַראַקטערפעסטקייט און תמימות פון דעם יונגען פּאָעט און כהאָב געבעטן דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון „אינזיך״, אַלקוויט, אַז ער זאָל דעם אָנפּאַל אויף מיר אין ליד־פאָרם פאַרעפנטלעכן.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע ליד טוביה בוימס (אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט). סאיז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „אינזיך״, אָקטאָבער 1938, אונטער דעם נאָמען „אַ בריף פון סאָסנאָוויץ״ מיט אַ ווידמונג — יעקב גלאַטשטיינען. אויפן שער־בלאַט האָט דאָס ליד געהייסן — „אַ ליד־בריף צו א דיסקוסיע״. דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט דעם טראַגישן און אַרויס פאָדערנדיקן אויסרוף:

איך האָב געליינט דיינע רעפלעקסיעס, ברודער,
געליינט.
און ס'האַרץ, עס האָט אין מיר געוויינט,
געוויינט.
ביסט מיד? ביסט אָפּגעמאַטערט, מיד?
וועל איך דיר שענקען מיינס אַ ליד,
פון פויסטן־גרוסן אויסגעשמידט,
ווו רויטע פענער האָבן זיך צעבליט,
אַ ליד — פון מענטש צום ייד.

סאיז דעמאָלט געווען אַ דערפרישונג צו ליינען אַן אויפסניי געבוירענעם, יונגען עדעלשטאָט מיט גרוסן פון אַרבעטער־פויסטן און פון רויטע פענער און מיט געזאַנג פון מענטש צו ייד. סאיז שוין געווען סוף 1938. אָבער טוביה בוים האָט נאָך אַלץ געהערט דאָס געזאַנג „פון מענטש צום ייד״.

ווייטער ווערט דאָס ליד נאָך פלאַקערדיקער:

אַ ניין! אַ ניין!
פאַרקריך זשע, ברודער, פעסט די ציין,
צי צוריק זיך פון דער דעפענזיווע;
באַלד פלאַצט ער אויף דער ווילד־געשוויר!
אויף באַריקאַדן פון דער וועלט וועט פלאַטערן דיין
שויבער־גריווע.
איך נעבן דיר!

און נאָכדעם ווי ער קרעפטיקט מיך און שלעפט מיך איבערגעוואַלט אַרויף אויף די וועלט־באַריקאַדן, ווו ער קעמפט האַרט לעבן מיר, זאָגט ער ווייטער:

ביסט מיד? ביסט אָפּגעמאַטערט, מיד?
מען האָט צעשמעטערט דיר דיין אילוזיע?
טאָ נעם־זשע ברודער פון מיין האַרץ, וואָס גליט
אַ האָפענונגס־קווייט, אַ גלויבן־בליט.
טאָ נעם־זשע, נעם־זשע; ברודער מיין
אַ העלפט פון בלוט, אַ העלפט פון פיין,
אַ בליץ פון אויג, דו צאַפּ מיר אויס,
דיר ברודער אַ טראַנספוזיע
נאָר צי זיך נישט צוריק! נאָר גיי פאָראויס!

אין „אינזיך״ ענדיקט זיך דאָס ליד מיט אַ טעות הדפוס — „נאָר צי זיך צוריק״ אָבער סאיז קלאָר פון אינהאַלט, אַז סאיז אַרויסגעפאַלן דער „נישט״.

מיך האָט דעמאָלט זייער שטאַרק גערירט אָט דער פאַרוווּנדעטער גלויבן זיינער און אויך זיין ברודערלעך־רעוואָלוציאָנערער פריינטשאַפט צו מיר די ברייטקייט מיר צו געבן אַ העלפט פון זיין בלוט, אַ בליץ פון זיין אויג, וואָס זאָל מיר דינען ווי אַ טראַנספוזיע.

טוביה בוים האָט נישט מורא געהאַט פאַר אַזעלכע ווערטער, ווי טראַנספוזיע, אין אַ ליד, ער האָט געהאַט אַ מאָדנע ליבע צו האַרטע ווערטער. אויף דער צענזורירקייט פון אויסדרוק האָט ער געענטפערט מיט צופיל אויסדרוק.

סווילט זיך מיר גלויבן, אַז דער יונגער פאָעט, וואָס האָט אַזוי שאַרף צוריקגעוואָרפן מיין אַנטוישונג און פאַרביטערונג און מיין צוריקגיין צו „יידישע באַריקאַדן״, אין 1938, האָט אָנגעהאַלטן כאָטש פון 1939 ביז 1943, ווען ער האָט געמוזט זיינע לידער שרייבן אונטער דעם אויג פון דער וואַכזאַמער מענטש־חיה. כבין זיכער, אַז דער גלויבן וואָס מיט אים האָט ער געבייטשט מיין פאַרצווייפלונג פון „אַ גוטע מאכט, ברייטע וועלט, גרויסע, שטינקנדיקע וועלט״, פון אַפּריל 1938, איז אים בייגעשטאַנען און האָט אים געגעבן כוח צו שטאַרבן ווי אַ קדוש און מבטל זיין דעם שרצדיקן אומברענגער. אָט דער משחית ימח שמו האָט טאַקע געוואָלט פאַרניכטן דעם פעלזן־פעסטן גלויבן פון די יונגע טוביה בוימס, וואָס האָבן כסדר רעוואָלטירט קעגן דעם „קאָנפיס־קירטן שריי״ און וואָס האָבן געגלויבט אַז אָט־אָט און „באַלד פלאַצט ער אויף דער ווילד־געשוויר!״ די יונגע יידישע בוימס זיינען קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו רופן אויף די באַריקאַדן —

אויף באַריקאַדן פון דער וועלט וועט פלאַטערן דיין
שויבער־גריווע.

איך נעבן דיר!

אַט דעם קוואַל פון אמונה האָט דער שונא נישט פאַרטיליקט אַפילו אין די קדושים וואָס זיינען געגאַנגען צום טויט. די אמונה קרעפטיקט אונז נאָך איצט, כאָטש מיר ווייסן שוין איצט וואָס פאַר אַ הויכן פרייז מיר האָבן באַצאָלט פאַר דעם גלויבן, אַז אונזער ישועה קומט אַט־אַט פון אַרויפכאַפּן זיך אויף וועלט־באַריקאַדן.

ניויאָרק, 31 יאַנואַר 1947.

הערשל דאַנציגער

ז. סעגאַלאָוויטש אין זאַגלעמביע

אין דער רעדאַקציע פון „זאַגלעמביער צייטונג" האָבן מיר זיך געטראָפן. יאָ, דאָס איז ער, ז. סעגאַלאָוויטש! פון זיינע גרויסע ביר־אויגן קוקט אַרויס דער „אייביגער איינזאַם" און סדוכט זיך, אַז זיין ברוין הויטיג פריש פּנים ברענגט גרוסן פון וועלדער, פעלדער, זון און בלומען. נאָר די זילבערנע האָר אויף זיין קאָפּ דערמאָנען: עטליכע און פופציג יאָר, זיין שלאַנק הויכע פיגור דערציילט גאָר נישט פון 35 יאָר אַרבעט אויפן יידישן ליטעראַרישן פעלד. זיין טריט אין נאָך אַ לייכטער, זיין ברוסט אַ שטאָלצע, כאָטש די פּלייצעס שוין אַ קאַפּיטשקע געבויגן. אָבער פאַרט פילט מען, אַז דער מענש וועט נאָך גיין און דערגיין אויף זיין ברייטן, וויטן ליטעראַרישן אַרבעטס וועג. ער איז פול מיט ליטעראַרישע פּלענער, איז שטאַרק פּראָדוקטיוו. נישט לאַנג דערשינען זיינע ביכער: „דעם וועבערס טאָכטער", „וויגאַניע", „לידער פאַר איינעם". אינגיכן ערשיינען: „ברידער נעמזאַר" און „שורות אכט". די לידער „שורות אכט" זענען פּרעכטיגע, אָריגינעלע שאַפונגען, וואָס וועלן זיין אַ צירונג אין דער יידישער פּאָעזיע, אַ נייער זשאַנר.

נאָר אַז מהויבט אָן רעדן פון נייע יידישע ביכער רופט עם אַרויס נישט פריילעכע רעמיניסצענצן וועגן יידישן לייענער. איז טאַקע אויסגעפאַלן אונזער שמועס מיט ז. סעגאַלאָוויטש וועגן יידיש.

דורך דעם רייכפאַרביקן, לעבעדיגן, מיט פאַרביטערונג צוגעווירצטן שמועס פון סעגאַלאָוויטש לויפט דורך קאַלייד־אָסקאָפּיש דער גאַנצער שווער גורלדיקער וועג פון יידיש: אין יענע יאָרן פונם הערויִשן אויפגאַנג פון יידיש, פאַרקוקן זיך סעגאַלאָוויטשעס אומעטיגע אויגן, אין דער אָפּגעלאָפענער וויַיט, אין די פאַר און נאָך מלחמה יאָרן, ווען די משכילישע אַסימילאַציע האָט באַקומען דעם ערשטן שטאַרקן קלאַפּ, דאַכט ער, איז יידיש געווען דער הערליכסטער חלום, דער שטאַרקסטער גלויבן. מאיז געווען גרייט מענשן צו דערהרגענען (מיט פען און טינט!...) פאַר יידיש. מהאָט געגלויבט, געהאָפט, אַז יידיש באַקומט דעם אמתן תיקון. זי ווערט די שפּראַך פון גאַנצן יידישן פאָלק און... היינט אַזאַ אַנטוישונג, אַז סאיז אפשר נישט כדאי צוליב יידיש אַ פליג צו דערהרגענען...(?).

די היינטיגע יוגנט, וואָס האָט נאָר אַפילו בלויז אַריינגעשמעקט אין אַ פּוילישער פאָלקס־שול, האָט שוין פאַרריסן די נאָז אויף יידיש, יידישע ביכער אויף די פאַרשטויבטע פּאָליצעס פון די פאַרלאַגן און די כתב־ידן — אין די שרייבטישן. נאָר אַ גאָר קליינער טייל פון באַוווּסטזיניגע יוגנט לייענט יידיש. דער לינקיסטישער יוגנט־עלעמענט, די אַרבעטנדיגע, וואָס זוכן נאָר דאָס „אַקטועלע", דאָס סאָוויעטישע לייענט פאַרשטייט זיך פּויליש, ווייל די צוליפערונג פון אָט דעם סאָרט ליטעראַטור קומט נאָר אין פּויליש — אַ קליינער פּראָצענט אין יידיש.

מיט יידיש איז היינט געשען אָט וואָס, גיט סעגאַלאָוויטש צו פאַרשטיין, מיט אַ משל: אַ שיינע פרוי, צען יאָר נאָך דער חתונה. אַן עקרה. דער מאַן, די קרובים גאַרן: אַ קינד. מלויפט צו רביים, צו דאָקטוירים, אין בעדער — גאָט האָט געהאָלפן — שוואַנגער געוואָרן! אַ פרייד, אַ גדולה אויף דער באָבען... נאָר, אוי, אַן אומגליק איז געשען: די שיינע פרוי האָט רחמנא ליצלן געמיפּלט. און מיט יידיש איז אויך געשען דאָס זעלבע, זיך שוין געהאָט אַנטוויקלט, סזענען געשאַפן געוואָרן גרויסע ווערטן אין דער פּראָזע, און אין דער פּאָעזיע, יונגע טאַלאַנטירטע כוחות צוגעקומען — שיין, זער שיין. נאָר אַ קינד וויל מען — אַ צוקונפט. האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמפּיין, פּראָפּאַגאַנדע, אַגיטאַציע. סעגאַלאָוויטש אַליין האָט אין זיין חשבון אַ ריזיגן פּראָפּאַגאַנדע טורנעע פאַר יידיש אין עטליכע צענדליג פונקטן. סהאָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן גוטע האָפנונגען — שוואַנגערשאַפט! וואָס האָט זיך אָבער אַרויסבאַקומען? די יוגנט איז וויַיט פון יידיש — אַ טויט קינד! די צוקונפט אין געפאַר!...

דאָס יידישע בוך איז געוואָרן אַ חוזר על הפתחים, מקלאַפּט אין טירן פון יידישע שטובן: קויפט אַ יידיש בוך! אַז דער לייענער קומט נישט צום בוך, גייט דאָס בוך צום לייענער. און אָך און וויי צו אַזאַ וועג...

סעגאַלאָוויטש טוט אַ מאַך מיט דער האַנט: עט, צו וואָס אַזוי פיל רעדן, צו וואָס שיטן זאַלץ אויף די ווונדן...

ווייניגער רעדן; מער טוען!

צו איז מעגליך עפּעס אויפצוטוען אין אונזער יידישן זאַגלעמביע, פאַר יידיש, פאַרן יידישן בוך, זאָלן קומען די באַרופענע דערצו (אויב זיי זענען פאַראַן...) און פּרוּוון ...ווייל סוף כל סוף איז דער מצב נאָך נישט אַזאַ שפּלער. מער אַנשטרענגונגען, אחריות; קאָנען אַרויספירן פון דעם מצב צו ברייטערע, ליכטיגערע האָריזאָנטן. — — —

ל. שפּיגלמאַן

נאָכן טויט פון משה אפּלבוים

דער לעבנסלוסטיגער און אָריגינעלער משה אַפּלבוים איז אַלע מאָל געווען אָריגינעל סיי אין דער מאַלעריי ווי אינם פּריוואַטן לעבן. אַ זעלטענע זאַך ווי באַשיידן דער מענטש איז געווען. ער האָט פאַר זיך גאָרנישט געברויכט. און קוים האָט ער אַ גילדן אין דער קעשענע געהאַט, האָט ער די גאַנצע וועלט אויסגעפּיפן. בילדער פלעגט ער נאָר פאַרקויפן בכדי איינצוקויפן פאַרבן, און קוים האָט ער דאָס מאַטעריאַל געהאַט האָט ער זיך נאָר איינגעקויפט פאַרבן און לייוונט, האָט זיך די וועלט געמעגט איבערקערן איז אים גאָר נישט אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך דאַן אַוועקגעזעצט און געמאָלן פאַרגעסן, ווען עס גייט אַוועק דער טאָג און ווען עס קומט אָן די נאַכט.

זימער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן איבער די געבירג פון טשעשישינער שלעזיען און האָט דאָרט די שיינע פּייזאַזשן אויפגעכאַפּט. און אַז עס האָט אים אַ רעגן געכאַפּט האָט ער זיך אַריינגעטוליעט אין אַ פּויערישע כאַטקע און דאָרט איבערגענעכטיגט.

עס פלעגט אָפט טרעפן, אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג איז אַפּלבוים פאַרשוווּנדן געוואָרן. מהאָט נישט געוווּסט וווּ ער איז אַנטקומען, און געשריבן האָט ער קיינמאָל נישט. די נאָענטע אָבער האָבן זיך שוין משער געווען, אַז ער האָט געוויס אַ בילד פאַרקויפט, האָט ער זיך איינגעהאַנדלט די נויטיקע מאַטעריאַלן צום מאָלן און ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון דער מענטשהייט. ער פלעגט דענסמאָל וועלן זיין אַליין, אַליין מיט דער נאַטור, אַליין מיט דער זון און מיט די פעלדער און מיט די געבירג און מיטן פליסנדן וואַסערל וואָס פלעגט זיך אַזוי הערליך אַראָפּשלענגלען אין זיגזאַג פאָרם פון די געבירג אין די טאָלן אַריין.

אַז אַפּלבוים האָט זיך אין אַ צייט אַרום אין שטאָט באַוויזן און מען פלעגט אים בעפאָלן מיט פראַגן: וווּ ביסטו ערגעץ געווען? וווּ ביסטו פאַרשוווּנדן אויף אַזאַ לאַנגע צייט? פלעגט ער דאַן מיט צופרידנהייט ענטפערן: איך האָב געמאָלן, איך האָב געשאַפן און די פאַנטאַזיע — פלעגט ער קאָנסטאַטירן —איז אַזוי רייך, אַז איך האַלט אין איין שאַפן. דער שיינער פאָדים ציט זיך פון דער גרויסער קנויל, וועלכע ווייזט זיך אויס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן, און זאָגנדיק די ווערטער פלעגט ער שיינען פון שמחה און צופרידנהייט גלייך ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט.

און פריינטלעך און נאַיוו און באַשיידן איז דער מענטש געווען אויסערגעוויינלעך. און אָפּטימיזם האָט ער אין זיך געהאַט אָן אַ גרעניץ. אַ מענטש וועלכער איז געוווינט געווען אין אַ גרויסן מאַסשטאַב אונטערצוהונגערן זייער אָפט, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ גרויסע דאָזע אָפּטימיזם וואָס עס איז געווען פאַר זיינע נאָענטע אומפאַרשטענדלעך.

האָט ער אַ גילדן פאַרדינט, האָט ער זיך מיטן ביסן געטיילט. און אין דעם איינציקן שטיבל זיינעם אין קאַטאָוויץ פלעגט ער שטענדיק געסט פאַרבעטן. און אַז עס איז געקומען קיין קאַטאָוויץ אַ קינסטלער פון וואַרשע, אַ שרייפטשטעלער, אַ אַרטיסט — איז ער געווען אַפּלבוימס גאַסט און דאָרט אין דעם קליינעם שטיבל, וואָס איז גלייכצייטיק געווען זיין אַטעליע, האָבן זיך זיינע געסט געפילט היימישער און באַקוועמער ווי אין די גרויסע רייכע סאַלאָנען, וועלכע זענען פאַר זיינע געסט נישט פרעמד געווען.

פיל קונסט־קריטיקער האָבן כאַראַקטעריזירט אַפּלבוימען אַלס דעם זוכנדן און פאָרשנדן גייסט. ער האָט אין דער קונסט געוואָלט אַנטדעקן נייעס, אָריגינעלעס. ער איז מיט זיך קיינמאָל נישט פאַרטיק געווען. ער פלעגט מאָלן און פאַרשמירן. נאָך דעם ווי ער פלעגט ענדיקן אַ ווערק און ער האָט עס שפּעטער אַנדערש אויפגעפאַסט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּענזל אין דער האַנט און האָט אַ אַנדער בילד געשאַפן, ווו די אידעאָלאָגיע איז גאַנץ אַנדערש אויפגעפאַסט געוואָרן.

אַפּלבוים פלעגט מיט אַ זעלטענע שמחה און באַגייסטערונג אויפכאַפּן אין בענדין די קליינע הייזלעך, וועלכע געפינען זיך אונטערן באַרג. ער פלעגט אָפט זאָגן: מיר מוזן אויפכאַפּן שנעל אָט די אָריגינעלע אַלט־פרענקישע הייזלעך, וועלכע זענען נאָך נישט אינגאַנצן איינגעפאַלן. מיר מוזן פאַראייביקן די שטיבעלעך, וווּ עס האָבן געלעבט אונזערע זיידעס, ווייל דערמיט וועט געראַטעוועט ווערן אַ שטיק היסטאָריע וואָס גייט פאַרלוירן פאַר אונזערע אויגן, און געאיילט האָט זיך אַפּלבוים זיי צו פאַראייביקן. ער האָט אויך אויפגעזוכט און אָפּגעראַטעוועט די עלטסטע מצבות אויף די בענדינער בית־החיימס און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן אַרויסצוגעבן אַ אַלבום פון זיי.

ווער עס געדענקט נישט מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג, מיט וואָס פאַר אַ יראת הכבוד ער האָט די בענדינער שול געמאָלן. וויפיל כוח און קראַפט ער האָט אין די ווענט אַריינגעלייגט. איינמאָל בעת ער איז שוין געווען פיקס און פערטיק מיט דער מזרח־וואַנט און די רושטאַוואַניעס זענען שוין געווען פונאַנדערגענומען איז אים איינגעפאַלן: ניין, אַזוי קען די וואַנט נישט פאַרבלייבן און מהאָט זיך אויפסניי גענומען פאַר דער אַרבעט. מהאָט אַראָפּגעריסן דעם צעמענט און צוריק גלייך געמאַכט די וואַנט אויף רוי און ווידער אָנגעהויבן אויף דאָס ניי די אַרבעט, און אַז ער האָט זי דאָס צווייטע מאָל פאַרענדיקט האָט ער געזאָגט צום שרייבער פון די שורות: יעצט בין איך צופרידנגעשטעלט פון מיין שאַפונג. עס איז אַרויסגעקומען דאָס, וואָס מיין פאַנטאַזיע האָט זיך פאָרגעשטעלט. יעצט איז מיין מאָנומענט פאַראייביקט

געוואָרן און איך קען שוין מיט אַ רוהיג געוויסן פארמאכן מיינע אויגן.

אונזער בענדין האָט געמעגט שטאָלץ זיין, וואָס זי האָט באקומען די שענסטע און רייכסטע ירושה פונם פאַרשטאָרבענעם טאלאנטפולן מאַלער, וועלכער איז פלוצלינג פון אונז אַוועקגעריסן געוואָרן. מיר מעגן שטאָלץ זיין דערפאר, ווארום מיר זענען אזוי אָרים אויפן געביט פון קונסט, און וואָלט די שול נישט געמאָלן געוואָרן פון אַזוינע קינסטלער ווי אפּלבוים, ציגלער און האנפט וואלטן מיר אויך דאָס שיינע נישט פארמאָגט.

און איצט, אַז עס קומט אַ פאעט ביאליק אָדער אַ היסטאָריקער ווי פּראָפעסאר באלאבאן גייען זיי קודם כל באזיכטיגן די שול, וועלכע זיי פארלאָזן צופרידנשטעלנד. איז דאָס נישט קיין געווינס פארן יידישן בענדין? קענען מיר זיך דען, נישט גרויסן מיט דער רייכער ירושה וואָס עס האָט זיך אונז איינגעגעבן צו באַקומען?

א יאָר איז אָפּגעפלאָסן ווי דער פארשטאָרבענער ליגט אין דער ערד און קיין מצבה האָט דער קינסטלער נישט אויפן קאַטאָוויצער בית־החיים, און די אלמנה מיטן קינד, וואָס ער האָט פאריתומט איז אויך נישט פארזאָרגט געוואָרן.

אין דער אייראָפּעאישער וועלט זאָרגט פאַר אַזוינע פערזענליכקייטן דאָס פאָלק, דער קינסטלער ווערט פארגעזעלשאַפטליכט. זיינע ווערק ווערן דאָס אייגנטום פונעם כלל און דער כלל פארזאָרגט אַלץ וואָס געהער זיך אָן מיטן קינסטלער אויף אַ בכבודיקן אופן.

אויך ביי אונז איז מען מחויב אויף אזא אופן צו זאָרגן פאַר אַ קינסטלער, וועלכער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן אַ שיינעם און בכבודיגן נאָמן.

זאגלעמביע און אויבערשלעזיען זענען מחויב אלץ צו טאָן בכדי די נאָכן פארשטאָרבענעם איבערגעבליבענע זאָלן באַקומען אַ בכבודיגע צוקונפט און דעם פארשטאָרבענעם זאָל געשטעלט ווערן אַזאַ מצבה וואָסערע ער האָט זיך פאַרדינט.

נאָך זיין פטירה, בעת מהאָט זיך אומגעקערט פון קאַטאָוויצער בית־החיים איז אין קאַטאָוויץ געשאפן געוואָרן אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך געברויכט צו פערנעמען מיט דער פראגע.

מקען נישט זאָגן. די קאַטאָוויצער פארערער האָבן געוווסט ווי אָפּצושאצן דעם פאָלקס־פארלוסט, און זאָגאר בעת עס האָט געהאַלטן ביי ראַטעווען דעם פאַרשטאָרבענעם האָט מען זיך אויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט. אָבער יעצט איז נישט געטון געוואָרן דאָס, אין וואָס מנויטיגט זיך היינט צו טאג. און דעריבער ליגט אַ הייליגער חוב אויף די אויבערשלעזישע און זאגלעמביער פארערער זיך צו פארנעמען מיט דער הייליגער ארבעט, וועלכע וועט זיי פארשאפן פיל כבוד, ווען זיי וועלן וויסן, אַז זיי האָבן זייער פליכט ערפילט.

כב טבת תרצ״ב. 1 ינואר 1932.

שמעון ראטענבערג

משה אפלבוים

(פון זיין בילדער־אויסשטעלונג אין קאטאָוויץ)

יעדעס מאָל ווען עס קומט אויס צו בעטראכטן בילדער פון א מאַלער מאַכט מען ווידער די ערפארונג אַז נור דער קינסטלער אליין איז בכוח אנידערצושטעלן פראגמענטן פון לעבן, פון דער נאטור אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם, וועלכע איז די סינטעזע פון אַ סומע איבערלעבענישן איינדרוקן, וואָס אנטשטייען אין דער פאנטאזיע פון קינסטלער.

מען קען דאָך אייגנטלעך פרעגן — צו וואָס איז נייטיק די גאַנצע קונסט אין דער צייט ווען מיר פארמאָגן אַזעלכע פרעציזע פאָטאָגראפישע אַפּאראַטן, מיט וועלכע מען איז אימשטאַנד צו רעפּראדוצירן אלע אָפּטישע דערשיינונגען פון לעבן מיט אַזאַ מאַטעמאטישער גענויאיגקייט, פון וועלכער אַ מענשליך אויג קען אפילו נישט טראכטן.

די פראגע איז גוט צוגעפאסט צו אונדזער טעכנישער עפּאָכע, ווו אלץ געפינט זיך אויפן וועג צו מעכאניזאציע און עס זעט אויס, אַז דער מענש ווערט געשטויסן דורך עפּעס אַ געהיימער קראפט, לויפט צו אַ פונקט ווו ער וועט אליין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אויטאָמאַט.

אין דער ווירקלעכקייט איז אָבער גאַנץ אַנדערש. אפילו דער בעסטער פאָטאָגראפישער אַפּאַראַט איז נישט אים שטאַנד צו פערטרעטן דעם מאלער, ווייל דער מענש איז אַ לעבעדיג וועזן און קען נור אויפגעפאַסט און דאַרגעשטעלט ווערן דורך די לעבעדיגע קראפט פון אַ קינסטלער.

כסדר וועקסלט זיך דאָס מענשלעכע געזיכט, דער אויסדרוק, און פונקט ווי אויף דער לאנדשאַפט ווירקן כסדר די אטמאָספערישע שטימונגען, וועלכע ענטשטייען דורך די ענדערונגען פון ליכט און שאָטן פון טריבקייט און קלאָרקייט, אזוי אויך טוישט זיך אונאויפהערליך דער אויסדרוק פון דער מענשליכער פיזיאנאמיע, אונטער דעם איינפלוס פון פערשידענע נשמה־שטימונגען און פון די פסיכישע צושטאנדן, וועלכע זענען אַזוי שטארק פערענדערליך ביי דעם מענש.

אין דער צייט, ווען דער פאָטאָגראפישער אַפּאַראַט איז אומשטאנד אונז צו געבן נור צופעליגע, אויגנבליקליכע אויפנאמען, וועלכע זענען בערעכנט אויף אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע און קענען דורכדעם זיין נור פערגליוווערטע, אָן לעבן אָפּשפּיגעלונגען פון דער נאַטור, סינטעטיזירט דאַגעגן דער קינסטלער די סומע פון די איינצעלנע מאָמענטן פון די פערשידענע צושטאנדן פון מענש און נאטור און שאַפט דערמיט די הערליכסטע שטימונגספולסטע קינסטלערישע בילדער.

משה אפלבוים איז איינער פון די, וועלכע בעקומענדיג פון „אפאללא” דעם אריינשטויס אין דעם היכל פון דער

קונסט בלייבן זיי טרייע פריסטער אויפן מזבח פון דער קונסט, בכדי מיט זייער שאפונג מיטצוהעלפן אויפבויען דעם טעמפל פון שיינקייט פון הארמאָניע וועלכער וועט, נישט קוקנדיג אויף די פערשידנסטע קאטאַקאליזמען, זיין דער איינאונאייניציגער, וואָס וועט אויסהאַלטן אַלע שטורעמס און פערבלייבן אין דער אייביגקייט.

אַז דאָס איז אזוי, איז גענוג צו בעטראכטן אפלבוימס בילדער, בכדי צו זען, מיט סארע ערנסט, מיט סאַרע זאָרג־פעלטיגקייט ער בעהאנדלט זיינע שאפונגען.

מיר נעמען צב״ש זיין „קידוש לבנה״, אן עדה יידן זענען מקדש די לבנה און מען פילט ווי אלע זענען זיי אדורכ־געדרונגען מיט איין שטרעבונג, אויף אלעמענס געזיכטער איז אויסגעדרוקט דאָס התלהבות פון רעליגיעזער בעפרידיגונג. אַלע פילן זיך פעראייניגט דורך דער דאָזיגער רעליגיעזער פונקציע וועלכע שיינט צו זיין ביי זיי אַ טייל פון זייער לעבן, אַ טייל פון זייער עקזיסטענץ.

אַ הערליכע מיסטישע שטימונג באַהערשט אונז ביים בעטראַכטן דאָס דאָזיגע בילד, ווייל דער געוועזענער בית־מדרש בחור האָט אויפגעכאַפּט די פיינסטע, סובטעלסטע ניו־אנסן פון די קליינשטעטלדיגע יידן און זיי רעפּראדוצירט אויפן לייוונט, מיט דער הילף פון זיינע גרויסע טעכנישע און קינסטלערישע מיטלען.

אויב „קידוש לבנה״ איז בעהאנדלט אין אַ רוהיגן טאָן, ווו דער איבערגאנג פון די פארבן־טענער איז אַ סובטעלער, אַ קוים בעמערקבארער, זענען דאגעגן די „מוזיקאנטן״ אַ הערליכע קאָמפּאָזיציע פון פאַרבן־שפּיל. עס איז אַ מעטאמאָר־פאָזע, אן איבערשאפונג פון מוזיק־טענער אויף פארבן־טענער. וואָס פאר אן עקספּרעסיע, וואָס פאר אַ טראגיזם ליגט אויס־געגאָסן אויף די געזיכטער פון די צוויי שפּילער, פון דעם פאָטער מיט דעם זון.

זיי דערציילן דאָך אונז פון נויט, פון פּיין, פון אַ פייכטן קעלער, פון נישט דער עסן טרוקן ברויט, און דאָס בלוט אָרימע בלאַסע פנים פון דעם יינגל זאָגט דאָך עדות, אַז ער איז קיינמאָל נישט בעהויכט געווען מיט דער וואַרימ־קייט פון מוטער ליבע, אז דאָס שפּילט פאָר אונז אַ גאָר נאָענטער קאנדידאַט אין קבר. נור עפּעס דורך אַ נס האַלט ער זיך נאָך אויף די פיס.

דאָס בילד איז דער שטארקסטער פּראָטעסט קעגן דער סאָציאלער אונגערעכטיגקייט. עס קאָנקרעטיזירט אין אַ פּלאַסטישער פאָרם די אייביגע טראגעדיע פון „לאַך פּאיאץ״. אין דער זייט שטייען פריילעכע צושויער און הערן זיך צו, מיט גרויס הנאה, צו דעם שפּילן פון די צוויי מוזיקאנטן און זיי גייט ווייניג אָן די אינערליכע טראגעדיע וואָס עס לעבן אדורך דער פאָטער מיט דעם זון.

אין דעם בילד „דער שענסטער עפּל״ זעען מיר פונקט דעם היפוך פון „די מוזיקאנטן״. אויב דאַרט זענען אזוי בולט אויסגעדרוקט מענשליכע ליידן אויב דאַרט איז דער טראגיזם פּלאסטיש אזוי מייסטערהאפט געקומען צו עקס־פּרעסיע, איז דאָ פונקט פערקערט: לעבן, פריילעכקייט, יוגנט, אייביגער פרילינג זענען די אייגנשאפטן פון דער דאָזיגער קאָמפּאָזיציע.

אפלבוים האָט אונז אין אַ פּלאסטישער פאָרם אינטער־פּרעטירט וואָס עס הייסט שילערס „דאָס אייביג ווייבליכע״. אַזעלכע לייכטע און גלעטענדע פאַרב־אקאָרדן זענען פאַרהאַן אין דעם בילד, וועלכע שמידן אונז פשוט צו דערצו און עס איז זיך שווער דערפון אָפּצורייסן.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט פערדינען אין דעם בילד, די הענט פון דער פרוי וועלכע זענען מייסטערהאפט געצייכנט און די ליניעס זענען געמאָלט זיכער, נישט איבער־ארבעט און אָטעמען דעריבער מיט פרישקייט, מיט לעבעדיג־קייט.

פון אַ גאַנץ אַנדערן „זשאנר״ זענען די „מויערער״. דאָ איבערגייט דער קינסטלער פון שטימונגען, פון ליריק, צו קאָנסטרוקציע.

מויערערס בויען אַ געביידע און וויפיל דינאמיק, וויפיל אימפּולסיוו לעבן געפינט זיך אין דעם בילד. עס איז צו בעוואונדערן ווי עס האָט זיך אפלבוימען איינגעגעבן צו פיקסירן אויף די לייוונט דעם גאנצן פיינעם ריטם פון דעם פראגמענט.

עס איז אונמעגליך אין איין ארטיקל געגוי זיך אָפּ־צושטעלן כאָטש אויף אַ טייל פון אפלבוימס שאפונגען. מיר האָבן געפּרופט געבן אַן אָפּהאַנדלונג פון אַ פּאָר זיינע בילדער, בכדי צו קענען שאַפן זיך כאָטש אַ טייל־ווייזע פאָר־שטעלונג פון דעם קינסטלערס מעגליכקייטן, וועלכע זענען געוואלטיג גרויס.

אפלבוים האָט אדורכגעלעבט און איבערלעבט אַלע „איז־מען״ אין דער קונסט און האָט זיך נישט ביי קיינעם אָפּ־געשטעלט, ווייל ער איז צופיל אימפּולסיוו. ער איז דער אייביג אונצופרידענער, דער אייביקער זוכער און אין דעם בעשטייט די גרויסקייט פון אַ קינסטלער. נישט פאַראַן איין מעטער, ביי וועלכער מען קען זיך אָפּשטעלן און זאָגן, אַז מען האָט שוין דערגרייכט דאָס העכסטע און מען דאַרף שוין ווייטער נישט גיין.

דער אמתדיגער קינסטלער איז קיינמאָל נישט צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט שוין געשאַפן און ער פילט שטענדיג אַ דראַנג זיך צו פערפולקאמען, דורכן צווינגען דעם פּענזל און די פארב ארויסצודרענגען דאָס, וואָס עס ליגט טיף פערבאָרגן אין זיין פאנטאַזיע.

צו דער קאַטעגאָריע קינסטלער קען מען אָן ספק צורעכענען משה אפלבוים, וועלכער ארויסקומענדיג איינמאָל אויף די רעלסן פון דער קונסט, ווייסט נישט פון קיין אָפּרו, פון קיין צוריקהאלטן זיך, נאָר גייט כסדר פאָראויס, מיט פעסטע זיכערע טריט, בכדי צו שאפן נייע פערפאָלקאָמענע קינסטלערישע ווערטן, און ענדליך בכדי צו שאפן דאָס וואָס עס ליגט אים אמשטארקסטן אויפן האַרץ, זיין לעבנסווערק אין דער פאָרם פון אַ פּלאסטישער פארבן קאָמפּאָזיציע.

אפרים קליימאן, קאטאָוויץ

הינטער די קוליסן

(פאליטישע באלאדע)

צום יאָרצייט פון די א״י געשעעענישן 1929.

דער אָנהויב געווען איז געוויינלעך ביינאַכט,
דער ראש פון די שדים האָט נאָרוואָס דערוואַכט,
ער רופט די יועצים: די שווענציגע העכט:
„וואָס זאָלן מיר מאַכן? לאַנגווייליגע נעכט!
עס שרייבן חברים פון מאָסקווער יעווסעק:
עס קוואַקעט פון וואַרשא דער בונדישער עק
און נאָך מיני חברה פון רויט און פון שוואַרץ
גיסן מיר אויס דאָס פערביטערטע האַרץ.
מיר זענען דאָך אויך נישט געבוירן פון הינט
כדי זיך לאָזן פאַרשווארצן ספּנים פון בונט.
קלערט אויס אַ טריק מיט געזאַנג און מיט גלעק,
סזאָל אימפּאנירן דעם מאָסקווער יעווסעק״.
באַלד זענען שווענציגע עקן געפלויגן,
מיט פייער געבליצט האָבן נעזער און אויגן,
פלענער, טייוולאָנישער איינער פון צווייטן
האָבן די הברה גענומען צוגרייטן.
אַ שקלא וטריא — דאָ דער און דאָ יענער
און דאָ מוז מען איילן ביז סקרייען די הענער!
חצות איז צו ענדע — מען איז נאָך נישט אייניק:
דער רעדט צופּיל און דער האקט אַ טשייניק.
שפּרינגט אויף דער ראש מיט געגרינצלטן שטערן,
שרייט מיט אַ קול, אז סאיז אים אזש צו ווערן:
„פערמאַכט אייערע פּיסקעס יעצט. איך האָב דאָס וואָרט
און הערט וואָס עס זאָגט אייך דער סאַם גלאוועני טשאָרט!
מיין פּלאַן איז גאָר איינפאַך, פּשוט און גלאַט,
מיר מוזן בעשמועסן מיט אונדזערע פּאַן־בראט,
די ברידער פון קרעמל און די פון אַלי־כרם
וואָס קריכן ארום אונדזער נעסט ווי די ווערעם —
מיר וועלן שיטן מיט פעך און מיט שמוץ
און זיי זאָלן צינדן ישראליקלס שייער;
זיי וועלן שחטן דעם שטאָלצן חלוץ
און מיר וועלן וואַרימען די הענט ביי דעם פייער.
בפברואר 1918 קבלנו חוה של שני צמדי שדה ושני צמדי גן. בחוה הנמצאת מאחורי העיר עומד בית יפה בן קומה אחת. ניגשנו לעבודה בחוה בהדרכת גנן מקצועי, בוגר המדרשה לגננות בצ׳נסטכוב. החברים היו עובדים בשתי מתלקות שעותיים ביום, ורכשנו לנו את אהדת כל האוכלוסיה היהודית. אחרי זמן קצר קבלנו מאישיות פרטית בעירנו 4000 מרק לקנית המכשירים הדרושים. העבודה התנהלה כהוגן. החברים הספיקו ללמוד הרבה.

ב־30 לאוקטובר 1918 נסעו חברינו הראשונים לארץ־ישראל. אנו, הנשארים, בראותנו שלפי שעה אי אפשר לנסוע ארצה, החלטנו שלא להסתגר עוד בחוג צר וקבלנו עוד חמשים חברים להכשרה כחלוצים טובים.

בחדשי החורף עסקנו בעבודות תיאוריות וערכנו שיעורים לבוטניק, ידיעת הארץ, קורות ההתישבות היהודית בא״י, תולדות היהודים, כלכלה מדינית ועוד. המרצים היו חברים אחדים.

ב־17 לדצמבר 1918 ערכנו בעירנו ועידה מחוזית של „החלוץ". השתתפו צירים מהערים דלקמן: בנדין, סוסנוביץ, צ׳ילדז, דומברובה, זבירצה, מישקוב, ז׳ארקי, צ׳נסטוכוב, וולברום וראדום. הועידה נמשכה יומים. עבודת הועידה היתה פוריה מאד. הועידה המחוזית באה כנסיון ראשון בכיוון לארגון הפעולה החברתית היהודית באזורים. בועידה נבחר ועד אזורי הממלא את תפקידו באורח מצוין.


מ. שנברג

בועידה המוקדמת של „החלוץ" בפולין שנתכנסה בורשה באולם „מרכז הצעירים" השתתף כציר מסוסנוביץ מר י. קרומולובסקי.

מאנקיטות שנתקבלו מערים שונות מתברר שבקיץ תרי״ט נתקיימו חוות חלוציות גם בסוסנוביץ, בנדין, זבירצה. החוה הקטנה ביותר התקיימה בזבירצה בגלל שטח קרקע קטן שברשותה. בבנדין נתקימה החוה מאז 1917. כל החוות הכניסו רווחים מעבודה.



קבוצת חברי התאחדות בסוסנוביץ



יסוד החלוץ בסוסנוביץ



הסתדרות גורדוניה בסוסנוביץ

נטע לאנדנער

חלוצישע מאטיוון

(געווידמעט זיינע קינדער שרה, יצחק אין א"י)

1.

ביים מיטלענדישן ים, אַ ווינקל פארהאַן,
ווילד, פארוואַרלאזט דורות לאַנג
דורך אדום, ישמעאל פאַרוויסט,
ביז די בני ישראל, ציונס קינדער,
אויפסניי כורת־ברית געווען
מיט דער מאַמע־ערד זיך באַהאַפטן,
פייער־מזבחות אויפגעשטעלט.
שטייען כהנים־חלוצים, מכבי־קינדער
מיטן האמער, אַקער־אייזן אין האַנט,
ווייערויך פון בלוט, מארך און שווייס
מקריב איז יעדער מיט פרייד,
סגלאנצן אויגן מיט פיבער,
פארשיכורט מיט יצירה־ליידנשאפט
שמעטערט דער האמער ביים כביש
אספאלט געוואַלצט מיט טראָפן שווייס.
ספליען פונקן אזש סגייט אַ רויך.
אַקסל צו אַקסל געפלאָכטן,
ארבעטער־חלוצים, מיידלעך־חלוצות,
אין קאַראַהאָד פון ווילדן הוירא־טאַנץ
אין חלל פאַרגייט דער עכאָ
פון רוחמה אין דרום
ביז מתולה אין צפון.

2.

צאפלען יינגע הערצלעך אין תפוצות,
מיטגעריסן פון דער פייער־לאַווע,
פארגייען אַלטע היימען אין רויך.
וואַרעמע נעסטן, פאריתומט, פאַראומערט,
טאַטע־מאַמע הערצער צובראָכן.
פארגליווערט בלייבט די בלוטיקע ערד
פון דער איינזאַמער עלנטער מאַמע.
סשטיקט דעם טאָטן אין האַלדז די טרער.
אוי, טאָכטער מיין איינציקע
וועט וואַשן, קי מעלקן —
סארע תכלית איז דאָס פאַר דיר?
אוי, זון, מיין איינציגער קדיש,
קלאַפן שטיינער ביים כביש —
ווו איז דיין כוח דערצו?
איבער ימים און טייכן
ווי אַזוי וועל איך שווימען צו אייך?

3.

די קינדער — די אויגן אראָפגעלאָזט,
דאָס האַרץ פארקלעמט פון עלטערנס צער.
שווער, שווער די וואַרעמע היים צו פאַרלאָזן.
סווילט זיך די מאַמע טרייסטן,
באַקומען די מאַמעס ברכה אויפן וועג.
סקלאַמערט זיך די טאָכטער אין דער מאַמע,

שטראָמען טרערן פליסן פון ביידע.
די קינדער אין צוג, אויף דער שיף —
איין בעגער, איין תפילה אין האַרצן:
שנעלער, גיכער צווישן די בויער צו זיין,
באַגריסן זיך מיט שוועסטער, ברידער
אין קיבוץ, קבוצה, אין שטאָט, אין דאָרף.
סהויבן זיך ברוסטן, סהילכט געזאַנג:
„אנו עולים ארצה, בשירה ובזמרה״...
זאַגל. צייטונג, גל. 20, כ״ג אייר תרצ״ג.

בהסתדרות הציונית

פייערלעכע דערעפנונג פון ציוניסטישן לאָקאַל

שוין אַ לענגערע צייט ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ איז געווען נע ונד, נישט געהאַט קיין אייגענעם לאָקאַל, אין וועלכע די ציוניסטישע ארבעט זאָל קענען נאָרמאַל געפירט ווערן. מיט גרויס מי און אַרבעט איז ענדלעך דורך אַ גרופּע איבערגעגעבענע ציוניסטן מיט ה׳ י.מ. וויינריב בראש געלונגען צו שאַפן אַ לאָקאַל אין צענטער שטאָט (דעקערטאַ 5) און דעם לעצטן שבת־צר נאַכט איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון לאָקאַל.

די שטימונג אין זאָל איז אַ יומטובדיקע. דער כאָר אונטער דער לייטונג פון ה׳ י. לייכטער זינגט „מזמור שיר חנוכת הבית״ און ה׳ ב. ראָזמאַן האַלט ביי אַ פול געפּאַקטן זאַל אַ קורצע רעדע, נאָך וועלכע ער גיט איבער דעם סעניאָר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ ה׳ י.מ. וויינריב די שער איבערצושניידן די באַנד. ביים פּרעזידיום טיש זיצן די ה״ה וויינריב (פאָרזיצער), ד״ר ריגער (קאַטאָוויץ) און מגר. גאָלדשטיין אַלס פאָרשטעער פון צ״ק אין וואַרשע. איבערנעמענדיג דעם פאָרזיץ באַגריסט ה׳ וויינריב אַלע געסט און דריקט אויס די האָפענונג, אַז פון איצטיקן מאָמענט אָן וועלן מיר ענדלעך צוטרעטן צו נאָרמאַלער אַרבעט. דער כאָר זינגט דאַן דעם יידישן און פוילישן הימן און סהויבן זיך אָן די באַגריסונגען. אין נאָמען פון קרן־היסוד באַגריסט ראַטמאַן פּרעזעס ד״ר ט. מעלאַדיסטאַ, פון קק״ל — ש. פעלדמאַן, ד״ר ריגער (ציונים, קאַטאָוויץ), ל. יונגסטער (מזרחי), פּראָפ. ראזענהאַק (תרבות וואַרשע), קלאַרמאַן (מכבי), כלעוויצקי (השומר הצעיר), שמיעטאַנאַ (הרצליה) און נאַכעמיאַ (האַנטווערקער־פאַראיין).

דער פאָרשטייער פון צ״ק מגר. גאָלדשטיין נעמט דאָס וואָרט און האַלט אַ שעהדיקן רעפעראַט. „ווען איך האָב זיך דערוויסט — הויבט אָן דער רעדנער — אַז סאָסנאָוויץ האָט אַן אייגענעם ציוניסטישן לאָקאַל, האָב איך זיך שטאַרק דערפרייט, ווייל וויפיל מאָל איך בין דאָ געווען — און געווען בין איך אפשר 5 מאָל — איז יעדעס מאָל אַנדערשוו פאָרגעקומען אַ זיצונג און שטענדיק האָב איך געזען פאַר זיך די זעלבע מענטשן. היינט צו טאָג האָט איר שוין אַן אייגענעם לאָקאַל און איך זע דאָ אויפן זאַל נייע מענטשן. מיר זענען דאָ אויף אַ שמחה און איך וואָלט זיך נישט געוואָלט אריינלאָזן אין חקירות. איך וויל נאָר אַיינס זאָגן: פון פאָרשידענע זייטן הויבט מען אָן צו קעמפן קעגן דער באַלפור־אָרגאַניזאַציע. מיר, אמתע ציוניסטן, האָבן דערפאַר קיין מורא נישט, אונדזער ציוניסטישע פאָן איז בלוי־ווייס. דאָס סימבאָליזירט לויטערע ריינקייט, ריינע הענט און אַ ריין געוויסן, בלוי — די לויטערקייט פון א״י־הימל. אָט אַזעלכע ריינע מענטשן וויל דער ציוניזם האָבן. זאָל דער נייער לאָקאַל העלפן פאַרווירקלעכן די אידעע פון אונדזער בלוי ווייסער פאָן״.

דאַן האַלט אַ לענגערע רעדע דער פרעזעס ד״ר מעלאַדיסטאַ, וועלכער דערציילט וועגן די פאָרשידענע גלגולים וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין סאָסנאָוויץ האָט לעצטנס אדורכגעמאַכט.

נאָך דער רעדע פון ד״ר מעלאַדיסטאַ שליסט ה׳ וויינריב דעם אָפיציעלען טייל פון אָוונט און דער עולם גייט איבער צום בופעט, ווו אונדזערע „וויזא״־פאָרשטייערינס זענען מהנה די געסט מיט אַ גוט גלעזל „כרמל״. אין אַ געהויבענער שטימונג געפינען זיך די ה״ה פעלדמאַן און ראָזמאַן, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן גרויס איניציאַטיווע ביים פאַרקויפן עפּל און פּאַנטשקעס.

דער נישט אָפיציעלער טייל הויבט זיך אָן מיט אַ קאָנצערט פון יונגען זיסקינד, שפּילט וויעניאַווסקיס „לעגענדע״ און אַ ראָמאַנס. דער יונגער פידלער ווייזט ארויס צו זיין זייער באַגאַבט. די שומרת ה. יאסנא זינגט דאַן זייער שיין אַ העברעאיש ליד „רועה מחלל״ פון ענגעל. די פאַרזאַמלטע האָבן באַשאָנקען די קליינע זינגערין מיט אַפּלאַדיסמענטן און ארויסגערופן זי אויף „ביס״. און דאָ איז געשען עפּעס אומדערוואַרטעטעס: עס באַווייזט זיך דער קאָמענדאַנט פון „השומר הצעיר״ כלעוויצקי, און מעלדעט, אַז צוליב אַן אָנפאַל פון „ברית טרומפּעלדאָר״ אויף די כפירים פון „השומר הצעיר״ מוז ער מיט אלע שומרים פאַרלאָזן דעם זאַל און גיט גלייכצייטיק ארויס אַ „פקודה״ צו די שומרת יאסנא, זי זאָל ווייטער נישט זינגען. דאָס רופט ארויס אַ געוויסע קאָנסטערנאַציע (פאָרט אַ יידישע שמחה). דאָס געדויערט אָבער נישט לאַנג, ווייל די באַקאַנטע זינגערין פרל. מאַרגאָט יאסנא, שאַפט שטימונג מיט איר זינגען דאָס ליד פון שניאורן „יד ענוגה״.

חברה יונגוואַרג נעמען אין ראַד אריין די אַלטע ציונים מיט מגר. גאָלדשטיין און לאָזן זיך אַוועק אין אַ ריקוד, וואָס פאַרציט זיך ביז 2 אַ זייגער ביינאַכט. מיט „התקוה" און „תחזקנה" ווערט די אימפּאזאנטע פייערונג פאַרענדיקט.

דאָס דעקאָרירן דעם לאָקאַל, ווי אויך די גאַנצע טעכנישע ארבעט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער טעכנישער קאָ־מיסיע אונטער דער לייטונג פון ה' ח. ראָזמאַן און ב. יאסני.

ט' שבט תר"ץ. 7 פעברואר 1930.

ציוניסטישע קרייז־קאָנפערענץ אין בענדין

זונטאג, דעם 2־טן טאָג חול המועד פסח תרצ ב איז זיך צונויפגעקומען די ציוניסטישע קרייזקאָנפערענץ אין בענדין. די קאָנפערענץ נעמט ארום די ציוניסטישע אגודות אין פאָלגענדע פונקטן: בענדין, סאָסנאָוויץ, פאגאָן, מאָנ־דזשעוו, ניוופע, דאָמבראָווא, זאַגורשע, סטזשעמיעשיץ, סלאוו־קאָוו, אָלקוש, וואָלבראָם, מיעכאָוו, הארשניצא, זשרנאָ־וויעץ, זאמבקאָוויץ, זאוויערטשע, קראמאלאָוו, פילץ, מיש־קאָוו, זשוריק, גרויצע, טשעלאדזש, טשענסטאכאוו, קלאבוצק, קשעפיץ, פשעראָוו, מסטאָוו, ראדאָמסק אא.

דער ציוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט דעלעגירט צו דער קאָנפערענץ זיינע אָנגעזעענע מיטגלידער: רעד. אבר־הם גאָלדבערג, ד"ר יצחק שיפער, מ. קירשנבוים, גענעראַל־סעקרעטער ד"ר אסתר מאַנגל, נתן אש און מג. ראָגאָזשינסקי (לאָדזש). אויסערדעם האָט זיך באַטייליגט אין דער קאָנ־פערענץ דער לייטער פון קרן־קימת אין פוילן ה' א. בלאָך און דער גענעראַל־סעקרעטער פון צ.ק. פון תרבות אין פוילן ד"ר שמעטערלינג. די טאָג אָרדנונג פון דער קאָנפערענץ האָט ארומגענומען אלע וויכטיגע פּראָבלעמען פון דער ציוניסטישער באוועגונג בכלל און פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין פוילן בפרט. די פייערליכע ערעפנונג איז פאָרגעקומען זונטאָג 11 פארמיטאָג אין גרויסן זאָל פון קינאָ „שאָפּיטאָל". און אויף דער ערעפנונגס־זיצונג האָט רעד. גאָלדבערג רעפערירט וועגן דעם יעצטיגן מאָמענט אין ציו־ניזם און אין ארץ ישראל און ד"ר י. שיפער — וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פוילן,ביידע רעפערענטן זענען באַ־קאַנט אַלס אויסגעצייכנעטע רעדנער. די ווייטערדיגע רע־פעראַטן זענען געהאַלטן געוואָרן אויף דער 2־טער און דריטער זיצונג אין לאָקאַל פון דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ האָט געעפנט ה' יצחק וויגאָדסקי און באַגריסט די דעלעגאַטן און באַזונדערס די געסט פון צ.ק. פון ווארשא ה"ה ד"ר שיפער, רעדאקטאָר גאָלדבערג און ח. בלאַך. די קאָנפערענץ איז באַגריסט געוואָרן אין נאַמען פון דער בענדינער קהילה, קק"ל, תרבות און „הכוח" בענדין, סאָסנאָוויצער קהילה, זאוויערטשער קהילה, קרן היסוד, טש־ענסטאכאָווער און זאוויערטשער אגודת הציונים. א באַג־ריסונגס־טעלעגראַמע פון פאַריס האָט אויך צוגעשיקט דעפו־טאט גרינבוים, וועלכער האָט געלויטעט: „מרחוק מאחל עבודה פוריה."

נאָך די באַגריסונגען נעמט דאָס ווארט ד"ר שיפער און האַלט אַ 2־שעהדיגן זער רייכן רעפעראט וועגן דער לאגע פון די יידן אין פוילן. ער גיט אן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידן־פראגע אין פוילן פון דער אנט־שטייאונג פון נייעם פוילן ביז צום היינטיגן טאַג, דאָס פאַר־העלטניס פון דער סאנאציע צו די יידן און באַזונדערס צו די ווישליצקיס און מינצבערגס. מיר — זאָגט דער רעדנער — זענען געווען גרייט אונטערצושטיצן די רעגירונג. מיר האָבן אָבער פאַרלאַנגט מעשים, באַווייזן, אַז דאָס פארהעלטניש צו די יידן האָט זיך געענדערט. מיר ווילן זיך נישט לאָזן אָפּקומען מיט דעם ענטפער אַז די רעגירונג האָט מורא פאַר דער עפנטליכער מיינונג. מענטשן וועלכע האָבן געהאַט דעם מוט אַדורכצוגיין דורך דער פאניאטאָווסקע בריק טאָרן אויך נישט מורא האָבן אראָפּצוגיין פון דער פאַפּירענער בריק פון שיינע ווערטער (שטאַרקער בייפאל). צום סוף פאָדערט אויף דער רעפערענט די פארזאמלטע ווייטער צו פירן דעם עקשנותדיגן קאַמף פאר יידישע רעכט.

דאן האַלט אַ רעפעראַט רעד. גאָלדבערג וועגן ארץ־ישראל. דער רעדנער באַרירט דעם דראַנג פון די גלות־יידן צו קענען קומען קיין ארץ־ישראל. דער וויכטיגסטער פונקט איז דורך דעם די פראגע פון אַן עליה, פון עמיגראַציע מעג־ליכקייטן פון די ברייטסטע יידישע מאסן.

די נאָכמיטאָג־זיצונג הויבט זיך אָן מיט וואַלן פון אַ פרעזידיום. עס ווערן אויסגעוועלט פאָלגנדע ה"ה: ראָזמאַן (סאָסנאָוויץ), בוימאַץ (זאוויערטשע), קעסטנבערג (ניווקא), געלבאַרט און ליווער (בענדין) און ה' פייגנבוים (טשענס־טאכאָוו) אלס סעקרעטאַר.

אַ גרויסן רעפעראַט האַלט ד"ר שיפער וועגן קהילה ענינים. דער רעדנער באַמערקט, אַז עס איז אַ כאַראַקטעריס־טישע ערשיינונג, אַז דווקא אין אַ צייט פון אַ פּאָליטישער ירידה איז דאָס קהילה פּראָבלעם געוואָרן אַזוי שפאנענד ווי אַ ראָמאַן, און דאָס איז נישט קיין צופאַל. יידן פירן אַ שווערן קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ, כדי זיי צו מאַכן פארגעסן אין קאַמף. מיט דרויסן פאַרשאַפט מען זיי אַ שפאנענד קהילה־ספעקטאקל.

ווען מיר קעמפן מיט דער אגודה מוזן מיר געדענקן, אַז מיר צילן אונדזערע פיילן ווייטער, ביז אין די הויכע פענצטער אריין. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז די אגודה שטעלט מיט זיך נישט פאָר קיין שום כוח. זי איז דאָס ווערקצייג, מיט וועלכן מען פירט דעם אטאק קעגן אונדז. און מיר מוזן דעם אַטאַק, וועלכער גייט אין די ריכטונג צו קלעריקאליזירן די קהילות — אויסהאַלטן.

מען איז אונדז מזכה מיט פאַרשידענע קהילה געזעצן און נייע פאראָרדנונגען, וועלכע מאַכן אַ תל פון דער גאנצער קהילה, מאַכן אונמעגלעך איר עקזיסטענץ. אפילו די רעדל־פירער פון די אגודה לויפן איצט צום פריץ מיט אַ געוואַלט, מען זאָל די פאראָרדנונגען נישט איינפירן. נישט

קיין וווּנדער טאַקע, אַז ביי אַזאַ לאַגע איז די פראגע פון אונדזער אַרויסטרעטן פון די קהילות שטענדיג אַקטועל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אַ ספּעציעלן צוזאַמענפאָר פון ציוניסטישע פרנסים, כדי אין דער פראגע אָנצונעמען אַ שטעלונג.

עס רעדן נאָך וועגן דער יוגנט־ און אָרגאַניזאַציע־פראגע די ה׳ אַש, רעד. גאָלדבערג און ראָגאָזשינסקי. ה׳ ראָגאָזשינסקי באַקלאָגט זיך וועגן דעם פארהעלטניס צו דער יוגנט. דער יוגנט־רעסאָרט אַנטוויקלט נישט כמעט קיין שום טעטיקייט. ה׳ נתן אש באַקלאָגט זיך שטאַרק וועגן צושטאַנד פון די אָרגאַניזאַציעס אין בענדינער־טשענסטאָכאָווער קרייזן ער פאַרלאַנגט, מען זאָל מער אויפמערקזאַמקייט שענקן דעם דאָזיקן פּראָבלעם און פאַרשטיין די וויכטיגקייט פון דער אָרגאַניזאַציע.

וועגן דעם זעלבן ענין רעדט נאָך רעד. גאָלדבערג, וועלכער זאָגט, אַז מען מוז וואָס מער מענשן אריינציען אין די ציוניסטישע רייען, כדי צו קענען שאַפן אַ יידישע מלוכה.

נאָכן רעפעראַט פון ה׳ בלאָך וועגן א״י אויפבוי און קק״ל, גיבן די דעלעגאַטן אָפּ באַריכטן פון זייערע אָרגאַניזאַציעס.. די באַריכטן זענען זער טרויעריג. אומעטום דאָמינירט די פאַרנאַכלעסיגונג פון דער אַרבעט.

עס אַנטוויקלט זיך אַ דיסקוסיע, אין וועלכער אַלע דעלעגאַטן נעמען אַנטייל. דער פּראָיעקט וועגן שאַפן אַ ראַיאָן־קאָמיטעט ווערט צוליב דער מיינונגס־פאַרשידנהייט איבערגעגעבן דעם צ. ק. צו דעצידירן.

מיטן געזאַנג פון „התקוה" ווערט די קאָנפערענץ 5 פאַרטאָג געשלאָסן ביי אַ געהויבענער שטימונג.

ל׳ ניסן תרצ״ב. 6 מאי 1932.

געגרינדעט אַ ציוניסטישן סטודענטן־פאַראיין אין סאָסנאָוויץ

זונטאג איז אין לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאָרגעקומען די גרינדונגס פאַרזאַמלונג פון ציוניסטישן סטודענטן־פאַראיין „השחר".

די פאַרזאַמלונג עפנט דער סטודענט וואָלף שמיעטאַנאַ, און דאָס וואָרט באַקומט מאג. פּאָמעראַנץ (קראָקאָ) וועלכער שילדערט דעם טרויעריגן מצב פון די יידישע סטודענטן אין פאַרשידענע לענדער, און ער פאָדערט אויף אַלע ציוניסטישע אַקאַדעמיקער צו אָרגאַניזירן זיך און מיטהעלפן פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק און אויך אַנטיילנעמען אין דער אַרבעט לטובת ארץ־ישראל.

נאָכן רעפעראַט קומט פאָר אַ קורצע דיסקוסיע. סאיז געוועלט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון פאָלגענדע פערזאָנען: סטוד. יוסף לאַנצמאַן (פּרעזעס), ב. טענצער (וויצע), בוקסבוים (קאַסיר), פּרל פּראַסקוראַווסקאַ (סעקר.), אַ. טשאַרני און אַ. סאַפּער.

רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: וו. שמיעטאַנאַ, פּרל. לובעלסקאַ, פּרל. האַמבורגער.

כ׳ טבת תרצ״א. 9 יאַנואַר 1931.

קאָמוניסטן געוואָרפן שטיינער אויף אַ ציוניסטישן רעפעראַט

זונטאג דעם 4־טן ד.ח. איז אין זאַל אַנגיעלסקי פאָרגעקומען אַ פאָרלעזונג פון ה׳ מאָרגאַשעס א.ד.ט. „דער ציוניזם אונטער דער סאָוויעטישער דיקטאַטור". די פּאָליציי האָט דאָס מאָל אָנגענומען שטרענגע מיטלען צו זיכערן די רו און נישט דערלאָזן אַז אויך דאָס מאָל זאָל מאָרגאַשעס רעפעראַט נישט אויפגעריסן ווערן דורך די קאָמוניסטן.

צו דעם צוועק האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אויף די דעכער פון די אַרומיגע געביידעס און האָבן פון דאָרט אויס באַוואָרפן מיט שטיינער דעם זאַל ווו די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מהומה ביי די פאַרזאַמלטע וועלכע עס האָט זיך מיט גרויס מי קוים איינגעגעבן צו באַרוהיגן.

דער פרעלעגענט אַליין ה׳ מאָרגאַשעס איז נאָר על פי נס פון זיכערן טויט ניצל געוואָרן אַוועקבויגנדיג צופעליג אין אַ זייט דעם קאָפּ, ווען אַ שווערער שטיין האָט זיך נעבן אים אויף דער טריבונע אַראָפּגעלאָזן.

כ״ח תשרי תרצ״ב. 9 אָקטאָבער 1931.

אימפּאָזאַנטע פייערונג לכבוד דעם 50־יעריקן יובל פון דער „חובבי ציון" קאָנפערענץ

דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג איז געפייערט געוואָרן דער 50 יעריקער יובל פון דער ערשטער אסיפה פון די חובבי ציון. די הכנות צו דער פייערונג זענען געווען גרויסע. עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַקאַדעמיעס, וועלכע זענען אָפּגערופן געוואָרן צוליבן פאַרבאָט פון דער מאַכט און די גאַנצע פייערונג איז פאָרגעקומען נאָר אין דער סינאַגאָגע.

פאַרמיטאָג איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ הזכרה פאַר די נפטרים, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער דאַמאָלסדיקער אסיפה. אַן אינהאַלטסרייכע רעדע מענינא דיומא האָט געהאַלטן ראַבינער ד״ר פאָגעלמאַן.

3 נאָכמיטאָג איז אין דער סינאַגאָגע פאָרגעקומען אַ פייערלעכע תפילה. די שיל, באַלויכטן דורך הונדערטער לעמפּלעך, איז געפּאַקט מיט טויזנטער מענשן פון אַלע שיכטן. דאָך הערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט. די פיליאַרן, ווי ד״ר טאָן, הרב ניסנבוים, ראַבינער ד״ר פאָגלמאַן, ראַבינער ד״ר כאַמיידעס, ד״ר שוואַרצבאָרט א.א. וואָס פאַרנעמען די פּלעצער אויף דער בימה רופן אַרויס רעספּעקט ביים עולם.

ביי אַ געשפּאַנטער שטימונג ווערט דורכן אָבערקאַנטאָר ה׳ דעמביצקי מיטן כאָר אָפּגעריכט אַ הזכרה צוליבן טויט פון „נדיב הידוע" באַראָן עדמונד ראָטשילד ז״ל, און דאָס ערשטע וואָרט נעמט הרב כאַמיידעס, וועלכער האַלט אַ לענגערע רעדע אין פּויליש, העברעאיש און יידיש, באַגריסט דעם ד״ר טאָן, הרב ניסנבוים, ד״ר שוואַרצבאָרט און רעדט מענינא דיומא. דערמאָנענדיק די נישט דערלויבטע אַקאַדע־

מיעס, זאָגט דער רעדנער, האָבן מיר זיך היינט פאַרזאַמלט אין דער שול, וואָס איז נאָך דאָס איינציקע אָרט, ווו מקאָן אונדז נישט שטערן צו רעדן וועגן דער לאַגע פונעם יידישן פאָלק וואָס ווערט גערוידעפט און פאַרפאָלגט".

ראבינער ד"ר פאָגלמאַן רעדט העבראיש און יידיש, באַרירט די איצטיקע לאַגע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דעפוטאַט ד"ר טאָן הויבט אָן זיין העברעאיש־פּוילישע רעדע מיט דער ברכה: שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.

מיט צופרידנהייט האָב איך — זאָגט דער רעדנער — אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן כזאָל זיי רעפרעזענטירן אויף דער היינטיגער פייערונג.

נאָך דער תפילה פארן ווילשטאַנד פון פוילן אָפּגעריכט דורך הרב כאַמיידעס זינגט דער כאָר „התקוה" וואָס ווערט אונטערגעכאַפּט דורכן פאַרזאַמלטן עולם.

ב' כסליו תרצ"ה. 9 נאָוועמבער 1934.



קבוצת בני נוער מסוסנוביץ



הכשרה חקלאית בקיבוץ הנוער הציוני



קב' נוער סוסנוביצאית: חנוך ברנשטין, ברוך פריבר, אפשטין. — וינה תרפ"א



הכשרה חקלאית בקיבוץ הנוער הציוני — עבודה ברפת



מושבת קיץ מאורגנת ע"י התנועה
הציונית בסוסנוביץ בשנת 1933




קבוצת הנוער הציוני בסוסנוביץ



בהנוער הציוני בסוסנוביץ:
משמאל לימין: ד"ר בורשטין ת"א, יוסף קווזך, סאמק מיטליס, לולא פומרנצבלום, בנימין בימקו



קבוצת פעילי נוער בסוסנוביץ — מימין לשמאל: ארטמן, שליבינסקי, ברנשטין יוסל, קוז'וך



קבוצת עולים לא"י ב־1920:
זרעיני (קרנר) ראובן, קרנר דינה, וינגרטן אברהם, ווינר אלימלך

בתנועת המזרחי

וועגן בענדינער און סאסנאָוויצער „מזרחי״ שולן

אַ געשפּרעך מיטן דירעקטאָר ד״ר צבי וויינשטאָק.

לעצטנס פּירט די מזרחי אַ לעבהאַפטע טעטיגקייט אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער ערציהונג. אין אַ גאַנצער רייע שטעט זענען געעפנט געוואָרן שולן א.נ. „יבנה״ ווי אויך אין די בענדינער „מזרחי״ צוגעטרעטן אריינצוברענגען פאַרשידענע אויסבעסערונגען אין די שוין עקזיסטירנדע מזרחיסטישע שולן. צו דעם צוועק איז געקומען קיין זאַגלעמביע דער וויזיטאַטאָר פון די „יבנה״ שולן ד״ר צבי וויינשטאָק.

מיר האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך צו אינפאָרמירן וועגן דעם אינהאַלט און דער לאַגע פון די שולן, און אָט וואָס ער האָט אונדז ערקלערט:

— שוין יאָרן לאַנג ווי די יידן אין גלות קענען נישט געפינען קיין לעזונג פאַר דער יוגנט־ערציהונג. דער טיפּ אַלטער „חדר״ קאָן אָן שום ספק נישט צופרידנשטעלן דעם ייד, מחמת ער קען נישט זיין איזאָלירט פון דער אַרומיקער וועלט; די וועלטליכע שולן ווידער קענען נישט צופרידנשטעלן דעם רעליגיעזן־נאַציאָנאַלן ייד. דעריבער מוז מען געפינען די סינטעזע פון די צוויי טיפּן שולן, און די אויפגאַבע האָט אויף זיך גענומען די „מזרחי״ און אין די פאָלקס־שולן איז אריינגעפירט דער פולער פּראָגראַם פון די „פאָווסעכנע״ שולן, און דערביי ווערן געלערנט אַלע העבּרעאישע לימודים אריינגעמענדיג אויך גמרא, אַזוי אַז אַ שילער פון דער שולע פאַרבלייבט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער ייד, באַזיצנדיג גלייכצייטיג אויך די וועלטליכע לימודים.

— אַזעלכע פאָלקס־שולן באַזיצט די מזרחי 140, 5 מיטלשולן. אין צוויי שולן איז די אונטעררייכט־שפּראַך העברעאיש. אַ חוץ דעם האָט דער „מזרחי״ אין זיין רשות עטליכע סעמינאַריומס פאַר לערער און פּרעבליסטינס און אַ רבנים־שולע „תחכמוני״. זעלבסטפאַרשטענדליך טרעפן זיי זיך אָן אויף שוועריגקייטן ביים שאַפן די שולן און אין דער ערשטער רייע — די געלט־פראַגע. אָבער מיר טראָגן זיך אַרום מיט פאַרשידענע פּלענער; נאָכדעם ווי מיר וועלן שאַפן די געהעריגע געלט־מיטלן וועלן מיר קלערן וועגן תכלית פון דעם שילער וועלכער ענדיגט אונדזער שולע. מיר וועלן גרינדן האַנטווערקער־ און האַנדלס־שולן און אַלס דאָס ערשטע אָרט קומט טאַקע אין בעטראַכט זאַגלעמביע. דאָס וועט זיך ערשט לאָזן רעאַליזירן נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן אריינגעברענגט די פאַרשידענע אויסבעסערונגען אין דער בענדינער און סאָסנאָוויצער „מזרחי״־שולן. איך האָב די דאָזיקע שולן שוין אָנגעוויזן אַ קלאָרן פּראָגראַם און אָנווייזונגען פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט און כגלויב, אַז די שולן וועלן זיין אַ מוסטער פאַר גאַנץ פּוילן.

כ׳ טבת תרצ״א. 9 יאַנואַר 1931.

מפעולות המזרחי וצעירי־המזרחי בסוסנוביץ

(מפי העתונות)

ביום ב׳ סיון תרע״ז היתה בסוסנוביץ אספה מייסדת של אגודת המזרחי. אחרי אשר הרצה מר יהודה שצירנסקי על דבר טיבו וערכו של המזרחי ואחרי שנתבררו שאלות אחדות, נוסדה שם אגודת המזרחי ונבחר ועד זמני שאליו נכנסו האדונים האלה: י״מ שטארק (יו״ר), מרדכי ריטר (גזבר) צבי שקלארטשיק (סגן היו״ר), שמואל ברוינשטיין (מזכיר), ח״א יונגסטר, אברהם פרידמן ומנחם אימרגליק. בעת האספה נמכרו יותר משׁשים שקלים ונאספו נדבות על שני דונם אדמה בארץ ישראל (נדבת נחלה).

„הצפירה״ גליון 16. כ״ד סיון תרע״ז.

אגודת המזרחי בעירנו, שבראשה עומד אחד מחשובי החסידים מגור, מתפתחת באופן רצוי. חבריה מתרבים והיא ניגשת לעבוד את העבודה הציונית באמונה ובהתלהבות.

„הצפירה״ גליון 18, ח׳ תמוז תרע״ז.

ביום השלישי, כ׳ תמוז, בבוקר בא לפה הרב י״ל קובלסקי מוולוצלבק לפי הזמנתם של אגודת הציונים וסניף המזרחי. הוא נשא נאום גדול בביהכנ״ס ע״ד הציונות. דבר בואו של הרב הנכבד לא היה ידוע מקודם בהחלט ולכן לא הודיעו כלום בעיר. ואולם למרות זה נפוצה תיכף השמועה במהירות הבזק שהרב מוולוצלבק ינאם בביהכנ״ס. המונים המונים נהרו לשם, והדחק היה גדול כל כך, עד שהמשטרה הוכרחה להתערב כדי למנוע בעד הצפיפות הנוראה. ביהכנ״ס, המכיל כאלפים וחמש מאות איש, היה מלא מפה לפה. הרב דיבר ע״ד התהוותה והתפתחותה של הציונות, השיב על כל הטענות של מתנגדיה, ולבסוף הוכיח שהציונות היא הפתרון היחידי לשאלות היהודים. הנאום נגמר בקריאה להשתתף בפעולות העזרה לא״י. הוא עשה רושם כביר על כל הנאספים.

„הצפירה״, גליון 22 ז׳ מנחם אב תרע״ז.

אגודת המזרחי ערכה נשף פורים גדול, שבו השתתפו כשלוש מאות איש. מר שמואל קרישטל הרצה מעינא דיומא. מר ל. קורלנד קרא מונולוג מענין מאד. בנשף זה לקחו חלק ג״כ להקת משוררים ותזמורת בהנהלתם של האדונים ש. ברונשטין ול. ורשבסקי. הנשף עלה יפה מאד.

זה לא כבר נתייסדה בעירנו אגודת „צעירי מזרחי״ המונה עכשיו כשלושים חבר.

„הצפירה״ גליון 11. א׳ ניסן תרע״ח.

ביום שבת קודש, ט״ו אייר, היה בעירנו הרב ר׳ יחיאל ראפופורט מאנדזיוב ונשא נאום נלהב בבית־הכנסת הגדול על הנושא: יחס גדולי ישראל לישוב ארץ־ישראל״. ביהכנ״ס ועזרת־נשים שלו היו מלאים מפה אל פה. הנאום הנלהב עשה רושם גדול. למחרת היום חנכה אגודת המזרחי בהשתתפות הרב את מעונה החדש, ואחרי אשר נבחר מר י.מ. וינרב ליושב־ראש ולסגניו מר ב. ורשבסקי, ח.י. זאיונץ, י.מ. שטאַרק ואברמטשיק, נשא הרב הנ״ל נאום נלהב לפני

קהל גדול על אודות תפקידי המזרחי, ובאותו מעמד נקבץ סכום של 500 מרק לכתוב בספר־הזהב את הרב הנ"ל.

„הצפירה" גליון 64. ה' סיון תרע"ח.

דרך עירנו עבר מר יהודה שצירנסקי ונאם פה על „קרן המזרחי". בנאומו הדגיש את הנחיצות לייסד סמינריון למלמדים והראה על ההשפעה שתהיה למזרחי כשמוסד זה יווסד על ידו. המזרחיים נענו לקריאתו ונדבו סכומים הגונים.

„הצפירה" גליון 79. כא אלול תרע"ח.

דרך עירנו עברו עשרים וחמשה חלוצים מזאמושץ וקולו בנסעם לא"י. בבית־נתיבות קדמו את פניהם נכבדי הציונים בעירנו. ביום השבת נערכה חגיגה לכבוד האורחים, שבה השתתפו הציונים והמזרחים. למחרת יצאו החלוצים לקאטוביץ.

„המזרחי" גליון 12. ג' אדר ב' תרע"ט.

בועידה המזרחית השניה שהתקיימה בוורשה בימים כ"ח ניסן עד א' אייר תרע"ט השתתפו בתור צירים מסוסנוביץ ל.י. יונגסטר, י.צ. וינר, יצחק מאיר שטארק, י. זאכס, ומדומברובה — ש. בראנדס, ממודזיוב — צבי שארף, מ.ש. קרנר ופישל באציא מסוסנוביץ.

„המזרחי" גליון 19—21 י"ד אייר תרע"ט.

בסוסנוביץ מתרבה מספר חברי המזרחי באופן משמח. כבר יש לאגודה יותר ממאתים חברים אקטיביים. אולם האגודה הוא אחד האולמים היותר יפים בעיר. ה„חדר" המזרחי תחת הנהלת מר ש. ברונשטין מתפתח מאד. שפת ההוראה בו — עברית. התלמידים רואים ברכה מרובה בלימודם. מראשית שנת הלימודים הבאה יפתחו מחלקה רביעית וגם מכינה. האגודה „נחלת מזרחי" לשם יסוד מושבה בא"י רוכשת לה חברים בעלי הון.

„המזרחי" גליון 22. כא אייר תרע"ט.

הועד הגלילי בסוסנוביץ ניגש במרץ הראוי לסידור העבודה בגליל. בישיבה הפלנרית האחרונה הוחלט לקרוא לאספות כלליות בערים: סוסנוביץ, בנדין, דומברובה, אלקוש וזבירצה, שבהן ישתתפו חברי הועד הגלילי, שיעשו תעמולה לטובת „קופת רבי עקיבא" ויגבו את המס שהוטל עליהם.

„המזרחי" גליון 34. יז אב תרע"ט.

ביום א' י"ד מנחם אב היתה אצלנו האספה הכללית השנתית בהשתתפות הרב הגאון מזבירצה.

היו"ר מר יצחק מאיר שטארק פתח את האספה בברכה להרב הנכבד, שטרח לקחת חבל באספתנו, והציע לבחור את הרב לנשיא האסיפה. הצעתו נתקבלה במחיאות כפים סוערות.

נאספו תיכף אלף וחמש מאות מרק לטובת „קופת רבי עקיבא" ואלף וחמש מאות מרק לטובת ההסתדרות.

נתקבלה ג"כ הצעת מר לוי יונגסטר, שחברי „נחלת אבות" מחויבים לסדר לעצמם שיעורים לשפת עבר, גם לפתוח שיעורים כאלה בשביל בעלי־המלאכה החפצים לנסוע ארצה ישראל. נקצבה תמיכה לשיעורים הללו בסכום של 1200 מרק. הוחלט ג"כ לנטוע גן על שם הרב הנכבד מזבירצה.

„המזרחי" גליון 36. ב' אלול תרע"ט.

זה לא כבר ביקר את בית־הספר שלנו הסופר מר יוסף הפטמאן. האורח הנכבד התוודע אל תכנית הלימודים של ביה"ס ואל הסדר המצוין השורר בו. את שביעת רצונו הביע במאמר מיוחד בעתון „זאגלמבייר צייטונג", שבו הוא מעמיד למופת את החדר שלנו לנגד כל אלו הרוצים לפתוח בתי ספר ברוח ישראל סבא ובצורה מודרנית.

ביום א' וב' אדר"א היתה אספה כללית בנשיאותו של חבר הועה"פ לוי יונגסטר. דנו על שאלות חשובות מאד. הח' יונגסטר העיר את תשומת לבם של החברים על התיחסותם האפאטית והשלילית בנוגע למרכז וחובות החברים. אחרי ויכוחים רועשים וסואנים, שבהם לקחו חלק החברים ברונשטיין, פדרמן, קוקוטק וקראקויער, נבחר ועד חדש שבו נכנסו החברים: מנחם קראקויער, פדרמן, קוקוטק, שקלארטשיק ופסרמן. הועד החדש ניגש תיכף לעבודתו. נתיסדו שיעורי־ערב עבריים תחת הנהלתו של הח' קראקויער ר' מתכוננים לייסד גם שיעורי ערב מדעיים. נפתחה ספריה עברית והיא מתפתחת כראוי. מתנהלת גם תעמולה כבירה לטובת המס המרכזי. ובכלל נראית תנועה מוחשית בעבודת האגודה.

„המזרחי" גליון 114 י"ד אדר ב' תרפ"א.

ביום ד' כ"ג סיון ערכנו באולמינו נשף פרידה לכבודו של חברינו מר לוי יונגסטר יו"ר אגודתנו וחבר הועד המרכזי לעלותו לא"י.

אל הנשף באו באי־כח אגודת המזרחי וצעירי־מזרחי מסוסנוביץ, בנדין ודומברובה; אגודת הציונים מסוסנוביץ, משרד א"י, צעירי ציון, החלוץ והמכבי; בנות מזרחיות, אגודת הקואופרטיב, מורי „חדר מזרחי" ובית־הספר, מוסד „קרן היסוד".

מר יונגסטר קיבל הרבה תשורות למזכרת תודה. הנאספים קבצו סכום של 25.000 מרק לרשום אותו בספר הזהב.

הנשף ארך יותר מארבע שעות והשתתפו בו יותר מחמש מאות איש.

המשך הנשף היה בביתו של חברנו מר י. צווייגנהאפט ונקבץ שוב סכום של 25 אלף מרק לטובת המוסד „בית האורחים" שבירושלים.

כל הנואמים סיפרו בשבחו של מר יונגסטר, על מסירותו הנלהבת לטובת עניני עמנו וארצנו, ואשר עכשיו, למרות הידיעות המסובכות שהגיעו אלינו מא"י, התאזר ועלה לבנות את ביתו בארץ אבות.

„המזרחי" גליון 130. ט"ו תמוז תרפ"א.

במאות בתי־תפילה ואספות־עם בערים שונות בפולין, שבהן השתתפו מאות אלפים יהודים חרדים נתקבלה החלטה זו:

„האספה מוחה בכל תוקף נגד ההודעה של אנשים בלתי אחראיים ללורד נורטקליף בירושלים, כי היהודים האורטודוכסים הם נגד השאיפות הפוליטיות של ה־

ציונים. כל היהדות האורטודוכסית מאוחדת ברצונה לבנות את פלשתינה בתור בית לאומי בעד עם ישראל״.

בסוסנוביץ השתתפו בהבעת ההחלטה הנ״ל כל מתפללי בית־המדרש הגדול.

„המזרחי״ גליון 165. א׳ ניסן תרפ״ב.

ביום ה׳, ח״י סיון בקרו את עירנו החברים חברי הועד המרכזי ש. בוכווייץ וחיים וילנר מבנדין. החברים מסרו לנו דו״ח מהישיבה הפלנרית האחרונה, שעוררו את החברים לעבודה מרצית. באותו מעמד יסדו ועד לקיבוץ מס־הסתדרותי ותיכף ניגשו לעבודה לאסוף מאת החברים את המס שהוטל עליהם.

מקווים אנו, כי במשך זמן קצר יעלה לנו לאסוף סכום הגון לטובת הסתדרותנו.

„המזרחי״ גליון 179. י״ז תמוז תרפ״ב.

לעירנו בא ליום השבת פ׳ תולדות המזכיר הראשי של הסתדרות הפועל המזרחי בא״י מר מ. ש. גשורי מירושלים. אחרי הצהרים הרצה באולם המזרחי לפני חוג של צעירים מזרחיים על הנושא: „תפקיד צעירי המזרחי בשעה הנוכחית והעבודה הארצישראלית״. והעיר על העבודה הגדולה המו־טלת על כל העם היהודי לעבוד בשביל א״י וביחוד על צעירי־מזרחי, העומדים על הבסיס הלאומי והדתי כאחד לעזור למלאות את התפקידים ההם. גם עורר אותנו להתארגן מחדש ולעבוד בער הרעיון המזרחי: תורה, עם וארץ.

במוצש״ק נערכה באולם המזרחי שיחת־החברים הרא־שונה, שבה השתתף גם מר גשורי. הח׳ שבתי יונגסטר פתח את האספה ומסר לו רשות הדבור, אחרי שהציגו לפני כל הנוכחים. מר גשורי פתח את השיחה על הנושא: „קרן החלוץ המזרחי ותפקידו״. בדברים מתקבלים על הלב תיאר לפני הנאספים את תועלת הקרן, שמטרתה לעזור לעולים חרדים לעלות לא״י ולפועלים הדתיים הנמצאים כבר בא״י בהמצאת כלי עבודה להם. השיחה משכה אליה תשומת לב מרובה גם מצד נאספים רבים שאינם חברים והועילה לענין אותם ול־הציג שאלות מצדם ע״ד מצב העבודה בא״י. לאחרונה נבחרה ועדה לעניני „קרן החלוץ המזרחי״, שאליה נכנסו החברים: שקלרציק, גרונדמן, ש. פישל ועוד.

השיחה ארכה עד חצות הלילה והמשתתפים בה התפזרו אח״כ מתוך הבעת שביעות־רצון וקורת רוח.

„המזרחי״ גליון 201. ב׳ טבת תרפ״ג.

באראטונג פון גוש העצמאים אין זאגלעמביע

מיט אייניגע וואָכן צוריק איז אין בענדין פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון „גוש העצמאים״ ביי דער באַטייליגונג פון די ה״ה: ד״ר א. גאָטעסדינער, אַפענהיים, לעווין, מאַנע־לא, וועלנער, ליוווער, זאיאנטשקאָווסקי, מעטאַל, ראטער, האַ־ניגמאַן, זשאַבנער, חברה וויינרעב, ראָזנבלום, ווינדמאַן, גרינ־בערג, זילבערבערג (בענדין), ד״ר אייגעס (ווילנא), צימ־בערקנאָפ (פאַביאַניץ), ל. יונגסטער, מ. יונגסטער, מ. ש. בלום (סאָסנאָוויץ), שעהנפּרוכט (מיעכאָוו), ווי אויך דער חבר ההנהלה יעקב גרינבערג.

די באַראַטונג איז געוואָרן געעפנט דורכן ה׳ לעווין, וועלכער האָט געהאַלטן אַ לענגערן רעפעראַט וועגן „עצמאות״ און אָפּשטעלנדיג זיך גענוי וועגן דער לאַגע אין דער תורה ועבודה באַוועגונג קומט ער צום אויספיר, אַז נאָר די זעלבסט־שטענדיגקייט פון דער באַוועגונג קען געבן אַ מעגליכקייט פאַר אַ געהעריגער אַנטוויקלונג און טעטיגקייט פון דער תורה ועבודה באַוועגונג אין גלות אין א״י.

נאָכן אויסוועלן אַלס פארז. פון דער באַראַטונג דעם ד״ר אייגעס און אַלס מזכיר דעם ה׳ מעטאל זענען אויסגעהערט געוואָרן רעפעראַטן פון די ה״ה: אַפענהיים, יונגסטער און ד״ר אייגעס. די רעפערענטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט וועגן דער לאַגע אין דער באַוועגונג און בעיקר אָנגעוויזן, אַז די אייגענע א״י־אַרבעט איז פערנאַכלעסיגט געוואָרן. נאָך אַזוי פיל יאָר ארבעט מוזן אונדזערע כוחות אין א״י זיך ראַנגלען אין זייער עקזיסטענץ. די יוגנטליכע באַוועגונג און „ברוריה״ פאָדערט, אַז מזאָל זיך דערמיט מער מטפל זיין. די רעפערענטן קומען צום אויספיר אַז נור דורכן פער־וואַנדלען די תורה־ועבודה באַוועגונג אין אַ זעלבסשטענדי־גע רעליגיע־נאַציאָנאַלע און ארבעטער ארג. קאָן גורם זיין און שאַפן די מעגליכקייט אַז מיר זאָלן פארנעמען דעם גע־העריגן פלאַץ אין דעם יידישן לעבן.

נאָך די רעפעראַטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ לענגערע דע־באַטע אין וועלכער סהאָבן אנטיילגענומען די ה״ה: ד״ר גאָטעסדינער, מ. ווינדמאַן, גרינבערג, מ. מאַנעלא און ה׳ יעקב גרינבערג פון וואַרשאַ. סזענען געוואָרן אָנגענומען אַ רייע רעזאָלוציעס, צווישן אַנדערע: צו פּאָפּולאַריזירן דעם עצמאות־געדאַנק און וועגן די שטעלונג אויף דער 6־טער לאַנד־קאָנפערענץ פון צעי״מ אין פוילן, פּראָטעסט געגן די ציונ. אינסט. פאַר זייערע שיקאַנירונג אונדזער קאָלאָניזאַציע אין א״י, וועגן דער לעצטער וועלט קאָנפערענץ פון דער תורה־ועבודה באַוועגונג אין באזעל, וועגן דער באַציהונג צום מזרחי, ווי אויך אַרויסגעבן אַ צייטונג געווידמעט דעם עצמאות געדאַנק.

דער צעירי מזרחי ביי אונדז אין שטאָט אַנטוויקלט לעצטנס מיט דער ארבעט איז די באַראַטונג געשלאָסן געוואָרן.

„די יודישע שטימע״ וואָכנבלאַט פאַר דעם רעליג. נאצ. געדאַנק, גל. 7 (27) יא אדר״ב תרצ״ב.

צעירי מזרחי

סאָסנאָוויץ.

דער צעירי מזרחי ביי אונדז אין שטאָט אַנטוויקלט לעצטנס אַ זער לעבהאַפטע טעטיגקייט. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט. יעדן זונטאג קומען פאָר רעפעראַטן פון ד״ר גאָטעסדינער. די ביבליאָטעק ציילט קרוב צו טויזנט ביכער. אויך די יוגנד־גרופּע „סיני״ איז זער טעטיג.

סקומען פאַר פאַרשידענע שיעורים. אין די אייניאַריגע יובילעאום־פייערונג פון „סיני" האָט אויך אנטיילגענומען דער חשובער הרב האגער שליט"א. אויך „ברוריה" פירט אַ שטאַרקע ארבעט אויף אַלע געביטן. אימפּאזאנט און פייערליך איז אַדורך דער חמשה־עשר־בשבט־אָונט מיטן אָנטייל פון ח' לוי יונגסטער. מיר פאַרשפּרייטן אַ גרעסערע צאָל עקזעמפּלאַרן פון „די יידישע שטימע".

שרגא ראַגאָווסקי

„די יודישע שטימע" גל. 8 (28) יח אדר"ב תרצ"ב.

סאָסנאָוויץ

זונטאָג דעם 6 מערץ האָט דער צעירי מזרחי איינגעאָרדנט אַ פייערליכע אקאדעמיע געווידמעט דעם יובל פון חיבת־ציון און דעם צעניאַריגן יובילעאום פון הפועל־המזרחי. אין דער אַקאַדעמיע האָט זיך באַטייליגט כמעט די גאנצע יידישע באפעלקערונג און זי איז אַדורך זער אימפּאזאנט. די אקאדעמיע איז געעפנט געוואָרן דורך ה' בלום. נאָכן אָפּשפּילן דעם פוילישן הימן און „התקוה" באַגריסן אין נאָמען פון מזרחי אין סאָסנאָוויץ ה' קופּערמינץ, מזרחי אין אלט־סאָסנאָוויץ — זיסקינד, צעי"מ זאוויערטשע — ישראל הערמאַן, „ברוריה" בענדין — חברה וויינריב, רעוויזיאָניסטן — י. קלארמאַן, קק"ל — פיינרייך. ה' דיאמאנט, אַ אַלטער חובב־ציון פון בענדין זאָגט דאַן אַ פּאָר האַרציגע ווערטער. עס טרעט דאַן אַרויס מיט אַ רעפעראַט וועגן דער חיבת ציון באַוועגונג און דער אנטשטייאונג פון הפועל־המזרחי דער יו"ר פון מזרחי י. שטיינפעלד און דאַן באקומט אונטער רוישנדע אפּלאַדיסמענטן דאָס וואָרט ד"ר א. גאָטעסדינער. ער רעדט ארום די באדייטונג פון רעליגיעזן יידנטום פאַר דעם אויפבוי פון א"י און די היסטאָרישע ראָלע וועלכע עס ערפילט דער הפועל־המזרחי. זיין רעפעראַט איז געווען פול מיט פארביטערונג לגבי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאר דעם כסדרדיקן שטערן די התישבות פון רעליגיעזע יידן. אַלע פארזאמלטע האָבן אויסגעדרוקט זייער פּראָטעסט געגן די אונערהערטע פאַקטן.

אין צווייטן טייל פון דער אקאדעמיע זענען אויסגעפירט געוואָרן אייניגע דראַמאַטישע בילדער און רעציטאַציעס. שפּעט בייַנאַכט איז די אימפּאזאנטע אַקאַדעמיע געשלאָסן געוואָרן.

שרגא ראגאָווסקי

די יודישע שטימע. גל. 12 (2) כב אד"ר תרצ"ב.

סאָסנאָוויץ

דער צעירי מזרחי ביי אונדז אין שטאָט האָט געדונגען אַ נייעם שענעם 6 צימערדיקן לאָקאַל אין צענטער שטאָט וואָס האָט גורם געווען צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונדזער טעטיגקייט. מיר האָבן ארגאַניזירט אנ'אייגן מנין. סהאָבן זיך דעקלאַרירט אַ גרעסערע צאָל נייע חברים. מיר האָבן לעצטנס געשאַפן אַ גרעסערן סכום פארן קרן־החלוץ־המזרחי און אויך פארשטארקט די ארבעט לטובת קק"ל. מיר האָבן איינגעאָרדנט קורסן פאר די שילערינס פון די פּאווּשעכנע שולן. אויך די יוגנט־גרופּע „סיני" אנטוויקלט זיך שיין. מיר טרעטן אויך צו אָרגאַניזירן אַ „השומר הדתי". בכלל פירן מיר לעצטנס אַ אינטענסיווע טעטיגקייט.

שרגא ראגאָווסקי

סאָסנאָוויץ

ט"ו סיון האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ טרויער־אקאדעמיע צום אנדענקן פון ש.ח. לאנדוי ז"ל. מיט רעדעס זענען ארויסגעטרעטן די ה"ה ש. יונגסטער און מ. ווינדמאַן. דאַן האָט געהאַלטן אַ געלונגענעם אידעאָלאָגישן רעפעראַט דער אח פון דער הה"ר פון השוה"ד א. אונגער.

ביים אנטייל פון די אחים פון דער הנה"ר אונגער און ש. בעסטער איז געגרינדעט געוואָרן אַ קיבוץ השומר הדתי, וועלכער ציילט שוין 50 אחים און 20 אחיות.

ביי אונדז האָט געווײלט דער חשובער פרנס י.ל. שטשעראַנסקי פון ווארשא. מיר האָבן איינגעאָרדנעט אַ רעפעראַט און אַ מסבת עונג־שבת מיטן אנטייל פונעם גאַסט.

פארגאנגענעם שבת האָט געווײלט ביי אונדז אין שטאָט דער זער חשובער פּרעז. הרב שמואל הלוי בראָט שליט"א. מיר האָבן איינגעאָרדנעט אַ מלוה־מלכה לכבוד דעם גאַסט. נאָך די ערעפנונג און באגריסונגס־רעדע פון יו"ר פון צעי"מ ה' צ. יונגסטער האַלטן באגריסונגס־רעדעס הרב האַגער שליט"א, ל. יונגסטער א.א. מיט א אונגעהויער איינדרוקספולע רעדע איז ארויסגעטראָטן דער גאסט הרב בראָט שליט"א אין וועלכער ער האָט אויך איבערגעגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון א"י. דאָ איז פאָרגעקומען אַ חברים־שמועס. דער אָונט האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן איינדרוק.

ביי אונדז איז געגרינדעט געוואָרן אַ קיבוץ הכשרה. די ארבייטס־געבער זענען זער צופרידן פון אונדזערע חלוצים.

שרגא ראגאָווסקי.

די יודישע שטימע, גל. 28 (48) ב אב תרצ"ב.

סאָסנאָוויץ

לעצטנס איז דאָ פאָרגעקומען די יערליכע פאַרזאַמלונג פונם צעירי־מזרחי. אין נייעם ועד זענען געוועלט געוואָרן: שקלארטשיק (יו"ר), בלום (סגן), שטיינפעלד (מזכיר), פאסערמאַן (סגן), ראבינאָוויץ (גזבר), לאַנדוי, זילבערשאַץ, יחיאל לאנדו, שרגא ראגאָווסקי, קאנער, שלמה ראגאָווסקי, דוד נארציז און זאכאריאש.

דער סניף „ברוריה" אנטוויקלט א זער לעבהאַפטע טעטיגקייט. סאיז פאָרגעקומען אַ הזכרה אָונט געווידמעט דעם אנדענק פון די פארשטאָרבענע פאָרזיצערין פון ברוריה שושנה ברוקנער ז"ל.

פגישה פון „השומר הדתי" אין זאגלעביער ראיאָן

זונטאג י"ט שבט איז פאָרגעקומען אין דאָמבראָווא אַ פגישה פון חלוצים־שומרים. עס האָבן זיך באַטייליגט אח

שלום טרעלער פון דער הנהגה ראשית, משה אַפּנהיים פון ועד גלילי, יוסף שפּריצער פון דער קבוצת המכשירים אין קראָקע און 60 חלוצים־שומרים. עס איז דעבאַטירט געוואָרן די חלוציות פּראָגע, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן באַלד נאָך פּסח צו ערעפענען דעם ערשטן שומרישן קיבוץ אין זאַגלעמביע, ווי אויך, אז דער „השומר הדתי" ערציט און שאַפט קיבוצים אין רעיון פון קיבוצי עליה.

נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען אַ פּגישה פון די הנהגות המקומיות אין זאַגלעמביע. עס האָבן זיך באַטייליגט 13 קָנים. עס זענען אויסגעהערט געוואָרן באריכטן פון די קנים, פון דער הנהגה הגלילית. עס איז דעבאַטירט געוואָרן די פראַגן פון חינוך, קולטור ארבעט, הכשרה ועליה, מסבות קיץ. עס איז געוועלט געוואָרן אַ פרישע הנהגה גלילית פון די אחים: פישל גאָטהאַרט, שלמה ראַגאָווסקי, שמואל שטיינ־פעלד, ישראל ריזנער, מנחם ביכאָווסקי, יחזקאל ריזנער, יהודה דאַפנער, משה מאָרגנשטערן. די נייע הנהגה גלילית איז באַלד צוגעטרעטן צו אַן אינטענסיווע אַרבעט.

ישראל

די יודישע שטימע, גל. 9 (111). כא אדר תרצ"ד.

סאָסנאָוויץ

דינסטאָג 9 פרי איז אָנגעקומען אין אונדזער שטאָט די גרופּע חברים פון החלוץ המזרחי וואָס מאכן אַדורך זייער רייזע קיין ארץ־ישראל אויף ראַווערן. זייער אָנקומען האָט אונדז אלעמען זער דערפרייט און געמאַכט א שטאַרקן רושם אין דער גאַנצער שטאָט. מיר האָבן פאַר זיי איינגעאָרדנעט אַ געמיינזאַמען מיטאָג אין זאַל „אנגיעלסקי".

די געזעגנונג איז פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון דער אָרגאַניזאַציע און איז אויסגעפאַלן זער אימפּאַזאנט. סזענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער מענשן. דער יו"ר ה' מ. שמעון בלום געזעגנט די חברים אין נאָמען פון דער גאַנצער תנועה; דער מורשה פון קק"ל אין סאָסנאָוויץ ה' שמואל אבראַמאָוויץ אין נאָמען פון קק"ל; שלמה ראַגאָווסקי אין נאָמען פון השוה"ד און דוב גאָלד אין נאָמען פון קיבוץ „צבי". אין נאָמען פון דער גרופּע ענטפערט ח' צוקער. אונטער די קלאַנגען פון „התקוה" און „תחזקנה" און אויס־רופן פון גאַנצן פובליקום פאַר אונדזער באַוועגונג זענען זיי אָוועקגעפאָרן קיין קאַטאָוויץ. די גאַנצע שטאָט געפינט זיך נאָך אונטערן איינדרוק פון דער אימפּאַזאנטער דעמאָנס־טראַציע.

די יודישע שטימע, גל. 27 (129) יט אלול תרצ"ד.

סאָסנאָוויץ

שבת י"ט סיון איז פאָרגעקומען אַ חגיגת הקן לכבוד דעם 2־יעריקן יובילעאום פון דער גרינדונג פון „השומר הדתי" אין סאָסנאָוויץ. ביי אַ פול געפאַקטן זאַל פון אַלע גרופּן פון דער תנועה עפנט דער ראש הקן אח שלמה ראַגאָווסקי די חגיגה. עס באַגריסן אין נאָמען פון ועד ה־משותף ח' ש. בלום, פון צעי"מ דוד נאַרציז, פון מזרחי — קופערמינץ, פון „ברוריה" — חברה פייטאַק, פון דער הנהלה ראשית — לוי יונגסטער. עס קומט דאַן פאָר די צווייטע טייל פון דער חגיגה, ווו מען איז זיך משמח מיט שירים און עסנוואַרג. לוי יונגסטער האָט אויך רעפע־רירט וועגן מצב אין דער באַוועגונג. ביי אַ זער געהויבענער שטימונג שליסט דער ראש הקן די חגיגה מיטן געזאַנג פון „התקווה" און „אנו נחיה".

זונטאג דעם 3 יוני איז פאָרגעקומען די אלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער תנועת תורה ועבודה ביי דער אָנ־וועזנהייט פון אַלע חברים־ות. לוי יונגסטער און מועצה מיטגליד פישל גאָטהאַרט פון בענדין, דער יו"ר ווינדמאַן עפנט די פאַרזאַמלונג און באַריכטעט וועגן דער טעטיגקייט פון וועד ביז יעצט, איבערגעבנדיג דעם פאָרזיץ דעם ח' גאָטהאַרט. דאַן גיט אָפּ דעם קאַסע־באַריכט, באַריכט פון הכשרה ועליה, ספריה, קרנות א.א.וו. ח' מ. ש. בלום. נאָכהער קומען פאָר ויכוחים אין וועלכע סנעמען אָנטייל די ח"ח יונגסטער, נאַרציז, קורץ, שלמה ראַגאָווסקי, שטיינפעלד, חברה פעלדבערג. לוי יונגסטער האָלט אַ זער אינטערע־סאַנטן רעפעראַט א.ד.ט. „די פאָליטישע לאַגע אין ציוניזם". נאָכן באַשטעטיגן דעם בודזשעט ווערט אויסגעוועלט אַ וועד פון פאָלגענדע ח"ח: מ. ווינדמאַן, מ.ש. בלום, שרגא ראַגאָווסקי, דוד נאַרציז, משה צבי זאַכאַריאַש, מרדכי יוסף צימבערג, שלמה ראַגאָווסקי, מיכאל הרבט, דוב שקלארטשיק, דוד וועלגרין, חיים ציגלער און חברות מלה פייטאַק, טובה פעלזבערג.

די יודישע שטימע, גל. 21 (123), ח תמוז תרצ"ד.

גראַנדיעזע פּגישה פון „השומר הדתי" אין יענזאר

מיטוואָך דעם 29־טן יוני איז אין יענזאָר (ביי מאָנד־זיעוו) פאָרגעקומען אַ פּגישה פון „השומר הדתי" פאַר זאַגלעמביע און אַ טייל פון קראָקעווער קרייז, אין וועלכן סהאָבן זיך באַטייליגט ביי 250 שומרים און ביי 100 חברים־ות פון צעירי־מזרחי און „ברוריה".

8 פרי קומען זיך די שומרים־ות צוזאַמען אין יענזאָר, און אַ זייגער 9 מאַרשירן מיר צום וואַלד. דער צוג האָט געמאַכט א אונגעהוירן איינדרוק.

9.30 קומט פאָר אַ דעפילי־אַדע אין אנוועזנהייט פון דירעקטאָר פון דעפּאַרטמענט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן פון קראָקא און דער סטאַראָסטא פון קשאַנאָוו ווי אויך פון אַ גרעסערע צאָל געסט.

אח ווייסמאַן (טאַרנאָוו) האָלט אַ הערליכע באַגריסונג־רעדע (אין פּויליש) פאַר די חשובע מאַכט־פאָרשטעער. דערנאָך האָלט דער מיטגליד פון דער הנהגה הראשית אח אונגער די ערעפנונגס־רעדע און ביי די קלאַנגען פון „תח־זקנה" און פּוילישן הימן ווערט די פּגישה געעפנט. עס קומט באַלד פאַר אַ ראפּאָרט און עס ווערן אויפגעשטעלט

סקויטישע צירופים און מען מאַכט פאַרשידענע סקויטישע משחקים.

אַ זייגער 1 מיטאָג האַלט דער תשובער חבר לוי יונגס־טער (סאָסנאָוויץ) אַ לענגערן רעפעראַט וועגן „תורה ועבו־דה".

נאָך מיטאָג פאַרברענגען די שומרים ביי פאַרשידענע מש־חקים און אין דער זעלבער צייט קומט פאָר אַ זיצונג פון אַלע ראשי קבוצים און ראשי קבוצות, אויף וועלכער עס איז צווישן אַנדערן אויך באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אין סאָסנאָוויץ אַ הנהגה גלילית, וועלכע וועט האָבן דעם ציל צו גרינדן אין אַלע נאָענטע שטעט און שטעטלעך סניפים פון „השומר הדתי".

אַ זייגער 7 נאָך תפילת מנחה בציבור האַלט אח אונגער אַ לענגערן רעפעראַט ביי דער אנוועזנהייט פון אַ 200 געסט און מיטן געזאַנג פון „התקוה" און „תחזקנה" ווערט די פגישה געשלאָסן.

די פגישה איז אויסגעפאַלן זער אימפאזאנט, און האָט דערמונטערט די שומרים־ות צו פאַרשטאַרקן די ארבעט, און אַלס פועל־יוצא דערפון איז באַלד אין יענזאַר געגרינ־דעט געוואָרן אַ שיינער קיבוץ פון „השומר הדתי" וועל־כער ציילט שוין ביי 25 אחים־ות און אנטוויקלט זיך זייער שיין .

די יודישע שטימע, גל. 26 (46) יז תמוז תרצ"ב.

„השומר הדתי" פגישה אין סלאָוקאָוו

דינסטאג דעם 10 יוני איז אין סלאָוקאָוו פאָרגעקומען אַ פגישה פון השומר הדתי. עס האָבן זיך באַטייליגט 500 אחים־ות פון 14 קנים אין זאַגלעמביער גליל. פון דער הנהגה הראשית האָבן זיך באַטייליגט די אחים קלמן גאָלד־רייך (א"י), שלום טרעלער, פּ. גאָטהאַרט אֿ.אַנד.

נאָך דער אימפאזאנטער דעפילאַדע איבער די גאַסן פון דער שטאָט ביז צום וואַלד ווערט די פגישה אַ זייגער 11 פרי ערעפנט דורכן מיטגליד פון דער הנהגה ראשית שלום טרעלער, נאָכן אַפּרוה, פרישטיק, איינאָרדנונג, פון די גרונד־לאַגערן פירט אח שלום אַ שיחה, וועגן דער באדייטונג פון די מושבות. אַח קלמן גאָלדרייך זאַמלט ארום זיך אַ מחנה. מען נעמט אָפּ אַ גרוס פון הפועל־המזרחי און בני־עקיבא. נאָך מיטאָג קומט פאָר אַ זיצונג פון די הנהגות. עס ווערן אַרומגערעדט פאַרשידענע פראַגן. אין דער שיחה נעמען אַנ־טייל: טרעלער, גאָטהאַרט, בלום, מילנערגרין (יאַווארזנאַ), ראָזינער, דאַפנער (בענדין), בוקאָווסקי (דאָמבראָווא), שעכ־טער, מאָרגנשטערן (זאַוויערטשע), שטיינפעלד, פּויערמאַן (סאָסנאָוויץ), גרין (סטשעמעשיץ), גרינבערג (אַלקוש), רייז־מאַן (פּיליצאַ) אַ. אַנד. דאַן קומט פאָר אַן אַלגעמיינע שיחה געפירט דורך די אחים גאָטהאַרט און טרעלער א.ד.ט. „אונד־זער ערציהונגס־וועגן".

קלמן גאָלדרייך באַגריסט דאַן אין נאָמען פון הפועל־המזרחי און בני־עקיבא אין א"י, רופט צו הגשמה. די שלוס־שיחה האַלט אח שלום טרעללער.

די פגישה איז אויסגעפאַלן זער אימפאזאנט און איינ־דרוקספול.

ישראל

גל. 22 (124) טז תמוז תרצ"ד.

קרייז־קאָנפערענץ פון „מזרחי" אין קאַטאָוויץ

זונטאג פאַרמיטאָג איז אין דעקאָרירטן זאַל פון דער יידישער געמיינדע אין קאַטאָוויץ פאָרגעקומען די ערע־פנונג פון דער ראַיאָן־קאָנפערענץ פון „מזרחי" ארג. פון אויבערשלעזיען, גאַליציען און זאַגלעמביע.

שוין פון דער פרי אָן הערשט אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. מזרחים אין די „פראַנקפורטער יאַרמעלקעס" אויף די קעפּ לויפן אַהין און צוריק. דעלעגאַציעס מעלדן זיך פון אַ רייע שטעט און שטעטלעך. וואָס קלענער דאָס שטעטל — מער דעלעגאַטן... פאַר די דעלעגאַטינס איז רעזערווירט אַ ספּע־ציעלע „געטאָ". די הויפּט־סדרנים די ה"ה דוד ערליך און משה טעפער זעגען מדקדק אַז אַלץ זאָל זיין אין די ראַמען פון „מזרחי" פּראָגראַם.

מיט אַ שעהדיגע פאַרשפּעטיגונג ווערט די קאָנפערענץ געעפנט דורכן פּרעזעס פון דער קאַטאָוויצער „מזרחי" ה' דוד ערליך, וועלכער רעדט וועגן דער גרויסער אבידה פון ד"ר חיים ארלאָזאָראָוו. וועלכער ווערט באַערט מיט אויפ־שטיין.

די קאָנפערענץ — זאָגט ה' ערליך — איז גערופן גע־וואָרן אין אַ קאַטאַסטראָפאַלער צייט פאַר דעם יידישן פאָלק. אויך אסתר המלכה האָט אין אַ עת צרה גערופן: לך כנוס את כל היהודים...

דאָס ערשטע וואָרט צו אַ באַגריסונג באַקומט דער קאַ־טאָוויצער רב הרב ד"ר כאמיידעס, וועלכער מאַכט פאַר־וואָרפן דעם „מזרחי" ווייל זי האָט אירע אויפגאַבן נישט ערפילט. די מזרחי וועלכע האָט געדאַרפט משפיע צו זיין אויף דעם טייל פונם רעליגיעזן יודנטום, איז געגאַנגען אויף אַנדערע וועגן און נישט מקריב געווען דעם קרבן פון בין ערבים. דאמאָלס ווען עס הערשט פינצטערניש אויף דער יידישער גאַס, איז די מזרחי געבליבן אין אירע ד' אמות...

אַ צווייטער, וועלכער קריטיקירט דעם מזרחי איז דער פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד"ר ראַפּאַ־פּאָרט. די מזרחי — זאָגט ער — טרייבט פּאָליטיק אין נאָמען פון דער תורה. ווען עס ברענט אַ פייער, טאָר מען דאַן נישט קאָנטראָלירן פון וואַנען דאָס וואַסער צום לעשן שטאַמט...

אין נאָמען פון דער רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין קאַטאָוויץ באַגריסט ה' ליאָן, פון סוחרים — ה' גאָלדוואַסער,

פון צעירי־מזרחי — שטיין, פון „תורה ועבודה" — בלום (סאָסנאָוויץ) און פון קאַטאָוויצער „ברוריה" — פרל. צייגער.

מיט אַ שטאַרקע אינהאַלסטרייכע רעדע טרעט ארויס הרב האַגער (סאָסנאָוויץ). אין זיין רעדע, וועלכע ווערט פיל מאָל איבערגעריסן דורך די שטורמישע אפלאַדיסמענטן, רעכנט ער זיך אָפּ מיט די פריערדיגע רעדנער, דעם ראַבינער ד"ר כאַמיידעס און ד"ר ראַפּאָפּאָרט. מיר מזרחים — שרייט אויס הרב האַגער — מוזן פירן אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטיק, ווייל דער אמתער בויער פון ארץ־ישראל איז נאָר דער „הפועל המזרחי" וועלכער האַלט אין איין האַנט דעם האַמער און דער צווייטער האַנט — די תורה...

דאַן האַלט אַ רעפעראַט אדוואָקאַט ד"ר בולווע (קראָקא). אין אַ רייע ציטאַטן פון פסוקים און מאמרי חז"ל באַגריגדעט ער דעם געדאַנק פון מזרחי און ער רופט צו שטימען ביי די וואַלן צום 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס נור פאַר די ליסטעס פון מזרחי.

נאָך דער ערגענצונג פון ה' חיים קראַן (שאַרלע) ווערט די ערעפנונג געשלאָסן מיטן געזאַנג פון „התקוה".

נאָכמיטאָג איז אין אייגענעם לאָקאַל פאָרגעקומען די קאָנפערענץ אויף וועלכע סזענען באַהאַנדלט געוואָרן אַ רייע אקטועלע פראַגן.

נאָך אַ לענגערע דיסקוסיע איז באַשלאָסן געוואָרן צו אוניפיקירן אלע מזרחיסטישע אָרגאַניזאַציעס און צו גיין זעלבסטשטענדיג צום 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס.

זאגל. צייט. גל. 27. יג תמוז תרצ"ג. 7 יולי 1933,


סאָסנאָוויץ

די קבוצה „שושנה" ביי אונדזער קן „השומר הדתי" האָט געפייערט איר 2 יעריגע עקזיסטענץ. דער ראש קבוצה אח דוד ניימאַן עפנט די חגיגה. ער גיט אַ איבערבליק איבער די טעטיגקייט פון דער קבוצה אין פאַרלויף פון די 2 יאָר. עס באַגריסן דאַן די חגיגה אלע גרופן פון דער תנועה, ווי אויך אלע קבוצות פון קן. דאַן זענען געוואָרן אויסגעהערט רעפעראַטן און עס איז אויך פאָרגעקומען אַ מוזיקאַלישער טייל אויסגעפירט דורך אחיות פון קבוצת „שושנה".

די יודישע שטימע, גל. 33 (135). כב מרחשון תרצ"ה.




ועד הסתדרות המזרחי בסוסנוביץ:
הרשל קרנר, פישל בציא, שטיינפלד, ק. ורמן, י. ה. ויזר, לנגפוס



אלתר מרקוביץ, לוי יונגסטר, שלמה לנגפוס



קבוץ של תנועת תורה ועבודה „לאור" בסוסנוביץ



משמאל לימין: שבתי וויס, שטינפלד יצחק, שלמה קלנגפורט, קופל ווהרמן, אלתר מרקוביץ

תנועת „אגודת ישראל"

„צעירי אמוני ישראל" בסוסנוביץ

(מתוך „דער יוד" בטאון אגודת האורטודוכסים, ורשה, תרע"ט)

בנשיאות ר' מאיר גוטפריד נתקיימה אסיפת־היסוד של „צעירי אמוני ישראל". גוטפריד הרצה על נחיצות ה„אגודה" ותפקידיה לעתיד. הוא תבע שכל הנוער הדתי יירשם באגודה. בועד נכנסו ה"ה צבי ארליך, יוסף מיודובניק, הלל אברמצ'יק, נטע ארליך, יצחק הרבט, שלמה דזיביצ'ינסקי, אלתר יחיאל גולדשטיין.

גליון 9, כ"ו אדר"א תרע"ט

ועידה גלילית ראשונה של „צעירי אמוני ישראל בסוסנוביץ.

ביום ראשון, בשעה 12, נפתחה הועידה הגלילית של „צעירי אמוני ישראל" באולם „יסודי התורה". באו צירים מערים שונות בכל הגליל, וביניהן מאולקוש, בנדין, דומברובה, וולברום, זבירצה, ז'וריק, צ'נסטוכוב, סטשימשיץ, פיוטרקוב, קילץ, שציקוצין ואחרות.

יו"ר ועד הגליל הזמני ה' ל. ברקוביץ נשא נאום־ברכה ובו הסביר: אין כל ספק שהחסרון העקרי של ארגוני צעירים־דתיים הקודמים בפולין היה בזה, שכל אחד מהם היה „בונה במה לעצמו", וסמך רק על כוחות עצמו, לפי תכנית עצמית, ללא תלות באורטודוכסיה הקשישה יותר, ומשום כך לא היה בידי שום ארגון לפעול דבר ממשי בשביל הנוער שלנו, והזמן גזל מסיבה זו את הכוחות המעולים מהנוער שלנו. אך אסור שהדבר ישאר כך. התפקיד הראשון של הועידה שלנו שהתכנסה כעת הוא לברר מה הם האמצעים הדרושים לארגון ולהציע את ההחלטות שיתקבלו להנהלה הראשית לשם אישור וליצור עי"כ תכנית־פעולה אחידה.

לנשיאות נבחרו ה"ה: מיכאל מנטליק (וולברום), ליפמן ברקוביץ (בנדין), יוסף אדליסט (צ'נסטוכוב), יצחק גרינגרוז (דומברובה) ונטע ארליך. היו"ר של הישיבה הראשונה ה' מנטליק מקדם בברכה את הצירים ומודה להם בעד אהדתם שהראו לועידה.

שלמה יצחק רינסקי (בנדין) נשא הרצאה על יסוד ותפקידי צא"י. הנואם הביע דעתו, שעל הצעירים לשים דגש עקרי על השתלמות, לא להתערב יותר מדי בפוליטיקה. הוא מציע, שכל אגודה תנהל תעמולה נמרצה לחיזוק שורותיה בין כל הצעירים שנשארו נאמנים לתורה ולמסורה, לסדר הרשמת חבריה ולפתח בכוחות משותפים פעולה אינטנסיבית לטובת דגל התורה המשמש לנו „צידה לדרך" בכל דרך חיינו. הנשיאות מודיעה, שהגיעו מברקי ברכה מצא"י מ־ורשה, אוזירוב, ופיוטרקוב, מ„בני תורה" מקאליש ועוד ערים אחרות. את הועידה מברך ה' אדליסט (צ'נסטכוב), וכסמן (קילץ) בשם אגודותיהם. באמצע הישיבה הראשונה הגיע הציר של הועד הראשי ה' פסח זארומב.

באַלד נאָך די וואַלן, אונטער דער רושם פון נצחון איז פאָרגעקומען די פאַרטיי קאָנפערענץ. די אַרבעט צעוואַקסט זיך אויף אַלע געביטן, עס ווערט געפירט אַ שטאַרקע פראָפעסיאָנעלע טעטיקייט, באַזונדערס אין דעם „האַנדל״ אָנגעשטעלטן פאַריין, מעטאַל, טראַנספּאָרט, האָלץ און פליישער־פאַריין, מען קאָן מיט רעכט זאָגן אַז אַ דאַנק אונדזער טעטיקייט, רירעוודיקייט, און טרייע איבערגעגעבענע טוער האָבן זיך אַרום אונדז גרופּירט כמעט די גרעסטע טייל פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ דראמאטישער קרייז, אַ פרעכטיקע יוגנט אָרגאַניזאַציע, עס קומען צו נייע כוחות, ווי — שימעק לובעלסקי (וועלכן דער נישט פאַרגעסענער היסטאָריקער פון געטאָ ווארשע ד״ר עמנואל רינגעלבוים ווידמעט וואַרעמע ווערטער אין דער געשיכטע פון קאַמף און אומקום אין דעם וואַרשעווער געטאָ), דער באַקאַנטער לערער בן לערער אהרן שעניצקי (אויסגעגאַנגען אין ראַטנפאַרבאַנד), שמעון וואלדפויגל ראטמאן פון טשענסטעכאָווער שטאָט־ראַט, איינער פון די איידלסטע אַרבעטער אינטעליגענטן, ווי אויך י.ש. שמואלעוויטש וואָס איז געווען זער אַ פעאיקער יוגנט־לייטער, האָט דערצויגן אַ פרעכטיקע איבערגעגעבענע קאַמפּס־גרייטע אַרבעטער יוגנט אין גייסט פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, שמואלעוויטש איז יונג אַוועק פון דער וועלט פון אַ טיפוס־קראנקהייט.

אַ שרעקליכן קלאַפּ האָט געליטן די באַוועגונג מיט דעם טראַגישן טויט פון משה יודנהערץ, אונדזער ראטמאן פון סאָסנאָווצער שטאָט־ראַט, פאַרנדיק צוריק פון ווארשע איז ער אויף אַ ווײַלע ארונטער אויף דער באַן־סטאַציע אין טשענסטעכאָוו און ביים אַרויפגיין אויף דעם וואַגאָן האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פון די טרעפּלעך פון וואַגאָן, שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און אויסגעגאַנגען אין טשענסטעכאָווער שפּיטאָל אַ קורצע ווײַלע נאָך דעם פאַל.

מאָדנע איז דער צופאַל פון די צוויי טייערע חברים — משה יודענהארץ און שמעון וואַלדפאָגעל ז״ל, זיי האָבן זיך געטוישט מיט דעם אָרט פון זייער אייביקער רו. משה יודענהערץ איז געקומען צו קבורה אין דער שטאָט פון שמעון וואלדפאָגל אין טשענסטעכאָוו און ש. וואלדפאָגלס קבר איז געווען אין סאָסנאָוויץ.

עס איז שווער אין אַ קליינעם איבערבליק אַרויסברענגען אלע חברים וואָס האָבן געווירקט און מיט אַזאַ התלהבות אריינגעוואָרפן זיך אין דער ארבעט. די דאָזיקע תקופה וואַרט נאָך אויף אַ גרויסער אַרבעט. אַ תקופה וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פאָלקסטימלעכער הארצקייט, ערלעכע אמונה, און גרויסע אידעאַלן, און האָט געהאַט אַ ריזן השפעה אויף ברייטע שיכטן פון פאָלק.

אין די ווייטערדיקע צייטן דערשיינען אויף דער ארענע פון דער פאַרטיי משה צודזענאווסקי אַ בחור אַן אויטאָדידאקט וואָס האָט מיט אייגענע כוחות דערשלאָגן זיך צו גרינטלעכער בילדונג, געוואָרן דער הויפּט־בוכאַלטער אין דער פירמע „ברידער אָפּענהיים״ גרייט צו יעדן רוף פון דער באַוועגונג, געווען דער פאַרשטייער ביים אַרבעטס־אינספעקטאָר, געווען דאָס מויל פון די אַלע וואָס האָבן געדאַרפט וועגן פאַרשידענע ענינים און אַרבעטס סיכסוכים אָנקומען צום ארבעטס־אינספעקטאָר. ער ווערט דער אָנגעזעענסטער און ערליכער פאַרטרעטער פון יעדן אַיינעם וואָס נויטיקט זיך אין הילף.

אונטער דער לייטונג פון נחמה עפשטיין (ווילנערן), לאָדזיע בערנשטיין, אנטשטייט די ערשטע וועלטלעכע שול, וואָס אָטעמט אריין אַ נײַ לעבן, פאַרקניפּט די פּאַרטיי אויף אַ נייעם גייסטיקן געביט מיט די ברייטע ארבעטער און פאָלקס מאַסן.

לאָדזיע בערנשטיין איז געווען אַ לערערין מיט אלע חנ׳ען און די טעאַטער פאָרשטעלונגען פון די שול קינדער זענען געוואָרן אַ נחת און פרייד פאַר די עלטערן און אַלע חברים און פריינד און אריינגעטראָגן אַ סאַך פרייד און יום־טובדיקייט, אין די אָרעמע יידישע שטובן.

אַ זער בכבודיק בלאַט אין אונדזער אַרבעט האָט פאַרנומען די געזעלשאַפט אָוונט קורסן פאר אַרבעטער, וואָס האָט עקזיסטירט ביי דער פאַרטיי, איינער וואָס האָט ממש אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס מיט ליבשאַפט און טריישאַפט די געזעלשאפט איז געווען הערשל שפּרינגער אַ מיטל־וווקסיקער סימפּאַטישער בחור מיט אַ חסידיש אויסזען, אַסאַך דערוואַקסענע יוגנט וואָס די שווערע מלחמה יאָרן האָט זיי אַפּגעריסן פון זייער עלעמענטאַרער בילדונג און אַסאַך מאָל אפילו פון חדר, האָבן דאָ אין די אָוונט קורסן אין די אָוונט שעה׳ן באַקומען אַ תיקון און אויך אַ השפעה פאַר זייער ווייטערדיקן לעבן, אויסגעלערנט זיך שרייבן און לעזן.

כדאי דערמאָנען פאַר אונדזער היינט, אַז דער לערער פערסאָנאַל איז נישט געווען קיין באַצאָלטער, אַלע וואָלאַנטערן צו דער הייליקער אַרבעט, דאָ זענען געווען פאַרטרעטן אַלע פאַרבן פון רעגענבויגן, ווי אָנהייבענדיק ביי דעם אלגעמיינעם ציוניסט, פאָרזיצער פון דער קהלה ד״ר מעלאָדיסטא און ענדיקן דווקא מיט דעם סימפּאַטיקער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג דעם ד״ר וויעליטשקער. עס איז געווען אַ פרייד צוקוקן זיך ווי די פנימער שטראַלן פון די שילער ביי יעדן דערוואָרבענעם וואָרט, אין די נעכטיקע אנאלפאַבעטן ווערן לעזער אין דער ביבליאָטעק, און מיט וויפיל איבערגעבענקייט האָט געטאָן איר אַרבעט די לאַנגיעריקע ביבליאטעקרין רחל קאנאפינסקי וואָס האָט געשטראַלט פון פרייד ביי יעדן דערוואָרבענעם נייעם בוך און ביי יעדן לעזער.

נאָך יודנהערצנס טויט איז געבליבן אַ בלויז און די פאָזיציע אין שטאָט ראַט איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט. די אָנקומענדיקע וואַלן האָבן אונדז שטארק באַאומרוהיגט, די פּאָפּולאַריטעט פון פאַרשטאַרבענעם חבר יודענהערץ איז געווען זייער שטאַרק. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז ביידע פאַקטאָרן האָבן געשלאָגן טיפע וואָרצלען. דער פאַר־

טייאישער און די פּערזענליכקייט, ווי עס זענען געווען יודנ־הערץ און דער צווייטער ראטמאַן נתן נארציז ז"ל. דאַן דערשיינען אַלס קאַנדידאַטן צום שטאָטראַט צווי פאַרשידענע געשטאַלטן. איינער מנשה האמבורגער, אַ באַגאַבטער, גרונט־לעכער, ערלעכער, לייכט זיך צו באַגייסטערן, דערצויגן אין דער פּוילישער שפּראַך, דער איידעם פון דער משפּחה וויע־ליטשקער, אַן אריסטאָקראַטישע שטוב און ער וואַרפט זיך אריין מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן אין דער פּועלי־ציון פּאַרטיי און איר ווירקונג.

און דער צווייטער ד"ר ליבערמאַן וואָס באַזעצט זיך אין זיין היימשטאָט סאָסנאָוויעץ ווי ער מאַכט אויף זיין קאַבינעט, ד"ר מעד. פאַר קינדער קראַנקהייטן. וואָס די צוקונפט ווי קינדער דאָקטאָר אין אַזאַ פּרנסה שטאָט ווי סאָסנאָוויעץ ווינקט מיט אַלע גוטע צוזאָגן, זאָגט צי אַ רייך און גוט לעבן און ער ווערט איינער פון די אָנפירענדיקע חברים פון פּועלי־ציון, אַ גוטער רעדנער אין אַ גוטער דאָקטאָר וואָס נעמט אויף זיינע פּאַציענטן, צווישן זיי פּשוטע וויבער פון פאָלק אין מאַמע לשון. ד"ר ליבערמאַן ווערט אַן אַדרעס. זיין קאַבינעט האָט פּאַציענטן און שטענדיקע באַזוכן פון חברים פון דער פּאַרטיי, ביי אים אין קאַבינעט אויף דער דריטער מאַי גאַס ווערן אין שווערע אונלעגאַלע צייטן פאַר דער פּאַרטיי אָנגעהאַלטן זיצונגען און סתם צונויפ־טרעפן פון חברים. דאָ ווערט אויך אויסגעפירט דער קאַמף קעגן ליקווידאַציע, די פּאַרטיי פּאַרשטאַרקט זיך פון טאָג צו טאָג. און ביי די שטאָט ראַט וואַלן באַקומען מיר 45 פּראָצענט פון די יידישע שטימען און מיר דערגרייכן 2 מאַנדאַטן, צווישן 6 יידישע ראטמענער. אונדזערע ראטמענער זענען מנשה האמבורגער, און ד"ר הערש ליבערמאַן. ביי די וואַלן האָבן בייגעטראָגן און אויך אריינגעלייגט צווישן אנדערע אַסאַך אַרבעט יומעק בוכנער, יאָסל חריף, יאַסעק בערנשטיין, נחום פּאַמעראַנץ א.א. צו דער פּאַרטיי אַרבעט האָבן זיך געשטעלט נישט נאָר פּאַרטיי חברים נייערט אויך פּשוטע פאָלקס מענטשן. די יידישע גאַסן זענען געוואָרן מיטגעריסן מיט אונדזער רוף, און האָבן זיך אַקטיוו באַטיי־ליקט אין אַלע אַרבעטן צוגרייטענדיק דעם נצחון. אונדזערע ראַטמענער זענען געווען דער צענטראַלער כח צווישן די ראַטמענער אין סאָסנאָווצער שטאָט ראַט.

ביי דער דערעפנונג פון שטאָט ראט האָט חבר מנשה האמבורגער געלעזן אונדזער דעקלאַראַציע אויך אין יידיש. דער פּאָרזיצער וואָס האָט געהערט צו פּפּ"ס האָט געהאַט נישט קיין קליינע אַרבעט צו העמען די ענדעקישע ראַטמענער.

זאָלן אויך דערמאָנט ווערן די אויסגעצייכנטע רעדנער און אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון פאַרשידענע ריכטונגען וואָס מיט אונדזער איניציאַטיוו האָבן באַזוכט די שטאָט און געפונען שטענדיק אַ ריזן עולם צוהערער, ווי גערן זענען צו אונדז געקומען: יעקב זרובבל, נתן בוקסבוים, יוסף רוזן, יצחק לעוו, שכנא זאגאן, ד"ר ברוך אייזנשטאַט, געסט פון ארץ־ישראל: ערעם, שניאורסון, ניר־פּעטערזייל א.א.; ווי אויך פון אַנדערע ריכטונגען ווי ד"ר יוסף קרוק (וואָס זיצט אין ירושלים עד היום צו לאנגע יאָרן) א.א. די אקציעס פאַרן ארבעטנדיקן א"י האָבן שטענדיק געפונען אַ דאַנקבאַרן באָדן פאַר דער טעטיקייט.

אַ וווּנדערשיין בלאַט און דערהויבן, איז געווען דער דראַמאַטישער קרייז מיט זיינע אמאטאָרן בראש מיט סטעפאַ האמפעל, מאנאַוויטש, נוימאַן, לאָסאַצקע, יעקובאָוויטש, גרינ־בוים א.א. די הויפּט־אַמאַטאָרין איז געווען חברטע יעקובאָ־וויטש, ממש אַ שטערן אין דער פאַרשטעלונג „די כישוף־מאַכערן" פון גאָלדפאַדן. און זאָל דאָ דערמאָנט ווערן דער האַרציקער בחור סימפּאַטיקער פון בונד, מאַקס בערקאָוויטש, וואָס האָט געהאַט זעלטענע בינע־פעאיקייטן, אַ מייסטער פון גרים, ער איז געווען דער גרימירער, שטייט נאָך היינט מיר פאַר די אויגן זיין ברייטפּלייציקער גוף, שוואַרצע האָר און רונדיקן געזיכט מיט טיף שוואַרצע אויגן, דער ברודער פון באַקאַנטן בונדישן פירער ד"ר בערקאָוויטש.

יא. דאָס איז געווען אַ גלאַנץ תקופה פון „פּועלי־ציון". די פאַרטיי איז געשטאַנען אין צענטער פון דער פּראָפ. באַוועגונג מיט אַ ברייט פאַרצווייגטער געזעלשאַפטלעך און קולטור טעטיקייט מיט דעם ספּאָרט־קלוב „שטערן" וואָס איז געווען אַ סאַמע פונאַנדער־בלי. אין דער ספּאָרט־באַוועגונג האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל **דודעק פּריווער** וואָס איז געווען טעטיק אין „מכבי" און אויך דער מיטגרינדער פון ספּאָרט־קלוב „שטערן" ביי פּועלי־ציון, עולה געווען קיין ישראל און צוליב זיין שוואַכן געזונט צוריק קיין סאָסנאָוויץ און אין אַ קורצער צייט ארום נפטר געוואָרן זייענדיק דער לייטער פון עלטערן־היים.

אונדזערע אינסטיטוציעס ביי דער פּאַרטיי זענען געווען אַ געטרייער אָנשפּאַר פאַר אַסאַך קינסטלערישע כוחות, וואָס פלעגן דערשיינען אין שטאָט, ווי די ווילנער טרופּע א.א.

עס האָט אויך נישט געפעלט קיין ביטערניש און צער, וואָס ס'האָט אָנגעטראָגן דער גראַנגל ארום די פּראָפעס־יאָנעלע פאַריינען. אַסאַך מאָל איז ליידער אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער גראַנגעל פאַר בעסערע אַרבעטער באַדינגונגען צוליב פּאָליטישע קאָנקורענץ אין דעם קאַמף פאַר השפּעה.

דערמאָנט זיך מיר דער קדוש ארטור זיגעלבוים פון „בונד", וואָס איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון וואַרשע. און דעם שווערן גראַנגל וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטיין מיט די לעדער ארבעטער וואָס צוליב אַסאַך צופאַרנדיקע לעדער אַרבעטער פון וואַרשע. און די פאַבריקן וואָס האָבן זיך געפונען אין סאָסנאָוויץ האָט געהאַט אַ בונדישע מערהייט (אין פאַריין האָבן זיך אויך געפונען נישט יידישע לעדער אַרבעטער וואָס פיל פון זיי פלעגן אויף די פאַרזאַמלונגען אַרויסטרעטן אין יידיש).

אין קולטור־אַמט האָבן מיר געהאַט אַ מערהייט, איינער אָבער פון די פליישער ארבעטער איז איבערגעגאַנגען צום „בונד" (אגב שפּעטער צוריק געקומען) אַזוי אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ צייטווייליקע מערהייט פאַרן בונד.

דער גראַנגעל איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט אויך אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע. מיר זענען נישט געווען געוווינט צו די אַרבעטס מעטאָדן פון „בונד" און די מלחמה איז געווען אַ פאַרביטערטע. דאָס האָט געבראַכט צו אַ טיפן ריס צווישן אונדז און דעם „בונד", אָבער שטענדיק איז געווען איבערוויגנט ביי אונדז אין שטאָט דער כוח פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל.

חברים זענען עולה קיין ישראל, רבקה לאקס, שיע שליווינסקי, אברהם נארציז, יאָסל חריף אוסטרי א.א., אויך איך פאַרלאָז סאָסנאָוויץ און באַזעץ זיך אין בעלגיע מיט מיין פרוי מלכה ווֹלאשצאַווסקי.


עס באַווייזן זיך יונגערע, גוטע כוחות, וואָס זענען ממשיך ווי: יונה שפיגל, איינער פון די איידלסטע געזעלשאַפטלעכע טוער, אַ שטריקער אַרבעטער און אינטעליגענט (געשטאָרבן אין דער היטלער תקופה פון אַ טיפוס).

ביז דער לעצטער מינוט שטייען ביי דער אַרבעט אפילו נאָך דער היטלער אינוואַזיע ליאָווע יומעק בוכנער, ד"ר ליבערמאַן, האַמבורגער נתן, נארציס א.א.

אַ באַזונדער בלעטל האָט אָנגעשריבן דער שטורמישער טייערער חבר יומעק אין קאַמף קעגן יודנראַט, און אַנטקעגן די מעטאָדן פון מאָניעק מערין און זיינע מיטהעלפער, יומעק האָט געקלאַפּט אין טיש ביים יודנראט און אויסגעשריגן אַז ער און זיינס גלייכן וועלן קיין האַנט צו די מעטאָדן נישט צולייגן און קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן די רוצחים.

יומעק איז באַלד נאָכדעם פאַרשוואונדן פון דער אויבערפלאַך, ליקווידירט יומעקן... ער האָט אויסגעהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט, נישט איינגעבראָכן זיך. ווי אין זיינע יונגע טעג אַזוי אויך אין די שפּעטערע יאָרן, פיל מיט פאַטאָס און גלויבן נישט געבויגן זיך ביז צום לעצטן אָטעם־צוג.

דער נאַצישער מבול האָט אַלץ אָפּגעשווענקט. אַ שטויב



המצבה על קברו של משה יודנהרץ בצנסטכוב



קבוצת חברים פועלי ציון בסוסנוביץ, עם מאקס עריק בתור קצין פולני
לפני הבחירות לסיים הפולני הראשון

האָט אַלץ פאַרדעקט, ווי אָרעם זענען די ווערטער אַרויסצו־ברענגען די שיינקייט אפערוויליקייט פון אָט דעם שיינעם דור, אַ מוסטער־דור פון אהבת־ישראל, אהבת־ציון און אהבת־מענטש.

מיר ווען די זעלטענע געשטאַלטן קיינמאָל נישט פאַר־געסן, די משפחה פעדעם וואָס האָבן אונדז פאַרקניפּט, מיר דאָ וואָס זענען ווי עס גייט אויף אין שווערן געראַנגל אַ ניי לעבן אויף דער ישראל ערד, ווו עס באַקומען בלוט און פלייש, לעבעדיקן אָטעם, די אידעאַלן פאַר וועלכע זיי האָבן געקעמפט און דאָס לעבן אַוועק געגעבן.

מיר ווען זיך די גרעסטע פריידן מיט אַ טרער אין די אויגן ביי אַלע שמחות דערמאָנען זייער הייליקן אָנדענק.



קבוצת פועלי ציון בסוסנוביץ בשנת 1919, עם זלמן שזר (אז רובשוב) בראש השורה.
זלמן שזר נשיא המדינה, מקס עריק (מערקין), ליאווע רענקין, רבקה לאקס, א.
ווארשווסקי מאקס, סטאראזום, רוזקא פיעקארסקי, נארציז, רחל קאנאפינסקא,
נאדזיא בערנשטיין, למורא, משה יודנהערץ, ווייסלער, וולף שורצבוים, פאני פולעוויץ.



קבוצת חברי פועלי ציון בסוסנוביץ, עם החבר זרובבל



קבוצת חברי פועלי ציון



קבוצת נוער פועלי ציון בשנת 1927



קבוצת חברים פועלי ציון



קבוצת חברי פועלי ציון בערב פרידה עם הח' ורשבסקי—וואקס בעזבו את סוסנוביץ לורשה ובתוכם: ש. מעק—לובלסקי, נאדזע בערנשטין, האחיות פיקרסקי, שידלובסקי, האחים נארציס, רחל קאנאפינסקי, מאקס עריק, אידע שידלאווסקי, צירל ווארשאווסקי, א. א.

נ ו ע ר ב ו ר ו כ ו ב

מלכה פאמעראנץ — וולאשצאווסקע משמר הנגב
באראכאוו—יוגנט

ארום די יאָרן 1917—18 האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע טעטיקייט פון דער יוגנט אין סאָסנאָוויץ, צו ערשט יוגענטלעכע וואָס איך געדענק, זענען געווען פעלא זעדערמאַן (היינט אין פּאַריז), בלומע קאַנאַפּינסקע, מאָטל באָרנשטיין, אַ יתום פון טאַטע מאַמע. די שוועסטערן האָבן געהערט צום בונד. יעקב שפּיצבערג, וועלנער, יעקב קאַנאַפּינסקי, די משפּחה ווארשאַווסקי יוסף־יעקב, און רבקה. די לעצטע געפינט זיך אין ישראל (די פרוי פון לאסאצקי) א.א. מיין ערשטער וועג פון דער באָראָכאָוו יוגנט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן פון דער פאָלקסשול, אונטער דער לייטונג פון דער פרוי וויעזשביצקי, פון דאָרט האָט מיך אריינגעצויגן אין דער יוגענט פעלע זעדערמאַן. אין דער צייט האָט זיך דער לאָקאַל פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע געפונען אויף דער קשיווער גאַס אין דעם איינציקן שטאָקיקן הויז. די איבעריקע הייזלעך אַרום זענען געווען קליינע. גראַד ביי מיין ערשטן אריינקום האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ לעקציע פון מאַקס־עריק וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט זיין קלאָר רעדן ארויסברענגענדיק פאַרשידענע אינטערעסאַנטע ביישפילן, בכדי אונדז צו פארלייכטערן דאָס באַנעמען די אַלע נאטור דערשיינונגען וועגן וועלכע ער רעפערירט. און אָט פון דעם דאַזיקן מאָמענט בין איך שוין פאַרבליבן אין דער באָראָכאָוו יוגנט. מיר דערמאָנען זיך אַ גאַנצע רייע געשטאַלטן וואָס האָבן געווירקט אין דער יוגנט און שפּעטער פאַרנומען אַ אָנגעזעענעם אָרט אין דער צענטראַלער באַוועגונג.

דאָס זענען געווען די ח"ח ווארשאַווסקי (וואַקס), רבקה לאַקס, וואָס געפינט זיך אין ישראל פון די צוואַנציקער יאָרן אָן, אידה שידלאָווסקי ע"ה, אהרן שעניצקי (נפטר געוואָרן אין ראַטן פאַרבאַנד), נוסבוים, געהערט צו דער שילער גרופּע, אין די שפּעטערע יאָרן יאָסל חריף (אוסטרי) היינט אין ירושלים, יונה שפּיגל, בלומה קאַנאָפּינסקי, צוויי ברידער וואַקסמאַן, גאָלדע טשארנע.

פון די גאָר ערשטע וואָס איך געדענק זענען געווען מאַנעטע שמואל מעלער, סאַלניק (אַ מצבה קריצער), גאָלדמאַן אא. וואָס האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער יוגנט אַרבעט. די יוגנט האָט געפירט אַ סווועריגע אַרבעט, געהאַט אַן אייגענע פאַרוואַלטונג, אַ פארטרעטערשאפט אין אַלגעמיינעם פאַרטיי־קאָמיטעט, געווען פאַרטיילט אין גרופּן און אין קעמערלעך, אַ רעפעראַטן קרייז, אַן אינסטרוקטאָרן קרייז, פּרעסע קאָמיטעט פאַר פרייע יוגנט.

בכלל איז געווען אַ האַרציק צוזאַמענלעבן אין די יוגנט קרייזן און זיי האָבן אַנטייל גענומען אויף אַלע געביטן פון פּאַרטיי אַרבעט. אין דער גרויסער פּועלי־ציון פאַרטיי אין סאָסנאָוויעץ האָט די יוגנט פאַרנומען אַ גאָר אָנגעזעענעם בכבודיקן פּלאַץ.

ה ש ו מ ר ה צ ע י ר

צבי בן חורין

השומר הצעיר אין סאָסנאָוויץ

קינדער־יאָרן! וואָס מער אַ מענטש דערווייטערט זיך פון זיי — אַלץ טייערער און שענער ווייזט זיך אויס אַלעס, וואָס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען. מיט ליבע און בענקשאַפט דערמאָנען מיר יענע וועלט פון חלומות און קאַמפן — און מיט צער און טרערן ציילט יעדער איינער פון אונדז ברידער און שוועסטער, טאַטע מאַמע, חברים און געגנער... יאָ, געגנער — זיי געהערן אויך צו דער משפּחה. אין יענע צייטן פלעגט מען זיך צערייסן אויף שריט און טריט פאַר יעדן קוצו של יוד. דער קאַמף פאַר יעדער נשמה איז דאָך געווען אַזוי ערנסט! יעדער האָט דאָך אַזוי שטאַרק געגלויבט אין זיין אמת, — אַז ער איז נישט געווען פעהיג מוותר צו זיין. קינדער־יאָרן פון אַבסאָלוטע אמונות, פון מסירות נפש, פון אידעאָלאָגיע געראַנגלענישן און קאַמפן, פון טרייהייט און ברודערשאַפט. און אויב עס זענען געווען דאָ און דאָרט מיאוס'ע און טונקעלע פלעקן — ווער האַלט זיי אין זכרון? די לעבנס צענזור פאַרטושט אַלץ וואָס עס איז אונאַנגענעם געווען אַמאָל — און עס איז פאַרבליבן נאָר די העלע און ליכטיקע פאַרבן.

נאָך אַלעמען ברענגען מיר דאָ אויפן זכרון אַ וועלט וואָס האָט געלעבט, געטרוימט און געקעמפט אַ מ אָ ל — און היינט בלייבט אונדז נאָר זי צו באַוויינען.

זכרונות, זכרונות — זאָלן מיר זיי צונויפקלויבן ווי בלומען — מיט צאַרטקייט און ליבע. פון אַלע בלומען, מיט אַלע זייערע ריחות און פאַרבן — זאָלן מיר פלעכטן אַ ריזיקן קראַנץ אויפן הייליקן קבר פון טייערע נשמות, נאָענטע און ווייטע. דעם דאָזיקן בלומען קראַנץ וועלן מיר אַוועקלייגן באַפּייכט פון טרערן, און טיף אין הארצן וועלן מיר שטענדיק טראָגן אַ קללה פאר אלע מענטשן־חיות וואָס האָבן אונדזער וועלט פאַרוואַנדלט אין אַ משוגעים הויז, וואָס האָבן דערפירט צו אַ געפערליכן אַבסורד די לאָזונג אַז „מענש איז אַ וואָלף איינער פאַר אַ צווייטן". אַ

קללה פאַר די רעזשימען וועלכע געפינען שטענדיק זייער קרבן צווישן די שוואַכסטע און אונדזער פאָלק, — אַלס דאָס שוואַכסטע צווישן די שוואַכע אין דער וועלט.

זאַגלעמביע — דער פוילישער צענטער פון קוילן און אייזן, פון שוואַרצע הימלען, פון פאַבריקן און גרובנס. סאָסנאָוויץ — ווי אַ יונגע טאָכטער פון דער דאָזיקער געגנט, און די יידישע קהילה — די יונגסטע פון דעם זאַגלעמביער יידנטום. דער צוזאַמענשטעל — פילפאַרביק, פון פאַרשידענע שפראַכן און לענדער, אַ פועל יוצא פון דעם, וואָס די שטאָט איז געלעגן אויף דער גרענעץ פון דריי לענדער: דייטשלאַנד, עסטרייך און רוסלאַנד. „דריי קייזער עקע" אַזוי האָט זיך גערופן אַ געגנט, הינטער דער שטאָט, אַ שטח פון פעלדער, אַ טייכל, דאָרט פלעגן מיר אַרויסגיין אויף אונדזערע אויספלוגן. ל"ג בעומר, סקויטישע שפּילערייען און סתם אַ וויַיטער שפּאַציר אין די גרינע פעלדער אויסער דער שטאָט.

די יידישע קהילה איז, ווי געזאָגט געווען יונג, אָן טראַדיציעס און האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצושטעלן אַן אייגענע מיטלשולע פאַר איר יוגנט. די מיידלעך האָבן געהאַט מער גליק און פאַר זיי האָט זיך געגרינדעט די ליבערמאַן־גימנאַזיע. די בחורים האָבן געדאַרפט אויסוועלן צווישן קריסטלעכע שולע אָדער מאַכן אַ לאַנגן וועג קיין בענדין אין די „יבנה" שול, שפּעטער גימנאַזיע אויפן נאָמען פון דעם בענדינער פילאַנטראָפּ — פירסטענבערג. יעדן אינדערפרי האָט מען געקענט זען צענדליקער יונגעלייט לויפן צו דער באַן סטאַציע, כדי צו פאָרן אַ מהלך פון 8—10 קילאָמעטער. בסך הכל אַ רייזע פון קנאַפּע 15 מינוט. און די וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיגט פלעגן גיין צו פוס און מיט אַ שנעלן שריט האָבן זיי באַוויזן אָנצוקומען צו דער צייט, גלייך מיטן גלאָק, וואָס האָט אָנגעזאָגט די ערשטע לעקציע.

יידישע בחורים האָבן באַקומען זייער מיטלשול אויסבילדונג אין קריסטליכע גימנאַזיעס און זעלבסטפאַרשטענדלאַך זיך דערווייטערט פון יידנטום.

די מערהייט פון דער יוגנט האָט זיך באַגניגנט מיט דער הויפּטשולע און באַלד דערנאָך געהאָלפן די עלטערן אין האַנדל אָדער אין ווערקשטעל.

ווירטשאַפטלעך האָט די קהילה געבליט. די גאַסן זענען געווען פול מיט יידישע געשעפטן פון אַלע מינים, גרויסע און קליינע, פון אַלערליי אַרטיקלען. דער האַנדל — דאָס איז געווען די ברויזנדיקע, וויכטיגסטע און צענטראַלע יידישע לעבנס־אַקטיוויטעט. און אויף דעם דאָזיקן הינטערגרונט איז די יידישע יוגנט באַוועגונג, פון אַלע געווען ווי אַ רעגן אין מדבר.

אין דעם אַרכיוו פון השומר הצעיר אין מרחביה, איז פאַראַן אַ דאָקומענט, וואָס דערצעלט אַז צווישן די ערשטע חלוצים־עולים פון דער דאָזיקער באַוועגונג זענען געווען יונגע לייט פון סאָסנאָוויץ, אין יאָר 1918. די ערשטע קנים פון השומר הצעיר אין דער וועלט זענען געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1913. ווייזט זיך אַרויס אַלזאָ, אַז אין אונדזער שטאָט סאָסנאָוויץ איז אויפגעשטאַנען איינער פון די ערשטע קנים פון דער דאָזיקער יוגנטליכער וועלט־באַוועגונג. אַ פשיטה — אַז דער השומר הצעיר איז אויך געווען די ערשטע יוגנט באַוועגונג אין דער שטאָט.

ווען איך בין געקומען אין קן פון השומר הצעיר אויף קאַלאַנטאַיאַ 10, אַן אַלט הויז, אויפן דריטן שטאָק — האָב איך געפינען אַ גרופּע תלמידים און מיט זיי אַן עלטערער סטודענט, וועלכער האָט זיי געלערנט מאַכן לופט־פּליַמאָדעלן. אַלץ, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אין דער פוילישער שפּראַך. 1922, עס זענען אַדורך עטלעכע יאָר און מער האָב איך קיינעם פון זיי נישט געזען. אַזוי איז עס געגאַנגען אין יענע צייטן. דער קן האָט אויסגעפילט יוגנטליכע זיכענישן און געשאַפן אַ פעלד פאַר אָנגעזאַמלטער ענערגיע. אַ ביסל אויסגעוואַקסן — האָט מען אויפגעהערט צו שפּילן זיך און אַרויס־געפלויגן פון קן (נעסט) — צוריק צו טאַטע מאַמע.

דאָך האָט זיך אפילו אין יענע פּראַהיסטאָרישע יאָרן פון דער באַוועגונג — פון צייט צו צייט — אויסגעשיילט אַ קערן פון ערנסטע געדאַנקען און שטרעבונגען. צוערשט פאַרנעפּלט אין אַלגעמיינע פראַזן, און דאַן האָט זיך קלאָרער און קלאָרער געצייכנט דער וועג פון הלוצישן אויפבוי.

במשך פון יאָרן האָבן הונדערטער יוגנטליכע געלעזן מיט באַגייסטערונג אַ צייטונג, וואָס האָט זיך גערופן „קנבו", אַרויסגעגעבן אין דרוק אין דער פוילישער שפּראַך אין יאָר 1919. דער אינהאַלט: לעגענדע און ליד, פילאָזאָפישע און פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, אַ ים פון געדאַנקען און קיין שום הויפּטגעדאַנק. די דאָזיקע צייטונג־בראשור דריקט אויס אַם־בעסטן די צייט ווען אין דער יידישער יוגנט־באַוועגונג האָט מען געקאָנט געפינען אידעען און איינפלוסן פון דעם דייטשן „וואַנדערפאָגעל" און די רוסישע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" און דעם ענגלישן באַדן־פּול — סקויטינג.

אָבער ווייזט אויס, אַז שוין אין די ערשטע יאָרן — ווי געזאָגט — איז איינגעפלאַנצט געוואָרן דער טרוים פון ארץ־ישראל, אויב אין 1918 זענען אָנגעקומען דאָרט די ערשטע חלוצים פון אונדזער שטאָט.

אין אַ גרויסן זאַל אין קן אויף קאַלאַנטאַיאַ 10 איז געהאָנגען אַ גרויס בילד (פּאַטאַ זאַרסקי) פון אַ צוויי צענדליק יונגע לייט, בחורים און מיידלאַך, אַלע גימנאַזיסטן, אונטער דעם בילד איז געווען אַן אינטערעסאַנטע אויפשריפט — אַ שבועה:

„אין יאָר 1920 — אַן אסיפה אויפן הר הכרמל".

מיר האָבן געזען שטענדיק אין די הערליכע געשטאַלטן פון דעם בילד, די ערשטע שומרים, און זייער שבועה האָט אונדז באַגלייט במשך פון לאַנגע יאָרן. מיר האָבן געוווסט,

אַז זיי, די ערשטע, זענען געגאַנגען קיין ארץ ישראל מיט אַלע וועגן, און אַ טייל פון דעם וועג געמאַכט צו פוס. זייער עליה איז געווען באַשיינט מיט אַ ראָמאַנטישער הילע פון העראָאיזם.

צו ערשט אַ יידישע סקויטישע באַוועגונג, מיט דער באַקאַנטער לאָזונג: אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפער". שפּעטער האָט מען געזוכט קלאָרערע דעפיניציעס: — וואָס איז דער ייחוד פאר אַ יידישן סקויט, וואָס זענען זיינע אייגנטימליכע באַדערפענישן און שטרעבונגען. און ביסלעכווייז האָט זיך אויסקריסטעליזירט די ציוניסטישע און שפּעטער די ציוניסטיש־חלוצישע און סאָציאַליסטישע איזעאָלאָגיע.

וואָלט זיך דער דאָזיקער וועג נישט אויסגעקלאָרט — וואָלט **דער גורל פון** אונדזער יוגנט־באַוועגונג געווען ענלעך צו דעם גורל פון אַלע אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען, וועלכע זענען געווען נישט מער ווי פריילינג־בלומען און זענען אַלע פאַרשוווּנדן און נישט דערלעבט צו זען ווי חלומות ווערן פאַרווירקליכט. דער קן השומר הצעיר אין סאָסנאָוויץ איז דורכגעגאַנגען אַלע פאָזן פון דעם היסטאָרישן וועג פון דער יידישער יוגנט־באַוועגונג. פריער סקויטינג — יידישער סקויטינג — וועלט שמערץ — נאַציאָנאַלע באַפרייאונג — חלוציות — סאָציאַליזם.

און איך געדענק, אַז נאָר ווען מיר זענען געוואָרן אַ חלוצישע באַוועגונג און אויפגעהערט צו שפּילן זיך אין פילאָזאָפירן ווי אַ נאַרקאָטישע, אין זיך פאַרליבטע יוגנט — זענען מיר געוואָרן אין דער זעלבער צייט אַ געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר און געגאַנגען צום פאָלק, צוזאַמען מיט אים. און דער לייטמאָטיוו איז געווען „הגשמה עצמית" (זעלבסטפאַרווירקליכונג) פאַרן יידישן פאָלק, אַלס חלוץ וואָס גייט פאַרן מחנה. מיט דעם טיפן גלויבן אַז די מחנה וועט אָנקומען נאָך אים.

מיר זענען געגאַנגען צו די יידישע אינסטיטוציעס און זיי האָבן זיך געוואָנדן צו אונדז און פאָרגעשלאָגן מיטאַרבעט. ביים יידישן שפּיטאָל איז געווען אַ יתומים הויז. כמעט יעדן אָוונט זענען געגאַנגען אונדזערע חברים — צווישן זיי אויך מנהלים (אינסטרוקטאָרן), כדי צו שפּילן זיך מיט די קינדער און העלפן זיי ביים לערנען. מיר זיינען דאָרטן געווען ווי היימישע.

פּורים־קאַרנאַוואַלן פלעגן מיר איינאָרדענען נישט פאַר זיך אַליין, נאָר פאַר הונדערטער יידישע קינדער; אַזוי אויך חנוכה, אַנדערע יידישע ימים טובים און הערצל—ביאַליק פייערונגען.

עס האָט זיך געפילט אַ טיפע ערנסטקייט אין אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען, און די אָנפירענדע פערזענליכקייטן פון דער קהילה און דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן דאָס געוווּסט אָפּצושאַצן, איינער פון זיי ד"ר מעלאָדיסטאַ, איז געווען אַן איבערגעגעבענער פריינט פון דעם השומר הצעיר, כאָטש אידעאָלאָגיש איז ער געווען גאַנץ ווייט פון אונדזער באַוועגונג. אויך אַנדערע פריינט אונדזערע זענען געווען פון פאַרשידענע אנשויאונגען און קרייזן. דער אַלטער אבראַמאָוויטש, דער יונגער ד"ר געלבאַרד, ד"ר פערלמאַן און אַנדערע.

צווישן די איבערגעגעבנסטע פריינט זענען געווען וועטעראַנען פון השומר הצעיר, די וואָס זייער פּריוואַטער גורל האָט זיי נישט דערמעגליכט עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, אָבער מיטן גאַנצן הארצן זענען זיי געווען פאַרבינדן צום קן און שטענדיק געווען גרייט צו העלפן גייסטיק און מאַטעריעל; וואָלף סטאַווסקי, אברהם כלעוויצקי, הרצל אבראַמאָוויטש א.א.

די יידישע קהילה האָט אויסגעדרוקט איר אָפּשאַצונג פאַר דער וויכטיקער דערציערישער טעטיקייט פון השומר הצעיר, דורך אַ שטענדיק פינאַנציעלע שטיצע, וואָס איז באַשטעטיקט געווען אין קהילה בודזשעט.

צענדליקער יונגעלייט זענען געגאַנגען אויף הכשרה און עולה געווען קיין ארץ ישראל. אָבער נאָך מער האָבן געוואַרט יאָרן לאַנג אויף סערטיפיקאַטן. עס זענען געקומען שווערע קריזיס צייטן. דער יידישער קאָמוניזם האָט פאַרשאַרפט זיין אַנגריף, זיי האָבן געטענהט צו יעדן יידישן יוגנטליכן, אָט קומט די סאָציאַלע רעוואָלוציע און זי וועט לעזן אַלע פּראָבלעמען און אויך די יידישע פּראַגע, וואָס דאַרפסטו וועבן חלומות וועגן אַ ווייטן און וויסטן לאַנד, וואָס איז פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער? גיב צו דיין האַנט צו די וואָס קעמפן קעגן אַלערליי אונטערדריקונג — נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע! און די יידישע יוגנט האָט דיסקוטירט טעג און נעכט, און היינט בלייבט אונדז נאָר צו באַוויינען ביטער, אַלע די וועלכע זענען געגאַנגען אין אַנדערע וועגן.

עס איז אָנגעקומען דער פאַשיסטיש־בעסטיאַלישער שטורם וועלכע האָט פאַרפלייצט מיט טויט כוואַליעס די יידישע מאַסן און פאַרטריבן אַלע אָרגאַניזירטע גרופּן. אַ טייל איז פאַרבליבן אויפן פּלאַץ און פאַרטיידיקט מיטן גאַנצן קערפּער דעם יידישן כבוד, אַ טייל זענען דערגאַנגען ביז ווילנע און דאָרט געהאָלפן אויפשטעלן דעם גרויסן שומרישן צענטער.



קבוצת בנות השומר הצעיר
קן קבוצה שומרית בסוסנוביץ 1929

אַנדערע זענעז דערגאַנגען ווייט קיין רוסלאַנד און פון דאָרטן זיך געגרייט עולה צו זיין ביי דער ערשטער געלעגנהייט. אין רוסלאַנד האָבן סאָסנאָוויצער שומרים צוזאַמען מיט אַנדערע מיט גבורה פאַרטיידיקט דעם ציוניסטישן געדאַנק און עטלעכע האָבן דערפאַר באַצאָלט מיט זייער לעבן.

שומרים פון סאָסנאָוויץ קאָן מען געפינען אין די קיבוצים: מרחביה, עין השופט, ניר דוד, בית זרע, מסילות, גל און, יד מרדכי און אַנדערע. פיל שומרים פון אונדזער שטאָט געפינט מען אין דעם גאַנצן לאַנד, אין שטאָט און דאָרף פון צפון ביז דרום.

ראָמאַנטישע חלומות, עקשנותדיקע, ערנסטע און סיסטע־מאַטישע דערציאונגס אַרבעט, שווערקייטן און קאַמף מיט אַ פרעמדע סביבה; — געמיינזאַמער וועג מיט אַלע יידן, הע־ראָאישער קאַמף — ביז דעם לעצטן שריט פון בויען אַ יידישע היים אויף נייע געזעלשאַפטלעכע יסודות.


קוקן מיר אויף צוריק מיט שטאָלץ, מיט ליבע און מיט טרערן.

עין השופט, נובמבער 1964

צבי בן חורין (פערגעריכט)



קבוצת בנות של „השומר הצעיר" בתלבושתה



באחד מכינוסי „השומר הצעיר"



קבוצה שומרית קן סוסנוביץ 1927



קבוצת חברי השומר הצעיר בטיול באויצוב ליד אולקוש בשנת 1918



קן קבוצה שומרית בסוסנוביץ בשנת 1929



קבוצת בנות של השומר הצעיר בתלבושתן



בקבוצה שומרית בקן סוסנוביץ ב־23—1922

תנועת „בונד"

רויזע פאסטערנאק פיעקארסקי
„בונד" אין סאסנאוויץ

שווער זיך אַלץ דערמאָנען. אָבער וואָס איך דערמאָן זיך וויל איך דאָ פאַרצייכענען. צו יענער צייט בין איך שוין געוועזן אַ חברטע אין דער פועלי־ציון פארטיי. איך האָב זיך דאן אָנגעטראָפן דאָס ערשטע מאָל, מיט אַ זער סימפּאַטישן בחור, פאררויזלטע באַקן און שמייכלדיקן פנים, געזאָגט האָט מען מיר איך זאָל צו גיין צו אים ווייל ער האָט איינגעאָרדנט ביי זיך אין שטוב, אַ ביבליאָטעק. אַזויאַרום בין איך געקומען צו אים אַ דאַנק שמואל ברוינער. צו יענער צייט איז ער אויך געווען אַ חבר אין דער פועלי־ציון פאַרטיי. דאָס ערשטע בוך האָב איך טאקע באקומען פון יצחק פיעקארסקי, דינעזאָנס אבן נגף, און דאָס צווייטע בוך איז געווען פון שלום אש, די צוויי ביכער האָבן מיר געגעבן אַ שטויס פאָראויס, ווי עס האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזן אַז שוין דאַן איז געווען יצחק פיעקאָרסקי אַ בונדיסט. נאָכדעם האָט זיך געגרינדעט די י.ל. פרץ ביבליאטעק. אויף טשיסטע נמ' 4 ווי ס'איז געווען אַ שיינער צוזאמענשטעל

פון גוטע ביכער, אין דער ביבליאָטעק זענען געווען פאַרטרעטן פאַרשידענע ריכטונגען. פון יענער צייט דערמאַנען זיך מיר פאַרשידענע געשטאַלטן, אַסאַך בולטע אָנפירער פונעם בונד סאָסנאָוויצער אין אויך צוגעפאָרענע. וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין דער שטאָט, ווי ליפסון אין סאָלניק, פון די אָרטיקע אָנפירנדיקע ח״ח ראטפעלד, פייגל אבראַמאָוויץ (די פרוי פון באַקאַנטן שימעק לובעלסקי), אַן אייגנאָרטיקער טיפ מיט זער אַ פעסטן כאַראַקטער איז געווען איטשקע גרינפעלד, גאָר אַ צארטן רושם האָט געמאַכט די שוועסטער פון יצחק פיעקאָרסקי רחלע (וואָס געפינט זיך אין פּאַריז). איינער פון די שטארקע פראָפ. פאַריינען דער לעדער פאריין איז געווען אונטער דער השפעה פון בונד ווי עס האָבן אויך געהערט נישט יידישע ארבעטער.

געוועזן אויך פאַרטרעטן אין האַנדלס אָנגעשטעלטן פאַריין ווי עס איז געוועזן זער אקטיוו רויזע זילבערשטיין. פון דער אינטעליגענץ וואָס האָט געהערט צום בונד אין האָבן געשפילט אַ ראָל אין דער פארטיי זענען געווען די ברידער בערקאָוויץ ד״ר שמואל בערקאָוויץ, און מאַקס בערקאָוויץ, וואָס איז געווען מער קולטור טוער ווי פּאַרטיי־מענטש — באַלע מייטליס מיט איר מאַן שציעקאַץ, זענען געווען פון די אַקטיווע טיפן אין בונד, איינע פון די סימפּאַטישע טיפן איז געווען יאדזע גוטמאַן ווי אויך איר ברודער משה גוטמאַן (וואָס געפינט זיך אין פּאַריז) אַ אמת׳ר פראלעטארישער טיפּ, און אַזעלכער פאַרבליבן עד היום, ערליך ביז גאָר. אַן איינבינדער, געאַרבעט ביי רעזניקן אין דער איינבינדעריי.

פון די לעדער ארבעטער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע און איבערגעגעבענע טוער, אַ צוגעקומענער אין די לעצטע יאָרן, יאָסל פרידמאַן, היינט אין אויסטראַליע. אין זיין תקופה האָט דער בונד געפירט אַ ברייטע טעטיקייט.

תנועת הקומוניסטים

מאטל מלאשצאווסקי, זלוטניק, משמר הנגב, חולון
די קאָמוניסטישע פארטיי אין סאסנאוויץ

אנהויב צוואנציקער יאָרן הויבט זיך אָן אַ טעטיקייט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אויף דער יידישער גאַס אין סאָסנאָוויץ, ווי עס האָבן שוין עקזיסטירט שטארקע פאַרטייען ווי פועלי ציון און בונד. אין דער דאַמאָלסדיקער צייט, אנטוויקלט זיך אויך אַ ברייט פארצווייגטע אַרבעט אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג ווי עס זענען אויך פאַראַן קעמערלעך פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי.

פון דער פועלי ציון האָבן זיך דאַמאָלס אָפּגעשפּאַלטן אַ גרופּע חברים מיט די שוועסטערן ווארשאווסקי אין דער שפּיץ, אויך זייער אַ ברודער איז געווען צווישן די טוער. זייער פאָטער הענצקע פלעגט מען רופן דער רויטער טאַטע.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי האָט זיך גרופּירט ביי די בעקער און נאָדל פאַריין וואָס האָט זיך געפינען אויף 1־טער מאַי גאַס נר. 10. די הויפּט אָנפירער זענען געווען די ברידער באַראָנקעוויטש איטשע און דוד, זיי די באַראנקעוויטשעס זענען געווען בעקער בני בעקער. אין לאָקאַל אויף ערשטער מאַי גאַס האָט זיך אויך געפינען אַ ביבליאָטעק אַ.ב. וויעדזא, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע לעגאַליזירן דעם לאָקאַל, ווי עס איז אין דער שפּעטערער צייט געווען אַקטיוו רייזל ווארשאווסקי און בער ראָזנקראַנץ, לענציצקי, צווישן די חברים האָבן זיך אויך געפינען אַזעלכע וואָס זענען געקומען פון חסידישע היימען, ווי שימעלע אניסמאַן, דער זין פון אַ אָנגעזעענעם חסיד, אַ זייגערמאַכער. אַניסמאַן איז אריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּאַרטיי דורך שפּרינצע ווארשאווסקי, וואָס איז אין די שפּעטערע יאָרן אויסגעטוישט געוואָרן און אַוועקגעשיקט קיין ראַטנפּארבאנד. אגב פון די איינצעלנע וואָס איז דאָרט פאַרבליבן עד היום פון דער זאַגלעמביער גרופּע. דער ברידער אברהם האָט אין דער שפּאַנישער מלחמה פארלוירן זיינע אויגן און צום סוף האָבן אים דערמאָרדעט די נאַציס. צערל איז אומגעקומען אין פראנקרייך. נאָר איין רייזל איז געבליבן לעבן אין פוילן (איצטער געפינט זי זיך מיט איר טאָכטער אין ישראל), אין דער מלחמה געווען אין ראטנפאַרבאַנד (די גאַנצע משפחה וואָס דאָס איז אַ זעלטענהייט האָט געהערט צו דער פּאַרטיי). זיי זענען געווען דער סינאנים פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין סאָסנאָוויץ.

זאָלן אויך דאַ דערמאָנט ווערן אייניקע געשטאַלטן פון דער אינטעליגענץ:

אן אָנגעזעענער חבר איז געווען פראסע, מען האָט אים גערופן קאשציושקאָ, צוליב זיין פּארריסענער נאָז, געווען איינער פון די אקטיווסטע, געגאנגען אויף די געפערלעכסטע פּאָזיציעס, אַוועק קיין ראטנפאַרבאנד, און דאָרט פאַרשוואונדן געוואָרן.

ס׳דערמאָנט זיך מיר מייטליס, אַ יונגער איידעלער בחור, אַ האַרציקער מענטש, אַן אידעאליסט, און די תפיסות האָבן אונטערגעריסן זיינע לינגען, קוים קוים געגאַנגען אונטערשפּארענדיק זיך אויף זיין שטעקן.

און ווידער איינער פון די פּשוטע ארבעטער משה שפּיצבערג, אַ בלעכער־ארבעטער, וואָס לויט איך געדענק אים איז ער מער געווען פאַרשפאַרט אין תפיסה ווי אויף דער פריי. אָט שטייט ער מיר פאַר די אויגן, אַ קראנקער אַ צובראָכענער מיט זיינע קרומע פיס.

דער גרעסטער טייל איז אַוועק מיטן וועג פון אַלע

יידן, אַסך פון זיי האָבן געפונען זייער סוף אין דעם לאַנד פאַר וועלכן זיי האָבן זייער לעבן און געזונט אַוועקגעגעבן, ווי פראַם, דער בעקער, סקורניצקי (שניידער), סקורניצקי (זייגערמאַכער) אומגעקומען אין ראטן־פאַרבאַנד, סקורניצקי (לאָזיק) געשטאָרבן אין פוילן.

אין יאָר 1926 נאָך דער פילסודסקי איבערקערעניש, זענען אַרעסטירט געוואָרן אַ גרופּע בענדינער חברים אַרום 28 מאַן, צו דער זעלבער גרופּע האָט געהערט פראָמער. אָבער אים איז געלונגען צו אנטלויפן קיין פראנקרייך. אויפן אָרט פון אברהם זלאטניק איז אַריין זיין יונגערער ברידער בערל וואָס געפינט זיך ווי אויך אברהם אין ישראל.

אין דער אויבענדערמאַנטער גרופּע האָט זיך אויך געפינען חיים צינע ווייַנטרויב אַ שניידער מיט זיין ברידער זלמן ווייַנטרויב וואָס איז אומגעקומען אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערנדיק באַשולדיקט אַלס קאָנטער־רעוואלוציאָנער.

צו די אַקטיווע חברים האָט אויך געהערט ראובן קעזמאַן אַ בעקער אַרבעטער. נאָך אין יאָר 1927 זענען אַרויס אַ גרופּע פון השומר הצעיר בראש מיט די שוועסטערן רוזשקע און פעלע מאַלנאָוויצע (היינט אין ישראל). אויך נעטקע בייטנער איז אין יענע יאָרן געקומען אין דער פּאַרטיי. לוטעק און טאלא האמבורגער און רעגינע ווי אויך די שוועסטערן סאלני.

אין יאָר 1932 ווען עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין קאַטאָוויץ פון דער טעכנישער שולע דער ענדעקישער סטודענטן מארש קיין סאָסנאָוויעץ האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה דורך די פוילישע חברים פון דער זעלבער שולע. מיר האָבן צוזאַמען מיט אַלע ריכטונגען אָנטייל גענומען אין דעם אָפּשטויסן דעם ענדעקישן איבערפאַל.

די ברידער זלאָטניק האָבן געהערט צו דער באַיובקע פון דער פּאַרטיי. מיר האָבן זיך קאָנצענטרירט ארום דער דעמבלינער גאַס און אָפּגעוואַרט די שלעגערס מיט וואַרעם און קאַלט געווער.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן שלמה ברען וואָס איז אומגעקומען אין די שפּאַנישע קאַמפן. צוויי חברים זענען אומגעקומען, נאָר זייערע נעמען געדענק איך נישט.

באלטשע אהרונוביץ איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט און ליבטשע איז פארבליבן אין פוילן.

אין יאָר 1932 איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ דער חבר לאַנדאָ פון טשענסטאָכאָוו. מען האָט אים אַרעסטירט און די דעפענסיווע אָגענטן האָבן אים דערשלאָגן צום טויט ביי דער אויספאָרשונג, לישע איז געווען אַרעסטירט אין קאַרטוז־בערעזע.

אָט דאָס איז דער סך הכל פון די וואָס האָבן זיך געריינגלט, געגלויבט געלעבט און געטיילט דעם גורל פון פאָלק וואָס איז אומגעקומען אין די פייערן פון געטאָ און אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער פוילישער ערד.

תמונות נוספות ל„החלוץ" (ראה עמוד 608)



מפעולת „החלוץ" בסוסנוביץ — צילום כ"ז בתמוז תרע"ט



קבוצת הכשרה של „החלוץ" בסוסנוביץ בשנת תרע"ט

פרקי זכרונות ורישומים

ר' מרדכי אימבר ממיסלוביץ (1924-1875)

עם סידור המדור לקהילת מיסלוביץ היה נדמה לי שהחסרתי אישיות אחת שהיתה מעמודי התוך של הקהילה. אך לא נזדמן לי מישהו מבאי ביתו שהיה פתוח לכל אחד בכלל ולבני מונדזיוב בפרט שימסור לי פרטים על חייו. וטוב שנזדמן לי בעוד מועד להיפגש עם בתו חנה בס שנתמזל לה אחרי שנות צרה ויגון בערבות כוכארה הרוסית להינצל ולעלות לישראל, ואני שמח על שיכולתי להציל מפיה מקצת פרטים עליו ולהביאם בזה להנצחה לפני הקוראים.

מרדכי (יוליוס) אימבר ז"ל נולד בשנת 1875 לתלמיד חכם גדול רבי זאב הלוי. אחרי שלמד ב„חדרים" ובישיבות הוא הרגיש בקרבו רצון ונטיה גם להשכלה כללית. אחרי שנעשה לבר־מצוה עזב את בית הוריו ונסע לגרמניה שבה ישב דודו אחי אמו — הרב הגאון רבי ברוך מנדל אוירבך — והוא הזמינו אליו. הרב אוירבך היה המייסד והמנהיג הוותיק של התנועה הציונית בגרמניה יחד עם הד"ר ישראל אוירבך, ד"ר אליהו אוירבך והפרופיסור היינריך לווה. מרדכי אימבר הרגיש עצמו בבית הרב אוירבך בכנפי האושר כבבית הורים, ואילו הדוד היה יהיר בבן אחותו הכשרוני ובהשפעתו הסכים מרדכי להשתלם מלבד בהשכלה כללית גם בלימוד התלמוד ותולדות ישראל ותרבותו. כחובב נגינה ובמיוחד חזנות מצא הרב אוירבך לנכון לנבא לאחינו שחונן בקול בריטון לירי עתיד מזהיר. הוא השפיע עליו לאמן את קולו ולהכנס להיכל החזנות, בהבטיחו לו לעזור לו בהשגת מטרה זו בעצה ובאמצעים. מרדכי נאות לדברי דודו והחל באימון קולו והתצלחה האירה לו פנים. כיהודי דתי התיחס לעבודתו כלעבודת קודש, והתכונן בכל הרצינות לעבודתו כשליח־ציבור מושלם. ואמנם, מאז שמרדכי נתקבל בתור חזן אצל הקהילה היהודית במיסלוביץ בשנת 1912 רכש לו את לבות האוכלוסיה היהודית המקומית יחד עם יהודי מונדזיוב



מימין לשמאל: עומדים: לייב רוטמן, לייב שלמה זייברמן, בנימין זאב אימבר, מרדכי אימבר. יושבים: אדלה ריטמן, מרדכי הירש זייברמן ז"ק רוטמן (אוסטרליה), ברכה זייברמן, אסתר אימבר.



שלמה באס ואשתו חנה לבית אימבר

והמקומות הסמוכים שראו בו חזן ראוי לשמו ולכהונתו והעריכוהו כבעל מקצוע כשרוני מכל הבחינות. במיוחד מצאו סיפוק בהרצאת התפילות בלחניהם הנודעים של לבנ־דובסקי, זולצר ואחרים. ולידו עמדה מקהלה מאומנת שלוותה את תפילותיו כהלכה. המקהלה הורכבה מקולות מבוגרים ונערים שחוננו בקולות נעימים, וביניהם ארווין גוטהלף בטינור הלירי מכס קוהן הסופרן הנעים, ולטר אימבר בנו כבאס מצוין ואחרים.

מרדכי עמד על ערש הציונות, ובכל המקומות שערך בהם ביקורים ייסד סניפים לתנועה הציונית ועזר להם להתגבר על קשיי ההתחלות, ובמיוחד הצטיין בפעילותו ה־ציונית במיסלוביץ שהתרחבה והכתה בה שרשים עמוקים. את כשרונו להרצות הקדיש לרעיון הציוני ולא חס על כל מאמץ ועמל בשביל לחזק את התנועה הציונית ומוסדותיה כמו קק״ל וקרן־היסוד. בתור מורשה הקק״ל היה עורך מסי־בות, פגישות, ירידים, נשפים, ימי־פרחים וכיוצא בזה. וכן הצטיין בהפצת מניות האנגלו־פלשתינה־בנק בהשקיעו בפעולה זו מרץ ועמל רב. כמו כן ביצע את עבודת התעמולה כמו הרצאות, חלוקת עתונים, כתבי־עת וקונטרסים, ופעולה זו ביצע בנאמנות ובמסירות רבה.

ביתו אשר בקצה כיכר השוק היה בית ועד לחכמים ולעסקני הציונות ויצאו לו מוניטין בתור מרכז דתי לאומי ותרבותי ובו היו מצויים תמיד ספרים בעברית, עתונים ציוניים ועוד. מרדכי כיהן גם כמורה לענייני דת ולפדגוג והצליח בתפקידו זה לעשות נפשות לציונות, ואף הצליח למשוך אליו גם מתנגדים לציונות, במיוחד בקרב בני הנוער שהיו עוד רחוקים מהציונות. והצליח לשכנעם בשיחות ובחיוכים על פניו וקרבם חזרה למעיינות היהדות והציונות, ואף חילק ביניהם תפקידים שונים במטרה לשתפם בפעולה לגאולת ישראל וארץ־ישראל.

בית אימבר היה פתוח לאורחים וידידים, ולחוג ידידי הבית נחשבו גם הרב המקומי ד״ר וינטר והרב אנגל־ארד ממונדזיוב, המורה וולף והמורה באך, רופא־השינים וכסלר ואחרים. מהחוג הציוני היו מתאספים בביתו העסקנים והפעילים כמו הרוקח פריץ שניימן, משפחת שייאר, שיאה ומטה שניימן, ברטה אורבך, וכן העסקנים ממונדזיוב ישראל ברוקנר, ישראל נייר, יששכר פיינר, ראובן נייאר, לייזר גינסברג משה קליינר, יוסף ונגר, עקיבא ונגר, הרמן שארף, אברהם בנדזינסקי, לייב פישר, יעקב איגרא ועוד. המתלמדים בני הסביבה שלמדו באוניברסיטאות בערים הגדולות ובימי החופש היו באים לבקר בבתי הוריהם וקבעו את פגישותיהם בבית אימבר. ובהם ד״ר אריך שניימן, ברונו ולוטהר מרקוביץ, מייטליס. במיפגשים כאלה נשמעו ויכוחים, בילויים וזמרת שירי דת ולאום, ניגוני חסידים ושירי עם. מיפגשים אלה הרבו להש־פיע על הנוכחים שיכלו במשנה מרץ ובמסירות להמשיך בעבודתם הציונית. בין האורחים החשובים שהוזמנו להרצות במיפגשים אלה נראו גם מרצים חשובים שבאו ממרחק כמו הרב ד״ר יואכים פרינץ, פרופיסור היינריך לווה, ד״ר האנטקה, ד״ר תזארסקי, ביקור בבית אימבר נחשב לדבר המובן מאליו ושכר הבילוי בצידו. ובכל פעם כשהאורחים הביעו את תודתם הלבבית בעד קבלת־הפנים והאירוח הטוב היה מרדכי אימבר משיב ועונה: תודתכם והבעת סיפוקכם נתונות לרעיתי אסתר, בהזכירו כדוגמה את דברי רבי עקיבא: „שלי ושלכם שלה היא״... האווירה בבית אימבר היתה ספוגה שלוש אהבות: אהבת תורת ישראל, אהבת עם ישראל, ואהבת ארץ־ישראל.

קוים לדמותו של הד״ר אדם נח בראון

ביום ד' באדר תש״ך, הלך לעולמו בשנת ס״ח לימי חייו המלומד והחוקר ד״ר אדם נח בראון ז״ל שהיה דמות מופלאה וכמעט נדירה בדורנו. בטרם עת, נפסקה שירת חייו הרבגונית, העמוקה, הרחבה והצנועה, וכשכולו עוז ומרץ להשלמת ההכנות להוצאתם לאור של מחקריו ומפעלי חייו, שבראשם עומדות מהדורות מדעיות, הכוללות גם תרגום עברי חדש ומתוקן, של שניים מספרי המופת של המחשבה העברית בספרד בימי הביניים. האחד — „ספר ההרצאה וההזכרה״ (במקורו הערבי „כתאב אלמחאצ׳רה ואלמד׳אכרה״, שתורגם ראשונה ע״י המלומד ב״צ הלפר ז״ל בשם „שירת ישראל״) והשני — „ספר ערוגת הבושם״ (בערבית „כתאב אלחדיקה״) שני הספרים שהם פרי עטו ומחשבתו של רבי משה אבן־עזרא, החוקר־המבקר, הביוגרף וההסטוריון הראשון של הספרות היהודית־ערבית בתולדות ישראל.

זכות נדירה היתה לתלמידיו של ד״ר בראון במכון ל־מדעי המזרח באוניברסיטה העברית בירושלים — שהח״מ היה אחד מהם — לקנות מפיו חכמה ודעת, והעיקר — חיזוק האמונה בלב ו„תיקון מידות הנפש״, כפי שקרא ד״ר בראון לתרגומו העברי החדש של ספרו הערבי במקורו („כתאב אצלאח אל אח׳לאק״) של רבי שלמה אבן־גבירול. תרגום מתוקן ומשוכלל יותר מהתרגום הראשון של יהודה אבן־תיבון בתקופת חיבור היצירה. ספר זה, שהופיע בשנת תשי״א בהוצאת מחברות לספרות בסיוע מוסד הרב קוק, ובצרוף מבוא, תוספות, הקבלות ומפתחות, הוא, כנראה, הספר היחיד מפרות מחקרו ומדענותו של המנוח, שראה אור בחייו.

בהקדמה לספר זה (עמ' ה') מזכיר ד״ר בראון כי קדם לתרגום זה תרגומו של ספר „מבחר הפנינים״, אף הוא של רשב״ג. אולם תרגום זה טרם הודפס, כפי הנראה, כשאר חלקי עזבונו המדעי רב החשיבות של המנוח.

הד״ר בראון היה חוקר ומומחה, מושרש ומעמיק, של הספרות העברית בספרד. בייחוד, באותן נקודות־מפגש רבות של ספרות זו עם הספרות הערבית בת זמנה, אשר השפיעה עליה הרבה מצורותיה, תכניה ודרכי הבעתה. שטח זה של מחקר־מדעי, היווה חלק חשוב ביותר ממישור למדנותו הענפה והמפכה שלא חסך מעולם את פרותיה מכל רע וידיד, מורה ותלמיד, שואל ומתעניין.

מפעל אחר, מן החביבים ביותר על המלומד המנוח, היה מפעל הקונקורדנציה של השירה הערבית הקלאסית (עד התקופה האומיית, ועד בכלל), שהוא היה ממניחי יסודותיו וממטפחיו הנאמנים. לא אחת שמענוהו אומר לנו בחיבה: „באחד באפריל 1926, כתבתי את הכרטיס הראשון של הקונ־קורדנציה, מתוך ספר 'אלהאשימיאת'...״ ואמנם, אחת התקוות הגדולות שכה אהב ד״ר בראון לטפח בלבו ובלב תלמידיו־באוניברסיטה, וחבריו־לעבודה במפעל, היתה תקוותו לחזות בסיומה של הקונקורדנציה. ומה גדולה היתה שמחתו, כאשר, הובאו לפני כשנתיים מהאוניברסיטה שעל הר הצופים, יותר מחצי מיליון כרטיסים, שרובם נכתבו וסודרו בידיו הוא. הוא ראה בכך אות להשלמתו הקרובה של מפעל זה בעל חשיבות עולמית, אשר רבות פעל ותרם מכשרונותיו לו. משום כך גדולה האבידה בפטירתו של ד״ר בראון ז״ל קברניטו המדעי, מזכירו ועורכו הראשון של המפעל.

חיבה מיוחדת היתה לו לד״ר בראון למפעלים מסוג זה. כל תלמידיו ובאי ביתו, שהיה תמיד בית־ועד ואולם־קריאה ולימוד לחכמים ולתלמידים גם יחד (ומי, בכלל, מבין מכריו לא היה תלמידו?) זוכרים את הקונקורדנציה־זוטא של החרו־זים הפזורים בספר „אלף לילה ולילה״, שהוא מצא את מקורותיהם וסידרם באלפי כרטיסים. ולמרבה הצער, הניח גם אותם בכתב־יד.

רבת־צדדים היתה אישיותו של המנוח. כבלשן מחונן, היה ד״ר בראון בקי בקרוב לחמש עשרה לשונות, מקבוצת הלשונות השמיות, סלאביות... ועד אספרנטו. אך תפיסתו הבלשנית היתה מעבר לצורות לשוניות והתפתחויותיהן. הוא הדר לתוכה של כל לשון, וחש את תוכנה עד־יסודה, או כפי שקרא לאחד משיעוריו המאלפים בשנת הלמוד האחרונה באוניברסיטה: פילוסופיה של לשון (בשילוב עם) פילוסופיה של דת. שילוב זה של פילוסופיה של דת ולשון, יש בו, אולי, משום סמל לדמותו המדעית־דתית, ולגישתו הסימנטית־מיתפיסית לכל נושא כמעט, בתחום הרחב של עיוניו ומחקריו הרבים.

על יחסי גומלין בין האדם והטבע כמקורו של הטוב בעולם, אמר ד״ר בראון פעם: ה ט ו ב הוא מכינויי א ל ה י ם („הטוב כי לא כלו רחמיך״); ה ט ו ב הינו מכינויי ה ט ב ע („אעביר כל טובי על פניך״); ט ו ב זה השורש של ט ב ע (במובן נאטורה) אף כי מלת ט ב ע אינה מופיעה במקרא. ומדוע נקרא הטבע טבע, כי האדם טובע בו. כך שאל ד״ר בראון הטבעוני המובהק וכך השיב עפ״י דרכו המיוחדת.

אין זו, בעצם, אלא אחת ממאות מימרותיו המחכימות המצטיינות בהברקתן הלשונית והמחשבתית, אשר הן פזורות בין מחברות וזכרונות תלמידיו וידידיו. ואם ייעשה נסיון אי פעם לכנס מימרות וחידושים אלה, אזי נזכה בודאי לאוצר פילוסופי־דתי לשוני רב חשיבות.

במאמרו על ספר „שירת ישראל, כתב ד״ר בראון על מחברו רבי משה אבן־עזרא, בין השאר: 'יהודי היה, ושום דבר יהודי לא נחשב זר בעיניו; אדם היה ושום דבר אנושי לא נראה לו לנכרי״. בשני משפטים אלה, נתן המנוח, כמדומני, ביטוי גם לעצמו הוא, ולכל תורתו על רגל אחת.

ואם אמנם, נסתיימו ימי חייו של ד״ר אדם נח בראון, הוא לא מת, כי אם „עבר אל הנצח״. שכן, הוא הוא שאמר פעם: אני אינני ירא מפני המות, כי אני אעבור אל הנצח״.

נשמתו צרורה בצרור החיי־הנצח.

קיצור תולדותיו:

ד״ר אדם־נח ב״ר חנוך בראון ז״ל, נולד בכ״ז בניסן תרנ״ב (1892) בקרקוב, פולין. קיבל חינוך יהודי מסורתי וחינוך תיכון בגימנסיה פולנית באותה עיר. השתלם אחרי־כן באוניברסיטת קרקוב בבלשנות, פילוסופיה ושפות רומניות. ואח״כ באוניברסיטאות ברלין, וירצבורג, והיידלברג. ובבית המדרש הגבוה לחכמת ישראל בברלין (שם הרצה פרופ' הרמן כהן). הוא למד משפטים באוניברסיטת ברלין. בשנת 1916 הוכתר באוניברסיטת היידלברג בתואר ד״ר לפילוסופיה באות הצטיינות, ונושא הדיסרטאציה שלו היה: „שלילת ההעדר אצל הרמב״ם״. אחר שימש כמנהל גמנסיות עבריות בפולין ובבי״ס תחכמוני באנטוורפן. ובשנת 1924 עלה לארץ. כשנוסד המכון למדעי המזרח באוניברסיטה העברית בירו־שלים ב־1926, הצטרף לחבר עובדיו המדעיים והיה קשור עמו כל השנים בעיקר במפעל הקונקורדנציה של השירה הערבית הקלאסית. בשנת תשי״ז החל להרצות במכון, על הספרות היהודית־ערבית; פירסם מאמרים ומחקרים רבים בכתבי־העת בארץ ובחו״ל בשפות שונות. ואור ליום חמישי, ד' באדר, תש״ך, נפטר לאחר מחלה קצרה.

לפני צאת ההלוויה מבית זיו להר־המנוחות בירושלים, הספידוהו פרופ' יוסף ריבלין והרב שאר־ישוב, חבר מועצת העיריה. ליד הקבר הרענן הספידוהו פרופ' אוריל הד, ראש המכון למדעי המזרח, ועוד אחד מחבריו ב„בנים החופשים״.

הניח אשה, שלושה בנים, חמש בנות ונכדים. בכ״ט באדר (28.3.60) נערכה ב„בית הלל״ אזכרה מטעם המכון למדעי המזרח ליום השלושים לפטירתו. דברי הספד נאמרו ע״י פרופ' מ. פלסנר בשם מורי המכון, ומר זכאי אהרן בשם תלמידי המנוח.

זכאי אהרן

בין שבילי ירושלים

לזכרו של ד"ר אדם נח בראון זצ"ל

דבקותו ואהבתו של ד"ר בראון בירושלים נבעה ממעינות עמוקים מאד. שום שיחה או פגישת רעים, לא התקיימה בלעדי שילוב שמה ותפארתה של ירושלים היא עיר הנצח שהיתה שזורה במהלך מחשבתו ודמיונו העשיר, בחיי יום יום. ואפילו החיים הקשים אשר הגורל הטיל על שכמו, הצרות והצער אשר נתנסה בהן לא הסיחו דעתו ממנה. מאבק על כל צעד ושעל היו נראים לו יותר תכליתיים בחשבו עליה. הוא ממש הגיע עד לשרשיה, חקר תולדותיה וחדר לקדמוניות, מעקידת יצחק בהר המוריה ונצחונו של דוד המלך בעמק הרפאים ועד מלחמת קוממיות בימינו אנו בשערי ירושלים המחודשת וחלקו הוא ובני ביתו בה...

יום יום חידש איזה דבר הקשור לעריסת הנביאים והחוזים, הוא ראה בה מרכז העצבים של כל העולם. היה אומר, באם העולם יבין, יתעניין ויחקור את הדרה, את יפיה, את תשעת קבין היופי שנפלו בחלקה יגיע לשלום הנצחי, ירגיש וימחיש בחזון אחרית הימים. באמונתו זו הדביק את ידידיו ומכריו הרבים. ונצמדנו לשתות ממעין המתגבר ובדברי נועם נפלו עלינו דבריו כטל הבקר, המרענן, בטהורו וזכותו ומעורר לחדוות חיים ושיבה לטוב.

הוא לא השתייך למטיפי מוסר ומתוך אהבה לכל מה שסובב אותו פתח את לבו הטוב. במאבקו המר עם יסוריו, לא ערער. קבל הכאבים, כיסורי אהבה, ולפעמים אפילו הרגשת אמרת איוב מעל שפתיו מרחפת.

טרדות החיים, דאגות פרנסה לא הרפו ממנו, (ואפשר לומר עליו בלשונו של רבן גמליאל, אינכם יודעים כמה קשה פרנסתם של תלמידי חכמים) ואף על פי כן שום דבר חומרי לא קסם לו, דברים פשוטים אצל זולתו בעיניו מותרות נראו, כי עולמו חי.

התנזר ממאכלי בשר, צמחוני, אדוק היה, מאמין, עמוק, התהלך משולהב על אדמת ירושלים, הסלעית, האלוהית, הנצחית. בהתפעלותו ממנה הקרין עלינו, כי האמין האיש במה שהיה אומר, ובאהבה הביא את דברו לזולתו, במעשיו הטובים משלים את ירושלים ומבצריה, ועל ידי אהבתו תורם חלקו ליצירה המחודשת.

לא התווכחנו אתו, שתינו בצמאון דבריו, בו הרגשנו כי „דברי חכמים בנחת נשמעים" והטוב ודרך הישר דרכו.

נעים היה לשמוע את פירושיו, איך נתן טעם לשבעים שמות אשר ירושלים נקראת בהם. הרגשת כי גם אתה נשען על יסודותיה של ירושלים. אכן הרבה דמיון היה בינו ובין ירושלים, גם היא דלה בחומר ועשירה ברוח, נראית לך דלה בלבושה הסלעי וקורנת ביפיה הפנימי. היא היתה בעיניו יעוד היחיד ושאיפת הכלל, והרגשת ביתיות בה. הגעת אליה למטרה נכספת סימפוניה של שירה וכמיהת דורות צמאי גאולה, מקום הולדת קהלת ושיר השירים, בין מזמורי תהלים של דוד וברק של חכמת משלי שלמה, הכל נולד כאן ונברא למען כאן. היא תמיד מתחדשת, שיבת ציון, תקומת ישראל ומדינת ישראל חלק בלתי נפרד ממנה, ושבו בנים לגבולם, הגבול הרוחני והפיזי גם יחד, על הכל דיבר, שינן ולמד והחדיר בך בלהט אהבתו לציון, קירב אותך לכור מחצבתך.

יעצט פון בעלי ביתישע לומדישע וועלט אין סאָסנאָוויץ: ר׳ חיים שטייניץ, ר׳ ירמיה איגרא, ר׳ שמחה קלמן בייער, ר׳ יוסף אבראמצ׳יק (מיין פאָטער), אלע לומדים, ש״ס יידן, גבירים, חסידים ואנשי מעשה וחסד. מען קאָן נאָך אויסרעכענען אַ לאַנגע ליסטע פון פיל לומדים ווי למשל, ר׳ לייב ענגלארד, זיין איידעם ר׳ הערצל מייזעלס, מיין זיידע אַ פרנס פאר בערך 40 יאָר אין דער קהילה אין סאָסנאָוויץ ר׳ יעקב לייב אַבראמצ׳יק אַ ייד אַ שיינער בן תורה אַ גביר כל ימי חייו, אַ פאָטער פון דער באַקאַנטער משפחה אבראמצ׳יק אין סאָסנאָווצע. זיין זון נטע אַבראמצ׳יק געווען דער פּרעזעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אויך פון באַנק קופּ־יעצקי וואָס האָט עוסק געווען ביים טיילן הלוואות גערדיקטע סוחרים און אָרימע מענטשן אַזוי ווי אַ גמילות חסדים קאַסע, ר׳ ראובן לאודן וואָס זיין איינציק פאַרבליבענער זון ר׳ דוד זאָל מיו״ש זיין געפינט זיך אין א״י אין תל־אביב, און כדומה וכדומה איז סאָסנאָוויץ געווען רייך מיט שיינע בעלי בתים הן חסידישע קלאַס און מאָדערנע קלאַס יידן.

איך האָב זיך בחסדי השם געראַטעוועט מיט מיין פרוי רייזל קאשיצקי־בעסער אַ טאָכטער פון באַקאַנטן בעל צדקה און באַנקער פון קאַטאָוויץ ר׳ נפתלי וואָס איז געשטאָרבן אין תל־אביב אין יאָר תשט״—1949 און מיין זון אַן איינ־יאָריק קינד דאמאָלס אין 1940 קיין איטאַליע, מיטן זעלבן ווטי וואָס דער וועלט באַקאַנטער גערער רבי ר׳ אברהם אלתר זצ״ל און דער היינטיקער גערער רבי ר׳ ישראל שליט״א וואָס וווינט יעצט אין ירושלים מיט דעם באַקאַנטן „אגודה״ פירער ר׳ איטשע מאיר לעווין אַן איידעם פון פריערדיקן גערער רעבין זצ״ל און אַ זון פון בענדינער רב, ר׳ פיניע לעווין פירער פון די בית יעקב שולן אויך אַזון פון בענדינער רב זצ״ל.

אוי סאָסנאָווצע — סאָסנאָווצע. ביזט נאָך געווען יונג און האָסט נאָך געקאָנט אַרויסגעבן פון דיר גרויסע מענטשן. אָבער דיין יונגע עקזיסטענץ איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די רוצחישע הענט. ווו זענען דיינע ישיבות „כתר תורה״? ווו איז דיין שיינע גרויסע „תלמוד תורה״ און אלע מוסדות החסד והצדקה! דיינע שענסטע זין, שמאַכטן היינט אין קבר, מיר פאַרמאָגן נישט היינט דעם גרויסן מקונן ירמיהו הנביא וואָס איז אימש׳טאַנד געווען צו באוויינען אַ חורבן. אונדזערע טייערע ברידער און שוועסטער זענען אומגעקומען, קינדער געש־ליידערט פון די פענסטער, רבונו של עולם — „עשה למען תינוקות שלא חטאו״, מיר דארפן אַלס רעליגיעזע יידן קיין קשיות נישט פרעגן, די גמרא אין מסכת מנחות (דף כ״ט) דערציילט אונדז דאָס דער ערשטער יידישער פירער דער רועה נאמן משה רבינו האָט געבעטן ביי ג—ט דאָס ער זאָל אים ציי֞גן דעם מענטש וואָס וועט פאַרשטיין אַלע סודות פון די תורה. האָט אים ג—ט געענטווערט, דאָס מיט אַסאַך דורות שפּעטער וועט געבוירן ווערן אַ מענטש וואָס וועט הייסן עקיבא בן יוסף (דער תנא רבי עקיבא). ער וועט קענען דרשהנען טויזנטער תלי תלים הלכות אויף יעדן קריינדל וואָס שטייט אין ספר תורה, האָט משה רבינו געפרעגט וואָס וועט זיין זיין שכר פון עקיבא בן יוסף, האָט ג—ט אים געצייגט, ווי די גויים די רוצחים נעמען געגליטע אייזערנע צוואַנגען און קעמען און מען קעמט זיין לייב, און זיין נשמה גייט אויס ביי שמע ישראל ד׳ אלוקינו ד׳ אחד, האָט משה רבינו אָנגעפאַנגען צו שרייען: זו תורה וזו שכרה? האָט ג—ט אים געענטפערט „שתוק״ שווייג, כך עלה במחשבה לפני. אַזוי וויל איך און אַזוי הייס איך, דאָס איז אייגענטלעך דער קורצער אנטוואָרט פאר יידן מאמינים בני מאמינים, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט פרעגן קיין קשיות און איבער־הויבט אויף קשיות וואָס מיר קליין־קעפּלדיקע מענטשן האָבן נישט קיין תירוץ. רביס, רבנים, צדייקם יקדושים תמימים ויראי ד׳ אינטעליגענטע מענטשן מיט מעשים טובים, דאָק־טוירים, אַרבעטער, ישיבה בחורים, סטודענטן, זויגליגע קינדער — זענען פאַרשניטן געוואָרן ביי זייערע בעסטע און שענסטע יאָרן.

סאָסנאָווצע — סאָסנאָווצע. איך האָב דיך געזען אין דיין שיינעם גלאַנץ און אויך ביי דיין חורבן.

מי יתן לנו תמורתם. תהי נפשם צרורה בצרור החיים. די איינציקע נחמה אונדזערע — אונדזער מדינה „מדינת־ישראל״, סאָסנאָווצע דיין אנדענק זאָל בלייבן אויף אייביק.

הרב מרדכי אבראמצ׳יק בן ר׳ יוסף ז״ל

ישראל משה וויינרעב

כוועל ניט טרייסטן און וועל ניט געטרייסט ווערן. ניטאָ קיין טרייסט נאָך דער גרויסער שרעקלעכער אבדה.

כוועל ניט רעדן איבער די געוואלטיגע פארדינסטן און מעשים פונם גרויסן נפטר, וועלכער איז געווען פון די סאמע ערשטע אין פוילן, אין וועלכן סהאָט דערוואכט מיט דער גאנצער קראפט דאָס נאַציאָנאַלע וויסן און געוויסן, און זיי צו וועקן ביי טויזנטער אנדערע, וועלכער איז געווען אין דער גרויסער בחינה פון „אעירה שחר״ — בשעת ארום און ארום איז געווען שטארק פינסטער. בשעת אלע האָבן נאָך געשלאָפן אַ שווערן לעטארגישן שלאָף, איז ער, ר׳ ישראל משה, געווען פון די וויניגע, פון די געציילטע, וועלכע האָבן מיט געוואַלט אראָפּגעריסן דעם מאָרגנשטערן פון דעם שטערנלאָזן הימל.

כוועל ניט רעדן וועגן ריזן־גרויסן אומפאנג פון זיינע לייסטונגען במשך 35 יאָר וואָס ער איז געשטאַנען אין קאַמף־פראָנט אלס סאָלדאַט און גענעראַל, אלס פירער און וועגווייזער, אלס אמתער פאָלקס־טריבון; אין משך פון יענע 35 יאָר, וועלכע זענען אזוי פול מיט שטורם און דראַנג, אזוי רייך אין גלגולים און נסיונות: פאָליטישער ציוניזם, פּראַקטישער ציוניזם, אוגאנדא, טעריטאָריאַליזם, געגנווארטס־ארבעט, אויטאָנאָמיזם, העברעאיש, יידיש, קהילות־אויפבוי. און די אלע וועכסל־פאַזעס פון אונזער אויפלעבונגסגעדאנק האָבן אויף קיין איין מינוט ניט אָפּגעשוואַכט דעם ברען פון זיין ארבעט. וועלכע האָט געהאָט פאר זיך איין און איינציג הויפטציל: די תחיה פון יידישן פאָלק און פון יידישן לאנד.

כוועל זיך ניט אָפּשטעלן אויף די זעלטענע קוואַליטעט, אויף די איכות פון זיין ארבעט: פול מיט הארץ און נשמה, פול ערליכקייט, פריי פון יעדער פניה, דורכגעדרונגען מיט ריינעם אידעאַליזם, איז די נאציאנאלע און ציוניסטישע אַרבעט געווען ביי ר׳ ישראל משהן ניט קיין צייט־פערטרייב, ניט קיין ספּאָרט־זאך, אין וועלכע מאיז עוסק ווען מאיז גוט אויפגעלייגט — נאָר אַ הייליגע עבודה, וועלכע ווערט געטאָן מיט אהבה און מיט מסירות נפש, ביי אלע אומשטענדן און ביי אלע בעדינגונגען פון לעבן, לויט דער גרויסע מדרגה פון „בכל דרכיך דעהו״.

פון אָט דעם אַלעם וויל איך ניט רעדן: פון אָט דעם אלעם קען מען ניט רעדן אין געציילטע ווייטאָג־געשטיקטע שורות אין אַ צייטונגסארטיקל. וועגן דעם אַלעם דאַרף דער־ציילן אגרויס בוך געווידמעט דעם הייליגן אנדענקן פון י. מ. וויינרעב ז״ל. אַגרויס בוך דאַרף איבערגעבן פאַר די אַלע, וועלכע זענען אין לעצטן און אין היינטיגן דור צוגעשטאנען צו דער נאציאנאלער און ציוניסטישער זאך, אז י.מ. איז דאָס געווען פון די ערשטע יחידי סגולה וואָס האָבן אויסגעטרעטן די הויפּט־וועגן און האָבן מעגליך גע־מאכט די ענטוויקלונג פון אונזער בעוועגונג.

אָבער איך וויל ווידמען אַפּאָר ווערטער דעם מענש, דעם אדלמאַן, און נאָבעלן טיפּ י. מ. וויינרעב, כוויל בעוויינען דעם פאַרלוסט פון איינעם פון יענע ליכטיגע געשטאַלטן וועלכע ווערן וואָס אַמאָל זעלטענער אין אונזער לעבן. כוויל בעוויינען די אבידה פון איינעם פון מיינע בעסטע אינטימסטע פריינט וועלכער איז אוועקגעריסן געוואָרן פאַר דער צייט.

אין אונזער היינטיגער צייט אין וועלכער עס פאַרנעמען דעם אויבן אָן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן די מגושמדיקע גראָבקייט מיט איר בן־זוג: דעם אויפגעקומענעם עם־הארץ, וועלכער פערשטייט קונציג אפצופאליטורן און צו פערדעקן זיין פוסטע נישטיקייט מיטן גלאנצעדיגן לאָך פון „שפענדן״ און „וואלטעטיגקייט״. ווי דערהויבן, ווי ריזיג־גרויס איז געווען די אימפּאָזאַנטע איידל־געשטאַלט פון י.מ. וויינרעב מיט זיינע אמת אריסטאָקראַטישע מאַניערן, מיט זיין עכט נגידישן שניט, מיט זיין איינגעבוירענער אינטעליגענץ, מיט זיין ריח תורה, מיט זיין גלאַנץ פון אַמאָליגער אמתדיגער חסידות. ווי גרויס, ווי אומדערזעצלעך איז די אבידה.

פעריתומט געוואָרן זאגלעמביע — אן דער גלאנץ־פיגור פון ר׳ ישראל משה וויינרעב.

משה פיינקינד

זאג. צייט נומ. 47 — 1931

ר׳ ישראל משה וויינרעב

אז אַזאַ אויפריכטיגער ציוני פון דער אלטער גווארדיע ווי ר׳ ישראל משה וויינרעב איז געווען, וועט זיך אזוי געשווינד מיט דער וועלט געזעגנען, אויף דעם האָב איך מיך ניט און אפשר קיינער ניט פון זיין אומגעבונג, גערעכט.

מיט אים איז פון אונזערע טרייע רייען אוועקגעריסן געוואָרן איינער פון די בעסטע זין, פון די טרייעסטע אקטיווע קעמפערס פאר דעם הייליגן רעיון פון תחית העם און תחית הארץ.

ווער סהאָט נאָר געהאַט די געלעגנהייט אמאָל מיט דעם גרויסן נפטר צוזאמען צו ארבעטן אויף דעם ציוניסטישן געביט, דער מוז ווילנדיג ניט ווילנדיג מודה זיין, אז ווי א„זעלנער אויף דער וואך״ איז ער תמיד געשטאַנען גרייט מיט מעשים צו בעווייזן זיין טרייקייט און אָפּפערווילינקייט צו דינען די יידישע אינטערעסן בכלל און דעם ציוניזם בפרט.

ער האָט איבער זיינע כוחות אסך געלט געאָפּפערט פאר ציוניסטישע צוועקן. ער האָט איבער זיינע כוחות געארבעט לטובת זיין פאָלק, וואָס סאיז ביי אים אין הארצן אזוי שטאַרק איינגעבאַקן געווען.

ניט געשווינט זיך, און ניט געשווינט קיין אנדערן האָט

ר׳ ישראל משה מיט זיין גאנצן אימפעט פון לעבן געשטרעבט אויפצובויען די אלטע היים פון יידישן פערוואָגלטן פאָלק אין גלות, און געגעבן זיינע קינדער דעם איינציגן זון, אַ רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ערציהונג, פירנדיג זיי אויף דעם וועג וואָס ער איז זעלבסט געגאַנגען.

ר׳ י.מ. וויינרעב האָט מען געקענט זען אויף די ציוניס־טישע קאָנגרעסן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין באזעל, האאג, האמבורג אזוו. אלס דעלעגאַט פון די ציונים אין סאָסנאָוויץ, ווי ער האָט צוזאמען מיט דעם פערשטאָרבענעם וויינבערג א.א. געגרינדעט די ציוניסטישע אגודה.

אויף דעם אזוי היסטאָרישן זעכסטן קאָנגרעס האָט ר׳ י.מ. וויינרעב געשאָפן די אזוי גערופענע פוילישע „לאנדס־מאנשאפט״, וואָס איז בעשטאַנען פון כמעט אַלע דעלעגאַטן פון דער פיעטריקאָווער גובערניע, וועלכע לאַנדסמאַנשאַפט איז געבליבן טריי דעם ד״ר הערצל נישט שטעלנדיג זיך אין דער אָפּאָזיציע וועלכע איז דאמאָלס אַנגעפירט געוואָרן פון די אזוי גערופענע „כאַרקאָווער״ געגן אים אין דער אַזוי בעוועגליכערע אוגאנדא־פראגע.

און ווען אין 1907 איז פאָרגעקומען ביי שווערע בע־דינגונגען צוליב „קריגסצושטאַנד״, וואָס איז געווען אין פוילן צוליב די אלגעמיינע רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג — אַ אונלעגאלער צוזאמענפאָר פון ציוניסטן אין פיאטרקאָוו, האָט מען אויף דעם לאַנגיעריגן ציוניסטישן סוחר ר׳ י.מ. וויינרעב אויף דעם דאָזיגן צוזאַמענפאָר געוועלט אַלס דעלעגאַט פון די סאָסנאָוויצער ציונים.

און ניט קוקנדיג אויף דער געפאַר וואָס האָט דאַמאָלס געדראָט אלע אַנוועזנדע האָט ער זיך בעטייליגט ווי אַ אמתער זעלנער אין דער בעראַטונג ביז צום סוף.

אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ איז געשאַפן געוואָרן אַ גובערניע קאָמיטעט, וואָס זאָל באלעבן און אַנפירן מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט אין די שטעט און אויך מיט די וואַלן צו דער דומע.

און ר׳ י.מ. וויינרעב איז געוואָרן געוועלט אלס קאָמי־טעט מיטגליד.

אין יאָר 1908 איז פאָרגעקומען אַ ציוניסטן־טאָג פון אויבערשלעזיען אין קאַטאָוויץ, אויף וועלכן סאיז בעשלאָסן געוואָרן לויט דער איניציאטיוו פון שרייבער פון די דאָזיגע שורות צו פייערן דעם 25־יעריגן יובילעאום פון דער „חובבי־ציון״ קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ. און איינער פון די איינאָרדנער פון יענעם יובילעאום איז טאַקע געווען ניט קיין אנדערער ווי דער אייביג ענערגישער און אָפּפערוויליגער י.מ. וויינרעב ז״ל.

ער האָט זיך משתדל געווען ביי דער גרעניץ מאכט ארויסצובעקומען פאַר די פוילישע דעלעגאַטן איינטאָגיגע פרייע פאַסירשיינען קיין קאַטאָוויץ אזוו.

קיין איינציגע ציוניסטישע אינסטיטוציע איז ניט פאראן געווען, אין וועלכער דער נפטר זאָל זיך ניט בעטייליגן הן מיט געלט הן פערזענליך.

איינעם פון די בעסטע יידישע פאָרשטעער, אַ משכיל פונם אלטן שניט און אַ וואַרימער ייד אין ציוני האָט סאָס־נאָוויץ פערלוירן און מיט איר די ציוניסטישע רייען, וועלכע ווערן מיט יעדן טאָג אַזוי שיטער פון יענע העלדן פון דער אלטער טרייער גוואַרדיע, צווישן וועלכע סהאָט זיך אויך געפינען ר׳ י.מ. וויינרעב.

זאָל אים די ערד גרינג זיין ובצל שדי יתלונן.

נפטר ביום ה׳, ב׳ בכסליו, תרצ״ב. בן ס׳ היה במותו, 20 נובמבר 1931.

לאַנגיעריגער נאַציאָנאלער עסקן, וועטעראַן אויפן געביט פון נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט אין סאָס־נאָוויץ.

אומעטום, ביי אלע געז. אקציעס פערנומען דעם אויבנאָן, אין פערלויף פון אַ רייע יאָרן פערנומען דעם פרעזעס־אמט אין „סוהרים פעראיין״. א לענגערע צייט געווען קהילה פרעזעס און בכלל פיגורירט אלס פערזאָן צו וועלכן מען בעציט זיך מיט דער גרעסטער אַכטונג.

לייביש וויטלזאָן ירושלים.

וואס די זקני העיר דערציילן

וואונדערליכע מעשיות וועגן ר׳ לייב ענגלאַרד ז״ל, א וואונדער שיינע געשטאַלט, פון די שענסטע בעלי־בתים און אַ תלמיד חכם און בעל מידות טובות, באַזונדערס אין הכנסת אורחים, און דערצו אַ גרויסער גביר, פון די ערשטע וואָס האָט זיך באַזעצט אין סאָסנאָוויץ.

געהאַט אַן אייגענעם בית המדרש ווו מ׳האָט געדאַוונט און געלערנט. אין די שבתים און ימים טובים איז געווען גאָר פריילעך. ר׳ לייב איז געווען אויך דער באַזיצער פון דער בראַנפן־גיסעריי, משקה האָט נישט געפעלט, און געווען מיט וואָס מאכן אַ קידוש.

אַזוי פלעגט ער, צום „תיקון ליל שבועות״ פאַרטאָג אריינקומען אין קלויז און געבראַכט גרויסע בוטלעס ווין, און צוגעגרייט דעם קידוש מיט אייגענע הענט, און דאָס פנים האָט דערביי געשיינט מיט גוטסקייט, ברייטקייט און פאַרגינערישקייט.

עס האָט ארויסגעשיינט ממש אַ ליכטיקייט פון זיינע

אויגן, אָנגעפילט מיט התלהבות, זעענדיק ווי דער עולם איז פאַרטועט אין זאָגן תיקון.

עס דערמאָנט זיך מיר אויך ווען איך בין נאָך אַ ייִנגל געווען האָט ר׳ לייב געהאַט אַ קאָלאָניאַל געשעפט, געפירט דאָס געשעפט האָט זיין פרוי, ער האָט זיך ווייניק דערין געמישט. ער איז געווען אריינגעטאָן אין לערנען. פאַרנאַכט פלעגט ער אריינגיין אויף אַ ווײַלע אין געשעפט אריין, ווארפן אַ בליק אין די ביכער.

איינמאָל אזוי בלעטערנדיק אין די ביכער האָט ער באַמערקט, אַז די קאָנטאָ קלאַפּט נישט ווי עס געהער צו זיין. עפּעס פארגלעט מען דאָ, ער האָט גלייך געפרעגט זיין פרוי וואָס דאָס באַטייט.

אויך איר תשובה איז אים נישט געווען צום האַרצן און דערביי איר געזאָגט: מיר גיבן איבער דאָס געשעפט, און איבערגעגעבן האָט ער דאָס זיינס אַ שכן אנטקעגן איבער, וואָס האָט אויך געהאַט אַזאַ געשעפט. פאַרשטייט זיך אז דער שכן האָט דאָס אויפגענומען מיט צעפרידנקייט און גלייך מסכים געווען.

אַזוי האָט ער זיך געפירט סאַי אין גשמיות און סאַי אין רוחניות. אַן אײַדעלער ייִד נאָר מיט אַ פעסטן כאַראַקטער.

איינמאָל חול המועד פסח, איז אים באַפאַלן אַ באַגער פאָרען צום רעבן, אָבער פאלג מיר אַ גאַנג, ר׳ לייב איז



ר׳ לייביש וויטלזון פון ירושלים

ר׳ לייב האָט זיך פאַרטראַכט, אַ גלעט זיך געגעבן זיין

געווען אַ בויאַנער חסיד און דער רבי האָט געוווינט אין רומעניע, געדאַרפט פאָרען איבער דריי לענדער, אָבער ביי ר׳ לייבן האָט דער ווילן געברענט, זיין פרוי און קינדער קאָנען אים נישט צוריקהאַלטן, היתכן פסח ווען אַלע באַמיען זיך זיצן אינדערהיים, גייסטו גאָר פאָרן, עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, ר׳ לייב מאַכט אַ „פולפאסעק״ (אַ האַלבן פאַס) און פאָרט אוועק אין אַ מזלדיקער שעה.

און אָט איז אחרון של פסח, דער עולם אין קלויז ביי ר׳ לייבן מאַכט זיך פריילעך מען עסט און מען טרינקט פון אַלעם גיטן, און ווען דער עולם איז שוין געווען גאָר אויפ־געלייגט, כאַפּט זיך אַרויס דער גראָבער יצחק, וואָס האָט ליב געהאַט אַ הארבן זיפּ, און נהנה געווען פון דער ברייטער האַנט פון ר׳ לייבן און זיין משפחה, און ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן אויף דעם טיש, און אַזוי אַ צעטאַנצטער לויפט ער אַריין צו ר׳ לייבס ווייב און ווענדעט זיך צו איר מיט אַ געבעט, זייט וויסן ר׳ לייבס ווייב, איך זע עס באַשיינפּערלעך, אַז עס איז אַ שעת חסד, איך ווייס דאָך אַייער צעבראָכן האַרץ וואָס הערצל נעבעך האָט נישט קיין קינדער, איך זאָג אייך צו בעז״ה אַז דאָס יאָר פאַרגייט אייער שניר אין טראָגן און עס וועט זיין אַ בן זכר.

ר׳ לייבס פרוי זעענדיק ווי שיכור ער איז, האָט אַ שמייכל געגעבן, און געמיינט אַז מיט דעם קומט זי אָן.

דער גראָבער יצחק האָט אָבער נישט אָפּגעטרעטן, ביז אַ פלאַש בראָנפן איז געווען אין זיינע פעסטע הענט, און ווידער טאַנצט ער אריין צום עולם, שפּרינגט ארויף אויף דעם טיש און ריפט אויס, רבותי, אי״ה אַ בן זכר ביי הערצלען, לחיים לחיים, יידן. דער עולם לאַכט פון גאַנצן האַרצן און זאָגט נאָך אמן. און אַזוי אין דער גרויסער שמחה, מיט די בעסטע האָפנונגען האָט דער עולם אַרויס־באַגלייט דעם יום טוב.

און טאַקע באַלד נאָך אסרו חג איז ר׳ לייב צוריק־געקומען בשלום אַהיים. אַ באַנייטער, אַ לייכטער, אַ צעש־טראַלטער, פון אָט דער באַגעגעניש מיטן רבין. און אַזוי ביי אַ אָוונט ברויט זיצענדיק מיט זיין פרוי ביים טיש זאָגט זי אים אָן די בשורה אַז די שניר איז אין טראָגן פאַרגאַנגען.

ר׳ לייב האָט זיך פאַרטראַכט אַ גלעט זיך געגעבן זיין לאַנגע געזילבערטע באָרד ווי ער וואָלט זיך עפּעס דער־מאָנט, און גיט אַ פרעג זיין פרוי אין וועלכער שעה איז דאָס געווען, ווען דער גראָבער יצחק האָט געבעטן בראָנפן, זי ענטפערט אים זאָגט זי די שעה, אוי גיט ער אַ זאָג. דאָס איז דאָך געווען באמת אַ שעת הכושר ווי אין דער זעלבער שעה מנחה צייט ווען מיר האָבן זיך פריילעך געמאַכט ביים רבין און אַרויס אין אַ ריקודל און דער רבי האַלט מיך פאַר דער האַנט האָט ער זיך אַ בויג געגעבן צו מיין אויער און געזאָגט מיר, הער זיך איין. עס איז אַ שעת רצון און הערצל וועט געהאָלפן ווערן. און אַזוי איז טאַקי געווען, און צו דער צייט איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגל.

דער צווייטער איידעם ר׳ אברהמלע איז געווען דער זון פון ר׳ נחום ענגלאַרד פון סטשעמיעשיץ. אַמאָל איז ר׳ נחום זער קראנק געווען און אברהמלע האָט באַשלאָסן נעמען אים צו זיך אין שטוב ער זאָל אים קאָנען באַדינען און עס זאָל אים גאָרנישט פעלן.

ביי אים זענען יאָרן אויך קיין קינדער נישט געווען האָט ער די גאַנצע צייט און מי אָפגעגעבן זיין פאָטער.

איינמאָל אַזוי זיצענדיק ביים קראַנקן פאָטער, איז ער אריינגעפאַלן אין עצבות, פרעגט בא אים דער פאָטער, זאָג מיר מיין קינד וואָס איז דיר, וואָס קוקט אַרויס אַזאַ זאָרג פון דיר. זיי זיך נישט מצער, ווייל אין דעם זכות וואָס די טיסט אין מיר וועט השי״ת זיך מרחם זיין און וועסט האָבן אַ קינד.

ווען ר׳ נחום איז נפטר געוואָרן און טאקי אין דער וווינונג פון זיין זון ר׳ אברהמלע אין אַ פאַרנאַכט, האָט מען ר׳ לייבן נישט געוואָלט אָנזאָגן די טרויעריקע בשורה. ערשט צעמאָרגנס קורץ פאַר דער לויה האָט מען אים אויסגעזאָגט. ר׳ לייב איז אַוועק אין דער שטוב פון נפטר גלייך צו אים, זיך אַריבערגעבויגן איבער אים מיט זיין הויכער געשטאַלט און געזאָגט צום מת די ווערטער, נחום זאָלסט געדענקן... וואָס האָסט צוגעזאָגט אַברהמען, און צום יאָר איז אַ טאָכטער צו מזל געבוירן געוואָרן.

כדאי נאָך צו דערמאָנען, אַז ר׳ נחומס ווייב איז געווען אַ גרויסע צדקת. פלעגט זיך פירן ווען עס איז געקומען אַ אָרעמאַן צעגאַסט פלעגט זי אים אויסוואַשן און אויספרעסן די וועש.

אויך ר׳ לייב ענגלארד האָט געפלעגט פאַרטיילן זיינע ווינטער מלבושים אין די הערבסט טעג. און ווען די פרוי פלעגט אַרויסנעמען די ווינטער זאַכן האָט מען געמוזט קויפן ס׳רוב זאַכן אופסניי.

אַזעלכע זיינען זיי געווען די משפחה ענגלארד, איידעלע געשטאַלטן וואָס האָבן ארויסגערופן צו זיך כבוד און דרך־ארץ און זיי און זייער גדולה גענייגט צו יעדן נויט־באַדאַרפטיקן מיט אַ וואַרעם האַרץ און מיט אויפגעמאַכטע הענט.

יאָסל הריף (אוסטרי)

די אנדערשקייט פון סאסנאוויץ

עפעס א אנדערשקייט האָט געשטעקט אין סאָסנאָוויץ, זי, די שטאָט, איז געווען אַנדערש ווי די שטעט און ישובים אין זאגלעמביע.

סאָסנאָוויץ, איז געווען אַ ניי געבוירענע שטאָט, אויף דער שוועל פון צוואנציקסטן יאָר־הונדערט האָט זיך אנגע־הויבן איר דינאַמישער פונאנדערוואקס. אַ פאַרשידנארטיקער קאָלאָריט פון איר באַפעלקערונג, אַנדערש ווי אַנדערע שטעט אין פוילן, וואָס האָבן געהאַט אַ געדיכטע יידישע באַפעלקע־רונג.

די נאָנטקייט פון דער דייטשער און עסטרייכישער גרע־נעץ האָט אויך ארויפגעלייגט איר חותם אויף דער שטאָט, די נויט האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן, נישט געהאַט אין זיך די שרעק און דערשלאָגנקייט, וואָס אין אנדערע שטעט און שטעטלעך, די שטאָט האָט געארבעט און געהאַנדלט, אַנטוויקלט אַ ברייטע אינדוסטריעלע טעטיקייט, ווו יידן האָבן געהאַט די איניציאַטיוו. בעלי־מלאכות, פאַבריקן, וואַר־שטאַטן א.א.וו. מיט אַן אנטוויקלטער ארבעטערשאַפט.

אָט אַ די נייקייט פון סאָסנאָוויץ וואָס איז אַנטשטאַנען אויף אַ וואלד, נישט ווי איר אלטע שכנה בענדין, וואָס האָט שטאָלצירט מיט אירע אלטע קעניגלעכע שלעסער, אלטע בית הקברות׳ן וואָס האָבן זיך געיחוסט מיט טויזנט יאָר געשיכטע, וואָס טראָגן איבער טראַדיציעס און שטייגער לעבן פון דור צו דור.

די שטאָט סאָסנאָוויץ איז געווען אָפן פאַר השפעות, נישט געשראָקן זיך באאיינפלוסט צו ווערן פון דרויסן, זי האָט כסדר אויפגענומען נייע איינוווינער, און געהאלטן אין איין וואַקסן. יידן זענען געקומען פון קליינע שטעטלעך וואָס זענען ענג געווען זיי מפרנס צו זיין, און דאָ האָבן זיי זיך איינגעגלידערט אין פאַרשידענע אַרבעטס פאָזיציעס, און געצויגן חיונה.

הגם אויף דעם ראנד פון 20טן יאָר־הונדערט, האָט סאָסנאָוויץ אָנגעהויבן אויפזאמלען דעם ערשטן מנין יידן, צו ביסלעך קומען יידן צום טעם, זי ווערט ממש אַ פרנסה שטאָט, דאָ שעמט מען זיך נישט מיט ארבעט, דאָ צאַצקעט מען זיך נישט מיט ייחוס, דאָ הייבט מען אָן פון בראשית, מיט איין וואָרט: די שטאָט ווערט אַ „מיניאַטור” ניו־יאָרק פאַר אַסאַך יידן.

אויך מאסן דאָרפישע פויערים האָבן זיך אַלאָז געטאָן אין דער נייער געגענט, זיי ווערן קוילן גרעבער און אייזן־הוטן ארבעטער. אויך די גלאָז־הוטע פאָדערט פאַכמענישע אַרבעטער, אגב אין איר אַרבעטן אויך אַ צאָל יידן

אין דער דאָזיקער נייער שטאָט הויבן אָן יידן זען זייער עתיד, געבויט אויף אנדערע געזינטערע יסודות. לעבן נישט פון אַ צופעליק פאַרדינסטל, און קיין שום ארבעט איז נישט צו שווער און שרעקט נישט אָפּ.

דאָ איז אַ כבוד צו זיין אַ בעל מלאכה, אַ שניידער, א שוסטער, אַ שטעפער, א שמיד, אַ סטאָלער אָדער אַ שלאָסער. פאַראַן אויך אַ דינער שיכט יידן קוילן־גרעבער (קוילן־

גרובן אייגענטימער), אויך האָט מען געקאָנט זען בוי־ארבעטער. אפילו צווישן די פרנסי העיר איז געווען די לעצטע יאָרן אַ טראַנספּאָרט ארבעטער. צווישן קצבים, פישער, זענען געווען בני תורה, חסידים און אַנגעזעענע יידן, בעלי מידות טובות.

די שטאָט איז געווען אַן אַרבעטזאַמער ישוב, און יעדער האָט עפּעס צוגעטראָגן פון זיין אינערליכער שיינקייט.

דווקא די פאַרשידענע ניגודים שאַפן אַ געוועב וואָס ווערט אַ צוציאונגס־קראַפט פאַר די ווייטערסטע יינגעלעך, אַזוי באַזעצן זיך אין זער שטאָט גרויסע אימפּאָרטערן און עקספּאָרטערן, און עס אַנטוויקלט זיך אַ גרויסער האנדלס־פּאַרקער.

גאָר אַ באַזונדערע ראָלע און אַ נייעם נוסח טראָגן אריין די ליטווישע יידן. אָט דאָס אַלץ ווערט אַ ברכה פאַר דעם יונגן יישוב, און פאַר דעם גייסטיקן פּרצוף פון דער באַפעלקערונג.

יידן, כאָטש זייענדיק יראים ושלמים, האָבן אין זיך געטראָגן די קערענדלעך פון דער נייער צייט.

די שטאָט האָט אויך באַזעסן די מידה פון הכנסת־אורחים. פלעגט טרעפן אַז עמיצער איז נאָר געקומען איבער־גענעכטיקט, האָט ער זיך שוין פאַרהאַלטן אַ ביסל לענגער, און ס'פלעגט טרעפן אַז ער איז געוואָרן אַ תושב.

אויך די נישט יידישע באַפעלקערונג האָט זיך רעקרו־טירט, פון אַסאַך ניי צוגעקומענע, דעקלאַסירטע עלעמענטן פון קליינע שטעטלעך און דערפער, און דאָ אַנגעהויבן בויען אַ נייעם לעבן. קאָן זיין אַז דאָס איז אויך געווען די סיבה וואָס דער אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווען אַזוי חוצפה'דיק. דער גוי האָט זיך געפילט אַ ביסל פרעמד.

די פּרעכטיקע וואַרשע־ווינער באַן־סטאַציע וואָס האָט פאַרבינדן די שטאָט מיט מערב אייראָפּע האָט אויך עפּעס בייגעטראָגן.

דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ נייעם טיפּ ייד, וואָס האָט זיך נישט געהאַלטן פאַר אַ פּראָווינצער, סך־הכל אין אַ פּאָר שעה מיטן שנעל־צוג איז געלעגן וואַרשע, און אנדערע גרויסע שטעט.

דאָס זענען אויך געווען יאָרן ווען עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אַנדערע ווינטן, ווינטן וואָס האָבן אויך געבלאָזן און אַנגעשלאָגן זיך אין די טויערן פון צאַרישן רוסלאַנד.

און אַזוי הויבט זיך אָן אַנטוויקלען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ אַ געזעלשאַפטלעכער־קולטורעל און פּאָליטיש לעבן. אַן אַרבעטער קלאַס, גרויסע געשעפטן, און אַ גרויסע צאָל האַנדלס־ אַנגעשטעלטע. ישיבות און שולן פון פאַרשידענע שאַטירונגען, און א אימפּולסיוו נאַציאָנאַל לעבן. אפילו די אסימילירטע יידן האָבן אַסאַך בייגעטראָגן צום יידישן לעבענס אויפשטייג. די רייכע משפחות — ווי די רייכערס אפּענהיימס און אַנדערע. עס וואַקסט אויס אַ שיינע אינטע־ליגענציע, אַ שטודירנדיקע יוגנט, בירגערליכע און אַרבעטער אינסטיטוציעס, פּאַרטייען א.ג. א.ג.

אין נאָענטן קאַטאָוויץ קומען פאָר גרויסע צוזאַמענפאָרן ווו די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרנעמט אַ גאָר בכבודיקן אָרט.

קיין סאָסנאָוויץ קומען די בעסטע אראַטאָרן ווו נחום סאָקאָלאָוו, זלמן רובאשאָוו היינט שז"ר (מדינה פּרעזידענט פון מדינת ישראל), אויך באַראַכאָוו און יארבלום א.א. זענען פאַרבייגעפאָרן סאָסנאָוויץ.

אויך אין יאָרן פון נויט דייטשע אָקופּאַציע אין ערשטן וועלט־קריג, וואַקסן אויס ריזיקע אינסטיטוציעס. אין די יאָרן 1907—1908, האָבן מיר שוין חלוצים וואָס זענען עולה קיין ארץ־ישראל (ווי ברוך פריוועד וואָס געפינט זיך צו לאַנגע יאָר אין כפר סבא). אַ שטאָלצע יוגנט פון פאַר־שידענע פּאַרטייען. אייגנאַרטיקע געשטאַלטן אידיאַליסטן און בעלי מידות טובות.

סאָסנאָוויץ האָט אויך געהאַט אַ ביאַליק תקופה, דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער איז געווען עברית לערער אין סאָסנאָוויץ, אָבער דאָס איז אַ באַזונדער בלעטל פאַר זיך, אין דער אַנטוויקלונג פון קולטור לעבן און שיבת ציון דראַנג אין דער שטאָט.

אַ וועלט מיט געשטאַלטן וואָס בעטן זיך ממש זיי זאָלן ווערן פאַראייביקט, און אפילו אַזאַ האַנדל־וואַנדל גאַס, ווו די מאַנדזשעווער גאַס, האָט אויך געהאַט איר אייגנאַרטיקן שטייגער און פאַרשידנקייט. יעדער סוחר און בעל מלאכה אַ וועלט פאַר זיך, יעדער הויף עולם ומלואו, און כאָטש אַ יונגקייט האָט געשפּראָצט פון אַלעם, האָט די שטאָט געהאַט אייגנאַרטיקע טיפּן און געשטאַלטן, דאַקטוירים וואָס האָבן נישט עוסק געווען בלויז אין זייער פאַך, נייערט געווירקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין ענגן קאָנטאַקט מיט די ברייטע מאַסן.

און די קרוין פון אַלעם די יוגנט מיט אירע אידעאַלן און שטרעבונגען, ערלעכער, שטרעבענדיקער און קעמפענ־דיקער כוח, וואָס האָט שטאָלצירט מיט איר אָפּשטאַם, באַזעסן און געוועקט אינטערעס פאַר אַלעס וואָס קומט אויף אין יידישן לעבן.

און אַזוי אין מיטן אויפגאַנג אין סאַמע מיט פון זייערע שטרעבונגען, אין מיטן וואַקסן און גרויס ווערן, אַלץ פלוצים פאַרשניטן געוואָרן, קוקן מיר צוריק אין יענע יאָרן צו די קינדער יאָרן פון אונדזער שטאָט סאָסנאָוויץ. מיט אַ טרער אין אויג איבער אונדזערע היימען, מיר שרייבן און פאַרצייכנען אַ אויסטערלישע געשיכטע פון א שטאָט וואָס האָט אויסגעשיידט פיזיש און גייסטיק אַ נייעם טיפּ ייד, הלוואי זאָל אונדז ס'טייען כוח איבערצופלאַנצן אָט די מידות טובות פאַר דורי דורות אויף אונדזער חיים־ערד ווו עס געפינען זיך און עס האָבן זיך איבערגעפלאַנצט די שארית הפליטה צום רומפולן עבר.

מאיר לאַנצמאַן, תל־אביב

דורך פאַרשידענע וועגן קיין ישראל

דעם 24סטן אויגוסט 1939, האָב איך באַקומען דעם באַפעל צוזשטעלן זיך, אין דעם 2־טן פליער־פּולק אין פּוילישן מיליטער אין קראָקאָ. אַזוי האָב איך פאַרלאָזט סאָסנאָוויץ און אַנגעקומען קיין קראָקע אויפן רויטן פּראָמניק.

מיין אַרבעט איז געווען רעגיסטרירן די אַלע, וואָס האָבן זיך געמאָלדן. אַ וואָך צייט בין איך דאָרט געווען. כאָטש די מלחמה איז שוין געהאַנגען איבער די קעפּ, דאָך האָט מען נאָך געהאָפט און געגלויבט אַז עס וועט געשען אַ נס, און די מערב־מלוכות וועלן פּוילן נישט לאָזן פאַלן.

ווען איך האָב באַקומען די איינלאַדונג איז מיין פרוי נישט געווען אין דער היים, זי איז געווען אין קריניץ מיט די קינדער.

אין סאַמע מיט פון דער רעגיסטראַציע קומט אָן דער 1־טער סעפּטעמבער, און איבער פּוילנס הימלען האָבן זיך באַוויזן אַעראָפּלאַנען און אָנגעהויבן פייערן איבער אונדזערע קעפּ.

די באָמבאַרדירונג איז געקומען אַזוי אומגעריכט, אַז דער גאַנצער שטאַב האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און יעדע קאָנטראָל איבער דער אַרבעט. די צעמישונג האָט דערפירט דערצו, אַז באַלד צומאָרגנס האָבן מיר ליקווידירט די פּלאַצווועקע און אָנגעהויבן מאַרשירן קיין לעמבערג. געגאַנגען זענען מיר צו פוס. ביינאַכט האָט מען מאַרשירט און בייטאָג אויסבאַהאַלטן זיך פאַר די לופט־אַנגריפן. ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין לעמבערג האָט מען שוין זעלטן געזען עמעצן פון די אָפיצירן. זיי זענען פּשוט פאַרשוווּנדן.

אין לעמבערג האָט מען קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם אין אַ לאָקאַל פון דער פאָלקס שול, און באַלד ווייטער צופוס מאַרשירט אין דער ריכטונג פון זאַלעשטשיקי, נאָענט צו דער רומענישער גרענעץ.

אינטערעסאַנט איז געווען דער באַפעל פון די אָפיצערן, וואָס זענען נאָך געבליבן צו פּליטה. הערענדיק אַ רויש פון אָנקומענדיקע דייטשע אַעראָפּלאַנען, האָבן זיי אונדז אויסגעשטעלט אין פרייעם פעלד, אַקעגן די דייטשע פליער. אין אַזאַ באָמבאַרדירונג בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן אין פיס, מען האָט מיך אַרויפגעלייגט אויף אַ לאַסט־אויטאָ. ביי דעם אַלעם איז דאָס געווען אַ מזל, סוף סוף אַרויפגעכאַפּט זיך אויף אַן אויטאָ און איך גיי נישט מער צופוס.

דער קומענדיקער פּונקט איז געווען די רומענישע גרענעץ, דאָ ביי דער גרענעץ האָבן מיר אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אין דער פּוילישער אַרמיי. די אָפיצירן האָבן צוזאַמען מיט די זעלנער אָפּגעגעבן זייער געווער, און אַזוי זענען מיר אַריבער די רומענישע גרענעץ. אָנגעקומען זענען מיר קיין טשערנאָוויץ.

מיר זענען איבערראַשט געוואָרן פון דער וואַרעמער אויפנאַמע פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, אויף די גאַסן זענען געשטאַנען געגרייטע טישן פון אַלעם גוטן, אויך פּרוכט און ציגאַרעטן האָבן נישט געפעלט. מיר זענען צוגעפאַלן צו די טישן און נישט געלאָזט זיך בעטן. מיט מיר, אַלץ פאַרוווּנדעטן, האָט מען מיטגעשיקט נאָך אַ יידישן זעלנער, לעוווקאָוויטש פון כזשאַנאָוו. מיך האָט מען איבערגעפירט אין אַ שפּיטאָל אין „פּאָלטיטשעני", ביז איך האָב זיך געקענט שטעלן אויף די פיס און געקומען אַביסל צו זיך.

אין שפּיטאָל בין איך אָנגעקומען אַ טאָג פאַר ערב יום־כפור. דער הויפּט דאָקטאָר פון שפּיטאָל איז געווען אַ ייד בערקאָוויץ, נישט קוקנדיק אויף מיין צושטאַנד, האָט מיך דער נאָבעלער ד״ר בערקאָוויץ אַהיים גענומען צו זיך אויף יום כפור. די פּאָלטיטשעני באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון 80% יידן. אין דער שיל יום כפור האָבן זיך די יידן האַרציק פאַראינטערעסירט מיט מיין גורל און אויך מיטן גורל פון מיין פריינד לעוווקאָוויטש. פון די יידן אין שיל האָבן מיך זיך דערוווּסט אַז די אַלע, וואָס זענען אַריבער די רומענישע גרענעץ, קאָנצענטרירן זיך אין באַזונדערע לאַגערן, מיליטערישע און ציווילע. באַלד נאָך יום כפור האָבן אונדז די אָרטיקע האַרציקע יידן באַזאָרגט מיט ציווילע מלבושים און האָבן אונדז געראָטן נישט מעלדן זיך מער אין די פּוילישע לאַגערן, געגעבן אונדז אַ סומע געלט און אויך בילעטן צו פאָרן מיט דער באַן ביז קאָנסטאַנץ.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קאָנסטאַנץ, האָבן מיר זיך אַרומגעזען קודם כל וועגן אַן אָרט ווי דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. נאָך עטלעכע טעג אויף אונדזער קוואַרטיר ביי אַן אָרעמער פרוי זענען מיר געבליבן אָן מיטלען ממשיך צו זיין און מען האָט אָנגעהויבן אונטערהונגערן.

די אָרעמע פרוי האָט עס באַמערקט און דאַן איז די באַציהונג צו אונדז געוואָרן נאָך אַ וואַרעמערע, יעדן טאָג האָט זי אונדז דערלאַנגט פרישטיק בסבר פנים יפות און נישט געפאָדערט קיין געלט.

אין קאָנסטאַנץ האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אין בוקאַרעשט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון פּויליש־רוסישע יידן, וואָס געפינען זיך דאָרט נאָך פון ערשטן וועלט־קריג, און דערלאַנגען הילף די נויטבאַדערפטיקע וואַנדערער. מיר זענען תיכף אַריבער קיין בוקאַרעשט און זיך פאַרעגיסטרירט אַלס פּליטים. מיר האָבן פון זיי באַקומען די ערשטע הילף, און ווינטערדיקע מלבושים וואָס מיר האָבן זיך אין זיי שטאַרק געניטיגט.

זייענדיק אין בוקאַרעשט האָב איך אָנגעהויבן זוכן פאַרבינדונג מיט א״י, איך האָב זיך שריפטלעך געוואָנדן צו פאַרשידענע עסקנים, וואָס זענען מיר געווען באַקאַנט פון מיין ציוניסטישער טעטיקייט ווי יצחק גרינבוים, לייב יפה א.א. אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען קיין

בוקארעשט אַ שליח פון סוכנות, אינזשינער אנשל רייז, וואָס איז געווען באַקאַנט פון פוילן און נאָך באמיאונגען און פארשטענדיקונג מיט חברים פון ארבעטענדיקן א״י אין ווילנע איז געקומען אַ באַשטעטיקונג צוצוטיילן מיר אַ סערטיפיקאַט ווי אויך פאַר מיין משפחה, וואָס איז פאַר־בליבן אין סאָסנאָוויץ.

האָבענדיק ביי זיך די פאָטאָגראַפיעס פון מיין משפחה, האָט מען מיר אויסגעשטעלט דעם סערטיפיקאַט לויט אַ געמיינזאמער פאמיליע פאָטאָגראַפיע. א פאָטאָגראַפיע האָב איך גלייך אוועקגעשיקט צו מיין פרוי און פאַר אַ גרויסע סומע איז מיר געלונגען צו באַקומען אַ פאַספאָרט.

אין אַ קורצע צייט ארום בין איך אָפּגעפאָרן פון רומעניע און מיין פרוי מיט צוויי זין זענען אָנגעקומען נאָך צוויי וואָכן.

נאָך עטלעכע חדשים זיין אין ישראל איז דערשינען אַ מעלדונג פון פוילישן קאָנסולאַט, אַז אלע פוילישע פליטים זאָלן זיך רעגיסטרירן און פאַר יעדן נפש האָט מען באַקומען אויסגעצאָלט 6 פונט אַ חודש. אזוי האָבן זיך אומגעריכט פאַר אונדז אָנגעהויבן די פעטע צייטן. באַלד האָב איך אָבער דאָס געדארפט גוט באַצאָלן. אין אַ געוויסן טאָג בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צום קאָנסול און ער האָט מיר געמאָלדן, אז איך דאַרף פרייוויליק צוריק אריין אין מיליטער, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין סיריע און עגיפטן.

איך האָב נאָך אַ געוויסע צייט געזוכט אַ מינימאַלע מעגלעכקייט פאַר עקזיסטענץ מיט מיין משפחה. ליידער האָט זיך דאָס נישט איינגעגעבן, איך האָב געמאַכט אַ חשבון: מיין משפחה איז דאָ און דאָס איז דאָך מיין הויפטציל און גייענדיק אין דער ארמיי וועל איך האָבן מעגלעכקייט צו־קעמפן קעגן די נאַציס. אַט אזוי האָב איך אַדורכגעמאַכט אלע עטאַפּן פון דער מלחמה, אין סיריע, עגיפטן, איראַק און אין איטאַליע.

נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער ארמיי בין איך ווידער אין לאַנד צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינדער. איך האָב באַקומען אַ פּאָסטן דורך דער הסתדרות אין חברת ביצור. דערנאָך האָב איך זיך גענומען צו מיין אַלטן באַרוף ביי פּערזיכערונג. גאָט האָט געהאָלפן און איך האָב מצליח געווען.

אָבער איך האָב מיטגעמאַכט דעם נסיון און געבראַכט אַ טייערן קרבן אויפן מזבח פון פאָטערלאַנד. אין יאָר תש״ח, אין דער באַפרייאונגס מלחמה, איז מיין זון יוסף ז״ל געפאַלן אין די נגבה־קאַמפן. ער איז אַלט געווען 18 יאָר. כבוד זיין אָנדענק.

אויך מיין אונפארגעסלעכע לעבנס־באַגלייטערן, מיין פרוי העלא ע״ה, איז נפטר געוואָרן אין דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ד׳ סיון תשכ״ז.

צום גרויסן חשבון, וואָס מען האָט בייגעטראָגן פאַר אונדזער אויפבויווערק, האָב איך אויך צושטייער געבערענגט מיין געבעט, אַז די קומענדיקע דורות זאָלן דאָ אין שלום און שלווה בויען זייערע היימען, אין באַפרייט זיין פון אַלע גרוילן, וואָס אונדזער דור האָט איבערגעלעבט.


משה מיגוס, פאריז

מיין אַלטע חרובע היים

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט זיך די יונגע שטאָט סאָסנאָוויץ אָנגעהויבן אַנטוויקלען אין אַן אויסערגעוויינלעך שנעלן טעמפּאָ. פוילן ווערט זעלבסט־שטענדיק, סאָסנאָוויץ, וואָס ליגט ממש אויף דער גרענעץ, הויבט אָן איינשליסן אין זיך געביטן פאַרלוירענע מיט הונדערטער יאָרן צוריק. פאַר דער וועלט־מלחמה האָבן זיך די גרעניצן פון אונדזער שטאָט געענדיקט ארום די דריי קייזער־עקן, ווי מען האָט גערופן די גרענעצן רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, די דאָזיקע גרענעצן פאַרשווונדן. אוי־בערשלעזיען מיט קאַטאָוויץ בראש, ווי אויך אַ טייל פון עסטרייכישן געביט, ווערן אַ רעזערוואַר פאַר נייע אַנטוויק־לונגס־מעגלעכקייטן פאַר אונדזער דינאַמישער שטאָט מיט די אוצרות פון שוואַרצע דיאַמאַנטן.

אזוי אַרום איז נאָך דעם פּלעביסציט, וואָס מען האָט אַדורכגעפירט, אַ גרויסער טייל אויבערשלעזיען צוגעטיילט געוואָרן צו פוילן. עס הויבט זיך אָן אַ גרויסער האַנדלס־פּאַרקער צווישן סאָסנאָוויץ און קאַטאָוויץ, די שטאָט איז באַקאַנט געוואָרן אין דער יידישער וועלט צוליב אירע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן. היות ווי סאָסנאָוויץ האָט געטראָגן אין זיך אַ סך מעגלעכקייט צו יענער זייט גרענעץ, איז איר לייכט געווען אויפצונעמען דעם גרויסן צופלוס, דעם ריזיקן קונים־שטראָם און אַ דאַנק דעם גענומען סיסטעמאַטיש זיך צעוואַקסן. דער מאַטעריעלער מצב האָט זיך שטאַרק פאַרבעסערט און מען האָט אָנגעהויבן צונויפבינדן קמח מיט תורה. הגם די שטאָט איז געווען די יינגסטע צווישן די זאַגלעמביער שטעט ווערט זי אַן ערשט־ראַנגיקער פאַקטאָר מאַטעריעל און געזעלשאַפטלעך, ווערט אַ וויכטיקער צענטער פאַר די ארומיקע שטעט און שטעטלעך און מען שטראָמט אהין באַזעצן זיך אפילו פון דער גובערניע־שטאָט קיעלץ. די צוגערייזטע יידן פלעגט מען דערקענען לויט דער אויסשפּראַך, באַזונדערס מיט דער האַרטער „למד״. אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיי רעדן אויס דאָס וואָרט וויניקער עלאַסטיש.

סאָסנאָוויץ איז געווען אין דער איבערוויגנדיקער מערהייט אַ ציוניסטישע שטאָט און עס פלעגן אַהער קומען די גרעסטע פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן דאָ אָנגעטראָפן אויף



משה מיגוס פון פאריז

אַ פּרוכטבאַרן באָדן פאַר דעם גרויסן שוווּנג פון שיבת ציון. געגוג צו דערמאָנען אַז נאָך אין אנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז שוין ח.נ. ביאַליק געווען לערער אין סאָסנאָוויץ. מיר דערמאָנען זיך זייער אַרויסטרעטן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ער פלעגט באַזוכן פּוילן און איז געקומען קיין סאָסנאָוויץ, ווי צו זיך אַהיים, זיינע באַזוכן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ימים טובים.

עס פלעגן קומען קיין סאָסנאָוויץ נחום סאָקאָלאָוו, זאב זשאַבאָטינסקי, זרובבל און אַנדערע. זייערע ענטוזיאַסטישע ווערטער זענען געפאַלן אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן.

אַזוי האָבן אָנגעהויבן וואַקסן ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און יוגנט-קרייזן פון אַלע שאַטירונגען. אַ סך פון זייערע מיטגלידער האָבן פאַרנומען דערנאָך אין ארץ-ישראל פּאָדערשטע פּאָזיציעס און באַרייכערט די עליה מיט אידעאַ-אַליסטישע עלעמענטן. אפילו אין די צייטן ווען די מאַטעריעלע לאַגע אין אונדזער שטאָט איז געווען אַ גוטע, האָבן זיך יוגנטלעכע אויך פון רייכע היימען אַרויסגעריסן און עולה געווען קיין א"י.

עס דערמאָנען זיך די ליכטיקע געשטאַלטן וואָס האָבן געווירקט און אָנגעזאָגט די נייע תקופה ווי ד"ר פערלמאַן, ד"ר מעלאַדיסטאַ, הרב האגער, לוי יונגסטער און אַ סך אַנדערע. די נאָבעלע געשטאַלט פון הרב האַגער ז"ל ווירקט שטאַרק, סאָסנאָוויץ באַקומט אַ חשובע רעליגיעזע פיגור, אַ הדרת פנים, וואָס איז אַ פלאַמיקער רעדנער, אַ הייסער ציוניסט, נישט פרעמד אין דער וועלטלעכער בילדונג, און ער נעמט אָנטייל אין אַלע אַקציעס, פּראָטעסט-מיטינגען קעגן דער מאַנדאַט-מאַכט, וועלכע האָט מיט אירע גזירות געשטערט דעם אויפטוי-ווערק אין ארץ-ישראל. מיט תורה און חכמה און פאַלקסטימלעכער פשטות האָט ער באַגייסטערט זיינע צוהערער און זיי דערזאָבערט פאַרן אידעאַל פון שיבת ציון.

אַרבעטזאַם און פּראָדוקטיוו אין דער וואָכן, האָט אָבער סאָסנאָוויץ פאַרשטאַנען אויך ווי אַרויפּצוציען דעם שבת און יום-טוב. מיט טיפער בענקשאַפט דערמאָנען זיך די שבתים און ימים-טובים. מען האָט ממש די יידן אין די גאַסן נישט דערקענט. די מאָדזשעווער גאַס, דער האַנדלס נערוו איז געווען פאַרשלאָסן און פאַרהאַמערט און איבער אַלעם האָט געשוועבט די נשמה יתירה.

מיט רעכט האָט זיך סאָסנאָוויץ געגרויסט מיט אירע גדולי תורה והוראה און מיטן ראַדאָמסקער רבין בראש. דער רבי וואָס האָט זיך אין קיין פּדיונות נישט געניייטיקט, האָט אויסגעבויט ריזיקע ישיבות און צו אים זענען געקומען חסידים פון די ווייטעסטע מקומות פון גאַנץ גאַליציען ווי ער האָט געהאַט אַ סאַך אַנהענגער, ער האָט ממשיך געווען די גאָלדענע קייט פון זיין גרויסן זיידן, דעם „תפארת שלמה".

אין מיין זכרון האָט זיך איינגעקריצט די חתונה און די שבע ברכות פון רבינס בת-יחידה, אַ שטיק ירושלים האָט דעמאָלט זיך פאַרשפּרייט איבער אונדז. עס האָבן עולה-רגל געווען פון אַלע עקן לאַנד, חסידים, רבנים און רביים. און פון אַנדערע לענדער זענען געקומען הונדערטער חשובע געסט. עס איז געווען אַ פאַרביקער פּענעער פון חסידישע טראַגן צווישן וועלכע עס האָבן זיך בולט אונטערשיידט די גאַליציאַנער חסידים מיט זייערע דרייצן-שפּיציקע שטריימלאַך אויף די קעפּ, מיט די ווייסע זאָקן און שוואַרצע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, א סך פון זיי זענען געקומען מיט אייגענע קאַטשן. אין די גאַסן האָבן די חסידים געטאַנצט אַקסל ביי אַקסל. אין ר' משה לאָדזשערס שענק האָט יעדער געקאָנט טרינקען פריי אויפן רבינס חשבון. הסידים האָבן באַהערשט שטוב און גאַס מיט אַזאַ זעלבסטזיכערקייט, אַז אפילו די פּאָליציי האָט זיך צוגעקוקט דערצו ווי צו אַ נאַטירלעכע דערשיינונג און נישט געמאַכט קיין שום פּרוּוו צו שטערן די יידן לאָזן זיך ווילגיין.

פון אַ גאַר אַנדערן מין, אַנדערש אין וועלט-באַנעם און אין לעבנס-וועג, ווי אויך אין אויפן פון באַהערשן די גאַס איז געווען דער אויפמאַרש פון סאָסנאָוויצער ספּאָרט-קלוב „מכבי". דאָס איז געווען פאַר דער מכביאַדע אין תל-אביב. די יידישע ספּאָרטלער זענען געווען אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע אוניפאָרמען און געטראָגן בלוי-ווייסע פענער, וואָס האָבן אָנגעזאָגט ניי התעוררות, וואָס האָט ווי אַ פלאַם אַרומגעכאַפּט די סאָסנאָוויצער יידישע יוגנט. די אָרקעסטרעס וואָס זענען געווען צעוואָרפן צווישן די לאַנגע רייען מאַרשירענדע האָבן געשפּילט יידישע לידער און די יוגנט האָט אַ שטאָלצע מאַרשירט צום טאַקט. טויזנטער האָבן איבערפילט די טראָטואַרן. אויך נישט-יידן האָבן זיך צוגעקוקט צום אויפמאַרש און באַוואונדערט דעם שטאָלצן יידישן גאַנג, דעם

שיינעם פיזישן בוי פון נייעם יידישן דור וואָס פאַרשאַפט כבוד. לייידער האָט נאָר אַ טייל פון זיי זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, ווי זיי לעבן ביזן היינטיקן טאָג, נעמען אַנטייל אין אויפבוי און אין קאַמף פאַרן קיום האומה.

געווען זענען ביי אונדז אנגעזעענע אַסימיליאַטאָרן וואָס האָבן נישט געמישט זיך אין יידישן לעבן און מען האָט נישט געוווסט גענוי צו זיי האַלטן זיך פאַר אַנגעהעריקע צום יידישן שטאַם, אזעלכער איז געווען דער אייגענטימער פון אַפטייק־לאַגער (דראָגעריע) שפּיגעל. זיין געשעפט איז געווען אָפן אַפילו אין יום כפור. ביים לעבן האָט מען זיך נישט געקענט דערוויסן צו ער איז אַן אַפּטריניקער אָדער נישט. ערשט ווען עס איז געקומען זיין שעה און ער האָט זיך ווידער געמוזט באַהעפטן מיטן יידישן כלל, דאַמאָלס האָט זיין משפחה זיך געוואַנדן צו דער חברה קדישא און צו דער קהלה און געבעטן ברענגען צו קבר ישראל. לאַנג האָבן זיך געצויגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער חברה קדישא, וועלכע האָט צוגעשטעלט אַ חשבון, וואָס האָט געדאַרפט דעקן זיינע נישט באַצאַלטע חובות צו דער יידישער קהילה. די משפחה האָט טאַקע באַצאָלט אַ גאַנץ בכבודיקן סכום און געבראַכט צו קבר ישראל דעם וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט יידן. דאָס איז געווען דער כח פון יידישן אויטאָנאָמישן קהילה־לעבן.

גאָר אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין די זכרונות פון מיינע קינדער־יאָרן, דער נייער מו״ה ר׳ איציקל, איך געדענק אים פון דער שאלה, וואָס די מאמע האָט מיך געשיקט פרעגן, און אויף אייביק האָט זיך איינגעקריצט זיין געשטאַלט אין מיין זכרון. אַ ערלעכער מענטש, אַ בעל רחמנות איז געווען דער נייער מו״ה ר׳ איציקל, אַ צאַרטער און גרויסער אוהב ישראל.

אין אַ פרייטיק האָט דאָס געטראָפן, ווען איך בין נאָך אַ קליין יינגל געווען, דער שבת האָט שוין אַרויסגעשיינט פון אלע ווינקעלעך. און פלוצים האָט אַ שטרויכלינג געט־ראָפן, ווי דער שטן וואָלט נישט פאַרגינען דעם שלווהדיקן שבת און דעם גוטן עוף, וואָס די מאַמע האָט איינגעהאַנדלט לכבוד שבת און האָט זיך געקאָכט אויפן אויוון צוזאַמען מיט דער שמעקנדיקער זופּ. אָבער דערנעבן, אויף אַ צווייטער פייערקע האָט זיך געקאָכט אַ טעפּל מיט מילך, וואָס האָט גענומען אויסלויפן. די מאמע, אַ צעשראָקענע, האָט ארויסגעכאַפּט דעם טאָפּ, אָבער לויט די בליקן פון מיין טייערער מאַמען האָב איך געזען די שווערקייט פון אומגליק. און זי האָט מיך טאַקע באַלד געשיקט פרעגן אַ שאלה ביים נייעם מורה־הוראה ר׳ איציקל. זי האָט מיט מיר איינגעחזרט וואָס איך האָב צו פרעגן. די הין האָט זיך געקאָכט אויפן אויוון און די מילך איז איבערגעלאָפן, זי האָט באַלד ארויס געכאַפּט דעם טאָפּ מיטן עוף. אבער, גאָט זאָל שיצן, אפשר איז די פאַרע פון דער מילך אריינגעדרינגען אין פליישיקן טאָפּ.

ביי ר׳ איציקל אין שטוב האָט זיך שוין גוט געפילט דער שבת, ווייזט אויס נישט געריכט זיך, אַז עמיצער וועט נאָך קומען מיט אַ שאלה, קורץ פאַרן ליכט־צינדן. בין איך אזוי געבליבן שטיין ביי דער שוועל, אַ ווײַלע געקוקט אויפן רב, וואָס איז געזעסן ביי אַ ספר. ענדלעך האָט ער מיך דערזען און צוגערופן, געפרעגט מיין פאַרלאַנג. אַ שעמעוו־דיקער האָב איך איבערגעחזערט די שאלה, אזוי ווי די מאַמע האָט מיר איינגעחזרט און די גאַנצע צייט האָב איך פאַר מיינע אויגן געזען מיין מאַמעס צעשראָקענע בליקן, און דאָס האַרץ ביי מיר האָט געציטערט, דער רב זאָל, חלילה, נישט זאָגן טריפה. אין דער מינוט האָב איך געפילט, אַז איך טראַג אין זיך דעם גאַנצן צער פון מיין מאַמען.

ר׳ איציקל האָט זיך ערנסט איינגעהערט ווי ער וואָלט אויפגעכאַפּט יעדן ציטער פון מיין צעשראָקן קול, האָט אַ רייב געטאָן זיין שטערן, און זיין בליק האָט גענומען בלאָנד־זשען איבער די רוקענס פון די ספרים, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף די פּאָליצעס און געבלאַנקעט ווי די שבת־לייכטערס מיט זייערע גאָלדענע אויפשריפטן. באַלד האָט ער ארויסגענומען אַ ספר נאָך אַ ספר, פלינק געבלעטערט אין זיי און פאַרטיפט זיך, געזוכט אין זיי אַן ענטפער אויף מיין שאלה, וואָס האָט אויסגעזען אים שטאַרק צו בעאומרואיקן. ער האָט זיך געביסן די ליפּן און מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פאַרשטייט פיל מער ווי איך האָב אים געפרעגט. די פאַרבן אין זיין פנים האָבן זיך געביטן, און איך האָב קלאָר געזען ווי שטאַרק ער ליידט צוליב אונדזער פאַרשטערטן שבת.

מיטאַמאָל האָט דער רב אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די ספרים און מיט אַ פאַרטראַכטן בליק געקוקט אויף דער רביצן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, ווי זי וואָלט וועלן אָנזאָגן, אַז עס קומט דער שבת, דער רב האָט אַ גלעט געטאָן זיין טיף־שוואַרצע באָרד, פאַרמאַכט די גמרא מיט אַ שמייכל, ארויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף מיין אַקסל און מיט אַ פריילעכן טאָן, ווי מיט אַ זמירות־ניגון געדעדט צו מיר:

„זאָג דער מאַמען כשר, הערסט, כשר. און אַ גוטן שבת״. ווען איך בין געקומען אין שטוב האָבן שוין די שבת לייכטער געלויכטן. די מאמע האָט מיך באַגעגנט מיט אַ פרעגנדיקן בליק און איידער זי האָט געעפנט איר מויל האָב איך שטייענדיק נאָך אויף דער שוועל אויסגערופן כמעט מיטן זעלבן זינגענדיקן ניגון ווי דער רב ר׳ איציקל: „כשר, כשר״.

אָט אַזוי געדענק איך אונדזער שטאָט מיט אירע מענטשן, ערלעכע און האַרציקע יידן, אין שטוב און אין גאַס, געטריי זייער שורש. תמיד האָב איך פאַר די אויגן און אין האַרצן די שיינע געשטאַלטן פון מיין אלטער חרובער היים, די טויזנטער יידן, וואָס האָבן געהאַנדלט, געאַרבעט און געשטרעבט צו פאַרווירקליכן גרויסע אידעאַלן, ביז עס איז געקומען דער מוראדיקער חורבן און האָט אַלץ צעשטערט און פאַרניכטעט.

פאול דזשאו (יוסף פאליוואדא)

יוסף פאליוואדא — אַזוי האָט געהייסן דזשאו פאול ביזן קומען קיין אמעריקא — איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1893 אין בענדין. ער איז געווען דער עלטסטער זון פון אברהם יצחק און שיינדל פאליוואדא.

ווען דזשאו פאול איז געבוירן געוואָרן, האָט בענדין געהערט צו דער פיאטריקאווער גובערניע אין רוסיש־פוילן. די שטאָט בענדין איז געלעגן אויף דער אייזנבאַן־ליניע וואָס האָט פאַרבונדן ווארשא מיט ווין, גאַנץ נאָענט צו דער עסטרייכישער און דייטשישער גרענעץ.

די יידן אין בענדין האָבן מיט זייערע פעאיקייטן און דינאַמישקייט אַ סך בייגעטראָגן צו דער אנטוויקלונג און פאַרגרעסערונג פון דער שטאָט. צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה, דאָס הייסט ביזן חורבן, איז בענדין געווען פאַררעכנט צו די אקטיווסטע יידישע קולטור־צענטערס אין פוילן.

בענדין האָט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע יוגנט, וואָס האָט בימי היטלער ארויסגעוויזן גרויס מסירות נפש, די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פון בענדין האָט פאַרשריבן אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַוועגונג.

ביים סוף פונעם 19טן יאָרהונדערט האָבן די יידן אין בענדין זיך באַשעפטיקט לרוב מיט מסחר און שניידעריי. דזשאוס פאָטער, אברהם יצחק, איז טאַקע געווען אַ שניידער, אָבער קיין פרנסה איז אין שטוב נישט געווען. ערשט נאָכן געבוירן ווערן פון יאָסעלען האָבן זיך ביי די פאליוואדאס אָנגעהויבן צו פערבעסערן די געשעפטן. אין דעם שניידער־ווארשטאַט, וואָס האָט זיך געפונען „פאַרן טויער" אין נחום צוקערמאַנס גרויסן הויז איז געוואָרן לעבעדיקער.

דזשאוס פאָטער האָט געאַרבעט פאַר די קוילן־גרובן־ארבעטער פונעם זאגלעמביער ראיאָן. אין די רייכע קוילן־גרוב זענען געווען באשעפטיגט בלויז קריסטן. און הגם קיין גבירים זענען זיי נישט געווען, פלעגן זיי קומען צו דזשאוס טאטן ווען זיי האָבן געוואָלט אויפנייען אָדער פאַרריכטן פאר זיך אַ מלבוש. פאליוואדא האָט געהאט א שם אין דער גאַנצער געגענט ווי אַ גוטער שניידער און נאָך מער — ווי אַן איידעלער מענש. ווען די געשעפטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן, האָט דזשאוס פאָטער געעפנט אַן אייגן געשעפט פון מענער־קליידער.

דזשאו (יאָסעלע) איז געוואקסן און זיך אנטוויקלט זייער שיין, אָבער ער איז געווען הפקרדיק און ווילד און באין אופן נישט געוואָלט איינזיצן אין דער היים. עס האָט אים געצויגן צו דער גאס. יאָסעלען האָט געצויגן אין גאס צו די קינדער, צו די פערד, צו די הינט און צו די אָקסן וועלכע מען האָט געפירט אין שעכטהויז אריין.

דזשאוס פעטער פון דער מוטערס זייט — רודאלער — איז געווען אַ קצב. ער האָט געקויפט בהמות אויפן מאַרק און זיי געפירט גלייך אין שעכטהויז אַריין. דזשאו האָט געהאַט גרויס פארגניגן ווען דער פעטער האָט אים געלאָזט טרייבן די בהמות אין שעכטהויז אריין. דאָרט האָט ער זיך צוגעקוקט ווי מען שעכט זיי. עס האָט נישט לאַנג גענומען און דזשאו האָט זיך אויסגעלערנט די דאָזיקע מלאכה.

דזשאו האָט זיין גאנצע קינדהייט מערסטנס פארבראַכט אויף דער גאס. עס האָט אים פשוט געטריבן פון דער היים. די גאס איז פאַר אים געווען אָפענער, ברייטער, פרייער. דאָרט האָט ער געקאָנט טאָן וואָס זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט און קיינער האָט אים דאָרט קיין דעה נישט געזאָגט. ער האָט ליב געקריגן די גאַס וואָס איז געווען פאַר אים גאַסטפריינטלעכער.

היות פון חדר איז ער כסדר אנטלאָפן, האָט דער טאַטע זיינער באַשלאָסן אוועקצושיקן אים קיין סאָסנאָוויץ לערנען. דאָס האָט שוין דזשאון מער אימפאָנירט, אָבער נישט דאָס לערנען, נאר די שיינע שטאָט סאָסנאָוויץ, מיט די ברייטע, רחבותדיגע גאסן, וווּ ער פלעגט פאַרטאָג ארויס אין גאס און אָפּשלאָגן די הינט וואָס די הינטשלעגערס, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן, די היצלעס, האָבן געכאַפּט. דזשאו האָט די הינט ממש ארויסגעריסן פון זייערע הענט, געהאַלטן זיי ביי זיך און געגעבן זיי צו עסן. ביינאַכט איז געוואָרן אַזאַ קאַצניאמער־מוזיק, אַז מען האָט די הינט צעטריבן און זייער „אפיעקון" האָט געמוזט מאַכן אַ ויברח צוריק קיין בענדין.

אין בענדין איז זיין אַדרעס ווידער געווען די גאס. „יאָסעלע דער שטאַרקער" האָט געקראָגן אַ גרעסערן אנזען — איין קלייניקייט: ער קומט דאָך עפּעס „פון דער וועלט"... און מען האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים און ער האָט דער־ציילט מעשיות און ניסים ונפלאות פון סאָסנאָוויץ, פון דער דייטשישער גרענעץ, איבער וועלכער מענטשן גנבנען זיך אַריבער, און פון זאכן וואָס האָבן שטארק פאראינטערעסירט זיינע געשפאנטע צוהערער.

דערווייל האָט דזשאוס טאטע, נאָך אַ לאַנגען ישוב הדעת מיט דער מאמען און מיטן פעטער, באשלאָסן איבער־צוציען זיך קיין וויגוויזדאוו, אַ דאָרף לעבן בענדין, ווו מען האָט אים שוין לאַנג פאַרגעלייגט אַ גוט געשעפט.

ווען די משפחה פאליוואדא האָט זיך איבערגעצויגן קיין וויגוויזדאוו, וואָס איז געלעגן אויפן וועג קיין סאָסנאָוויץ, איז שוין דזשאו אלט געווען 9 יאָר.

אין וויגוויזדאוו האָבן זיך געפונען קוילן־גרובן, ווי אויך גרויסע אייזן־שלאָסערייען. דער טאַטע האָט דאָרט געעפנט אַ געשעפט פון קליידער. אויף שבת פלעגט דזשאו קומען צו זיינע עלטערן.

אין בענדין האָט זיך צו יענער צייט אָנגעהויבן צו ארגאַניזירן די ארבעטער. נאָך די ארבעט־שעהן פלעגן זיך

די „פראלעטאריער" צונויפטרעפן אין א קאוויארניע, דארט פארברענגען און פירן הייסע דיסקוסיעס. אינטערעסאנט, אז די דאזיקע „פראלעטארישע קאוויארניע" אין בענדין איז געווען א שם־דבר אפילו אין אויסלאנד.

דער פארשטארבענער ארבעטער־טוער און שרייבער יעקב קענער האט אין זיין בוך זכרונות „קווערשניט" אגאנץ קאפיטל געווידמעט דער דאזיקער קאוויארניע.

די גרעסערע צוזאמענקונפטן און מאסן־מיטינגען פלעגן פארקומען הינטער דער שטאט, שבת נאך מיטאג, אויף דער פרייער לופט פלעגט מען אויך זינגען לידער און לייענען מעשה ביכלעך. די ביכלעך האבן דזשאון נישט אזוי שטארק אינטערעסירט. דערפאר אבער די לידער — גאר שטארק.

ייגנלעך און מיידלעך פלעגן מיט די לידער ארויס־שפאצירן הינטער דער שטאט, אוועקלייגן זיך אויף דער לאנקע און דארט פריילעך פארברענגען די צייט. דזשאו איז געווען שטאלץ וואס זיין קוזין פנחס רודאלער, וואס האט געהערט צו דער ארגאניזאציע, האט אים מיטגענומען אויף די שפאצירן הינטער דער שטאט. הגם ער איז געווען דער ייִנגסטער „פראלעטאריער", האט מען אים דאך אנפער־טרויט גאר א וויכטיקן אמט: דזשאו האט געהערט צו דער „מיליץ", דאס הייסט צו דער גרופע וואס האט געדארפט אכטונג געבן צו די פאליציי קומט נישט אן, אדער לאבוזעס זאלן נישט באפאלן און אראפרייסן א מיטינג.

דזשאו דערמאנט זיך אויך, אז ווען דער פערשטארבענער פ.צ.־טוער יעקב קענער איז אמאל געקומען אויף א רעפעראט קיין בענדין, איז ער, דזשאו, באשטימט געווען צו האלטן „וואך" פארן טויער פון בית־מדרש, ווו עס איז שבת, נאכן עסן, פארגעקומען קענערס רעפעראט. דער בית־מדרש איז געווען איבערגעפולט מיט מענטשן, און נישט נאר דווקא מיט יונגעלייט און „פראלעטאריער", בייערט — מיט סתם יידן, וואס זענען געקומען הערן א יידיש ווארט פון א באוווסטן רעדנער פון עסטרייך.

היות אויסצוהערן רעפעראטן און רעדעס האט דזשאו נישט געהאט קיין געדולד, איז ער געווען צופרידן אויסצו־פירן די מיסיע, וואס ער האט באקומען, צו האלטן שמירה פארן בית־מדרש. און אויף „יאסעלען דעם שטארקן" האט מען געקאנט זיך פארלאזן, אז יאסעלע־דזשאו איז געשטאנען פארן איינגאנג, האט שוין קיינעם קיין שום שלעכטס נישט געקאנט פאסירן.

די אמאליקע בענדינער איינוווינער געדענקן נאך מס־תמא דריי באוווסטע ווילדע יונגען, מוסרים און פראוואקא־טארן, וואס האבן צו יענער צייט טעראריזירט די שטאט. דאס זענען געווען: דער געלער לייזער, אבא פאבידניק און ראובעלע פרענקלין. זיי זענען געווען די באוווסטע „שטארקע" און „ווילדע יונגען" וואס האבן געפירט די שטאט פאר דער נאז.

דער געלער לייזער איז געווען פון פאך א פורמאן, וואס האט געפירט פאסאזשירן מיט זיין אייגענער דראשקע פון בענדין קיין סאסנאוויץ.

אבא פאבידניק איז געווען א שווארץ־ארבעטער. ראו־בעלע פרענקלין איז געווען א דאמען שניידער.

ווען אן ארבעטער פון א פרעמדער שטאט איז אנגעקומען קיין בענדין זוכן ארבעט, האט ער, קודם־כל, געמוזט איינצאלן „קאנטריבוציע" די דריי חברהלייט. אנדערש האט ער אין בענדין נישט געקאנט ארבעטן. זיי האבן פון יעדן איינעם וואס איז געקומען קיין בענדין זוכן ארבעט, געפאדערט „פונדעס". ווען א ייִנגל מיט א מיידל זענען שבת ארויס אויף א שפאציר הינטער דער שטאט, זענען, ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן די דריי חברהלייט און געפאדערט פון פארל געלט. מען האט געמוזט זיי שטעלן געבראטענע געגנזלעך און שנאפס. דעמאלט ערשט האבן זיי געגעבן זייער הכשר. ווען דער בחור האט געהאט די העזה זיך אנטקעגנ־צושטעלן אדער צו זאגן, אז שבת טראגט ער נישט מיט זיך קיין געלט, זענען די חברהלייט אים באפאלן און געשלאגן מכות רצח. אזעלכע פאלן זענען נישט געווען קיין פאראיינצעלטע.

האט אנומלטן פאסירט אז ס'איז געקומען פון אלקוש א יונגערמאן, א גוטער שניידער־געזעל, מיטן נאמען מרדכי מארקאוויטש. א בעוווסטער שניידער אין בענדין, וועלכן מען האט גערופן דער געלער פישל, האט זיך דערוווסט וועגן דעם שניידער־געזעל, היות ער האט זיך גראד געניייטיקט אין אזא פאכמאן, האט ער אים גלייך אריינגענומען צו זיך. דער יונגערמאן האט אבער נישט געוואלט געבן קיין „קאנטריבוציע" פאר הולטאיסקע צוועקן. און די דריי חברה־לייט האבן נישט געוואלט געבן זייער „הכשר". איז געווארן פריילעך. די גאנצע שטאט איז דעמאלט געגאנגען כאדאראם. האבן די ארגאניזירטע ארבעטער באשלאסן צו מאכן א סוף צו דעם אומדערטרעגליכן צושטאנד.

מען האט צו וויסן געגעבן די דריי חברהלייט, אז אויב זיי וועלן נישט אפשטעלן אלע זייערע מיאוסע מעשים וועט מען אנגעמען קעגן זיי „שטארקע מיטלען". די דריי ווילדע יונגען האבן זיך אבער אויסגעלאכט פון דער ווארענונג. האט די „פארטיי" צונויפגערופן א גאנץ פארטרוילעכע בעראטונג און מען האט אנגענומען א באשלוס, אז היות מיט גוטן וועט מען מיט די הפקר־יונגען גארנישט קאנען אויפטאן, זאל מען זיי א שבת בייטאג ארויסנארן הינטער דער שטאט און זיי דארט גוט אנברעכן די ביינער, אזוי אז עס זאל זיי איינמאל פאר אלעמאל פארגיין דער אפעטיט צו מאכן אזעלכע געמיינע שטיק.

עס איז באשטימט געווארן א קאמף־גרופע פון צוועלף יונגעלייט, אין וועלכער דזשאו איז אויך אריין. דער אנפירער פון דער גרופע איז געווען מאיר־נתן לאלקעס — זייער אן איידעלער און רואיקער יונגערמאן. דזשאו איז געווען דער ייִנגסטער פון דער גרופע, אבער דער שטארקס־טער פון אלע. אייניקע האבן אויך געהאט ביי זיך „שפייערס"

(רעוואָלווערן), עס איז אָבער אָנגעזאָגט געוואָרן ווי ווייט מעגליך, נישט צו באנוצן די „כלים".

ווי עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, זענען די דריי ווילדע יונגען געווען גאָרנישט קיין וואזשנע העלדן, פאַר וועלכע מען האָט זיי געהאלטן אין בענדין. מען האָט זיי פאַרנאַרט הינטער דער שטאָט און מען האָט זיי אָרנטלעך מכבד געווען, אַז זיי האָבן עס געהאַט צו געדענקען לאנגע יאָרן. אויפן ערשטן פייער האָט מען געשיקט דזשאון און ער האָט טאַקע דערלאנגט דעם ערשטן „שאָס" (קלאַפּ).

דער סוף פון דער באנדע איז געווען: דער געלער לייזער האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן פון דער באנדע און זיך געסטאטקעוועט. ראובעלע פרענקלין האָט אויך אָפּגעשטעלט זיינע ווילדע מעשים. אבע פאבידניק האָט אָבער נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אויפצוהערן זיינע אוואנטוריסטישע שטיק און איז ווייטער אָנגעגאנגען מיט דער גענגסטער־פּראפעסיע. האָט עס זיך פאַר אים שלעכט געענדיקט. אין אַ צייט אַרום איז ער אומג.עקומען אויף אַ מערקווירדיקן אופן: שבת ביים דאווענען האָט מען אים דערשטאָכן אין דער גרויסער שיל...

ווען דזשאוס עלטערן זענען אַוועקגעפאָרן קיין וויגוויזדאוו, האָט דזשאו געאַרבעט ביין זיין פעטער אין דער יאַטקע. דאָרט האָט ער געאַרבעט ווי אַ שיק־יינגל און אויך געהאָלפן ביים פערקויפן דאָס פלייש. ער איז געווען אַ גוטער תלמיד ביים פעטער. אָבער אויך זיין פיזישער כוח האָט אים אין דעם פאַך שטאַרק געהאָלפן. ביים דאָזיקן פאַר, נישט געקוקט אויף מערערע איבעררייסן וואָס ער האָט געמאכט, איז שוין דזשאו פארבליבן זיין גאנץ לעבן.

רוסיש־יאפאנישע מלחמה

יאָר 1904. ס'איז אויסגעבראָכן די רוסיש־יאפאנישע מלחמה. צווישן די ערשטע מאָביליזירטע סאָלדאַטן פון דער רעזערוו איז געווען דזשאוס פאָטער. מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויפן ווייטן מזרח־פראָנט. אין שטוב איז געוואָרן א מהומה: מען האָט צוגענומען דעם מאַן, דעם טאטן, דעם פרנסה־געבער. אלץ איז געבליבן אויף הפקר. דאָס געשעפט, דער שניידער־ווארשטאט — אָן באַלעבאָס. דזשאוס מוטער האָט נישט געקאָנט פירן דאָס געשעפט. איבערלאָזן עס אין פרעמדע הענט האָט מען אויך נישט געוואָלט. האָט די מאמע פארמאכט דאָס געוועלב מיטן שניידער־ווארשטאט און באשלאָסן איבערצווווארטען ביז דער טאַטע וועט מיט מזל צוריקקומען פון דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה.

דזשאוס מוטער איז געוואָרן די פרנסה־געבערין. זי האָט זיך גענומען צו מסחר. זי האָט אויפגעקויפט ביי די פויערים פון די ארומיקע דערפער אייער און זיי פערקויפט צו יידישע באלעבאָסטעס. עס איז דער פאליוואדא־משפחה אויסגעקומען איצט צו פירן א שווער לעבן. ווארום ביי דער גאנצער אנגעשטרענגטער ארבעט פון קויפן און פארקויפן אייער האָט מען ,קוים געקאָנט באצאָלן דירה געלט און באשפייזן די קינדער. דעם שניידער־ווארשטאט האָט אָבער די מאמע באין אופן נישט געוואָלט פארקויפן. זי האָט עס געהאלטן פאר אַ סגולה אז אויב זי וועט איינהאלטן דאָס געשעפט אַזוי ווי עס איז געוועזן און עס נישט פאַרקויפן, וועט אין דעם זכות דער טאטע צוריקקומען אהיים בשלום און עס ווייטער פירן ווי פריער.

האָט דזשאו געמוזט ארויסהעלפן אין פרנסה, זיינע יונגע פלייצעס האָבן אָבער נישט געפילט די שווערע משא וואָס איז אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן. פארקערט. ער האָט זיך געפילט דערמיט גדלותדיק. דאָס געפיל פון נוצלעכקייט האָט אין זיין יונגן מוח אָנגעהויבן צו אנטוויקלען אן אייגנארטיקע טעאריע: ער איז בארופן געוואָרן צו העלפן מענטשן, צו העלפן יעדן איינעם וואָס וועט זיך נייטיגן אין הילף. דער דאָזיקער אינערליכער כוח איז געגאנגען ביי אים האנט ביי האנט מיטן פיזישן כוח מיט וועלכן ער איז געבענטשט געוואָרן. דזשאו איז געוואקסן אַ ריז, וואָס האָט געבראָכן אייזן מיט די פינגער. נישט איינמאָל האָט ער זיך אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן געוויצלט: אַ פּנים, אַז גאָט האָט מיך באַשאָנקן מיט אזויפיל כוח איך זאָל קענען אויסהאלטן די צרות און נויט, וואָס זענען לא עליכם אזוי גרויס אויף דער וועלט...

ער האָט קיינמאָל נישט פארגעסן די שווערע צייט וואָס ער אליין האָט געהאט אויסצושטיין אין זיינע קינדער יאָרן, און ער האָט געדענקט דעם טעם, דערפאר האָט ער אזוי גוט פארשטאנען אנדערע ליידנדיקע און נויט־באדערפטיקע.

דזשאו, וואָס האָט פריער געאַרבעט ביים פעטער אין בענדין, האָט באַשלאָסן זיך אריבערצוטראָגן קיין סאָסנאָוויץ. דאָרט האָט ער געארבעט און געוווינט ביי אַ רייכן קצב, וועלכן מען האָט גערופן: וואָלף יאַסני, דער קצב מיט די זין. יאסני קצב האָט געהאט עטלעכע זין, וועלכע זענען געווען גרויס און שטאַרק געבויט. זיי זענען געווען פאַררעכנט אין דער געגנט ווי די בעסטע פלייש־האקערס.

וואָלף יאסניס זין האָבן געהערט צו דער סאָסנאָוויצער גרופּע שטאַרקע, וועלכע מען האָט גערופן „די ווילדע יונגען". סהאָט נישט לאנג גענומען און די יאסניס האָבן אויך דזשאון אריינגעצויגן אין דער גרופּע. ער האָט דאָך געהאט אַ גוטע „רעפּוטאציע" נאָך פון בענדין...

די „ווילדע יונגען" אין סאָסנאָוויץ זענען באשטאנען פון די שטאַרקסטע און דרייסטסטע יידישע יונגעלייט פון שטאָט. אבי ווער מען האָט מען אין דער גרופּע נישט אריינגענומען. די הויפּט־מחותנים זענען, אַ חוץ די יאסניס געווען: יחיאל שינדער, אברהמלע שינדער און זלמן שינדער, — דריי שינדערס פונעם שעכטהויז. זיי זענען געווען גיבורים און מען האָט זיי געהאלטן פאר די שטאַרקסטע אין סאָסנאָוויץ; צוויי ברידער — דראשקאזשעס, — וועלכע מען האָט גערופן „די דזשאבאסעס", ווייל זיי האָבן געהאַט אויפן פּנים לעכער פון פּאָקן־קראנקהייט. די צוויי ברידער זענען געווען אויסערגעוויינליך שטארק און געהאט גוטע כאראַקטערס — ממש גאָלדענע הערצער. זיי וואָלטן געלאָפן אין פייער אריין

עמיצן צו טאָן אַ טובה. צוזאַמען מיט די פאַקן־לעכער איז אויך די גוטסקייט געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע פנימער.

אין די צייטן פון די ביטערע פרעסט, ווען עס איז שווער געווען, צוליב די שלעכטע וועגן, אַריינצוברענגען פלייש אין שעכטהויז אַריין, האָבן די „דזשאבאסעס" אָפּט אויסגעבאַרגט זייערע געזונטע פערד, מען זאָל זיך אויך מיט זיי באַנוצן.

צו דער גרופּע „ווילדע יונגען" האָבן אויך געהערט צוויי בעקערס. איינער האָט געהייסן שמואל־מרדכי בעקער (דזשאוס א לייבלעכער קוזין — אויך אַ פּאַליוואַדאַ) און דער צווייטער — אייזל בעקער פון אסטראגורקע.

עס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו ווערן אַ מיטגליד פון דער חברה „ווילדע יונגען". יעדער איינער, וואָס האָט געוואָלט באַלאַנגען צו איר, האָט זיך געמוזט אויסצייכענען מיט געוויסע העלדישע מעשים. דער „עקזאַמען" איז פאָרגעקומען אויף אַזא אופן: שבת נאָך מיטאָג איז מען אַרויס אויף דער סאָסנאָווצער לאַנקע און דאָרט באַוויזן וואָס מען קאָן.

איינער האָט, למשל, געדאַרפט באַווייזן זיין כוח, אויפהייבנדיק אַ פערד פון פאָרנט; אַ צווייטער האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז ער קאָן רייטן „ווילד" אויף אַ פערד; אַ דריטער — ווידער — אַז ער קאָן גוט די מלאכה פון „פראַנצוזישע וואַלאַקעס" (רעסלען), און אויב ער האָט באַוויזן אַוועקצולייגן זיין קעגנער „אויף די לאָפּאַטקעס", איז ער נישט נאָר געוואָרן אַריינגענומען ווי אַ מיטגליד פון דער גרופּע, נאָר ער איז דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער „יא טיעביע דאַם"...

דזשאַון איז נישט געווען לייכט אָנצוקומען אין דער גרופּע „ווילדע יונגען", מחמת ער איז נאָך געווען צו יונג פאַר זיי, אָדער, ווי זיי האָבן געזאָגט: ער איז נאָך אַ סמאַרק...

ערשט נאָך גרויסער שתדלנות פון די איינפלוסרייכע ברידער יאסני האָט מען דזשאַון צוגעלאָזט צום עקזאַמען. עס איז געקומען אַ גרויסער עולם, ווייל מען האָט געוואָלט זען דעם דורכפאַל פון דעם „סמאַרק", וואָס האָט געהאַט די חוצפה זיך צו פאַרמעסטן אַזוי הויך.

דעם עקזאַמען האָט דזשאַו אויסגעהאַלטן. ער האָט באַוויזן אַז ער קען גוט די „פראַנצויזישע וואַלאַקעס", אין וועלכער ער איז געווען אויסערגעוויינליך פלינק; ער האָט באַוויזן אַז ער איז אַ גוטער רייטער אויף יעדן פערד, וואָס מען גיט אים, און ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע גבורה ביים הייבן געוויכטן פון 8 פוד.

די „ווילדע יונגען" פון סאָסנאָוויץ האָבן געהאַלטן אין צאַם די פּוילישע כוליגאַנעס פון שטאָט, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט זיך געלאָזט ווילגיין. ווען די בויאַנעס האָבן צעלאָזט זייערע אַנטיסעמיטישע געפילן, האָבן די „ווילדע יונגען" געלערנט מיט זיי בלק...

היות די יאסניס האָבן געהאַט אַן אייגענע בריטשקע (שפּאַציר־וואָגן) מיט צוויי געזונטע סוסים, פלעגן זיי אָפּט אַריבערפאָרן די דייטשישע גרענעץ, וועלכע איז געלעגן זייער נאָענט, אַז מען האָט זי ממש געקאָנט אָנטאַפּן מיט דער האַנט. האָבן יידן טאַקע זיך געוויצלט: סאיז אַ שיינע גרענעץ. גענוג צו געבן אַ גענעץ און מען איז שוין אין דייטשלאַנד...

דזשאַו האָט עס גאָר בקרוב אויסגענוצט אויף פאַר אַנדערע צוועקן. ער פלעגט פון צייט צו צייט אַריבערפירן קיין דייטשלאַנד פאַרשידענע מענטשן. נישט איין פּאָליטישן אַרעסטירטן וואָס איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד פלעגט ער ווייזן דעם וועג איבער דער גרענעץ. און אין אַ סך פאַלן זיי אַליין פירן דורך זייטיגע וועגן, וועלכע ער האָט גוט געקאָנט און אַזוי אַרום אויסגעמיטן די רוסישע זשאַנדאַרן וואָס האָבן געהיטן די גרענעץ.

דזשאַו האָט פאַר דער דאָזיקער טרחה קיינמאָל ביי קיינעם נישט גענומען קיין באַלוינונג. זיין גרעסטער שכר איז געווען, ווען ער האָט עמיצן געקאָנט טאָן אַ טובה און אַרויסהעלפן אין אַ נויט. צווישן אַנדערע האָט דזשאַו אַמאָל אַריבערגעפירט איבער דער גרענעץ אַ באַוווּסטן אָדעסער חזן מיטן נאָמען קאַרניאַל, וועלכער איז געפאָרן קיין אַמעריקע. די דאָזיקע זאַך האָט דזשאַו דורכגעפירט אויף דער בקשה פון יאסני קצב, צו וועלכן די אָדעסער קצבים האָבן געשיקט דעם חזן קאַרניאַל, מען זאָל אים זען וואָס שנעלער אַריבערצופירן קיין פּרייסן. דזשאַו האָט אויך געהאָלפן מענטשן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון רוסישן מיליטער און זיך געוואָלט אַריבערשמוגלען די גרענעץ קיין אויסלאַנד.

איין מאָל האָט מען דזשאַו בעת אַזא רייזע געכאַפּט ביי דער גרענעץ, צוריקגעבראַכט קיין סאָסנאָוויץ און אַריינגעזעצט אים אין דער „קאָזע" (אַרעסט). היות יאסני דער קצב איז געווען „פּאַדריאַטשיק" (צושטעלער) פון פלייש פאַרן רוסישן מיליטער און אַזוי אַרום געקענט אַלע מיליטערישע און פּאָליציי־בעאַמטע, איז אים געלונגען דזשאַון שנעל צו באַפרייען פון אַרעסט.

דזשאַו פלעגט אָפּט אַריבערשפּאַצירן די גרענעץ קיין דייטשלאַנד דורך דער בריק, וואָס האָט פאַרייניקט רוסיש־פּוילן מיט דייטשלאַנד — פון מאַנדזשעוו קיין מיסלאָוויץ.

בענדין־סאָסנאָוויץ איז, ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען נישט נאָר דער הויפּט־צענטער צווישן רוסיש־פּוילן און דייטשלאַנד־עסטרייך, נאָר אויך דער הויפּט־צענטער פון שמוגל. פון דאָרט האָט מען אַריבערגעשמוגלט, אָדער, ווי מען האָט עס גערופן: „אַריבערגעשוואַרצט די גרענעץ". עס האָבן זיך געבילדעט גאַנצע קאָאָפּעראַציעס וואָס האָבן געלעבט פון שמוגלען מענטשן און סחורות. פון רוסלאַנד האָט מען הויפּטזעכלעך געשמוגלט שנאַפּס און טאַבאַק, און צוריק — פאַרשידענע אַנדערע סחורות.

די שמוגל־קאָאָפּעראַציעס האָבן זיך באַמיט אַריבערצוציען דזשאַו צו דער אַרבעט פאַר זיי. זיי האָבן אים פאָרגעלייגט אַ סך געלט ער זאָל צו זיי צושטיין. קודם־כל

האָבן זיי עס געוואָלט טאָן צוליב דעם ווייל מיט זיין אריבערשמוגלען מענטשן, נישט נעמענדיק דערביי קיין שום באַלוינונג, האָט ער זיי געשטערט אין זייין געשעפט — און דאָס האָט זיי נישט געשמעקט. דזשאו איז פאַר זיי געווען אַ גרויסע קאָנקורענץ. נישט קאָנענדיג אים אריבער ציען אויף זייער זייט מיט גוטן, האָבן זיי צוגעגרייט אַ פּלאַן, וואָס זאָל אים איינמאָל פאַר אלעמאָל אומשעדלעך מאַכן ביי דער גרענעץ, דאָס האָט געזאָלט געשען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, שוין אויף דער דייטשישער טעריטאָריע.

אין די יומטובדיגע טעג, ווען דזשאו איז געווען פריי פון דער ארבעט, פלעגט ער אָפט אריבערשפּאַצירן די בריק פון מאַנדזשעוו קיין מיסלאָוויץ, און פון דאָרט קיין קאַטאָוויץ — אין דער שיינער, רייכער שטאָט פון אויבער־שלעזיע. דאָרט פלעגט ער באַקוקן די פּלאַקאַטן און אויס־געפינען צו עס געפינט זיך נישט קיין צירק און קיין „פראַנצויזישע וואַלקעס" (רעסלען), צו וועלכע עס האָט אים נאָך אַלץ געצויגן. ער פלעגט אויך אָפּשטיין שעהן לאַנג ביי די שיינע, רייך־דעקארירטע אויסשטעל־פענצטער, אויסזוכן פאַרשידענע זאַכן וואָס זאָלן זיך פּאַסן פאַר זיין מוטער און פאַר די יינגערע קינדער און זיי ברענגען אויסלענדישע מתנות. נישט געווען קיין מאָל ער זאָל צוריקקומען פון זיינע אויסלענדישע רייזעס מיט ליידיקע הענט. האָבן אים טאַקע זיינע „קאָנקורענטן" באַשלאָסן צו מסרן פאַר די דייטשן און אַזוי אַרום פּטור ווערן פון אים.

דזשאו האָט אָבער שוין באַוויזן צו געווינען אַ סך פריינט, אפילו אין די שמוגל־קאָאָפּעראַציעס, וועלכע האָבן אים באַצייטנס געוואָרנט וועגן דער מיאוסער שפּיל וואָס מען גרייט פאַר אים. און טאַקע דעמאָלט, ווען מען האָט געוואָרט אויף דזשאָון ביי דער גרענעץ כדי צו כאַפּן דעם געפערלעכן „שמוגלער", איז ער זיך גאַנץ רואיק דורכ־געגאַנגען די בריק. ער האָט ביי זיך גאָרנישט געהאַט, ווארום די מתנות וואָס ער האָט געקויפט פאַר זיין משפחה, האָבן אַנדערע געבראַכט איבער דער גרענעץ... דאָס האָבן געטאָן זיינע גוטע פריינט, וועלכע האָבן געהערט צו דער זעלביקער שמוגלער קאָאָפּעראַציע, וואָס האָט אים געוואָלט אונטערשטעלן אַ פיסל....

אין הודש סעפּטעמבער 1905 איז אָנגעקומען די דער־פרייענדיקע ידיעה, אַז די רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה איז געענדיגט. דזשאָוס פאָטער איז צוריקגעקומען פונעם ווייטן מזרח. די פרייד פון דער משפחה איז געווען גרויס. זי איז אָבער ליידער גיך צערשטערט געוואָרן. ער איז צוריק געקומען אַהיים קראַנק אויף שווינדזוכט. און ער איז צוריק געפאָרן אויף קוראַציע אין דער שווייץ. דזשאו איז געבליבן ארבעטן ביי וואָלף יאָסני דעם קצב און מיט זיינע פאַרדינסטן האָט ער צוגעהאָלפן דער מאַמען אויסצוהאַלטן די משפחה. דזשאָוס מאַמע האָט ווייטער געקויפט און פאַרקויפט אייער. ביז סאיז אָנגעקומען אַ בריוו פון דזשאָוס טאַטע, אַז ער האָט באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין דער שווייץ און אַריבער־צוברענגען אהין דאָס ווייב מיט די קינדער. די גאַנצע משפחה פון די רודאַלערס און פאַליוואַדס, די שכנים און פריינט, אַלע חברים, ווי אויך די „ווילע יונגען" פון סאָסנאָוויץ — אַלע זענען געקומען געזעגענען זיך מיט דזשאו און זיין משפחה.

פון „דזשאָו פּאָול" (דער מענטש מיט אַ גרויס וואָרעם האַרץ) פון יאַנאַס טורקאָוו, בוענאָס־איירעס, תשי"ט — 1959, זייטן 3—50.

מאַריאַן פּריווער, תל־אביב

ר' לייב פּריווער

ר' לייב פּריווער ז"ל איז אָנגעקומען קיין סאָסנאָוויץ זייענדיק נאָך אַ בחור. סאָסנאָוויץ איז נאָך קיין שטאָט נישט געווען. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט לאה האַמבורגער, אַ טאָכטער פון איינע פון די פאַרוואָרצלטע משפחות אין זאַגלעמביע און גלייך זיך גענומען צום מסחר פון קוילן. אין זאַגלעמביע־דאָמבראָווסקאַ זענען שוין צו יענער צייט געווען אַ סאַך קוילן־גרובן, און ער מיט זיין סוחר'ישן חוש און אויסערגעוויינליך אונטערנעמונגס גייסט, האָט דערפילט אַז מען קען דאָ הויך שטייגן. ווען דער עקספּאָרט אין נאָך געווען אין די ווינקעלעך, גרינדעט ער די ערשטע פירמע פאַר קוילן־עקספּאָרט. דאָס באַרעכטיקט אים צו ווערן אַ סוחר פון דער ערשטער־גילדע, לויט דעם צאַרישן געזעץ פון יענער צייט. פאַר אים האָט נישט עקזיסטירט קיין „פּראַוואַ־זשיטעלסטוואַ" (תחום־הישוב), און געמעגט באַוועגן זיך אין גאַנץ צאַרישן רוסלאַנד.

איינס פון די ערשטע הייזער אין סאָסנאָוויץ איז געווען ר' לייב פּריווער'ס ז"ל, אַ ראַגאַווע הויז אויף דער איוואַנ־גראַדער גאַס — עק אַלט־סאָסנאָוויץ.

ר' לייב האָט זיך נישט באַגניגט נאָר מיט האַנדל. און הגם ער איז געווען שטאַרק איינגעטון אין זיינע עסקים, האָט ער אויך געפונען גענוג צייט פאַר רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע ענינים, און געהאַט אַ ברייטן בליק אויפן לעבן.

כדאי צו באַמערקן אַז צו יענער צייט איז ער שוין געוו'ען אַ אַבאָנאַמענט אויף דער „הצפירה", ליב געהאַט אַ העברעאישן ספר.

געווען איינער פון די וואָס האָבן ארויפגעלייגט אַ חותם אויף דער שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט, און אויך נישט אַדורכגעלאָזט אַ בלאַט גמרא.

און ווען סאָסנאָוויץ האָט אַ דאַנק איר שנעלער אַנט־וויקלונג באַקומען די רעכט צו ווערן אַ יידישע קהילה, איז זיין הויז געוואָרן אַ בית־ועד פאַר תלמידי־חכמים.

צו יענער צייט איז ר׳ לייב געווען אַ גערער חסיד (כדאי צו באמערקן אז קיין גער איז ער געפאָרן מיט פערד און וואָגן, מיטנעמענדיק צידה־לדרך אויף אַ וואָך צייט), מיט דער צייט אָבער איז ער אַריבער צום אַלעקסאַנדער רבין.

אויף דעם אָרט ווו ר׳ לייב האָט געבויט זיין הויז, איז אַ מאָל געשטאַנען אַ קליינע נידעריקע הייזקע געדעקט מיט אַ שינדל דאַך. דאָס געזעץ האָט נישט דערלויבט בויען מער אויף דעם אָרט, ווי אויך דאָס אַלטע נישט פאַריכטן ווען דאָס האָט אָנגעהויבן איינפאַלן. די סיבה דערצו איז געווען ווייל סאָסנאָוויץ איז געלעגן האַרט ביי דער דייטשער גרענעץ, נישט ווייט פון דער שאפּיניצער בריק. אָבער פאַר אַ אָרענטליכן „כאבאר״, האָט מען געבויט, ווען נישט בייטאָג איז ביינאַכט, און אַזוי האָט זיך פאַרפונדעוועט ר׳ לייב אויף דעם אָרט, און מיט דער צייט אויסגעבויט אַ גרויס הויז און אָנגעפילט מיט אַלדעס גוטס איז געוואָרן דאָס הויז,נישט נאָר תורה, חכמה און רייכטום, נייערט גאָט האָט אים אויך געגעבן זיבן שאָנקעדיקע טעכטער און פיר זין. אַלע לייטישע, געראָטענע פאַר וועלכע ער האָט געזאָרגט פאַר יידישע און וועלטלעכע דערציונג.

פאַר זיינע זין, ווי עס האָט זיך דעמאָלט געפירט אין אַ קליינעם ישוב, האָט ער גענומען אַ עקסטרע מלמד. צווישן די ערשטע מלמדים האָבן זיך אויך געפינען ר׳ שלמה קאליש ז״ל, זלמן וואָלפזאָן, הענדל פריוועער (ווי ר׳ שלמה קאליש אַליין האָט דערציילט), ר׳ שלמה׳ס היים איז געווען אין טשעלאדזש, האָט ער אים נישט געלאָזט אַהיים גיין. ער האָט כסדר געווינט ביי ר׳ לייבן, געגעסן און געשלאָפן ווי אַן אייגן קינד).

ער האָט אויך געזאָרגט אַז די קינדער זאָלן באַקומען וועלטלעכע בילדונג.

ער האָט זיך משדך געווען מיט די שענסטע משפחות. זיין ערשטער איידעם דער מאַן פון הינדע איז געווען ר׳ יוסף קורצטאָג ז״ל, אַן אַלעקסאַנדער חסיד, אַ גרויסער תלמיד־חכם און בעל־מידות, כל ימיו געווען „מוהל״ שלא על מנת לקבל פרס, אויסערגעוויינטליך געשיקט און זויבער, זיין היגיענישער צוגאנג צו אַ ברית־מילה האָט געהאַט אַן אָפּקלאַנג ווייט איבער סאָסנאָוויץ.

מיט די אַנדערע טעכטער האָט ער זיך משדך געווען מיט גאָר אָנגעזעענע משפחות. איינער פון די איידעמס, אַ בענדינער, איז געווען גאָר אַ גרויסער תלמיד־חכם, **מיכאל שפּירא**, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ מיל אין גזשיכאָוו ביי בענדין. דינה די פרוי פון מיכאל איז יונג געשטאָרבן.

אירע צוויי טעכטער און זון זענען עולה געווען זער יונג קיין ארץ־ישראל. אויך דער פאָטער ר׳ מיכאל האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב.

דורך זיין איניציאטיוו האָט זיך אין פתח־תקוה געגרינ־דעט אַ גרופּע, וואָס ער האָט פאַר זיי געזאָגט אַ שיעור. אין איינע פון זיינע נסיעות קיין פתח־תקוה איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ עקצידענט און געשטאָרבן. קובר געווען האָט מען אים אין נחלת־יצחק. זיין איינציקער זון יוסף איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין „סולל בונה״.

ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע „הפועל״. יונגערהייט געשטאָרבן, פאַריתומדיקט אַ פרוי און צוויי טעכטער. איינע פון זיינע טעכטער לאה ז״ל האָט געווינט און געאַרבעט אין חיפה, אויך יונג אַוועק פון דער וועלט. די צווייטע טאָכטער אסתר צו לאַנגע יאָרן, ווינט אין תל־אביב.

נאָך דריי טעכטער פון ר׳ לייב׳ן ז״ל, חיה — די פרוי פון דוד מאיערטשיק, איטא וויינשטאָק פון לאָדזש, מאלטשע רייז אויך פון לאָדזש, האָבן געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאנען.

דער עלטסטער זון מענדל, אַ זער געראָטענער און געבילדעטער יונגערמאַן האָט חתונה געהאַט מיט שרה פריידל, פון דער היים לעוויצקי, די טאָכטער פון אַ רייכן חשובן יידן פון דאָרף בעדלין ביי וואָלבראָם.

באלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך גענומען צו תבואה און מעל עסקים, און געהאלטן אַ געדינגענע מיל אין טשעלאדזש. געהאַט גרויסע מאגאזינען פון תבואה און מעל. אין די גוטע צייטן זענען ביי אים געווען באַשעפטיקט עטלעכע בוכהאַלטערס, צווישן זיי שליאַדאָווסקי־ליס, ווייזט אָבער אַרויס, הגם ער האָט געירשנט זער אַסאַך פון דעם אונטערנעמונגס־גייסט און סוחרישן חוש פון ר׳ לייב׳ן זיין פאָטער, האָט ער אָבער צופיל געגלויבט זיינע אָפּנעמער, וואָס האָבן ליידער אויסגענוצט זיין אָרנטליכקייט, איידעלן מענט־שלעכן באַנעם און נאיוון גלויבן און איז מיט דער צייט געוואָרן אַ יורד פון זיינע נכסים.

אָבער פון דער משפחה איז דאָך געבליבן אַכט געראָטענע זין און דריי טעכטער. אדאנק די קינדער און זייער טיפער ערודיציע האָבן אים געהאָלפן ווידער אַוועקשטעלן זיך אויף זיינע פיס, און ווייטער פירן דאָס פיינע טראַדיציאָנעלע בעל־הביתישע הויז, זיי האָבן פאַרנומען אַמטן אין פאַרשידענע פירמעס.

אַלס פועל־יוצא פון דעם טאָטנס ירידה פון די נכסים, זענען צוויי זין אַוועק קיין אַמעריקא אַן דעם וויסן פון די עלטערן. מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער אין יאָר 1909 איז אויך דער 16 יאָריקער זון, ברוך, איינער פון די ערשטע גרינדער פון יוגנט פאַריין בני־ציון, עולה געווען קיין ארץ־ישראל. אויך דער זון יוסף איז עולה קיין ארץ ישראל אין די פוס־טריט פון ברוך׳ן אין יאָר 1913 זייענדיק 17 יאָר אַלט.

יוסף האָט פינף יאָר געאַרבעט צוזאַמען מיט ברוך׳ן

אין כפר־סבא, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן בויען. זיי האָבן זיך איבערגעגעבן די מאַנדל־פּלאַנטאַציע. אין יאָר 1918 איז יוסף ז״ל נפטר געוואָרן אין כפר־סבא און דאָרט געקומען צו קבורה. ער איז געפאַלן אַ קרבן פון דער מגיפה וואָס איז דאַן אויסגעבראָכן צווישן די פּליטים פון יפו־תל־אביב, ווו ער האָט אַלס פרייוויליקער געגעבן סאַניטאַרע הילף צווישן אַ גרופּע חברים זיינע, ליידער איז די מעדיצינישע הילף געווען אין יענער צייט אַ באַגרענעצטע.

געווען עפּעס סימבאָלישעס אין דעם ווען ברוך האָט אָנגעמערקט די פיפציקסטע יאָרצייט פון זיין טייערן ברודער יוסף ז״ל, און מיר זענען זיך צונויפגעקומען אין כפר־סבא, אויף דעם אַלטן בית־הקברות (וואָס איז איצטער אויך דער מיליטערישער בית הקברות) און די מצבות פון די געפאַלענע פון דער מלחמת השחרור האָבן זיך איבערגעקוקט מיט דער מצבה פון יוסף ז״ל. מיט די וואָס האָבן מיט מסירות נפש ממשיך געווען דעם וועג פון זייערע פאָרגייער, וואָס האָבן מיט אַרבעט, מי און אויסדויער אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר מדינת ישראל.

שווער צו פאַרגעסן דעם דאָזיקן פאַרנאַכט, טראַכטנדיק וועגן דער שטאָט סאָסנאָוויץ, וואָס האָט אַזעלכע זין אַרויס־געגעבן. אין דער שטילקייט פון בין השמשות, האָבן זיך צעגאָסן די קלאַנגען פון אל מלא רחמים, און די מחשבות האָבן געאַנקערט העט ווייט אין עבר. וואָס האָט דערפירט צו אונדזער מדינה.

אָנפאַנג 1920 ווען ברוך האָט באַזוכט זיין משפחה אין סאָסנאָוויץ, האָט ער זיך ערשט דערוווסט אַז זיין ליבער פאָטער ר׳ מענדל ז״ל איז נפטר געוואָרן מיט אכט חדשים צוריק, אַלט זייענדיק 53 יאָר, צוליב געוויסע סיבות האָט מען ברוך׳ן נישט מודיע געווען וועגן פאָטערס פטירה.

אַדאַנק ברוך׳ס באַזוך אין סאָסנאָוויץ האָט עולה געווען דער ברודער חיים, וועלכער איז אַ צייט לאַנג געזעסן מיט ברוך׳ן אין כפר־סבא, אָנטייל נעמענדיק אין ווידערבוי פון ישוב נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווו כפר־סבא איז ביז צום יסוד פאַרניכטעט געוואָרן, און ווו די אַראַבישע שכנים האָבן זיך פאַרנומען אַרויסרייסן אַלץ וואָס איז יידיש מיטן וואָרצל, די שנאה האָט געבושעוועט אַרום, דאָס איז די תקופה פון יוסף חיים ברענערס אומקום אין 1921.

אין יאָר 1922 איז געקומען אין לאַנד אהרון, נאָך דעם פאַרענדיקן די מיליטער דינסט אין פּוילן. היינט אַ באַרימטער סקולפּטאָר וואָס האָט זיין אַטעליע אין צפת און אויך אין תל־אביב. איינער פון די איידלסטע אויסדריקער פון דעם רענעסאַנס פון אונדזער צייט אין נייעם ישראל.

די ברידער חיים און אהרן זענען געווען פון די ערשטע חברים אין תל־יוסף און עמק־יזרעאל, אין דער באפרייאונגס מלחמה זענען ביידע זייערע איינציקע זין געפאַלן. דער זון פון חיים: אלישע ז״ל 20 יאָר אַלט און דער זון פון אהרון — יואל ז״ל 17 יאָר אַלט.

אין אָנפאַנג יאָר 1926 איז געקומען אין לאַנד די מוטער פון די פריווערס צוזאַמען מיטן זון דוד (דודעק). דוד האָט זיך צוליב זיין געזונט צושטאַנד נישט געקאָנט זיך אַקלימאַטיזירן און געמוזט פאַרלאָזן מיט די מוטער דאָס לאַנד.

דוד צוריקקומענדיק קיין פּוילן האָט ער חתונה געהאַט מיט זיינס אַ קרובה, פון דער היים פישל פון בענדין. צו יענער צייט איז דוד געווען אַדמיניסטראַטאָר פון מושב זקנים.

אין אַ בריוו פון די מוטער צו ברוך׳ן, שרייבט זי אים אַז דודעק איז נפטר געוואָרן אין כ׳ תמוז אין טאָג פון הרצל׳ס יאָרצייט...

אין יאָר 1938 איז ברוך ווידער געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין פּוילן. וויילנדיק אין סאָסנאָוויץ, זענען אָנגעקומען פון ארץ־ישראל ביטערע ידיעות וועגן די געשעענישן אין לאַנד, איז ער תיכף צוריק געפאָרן, און אין אַ יאָר שפּעטער ווי באַקאַנט, האָט זיך דער פאַרהאַנג אַראָפּגעלאָזט, און אויך די ליבע מוטער שרה פריידע הי״ד איז אומגעקומען אין געטאָ וואַרשע צוזאַמען מיט דער טאָכטער חוה (עווא) און זון שמחה מיט זיין פאַמיליע.

מאַניע און לאַלאַ זענען אומגעקומען אין געטאָ שראָדולאַ.

אַזוי האָט זיך איבערגעריסן דער גאָלדענער פאָדעם פון אַ רימפּולער יידישער משפחה פון די ערשטע בויער פון פּרעכטיקן ישוב אין סאָסנאָוויץ, אַנטוויקלט די אינדוסטריע און האַנדל, וואָס האָבן אויך געגעבן חלוצים פאַר ארץ־ישראל.

דער זון פון ר׳ לייב׳ן מאיר פריווער איז נפטר געוואָרן פאַר דער מלחמה אין וואַרשע. זיין עלטסטער זון ברוך, אַ וואַרימער ציוניסט האָט זיך באַזעצט אין ירושלים אין יאָר 1921. געוואָרן אַ באַקאַנטער מורה־דרך, איינער פון די ערשטע וואָס האָבן זיך באַזעצט נאָך דער פרייהייטס־מלחמה אין בית־מזמיל היינט קרית־יובל, נפטר געוואָרן אין יאָר 1957.

די איבעריקע משפחה מיטגלידער זענען אומגעקומען אין געטאָ וואַרשע הי״ד.

אַ ווילטיקן קאַפּיטל פאַרנעמט ר׳ הענדל פריווער, וואָס איז געבוירן אין שעלצע, דאָרט האָט יוסף האַמבורגער זיין זיידע געהאַט אַן אייגענע מיל ביי דער שוואַרצער־פּשעמשע און אויך אַ בעקעריי (אויף דעם זעלבן אָרט געפינט זיך ביז היינט לאַמפּערט׳ס פאַפּיר פאַבריק). דאָס געבעקס האָט מען געליווערט אין די קוילן גרובן רענאַרד אין שעלצע.

ער האָט אויך געהאַט זיינע אייגענע הונדערט פערד וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער פלאַך פון די גרובעס און אויך אונטען אין די שאַכטן.

הענדל פריווער׳ס פרוי, שפּרינצע, איז געווען די טאָכטער פון ר׳ שמואל מייטליס פון מאַנדזשעוו.

ר׳ הענדל ווערט אַ אייגנטימער פון קוילן גרובן. די גרובן אלווינא אין ניוזקע, און ווילהעלמינא אין שעלצע,



שבתי ווייס ורעיתו אסתר בת ר׳ חיים יהודה פרימורגן

און פרידעריקא אין ראדאכע, ווו עס זענען באַשעפטיקט הונדערטער ארבעטער. אויך אַסאַך יידן האָבן געפינען ביי אים באשעפטיקונג און זיינען זיך מפרנס געווען.

פולשטענדיקע הארמאניע האָט געהערשט צווישן אים און זיין פרוי שפרינצע, הגם זי איז געווען אַ העכסט געבילדעטע פרוי, און אַ שטרענג פרומע.

ווי עס האָט דערציילט שלמה קאליש ז״ל, וואָס האָט געוווינט זייט די דרייסיקער יאָרן אין ירושלים, האָט ר׳ הענדל געגעבן פיל מתן־בסתר. אויך ער ר׳ שלמה קאליש האָט באַקומען גרויסע סומען געלט בכדי דאָס פאַרטיילן פאַר נויטבאדארפטיקע.

ביי דעם נאַצישן מבול איז ר׳ הענדל מיט זיינע קינדער אריבער קיין וואַרשע און אויך ער האָט געטיילט דעם גורל פון אלע ווארשעווער יידן. דער שטאַם וואָס האָט אַזוי פרעכטיק אָנגעהויבן אין סאָסנאָוויץ, און אויפגעשטעלט אַ שיינעם דור־המשך האָט זיך איינגעבראָכן צוזאמען מיט דעם פוילישן יידנטום. פארניכטעט געוואָרן די היים פון חסד, רחמים, וצדק.

אין איין טאָג כ״ה אלול תש״ב — 6.9.1942, האָט מען ר׳ הענדלען מיט דער גאנצער משפחה זיינער אריבער גַעפירט אויף דעם אומשלאגס־פלאַץ און פון דאָרטן נאָך טרעבלינקע.

ואלה השמות של־הי״ד — ר׳ חנוך הענדל פריווער; זיינע זון — ברוך, אברהם ישראל, זלמן, שמואל און אהרון דוד; זיינע טעכטער — רחל ביילע און שרה; איידעמס — אדוואָקאַט אפרים שסקין און ישראל קאַפּלאַן; שנירן — העלא פון דער היים האָלצמאַן זופיה בת ברוך, געניא פון דער היים אָגינסקי און העניא פאלנער.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן איינער פון די ערשטע דאָזאָרעס אין יענער צייט, פון דער אנטשטייאונג פון דער שטאָט איז געווען דער ליטוואק סלוטשעווסקי, איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן דער יונגער קהילה.

זאָלן דאָ אויך דערמאָנט ווערן אייניקע וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון. איינער פון די גרויסע סוחרים אין דער האָלץ בראַנזשע, איז געווען ר׳ וואָלף אלטער פון מלאווע, אין דער דאמאָלסדיקער צייט שוין געווען איינער פון די איבערגעגעבענע ציוניסטן און אָבאָנירט די „הצפירה״.

געהאַט פיר געראָטענע זין — דוד, ישראל, יצחק און שלום. דער גייסט פון פאָטער האָט זיך איבערגעטראָגן צו די קינדער. מיר פלעגן זיך צענויף טרעפן ביי זיי אין דער וווינונג און זינגען העברעאישע לידער, פיל מיט בענקשאַפט צו ציון.

נאלעק דער זון פון מאריאַן פריווער, דער עלטסטער אייניקל פון הענדל פריוועָר, האָט ביז צו דער מלחמה באַקומען זיין אויסבילדונג אין דער האנדלס־שולע אין האַרשע, געווען זער אַ פעיקער שילער, אויסגעצייכנט זיך אין לערנען און געווען אַ גוטער חבר, געהאָלפן זיינע חברים אין לערנען, די וואָס דאָס לערנען איז זיי שווער אָנגעקומען. זיך ארויסגעוויזן, אַז עס וואַקסט אַ גרויסער מענטש וואָס וועט זיכער פארנעמען אַ בכבודיקן פלאַץ אין לעבן.

נאלעק האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק צום פוילישן מיליטער זייענדיק אַלט אינגאַנצן 17 יאָר. צוזאַמען מיט זיינע חברים און לערער, איז ער ביי שטעטשין אריינגעפאַלן אין געפאנגענשאַפט ביי די דייטשן. פון דאָרט האָט מען זיי טראַנספאָרטירט צוזאמען מיט אַנדערע אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנען, געשפייזט זיי מיט הערינג, און קיין וואַסער צום טרינקען נישט געגעבן.

אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין לאַגער, פון דאָרט

איז ער איבערגעשיקט געוואָרן אין אַ פאָרם -- צוליב זיין יונגן עלטער. נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז ער ארויס פון געפאנגענשאַפט, און אין יאָר 1940 קומט ער צוריק קיין וואַרשע און געוועזן אין געטאָ. אין די ערשטע יאנואר טעג 1943, האָט זיך אים איינגעגעבן ארויסצובאַקומען זיך פון געטאָ און אריבער אויף דער אַרישער זייט, ווו ער איז טראַגיש אומגעקומען דעם 31.1.1943 — כ"ה שבט תש"ג.

צוליב נישט מעלדן זיך פון נאָענטע משפחה מיטגלידער, איז זיין גוף איבערגעגעבן געוואָרן דעם פראָסעקטאָריום פאַר לערן צוועקן. גוטע קריסטליכע פריינט, האָבן נאָך לאַנגע באַמיאונגען ארויסבאַקומען זיין קערפּער פון דער פוילישער פאָליציי, דורך אַ דערלויבעניש פון דער דייטשער מאַכט, און מען האָט אים אויף דעם קאַטאָלישן בית הקברות אין פּאַוואָנזעק קובר געווען.

נאָך דער מלחמה אין יאָר 1948 האָט מען אדורכגעפירט אַ עקסהומאציע, און מען האָט אים איבערגעפירט צו אייביקער רו אויף דעם יידישן גענשער בית־עולם. געגרובן אַ קבר האָט מען אים ביי זיין פעטער אהרן דוד פריווער, וועלכער איז בעת די מלחמה אומגעקומען אין דער דייטשער אינוואזיע פון דייטשע עראָפּלאַנען.

שמואל יוסף פריווער איז אומגעקומען אין יאָר 1943 — תש"ד אין לאגער פּאָניאטאָוו, ווו ער איז איבערגעפירט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ קיין פּאָניאטאָוו פאַר דעם ווארשעווער אויפשטאַנד.

מאַריאַן פריווער מיט זיין זין געפינען זיך אין תל־אביב אין זייער אייגענער נחלה.

א. וואקס ז"ל

משה יודענהערץ (ח' יידל)

אַ הערלעכער טיפּ פון אַ אַרבעטער טוער, פאָלקס־מענטש דורך און דורך, דרייסטער קעמפער קעגן יעדער עוולה, געזעלשאַפט לערער צו פריוואַטער, און דערפאַר טאַקי דער ליבלינג פון דער שטאָטישער אָרימקייט און אַ שרעק געשפּענסט פאַר דער גאַנצער בעלביתישער קליקע.

אַזאַ איז יודענהערץ געווען פון די יונגסטע יאָרן אָן, אַזאַ איז ער פאַרבליבן ביז צו זיין טראַגישן טויט.

אלס יינגל נאָך אנהויבן דעם קאמף קעגן דעם פרווו פון זיינע פרומע עלטערן צו ווירקן אויף זיין לעבנס גאַנג, ער באַזייטיגט אַלע שוועריקייטן און זוכט זיך מיט אייגענע כוחות א וועג צו בילדונג און וויסן.

שוין דאמאלס ווערן בולט אנגעצייכנט זיינע הויפּט כאראקטער שטריכן: אומגעהייערע דרייסטקייט אין קאמף קעגן אומרעכט, אין די אנקלאג ביכער פון די באַן סטאציעס פון זאגלעמביער ראיאן געפינט מען אפאר צענדליק אנק־לאַגעס פונעם יונגן יודענהערץ אויף דער ברוטאלער האַנדלונג פון די צאַרישע זשאנדאַרמען און ביוראקראטיע.

צו 17 יאר אין 1905 איז ער שוין א אקטיווער מיטגליד אין דער פּועלי ציון ארגאניזאציע, העלפט ענערגיש מיט אין דער ארבעט צו ארגאניזירן גרעסערע מאסן יידישע ארבעטער אין דער יונגער ארגאניזאציע, ער ווערט אבער שנעל געמסרעט אלס סאציאליסט און מוז אנטלויפן קיין קראקע.

מיט צוויי יאר שפּעטער קומט ער צוריק. ער שטעלט זיך פאר אַן אויפגאבע אויסראטן די מוסרים פון דער יידישער גאס אין שטאט און בכלל אנטקעגן שטעלן זיך יעדער עוולה.

אַן עקשן פון דער נאטור, פירט ער זיין קאמף דריי יאר צייט און פארנאכלעסיקט אינגאנצן זיין פערזענלעך לעבן.

אַליין איז ער אָבער פון קליינוויז אָן אַ קראַנקלעכער, ליידט אויף אַסטמע,צווינגט אים זיין געזונטצושטאַנד צו א רואיקן לעבנס שטייגער. דערצו איז עס די צייט פון דער שווערסטער רעאקציע און יעדע ארבעט איז פארבונדן מיט לעבנס געפאר.

יודענהערץ פארלאזט אויף א פאר יאר די געזעל־שאפטלעכע ארבעט און נעמט זיך ענערגיש שטודירן יורי.

אבער אפילו נישט זייענדיק אקטיוו ביי דער ארבעט, בלייבט ער דאך ענג פארבונדן מיט דער פּועלי ציון באוועגונג און אינטרעסירט זיך שטארק מיט יעדער וויכ־טיקער געשעעניש אין איר לעבן.

מיטן אויסברוך פון דער וועלט מלחמה וועקט זיך יודענהערץ ווידער צו אקטיווער ארבעט. ער העלפט צו אָרגאניזירן די ערשטע קולטור אינסטיטוציע אין שטאָט די י.ל. פרץ ביבליאטעק.

עס קומען אָן די ערשטע ראט וואלן אין דער אקופאציע צייט אין יאר 1916, די פּועלי ציוניסטישע גרופּע אין סאסנאוויץ באשטייט בוכשטעבלעך פון פינף פערזאן. די דאזיקע קליינע גרופּע באשליסט אבער דאך ארויסטרעטן אין דער ארבעטער קוריע צום קאמף פאר א נייעם און אייגענעם קאנדידאט.

צוערשט ווערן נאך געפירט אונטערהאנדלונגען מיט די ס.ד. לעוויצע און בונד, וועגן אן ארבעטער בלאק, אבער צוליב פראגראמאטישע חלוקי דעות קומט דער בלאק נישט צום שטאנד און פועלי ציון גייען זעלבסטשטענדיק צו די וואלן מיט יודענהערצן אלס ערשטן קאנדידאט.

די געטרייע ארבעט פון דער קליינער גרופע פועלי ציון און דער גוטער נאמען פון יודענהערצן טוען אויף ווונדער, די גאנצע יידישע ארימקייט נעמט אויף מיט באגייסטערונג דעם רוף פון פועלי ציון. דער רעזולטאט איז אן הערלעכער, אדורכגעפירט צוויי ראטמענער פון דער פועלי ציון ליסטע.

עס הייבט זיך אן יידלס ברייטע פאליטישע און געזעלשאפטלעכע ארבעט, תחילת א גרינער אין שטאט ראט א קנאפער ידען אין שטאט בעליביתישקייט, נעמט זיך יודענהערץ צו שטודירן און ווערט אין א קורצער צייט ארום דער בעסטער קענער פון דער שטאט ווירטשאפט אין סאסנאוויץ.

די שטאט ראטן זענען צו יענער צייט די איינציקע פאליטישע טריבונע אין לאנד, באשליסט דער סאסנאווצער קאמיטעט אויסצוניצן די טריבונע פארן קאמף קעגן אקופאציע. עס ווערן אויסגעארבעט פאליטישע דעקלעראציעס. עס קומען אן פון צענטער פארשידענע פאליטישע דירעקטיוון. יודענהערץ איז דער מוטיקער אויספירער פון אלע פאליטישע שליחותן.

די פארשטייער פון אקופאנטן קריצן מיט די ציין, די שטאטישע ענדעקעס פירן א העץ קאמפאניע קעגן אים. יודענהערץ איז אבער אומדערשראקן און די מאכט האט מורא אנרירן דעם ראטמאן, וועלכער איז דער ליבלינג פון די ברייטסטע מאסן אין שטאט.

אין דער זעלבער צייט העלפט יודענהערץ אויך מיט אין דער ארגאניזאציע און איז א פארוואלטונגס מיטגליד אין דער פרץ ביבליאטעק.

די פועלי ציון כוחות זענען אין שטאט שטארק געוואקסן. אין בוידעם שטיבלעך און אין די קעלערס איז פון קאנספיראטיווע קרייזן אויסגעוואקסן א ארגאניזאציע פון העכער 100 חברים. יודענהערץ הייבט אן מאכן באמיונגען צו באקומען א לעגאליזאציע אויף א פארברויכס קאאפעראטיוו, דאס איז די איינציקע לעגאליזאציע וועגן וועלכע מען קען רעדן מיט די אקופאנטן.

דערווייל פירן די בונדיסטן א ווילדע העצע קעגן פועלי ציון אין דער געמיינזאמער פרץ ביבליאטעק, דורך א שפיצן באקומען זיי אויף אן אלגעמיינע פארזאמלונג ביי פערזאנען וואלן — זעקס פארוואלטונגס מיטגלידער און פון פועלי ציון דער איינציקער יודענהערץ.

די מערהייט אבער פון דער מיטגלידערשאפט זענען אנהענגער פון די פועלי ציון, די רעוויזיאנס קאמיסיע וועלכע באשטייט אויך פון פועלי ציון אנהענגער שטעלט פעסט מיסברויכן און פארנאכלעסיקונג פון פאראיין און רופט אן אלגעמיינע פארזאמלונג. די בונדיסטן דערפילן אז אין דער פארוואלטונג ווארט זיי א דורכפאל, קומען זיי מיט א באנדע שלעגער, פראוויצירן א געשלעג, ביז די פאליציי קומט און ארעסטירט דאס פרעזידיום און פארמאכט די ביבליאטעק.

אין פאליציי קאמיסאריאט ווו עס זיצט דאס פארהאלטענע פרעזידיום קומט יודענהערץ. ער אינטערווענירט פאר די חברים. אין דעם זעלבן מאמענט מעלדעט אים דער קאמיסאר אז די לאנג דערווארטעטע לעגאליזאציע פון קאנסום פאראיין איז אנגעקומען.

ביי דער פועלי ציון איז א שמחה, עס ווערט געעפנט דער ערשטער פועלי ציון קלוב אונטערן פארשטעלטן נאמען „ארבעטער טיי האלע”.

די ארגאניזאציע וואקסט אנגעהייער שנעל, מיט סימפאטיקער ציילט זי זיך שויך בערך 500 פערזאן.

יודענהערץ וואקסט צוזאמען מיט די ארגאניזאציאנעלער ארבעט איז ער זייער וויניק פארבונדן, זיינע ארויסטרעטונגען ווערן דרייסטער, ער פילט א געשלאסענע מחנה הינטער זיך, און יעדע ארויסטרעטונג זיינע ווערט פארוואנדלט אין א פאליטישע מאניפעסטאציע.

באזונדערס פארשארפט זיך די לאגע אין צוזאמענהאנג מיט דעם בארימטן אומאויפהענגיקייטס פאטענט פון דער אקופאציע מאכט.

יודענהערץ טרעט ארויס מיט א שארפער דעקלעראציע, ווו ער דעקט אויף דעם שווינדל פון דער אקופאציע מאכט און שטעמפלט די בורזשואזיע אוגאדאווצעס, די ענדעקישע ראטמענער ענטפערן מיט ציניש פאגראם רעדעס.

די ענדעקישע פרעסע הייבט אן א שארפע העצע קעגן יודענהערצן. מען דראט אים מיט נקמה. דער קאמיטעט נעמט אן א באשלוס דאס ער זאל אויף א פאר וואכן פארלאזן די שטאט, יודענהערץ שטעלט זיך אנטקעגן, ער וויל נישט אפטרעטן אפילו אויף איין מינוט, ער ווערט אבער געצוונגען דערצו דורך די חברים.

אויף א קורצע צייט פארט ער קיין ווארשע אבער נאך זעקס טעג קומט ער צוריק אין שטעלט זיך ווידער צו דער ארבעט.

עס זענען שוין די לעצטע טעג פון דער אקופאציע ממשלה, די ארגאניזאציע מאכט הכנות צו פארשטארקן די ארבעט אין צוזאמענהאנג מיטן אפטרעטן פון דער אקופאציע. חבר יידל העלפט גוט אין דער דאזיקער ארבעט.

אוועק די אקופאציע און עס אנטוויקלט זיך אין זאגלעמביע א ריזיקע רעוואלוציאנערע באוועגונג, עס אנטשטייט דער ארבעטער ראט, עס איז אפילו פאראן א גוט ארגאניזירטע ארבעטער מיליץ.

די פועלי ציון ארגאניזאציע ארגאניזירט אן ארבעטער זעלבסט שוץ. עס דערשיינט א ספעציעלער אויפרוף, יודענהערץ העלפט שאפן די מעגלעכקייט פאר דער עקזיסטענץ פון דער זעלבסטשוץ.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ווערט איינגעשטעלט, דער אַרבעטער ווערט דורך דער מאַכט אויפגעלייזט. עס קומט אָן די צייט פון אַ רואיקן סיסטעמאטישן קאַמף און ארבעט.

יודענהערץ ווערט ווידער געוועלט אין שטאָט ראַט אין דער שפּיץ פון דער פועלי ציון ליסטע. דער כאראקטער פון שטאָט ראט איז שוין אָבער אַן אַנדערער, דער פּאָליטישער איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין סיים.

ח׳ יידל נוצט אויס זיין גרויסע קענטעניש אויפן געביט פון שטאָט ווירטשאַפט, ער דעקט אויף אומבערחמנותדיק אַלע שווינדלען פון דער הערשענדער קליקע, נישט איין מאגיסטראט מיטגליד צווינגט ער צו דעמיסיע. די בורזשואזיע פרוווט אים איבערקויפן, מען זאָגט אים צו פארשידענע אמטן, אפילו צום אמט פון וויצע פרעזידענט. יודענהערץ וואַרפט אָפּ מיט פאראכטונג אלע אזעלכע פּאָרשלאָגן.

ער באמיט זיך מיט אלע כוחות העלפן דער שטאַטישער ארבעטערשאַפט און אָרימקייט. די ארגאניזאציע גרינדעט דעם ארבעטער פארברויכס קאאפעראטיוו, יודענהערץ קריגט דורך אים א מעגלעכקייט אַרויסצובאַקומען פאַר דער יידישער באַפעלקערונג ביליקע פּראָדוקטן אין צייט פון יקרות און פאסעק.

אין שטאָט ראט טרעט ער ארויס קעגן דער אנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון די ראזוואַוויאַוועצעס לגבי דער יידישער באפעלקערונג און צווינגט די ראזוואַוו־לייט אָפּצושטעלן זייער אָנגריף אויף די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

ווי ווייט יודענהערץ האָט געווירקט מיט זיין פערזאָן, באַווייזט דער פאָלגענדיקער פאַקט, זייט לאנגע יאָרן האָט דער ראזוואַווי געפירט אַ קאַמף פאַר אַרויסוואַרפן די יידן פון דעם וויכטיקסטן שטאָטישן מאַרק, וועלכען דער ראזוואַווי האָט אָפּגעקויפט, אזוי לאַנג ווי יודענהערץ האָט געלעבט האָבן זיי עס נישט געקאָנט אויספירן, גלייך אָבער נאָך יודענהערץ טויט, רעזולטירט ראזוואַווי זיין באשלוס און וואַרפט ארויס צענדליקער יידישע אָרעמע פאמיליעס.

יודענהערץ פערזענלעכער אויטאריטעט איז שטענדיק געווען דירעקט פאַרבונדן מיט זיין אָרגאָניזאַציע מיט פועלי ציון און קיין איין מינוט איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די ענגע פאַרבינדונג מיט דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע אין מיט די געשעענישן אין דער פועלי ציון אָרגאַניזאַציע.

אליין אַ פונקטליכער און סיסטעמאטישער האָט ער די לעצטע יאָרן ווייניק זיך אָפּגעגעבן דער דירעקטער אָרגאַניזאציאָנעלער ארבעט, אלע זיינע כוחות האָט ער געווידמעט זיין ארבעט אלס ראטמאן, אלס שליח פון דער אָרטיקער ארבעטערשאפט, איז ער אויסגעוואָקסן אַלס סימבאל פון אַ קעמפּע פאַר די רעכט פון די אָרימע מאַסן אין שטאָט באַליבט ביי דער יידישער ווי ביי דער פוילישער ארבעטערשאַפט.

און דאָס דאָזיקע עקשנותדיקע קעמפערישע לעבן איז אַזוי ברוטאל איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ בייזן צופאל אין די בליענסטע יאָרן ביים איינשטייגן אין צוג אין טשענסטעכאָוו, איז ער אראָפּגעפאַלן און דער צוג איז איבער אים אריבער. עס איז איבערגעהאַקט געוואָרן דאָס יונגע לעבן פון אַ קעמפער און פאָלקספאַרטיידיקער, עס איז ווייניקער געוואָרן מיט אַ געטרייען איבערגעגעבענעם חבר.

א. וואקס

הודעת העורך

בכרך השני של „ספר סוסנוביץ והסביבה בזאגלמביה" העומד להופיע בקרוב, יבואו המדורים דלקמן:

ח. מוסדות ומפעלים בסוסנוביץ.

ט. אוירה דארץ-ישראל בזגלמביה.

י. אישים ודמויות.

יא. השואה והמרי.

יב. אחרי מבול השואה.

יג. יוצאי סוסנוביץ וזגלמביה בישראל ובתפוצות.

יד. מודעות ואזכרות.